STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10164

OYF AMERIKANER ERD

Pinhas Rudoy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּנחס רודאַי
(פּיני בעל־לשון)

אויף אַמעריקאַנער ערד

ראָמאַן

שמואל זימזון, תל־אביב

ON AMERICAN SOIL

(Novel)

by

PINCUS RUDOY

(PINNIE BAAL-LASHON)

© Cypyright 1962 by the author

דפוס „אורלי" תל־אביב

Printed in Israel

צו מיין לעבנסבאגלייטערין
דבורה'קע
און אונדזערע קינדער
ד״ר יעקב (דזשעק) רודאי
און
צפורה (פלארענס) בענעט
מיט ליבע!

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

א

אין אַ שטילן זומערדיקן טאָג, סוף יוני, נײַנצן־פֿערצן, האָט אין דער סערבישער שטאָט סאַראַיעוואָ זיך דערהערט אַ קנאַל פֿון אַ רעוואָלווער־שאָס.

יענער שאָס האָט אָנגעצונדן דאָס פֿײַער פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פֿיר לאַנגע יאָר האָט די וועלט־שׂרפֿה געפֿלאַקערט.

אייראָפּע איז געבליבן ליגן אַ פֿאַרברענטע, אַ צעשמעטערטע.

אַמעריקע איז אַרויס אַן אומבאַשעדיקטע, אַ געשטאַרקטע.

אַנקל סעם „באָיס", די צוריקגעקומענע פֿון די שלאַכטפֿעלדער, האָבן זיך שנעל אויסגעטשוכעט פֿון דעם מלחמה־טשאַד, אַ נײַ לעבן אָנגעפֿאַנגען, נײַע פֿאַמיליעס אויפֿגעשטעלט און נײַע וואוינונגען געפֿאָדערט.

אַ געוואַלדיקער בוי־פֿיבער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד פֿון עק ביז עק. אַ ריעל־עסטייט „בום" האָט זיך אויפֿגעהויבן און זיך געטראָגן, ווי אַ שטורעם, איבערן גאַנצן לאַנד פֿון דעם אַטלאַנטישן ביזן פּאַציפֿישן ברעג.

אַן אומגעהייערע שפֿע האָט זיך צעגאָסן אויף דער אַמעריקאַנער ערד.

די ביזנעס־וועלט האָט געפֿלאַמט. וואָל־סטריט האָט געפֿלאַקערט.

עס זענען אָנגעלאָפֿן די רוישיקע צוואַנציקער יאָרן, די יאָרן פֿון ווילדן „דזשאַז" און ווילדער „פּראָספּעריטי".

אויך אין ר' שלמה־שעיה בערשאַדערס טליתים־שאַפּ „ירושלים" האָט די פּראָספּעריטי אָנגעשפּאַרט. דער ערשטער שטאָק, וואו דער שאַפּ האָט יאָרן־לאַנג זיך געפֿונען, איז צו־ענג געוואָרן. ר' שלמה־שעיה האָט געמוזט פֿאַר־נעמען אויך דעם צווייטן שטאָק. ער האָט מער וועבשטולן אַרײַנגעשטעלט און מער אַרבעטער אָנגעשטעלט.

און באַשר ר' שלמה־שעיהס קאַפּיטאַל איז שטאַרק געוואַקסן, איז ער מיט זײַן זון מעקס, דעם לאַיער, אויך אַרײַן אין די ריעל־עסטייט ביזנעס. זיי האָבן געשלאָסן שותפֿות מיט אַ בערשאַדער לאַנדסמאַן, אַ געוועזענער טשעסלער, אַ פֿאַכמאַן אין דער בוי־אינדוסטריע, געקויפֿט „לאָטס" אין דער זומפּיקער פֿלאַטבוש־געגנט, געבויט אַפּאַרטמענט־הײַזער, פֿאַרקויפֿט און ווידער געבויט און געמאַכט גרויסע רווחים.

און ווען דער קאַפּיטאַל איז געוואָרן נאָך גרעסער איז ר׳ שלמה־שעיה מיטן זון אַריין אויך אין וואָל־סטריט. מעקס, דער לאָיער, האָט זיך צוגעשאַרט צו אַ גרויסער פירמע פון „אַמעריקען סטאַק עקסטשענדזש״, גענומען קויפן בשותפות מיטן פאָטער „סטאָקס״ און „שערס״ אויף דער בירזשע. די פרייזן זענען געשטיגן פון טאָג צו טאָג, און די פּראָפיטן זענען געפלויגן צו זיי, ווי געבראָטענע טויבן אין מויל אַריין.

פון דער גרויסער שפע האָט ר׳ שלמה־שעיהן ממש דער אָטעם פאַרכאַפּט.

ב

ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער איז קיינמאָל נישט געווען קיין אָץ־להעשיר, קיין איינרייסער. נישט אין זיין אַלטן שטעטל בערשאַד און נישט אַפילו אין ניו־יאָרק.

אודאי האָט ער שווער געפּראַצעוועט, געוואָלט אַז זיין טליתים־שאַפּ „ירושלים״ זאָל וואַקסן. פונדעסטוועגן, אָבער, האָט ער, ווי אַ פרומער, גאָטספאָרכטיקער, חסידישער ייד, געלעבט אַלע יאָרן דאָ, אין ניו־יאָרק, פונקט ווי אַמאָל אין בערשאַד, אַ שטיל, רויק, חסידיש־אידיליש לעבן.

יאָרן־לאַנג איז ר׳ שלמה־שעיהס סדר־היום געווען אַזאַ:

יעדן גאַנצפרי האָט ער אָפּגעדאַוונט במנין אין חסידים־שטיבל „אמוני ישראל״ אויף ריווינגטאָן סטריט, און פון דאָרט איז ער אַוועק גלייך אין שאַפּ, אויף לודלאָו סטריט.

דער שאַפּ איז שוין געווען אויפגעראַמט, אויסגעקערט, ריין, ציכטיק. ווי נאָר ער האָט אויפגעעפנט די טיר און אַ קוש געטאָן די מזוזה איז אים גלייך אַקעגנגעקומען זיין וועכטער, דער שוואַרצער איבי מיט זיין ווייסן קאָטער בייבי.

איבי דער נעגער האָט געטאָן אַ שטשירע אויס זיינע ווייסע ציין און באַגריסט דעם באָס:

— גוד־מאָרנינג, באָס!

בייבי דער קאָטער האָט אויך געטאָן אַ מרוקע און זיך אַרייב געטאָן מיט אַ זייט אין באָס׳ס הויזן:

— מררר... מררר!...

אין וועכטערס קעמערל האָט שוין דער בייכיקער טשייניק אויפן גאַז־אייוועלע געזאָטן, געזעצט מיט פּאַרע פון זיין בלעכענעם פּיסק, אויך גרייט פאַרן באָס.

ר׳ שלמה־שעיה איז קודם אַריין אין שאַפּ, געכאַפּט אַ קוק אויפן סחורה־לאַגער און געוואָרפן אַן אויג אויף די וועבשטולן, וואָס זענען געשטאַנען

איבערגעדעקט מיט ווייסע טשעכאָלן. נאָכדעם איז ער אַריין אין „אָפּיס", אַראָפּגענומען און אַוועקגעלייגט זיין רונדיק־פּלושענעם הוט אויף דער אייזערנער קאַסע, אָנגעטאָן זיין סאַמעטענע יאַרמלקע, זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין דריי־שטול ביים שרייבטיש און געשיקט איבין קויפן אַ האַלבן טוץ פרישע אייער־קיכלעך.

דער הויכוויקסיקער, פעסטגעבויטער ר' שלמה־שעיה מיט דער שיינער, בלאָנדער באָרד האָט פאַמעלעך אויסגעשפּרייט אַ ריינעם ביבולע־פאַפּיר אויפן שרייבטיש, אַוועקגעלייגט די אייער־קיכלעך, וואָס איבי האָט אים אַריינגעבראַכט צוזאַמען מיט אַ טעפּעלע שטאַרק־אָנגעצויגענער טיי, אַריינגעוואָרפן צוויי פולע לעפעלעך צוקער, פאַמעלעך געמישט, געמאַכט די ברכה „מזונות" גענומען קייען און פאַרטרינקען, בשעת־מעשה געעפנט דאָס ספר „חק לישראל" אויפן „יום" און „סדרה" פון דער וואָך און גענומען אַריינקוקן.

דער ערשטער נאָך ר' שלמה שעיהן איז אַריינגעקומען אין שאַפּ שמואל־הערש, דער בוכהאַלטער, אַ מיטלוויקסיקער, דיקליכער פאַרשוין מיט אַ צעשויבערטער, אַש־קאָלירענער באָרד, מיט פליישיקע ליפּן, מיט גראָבע שפּאַקולן און — היפּש טויבלעך.

שמואל־הערש האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און אַ בורטשע געטאָן:

— ט'מאָרגן, ר' שלמה־שעיה!

— ט'יאָר דיר, שמואל־הערש! נו, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס, שמואל־הערש? די „ברוקלין ברידזש" שטייט נאָך?... דער „איסט ריווער" האָט נאָך נישט אויסגעטריקנט?... — האָט ר' שלמה־שעיה יעדן טאָג צוגע־טראַכט אַן אַנדער שפּאַסיקע פראַגע, און דערביי פאַררויכערט אַ דיקן האַוואַנאַ ציגאַר.

— ברוך־השם! ברוך־השם!... — האָט שמואל־הערש יעדן מאָל אַ שמייכל געטאָן אין די וואָנצעס אַריין, ווי איינער רעדט: אַ נגיד גלוסט זיך שפּאַסן אפילו אין סאַמע פרימאָרגן, און ער האָט זיך צוגעזעצט אין אָפּיס.

שפּעטער אַביסל האָבן גענומען אָנקומען די אַנדערע אַרבעטערס, איי־נער נאָכן אַנדערן, יידן מיטליעריקע און יינגערע, אַלע מיט בערד און בערדלעך, אַלע מיט רונדע, שוואַרצע קאַפּעליושן, וואָס פרומע יידן טראָגן. איטלעכער האָט געבראַכט מיט זיך זיין פּעקל שפּייז. איטלעכער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און זיך באַגריסט:

— ט'מאָרגן, ר' שלמה־שעיה!

— ט'מאָרגן, ט'יאָר דיר! — האָט ר' שלמה־שעיה איטלעכן פון זיי געענטפערט (ער האָט קיינעם פון זיינע אַרבעטערס נישט געאירצט).

די אַרבעטערס האָבן זיך אויסגעזעצט אין אָפּיס, ווער אויף אַ בענקל,

ווער אויף אַ פּעקל. מ'האָט פֿאַררויכערט געמיטלעך, מ'האָט געפּיפּקעט פֿאַמעלעך, מ'האָט געשמועסט, דערציילט חסידישע מעשהס, אַריבער צו וועלט־נייעסן, געקרעכצט אויף די צרות פֿון יידן אין דער „אַלטער היים", און געדאַנקט דעם רבונו־של־עולם פֿאַר דעם נחת אין דער „נייער היים", אַמעריקע, זאָל לעבן...

אָט אַזוי, חסידיש־היימישלעך, אַנשי־שלומנודיק, איז ר' שלמה־שעיה געזעסן און פֿאַרבראַכט מיט זיינע אַרבעטערס יעדן פּרימאָרגן.

און ווען דער גרויסער אַלטפּרענקישער, לאַנגער וואַנט־זייגער מיט די צווײ לאַנגע געוויכטן און מיטן לאַנגן אומרו האָט זיך צעקרעכצט, ווי אַ יאַ־דעשליוועד זקן, און אַרויסגעקרעכצט אַכט הייזעריקע קלאַנגען, האָט ר' שלמה־שעיה זיך שנעל אַ הייב־געטאָן פֿון זיין דריי־שטול, אַ רייב געטאָן אַ האַנט אין אַ האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— טאַ, שוין אַכט אַזייגער, ברוך־השם!... „עת לעשות", יידן!...

באַלד האָבן זיך אויך די אַרבעטערס שנעל אויפגעהויבן, זיך אַריינגעלאָזט אין שאַפּ אַריין, אויסגעטאָן די קאַפּאָטעס און די קאַפּעליושן און זיי אויפגעהאַנגען אויף די טשוועקעס, וואָס אין די ווענט, אַנגעטאָן די יאַרמלקעס, און אין די הוילע אַרבל זיך געשטעלט, איטליכער ביי זיין וועבשטול, צו דער אַרבעט.

דער שאַפּ האָט מיטאַמאָל ווי אויפגעוואַכט פֿון שלאָף. די וועבשטולן האָבן זיך גענומען באַוועגן, די שפּולן האָבן גענומען לויפן, יאָגן. ס'איז דאָרט געוואָרן אַ זשומעניש און אַ ברומעניש אויפן גאַנצן טאָג.

ג

דער אַרבעטס־טאָג אין טליתים־שאַפּ „ירושלים" איז געווען אַ לאַנגער. און ווי לאַנג ער איז נישט געווען איז ער פֿאַר ר' שלמה־שעיהן אַליין אַלץ נישט געווען גענוג.

פּונקט ווי ער פֿלעגט אַריינקומען אין שאַפּ פֿריער פֿאַר אַלע, אַזוי פֿלעגט ער אַוועקגיין שפּעטער פֿון אַלע.

די סיבה איז געווען נישט געלטגייציקייט, נאָר לאַנגווייליקייט.

ר' שלמה־שעיה האָט שוין פֿון אַ לאַנגער צייט קיין אינטערעס ניט געהאַט אין זיין היים, און ער האָט זיך אויסגעלעבט אין זיין חסידיש־שטיבל און אין זיין שאַפּ.

בתיה־ראַכצע, זיין ווייב, אַ קורצע, גראָבפּעסלדיקע יידענע מיט צווײ גוידערס און מיט צוויי גרויסע באַלעכעס, איז פֿון אַלע יאָרן געווען אַ „קאַטשערע־יידענע", נישט געוואוסט קיינמאָל גאָרנישט, חוץ קאָכן, באַקן און עסן. געווען איז זי דווקא בטבע אַ גוטע, און איר שלמה־שעיהן האָט זי תמיד געאַכט און געליבט. נאָר קיין בשותפותדיקע אינטערעסן מיט

אים האָט זי קיינמאָל נישט געהאַט. נישט די ביזנעס און נישט וועלט־נייעסן האָבן זי ווען־ס׳איז אינטערעסירט. זי האָט קיינמאָל אפילו קיין יידישע צייטונג נישט גענומען אין דער האַנט אַריין. ווען זי האָט אַלע שטוב־אַרבעטן אָפּגעטאָן איז אָדער זי האָט געפּלוידערט מיט אַ שכנה פון קיך־זאַכן, אָדער זי האָט זיך צוגעשפּאַרט, געקייט פייגן, מאַנדלען, ביז זי האָט איינגעדרימלט.

ר׳ שלמה־שעיה האָט דערום זעלטן געהאַט וועגן וואָס צו רעדן מיט זיין בתיה־ראָכצען. ער האָט זי בפירוש נישט פיינט געהאַט. אַ ווייב איז זי געווען אַ שיינע, אַ געטרייע. אַ באַלעבאָסטע איז זי געווען אַ גוטע. נאָר צו זיצן און פאַרברייינגען מיט איר האָט ער ניט געקאָנט. ווען ער האָט שוין פּאַר אַ נאָווינע אַמאָל געפּרובירט אַ שמועס טאָן מיט איר, דערציילן איר עפּעס, איז עס איר אין איין אויער אַריין און פון צווייטן אַרויס. זי האָט אַ הייב־געטאָן די אַקסלען:

— נו, מילא, נו, זיי מיר געזונט, שלמה־שעיה, פּכעע...

— רעד צו איר און רעד צו דער וואַנט!... — האָט ר׳ שלמה־שעיה גלייך אָפּגעהאַקט דעם שמועס מיט איר.

קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם האָבן זיי אַדאָפּטירט אַ יתום פון ר׳ שלמה־שעיהס אַן אומגעקומענעם קרוב. זיי ביידע האָבן זיך צו דעם קינד שטאַרק צוגעקלעפּט. אין אַמעריקע האָט מען דאָס יינגל געשיקט לערנען אין ישיבה און שפּעטער אין קאַלעדזש, וואו ער האָט געענדיקט אויף לאָיער.

אַט דאָס דאָזיקע „זינדל" זייערס, מרדכילע, וואָס מ׳האָט דאָ גערופן „מעקסעלע", האָט יאָרן לאַנג אויסגעפּילט די פּוסטקייט אין ר׳ שלמה־שעיהס לעבן. אין דערהיים האָט ער תמיד פאַרבראַכט מיט זיין זינדל — געלערנט צוזאַמען אָדער געשפּילט אין „ציג־און־וואָלף" צוזאַמען. נאָר זינט מעקסעלע האָט חתונה געהאַט און גענומען פירן אַ לעבן פאַר זיך, איז ר׳ שלמה־שעיהן געוואָרן שטאַרק לאַנגווייליק אין הויז, און ער האָט זיך מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן אַריינגעטאָן אין שאַפּ.

דעם טליתים־פאַך האָט ר׳ שלמה־שעיה ליב געהאַט נאָך פון זיין יוגנט אָן. דאָס איז ביי אים געווען אַ ירושה פון זיינע אָבות. ער איז געווען דער דריטער דור פון די באַרימטע „בערשאַדער טליתניקעס", וועלכע האָבן געשטאַמט פון דער גזע פון דעם צדיק ר׳ רפאל בערשאַדער.

די בערשאַדער טליתים האָבן געהאַט אַ שם איבער גאַנץ אוקראַינע. יעדער יוסטער באַלעבאָס האָט פאַר זיך אַליין, און איבערהויפּט פאַר זיינע איידעמלעך, געמוזט קויפן אַ בערשאַדער טלית.

ר׳ שלמה־שעיה האָט פון זיין טליתים־פאַבריקל אין בערשאַד געהאַט גאַנץ פיין פּרנסה. נאָר ווען בערדיטשעוו האָט גענומען קאָנקורירן

מיט בערשאַד און די בערשאַדער טליתים זיינען אַראָפּ פון זייער „גדולה״, האָט ר׳ שלמה־שעיה געזען, אַז ס׳איז שלעכט. בערשאַד איז אויסגע־שפּילט, און ער האָט געטאָן ווי די חכמים זאָגן: „דביש ליה בהאי מתא״, ווּעמען ס׳ווערט שלעכט אין פּרנסה אין איין אָרט, זאָל ער אַוועק אין אַן אַנדער אָרט. ער האָט פאַרלאָזט אוקראַינע און איז אַוועק קיין אַמעריקע.

הערן האָט ער טאַקע געהערט, אַז אין „קאָלאָמבוסעס מדינה״ איז יידישקייט שטאַרק געשלאָגן. דערציילט האָט מען, אַז אין אַמעריקע וואַרפן יידן אַוועק נישט נאָר די באָרד־און־פּאות, נאָר אפילו די טלית־און־תפי־לין׳ס. נאָר ר׳ שלמה־שעיה האָט אָבער געגלייבט, אַז אַ ייד בלייבט אומעטום אַ ייד, און יידישקייט לאָזט זיך נישט אויס אין ערגעץ. ווער שמועסט בנוגע זיך אַליין האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער, דעם צדיק ר׳ רפאל בערשאַדערס אייניקל, וועט זיך, מירצעשעם, פירן אין אַמעריקע פונקט ווי אין בערשאַד.

און ער האָט זיך טאַקע דאָ נישט געביטן אויף אַ האָר. ער האָט אויף דער ניו יאָרקער איסט־סייד זיך געלעבט ווי אין זיין בערשאַדער שטעטל...

גלייך פון אָנהייב, ווען ר׳ שלמה־שעיה האָט געעפנט אַ קליין טלי־תים־שאַפּ אויף לודלאָו סטריט, האָט ער עס גענומען פירן, ווי פריער זיין טליתים־פאַבריקל אין בערשאַד. די ערשטע צוויי אַרבעטערס, וואָס ער האָט באַדאַרפט אָנשטעלן, האָט ער געזוכט און געפונען פרומע יידן, פונקט ווי זיינע בערשאַדער אַרבעטערס זיינען געווען.

ער, ר׳ שלמה־שעיה, האָט דערביי געהאַט אויך אַ פּראַקטישע חקירה: ראשית, ווען זיינע טליתים וועלן געאַרבעט ווערן פון פרומע יידן, וועלן זיי אפילו דאָ אין אַמעריקע האָבן אַ גרויסע חשיבות... והשנית, פרומע אַרבעטערס וויסן ניט פון קיין „יוניעס״ און פון קיין „שטרייקס״ ווי ס׳קומט פאַר דאָ מיט פרייע אַרבעטערס אין די שעפּער...

און אָט די חקירה זיינע האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַלס אַ גאַנץ ריכטיקע. די טליתים זיינע, וואָס זיינען געאַרבעט געוואָרן „לשמה״ האָבן טאַקע באַקומען אַ גרויסע חשיבות. און די פרומע אַרבעטערס זיינע זע־נען טאַקע געווען געטריי און געהאָרכזאַם.

אַלץ איז געגאַנגען כשורה. דער שאַפּ „ירושלים״ איז געוואַקסן, באַקו־מען אַ גרויסן נאָמען. מ׳האָט אים שוין אַפילו באַשריבן אין אַ יידישער צייטונג און אים געקרוינט מיטן נאָמען „דער הייליקער שאַפּ״.

און אָט אַזוי האָט ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער געלעבט יאָרן־לאַנג אין ניו יאָרק שטיל, רויק, חסידיש־אידיליש.

ד

די אָנגעלאָפענע „פּראָספּעריטי״ פון די צוואַנציקער יאָרן האָט מיטאַ־מאָל אַרויסגעשלאָגן ר׳ שלמה־שעיהן פון זיין גלייכגעוויכט. די שפּע

אין שאַפּ, די רווחים אין ריעל־עסטייט, די פּראָפיטן אין וואָל־סטריט האָבן אַריינגעבראַכט אַ צעטומלעניש אין זיין מוח, אַוועקגערויבט זיין רויקייט. ער איז געוואָרן אַן איבערגעביטענער מענטש, לחלוטין אַן אַנדער שלמה־שעיה.

ער איז טאַקע נאָך אַלץ געווען דער זעלבער חסידיש־פרומער, גאָט־פאַרכטיקער ר׳ שלמה־שעיה. נאָר זיין אידיליש לעבן איז צעשטערט געוואָרן.

ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך שטאַרק פאַרגאַלאָפּירט אין געיעג נאָך קאַפּיטאַל. ער האָט איצט שוין קיין רגע מנוחה נישט געהאַט. ער האָט נישט געקאָנט עסן רויק, נישט געקאָנט שלאָפן רויק. און נישט נאָר אין די וואָכן־טעג, נאָר אַפילו אין די שבת־טעג, די טעג פון „מנוחה״, האָט אים אַלץ פון געדאַנק נישט געקאָנט אַרויס די „ביזנעס״ — דער שאַפּ, די באַנק, די הייזער אין פלאַטבוש, דער סטאָק אין וואָל־סטריט...

טאָג ווי נאַכט איז ער געווען געשפּאַנט. זיינע נערוון זענען געווען אָנגעצויגן, ווי סטרונעס, עפּעס ווי אַ דיבוק וואָלט אין אים אַריין און אים געהאַלטן אין איין טרייבן — לויף, יאָג, שלמה־שעיה! מאַך געלט, וואָס מער געלט, שלמה־שעיה! די פּראָספּעריטי וועט אייביק ניט געדירן. אַזוי לאַנג ווי די הצלחה שפּילט — כאַפּ אַריין, שלמה־שעיה!

ביז איינמאָל, אין אַ דאָנערשטיק אין דער פרי, האָט די פּראָספּעריטי אַ שפּאַר געטאָן אויף ר׳ שלמה־שעיהס נערוון מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי האָט אים פון די פיס אומגעוואָרפן.

געשען איז עס אַזוי:

ר׳ שלמה־שעיה איז געזעסן פון פרימאָרגן אַן ביי זיך אין אָפיס און אַלץ געריכנט, געפּלאַנעוועט, ביזנעס, געשעפטן. דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. מעקסעלע האָט גערופן פון וואָל־סטריט:

— פּאַ, גוטע נייעס! נאָרוואָס פאַרקויפט אַ רומל „סטאָק״, און טרעף וויפל מיר האָבן געמאַכט — פ ו פ צ י ק אלפים, פּאַ!...

— טאַקע? — האָט ביי ר׳ שלמה־שעיהן גענומען פלאַטערן ס׳האַרץ.

ס׳איז ניט אַוועק קיין פערטל שעה — אַן אַנדער טעלעפאָן. דאָס האָט דער ריעל־עסטייט שותף גערופן:

— מיסטער ברעשאַדער! נאָרוואָס געגומען אַן אויפגאַב פאַרן נומער צוויי אַפּאַרטאַמענט־הויז אין פלאַטבוש. הונדערט מיט פינף טויזנט! מער מיט פינף טויזנט, ווי מיר האָבן געוואָלט! דרייסיק אלפים רווח — גוט האַ?...

— טאַקע?... — האָט ר׳ שלמה־שעיהן אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט.

דאָ איז דער בריוווטרעגער אַריין און געבראַכט אַ פּאַק מיט בריוו. ר׳ שלמה־שעיה האָט גענומען עפענען די קאָנווערטן און דערזען גרויסע באַ־

שטעלונגען אויף סחורה ניט נאָר פון זיינע שטענדיקע קליענטן אין אַמע־ריקע, נאָר אויך פון נייע קליענטן אַזש פון אַרגענטינע און פון אויסטראַליע.

אָט די אַלע איבערראַשונגען, איינע נאָך דער אַנדערער, זיינען שוין געווען צופיל פאַר ר׳ שלמה־שעיהס נערוון. ס׳האָרץ האָט אים גענומען האַמערן. אין די אויגן איז אים פינצטער געוואָרן. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט. און ער האָט געטאָן אַ פאַל מיט אַזאַ טראַך, אַז דער טויבער בוכהאַלטער, שמואל־הערש האָט דערהערט אין זיין קעמערל.

שמואל־הערש האָט גלייך אַרויסגערופן דעם פרומען דאָקטאָר פריד־מאַן און אויך — מעקסן. דער דאָקטאָר האָט ר׳ שלמה־שעיהן געגעבן אַן איינשפּריצונג, געוואַרט ביז ער וועט זיך אַביסל אויסטשוכען, און ווען מעקס איז אָנגעקומען האָבן זיי ביידע אים אָפּגעפירט אַהיים.

ערשט אינדערהיים האָט דער פרומער דאָקטאָר פרידמאַן גענומען מו־סרן שלמה־שעיהן מיט אַ טאָן פון אַ מגיד, שאָקלענדיק אויף אים מיטן קאָפּ:

— איי־איי, ר׳ שלמה־שעיה, שוין צופיל זיך אַריינגעלאָזט אין דער תאווה פון געלט!... אויף אייך זאָגט דער מדרש: „אדם יש לו זהב ודעת אין לו״ — אַ מענטש לויפט נאָך גאָלד און — פאַרלירט דעם שכל... וואָס לויפט איר, וואָס יאָגט איר, ר׳ שלמה־שעיה? ס׳פעלט אייך געלט, האַ? וואו איז אייער שכל? איצט וועל איך אייך האַלטן גאַנצע דריי וואָכן אין בעט, אפשר וועט איר פאַרט קומען צוריק צום שכל...

ר׳ שלמה־שעיהן איז דאָס בלוט אַריין אין פּנים פאַר בושה. ער האָט געפילט, ווי גלייך ער וואָלט באַגאַנגען עפּעס אַ מיאוסע נאַרישקייט און מ׳האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט.

— יאָ, אַזאַ יאָר אויף מיר, דאָקטאָר, ווי איר זענט גערעכט!... — האָט ער, אַ פאַרשעמטער, צוגעשאָקלט מיט דער יאַרמלקע אויפן קישן אין בעט.

ליגנדיק די דריי וואָכן אין בעט, איז ר׳ שלמה־שעיהן באַפאַלן אַ שטאַרקע מעלאַנכאָליע. דער געוויסן האָט אים אָפּט גענומען פּלאָגן, עג־בערן אין מוח — וויי־וויי, ווי דו האָסט פאַרבלאָנדזעט, ווי דו ביזט אַראָפּ פון דרך־הישר, ר׳ רפאל בערשאַדערס איניקל... ביזט שוין אין די יאָרן פון „זיקנה״ און האָסט פאַרגעסן וואו דו ביזט אין דער וועלט... וואָס איז דען דער מענטש? — ווי אַ פליג אויף דער וואַנט, „היום כאן ומחר בקבר״. געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד!...

און בשעת־מעשה פלעגט ער נעמען וויינען מיט טרערן.

דער דאָקטאָר פרידמאַן האָט צו אים געבראַכט אַ נערוון־ספּעציאַ־ליסט, און ביידע דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן, אַז די בעסטע רפואה פאַר אים איז צו מאַכן אַ רייזע איבערן ים. דער ים וועט באַרויקן זיינע צעשרויפטע נערוון...

קאפיטל צוויי

א

ווען ר׳ שלמה־שעיה האָט צוריק מיט יאָרן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן בערשאַד האָט ער זיך געוואַקלט צווישן ארץ־ישראל און אַמעריקע. ס׳האַרץ האָט געצויגן צום הייליקן לאַנד און דער געדאַנק — צום דאָלאַר־לאַנד. אי־בערגעצויגן האָט דאָס דאָלאַר לאַנד.

געהייסן האָט עס, אַז פאָרן פאָרט ער קיין אַמעריקע נישט „להשתקע״. אַזוי שנעל ווי ער וועט דאָרט צונויפשלאָגן אַ שטיקל קאַפּיטאַל וועט ער, מירצעשעם, נעמען די „אפּותיקי״ און פאָרן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל און אויסלעבן דאָרט זיינע יאָרן.

נאָך עטלעכע יאָר אין אַמעריקע, ווען זיין טליתים־געשעפט האָט גענומען וואַקסן, האָט ר׳ שלמה־שעיה שוין נישט געטראַכט אָוועקצופאָרן פון דאַנען. ער האָט בלויז גע׳חלומט צו מאַכן אַמאָל אַ רייזע אין הייליקן לאַנד.

יעדן שבת־ביינאַכט, נאָכן שלאָף, פלעגט ער אין בעט זיך איבערטראָגן מיטן געדאַנק אין הייליקן לאַנד אַריין, אַרומשפּאַנען דאָרט אויף אַלע הייליקע ערטער, ביים, „כותל המערבי״, ביי דער „מערת המכפלה״, ביים „קבר רחל״ און — דער עיקר — ביים קבר פון הייליקן תנא ר׳ שמעון בן־יוחאי, דער מחבר פון „זוהר הקדוש״.

דער ז ו ה ר איז פון תמיד געווען ביי ר׳ שלמה־שעיהן דאָס הייליקסטע ספר נאָך דער תורה. די סודות פון זוהר האָט ער טאַקע נישט פאַרשטאַנען. ער האָט אָבער געהאַט בקבלה פון זיינע אָבות, ביז צום צדיק ר׳ רפאל בערשאַדער, אַז אפילו בלויז „זאָגן זוהר״ איז אַ סגולה פאַר קדושה און עולם־הבא...

אַזוי האָט ר׳ שלמה־שעיה יאָרן־לאַנג געטראַכט יעדן שבת וועגן אַ רייזע אין הייליקן לאַנד. אָבער ווי נאָר דער שבת איז אַוועק און די וואָך איז אָנגעקומען מיט די ביזנעס אין שאָפּ האָט ער פאַרגעסן אין דעם ביז דעם קומענדיקן שבת.

און זינט די „פּראָספּעריטי״ איז אָנגעלאָפן האָט ער שוין אפילו אין די שבתים אויך נישט אַ טראַכט געטאָן דערפון.

איצט, אָבער, ווען די דאָקטוירים האָבן אים געהייסן מאַכן אַ רייזע איבערן ים אַלס רפואה, האָט ר׳ שלמה־שעיה גלייך באַשלאָסן — ער פאָרט מירצעשעם, קיין ארץ־ישראל אויף דעם קומענדיקן פסח!

פאַרוואָס גראָד אויף פסח? האָט ער דערביי געהאַט אַזאַ אויסרעכענונג: ראשית, איז אין די וואָכן צווישן פסח און שבועות „סלאָו״ אין די טליתים־ביזנעס. אין „ספירה״ פראַוועט מען ניט קיין חתונות, קויפט

מען ניט קיין טליתים פאַר חתנים. והשנית, ווייל ער זיין אויף פסח אין דער הייליקער שטאָט ירושלים און אויף ל״ג בעומר — אין מירון ביי דער הילולא פון הייליקן תנא בן־יוחאי.

ר׳ שלמה־שעיה האָט זיין באַשלוס גלייך געלאָזט וויסן זיין בתיה־ראַכצען:

— בתיה־ראַכצע, מ׳דאַרף זיך נעמען גרייטן אין וועג אַריין. מיר פאָרן, מירצעשעם, קיין ארץ־ישראל אויף פסח!...

אויף בתיה־ראַכצען האָט דער נאָמען ארץ־ישראל אָנגעוואָרפן אַ שרעק. זי האָט גוט געדענקט, אַז פון בערשאַד פלעגן עלטערע יידן אָפט פאָרן קיין ארץ־ישראל שטאַרבן, און זי האָט נערוועז אַ פרעג געטאָן:

— וואָס עפּעס קיין ארץ־ישראל וואָס? וועמען וועסטו דאָרט זען? אויב פאָרן איז שוין גלייכער צו פאָרן קיין בערשאַד זיך זען מיט די קרובים און פריינט...

— ארץ־ישראל איז בילכער! שוין פון יאָרן־לאַנג טראַכט איך, צו זען ס׳הייליקע לאַנד!

— איז צו וואָס דאַרפסטו מיך דאָרט? פאָר אַליין געזונטערהייט!...

ר׳ שלמה־שעיה האָט אָבער איינער אליין נישט געוואָלט פאָרן. אויך מעקסעלע האָט געגעבן דער מוטער צו פאַרשטיין, אַז מ׳קאָן נישט לאָזן דעם טאַטן איינעם אַליין פאָרן אין אַזאַ ווייטן וועג.

אַ וואָך נאָך פורים האָט ר׳ שלמה־שעיה זיך אויפגעזעצט מיט בתיה־ראַכצען אויף דער גרויסער שיף „לויתן״, וועלכע האָט זיי, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר מנינים רייכע יידן פון אַמעריקע, אַוועקגעטראָגן איבערן אַטלאַנטישן ים אין הייליקן לאַנד אַריין.

דער קבלת־פנים, וואָס דער ים האָט זיי געגעבן, איז נישט געווען אַזאַ פריינטלעכער. דער ים איז נאָך געווען ווינטערדיק־בייז. דריי טעג האָט ער געוואָרפן מיטן גרויסן „לויתן״, ווי מיט אַ קליין מולטערל.

ערשט אויפן פערטן טאָג האָט זיך דער ים איינגעשטילט. ווי ווילד ער איז נישט געווען פריער, אַזוי סטאַטעטשנע איז ער געוואָרן נאָכדעם. ער האָט זיך אַ מיושבדיקער און געלאַסענער אויסגעצויגן אין דער לענג און ברייט און זיך געקנייטשט, געריינצלט, ווי ער וואָלט געמאַכט חנדלעך קעגן הימל. און דער הימל האָט זיך געשפּיגלט מיט זיין בלויקייט און מיט זיינע ווייסע, פּוכיקע וואָלקן־קודלעס אין דעם פּיעסטשענדיקן ים.

דאָס איז געווען דער ערשטער פרימאָרגן, וואָס די יידישע פּאַסאַזשירן אויף דעם „לויתן״ האָבן געדאַוונט במנין אין דעם בית־מדרשל דאָרטן. נאָכן דאַוונען האָבן זיך די פרומע יידן געזעצט עסן פרישטיק פון דער כשרער קיך, וועלכער האָט זיך געפירט אונטער דער השגחה פון אַ יונגן רב מיט אַ שוואַרץ־זיידן בערדל און מיט אַ שוואַרץ־זיידן יאַר־

מעלקעלע, און מ׳האָט מכבד געווען ר׳ שלמה־שעיהן מיטן בענטשן מזומן.

נאָכן פרישטיק זענען אַלע אַרויף אויפן אייבערשטן דעק, וואו די שיף־באַדינערס האָבן צענומען די איינלייג־שטולן און אַוועקגעלייגט פאַר איטלעכן אַ צודעק פאַר די פיס.

ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך געמאַכט באַקוועם אויף איין שטול. בתיה־ראָכצע — אויף אַ צווייטער שטול נעבן אים. די זון האָט געוואַרעמט. דאָס ים־ווינטעלע האָט געגלעט. דאָס וואַסער האָט געשמעקט. דאָ האָט זיך שלמה־שעיה דערמאָנט זיין אַמאָליקע נסיעה פון בערשאַד קיין אַמע־ריקע און האָט זי פאַרגליכט מיט דער איצטיקער נסיעה פון אַמעריקע קיין ארץ־ישראל.. אַ כוואַליע פון נחת האָט אין אים אַ פלייץ געטאָן. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב:

— דו געדענקסט, בתיה־ראָכצע, ווי מיר זענען געפאָרן אויף דער שיף קיין אַמעריקע? הונדערטער מענטשן אין איין קאַמער, אויסגעלייגט איינער נעבן אַנדערן און איינער איבערן אַנדערן אויף הילצערנע שמאָלע „נאַרעס" מיט שטרוי־זעק. מיר האָבן מיטגענומען אין וועג אַריין דאַרע „סעכערלעך", דאַרע קישקע, געטריקנטע בוימלבולקעלעך, בינטלעך קנאָבל. מיר זענען געלעגן אין שמוץ און אין עיפּוש, ווי פגרים, און נישט גע־קאָנט אַפילו אַ טרונקוואַסער אין מויל אַריינעמען... איצטער אָבער — פאָרן מיר אין צווייטן קלאַס אויפן „לויתן" אין שיינע קאַבינעס, מיט אַלע „אימפּרואוומענטס", מיט אַ ספּעציעל־כשרער קיך, און אַפילו מיט אַ מקום־קדוש. דאַרף מען נישט אָפּגעבן אַ גרויסן שבח צו דעם־וואָס־לעבט־אייביק פאַר זיין חסד, האַ?...

— יאָ, אוודאי, שלמה־שעיה... — ענטפערט בתיה־ראָכצע אַ דרימלענ־דיקע.

וואָס מער ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך דערווייטערט פון אַמעריקע און זיך דערנענטערט צום הייליקן לאַנד, אַלץ רויקער איז ער געוואָרן. ער האָט נישט געהאַט מער אויף זיך קיין שום עול, קיין שום זאָרג. ער האָט זיך געפילט איצט, ווי אַמאָל, אַלס חדר־ייִנגל, אין דעם יום־טובדיקן חודש תשרי, ווען ר׳איז געווען פּטור פון דעם חדר און פון דעם רבין און געוואָרן אַ פרייער פויגל...

ב

אויפן ניינטן מעת־לעת מיטן שפּראָץ אויף טאָג האָט די שיף זיך גענומען דערנענטערן צו ארץ ישראל.

מיטאַמאָל האָט זיך דער הימל אין מזרח־זייט געגעבן אַ צעפלאַקער רויט, ווי עמיצער וואָלט דאָרט צעלייגט אַ העליש פייער. די זון, ווי אַ ריזי־קער ברענענדיקער קיילעך, האָט זיך אַרויסגעהויבן און באַגאָסן דעם ים מיט גאָלד.

פון דער בויך פון דער שיף האָבן די פּאַסאַזשירן זיך גענומען אַרויס־שיטן בינטלעך־וויז, זיך געשטופּט איילנדיקע צו די שיף־דעקן, זיך אויס־געשטעלט ביי די אייזערנע פּאַרענטשעס מיט צעצויגענע אויגן־מענטשע־לעך און מיט צעעפנטע מיילער; אַזאַ פּרעכטיק־שיינעם זון־אויפגאַנג האָט נאָך קיינער פון זיי אין זייער לעבן נישט געזען ביז איצט.

ווייט־ווייט אויפן האָריזאָנט האָט דורכן פרימאָרגנדיקן ים־נעפּל זיך באַ־וויזן אַ שוואַרצער פּאַס לאַנד. צוביסלעך־צוביסלעך האָט דער נעפּל זיך גענומען צעגיין, דורכזיכטיקער געוואָרן, און דער פּאַס לאַנד האָט זיך אויסגעשניטן אין אַ האַלב־קיילעכדיקן באַרג. נענטער־נענטער צוקומענדיק, האָבן אויפן באַרג זיך גענומען באַווייזן ווייס־געקאַלכטע הייזער און ביי־מער, באַגאָסענע מיט בלענדנדיקער זונשיין.

דער עולם אויף די דעקן איז אונטערגעשפּרונגען פון באַגייסטע־רונג און פריידי:

— דאָס הייליקע לאַנד! ארץ־ישראל! ארץ־ישראל!...

פרומע יידן האָבן געמאַכט „שהחיינו". פרומע יידענעס האָבן זיך גע־ווישט די אויגן. די איבעריקע טוריסטן און די יוגנט צווישן זיי, האָבן גענומען זינגען די „התקוה".

ר' שלמה־שעיה בערשאַדער, אין זיין אַמעריקאַנעם, לאַסטיק־בלויען מאַנטל, האָט געהאַלטן איינגעשפּיזלט זיינע בליקן אין דעם פּרעכטיקן בילד און איז געווען אין שטיק פריידי.

ביים האַפן האָבן ר' שלמה־שעיהן באַגעגנט צוויי קרובים זיינע, וועלכע זענען שוין געווען לאַנג תושבים אין לאַנד. די קרובים האָבן אַלץ באַזאָרגט פאַר אים. אַראָפּגענומען זיין באַגאַזש, געהאָלפן דורכפירן די „בדיקה" פון די ענגלישע פּאַרט־באַאַמטע, באַשטעלט פאַר אים אַן אויטאָ און אים געבראַכט גלייך אין האָטעל. ער אַליין, ר' שלמה־שעיה, איז געווען ווי אין אַ חלום, נישט געוואוסט וואָס מיט אים טוט זיך פון גרויס איבעראַשונג.

ביים אויספּאַקן זיינע זאַכן האָט ר' שלמה־שעיה געפּלאַנעוועט נישט צו רירן זיך פון האָטעל די ערשטע וואָך, זיך גוט אויסרוען פון דער נסיעה. ווי נאָר ער איז איבערגעשלאָפן די ערשטע נאַכט, אָבער, איז ער אויפן צווייטן טאָג אויפגעשטאַנען געזונט און פריש, אַן אַ סימן פון מידקייט. ער איז ווי אָנגעפילט געוואָרן מיט נייער ענערגיע און גלייך געוואָלט שוין אַרויספאָרן קוקן, זען, זיך באַקענען מיטן הייליקן לאַנד.

געוואוסט האָט ער, אַז זיין בתיה־ראָכצע וועט ניט קאָנען מיטגיין און מיטפאָרן מיט אים, האָט ער באַשלאָסן, אַז נאָר אויף אייניקע נאָענטע פּלעצער וועט ער זי מיטנעמען, און די מערסטע צייט וועט ער זי לאָזן אין האָטעל, אָדער ביי זיינע קרובים, און פאָרן אַליין איבערן לאַנד.

ר׳ שלמה־שעיה איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, פון שטאָט צו שטאָט, פון ישוב צו ישוב.

אָנגעהויבן האָט ער, פאַרשטייט זיך, מיט דער הייליקער שטאָט ירו־שלים. דאָרטן האָט ער פאַרבראַכט עטלעכע טעג. יעדן טאָג געדאַווינט אין אַן אַנדער בית־מדרש, שפּאַצירט אין אַן אַנדער קוואַרטאַל, באַזוכט ישיבות, געגאַנגען צום „כותל״, צו הייליקע קברים, אומעטום זיך געלאָזט קאָסטן, און אומעטום געשעפּט הייליקייט, אומעטום געפונען „קדושה״. אפילו אין די קבוצות, וואו ער האָט ביי די חלוצים ניט געזען קיין סימן פון יראת־שמים, אויך דאָרטן האָט ער געפונען „קדושה״. ער האָט זיך נישט געקאָנט גענוג אָנקוקן און אָפּחידושן אויף די ארץ־ישראלדיקע קינדערלעך ווי זיי רעדן לשון־קודש. אמת, זיי רופן דאָס „איווריט״, און זיי רעדן אַזוי, אַז ער, שלמה־שעיה, קאָן קוים פאַרשטיין אַ וואָרט־איבער־צען. אָבער ס׳איז דאָך פאָרט די „חומש־שפּראַך.״ און נאָכמער חידוש — אפילו, להבדיל, די בהמות און עופות אין די קבוצות פאַרשטייען אויך דעם „איווריט״...

אויף זיין אַרומפאָרן איבערן לאַנד האָט זיך ר׳ שלמה־שעיהן גע־וואָרפן אין די אויגן דאָס אָרעמקייט דאָרטן. פון איין זייט האָט ער גע־זען דעם עלטערן דור, יידן אונטערטעניקע, זשעדנע, וואָס לעכצן נאָך אַ פּאַרדינסטל, וואָס חלשן נאָך אַן „אַמעריקאַנער דאָלאַר״, ממש כלות־הנפש. און פון דער צווייטער זייט — דעם יונגן דור, די חלוצים, שטאָלצע, פאַרריסענע חברהניקעס, וועלכע האָרעווען איבער זייערע כוחות און רייסן ממש מיט זייערע נעגל דעם שטיינערנעם, פאַרוויסטן באָדן און זינקען האַלב־נאַקעטע אין די שטינקענדיקע זומפּן און לעבן־אויף די „טויטע ערד״. קוקנדיק אויף זיי אַלע, האָט אים תמיד פאַרקלעמט ביים האַרצן. אָבער אינדערזעלבער צייט איז אים אויך געווען אויסערגעוויינלעך גוט אויפן האַרצן, וויסנדיק, אַז ער, שלמה־שעיה, איז אַן אַמעריקאַנער, אַ גביר, ברוך השם, און ער קאָן הנאה האָבן פון ארץ־ישראל אין עושר און אין כבוד.

די ליבע צום הייליקן לאַנד איז ביי ר׳ שלמה־שעיהן געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער אַזוי נישט הנאה געהאַט פון אַזעלכע פּרעכטיקע פרילינג־טעג. נאָכמער האָבן אים באַצויבערט די נעכט מיט זייערע טיפע בלויע, אויסגעשטערנטע הימלען. אַזעלכע הימלען מיט אַזעלכע שטערן זעגען פאַראַן טאָקע נאָר אין הייליקן לאַנד. נישט אומזיסט, האָט ער געטראַכט אָפט, האָט יעקב אבינו דאָ געזען אין חלום, ווי אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט דעם הימל, און מלאָכים קלעטערן אויף אים אַרויף־און־אַראָפּ...

דערוויל, — זיצנדיק אין תל־אביב, און זעענדיק ווי יידן האַנדלען און וואַנדלען מיט „דונאמס״, האָט ר׳ שלמה־שעיהס סוחרישער חוש־הריח

דערשפּירט אַז מ׳קאָן כאַפּן אַ פּאָר „מציאהלעך״. מעקלערס מיט זייער „ניוך״ האָבן אויך דערשמעקט אין ר׳ שלמה־שעיהן אַ קונה, און זיי האָבן גע־נומען קלעפּן צו אים, ווי פליגן צו אַ האָניג־טייגל. איינער האָט אים גע־בראַכט „פּלעצער״ ביים ים אין תל־אביב. אַ צווייטער האָט אים אונטער־געטראָגן „פּרדסים״. אַ דריטער האָט אים נאַרייעט הייזער.

ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך געלאָזט רעדן. אַ פּאָר „נחלאות״ אין ארץ־ישראל איז אַ גוטער „אינוועסטמענט״. ס׳לאַנד וואַקסט. און מי יודע. שפּעטער, אויף דער טיפער עלטער, אַז גאָט וועט שענקען ס׳לעבן, וועט ער טאַקע קומען אַהער אויסלעבן זיינע יאָרן אין הייליקן לאַנד...

ר׳ שלמה שעיה האָט איינגעהאַנדלט עטלעכע פּלעצער ביים ים אין תל־אביב, אַלס אַ מציאה גדולה. ער איז געווען מלא שמחה — אי באַקומען אַ „מציאה״ און אי „פאַרשלאָגן אַ פּלאָקן״ אין ארץ־ישראל.

שפּעטער האָט זיין שמחה זיך נאָך פאַרדאָפּלט, ווען אים האָט זיך גע־טראָפן צו דער האַנט אויך אַ „לעבעדיקע מציאה״, וועלכע ער האָט גע־קאָנט מיטנעמען מיט זיך אַהיים קיין אַמעריקע.

ס׳איז גראָד געווען נאָך דער צייט פון דער „גראַבסקי עליה״. דער אַנטיסעמיטיזם און באַיקאָטן אויף יידן אין פּוילן האָבן דעמאָלט אַרויסגע־טריבן אַ סך יידן פון דאָרט. איבערהויפּט האָט די יוגנט ניט געזען פאַר זיך קיין שום צוקונפט אין פּוילן און זיך געלאָזט לויפן קיין ארץ־ישראל. געלאָפן זיינען סיי פרייע סיי פרומע יונגעלייט, סיי אַזעלכע וואָס האָבן פריער זיך „מכשיר״ געווען אַלס חלוצים און סיי אַזעלכע וואָס האָבן גע־האַט פּאַכן.

אין ירושלים האָט ר׳ שלמה־שעיה באַגעגנט אַ פּוילישן יונגנמאַן, אַ פרומער בחור, ביים פּאַך אַ טליתניק. ווען ער האָט זיך צערעדט מיטן בחור, און יענער האָט אים געוויזן זיינס אַ שטיקל אַרבעט, האָט ער געזען, אַז דאָס איז אַ קינסטלער טאַקע. דער בחור, שואליק פריד־בערג, וועלכער האָט נאָך אין פּוילן אַלס חבר פון דער פרומער פּאַרטיי „דת ועבודה״ פאַרביטן זיין יידישן פאַמיליע־נאָמען פרידבערג אויפן העב־רעיִשן „הר־שלום״, האָט ר׳ שלמה־שעיהן געגעבן אייניקע נייע איינפאַלן פאַר טליתים־באַצירונג, פון וועלכע ער איז געווען שטאַרק באַגייסטערט. אָבער ווי נאָר ר׳ שלמה־שעיה איז אַוועקגעפאָרן פון ירושלים האָט ער אין דער דאָזיקער באַגעגעניש לחלוטין פאַרגעסן.

מאַכט זיך אַזוי, אַז דער מעקלער אין תל־אביב, וועלכער האָט ר׳ שלמה־שעיהן אויסגעמעקלערט די „נחלאות״ דאָרט, איז געווען דעם בחור שואליק הר־שלומס אַן אָנקל. ווען ר׳ שלמה־שעיה האָט, קומענדיק צו־ריק קיין תל־אביב, זיך צערעדט מיט דעם מעקלער זיינעם, מאַכט יענער צו אים:

— אַך, ר׳ שלמה־שעיה, ס׳איז מיר אַרויס פון קאָפּ צו געבן אייך דעם אַדרעס פון מיינעם אַ פּלימעניק אין ירושלים, אַ פּוילישער טליתניק, אַ בחור אַן אַנטיקל, זאָג איך אייך!

— ווי הייסט ער, אייער פּלימעניק אין ירושלים?

— הייסן הייסט ער פרידבערג, אַזוי ווי איך, נאָר ר׳האָט פאַרהעברעישט דעם נאָמען אויף „הר־שלום״, — שואליק הר־שלום הייסט ער!

— אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן! כ׳האָב דאָך אים באַגעגנט דאָרטן, כע־כע...

— טאַקע? נו, וואָס זאָגט איר? שוין איינמאָל אַ שואליק, האַ? אַ פּאָר גאָלדענע הענט! אַ חסרון נאָר, הערט איר, וואָס אייער טליתים־פּעקטאָרי איז אין ניו יאָרק און נישט דאָ...

און תוך־כדי־דבור טוט אין זיין מעקלערישן מח אַ בליץ־אויף אַ געדאַנק און ר׳מאַכט:

— שאַט, ר׳ שלמה־שעיה, ווי וואָלט געווען, למשל, אַ שטייגער, ווען כ׳אַרבעט אויס אַ פּלאַן, אַז מיין פּלימעניק שואליק זאָל מיט אייך מיטפאָרן קיין אַמעריקע אויף אַ פּאָר יאָר, וואָלט איר אַ בעלן געווען, האַ, ר׳ שלמה־שעיה? — אַ „טליתניק פון ירושלים״ אין שאַפּ „ירושלים״!...

ר׳ שלמה־שעיה האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד, אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן און געזאָגט:

— מעגלעך! אויב נאָר ער׳ט זיך נישט פאַררייסן צו גרויס. און אויב כ׳וועל פאַר אים קאָנען באַקומען אַ וויזע, פאַרשטייט זיך!

דער מעקלער האָט שוין מער נישט באַדאַרפט. דעמזעלבן טאָג איז ער שוין אַוועק קיין ירושלים, איבערגערעדט מיט שואליקן סאַראַ גליק ס׳שטייט אים פּאָר, מאַכן אַ פּאָר טויזנטער אין אַמעריקע און קומען צוריק און עפענען אַן אייגן טליתים־פאַבריקל דאָ.

די פאַרהאַנדלונגען האָבן לאַנג נישט געדויערט. ר׳ שלמה־שעיה איז מושווה געוואָרן פאַר די שכירות, באַלד איינגעגעבן דעם אַמעריקאַנעם קאָנסול אַ בקשה פאַר אַ וויזע און באַשטעלט אַ שיפס־קאַרטע, ער זאָל קאָנען מיטנעמען מיט זיך זיין „לעבעדיקע מציאה״ קיין אַמעריקע.

ג

די גאַנצע צייט, וואָס ר׳ שלמה־שעיה איז אַרומגעפאָרן אויסקוקן דאָס לאַנד, איז בתיה־ראָכצע געזעסן אין האָטעל אין תל־אביב און זיך געענודיעט. ביי איר מאַנס קרוב האָט זי נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיין. זיי האָבן געוואוינט אין קליינע הילצערנע כאַלופּקעס, אין „צריפים״, ווי זיי רופן עס דאָרט. זיי, די „פּאַלעסטינער״, קווענען גאָר אַן פון זייערע כאַלופּקעס, אַן אייגן ווינקעלע, מ׳דאַרף נישט גיין אין שכנות. זי, די

„אַמעריקאַנערין” אָבער, פאַרשטייט נישט ווי מענטשן קאָנען וואוינען אין אַזעלכע בודעס, וואָס שטייען ווי אויף הינערשע פיסלעך, אָן אַ באָד־צימער, אָן אַ שפּריצבאָד אַפילו, און ס'קריכן דאָרטן אַרום משה רבנוס רויטע קיעלעך, שוואַרצע מוראַשקעלעך, ברוינע שפּינדעלעך, און כל־המינים זשוקעלעך. ס'ערשטע מאָל, ווען בתיה־ראָכצע איז מיט איר שלמה־שעיהן געקומען אַהין אויף אַ וויזיט און זי האָט דערזען יענע „פּאַלאַצן”, זענען איר סקרוכען איבערגעלאָפן איבערן רוקן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז די קריכעדיקע באַשעפענישן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אונטער אירע קליידער. ס'לייב האָט איר געביסן. זי איז קוים־קוים איינגעזעסן דאָרט. און פאָרנדיק פון דאָרטן צוריק אין האָטעל אַרייך, האָט זי זיך געהאַלטן אין איין קראַצן און נערוועז געמורמלט:

— גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר מיינע רייד, שלמה־שעיה! כ'ווייס נישט ווי אַזוי זיי לעבן דאָ אין דעם פּאַלעסטינע!...

אין דעם תל־אביבער האָטעל זענען געווען נאָך אַמעריקאַנער פּרויען־געסט. יענע זענען אַרומגעפאָרן מיט זייערע מענער אומעטום. זי, בתיה־ראָכצע, האָט קיין שום אינטערעס נישט געהאַט צו פאָרן. וואָס, זי האָט נישט געזען קיין שטיינערנע בערג האָט זי נישט געזען? איז זי געזעסן אין האָטעל, געגעסן, געשלאָפן און די איבעריקע צייט האָט זי געגענעצט פון לאַנגווייליקייט.

אפילו ווען שלמה־שעיה האָט זי מיטגענומען קיין ירושלים און זי גענומען צום „כותל”, האָט זי זיך גענודיעט. זי האָט געוואוסט, אַז די נעמען „ירושלים” און „בית־מקדש” זענען הייליקע נעמען, אָבער דאָס שטיק „כותל” פון קרישלדיקע שטיינער און דאָס ירושלים מיט שמאָלע געסלעך און מיט קויטיקע אַראַבער אויף קליינע אייזעלעך האָבן זי לחלוטין נישט אינטערעסירט...

מיט איין זאַך איז זי יאָ געווען צופרידן פון ארץ־ישראל. איר שלמה־שעיה איז דאָ, ברוך השם, געוואָרן צוריק געזונט און פריש. ווען ס'זאָל זיין געווענדעט אין איר, וואָלט זי היינטיקן טאָג שוין געפאָרן צוריק אַהיים.

— בתיה־ראָכצע, ווילסט פאָרן מיט מיר מאָרגן, מירצעשעם, קיין ירושלים? — האָט ר' שלמה־שעיה אַ פרעג געטאָן זיין ווייב נאָך אַ פּאָר טעג אָפּרו.

— וואָס? ווידער קיין ירושלים? כ'בין דאָך שוין געווען איינמאָל דאָרטן, גענוג פאַר מיר!

— נו, וועל איך אַליין פאָרן.

— אויב דו דאַרפסט פאָרן, פאָר דיר געזונטערהייט!

— יאָ, מ'האָט מיר פאַרגעשלאָגן צו קויפן אַ שטיק פּלאַץ אין ירו־

שלים. גאָר אַ גרויסע מציאה. און חוץ דעם, פאַרשטייסטו מיך, איז מאָרגן פסח־שני, פאַרט אַ שטיק עולם פון דאַנען קיין ירושלים צו הרב קוק. פסח־שני פראַוועט דער רבי אַ סעודה מיט קנידלעך און ער זאָגט דברי־תורה. און זיין תורה, פאַרשטייסטו מיך, איז כדאי צו קומען הערן. עפּעס אַ קלייניקייט אַזאַ גאון און אזא צדיק! איך וויל טאַקע אים ע...

אָבער נאָך איידער שלמה־שעיה האָט פאַרענדיקט זיין שמועס מיט איר, איז בתיה־ראָכצע שוין געלעגן אין בעט און געשנאָרכט.

כאַרטאָג איז ר׳ שלמה־שעיה מיט אַ קאָמפּאַניע אָפּגעפאָרן קיין ירו־שלים. די קאָמפּאַניע האָט געדאַוונט מיט רבי קוקס מנין. נאָכן דאַווענען האָט ר׳ שלמה־שעיה געזאָלט גיין אָנקוקן דאָס שטיק פּלאַץ, וואָס מ׳האָט אים פאָרגעשלאָגן צו קויפן. ס׳איז אים אָבער געווען אַ שאָד אָפּצושטיין פון דער קאָמפּאַניע און ער האָט דאָס אָפּגעלייגט אויף נאָך דער סעודה.

מיטאָג־צייט איז שוין ביים רב געווען פאַרזאַמלט אַ היפּשער עולם, היימישע און פרעמדע. מ׳האָט געגרייט צום טיש. מ׳האָט דערלאַנגט פּאַ־רעדיק־הייסע מצה־קניידלעך מיט שמאַלץ. מ׳האָט געטרונקען לחיים. רבי קוק, וועלכער איז געזעסן אויבן־אָן, האָט זיך אָפּגעווישט די ליפּן מיט אַ סערוועטקע, זיך געגעבן אַ רייב דעם שטערן, און זיך צוגעשאָקלט. דער עולם האָט פאַרשטאַנען, אַז דער רבי גייט „זאָגן תורה״. ס׳איז באַלד גע־וואָרן שטיל. אַלע האָבן אָנגעשטעלט די בליקן און אָנגעשפּיצט די אויערן.

דער רב האָט גענומען רעדן פון „גולה״ און „גאולה״. דער אָנהייב איז געווען זייער אַ טיפער, אַ פילאָסאָפיש־קבלהשער. ר׳ שלמה־שעיה האָט כמעט גאָרנישט פאַרשטאַנען. ער איז געווען געוואוינט צו הערן גרינגע דברי־תורה, אַ חסידישן טייטש, אַ דרוש, אַ גלייכווערטל, נאָר אַזאַ הויכער הקירה־שמועס ווי הרב קוקס איז פאַר אים געווען צו שווער.

און אָט איז דער רבי אַריבער צום שמועס וועגן פסח־שני. ער האָט געבראַכט דעם פּסוק פון חומש: „ויהי אנשים אשר היו טמאים״, עס זע־נען אין דער מדבר געווען מענטשן, וועלכע זענען געווען אומריין, און האָבן נישט געקאָנט מאַכן דעם קרבן פסח אין פערצנטן טאָג פון חודש ניסן. זענען זיי געקומען צו משהן פרעגן וואָס צו טאָן. האָט דער איי־בערשטער געזאָגט אַזוי צו משהן: „איש איש כי יהיה טמא לנפש או בדרך רחוקה״, ווען עמיצער וועט זיין אומריין, אָדער אַוועק אין אַ ווייטן וועג, און נישט קאָנען מאַכן דעם קרבן פון „פסח ראשון״, אין ניסן, זאָל ער מאַכן אַ „פסח שני״ אין חודש אייר. אָבער אויך זיין פסח שני קרבן דאַרף ער עסן מיט מצות און מיט מרור.

דאָ האָט דער רבי גענומען געבן צו פאַרשטיין די באַגריפן פון די ביידע פסחן. „פסח״ מיינט „גאולה״, און גאולה פאָדערט קרבן. „פסח ראשון״, מיינט גאולה שלמה. אויסראַמען ביי זיך יעדן סימן פון „חמץ״,

פון גלות־זויערקייט. מקריב זיין אַלץ, וואָס ס׳פּאַרקניפּט מיטן גלות און קומען זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל און באַלעבן די הייליקע ערד מיט זיינע אייגענע הענט. דערמיט לייזט מען אויס נישט נאָר דאָס לאַנד, נאָר אויך זיך אַליין...

„פּסח שני״ אָבער מיינט נישט קיין גאולה שלמה. מען ראַמט נישט אויס פון זיך דעם „חמץ״. מ׳רייסט נישט איבער מיטן גלות. מ׳שענקט בלויז אַ נדבה פאַר ארץ־ישראל, אָדער מ׳קויפט זיך אַ „נחלה״. און אַליין בלייבט מען גלותדיק... רייכע אַמעריקאַנער יידן, וועלכע אינוועסטירן זייערע דאָלאַרן אין ארץ־ישראל, זענען טאַקע טייערע יידן, זיי טוען אַ גרויסע מצווה. אָבער לויט דער „ספרי״ זאָגט, זענען יענע מדבר־יידן אין משה רבנוס צייטן אויך געווען „כשרים וחרדים״, כשרע יידן, וואָס האָבן געציטערט צו טאָן אַ מצווה. נאָר זיי זענען, נעבעך, געווען „אומריין אין נפש״, און דערפאַר האָבן זיי נישט געקאָנט מקיים זיין דעם קרבן פון „פּסח ראשון״, וואָס מיינט אי אויסלייזן ס׳לאַנד און אי אויסלייזן זיך אַליין, אויסלייזן בשלימות, קויפן אַ נחלה אין הייליקן לאַנד און זיך טאַקע באַזעצן אויף איר לעולם ועד.

די דאָזיקע לעצטע ווערטער פון רבין האָט ר׳ שלמה־שעיה שוין גוט פאַרשטאַנען, און זיין האַרץ האָט מיט גרויס אומרו געפּלאַטערט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז נישט אַנדערש ווי דער גאון און צדיק ווייסט פון זיינע, שלמה־שעיהס „פּראָפּעטקעס״, וואָס ער האָט זיך איינגעהאַנדלט אין תל־אביב, און די אומריינע כוונה, וואָס ער האָט דערביי געהאַט. און דאָס האָט ער, אייגנטלעך, די גאַנצע צייט טאַקע גערעדט צו אים, אַז ער זאָל נישט מיינען, אַז ער קאָן אָפּנאַרן דעם אויבערשטן. גאָט ווייס, אַז ער, שלמה־שעיה, האָט זיך געקוואַפּעט אויף די „פּראָפּעטקעס״ דאָ מיט דער זעלבער „ביזנעס״־כוונה, וואָס ער האָט געהאַט אין ברוקלין...

ר׳ שלמה־שעיהן איז געוואָרן שטאַרק הייס. דער שוויס האָט פון אים גערונען. דער קאָלנער פון העמד איז אים ענג געוואָרן. ער האָט זיך גענומען ווישן מיטן טיכל און געטראַכט, אַז דאָס שטיקל פלאַץ אין ירושלים וועט ער נישט קויפן ביז ער וועט זיך באַראָטן מיטן רבין. און ער וועט אים זאָגן, אַז דערווייל קאָן ער זיך נאָך נישט באַזעצן אין ארץ־ישראל, אָבער ער טראַכט דערפון שטאַרק...

נאָך דער סעודה האָט ר׳ שלמה־שעיה מורא געהאַט צו רעדן מיטן רבין. דעם אמת קאָן ער אים נישט זאָגן, און קיין ליגן וויל ער אים נישט זאָגן. אפשר גלייכער גאָר צו פאַרקויפן ס׳ביסל „ריעל עסטייט״ אין תל־אביב און פּטור אַן עסק. און — אפשר... אפשר איז טאַקע צייט „אויסצולייזן זיך אַליין״, ווי דער רבי האָט נאָר־וואָס געזאָגט. עד מתי? ביסט שוין ברוך השם, נישט קיין יונגערמאַנטשיקל, שלמה־שעיה! אין די יאָרן פון

„זקנה" דאַרף מען שוין אָנגרייטן „צידה לדרך"! איז פאַרוואָס טאַקע נישט באַשליסן „להשתקע", צו באַזעצן זיך אין הייליקן לאַנד און דאָ אויסלעבן דיינע יאָרן, וויפל ס'איז דיר באַשערט, אין קדושה וטהרה ?!...

אויפן וועג צוריק קיין תל־אביב איז ר' שלמה־שעיה געזעסן אַ פאַר־זונקענער אין געדאַנקען און אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן: דעם טליתים־שאַפּ אין ניו יאָרק נישט אויפגעבן. ער וועט שיקן פון דאַנען דעם פרומען בחור, דעם ירושלימער טליתניק, און זאָל דער שאַפּ דאָרט אָנגיין ווי ביז איצט. מעקסעלע וועט אַכטונג געבן אויף אַלץ און ער אַליין וועט, מירצעשעם, קאָנען זיצן דאָ על התורה ועל העבודה!

יאָ, אַזוי ווי ער וועט נאָר קומען קיין תל־אביב, וועט ער זיך גלייך אָוועקזעצן און אָנשרייבן אַ בריוו אַהיים צו זיין מעקסעלען און אים אַרויס־שרייבן זיין פּלאַן מיט אַלע פּרטים...

ד

ס'איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פּרעכטיק־שיינער, פרילינגדיקער אָוונט. אַ טיפער סאַמעט־בלויער הימל האָט אַראָפּגעשימערירט מיט מי־ליאָסן גלימצערנדיקע שטערן. אַ האַלב־חודשדיקע לבנה איז צנועהדיק־באַזאָכט געשוואוימען אין דער אומענדלעכער בלויקייט מיט בלאַסער חנעוו־דיקייט. די לופט איז געווען ריין, גרינג, און געשמעקט מיט פעלד־און־צי־טרינען ריחות.

דאָס איז געווען איינער פון יענע ארץ־ישראלדיקע פרילינג־אָוונטן, וואָס פאַרכישופן מיט זייער שיינקייט, און מען קאָן זיי בלויז באַצייכענען מיטן קבלה־נאָמען „הוד־שבתפארת", דער גלאַנץ פון דער פּרעכטיקייט...

דער אויטאָבוס, אין וועלכן ר' שלמה־שעיה איז געפאָרן אויפן וועג פון ירושלים צוריק קיין תל־אביב, האָט זיך געמיטלעך געטראָגן איבער באַרג און טאָל. דער אָנטרייבער ביים קער־רעדל האָט זיך אונטערגעזונגען שטיל אַ חלוצים־ניגונדל, די פּאַסאַזשירן האָבן תענוגדיק געריכערט, אַרויסגעקוקט דורך די אָפענע פענצטער, געשעפּט די דופטיקע לופט, און באַוואונדערט גאָטס שיין וועלטל.

פון דער העלער הויט האָבן פון הינטער אַ באַרג, אין דער רעכטער זייט פון וועג, זיך באַוויזן צוויי געשטאַלטן מיט ווייסע שמאַטעס אַרום די קעפּ און מיט לאַנגע טראַגנטעס אַרום די קערפּערס. די צוויי געשטאַלטן, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי סטראַשידלעס, האָבן גלייך גענומען שליידערן שטיי־נער. שטיין נאָך שטיין איז געפאַלן מיט אַ קנאַק אין בלעכערנעם בויך פון דעם אויטאָבוס.

— אָאָאָאָאָ! הדחלילים, לעזאזל! (די טשוטשעלעס, דער טייוול זאָל זיי כאַפּן)... — האָט דער אָנטרייבער פאַרקריצט מיט די ציין, געגעבן

מאָמענטאַל אַ שטעל אָפּ דעם אויטאָבוס, און זיך אַ לאָז געטאָן גלייך נאָך די אַראַבישע אָנפאַלערס.

באַלד נאָך אים האָבן צוויי ארץ־ישׂראלער יונגעלייט פון צווישן די פּאַסאַזשירן זיך אויך אַ לאָז געטאָן אַהין.

די צוויי אַראַבער האָבן געגעבן אַ לויף באַרג־אַראָפּ און זענען דאָרט נעלם געוואָרן, ווי די ערד וואָלט זיי איינגעשלונגען.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער אָנטרייבער מיט די אַנדערע צוויי חברה־לייט צוריקגעקומען.

דער אָנטרייבער האָט געלאָזט גיין דעם מאָטאָר, אַ פּאָמפּ געטאָן געזאָלין, און דער אויטאָבוס האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט גרילצענדיקן אימפּעט און אַוועק ווייטער אויף זיין וועג.

ר׳ שלמה־שעיה האָט תּחילת זיך שטאַרק דערשראָקן. געוואָרן ווייס ווי קאַלך. הענט און פיס האָבן אים געציטערט. ר׳האָט ביי זיך געהאַט אַ היפּש ביסל מזומנים. ווער ווייסט וואָס ס׳קאָן דאָ געשען. אַ „האָלדאָפּ״ אינמיטן פעלד. נאָר ווען ער האָט דערזען ווי די דריי יידישע חברה־לייט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די אַראַבער און זיך אומגעקערט מיט אַ שמייכל, ווי גלייך ס׳וואָלט זיין ביי זיי אַ געוויינלעכע זאַך, האָט ער זיך גענומען באַרויקן. ער האָט אַ זאָג געטאָן צום אָנטרייבער:

— ישמעאל איז אַלץ געבליבן דער זעלבער פּרא־אדם, הא?...

— אָ, יאָ! ווילד איז ער. אָבער פּאַר אַ שטאַרקער פויסט ציטערט ער ס׳קדחת, דער אַראַבער!... — האָט דער אָנטרייבער געענטפערט.

דער דערשרעק פון וועג איז טאַקע אויסגעוועפּט געוואָרן ביי ר׳ שלמה־שעיהן. נאָר דאָך איז ביי אים אין האַרצן געבליבן אַ שווער געמיט. געקומען קיין תּל־אביב, האָט ער שוין נישט געאיילט זיך אַוועקצוזעצן און אָנשרייבן דעם בריוו צו זיין מעקסעלען קיין ניו יאָרק, ווי ער האָט באַשלאָסן ביים אַרויספאָר פון ירושלים.

ער האָט געטראַכט: אַזוי ווי ס׳איז פאַרבליבן נישט מער ווי אַ פּאָר טעג ביז ל״ג־בעומר. און אַזוי ווי אויף ל״ג־בעומר וועט ער, מירצעשעם, פאָרן קיין מירון צו דער „הילולא״, צום יאָרצייט פון ר׳ שמעון בר יוחאי, וועט ער שוין שרייבן דעם בריוו צו זיין מעקסעלען ווען ער וועט קומען צוריק פון מירון. דערווייל... דערווייל וועט ער אַ רעד טאָן מיט זיין בתיה־ראָכצען. זי איז דאָך פּאַרט זיין ווייב. ער דאַרף דאָך איר לאָזן וויסן. אַזאַ מין שריט איז דאָך פּאַרט נישט קיין קלייניקייט...

און ער טוט זיך אַ פרעג בשעת־מעשה:

— און וואָס וועט זיין, אַז זי, בתיה־ראָכצע, וועט זאָגן: ניין, איינמאָל איבער־אַלעמאָל — זי וויל נישט בלייבן דאָ?...

און באַלד טאַקע טוט ער זיך אַליין אָן ענטפער אָפּ:

— און וואָס איז מכח דיר אַליין, שלמה־שעיה? ביסטו אַליין טאַקע שוין גרייט צו מאַכן אָט דעם שריט? האָסטו שוין טאַקע באַשלאָסן „אַלע הונדערט פּראָצענט״, האַ?...

פאַר זיינע אויגן האָבן זיך אים אָוועקגעשטעלט יענע צווי ווילדע אַראַבער, וואָס אויפן וועג פון ירושלים, ווי זיי האָגלען מיט שטיינער. עפּעס אַ קליינינקייט, אַ הייפעלע יידן צווישן אַזויפיל ווילדע „ישמעאלים״.

ר׳ שלמה־שעיה האָט פאַרטריבן פון זיך די אומעטיקע מחשבות, זיך צוגעגעבן מוט, געוואָרן לעבעדיקער. נאָר ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געפילט מוכן ומזומן צו נעמען רעדן מיט זיין בתיה־ראָכצען פון דעם פּלאַן. מער נישט, נאָך דער וועטשערע, איידער זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר:

— בתיה־ראָכצע, איבערמאָרגן איז ל״ג־בעומר, און יידן פון ארבע־פּינות־עולם פאָרן קיין מירון צו פּראַוועון ר׳ שמעון בר יוחאיס יאָרצייט אויף זיין קבר. מ׳זאָגט, אַז עס טוט זיך דאָרטן פלאי־פלאים, ערד־טרעטע־ניש ממש. אַהין איז כדאי דו זאָלסט אויך מיט מיר פאָרן, בתיה־ראָכצע!...

בתיה־ראָכצע האָט זיך צעגענעצט מיט אַ לאַנגן־הילכיקן גענעץ:

— אי־י־יע־ך? איך נישט? ווילסט פאָרן, פאָר דיר געזונטערהייט!...

ר׳ שלמה־שעיה איז קיין מירון געפאָרן אָן בתיה־ראָכצען. און קומענ־דיק אַהין, איז ער געווען צופרידן, וואָס זי איז נישט געפאָרן. די ענגשאַפט איז געווען אין לשער. קיין שפּילקע נישט אַריינצוואַרפן.טויזנטער מענער און פרויען, און אַפילו קינדער, פון פאַרשידענע לענדער, אין פאַרשידענע טראַכטן, מיט פאַרשידענע לשונות האָבן פאַרפלייצט דאָס פעלד. דער רעש און טומל האָט פאַרטויבט די אויערן. די היץ האָט געברענט. דער שוייס האָט פון אַלעמען גערונען. די לופט איז געווען געדיכט. דער געדרענג, דאָס שטופּעניש, דאָס שטורכעניש האָט צעמערשט יעדער אבר. מ׳האָט באַדאַרפט זיין פון אייזן אויסצוהאַלטן און נישט אָוועקפאַלן דאָרט.

אָבער דער גאַנצער טויזנט־קעפּיקער עולם איז געווען אַזוי באַצויבערט און באַגייסטערט, אַזוי פאַרכאַפּט און פאַרחושט, אַז קיינער האָט זיך נישט באַקלאָגט. מ׳האָט זיך איינס־ס׳אַנדערע אָפּגעריסן אַרבל, פּאָלעס, שליאָרעס און קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט דערויף. מ׳האָט פאַרלוירן קאַפּאָטעס, קאַפּעליושן, היט און קופּקעס, און קיינער האָט נישט געפּרואווט אַפילו אַ זוך טאָן. זוך אַ נאָדל אין אַ מאַזשאַרע שטרוי...

פון נאָך מעריב אָן האָט מען געצונדן קעסלען מיט בוימל, און ווייבער און מענער האָבן אין די קעסלען געוואָרפן זיידענע שאַלן און טיכער. די פלאַמען האָבן געזעצט אַרויף צום הימל, מיט זייערע פייערדיקע צונגען געלעקט די געדיכטע הייליקע לופט. מ׳האָט געבראַכט צו פירן אַהין דריי־יעריקע ייִנגעלעך און דאָרט צום ערשטן מאָל אָפּגעשוירן זייערע לאָקן

און געוואָרפן אין די הייליקע פלאַמען. מ׳האָט געזונגען פרומע געזאַנגען. מ׳האָט געליאַרמט און געהיכצט און געוויינט און געבעטן פאַר אַלערליי חולאתן און שלעק — פורעניותן.

אַזוי אַ גאַנץ־גייענדיקע נאַכט אַן אויפהער. און ביזן פרימאָרגן זענען הונדערטער און הונדערטער מענטשן געבליבן ליגן אויף דער הוילער ערד דאָרט, אויסגעמאַטערטע, אויסגעשעפּטע, פון שוויס־אויסגעווייקטע, פון שטויב־איינגעשמירטע. מ׳איז געלעגן און געדרימלט און שווער געאָטעמט.

ר׳ שלמה־שעיה איז דאָרט אָפּגעווען די גאַנצע נאַכט און אַ שטיק טאָג. און ווען ער האָט זיך שוין געשאָקלט אויפן אויטאָבוס, צוריק קיין תל־אביב, איז ער נאָך אַלץ געווען פאַרכישופט פון דער איבערלעבעניש. אַזאַ התלהבות, אַזאַ התרוממות־הנפש פון טויזנטער יידן, מענער און פרויען, אַלטע און יונגע, פרומע און פרייע צוגלייך, וואָלט ער זיך אפילו אין געדאַנק קיינמאָל נישט געקאָנט פאָרשטעלן. טאָקע נאָר די נשמה פון אַזאַ „קדוש וטהור", ווי דער מחבר פון הייליקן „זוהר", האָט בכח צו דערהויבן אַלעמען צו אַזאַ מדרגה פון קדושה.

— אָט דאָס איז ארץ־ישראל! אַזאַ קדושה קאָן נאָר זיין אין הייליקן לאַנד — האָט ר׳ שלמה־שעיה גערעדט אין האַרצן צו זיך אַליין — נו, קאָן ער איצט נעמען און אָוועקפאָרן פון דאַנען צוריק קיין אַמעריקע, אין דעם עולם־התוהו דאָרטן? ס׳אַראַ שטות! דאָ וועט ער, מירצעשעם, בלייבן! אָט־אָ־דאָ־אָ, ווי דער רבי קוק, זאָל מאַריך ימים זיין, האָט טאָקע געזאָגט, קאָן מען דערגרייכן די „גאולה שלימה", די גאולה פאַרן לאַנד און די גאולה פאַר זיך אַליין!...

קומענדיק צוריק אין האָטעל, האָט ער אַ באַגייסטערטער אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב:

— בתיה־ראָכצע, וואָס מער איך זע ארץ־ישראל, אַלץ מער ווערט עס מיר איינגעבאַקן אין האַרצן! איך ווייס באמת נישט ווי איכ׳ל קאָנען אָוועקפאָרן פון דאַנען!...

ה

די נאַכט אי געווען קילבלעך. די לופט אי געווען פריש. די פענצטער אין האָטעל־צימער, זענען געשטאַנען אָפן. ר׳ שלמה־שעיה איז אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער.

אין שלאָף איז שלמה־שעיה נאָך אַלץ געווען אין מירון. ער האָט געזען ווי מלאכים שוועבן דאָרט אין דער לופט איבער זיין קאָפּ. ער האָט ממש געפילט דעם געפלאַטער פון זייערע פליגלען. ער האָט זיך געקוויקט מיטן הייליקן געזאַנג פון דעם עולם אויפן פעלד. ער איז געווען אויסער זיך פאַר התלהבות פון די טענץ. ער האָט זיך אויך געוואָלט אַ לאָז טאָן

אין קאַראַהאָד אַריין. אָבער דאָ האָט זיין בתיה־ראַכצע זיך אָנגעהאַנגען אין זיין רעכטן פוס און מיט איר שווערער וואָג אים געשלעפּט אַראָפּ־אַראָפּ אין עפּעס אַ טאָל אַריין און ער האָט זיך קיין ריר נישט געקאָנט טאָן. ער רייסט זיך, און זי לאָזט נישט... און אָט זעט ער ווי אין מיטן קאַראַהאָד צעפלאַקערט זיך אַ פלאַמפּייער, און פונעם פייער שפּאַנט אַרויס אַ הויכער, גרייז־גרויער ייד מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד, מיט אַ סויבעלנעם שטריימל, מיט אַ ציצענעם־געקווייטלטן מאַנטל, מיט אַ ברייטן גאַרטל, מיט ווייסע זאָקן און שטעק־שיך, און פון זיין שטערן שיסן שטראַלן. אין די הענט האַלט ער אַ „זוהר", און נעמט לייענען. זיין שטים הילכט אָפּ ווייט־ווייט אַרום: „בגין דכולהו דמתקנן תקונהא בהאי לילא וחדאן בה..." — דערפאַר וואָס די אַלע זענען מתקן תקונים אין אָט דער נאַכט און פרייען זיך אין איר, וועלן אַלע פאַרצייכנט ווערן אין ספר הזכרונות, און הקדוש־ברוך־הוא וועט זיי טאָן בענטשן מיט זיבעציק ברכות און קרוינען פון דעם עולם־העליון...

— שלמה־שעיה, שלמה־שעיה, שטיי שוין אויף, שטיי!...

— וואָס איז? וואָס איז?... — האָט שלמה־שעיה אויפגעריסן די אויגן אַ דערשראָקענער, דערזעענדיק ווי בתיה־ראַכצע שטייט און טאַר־קעט אים. — וואָס אי' געשען?...

— גאָרנישט, גאָרנישט איז געשען! כ'שטיי און וועק דיך און קאָן דיך נישט דערוועקן! שוין שפּעט שלמה־שעיה!

— אָאַ־אַאָאָאָ!... — האָט שלמה־שעיה אַ לאַנגן־הילכיקן געגעץ גע־טאָן און באַפּעסטיקט די יאַרמלקע אויפן קאָפּ — זע נאָר, זע, כ'בין גע־שלאָפן אַזוי געשמאַק, אַז כ'וויס אַפילו נישט וואו די נאַכט איז הינגע־קומען. איי — אַן עבירה וואָס דו האָסט מיך אויפגעוועקט אַצינד, בתיה־ראַכצע. כ'האָב געזען אַזאַ טייערן חלום...

— „נעווע מיין" דער חלום. שוין צייט צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין. ס'האַרץ קאָן דאָך דיר פאַרכליאַנעט ווערן!...

ר' שלמה־שעיה האָט אַראָפּגעלאָזט די פיס פון בעט, אַ כאַפּ געטאָן אויף זיך דעם זיידענעם שלאַפראָק, געטאָן אַ שטעק־אָן די שטעקשיך, איז צו צום וואַשטישל, זיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און גענומען זאָגן „מודה אני". אָנגעטאָן זיך, געזען אַז ס'איז שפּעט צו גיין אין בית־מדרש, האָט ער געלייגט טלית־און־תפילין און זיך געשטעלט דאַווענען.

דער חלום איז אים נישט אַרויס פון זכרון. ער האָט געהאַט גרויסן נחת־רוח פון אים. אַזאַ טייערער חלום. מ'האָט אים, הייסט עס, אָנגעזאָגט, אַז דער אייבערשטער וועט אים טאָן בענטשן... אַיי, וואָס? דאָס וואָס בתיה־ראַכצע האָט אים צוגעהאַלטן ביים רעכטן פוס און אים נישט געלאָזט קיין ריר טאָן? נאָך אַלעמען שטעלט זי זיך קיינמאָל נישט קעגן זיין רצון...

ביים פרישטיק האָט ר׳ שלמה־שעיה צוגעטראָכט אַ מין וועג ווי אַרום צוצוטרעטן צום שמועס מיט בתיה־ראָכצען:

— בתיה־ראָכצע, האָסט שוין געהערט די נייעס וועגן מיסטער פּערלמאַן? דער, וואָס איז מיט זיין ווייב געזעסן אין שיף ביי איין טיש מיט אונדז, געדענקסט? אַ רייכער ייד. האָט אַ גרויסן קוילן־יאַרד אין בראָנזוויל און צוויי אַפּאַרטמענט־הייזער אויף איסטערן פּאַרקוועי!

— יאָ, נו? ס׳אַראַ נייעס דען וועגן אים?

— מיסטער און מיסעס פּערלמאַן, זאָגט מען, האָבן באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל!

— פאַר זיי דאָס גליק. כ׳פאַרגין עס זיי מיטן גאַנצן האַרצן!

— פאַרוואָס עפּעס נאָר פאַר זיי ס׳גליק, האַ?

— וואָרים מ׳דאַרף זיין משוגע־מטורף צו טאָן אַזאַ זאַך...

— ס׳טייטש, ארץ־ישראל איז דאָך אונדזער אייגן לאַנד?

— יאָ, אונדזער אייגנס! און דער ענגלענדער לאָזט קיין יידן נישט אַריין אַהער! ווער ס׳האָט שכל, וויל פונדאַנען אַוועק, און — זיין וואָס וויטער פון די אַראַבער...

— ווי אַזוי ווייסטו עפּעס אָט די זאַכן, בתיה־ראָכצע, האַ?

— איך האָב טאַקע נישט געוואוסט, נאָר דאָס דינסט־מיידל, וואָס ראַמט די „רומס" און פאַרבעט די בעטן אין האָטעל, האָט עס מיר דערציילט. אַליין איז זי אַ רומענישע. געוואָלט זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע און נישט געקאָנט. האָט אירער אַ ברודער זי אַריבערגענומען אַהער. זי חלשט קיין אַמעריקע, זאָגט זי. ס׳איז ביטער דאָ, זאָגט זי, מיטן ענגלענדער און מיט די אַראַבער. ווען כ׳קאָן זי נעמען מיט זיך, זאָגט זי, וואָלט זי ביי מיר געאַרבעט יאָרן פאַר די הוצאות. פאַרשטייסטו שוין?

— אַ משל־לעמעשקע! אוודאי איז איר, נעבעך, ביטער. זי איז אָרעם. אַרבעט טאָג ווי נאַכט אין האָטעל. ווילט זיך איר אַנטלויפן אין דער רייכער אַמעריקע. אָבער אַזוינע, למשל, ווי מיר, וועלכע דאַרפן דאָ נישט אַרבעטן צו מאַכן אַ לעבן, קאָנען דאָך זיצן במנוחה אין דעם הייליקן לאַנד. צו וואָס דאַרפן מיר דעם הו־האַ אין אַמעריקע?...

— מיך „באַדערט" נישט דער הו־האַ. און אַז מיר האָבן אַמאָל געוואוינט אונטערן „טערדעוועגע־עלעווייטער", וואָס האָט געגרילצט און געטאַראַכקעט, האָט עס מיך „געבאַדערט"? כ׳האָב אים געהערט, ווי טרייטל דעם קאָטער...

— אָבער, למשל, אַז איך וועל באַשליסן זיך צו באַזעצן דאָ, וואָס וועסטו זאָגן, בתיה־ראָכצע, האַ?

— דערווייל האָסטו דאָך נאָך נישט באַשלאָסן...

— זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז כ׳האָב שוין דווקא יאָ באַשלאָסן!

— וואוסעס? ווען באַשליסטו עפּעס צו טאָן, איידער דו באַראַטסט זיך מיט אונדזער מעקסעלען? ער איז דאָך עפּעס אַ לאַיער, צי ניין? הער פריער וואָס ער וועט זאָגן. האָב צייט. ס׳ברענט נישט!

— אָ, זעסטו, אַט דאָס רעדסטו שוין ווי אַ מענטש, בתיה־ראָכצע! זאָגן דיר דעם אמת, האָב איך נאָך לעצטע וואָך געזאָלט אָנשרייבן אַ בריוו צו אונדזער מעקסעלען, זאָל לעבן. נאָר כ׳האָב עס אָפּגעלייגט ביז איכ׳ל קומען צוריק פון מירון. נו, וועל׳ך טאָקע באַלד נאָכן פרישטיק זיך אַוועקזעצן שרייבן דעם בריוו!

ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך אָפּגעווישט די וואָנצעס, אָפּגעטרייסלט די באָרד, אָפּגעגאָסן פון אַ גלאָז אין אַ טעלער אַ ביסל „מים־אחרונים״ אויף די שפּיץ־פינגער און געבומען בענטשן.

ווי נאָר בתיה־ראָכצע האָט אַראָפּגענומען ס׳טישטוך פון טיש, האָט שלמה־שעיה געבראַכט אַ פּעקל פּאַפּיר, אַרויסגענומען זיין דיקע אַמע־ריקאַנער „פאָונטען־פען״ און זיך געזעצט שרייבן.

קיין גרויסער כתבן איז ר׳ שלמה־שעיה קיינמאָל נישט געווען. אפילו אין זיינע יונגע יאָרן נאָך פלעגט ביי אים אַ בריוו שרייבן זיין אַן עבודה קשה. אַט דעם דאָזיקן בריוו, אָבער, האָט זיך אים געדאַכט, וועט ער אָנ־שרייבן מיט איין שאָס. מחמת דער גאַנצער ענין איז דאָך ביי אים געלעגן אין מח גרייט. ער דאַרף אים בלויז פון מוח אויספּאַקן אויפן פּאַפּיר. אויבן אין רעכטן ווינקל, האָט ער אַוועקגעשטעלט: „ב״ה (די ראשי־תיבות פון „ברוך השם״). אונטער האָט ער אָנגעשריבן: „יום ה׳ לסדר בהר־בחקותי, ל״ה בעומר, מלכות שבהוד״. און נאָכדעם דעם טיטל: „לכבוד בני היקר, הלאָיער הגדול כמר מרדכי מעקסעלע שיחי׳״.

דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פאַרקלערט, געוואָלט אָנהייבן דעם בריוו מיט עפּעס אַ פּאַסיקן מאמר פון דער גמרא, און נישט געקאָנט געפי־נען. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן — פאַרוואָס נישט ברענגען פשוט דעם מאמר: „לעולם ידור אדם בארץ־ישראל״ — אַ ייד דאַרף וואוינען אין ארץ ישראל...

איצט, אַז ער האָט שוין געהאַט דעם מאמר, האָט ער ערשט גענומען טראַכטן ווי אַזוי צו מסדר זיין דעם שמועס. ער האָט אָפּגעהאָרעוועט שווער איבער אַ שעה אויפן זייגער. דערפאַר אָבער איז ער געווען צופרידן, וואָס דער בריוו איז אַרויס קלאָר און דייטלעך. ער האָט דעם בריוו איבערגע־לייענט פאַר בתיה־ראָכצען און אַ פרעג געטאָן זי:

— נו?...

זי האָט געהאַלטן אין קייען אַ פייג, און קייענדיק אַן ענטפער געטאָן:

— נו, נו!...

קאַפּיטל דריי

א

נאָכדעם ווי ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער האָט אָוועקגעשיקט זיין בריוו צו מעקסעלען קיין אַמעריקע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז מ׳דאַרף זיך מער באַקענען מיט דעם מיסטער פּערלמאַנען פון בראָנזוויל.

ביז איצט איז זייער באַקאַנטשאַפט געווען אַ גאַנץ ווייטע. אין ניו יאָרק האָבן זיי געהערט איינער פון אַנדערן, אָבער זיך קיינמאָל נישט באַ־גענגט פּנים אל פּנים. אויף דער שיף „לויתן", אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, האָבן זיי זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל. זיי האָבן זיך באַקענט. אָבער אויך דאָרט איז זייער באַקאַנטשאַפט באַשטאַנען נישט מער ווי פון „גוט־מאָרגן, גוט־יאָר" און אַ פּאָר געציילטע ווערטער. ר׳ שלמה־שעיה דער אוקראַינער חסידישער ייד מיט דער שיינער בלאָנדער באָרד מיט דעם רבניש־פּלושענעם קאַפּעליוש, און מיסטער פּערלמאַן, דער ליטוואַק, דער משכיל, מיטן קליינעם פאַרשפּיצטן בערדעלע, ווי אַ מאַלערס בער־שטעלע, מיטן האַרטן „דוירבי", וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ קעסעל אויפן קאָפּ, האָבן איינער אויפן צווייטן געקוקט מיט ביטול...

אין תל־אביב, איז זיי אויך נישט אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך אָפט. ר׳ שלמה־שעיה איז געשטאַנען אין אַ האָטעל, און מיסטער פּערל־מאַן איז געשטאַנען ביי זיינעם אַ פּלימעניק, אַ פאַרמעגלעכער שניטקרע־מער, וואָס האָט געהאַט אַן אייגן הויז, און אַן אייגענעם „פאָרד". דער פּלימעניק האָט אַרומגעפירט מיסטער פּערלמאַנען איבערן לאַנד מיט זיין פאָרדל און ר׳ שלמה־שעיה האָט געמוזט פאָרן מיט געדונגענע אָטאָמאָ־בילן און אָטאָבוסן אומעטום. אַ פּאָר מאָל האָבן זיי זיך באַגעגנט אין גאַס, און ווידער „גוט־מאָרגן, גוט־יאָר" און „וואָס מאַכט מען? — אָלרייט! דענק־יו!", און — ווייטער האָט עס זיך נישט געקלעפּט.

אַצינד, אָבער, ווען ר׳ שלמה־שעיה האָט געהערט, אַז מיסטער פּערל־מאַן האַלט אויך ביים באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, האָט ער דאָך שוין אַ שטיק שייכות מיט אים, דאַרף מען ווערן אַביסל היימישער.

ר׳ שלמה־שעיה האָט געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאָרן אין אַ וואָך אַרום קיין צפת אויף עטלעכע טעג. הגם ער איז שוין איינמאָל גע־ווען מיט אַ טוריסטן־קאָמפּאַניע דאָרטן, האָט ער געכאַפּט בלויז אַ קוק אויף דער לאַנדשאַפט און מער נישט. איצט האָט ער געוואָלט האַלטן שבת דאָרטן, דאַווענען אין בית־מדרש צוזאַמען מיט די „מקובלים". און דער עיקר, אַרויפצוגיין דאָרטן אויף די בערג און זען מיט זיינע אייגענע אויגן די פּלעצער, וואו דער אר״י הקדוש מיט זיינע תלמידים, פּלעגן יעדן פרייטיק ביי זון־אונטערגאַנג גיין מקבל זיין דעם שבת.

האָט זיך ר׳ שלמה־שעיה מיישב געווען, און ספּעציעל אָריבערגעגאַנגען צו זען מיסטער פּערלמאַן, אפשר וועט ער אויך וועלן פאָרן מיט אים קיין צפת.

— קיין צפת? אוודאי וויל ער פאָרן! ער איז נאָך טאַקע אין צפת נישט געווען. אמת, פון קבלה האַלט ער נישט אַזוי שטאַרק. ער וועט נישט אַוועקגעבן דעם רמב״מס איין שטיקל פון „מורה נבוכים״ פאַר אַלע קבלה־ספרים צוזאַמען. אָבער צפת, די שטאָט פון ר׳ יוסף קאַראָ, דעם מחבר פון „שולחן ערוך״, איז כדאי צו זען! גוט, גוט, ער וועט איבעררעדן מיט זיין פלימעניק, אפשר וועט ער זיי נעמען אַהין מיט זיין פאָרדל. ער וועט אים לאָזן וויסן, מיסטער בערשאַדערן אין אַ פּאָר טעג אַרום!...

דערווייל האָבן שוין בײדע געמאַכט אַ שפּאַציר צום ברעג פון ים. און, שפּאַצירנדיק, האָט מען זיך גאַנץ ברייטלעך צעשמועסט.

— וואָס? וועגן באַזעצן זיך אין ארץ ישראל? אָ, נאָך גאָר ווייט דער־פון, ר׳ שלמה־שעיה! אַוודאי איז ער אַ ציוניסט בן ציוניסט. זיין טאַטע איז נאָך געווען אַ „חובב ציון״ און געשטיצט „ישוב ארץ ישראל״. און ער אַליין איז אַ ציוניסט פון ערשטן טאָג, ווען דר. הערצל איז אַרויס מיט זיין אויפרוף. אַוודאי ציט אים ארץ־ישראל צו זיך גאַנץ שטאַרק. אָבער — די קינדער און קינדסקינדער ציען אים נאָך שטאַרקער... געקומען איז ער אַהער בלויז זיך אָנזעטיקן מיטן אַוויר פון ארץ־ישראל, זיך אָנגעמען מיט איינדרוקן פון דעם הייליקן לאַנד. ער וויל דאָ פאַרברענגען וואָס לענגער. די ביזנעס זענען אין גוטע הענט. די קינדער גיבן אכטונג, אַלראַיט...

— און איך האָב געמיינט, אַז מיר׳ן דאָ זיין שכנים, מיסטער פּערל־מאַן!

— וואָס די צייט וועט ברענגען שפּעטער, קאָן איך ניט וויסן. איר ווייסט דאָך דאָס ווערטל: „מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל״!....

דאָס איז געווען זונטיק. אַרום דינסטיק האָט ר׳ שלמה־שעיה דער־וואַרט מיסטער פּערלמאַנס ענטפער וועגן פאָרן קיין צפת.

דינסטיק גאַנץ פרי, ווען ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך געקליבן צו גיין אין בית־מדרש אַריין דאַווענען, האָט מיסטער פּערלמאַן אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר.

— גוט מאָרגן, מיסטער בערשאַדער!

— גוט מאָרגן, גוט יאָר, מיסטער פּערלמאַן. אָט דאָס הייסט אַ וואָרטס־מאַן! ס׳הערט זיך? ווען פאָרן מיר ...

— איר׳ט גאָרנישט געהערט די נייעס? — מאַכט מיסטער פּערל־מאַן אַ פאַרוואָלקנטער.

— ניין, כ׳בין נאָך היינט פון יענער זייט טיר נישט אַרויס. ס׳אַראַ נייעס?

— אויפן וועג קיין צפת זענען אַראַבער אָנגעפאַלן אויף אַן אָטאָ־מאָביל, צוויי יידן געטויט, און דעם אָנטרייבער פאַרוואונדעט...

— וואָס רעדט איר? דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין! — טוט זיך שלמה־שעיה אַ כאַפּ ביים קאָפּ.

— נאַ, אָט האָסטו דיר דיין ארץ־ישראל, שלמה־שעיה, מ׳הרגעט דאָ יידן אויף די וועגן גאָר!... — מאַכט בתיה־ראָכצע און טוט אַ פליעסק מיט די הענט.

— שוין! טע־טע־טע! ביי איר הרגעט מען שוין יידן אין ארץ־ישראל! — מאַכט שלמה־שעיה — ס׳האָט זיך געטראָפן אַן אומגליק, לא עלינו! אין אַמעריקע טרעפן זיך דען נישט אַזוינע אומגליקן?

— מ׳קאָן זיי נישט „בלעימען״, די וויבער! — מאַכט מיסטער פערל־מאַן — איר מיינט, אַז מ יי נ ע האָט נישט געזאָגט דאָסזעלבע? צו וואָס קריכן, זאָגט זי, מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט?...

— אַזאַ יאָר אויף מיר ווי זי איז גערעכט! — זאָגט בתיה־ראָכצע — מילא די היגע האָבן נישט קיין ברירה. אָבער מיר, אַמעריקאַנער?...

בתיה־ראָכצע האָט נישט פאַרענדיקט. שלמה־שעיה האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם און אַ זאָג געטאָן צו מיסטער פערלמאַן:

— קומט, לאָמיר דערווייל גיין אין בית־מדרש אַריין דאַווענען!

ביידע מאַנסבילן זענען אַרויס. אין גאַס איז געווען אַ קאָכעניש. רעדלעך יידן זענען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן צעטומלטע, צעשראָקע־נע. איטלעכער האָט דערציילט אַן אַנדער מעשה, ווי די ענגלענדער רייצן די אַראַבער קעגן די יידן. זיי ווילן כאַפּן פיש אין מוטנע וואַסער. נאָר גאָט זאָל היטן, האָבן עלטערע יידן געזיפצט. יונגעלייט האָבן זיי אויסגעלאַכט: ביז גאָט וועט היטן דאַרף מען אַליין עפּעס טאָן! פאַר איין יידן דאַרף מען אָוועקלייגן צוויי אַראַבער! דער ענגלענדער וועט דאָ אייביק נישט באַ־לעבאַטעווען! מיר דאַרפן וואָס מער „שפּייערס״ און וואָס ווייניקער „זיפּ־צערס״...

ערשט אין בית־מדרש האָט ר׳ שלמה־שעיה זיך אָנגעהערט וועגן דעם ענגלענדער און וועגן דער יידישער „הגנה״, און ס׳האָבן אים גענומען אַרומקריכן זשוקעס אין בויך. אויפן וועג צוריק אין האָטעל אַריין האָט ער זיך פאַרטראַכט: אפשר איז טאַקע אַ נאַרישקייט, וואָס ער האָט זיך געאיילט מיט זיין בריוו צו מעקסעלען. געווען באַדאַרפט פריער זיך באַ־ראַטן מיט מיסטער פערלמאַן, אַ קלוגער מענטש...

ב

צומאָרגנס, מיטוואָך, נאָכן פרישטיק, איז ר׳ שלמה־שעיה אַוועק צו מיסטער פערלמאַן צו כאַפּן אַ שמועס מיט אים און געוואויר ווערן עפּעס נייעס.

מיסטער פּערלמאַן האָט געקענט לייענען העברעיש און געלייענט די ארץ־ישראלער צייטונגען. ער האָט אויך געקענט ענגליש און גע־לייענט די ניו יאָרקער און לאָנדאָנער צייטונגען, וואָס פלעגן אָנקומען קיין תל־אביב.

ר׳ שלמה־שעיה האָט געטראָפן מיסטער פּערלמאַנען זיצן אויף אַ שטרויענער שטול אין גערטנדל, וואָס הינטערן הויז, אין שאָטן פון אַן אייקאַליפּטוס־בוים. אויפן גראָז נעבן דער שטול איז געלעגן אַ פּאַק מיט צייטונגען און מיסטער פּערלמאַן איז געווען פאַרטיפט אין לייענען.

— גוט מאָרגן, מיסטער פּערלמאַן!

— גוט מאָרגן, גוט יאָר, מיסטער בערשאַדער! — האָט מיסטער פּערלמאַן געגעבן אַ רוק־אַרויף די ברילן אויפן שטערן און אַ רייב־גע־טאָן די אויגן, — אַ גאַסט. זיצט. זעצט אייך דאָ אויף דער שטול!

— „דענק יו״! — מאַכט ר׳ שלמה־שעיה אויפן אַמעריקאַנער שטייגער, אוועקזעצנדיק זיך — וואָס הערט זיך עפּעס נייעס, מיסטער פּערלמאַן? מ׳האָט אפשר געכאַפּט די אַראַבער, וואָס זענען באַגאַנגען די רציחה נעכטן אויפן וועג קיין צפת?

— ניין, צום באַדויערן. מ׳האָט זיי נישט געכאַפּט און מ׳וועט זיי נישט כאַפּן אויך!

— פאַרוואָס דענקט איר אַזוי?

— פּשוט, אַזוי ווי מ׳זוכט, אַזוי געפינט מען! דער מאַנדאַטן־מאַכט אין ארץ־ישראל גייט נישט אין לעבן צו געפינען די רוצחים. דער ענג־לענדער, פאַרשטייט איר מיך, איז אַ דורכגעטריבענער אָקופּאַנט, און ער שפּילט דאָ, ווי אומעטום, זיין אָקופּאַציע־ראָליע גאַנץ כיטרע און גוט אויסגערעכנט, ווי אַ געניטער שאַכמאַטיסט.

— איר מיינט, הייסט עס, מיסטער פּערלמאַן, אַז דעם ענגלענדער אַרט נישט די הפקרות פון די אַראַבער?

— נישט נאָר אַרט עס אים נישט, נאָר עס טוט אים הנאה. ער איז בפירוש געגן דערינען. דעם ענגלענדער לוינט זיך נישט קיין שלום צווישן יידן און אַראַבער. מחמת דעמאָלט קאָן ער דאָך בלייבן אָן אַ קנע־לונג, און ער׳ט מוזן נעמען דעם דרך פונדאַנען. איז פאַר דער וועלט, לפנים, האַלט ער כלומרשט אָרדענונג אין לאַנד, און בסתר שטיצט ער דעם מופטי, ער זאָל קאָנען וואָס בעסער אויפרייצן די אַראַבער קעגן די יידן. אָט האָבן אַראַבער ערשט לעצטע נאַכט אויסגעהאַקט באַניים הונ־דערטער ביימער אין יידישע פּרדסים, און דער ענגלענדער מאַכט זיך תמעוואַטע. ער זעט נישט און הערט נישט כלומרשט. זייט זיכער, ווען דער ענגלענדער ווייזט אַ שטעקן, וואָלט דער אַראַבער מורא געהאַט...

— נישט גוט, האַ?

— זייער, זייער שלעכט, מיסטער בערשאַדער! איר פאַרשטייט, אַז ס'איז שוין געקומען דערצו, אַז די אַראַבער באַרימען זיך, אַז מ'וועט קוילן דעם „יאַהוד" און מ'וועט צונעמען זיין האָב־און־גוטס צוזאַמען מיט די „נקבות", איז שוין די סכנה גאָר־גאָר גרויס...

— אַזוי? וואָס רעדט איר? אויב אַזוי איז דאָך טאַקע אַ שרעק, פּחד־פּחדים ממש! — מאַכט ר' שלמה־שעיה אַ שטאַרק באַטריבטער — און איך האָב מיר שוין געמאַכט גאָר־גאָר אַנדערע פּלענער.

— דהיינו, וואָס?

— איך האָב געהאַט שוין בדעה צו ווערן אַ תושב אין ארץ־ישׂראל, מיסטער פּערלמאַן. פאַר פּרנסה, געלויבט דעם וואָס־לעבט־אייביק, דאַרף איך זיך נישט זאָרגן. מיינע ביזנעס אינדערהיים קאָנען אָנגיין אָן מיר אויך. מיין זון, דער לאַיער, „נעמט קער" אויף אַלץ. און קיין יונגערמאַנ־טשיקל בין איך שוין אויך נישט. איז פאַרוואָס טאַקע נישט באַזעצן זיך דאָ און אויסלעבן ס'ביסעלע יאָרן, וויפל ס'איז באַשערט, אין הייליקן לאַנד, האַ? כ'האָב שוין אפילו וועגן מיין פּלאַן אָוועקגעשריבן צו מיין זון, דעם לאַיער, קיין אַמעריקע. אַצינדערט, אָבער, ווען כ'הער פון אייך, מיס־טער פּערלמאַן, ווי די סכנה איז דאָ גרויס, בין איך שוין מבולבל...

מיסטער פּערלמאַן האָט געלאָזט ר' שלמה־שעיהן זיך אויסרעדן און געלאָסן געענטפערט:

— מיסטער בערשאַדער, אוודאי איז ישוב ארץ־ישׂראל זייער אַ וויכ־טיקער ענין. ארץ־ישׂראל דאַרף יידן און יידן דאַרפן ארץ־ישׂראל! ווען, למשל, כ'בין איצט יינגער מיט אַ פּערציק יאָר, לפּחות, וואָלט איך גאָר־נישט געטראַכט קיין סך און זיך באַזעצט דאָ און מיט לייב־און־לעבן גע־האָלפן בויען ס'לאַנד. ביי אונדזער עלטער, אָבער, איז שוין גאָר אַן אַנדער פראַגע. פאַראַן אַן ענגליש ווערטל: „נישטאָ קיין רויך אָן פייער". ס'אַ שטאַרקער רויך איצט אין ארץ־ישׂראל, און קיינער ווייסט נישט ווען די שׂרפה קאָן אויסברעכן. איז אין צייט פון אַ שׂרפה טאָרן יענע, וואָס קאָ־נען נישט לעשן דאָס פייער, זיך נישט פּלאָנטערן פאַר די פיס, איר פאַרשטייט?...

— צי כ'פאַרשטיי? כ'פאַרשטיי איך שוין גאָר גוט, מיסטער פּערל־מאַן! איז זאָגט מיר, כ'בעט אייך, ווי לאַנג דענקט איר נאָך דאָ צו שטיין?

— נישט לאַנג. פרייטיק, אם־ירצה־השם, וועל איך גיין מאַכן „רע־זערוויישאַנס" אויף דער שיף צו פאָרן אַהיים.

— אויב אַזוי, וועל איך אויך, מירצעשעם, טאָן דאָס זעלבע, מיסטער פּערלמאַן. כ'דאַרף נאָר באַזאָרגן די וויזע פאַר מיין ירושלימער אַרבע־טער, דעם טליתניק, וועלכן כ'וויל מיטנעמען מיט זיך. כ'האָב אייך שוין דאַכט מיר, דערציילט וועגן אים...

ווען ר׳ שלמה־שעיה איז געקומען צוריק אין האָטעל אַריין, האָט ער געטראָפן אַ בריוו פון זיין מעקסעלען פון ניו יאָרק. הגם ער האָט גע־וואוסט, אַז דאָס איז נאָך נישט קיין ענטפער אויף זיין בריוו, ווייל ס׳קאָן אַזוי גיך נישט זיין קיין ענטפער, פונדעסטוועגן האָט ר׳ שלמה־שעיה שנעל אויפגעריסן דעם קאָנווערט און נייגעריק גענומען לייענען דעם בריוו. דאָס בייגעלע פּאַפּיר מיטן געדרוקטן נאָמען פון זיין אַמעריקאַנער פירמע פון אויבן האָט אויף אים איצט אַ וויע געטאָן עפּעס מיט אַ באַזונדער זי־כערקייט און באַשיצטקייט — זיין אַמעריקע!

מעקסעלע האָט געשריבן, אַז ס׳פרייט אים צו הערן, אַז ארץ־ישראלער לופט ווירקט אַזוי גוט אויפן טאַטנס געזונט. איצט זעט ער, מעקסעלע, אַז די לופט פון ארץ־ישראל מאַכט נישט נאָר קלוג נאָר אויך געזונט. און ר׳האָפט, אַז דער טאַטע וועט קומען אַהיים מיט באַנייטע כוחות.

אגב, שרייבט מעקסעלע, האָט ער לעצטע וואָך געגעבן אַ „דאָנעישאָן״ צו קויפן דאָ „אַמונישאָן פאַר פּאַלעסטיין״. זיין פריינט דער לאָיער טע־נענהאָלץ, דער „רעוויזיאָניסט״ פון זשאַבאָטינסקיס פּאַרטיי, האָט אים דערציילט בסוד־סודות, אַז מ׳מוז שיקן געוועער צו באַוואָפענען די יוגנט דאָרטן, מחמת דער מופטי פון איין זייט און ענגלאַנד פון דער צווייטער זייט מאַכן פּראָפּאַגאַנדע קעגן די יידן, און די אַראַבער שאַרפן זיך שוין די ציין, זיי זאָלן עס נישט דערלעבן גאָר. זאָל טאָקע דער טאַטע שרייבן וואָס ס׳גייט אָן אין לאַנד...

פאַרענדיקט האָט מעקסעלע זיין בריוו דערמיט, אַז ער ציילט שוין די טעג צו זען זיי, דעם טאַטן און די מאַמען, אין דער היים געזונט. ער אַליין איז שטאַרק מיד. שווער צו „אַטענדען״ אַלע ביזנעסן מיטאַמאָל אָן עין־הרע. און ער האָפט, אַז ווען דער טאַטע וועט קומען אַהיים, וועט ער, מעקסעלע מיט זיין סיידין, פאָרן קיין בערמודע אויף אַ מאָנאַט „וואַקיי־שאָן.״

דערווייל זאָל דער טאַטע נישט זאָרגן. אַלץ איז אָלרייט. דער „סטאָק מאַרקעט״ איז אייזן, וואָלסטריט „בומט״, און „ריעל עסטייט״ וואַקסט ווי אויף הייוון...

— וואָס לייענסטו עפּעס נאָר זיך אין בויך אַריין שלמה־שעיה? — מאַכט בתיה־ראָכצע — לייען הויך און לאָמיך אויך הערן וואָס מעקסעלע שרייבט פון דערהיים!

ר׳ שלמה־שעיה האָט איבערגעלייענט מעקסעלעס בריוו פאַר זיין וויב, וועלכע האָט אַליין נישט געקענט לייענען קיין געשריבנס, און אַ זאָג גע־טאָן אַ צופרידענער:

— נו געלויבט דער אייבערשטער, אַ טייערן גרוס פון דערהיים! דו ווייסט, בתיה־ראָכצע, פרייטיק מירצעשעם, גיי איך מאַכן „רעזערוויישאָנס״

אויף דער שיף און באַזאָרגן די וויזע פאַרן אַרבעטער פון ירושלים, און מיר'ן זיך נעמען גרייטן צום פאָרן אַהיים, מיסטער פערלמאַן פאָרט אויך אַהיים...

בתיה־ראָכצע האָט אַ שטעל געטאָן אירע אויסגעבאָלעכטע אויגן אויף שלמה־שעיהן און אַ צופרידענע אַ שמייכל געטאָן אין איר דאָפּלטן גוידער אַריין. איר האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן פון שמחה. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזל'דיקער!...

ג

פרייטיק אינדערפרי זענען שלמה־שעיה בערשאַדער און מיסטער פערלמאַן געגאַנגען רעזערווירן קאַבינעס אויף דער שיף „לויתן" צו פאָרן אַהיים. און געוואויר געוואָרן זענען זיי, אַז זיי וועלן מוזן וואַרטן אויף זייער ריי כמעט אַ חודש צייט.

זייערע שיפסקאַרטן הין־און־צוריק זענען געווען פאַרן צווייטן קלאַס, און זיי זענען געווען גרייט צו דערצאָלן פאַר ערשטן קלאַס. אָבער אויך אין ערשטן קלאַס זענען די קאַבינעס געווען באַשטעלט פאָרויס פאַר אַ לאַנ־גער צייט.

אַמעריקאַנער פּראָספּעריטי האָט געקנאַקט מיט דער לאַנגער בייטש, דער אַמעריקאַנער דאָלאַר איז געשטיגן ביזן הימל, און די אויסלענדישע „וואַלוטע" איז געפאַלן עד שאול־תחתיה. האָבן אַ סך אַמעריקאַנער זיך צע־לאָזט אויף לוסטרייזעס אין ערשטע און צווייטע קלאַסן קיין אייראָפּע און אין אַלע עקן־וועלט פאַר אַ „גוד טיים".

און אפילו די דריטע קלאַסן זענען דעמאָלט געווען געפּאַקט. אַמע־ריקע האָט נאָר־וואָס געהאַט דורכגעפירט אַ „קוואָטע" אויף אימיגראַנטן, אין וועלכער די „נאָרדיקס" זענען געוואָרן די מיוחסים. און צווישן די הויפּט־מיוחסים זענען געווען די דייטשן. אָנקל סעם איז באַלד נאָך דער מלחמה געוואָרן קוצעניו־מוצעניו מיטן דייטש און גענומען אים קעכלען, ווי מ'קעכלט אַן אײדימל אויף קעסט, לחלוטין פאַרגעסן דעם „דייטשן־באַר־באַריזם", ווידער געוואָרן להוט נאָך דער „דייטשער ציוויליזאַציע", און געשטאַנען מיט אָפענע אָרעמס אַריינצונעמען די דייטשע אימיגראַנטן. אין דעם דריטן קלאַס אויף אַלע שיפן קיין אַמעריקע האָבן זיך געפונען ס'רוב דייטשן און דייטשקעס מיט דייטשע קנאַק־וואורשטלעך און פּעסלעך ביר...

ר' שלמה־שעיה און מיסטער פערלמאַן האָבן קיין ברירה נישט גע־האַט און געמוזט וואַרטן אויף זייער שיף.

דערווייל איז דער מצב אין ארץ־ישראל געוואָרן ערגער. די אומ־

רו גרעסער. דער מופטי האָט געגומען פאַרשפּרייטן זיין גיפט פון יידן־שנאה נישט נאָר צווישן די פּאַלעסטינער אַראַבער, נייערט אין אַלע אַראַבישע מדינות אַרום. ער האָט ארומגעשוועבט ווי דער אַשמדאי מיט זיינע מח־בלים און פאַרזייט אומעטום זיין סם־המוות.

יידן האָבן מיט פלייס און ליבע געפלאַנצט, און אַראַבער האָבן מיט רישעות און שנאה אויסגעריסן. יידן האָבן מיט שווייס און בלוט געבויט, און אַראַבער האָבן מיט אכזריות און ווילדקייט צעשטערט. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע גרויל־פּאַסירונגען. היינט האָט מען געפונען אַ געטויטן ייד, מאָרגן האָט מען געפונען צוויי טויטע אַראַבער.

דאָס לעבן אין לאַנד איז געוואָרן שווער אפילו פאַר די אַלטע תוש־בים, און ממש אומדערטרעגלעך פאַר די נייע איינוואוינערס, די אָנגע־לאָפענע פון פוילן. די וואָס האָבן נאָך געהאַט אַביסל אָפּגעשפּאָרטע מזו־מנים, האָבן אויפגעגעסן די לעצטע פרוטה. און יענע וואָס האָבן גאָר־נישט פאַרמאָגט, זענען איינגעגאַנגען פון נויט. ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער געלאָף פון ארץ־ישראל צוריק קיין פוילן.

שואליק הר־שלום האָט באַקומען אַ בריוו פון זיין פאָטער פון וואַר־שע. שואליקס פאָטער, ר׳ שמעון פרידבערג, אַ פרומער גערער חסיד, אַ הייסער אָנהענגער פון דער „אגודת ישראל״, איז פון תמיד געווען אַש־להבה אויפן „ציוניזם״. ביי אים, ווי ביי אַלע אגודהניקעס איז אפילו דער רעליגיעזער „מזרחי״ אויך געווען אפיקורסיש. אַ פרומער ייד דאַרף האָבן אמונה אין „ביאת המשיח״ און טאָר נישט וועלן „דוחק את הקץ״ זיין. ווען שואליק איז געוואָרן אַ חבר פון דער „מזרחי״, איז עס ביי זיין פאָטער געווען אַ טראַגעדיע. שואליק האָט פאַרשטאַנען זיין פאָטער און אים מיטגעפילט. ער האָט דעם פאָטער איינגענומען מיט שכלדיקע און פרומע רייד. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז די איינציקע כוונה זיינע, שואליקס, איז רק צו מקיים זיין די מצווה פון ישוב ארץ־ישראל. ער האָט אים דער־וויזן שוואַרץ אויף ווייס אין תלמוד בבלי און ירושלמי, אין פוסקים ראשונים און אחרונים, דעם רמב״ם, דעם ווילנער גאון, דעם בעל־שם־טוב, ווי וויכטיק ס׳איז די מצווה פון ישוב ארץ־ישראל. איי וואָס ס׳האָבן זיך אין אָט דער מצווה אָנגעכאַפּט מער פרייע ווי פרומע יידן? מעג מען דען פאַרווערן אפילו דעם גרעסטן אפיקורוס צו מקיים זיין אַ מצווה? אדרבא, מ׳דאַרף שטאַרקן זיינע הענט!...

אָט אַזוי פאַמעלעכן, מיט ישוב־הדעת, האָט שואליק באַוויזן אָפּ־צושוואַכן זיין פאָטערס קעגנערשאַפט אויף אַזוי פיל, אַז ווען ער, שואליק, האָט באַשלאָסן צו פאָרן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל, האָט דער פאָטער אים געגעבן אפילו צו שטייער אויף הוצאות־הדרך.

ווען ס׳איז געוואָרן די בהלה פון דעם צוריק־געלאָף פון ארץ־יש־

ראל, האָבן די פרומע קעגנער פון ציוניזם געזען דערין אַ „פינגער פון גאָט". אין די חסידישע שטיבלעך האָט מען גערעדט, אַז דאָס איז אַ „רמז מן השמים", אַז דער דור איז נישט ראוי פאַר גאולה...

ר' שמעון פרידבערג האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געגלויבט אין דעם רמז פון הימל, און ער האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער זען אויך זיין שואליקן צוריק אין דער היים. ער האָט דערום אָנגעשריבן צו שואליקן אַ בריוו בזה הלשון:

„בעהשי"ת.

„לכבוד מיין טייערן זון, די גלוסטיקייט פון מיין האַרצן, שואל, נרו יאיר.

„דאָס לעבן און דער פרידן איז מיט אונדז אַ דאַנק דעם ה' אָס־לעבט־אייביק. מיר זאָלן זוכה זיין דאָס נעמלעכע צו הערן פון דיר.

„כאשר אַזוי ווי צו אונדזערע אויערן האָט געטאָן דערגרייכן די שלעכטע בשורה, אַז די האַנט פון שונא טוט זיך שטאַרקן אין ארץ־ישראל, און די סכנה איז גרויס, און די פרנסה איז געשלאָגן, און מענטשן טוען פון דאָרטן אַנטלויפן, ווי מ'אַנטלויפט פון אַ שרפה, חס ושלום, און אַ סך האָבן זיך שוין צוריקגעקערט קיין פוילן און זיי טוען דערציילן שרעקלעכע זאַכן, וואָס אַז מ'הערט זיי, טוען קלינגען ביידע אויערן, על־כן טו איך איילן מיט גרויס איילעניש דיר צו שרייבן אָט דעם בריוו.

„געדענקען טוסטו אוודאי געדענקען, מיין טייערער זון, וואָס איך פלעג דיר זאָגן, אַז יידן טאָרן נישט וועלן פאַרלויפן משיחן דעם וועג, ווי נאַרישע קינדער טוען לויפן פאַרויס די קלעזמער, גייענדיק צו אַ חופה. יידן דאַרפן געדענקען די הייליקע ווערטער פון תהילים: „אם השם לא יבנה בית, שוא עמלו בוניו בו", אויב דער רבונו־של־עולם אליין וועט נישט בויען זיין הויז, וועלן די בויערס זיך באַמיען אומזיסט.

„איז אַקעגן וואָס דערמאָן איך דיר דאָס? אַקעגן דעם, וואָס מיר זעען אַצינדערט ממש באַשיינפערלעך, אַז דער הימל איז נישט פוסט, און קיין זאַך טוט זיך נישט אָן השגחה.

„הנה, זיי וויסן, מיין ליבער זון, אַז הגם די גאַנצע צייט זינט דיין אָפּפאָרן פון דער היים איז די בענקעניש אונדזערע גרויס און דער שלאָף איז אָפּגעטאָן געוואָרן פון אונדזערע אויגן, דאָך האָבן מיר אַלץ מקבל געווען באהבה. אַצינדערט אָבער, אַז ס'לאַנד איז אין מצב פון סכנה, בין איך אויף דיר גוזר מיט דער גזירה פון כיבוד־אב, אַז דו זאָלסט קומען צוריק אַהיים. און דער אויבערשטער זאָל דיך איבערפירן בשלום ווי ס'בענטשן דיך דיינע עלטערן.

ממני אביך שמשון".

*

אין דער זעלבער וואָך האָט אויך ר' שלמה־שעיה בערשאַדער באַקומען אַ בריוו פון זיין זון פון אַמעריקע.

מעקס האָט דערוואַרט צו הערן פון זיין פאָטער, אַז ער קומט שוין אינגיכן אַהיים. ווען ער האָט אָבער געקראָגן פון אים דעם בריוו מיט דער ידיעה, אַז ער קלייבט זיך גאָר צו פאַרבלייבן אין ארץ־ישראל, איז ער ממש געפּלעפט געוואָרן. פון איין זייט הערט מען נישט קיין גוטע נייעס פון ארץ־ישראל, ס׳איז זייער אומרויק דאָרט. און פון דער צווייטער זייט שרייבט דער פאָטער, אַז ער פּלאַנט זיך צו באַזעצן דאָרטן. איז וואָס זאָל עס מיינען? פאַרשפּרייט מען דאָ אין אַמעריקע אומיסטן אַזעלכע אומרויקע קלאַנגען כדי מ׳זאָל אַרויסשלעפּן וואָס מער דאָלאַרן ביי יידן? אַ פּאָליטיק אַזאַ? עפּעס לייגט זיך עס נישט אויפן שכל. זיין פריינט, דער לאָיער שענענהאָלץ, דער רעוויזיאָניסט, איז א מענטש אויף וועמענס וואָרט ער קאָן שטעלן. און אַז יענער זאָגט, אַז מ׳דערוואַרט אומרוען אין ארץ־ישראל, מעג ער אים גלויבן. מ׳דאַרף דעם טאַטן צוויילן צו קומען אַהיים...

און מעקס האָט אָנגעשריבן דעם פאָטער אַ קורצן און שאַרפן בריוו בזה הלשון:

„צו מיינע טייערע עלטערן, זאָלן לעבן!

„דיין לעצטער בריוו, פאָטער, איז געווען פאַר מיר אַ „שאָק". אַז דו ביסט באַגייסטערט פאַרן הייליקן לאַנד קאָן איך פאַרשטיין, נאָר אַז דו זאָלסט פּלוצים באַשליסן צו בלייבן דאָרט וואוינען, קאָן איך בשום אופן נישט באַנעמען. אפילו ווען ארץ־ישראל זאָל שוין זיין אינגאַנצן אין יידישע הענט, װאָלט נאָך אויך געהערן אַ גרויסע פראַגע צי ס׳איז גלייך פאַר דיר איבערצולאָזן אַמעריקע און גיין ווערן אַ תושב דאָרט. װער שמועסט איצט, אַז די לאַגע איז דאָרט אַן אומזיכערע, איז דאָך אַוודאי פאַר דיר קיין פּלאַן נישט צו טראַכטן אפילו דערפון. כ׳האָב דיר אין מיין פריערדיקן בריוו געשריבן, אַז דאָ זאַמלט מען געלט צו באַוואָפענען די יוגנט אין ארץ־ישראל צו זיין גרייט פאַר יעדן אינצידענט, װאָס קאָן יעדע רגע אויסברעכן צװישן די אַראַבער און די יידן. די לעצטע טעג רעדט מען דאָ זייער שטאַרק, אַז „פּאַלעסטיין" איז אַ פּולװערפאַס. איז ווי קאָנסטו אפילו איין איבעריקן טאָג דאָרט בלייבן?

„על־כן, טייערער פאָטער, בעט איך דיך און װאָרן דיך, אַז דו זאָלסט גלייך אַוועקװאַרפן אַלע דיינע סענטימענטן. זע, מאַך װאָס שנעלער רעזערװאַציעס אויף דער שיף און קום אַהיים געזונט אַזוי שנעל װי מעגלעך.

„האָפנדיק צו זען דיך און די מאַמע אין דער היים געזונט,

אייער מעקס".

פּ. ס., אגב, די אידייע װעגן דעם ירושלימער טליתניק, איז מיר זייער געפעלן, דער „שאַפּ" קאָן נוצן אַ נייע „האַנט". הנ"ל".

קאַפּיטל פיר

א

שואליק הר־שלום איז די לעצטע צייט אַרומגעגאַנגען אַ צעשרויפּטער, אַ צערודערטער. ס׳איז אים געווען שטאַרק אָנגעזאָלצן אויף דער נשמה. ס׳גאַנצע לעבן זיינס איז אים נישט ניחא געווען.

זינט ער איז צו זיין שכל געקומען, האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געפרעסן אַזאַ פּאַרדרוס ווי איצט דערפון, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן מער מוח־מענטש ווי כוח־מענטש.

ער האָט געדענקט ווי ער פלעגט נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן ליידן דערפון. אַנדערע יינגלעך האָבן געהאַט שטאַרקע הענט, האַרטע קולאַקעס, און זענען תמיד געווען גרייט צו דערלאַנגען קלעפּ און כאַפּן קלעפּ. ער, אָבער, שואליק שמשונס, איז בלויז געווען אַ „קנאַקער" אין חדר ביים רבינס טיש, ביים סידור, ביים חומש־מיט־רש״י, ביי דער גמרא. נאָר אין גאַס צווישן די יינגלעך, איז ער געווען אַ נישטיקל, אַ שוואַך־באַשע־פעניש. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ קלאַפּ און איז אַנטלאָפן פאַר אַ געשלעג, ווי פאַר אַ פייער. די יינגלעך האָבן אים דערפאַר גערופן „דאָס ניונקעלע", געלאַכט און געשפּאָט פון אים, ליב געהאַט אים צו יאָגן מיט שרעק, ווי מ׳יאָגט אַ קראָליק. און ער, שואליק, פלעגט זיך שעמען בבושת־גנב.

איצט אַלס אַ צוויי־און־צוואַנציק יעריקער בחור, אַ דערוואַקסענער מענטש, האָט שואליק געליטן דערפון נישט נאָר בושה, נאָר, נאָכמער, פאַר־דרוס און ווייטאָק. געווען מאָמענטן, ווען ער איז זיך אַליין נמאס־ומאוס געוואָרן.

ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל צו „בויען און געבויט ווערן", ווי עס זינגט זיך אין דעם חלוצים־ליד און — זען זעט ער, אַז נישט ער קאָן בויען און נישט ער קאָן געבויט ווערן. אַלץ וואָס ער קאָן, איז לערנען אַ בלאַט גמרא און אויסאַרבעטן אַ שיינעם טלית. אָבער ארץ־ישראל דאַרף איצט אַ סך־אַ סך וויכטיקערע זאַכן ווי די. אפילו מיט זיין איבערגעגעבנ־קייט צו דעם אידעאַל פון „סאָציאַלן יושר" און „רעליגיעזן מוסר" קאָן ער אויך דאָ קיין סך נישט אויפטאָן. פאַראַן דערצו אַ סך גרעסערע קעמפער פון אים.

ארץ־ישראל נויטיקט זיך אין פעסטע אָרעמס, אין שטאַרקע הענט, וואָס קאָנען אויסהאַקן פעלדזן, אויפרייסן וויסטע ערד, קנעטן ציגל און בויען בנינים. בפרט אצינד, ווען דאָס לאַנד שטייט אין סכנה, נויטיקט עס זיך אין געזונטע, בראַווע יונגען, וואָס קאָנען האַלטן אַ ביקס און קאָנען קוקן

דעם טויט גליידך אין די אויגן אַריין. און ער, שואליק, איז אַלץ פאַר־בליבן דאָס זעלבע „ניונקעלע", וואָס אַמאָל.

געוואַלד געשריגן, ווי האָט ער גאָר געקאָנט, נישט־מיר, נישט־דיר, מסכים זיין צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל און אָננעמען אַ שטעלע אין אַמע־ריקע? אמת, זיין אָנקל, דער תל־אביבער מעקלער, האָט דאָס אים איינ־געריעדט און מטעים געווען, אַז די שטעלע אין אַמעריקע איז אויך לטובת ארץ־ישראל. ער, שואליק, וועט בלויז „מאַכן" אַ פאָר טויזנט דאָלאַר אין אַמעריקע און זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל און דאָ עפענען אַן אייגענע טליתים־פאַבריק. אָבער דער אמתער אמת איז דאָך, אַז דאָס איז בלויז אַ תירוץ פאַר די בענטש־ליכט. דאָס הייסט בלויז אַריינלייגן די טומאה אין דער קדושה. מילא יענער, דער אָנקל זיינער, איז אַ פשוטער מעקלער מיט אַ מעקלערשער נשמה. אָבער ער, שואליק, וואָס האָט געלאָזט זיך איבער־רעדן פון אים, איז דאָך אַ פחדן אַ „בורח", אַ דעזערטיר, נישט בעסער פון די אַנדערע „פוילישע עולים", די שאַכער־מאַכערס, וועלכע אַנטלויפן איצט צוריק אַהיים.

ניין, „יעבור עלי מה", זאָל מיט אים טרעפן וואָס ס'זאָל נישט זיין, ער טאָר נישט אַנטלויפן פון דאַנען. ער מוז בלייבן דאָ אין ארץ־ישראל און פאַרטרייבן פון זיך זיין פחדנות און זיין שוואַכקייט. אָט וועט ער פאָרן קיין תל־אביב און בפירוש טאַקע מודיע זיין דעם ר' שלמה־שעיה בער־שאַדער, אַז ער קאָן בשום אופן נישט אָננעמען ביי אים די שטעלע אין זיין טליתים־שאָפ אין אַמעריקע!..

שואליק האָט אָבער אָפגעלייגט דאָס פאָרן קיין תל־אביב פון טאָג אויף טאָג. אַלס פרומער יונגערמאַן, איז ביי אים אַ וואָרט געווען הייליק, און אַ תקיעת־כף אוודאי אַ הייליקער ענין. גוט איז ווען יענער איז דיר מוחל. אָבער טאָמער עקשנט זיך איין דער אַמעריקאַנער ר' שלמה־שעיה און וויל נישט מוחל זיין בשום אופן, וואָס קאָן ער, שואליק, דעמאָלט טאָן? וועט דען דער אַמעריקאַנער פאַרשטיין, אַז ער, שואליק, קאָן ביי זיך נישט פועלן צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל אין אַ שעת־הדחק?...

ווען שואליק האָט באַקומען דעם בריוו פון זיין פאָטער, אין וועלכן ער איז אויף אים גוזר בגזרת כבוד־אָב צו קומען אַהיים, איז אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. איצט האָט ער דאָך אַ כשרן טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל. ר' שלמה־שעיה וועט איצט זען, אַז ער, שואליק, ברעכט נישט זיין תקיעת־כף גלאַט אַזוי, נייערט צוליב כבוד־אָב, און ער וועט אים געוויס מוחל זיין במחילה גמורה.

איי, וואָס וועט ער טאָן נאָכדעם? ווי אַזוי קאָן ער עובר זיין אויפן פאָטערס גזרה טאַקע? איז ווען ער וועט שוין פאָרטיק ווערן מיט דעם ר'

שלמה־שעיהן, וועט ער דעמאָלט האָבן אַ ישוב וואָס צו ענטפערן אויפן פאָטערס בריוו...

אין דעם זעלבן פרימאָרגן, ווען שואליק הר־שלום איז געקומען קיין תל־אביב, האָט גראָד ר׳ שלמה־שעיה באַקומען אַ ידיעה פון דעם אַמע־ריקאַנער קאָנסולאַט, אַז די וויזע פאַר זיין אַרבעטער איז באַוויליקט, און ער זאָל מוחל זיין קומען צוזאַמען מיט דעם שאול הר־שלום צו נעמען די פאַפּירן מיט דער דערלויבעניש אַריינצוקומען קיין אַמעריקע אויף אַ יאָר צייט.

— אַ, עליכם שלום, שואליק! — האָט זיך ר׳ שלמה־שעיה דערפרייט איבער אים — ביזט אַנגעקומען סאַמע אין צייט. אַ סימן טאַקע, אַז ס׳וועט זיין מיט מזל, מירצעשעם. כ׳האָב ערשט געקראָגן די ידיעה אַז דיין וויזע איז גרייט, און כ׳האָב דיר געוואָלט טעלעפאָנירן, אַז דו זאָלסט גלייך קו־מען. מיר׳ן טאַקע באַלד גיין אין קאָנסולאַט!

— עס טוט מיר זייער לייד, ר׳ שלמה־שעיה — מאַכט שואליק ווי אַ פאַרשולדיקער — כ׳מוז אייך זאָגן, אַז כ׳וועל די וויזע נישט קאָנען אויסנוצן!...

— וואָס מיינסטו, שואליק?

—פשוט. איך קאָן נישט פאָרן קיין אַמעריקע!

— דווקא אצינד?

— יאָ, דווקא אַצינד!

— פאַרוואָס? האָסט מורא איבערצולאָזן דאָ דיינע גיטער, וואָס?...

— כ׳האָב באַקומען אַ בריוו פון מיין פאָטער, זאָל לעבן, און ר׳איז אויף מיר גוזר, כ׳זאָל קומען אַהיים. אָט איז דער בריוו. לייענט איבער ר׳ שלמה־שעיה, וועט איר זען!

— כ׳דאַרף נישט לייענען. כ׳גלויב דיר אויפן וואָרט. אָבער, זאָג מיר נאָר, שואליק, האָסטו געשריבן דיין פאָטער, אַז דו האָסט אַ געלעגנהייט צו פאָרן קיין אַמעריקע? האַ?

— דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך אים נאָך נישט געשריבן וועגן דעם.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר וואָס איך אַליין האָב די גאַנצע צייט אַ „מוסר כליות״. ס׳פּלאָגט מיך דער געוויסן. כ׳עס זיך אויף אַ לעבעדיקער דערויף, וואָס איך האָב גאָר לכתחילה דערצו איינגעשטימט. אַ יונגערמאַן אין מיינע יאָרן טאָר אין דער איצטיקער צייט נישט פאַרלאָזן ארץ־ישראל...

— הייסט עס דאָך, אַז דו אַליין האָסט חרטה, — מאַכט שוין ר׳ שלמה־שעיה אויפגערעגט — צו וואָס זשע דאַרפסטו מיר אָנגעבן דעם תירוץ, אַז ס׳איז צוליב דיין פאָטערס בריוו?

— גלויבט מיר, ר׳ שלמה־שעיה, אַז איידער כ׳האָב באַקומען דעם בריוו

פון מיין פאָטער איז מיר געווען זייער שווער צו קומען צו אייך בעטן, איר זאָלט מיר מוחל זיין מיין תקיעת־כף...

— הער מיך אויס, שואליק! — באַרויקט זיך ר׳ שלמה־שעיה און נעמט רעדן מיט גוטן — בויטן דיך קאָן איך נישט. צו קיין דין־תורה וועל איך דיך נישט רופן. קיין אוצרות שטייען מיר דאָ נישט צו פאַרלירן. איכ׳ל דיר אויסזאָגן אַ סוד. איך אַליין האָב אויך געהאַט בדעה צו פאַרבלייבן דאָ אַ תושב. זינט אָבער די לעצטע אומרוען אין לאַנד, האָב איך מיין מיינונג געביטן. אַצינד, אין אַזאַ צייט, איז קיין פּלאַן נישט פאַר אַזעלכע ש ו וא כ ע פאַרשוינען ווי מ י ר, צו זיין דאָ. אמת, דו ביסט נאָך אַ יונגערמאַן, אָבער לאָמיר זיך נישט נאַרן. קיין חלוץ ביסטו דאָך נישט. קיין גרויסער שיסער אויך נישט. איז וואָס קאָנסטו אויפטאָן פאַר ארץ־ישראל אצינד? ווידער, זיך אומצוקערן אין דעם וויסטן, פינצטערן, אַנטיסעמיטישן פּוילן מיט די באַיקאָטן אויף יידן, איז אויך פאַר דיר קיין פּלאַן נישט. אוודאי ווילן טאַטע־מאַמע האָבן זייער קינד נעבן זיך. אָבער וואָס דערוואַרט ד י ך דאָרט אין דעם פּוילישן גיהנום? איז עס דאָך, דאַכט מיר, אַ גליק פאַר דיר צו האָבן אַזאַ שעת־הכושר צו קאָנען פאָרן אין דער פרייער אַמעריקע אויף אַ גרייטער שטעלע. דו קאָנסט שטיין דאָרט אַ יאָר און צוויי און קומען צו אַ תכלית און קאָנען פאַרזאָרגן זיך אַליין און אפשר דיינע עלטערן אויך!...

שואליק האָט אַלץ אויסגעהערט מיט האַלב־געשלאָסענע אויגן. ער האָט גוט באַנומען, אַז ר׳ שלמה־שעיה רעדט „דברים של טעם״. און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— איר זענט אוודאי גערעכט, ר׳ שלמה־שעיה. אָבער ווי קאָן איך עובר זיין אויף מיין פאָטערס גזרה? „כבוד אָב״!

— שאַ, ווייסטו גאָר וואָס, שואליק? — טוט ר׳ שלמה־שעיה אַ פליעסקע מיט די הענט — דו קאָנסט אָוועקשיקן אַ טעלעגראַם מיט אַ באַצאָלטן ענטפער, אויף מיינע הוצאות, צו דיין פאָטער, און לאָמיר הערן וואָס ער וועט זאָגן מכח דעם פּלאַן צו פאָרן קיין אַמעריקע. נו?...

— כ׳מיין, ס׳א גלייכער געדאַנק!

דער ענטפער אויף שואליקס טעלעגראַם איז געווען קורץ און שאַרף:
„פאָר געזונט און גאָט זאָל באַגליקן דיין וועג!״

ביידע, סיי ר׳ שלמה־שעיה און סיי שואליק האָבן זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

דערווייל האָבן זיך פון צפת געגומען פאַרשפּרייטן איבערן לאַנד „קבלה־רמזים״ וועגן דער גאַנצער וועלט בכלל און וועגן יידן בפרט.

„די זעאונג״ פון די צפתער מקובלים האָבן טאָקע אָנגעטריבן שווערע פינצטערע וואָלקנס וועגן די אָנקומענדיקע „חבלי משיח״, הריגות און שחיטות אויף דער וועלט און צרות מיט ענויים קשים אויף יידן, רחמנא

ליצלן. אָבער אונטער די וואָלקנס איז געלעגן אַ רעגנבויגנדיקער אונטער־שלאַק, וואָס האָט פאָרויסגעזאָגט גרויסע ישועות און נחמות אויף יידן און אויף דעם יידישן לאַנד...

הערנדיק די גרוסן פון הייליקן צפת, האָט ר׳ שלמה־שעיה נישט גע־קאָנט ביי זיך מאַכן רעכט אַוועקצופאָרן פון ארץ־ישראל און נישט האַלטן כאָטש איין שבת אין צפת. און ווען ער איז געוואויר געוואָרן, אַז אַ גאַנצע „חברה" פאָרן מיט אַן אָטאָבוס, באַגלייט פון שומרים, קיין צפת, האָט ר׳ שלמה־שעיה זיך אויך איינגעשטעלט און געפאָרן מיט זיי.

דער וויזיט אין צפת איז ביי שלמה־שעיהן ווערט געווען אַן אוצר. ער האָט געדאַוונט שבת אין דעם בית־מדרש פון די גרעסטע מקובלים און זיך אָנגעהערט אַזוי פיל רמזים אויף דער גאולה, אַז זיין האַרץ האָט געפלאַטערט פון פרייד.

קומענדיק בשלום צוריק פון צפת, איז ר׳ שלמה־שעיה געווען אַזוי אַנטציקט, אַז ער האָט, פאַקעווענדיק זיינע וואַליזקעס אין וועג אַריין, גע־טראַכט ביי זיך, אַז איצט פאָרט ער אַהיים קיין אמעריקע נאָר לפי־שעה, „עד יעבור זעם". און, בלי נדר, אַזוי שנעל ווי ס׳וועט זיך ווידער איינשטעלן מנוחה אין לאַנד, וועט ער, מיט גאָטס הילף, קומען צוריק אַהער לעולם ועד...

ב

עס איז געווען די וואָך פון ערב שבועות. כאָטש די פרילינג־צייט אין ארץ־ישראל איז נאָך נישט אַריבער, דאָך איז אָנגעלאָפן אַ שטאַרקע חמימה, אַ ווילדע היץ־כוואַליע, ווי פון אַ „חמסין", וואָס לויפט אַן פון דער מדבר. אינדרויסן האָט געברענט, ווי אין אַ קאַלכאויוון. אין שטוב האָט גע־פאַרעט ווי אין אַ שוויצבאָד. מ׳האָט געקייכט און געפרייכט ווי די גענז. שווער געווען צו אָטעמען. אייניקע זענען אַנטלאָפן צום ים־ברעג זיך אָפּ־קילן, אַנדערע זענען געזעסן נאַקעט הינטער אַראָפּגעלאָזטע פאָרהאַנגען אין הויז.

נאָכמיטאָג איז די היץ געוואָרן נאָך שטאַרקער. ר׳ שלמה־שעיה איז געזעסן אַ צעכראַסטעטער מיטן טלית־קטן אויפן הוילן העמד און גע־פרוווט אָנשרייבן עטלעכע שורות, אַן ענטפער מעקסעלען קיין ניו יאָרק. דער מוח איז אָבער ביי אים געווען פאַרטעמפּט. דער קאָפּ ווי אָנגע־גאָסן מיט בליי. די אַמעריקאַנער „פאַונטנפען" האָט געמייקעט. דאָס פּאַפּיר האָט זיך געקלעפּט און געקלעקט. ער האָט אַ פאַרשוויצטער אַוועקגעלייגט די פען און אַ זאָג געטאָן צו זיין בתיה־ראָכצען, וועלכע איז געלעגן אויפן בעט מיט אַן אַרויסגעטלעפעטער צונג און געסאָפּעט ווי אַ גאַנז:

— וואָס מוטשע איך זיך צו׳נ׳אַלדע גוטע יאָר, זאָג מיר? צו וואָס אַ בריוו? קיין פרטים דאַרף איך דאָך נישט שרייבן. דער עיקר איז דאָך

נאָר צו לאָזן וויסן מעקסעלען, אַז מיר פאָרן אַהיים. איז גענוג אַ „קייבל״ און „דאַצאָל״!

— אָ־ל־ר־יי־ט... — האָט בתיה־ראַכצע אַרויסגעבורטשעט.

ר׳ שלמה־שעיה האָט אַ קוועטש געטאָן ס׳קנעפּל פונעם עלעקטרישן גלעקל ביי דער טיר. דער האָטעל־משרת איז אַריינגעלאָפן.

— „סעי בעלבאָי״, — מאַכט ר׳ שלמה־שעיה צו אים — קענסט שרייבן ענגליש?

— אַביסל קען איך, מיסטער בערשאַדער, וואָסי־דען?

— שרייב מיר אָן אַ קייבל קיין אַמעריקע!

— טוב מאד! וואָס שרייבן?

ר׳ שלמה־שעיה האָט צו אים אַ רוק־געטאָן ס׳פּאַפּיר מיט אַ בליי־שטיפט.

— שרייב: „דיין בריוו מקבל געווען. מיר פאָרן נעקסטע וואָך מיטן „לויתן״.

דאָס בחורל האָט עס אָנגעשריבן מיט אזוינע שיינע „געדרוקטע״ אותיות, אַז ר׳ שלמה־שעיה האָט זיי ממש אָנגעטאַפּט.

ווי נאָר ר׳ שלמה־שעיה האָט אַראָפּגעוואָרפן אָט דעם עול פון זיך, האָט ער געוואָלט נעמען אַ קאַלטן „שפּריץ״ און כאַפּן אַ דרימל. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און שואליק הר־שלום איז אַריין:

— שלום עליכם, ר׳ שלמה־שעיה.

— עליכם שלום, שואליק, — האָט זיך שלמה־שעיה דערפרייט מיט אים — גוט האָסטו געטאָן, וואָס ביזט געקומען. כ׳האָב דיר טאַקע געוואָלט טעלעפאָנירן. די שיף וועט, מירצעשעם, אָפּגיין דעם צווייטן טאָג נאָך שבועות. אַלזאָ, ביזט גרייט אין וועג אַריין?

— מוכן ומזומן!

— זאָג מיר, שואליק, איז אין ירושלים אויך אַזאַ חמימה?

— ניין אין ירושלים איז קילער, מחיה נפשות. דאָ אין תל־אביב איז דאָך ממש אַ שוויצבאָד. ווי נאָר כ׳האָב אָפּגעוואָרפן מיינע זאַכן ביים אָנקל אין הויז בין איך גלייך אַוועקגעלאָפן צום ים כאַפּן אַ שווים. אָבער וואָס העלפט עס? אַרויס פון וואַסער און ווידער אַריין אין גיהנום. כ׳גיי נאָך אין באָד־קאָסטיום און כ׳וויל ווידער גיין זיך באָדן. פאַרוואָס זאָלט איר אויך נישט גיין צום ים, ר׳ שלמה־שעיה?

— אַ, וואָס? יאָ, מיט דיר וועל איך גיין, שואליק — כאַפּט ר׳ שלמה־שעיה זיין זיידענעם שלאָפראָק אויף זיך, אַ האַנטוך אויפן אָרעם, און אַ קיליעמל אויפן אַקסל — קום!

די פּליאַזשע ביים ים איז געווען פאַרפּלייצט מיט מענטשן, דער ים־

ברעג איז געווען באַשפּרענקלט מיט קעפּ. ס׳איז געשטאַנען אַ ליאַרם און אַ געפּילדער אַרום־און־אַרום.

ר׳ שלמה־שעיה האָט גענומען זוכן אַ פרייַ שטיקל פּלאַץ אויסצושפּרייטן ס׳קיליעמל, און אָט האָט ער דערהערט אַ רוף:

— מיסטער בערשאַדער! קומט אַהער. אָט איז דאָ אַ פּלאַץ!

ער נעמט קוקן פון וואַנען דער רוף קומט און דערזעט ווי מיסטער פּערלמאַן מאַכט צו אים מיט דער האַנט.

— האַלאָ, מיסטער פּערלמאַן! גיי וויס, אַז איר וועט אויך דאָ זיין!

— ס׳דאַך נישט מעגלעך איינצוזיצן אין הויז אין דער חמימה.

— געפּערלעך. מ׳קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן. יאָ, מיסטער פּערלמאַן, באַקענט זיך מיט מיין מענטשן, שואל הר־שלום! — ווייזט שלמה־שעיה אָן אויף זיין מיטגייער.

— אָ, דאָס איז דער יונגערמאַן, דער טליתניק פון ירושלים, וואָס איר׳ט מיר דערציילט וועגן אים? שלום, שלום, מר הר־שלום!

ר׳ שלמה־שעיהס זאָג: „באַקענט זיך מיט מיין מענטשן״ האָט שואליקן אַ שטאַרקן גרילץ געטאָן אין אויער. ר׳האָט נישט געקאָנט סובל זיין אָט דעם אָנרוף, מיט וועלכן באַלעבאַטים האָבן אָנגערופן זייערע אָנגעשטעל־טע. ביי אים האָט דאָס געקלונגען ווי אַ מיאוס איבערבלייבעכץ פון די שקלאַפּעריי־צייטן, ווען אַ שקלאַף איז געווען נישט זיין אייגענער מענטש, נאָר דעם אייגנטימערס מענטש. ס׳אַראַ פּחיתות־הכבוד אָנצורופן אַן אָנגעשטעלטן „מיין מענטש״. די צונג האָט אים געביסן צו זאָגן דאָס שלמה־שעיהן גלייך. ר׳האָט זיך אָבער באַדענקט, אַז ס׳נישט די צייט און נישט דאָס פּלאַץ דערפאַר. ר׳האָט בלויז אַ זאָג געטאָן מיט אַ געצוואונ־גענעם שמייכל צו מיסטער פּערלמאַן:

— מיסטער בערשאַדער האָט מיר אָפּגעגעבן צופיל כבוד, אָנרופנדיק מיך „זיין מענטש!״ עס איז אַ צו הויכע מדרגה, דענק איך...

— נישט תמיד איז מענטש אַ הויכע מדרגה, — מאַכט מיסטער פּערל־מאַן לומדיש משכיליש — איר ווייסט דאָך, אין העברעיש זענען פאַראַן פיר מדרגות: „אָדם — אַ נידעריקע מדרגה; „גבר״ — נאָך אַ העכערע מדרגה; „איש״ די העכסטע מדרגה. געווענדט זיך וואָס מיסטער בער־שאַדער האָט געמיינט...

— אוודאי די העכסטע מדרגה! — מאַכט ר׳ שלמה־שעיה.

— אַ שיינעם דאַנק אייך! — מאַכט שואליק ערנסט — אָבער כ׳וועל זיין צופרידענער, ווען איר׳ט מיך פאַרשטעלן אַלס אייער אַרבעטער. דער נאָמען „אַרבעטער״ איז אַ גאַנץ בכבודיקער. מיין פּאַרטיי רופט זיך טאַקע דערפאַר „דת ועבודה״, רעליגיע און אַרבעט...

ר׳ שלמה־שעיה איז געוואָרן נערוועז. אָט דער שמועס האָט אים כלל

נישט געשמעקט. „אַרבעט" און „אַרבעטער" האָט אים תמיד דערמאָנט די „יוניע" און „סאָשעליזם", וואָס ער האָט געהאַסט, ווי דעם טויט. ר'האָט אַ טראַכט געטאָן: הגם שואליקס פּאַרטיי איז אפּנים אַ פרומע, פאַרקניפּט מיט רעליגיע, אָבער קוים דערמאָנט ער „אַרבעט" און „אַרבעטער", איז עס שוין אויך פידרעך...

— איר ווייסט שוין מסתמא, מיסטער פּערלמאַן, אַז אונדזער שיף גייט אָפּ דעם צווייטן טאָג נאָך שבועות, מירצעשעם, האַ? — האָט ר' שלמה־שעיה פאַרדרייט דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג.

— אוודאי ווייס איך, מיסטער בערשאַדער. כ'האָב שוין אפילו נעכטן אַוועקגעשיקט אַ קייבל אַהיים.

— יאָ? כ'האָב אויך נאָר־וואָס אָפּגעשיקט אַ קייבל צו מיין מעקסעלען.

מיסטער פּערלמאַן האָט אָבער געוואָלט פאָרזעצן זיין שמועס מיט שואליקן. און ער האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— אין וואָסער קלאַס פאָרט איר, מר הר־שלום?

— איך פאָר אין דריטן קלאַס. און ווייסט איר פאַרוואָס?

— יאָ, פאַרוואָס?

— דערפאַר וואָס ס'נישטאָ קיין פערטער! — שפּאַסט שואליק — פאַר אונדז, אַרבעטער, איז דער דריטער קלאַס אויך צו טייער...

דערהערט ווידער ס'וואָרט אַרבעטער, האָט ר' שלמה־שעיהן אַ נו־דיע געטאָן און ער האָט געגעבן אַ נערוועזן צוק מיט אַן אַקסל?

— נו, ווער גייט אין וואָסער אַריין?

— איך בין שוין מיד! — מאַכט מיסטער פּערלמאַן, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקט.

— קומט! איך גיי מיט אייך, באַלעבאָס! — רופט שואליק אים אומיסטן מיט אָט דעם נאָמען צום ערשטן מאָל.

— ניין, ניין, שואליק, כ'האָ' נישט ליב, אַז מ'רופט מיך באַלעבאָס אָדער „באָס"!

— און איך האָב נישט ליב אַז מ'רופט מיך „מיין מענטש"! — לאַכט שואליק.

— הע, ביסטו אַ חברה־מאַן! — טוט שלמה־שעיה אויף אים אַ פיל־באַדייטנדיקן קוק, שפּאַנענדיק מיט אים צום וואָסער.

נאָכן אָפּבאָדן זיך זענען אַלע דריי געלעגן אויף די קיליעמלעך און געמיטלעך געשמועסט וועגן די נייעסן אין לאַנד.

די זון האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן נידעריקער אין מערב־זייט. פון ים האָבן קילע ווינטלעך גענומען בלאָזן. אַלע דריי מאַנסבילן האָבן זיך גענומען אָפּווישן מיט די טערקישע האַנטוכער, זיך אָנגעטאָן און זיך גע־לאָזט צוריק אין שטאָט אַריין.

אויפן וועג האָבן זיי דערזען אַ געלאַף. פּאָליציייליייט האָבן געפּייפט און געטריבן דעם לויפנדיקן עולם פון מיטן גאַס צו די טראָטואַרן.

— וואָס לויפט מען? וואָס איז געשען?

— ביים טויער פון יפו האָבן אַראַבער פאַרפירט אַ געשלעג מיט יידישע יונגעלייט פון תל־אביב. דער סוף איז געווען, אַז מ׳האָט די אַראַבער פאַרטריבן. נאָר איין יידן און איין אַראַבער האָט מען אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל שטאַרק צעשלאָגענע...

צונאַכט־צו איז די לופט געוואָרן קילער. פרישע ווינטלעך האָבן געבלאָזן דורך די אָפענע פענצטער אין האָטעל־צימער. נאָר ר׳ שלמה־שעיה האָט מיט קיין אויג נישט געקאָנט צוטאָן. מחשבות און מחשבות אָן אַן עק, נישט אָפּצוטרייבן זיי גאָר. אָט וואָלט ער וועלן, אַז די עטלעכע טעג זאָלן שוין וואָס שנעלער איבערפליען, ער זאָל שוין זיצן אויף דער שיף און פטור ווערן פון די פחדים דאָ. און אָט נעמט ס׳האַרץ אים נאָגען און ציען. ארץ־ישראל איז אים פאַרט איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן. און אַז ער דערמאָנט זיך, אַז ער וועט ווידער באַלד אַריינפאַלן אין דעם ניו יאָרקער עולם־התוהו, דערפילט ער אַ מין סאָרט אומעט און בענקשאַפט, ווי אַמאָל אין זיין קינדהייט, ווען ער פלעגט אָפּפאָרן פון אַ פריילעכער חתונה און צוריק אין חדר אַריין. אמת טאַקע, אַמעריקע איז, ברוך־השם, אַ פריי לאַנד און אַ זיכער לאַנד. טוט ער אָבער אַ פאַרגלייך די הייליקייט און די יידישקייט דאָ אין ארץ־ישראל מיט דער וואָכעדיקייט און גוי׳אישקייט אין אַמעריקע, טוט עס אים אַ צופּ ביי דער נשמה. און ס׳טוט אים אַזוי שטאַרק באַנק צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל. בלויז דער שבת אין ארץ־ישראל האָט שוין די ווערט כל־הגעלטן. פון פרייטיק אָן פילט מען דאָך דאָ שוין דעם שבת־קודש אין יעדן ווינקעלע. און דאָרט אין ניו יאָרק טרעט מען דעם שבת מיט די פיס. אין זיין חסידים־שטיבל אויף ריווינגטאָן סטריט איז טאַקע שבת — שבת. נאָר קוים טרעט מען איבער די שוועל אין גאַס אַריין, אַזוי דערזעט מען גלייך די פושקאַרדס און מ׳דערהערט ווי די יידישע פּעדלערס ליאַרמען און געוואַלדעווען אויף יידיש: „ווייבער, ווייבער, מציאהס, מציאהס ווייבער!״ ווי גלייך ס׳איז גאָר, חלילה, קיין שבת נישטאָ אויף דער וועלט... און — ווידער צוריק, דאַרף מען אוודאי קושן די אַמעריקאַנער ערד. וואו נאָך אין דער וועלט איז פאַראַן אַזאַ טייערע, ליבע, פרייע מדינה, וואו אַ מענטש קאָן מיט די הוילע צען פינגער זיינע מאַכן אַ פאַרמעגן? ווי רופט עס מעקסעלע, ס׳לאַנד פון „אָפּאָרטונעטע״. גאָט ווייסט דעם אמת, אַז ער האָט ליב אַמעריקע מיט אַלע אירע חסרונות!...

ערשט פאַרטאָג, ווען ס׳האָט שוין געגומען בלויען אין די פענצטער, האָט ר׳ שלמה־שעיה איינגעדרימלט.

ג

דאָנערשטיק אינדערפרי, ערב שבועות, איז צו ר׳ שלמה־שעיהן אין האָטעל אַריינגעקומען שואליק הר־שלום און אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, ר׳ שלמה־שעיה, ס׳איז נאָר־וואָס אָנגעקומען קיין תל־אביב אַ געהויבענער גאַסט פון צפת!

— פון צפת? ווער אַזוינס?

— דער מקובל, דער מהרי״ש! און ס׳אַ סברה, אַז ער וועט היינט ביינאַכט זאָגן תורה צו „תיקון ליל שבועות״.

— יישר־כח, שואליק! ס׳איז ביי מיר טאַקע אַ גרויסע בשורה.

— איין קלייניקייט, דער מהרי״ש! כ׳וואָלט געגאַנגען מיילן צו הערן תורה פון זיין הייליקן מויל. כ׳לערן תמיד זיין קבלה־ספר „רזין דאור־רייתא״, און וואָס מער כ׳גראָב זיך דאָרט, אַלץ מער סודות־התורה געפין איך ביי אים...

— וואועססס? דו, שואליק, האָסט אַ נטיה צו קבלה?

— יאָ, ר׳ שלמה־שעיה! מיין טאַטעשי, זאָל מאַריך ימים זיין, איז אַ שטיק מקובל, און איך אַליין לערן אויך קבלה, אויף וויפל איך קען נאָר...

— אַזוי די מעשה? ביסטו, הייסט עס, גאָר פון אַנשי־שלומנו? אַבי איך האָב ע...

ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך פאַרכאַפּט. נישט פאַרענדיקט וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. און זאָגן האָט ער איצט געוואָלט, אַז ער, שלמה־שעיה, איז געווען אַ „חושד בכשרים״. ער האָט אים, שואליקן, חושד געווען, אַז ער איז אַ ביסעלע געכאַפּט אין דער מעשה. מחמת ווי ער האָט אייערנעכטן ביים ים־ברעג אַריינגעוואָרפן קוידערישע ווערטער מכוח „אַרבעט און אַרבעטער״, האָט עס געקלונגען נישט אַנדערש, נאָר אַז ער איז פון „יענער חברה״.

— כע־כע, פון אַט דער דאָזיקער מעלה דיינער, שואליק, האָב איך לחלוטין נישט געוואוסט! — לייגט שוין ר׳ שלמה־שעיה אַרויף אַ וואַרימע האַנט אויף שואליקס אַקסל און מאַכט צו אים שוין נישט מעשה־באַ־לעבאָס, נאָר ווי איין חסיד צום צווייטן — אויב אַזוי, האָב איך דאָך מיט דיר, ברוך־השם, טאַקע אַריינגעטראָפן. דו ווייסט גאָרנישט ווי דו ביסט איצטער ביי מיר נתעלה געוואָרן, שואליק. איך וועל דאָך איצט ברענגען אַ מתנה צו מיין חברה „אמוני ישראל״ אין דער היים!

— ס׳אַראַ חברה איז עס, ר׳ שלמה־שעיה?

— די חברה פון מיין חסידים־שטיבל אין ניו יאָרק. מיר זענען נישט קיין גרויסע מקובלים. אַפילו קיין קליינע אויך נישט. מיר זאָגן זוהר. אַצינד אָבער וועלן מיר דיך האָבן פאַר אַ רבין צו לערנען טאַקע.

— עט! — טוט שואליק זיך עניוותדיק אַ קנייטש — עט, כ׳בין ווייט פון צו קענען זיין אַ רבי אין קבלה!

— ניש׳קשה, ניש׳קשה! כ׳זע שוין, אַז דו ביזט אַ „נחבא אל הכלים״. דו באַהאַלטסט זיך, שואליק...

ביז איצט איז דער שמועס געפירט געוואָרן שטייענדיק. איצט האָט ר׳ שלמה־שעיה געבעטן שואליקן זיצן. ער האָט אַרויסגענומען פון קאָמאָדע־שופלאָד אַ פלאַש בראָנפן מיט צוויי גלעזלעך, אַ טעצעלע מיט קיכלעך, צוגעטראָגן צום טיש, זיך אַוועקגעזעצט אַקעגן, אָנגעגאָסן פאַר שואליקן און פאַר זיך.

— לחיים, שואליק!

— לחיים טובים ולשלום, ר׳ שלמה־שעיה!

ר׳ שלמה־שעיה האָט איצט פאַרבעטן שואליקן צו־זיין זיין גאַסט צו דער יום־טובדיקער סעודה אין האָטעל.

שואליק האָט ר׳ שלמה־שעיהן נישט געקאָנט אָפּזאָגן. ער איז געגאַנגען מיט אים דאַווענען, פאַרבליבן צו דער אָוונט־סעודה און נאָך דער סעודה זענען זיי ביידע אַוועק אין בית־מדרש אַריין צו זאָגן „תיקון־שבועות״. עס איז אָנגעקומען אַהין אַ גרויסער עולם צו הערן דעם מהרי״ש.

דער בית־מדרש איז געווען באַפּוצט מיט גרינס און געשמעקט מיט פרישע גראָזן און בלומען. עס זענען געהאַנגען אויסגעפלאָכטענע מגן־דודס פון גרינע צווייגן.

דער עולם האָט גענומען זאָגן תיקון שבועות. אַ סך זענען געבליבן שטיין אינדרויסן פאַרן בית־מדרש. און ווייל דער ערשטער טאָג שבועות איז אויסגעפאַלן אין אַ וואָכנטאָג, האָט מען געהרויכערט.

שעה נאָך שעה איז אַריבער. ס׳איז שוין לאַנג געווען נאָך חצות. דער עולם אינעווייניק אין בית־מדרש האָט שוין באַוויזן אָפּצוזאָגן תורה, נביאים, כתובים און די זעקס סדרים משניות. מיד פון זאָגן, זענען אַ סך אַרויס אינדרויסן צו כאַפּן פרישע לופט און אַ רויכער טאָן. דער עולם אינדרויסן איז געווען מיד וואַרטנדיק. מ׳האָט פרובירט צו טרעפן:

— וועט דער מהרי״ש עפּעס זאָגן, אָדער נישט?

— כ׳האָב מורא, ר׳וואַרט אויף דער דריטער אשמורה! — שפּאַסט אַ פּאָעט.

— ס׳איז רעכט ביי אַזאַ מקובל, ווי דער מהרי״ש, ר׳זאָל זיך פאַרטיפן אין „תיקון״ און פאַרגעסן אין אַלע גליקן!... — שפּאַסט אַ צווייטער פּאָעט.

די שטערן האָבן זיך שוין גענומען לעשן. די פאַרטאָגיקע בלויקייט האָט גענומען פאַרבן די בית־מדרש פענצטער, ווי מיט לאַזור. דער עולם איז געבליבן זיצן שלעפעריק־שטיל און געקוקט צום ארון־קודש, וואו דער מהרי״ש איז געזעסן פאַרטיפט, שאָקלענדיק זיך איבערן ספר־תיקון.

דער מהרי״ש האָט אפּנים דערפילט די שטילקייט אַרום אים, און אַ זאָג געטאָן צום רבֿ, וואָס איז געזעסן לינקס פון אים:

— דער עולם, ווייזט אויס, איז שוין פאַרטיק מיטן תּיקון...

— שוין לאַנג! מ׳וואַרט נאָר צו הערן עפּעס פון מהרי״ש!

— איי־איי־איי! — האָט זיך דער מקובל אַ כאַפּ געטאָן — ״טירחא דציבורא״!...

ער האָט אַ גרינגן קלאַפּ געטאָן אויפן ספר און גלייך אָנגעהויבן זאָגן מיט דעם מאמר פון ספר יצירה: ״ברא עולמו בשלשה ספרים, בספר בסופר וספור״ — דער אייבערשטער האָט באַשאַפן זיין וועלט מיט דריי ספרים: מיט ״ספר״, מיט ״סופר״ און מיט ״ספור״. ער האָט גענומען געבן צו פאַרשטיין על־פּי קבלה דעם חילוק צווישן אָט די דריי ספרים, און וואָס איטלעכער ספר פון זיי האָט צוגעטראָגן צום באַשאַף פון דער וועלט. נאָכדעם האָט ער געבראַכט דעם מאמר חז״ל, אַז ״דער אייבערשטער האָט אויסגענומען אַ תּנאי מיטן באַשאַף: אויב ישׂראל נעמט אָן די תּורה — וואָס איז כולל אַלע דריי ספרים — וועט די וועלט האָבן אַ קיום; אויב נישט, וועט ער ווידער מאַכן פון דער וועלט אַ תּוהו־ובוהו. און נאָך אַ לאַנגן, טיפן שמועס וועגן די ״צען ספירות״ האָט ער פאַרענדיקט: ״דער מאור־התורה באַשטייט פון די דריי ליכט: ספר, סופר און ספור. מיט דער תּורה־שיין פון אָט די ליכט ווערן באַלויכטן אַלע וועלטן; אָן דער תּורה־שיין, רחמנא לצלן, ווערט אַ חשכות און תּוהו־ובוהו. און אָט דאָס מיינט דער זוהר הקדוש ״רזאָ דחשמל פנימאה עילאה טמיר וגניז״, דער סוד פון דער אינעווייניקס־טער און פאַרבאָרגענער שיין, — די ״ניצוצין־קדישין״, די הייליקע פונקען פון דער תּורה־שיין וואָס באַלויכטן דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף...

ווען דער מקובל האָט געענדיקט, האָט דאָס גאָלד פון דער אויפגייענ־דיקער זון זיך שוין געשמעלצט אויף די בית־מדרש שויבן, און דער עולם האָט אויפגעוואַכט, ווי פון אַ טראַנס.

ר׳ שלמה־שעיה איז געווען אויסער זיך פון התלהבות און אַ זאָג געטאָן צו שואליקן:

— כ׳לעבן, אַז כ׳וואָלט אַוועקגעגעבן מי יודע וויפל צו קאָנען זיצן און הערן אָט די סודות־התורה! כ׳דערמאָן זיך, אַז כ׳דאַרף אַוועקפאָרן פונדאַנען, כאַפּט מיך אָן אַן אומעט און אַ בענקעניש, ווי דו זעסט מיך אַ יידן!...

קאַפּיטל פינף

א

די שיף איז אָפּגעגאַנגען זונטיק אָוונט. ס׳איז געווען אַ פּרעכטיקער ארץ־ישראלער אָוונט. דער חיפה־פּאָרט האָט געבלינצלט מיט כישוף־אײי־געלעך. דער כרמל־באַרג האָט געצויבערט מיט ליכט־פּיערלעך. די רײ־זיקע שיף איז געשטאַנען פֿאַראַנקערט ביים האָפן און באַהעפט צו דער יבשה מיט הילצערנע בריקלעך, ווי מיט נאָפּל־שנורן. פּאַסאַזשירן מיט פּעקלעך אין די הענט האָבן איילנדיק געשפּאַנט אַרויף. טרעגערס האָבן געטאַס־קעט און געפּירט געפּעק. ביי די פּאַרענטשעס פון דער שיף, זענען גע־שטאַנען אָפּפאָרנדיקע פּאַסאַזשירן, מענער און פרויען, און געשמייכלט צו זייערע באַגלייטערס. קרובים און פריינט זענען געשטאַנען ביים האָפן אַקעגן זיי און געענטפערט מיט שמייכלען און מיט הענט־באַוועגונגען.

ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער האָט מיט זיין בתיה־ראַכצען שווער ארויפגעשפּאַנט אויפן משופּעדיקן בריקל צו דעם דעק פון צווייטן קלאַס. דער סטואַרד האָט זיי אַריינגעפירט אין זייער קאַיוטע. בתיה־ראַכצע האָט אַ מידע זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט, און שוין נישט געוואָלט אַרויסגיין צוריק. ר׳ שלמה־שעיה איז אַליין אַרויס אויפן דעק און זיך גע־שטעלט נעבן דער פּאַרענטשע צו כאַפּן אַ לעצטן בליק אויף ארץ־ישראל.

מיטאַמאָל האָט זיך די פיבערישע באַוועגונג אָפּגעשטעלט. די ברײ־קלעך זענען אָפּגעקייטלט און פּאַררוקט געוואָרן. די אָפענע טיילן פון די שיף־פּאַרענטשעס זענען צוגעקייטלט און פאַרמאַכט געוואָרן. די גרויסע שיף־קוימענס האָבן אַרויסגעלאָזט גראָבע זיילן רויך. די שיף האָט געטאָן אַ ברומענדיקן, באַסאָווען פּייף און שווערלייביק, גענומען זיך רירן פון אָרט, ווי אַ פּאַרצייטיקע, ריזיקע היה.

צווישן עולם אויפן דעק איז אויך געשטאַנען ר׳ שלמה־שעיה און געקוקט ווי דער פּאָרט דערווייטערט זיך, די ליכט־פּייערלעך לעשן זיך, דאָס הייליקע לאַנד פאַרשווינדט, און ס׳האַרץ האָט אים גענומען נאָגן פון בענקשאַפט.

לאַנג־לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען אַ פאַרבענקטער. ווען ער איז אַריין אין זיין קאַיוטע, האָט ער שוין געטראָפן בתיה־ראַכצען שלאָפנדיק און שנאָרכענדיק אויף אַלע כלים.

— איר איז גוט. קיין שום זאַך אַרט איר נישט. קיין שום זאַך איג־טערעסירט איר נישט!... — האָט ר׳ שלמה־שעיה מיט דערווידערונג אַ שעפּטשע געטאָן צו זיך אַליין, גענומען לייענען קריאת־שמע און זיך אויך געלייגט שלאָפן.

מיד פון אַרומלויפן דעם גאַנצן טאָג, איז ער איינגעשלאָפן געשמאַק.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך גאַנץ־פרי, ווי ער איז געוואוינט געווען. ער האָט אַ קלונג געטאָן צום סטואַרד און אים געבעטן אויפוועקן מיסטער פּערלמאַנען און אים רופן צום דאַווענען.

אין שיף־שולכל איז קיין מנין נישט געווען. בלויז ניין מענטשן, שוין מיט דעם משגיח אויף דער כשרער קיך. קיין צענטער איז נישט גע־קומען. געווען דווקא נאָך יידן אין צווייטן קלאַס, נאָר זיי זענען נאָך גע־שלאָפן געשמאַק.

ס׳איז געווען מאָנטיק, אַ יום־הקריאה. ס׳האָט זיך זייער נישט גע־וואָלט דאַווענען אין אַזאַ טאָג ביחידות. ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— שאַט, יידן, איך האָב דאָך אַ צענטן! ר׳איז שוין געוויס אויפגע־שטאַנען!

— גוט. זאָגט מיר דעם נומער פון זיין קאַבינע, וועל איך שיקן דעם סטואַרד אים רופן! — זאָגט דער כשרות־משגיח.

— ער פאָרט אין דריטן קלאַס, פאָרט ער!

— אָ, ס׳טוט מיר לייד, מיסטער בערשאַדער — מאַכט דער משגיח — מ׳לאָזט נישט אַרויף קיין פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס אין צווייטן קלאַס אַריין.

— נישט צו פאַרברענגען דאָ; נאָר בלויז דאַווענען במנין!

— אַז ס׳איז פאַרבאָטן איז דאָך נישט שייך!...

— זאָגט מיר, רבי ניימאַן, ווי איז דער דין, אַז איך וויל פונדאַנען אַראָפּגיין אין דריטן קלאַס, מעג איך?

— יאָ, דאָס איז דערלויבט, מיסטער בערשאַדער!

— נו, אַ גרויסן דאַנק דעם אייבערשטן כאָטש פאַר דעם דאָזיקן חסד!

— מאַכט ר׳ שלמה־שעיה מיט אַזאַ מינע, ווי גלייך דער משגיח איז שול־דיק פאַר די שיף־געזעצן.

שפּעטער האָט זיך דער מנין דווקא יאָ איינגעגעבן. ס׳האָבן זיך אָפּ־געזוכט אַ פּאָר יידן צו קומען דאַווענען. ר׳ שלמה־שעיה איז געווען דער־פון שטאַרק צופרידן. אָבער נאָך צופרידענער איז ער געווען, וואָס ער האָט געקאָנט אַראָפּגיין אין דריטן קלאַס און דאָרט פאַרברענגען מיט זיין שואליקן.

יעדן טאָג באַלד נאָך פרישטיק פלעגט טאַקע ר׳ שלמה־שעיה אַראָפּ־גיין צו אים, און איטלעכס מאָל פלעגט ער שואליקן טרעפן זיצנדיק איבער אַ ספר.

אין דריטן קלאַס האָט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק. אין הויפּט־זאַל און אין אַלע דורכגענג האָט מען באַגעגנט אויסגעפּאַשעטע דייטשן און דייטשקעס. עס האָבן זיך קוים דורכגעוואָרפן פּאַסאַזשירן פון אַנדערע פעל־קער. אין דער לופט האָט זיך בלויז געטראָגן די דייטשע שפּראַך און

דייטשיש געזאַנג און דייטשיש געלעכטער.ביים שענק־טיש, ביי דער „באַר", זענען געזעסן דייטשן און געזויפט שוימענדיקן ביר און געפּראַוועט מיאוסע שטיק מיט די דייטשקעס.

ווען ר' שלמה־שעיה פלעגט דורכלויפן צווישן יענעם עולם, זעענדיק דעם קלות־ראש, און טרעפן זיין שואליקן אין דער קאַיוטע איבער אַ ספר, פלעגט ער אַלעמאָל אַ טראַכט טאָן: רבונו־של־עולם, זע דעם חילוק צווישן יעקב און עשו. די עשוס זיצן און שיכורן. און יעקב זיצט און לערנט...

ר' שלמה־שעיה פלעגט יעדן טאָג מיטברענגען מיט זיך זיין „חק לישראל" און בעטן שואליקן צו לערנען מיט אים צוזאַמען דעם טעגליכן שטיק „זוהר" פון דער סדרה. און וואָס אַ טאָג האָט ר' שלמה־שעיה געזען, אַז דער שואליק איז טאַקע אַ בקי אין זוהר. אַן אמתער מקובל. און וואָס מער ער האָט אים דערקענט, אַלץ חשובער איז שואליק ביי אים געוואָרן, און ער האָט אים שוין אַנדערש נישט גערופן ווי נאָר זיין שואליק...

— איר הערט, מיסטער פּערלמאַן — האָט ר' שלמה־שעיה זיך באַרימט — איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז מיין שואליק איז אַזאַ מין „אַנטיקל", אַ מקובל גדול, זאָג איז אייך...

אין די עטלעכע טעג אויף דער שיף האָט זיך די בענקשאַפט נאָכן הייליקן לאַנד ביי ר' שלמה־שעיהן גענומען צו ביסלעך אויסוועפּן.

די רייזע איז געווען אַ זייער פאַרגעניגנדיקע. דער ים איז די גאַנצע צייט געווען רויק און שטיל. דער וועטער איז געווען שיין און וואַרעם. די רייכע, לוקסוסדיקע שיף „לויתן" האָט זיך געגליטשט אויף די שטילע וואַסערן פונעם אַטלאַנטיק, ווי אויף צעשמאָלצענער פּוטער. מ'האָט געגעסן געשמאַק. געשלאָפן גוט. געוואַרעמט זיך אויפן דעק אָקעגן דער מחיהדיקער זון. דער תענוג פון די איצטיקע טעג אויפן ים האָט געמאַכט פאַרגעסן דעם תענוג פון די פאַרגאַנגענע טעג אין ארץ־ישראל.

אָבער נאָך מער האָט שואליק גורם געווען צו מאַכן ר' שלמה־שעיהן פאַרגעסן אין זיין בענקעניש. איטלעכס מאָל נאָך זיין פאַרברענגען מיט שואליקן אויף דער שיף האָט ר' שלמה־שעיה זיך גענומען פאַרשטעלן דעם גרויסן תענוג, וואָס ער וועט האָבן אין דער היים, ווען ער וועט ברענגען דעם שואליקן אַלס מתנה פאַר זיין חברה „אמוני ישראל"...

און מערקווירדיק. די גאַנצע צייט פון דער רייזע האָט גאָר ר' שלמה־שעיה קיין איין מאָל נישט אַ טראַכט געטאָן, וואָס פאַר אַ געווינס שואליק קאָן זיין פאַר דעם „הייליקן שאָף" זיינעם. עפּעס ווי גלייך ער וואָלט אינגאַנצן פאַרגעסן צוליב וואָס ער ברענגט שואליקן קיין אַמעריקע. דערמאָנט האָט אים וועגן דעם זיין מעקסעלע דער לאַיער. און געווען איז עס אין לעצטן טאָג פון דער רייזע.

מעקסעלע האָט געוואָלט דעם טאַטן פאַרשאַפן אַ נחת־רוח, האָט ער אים געשיקט אַ ראַדיאָגראַם פון ניו יאָרק. דעם ראַדיאָ־דעפּעש האָט מען ר׳ שלמה־שעיהן אָפּגעגעבן פּונקט ביים פרישטיק. מעקסעלע האָט גע־שריבן: „ער וואָרט שוין אומגעדולדיק צו באַגעגענען טאַטע־מאַמע. אַלץ איז אָלרייט. ביזנעס איז גוט. אין „שאָפּ" איז „ביזי". ער האָפט, אַז דער טאַטע פירט מיט זיך דעם אַרבעטער פון ירושלים. מ׳קאָן אים איצט „יוזען"! און געחתמעט האָט ער זיך: „שאַלאָם, מעקס".

ר׳ שלמה־שעיהס פנים האָט זיך צעשיינט פון גרויס הנאה. הנאה פון זיין מעקסעלען, הנאה פון דעם „שאַלאָם". הנאה פון דעם, וואָס אַלץ איז אָלרייט. און נאָכמער הנאה פון דעם, וואָס דער שאָפּ וועט איצט ווערן „לעילא ולעילא" מיט אַזאַ אַרבעטער ווי שואליק...

ר׳ שלמה־שעיה האָט ווי עפּעס מיטאַמאָל דערוואַכט. ס׳האָט זיך אין אים צעפלאַקערט די אַלט־אַלטע ליבע צו זיין „הייליקן שאָפּ". ער האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער זיין אין שאָפּ און זיך נעמען צו דער אַרבעט.

די שיף איז שוין געווען אַ פיר־פינף שעה פון ניו יאָרק, נישט מער. אָבער פאַר ר׳ שלמה־שעיהן האָבן די שעהן זיך געצויגן לאַנג, אַן אַ שיעור. ער איז געוואָרן שטאַרק אומגעדולדיק.

— כ׳ווייס נישט, וואָס ס׳איז דער מער מיטן „לויתן" — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיסטער פּערלמאַנען, — עפּעס האָט ער גענומען גיין מיט שבת־טריט. שלעפּט זיך ווי אַ טשערעפּאַכע...

אַ פּאָר מייל פאַר ניו יאָרק זענען אַלע פּאַסאַזשירן אַרויס אויף די דעקן פון דער שיף צו כאַפּן וואָס גיכער אַ קוק אויף די הימל־קראַצערס. אַ רויטע, פאַרגייענדיקע זון האָט באַגאָסן מיט איר גאָלד די „פרייהייט סטאַ־טוע" מיט דער אויפגעהויבענער „הבדלה" אין דער לופטן. אַ סך האָבן זיך גענומען שטופּן צום פראָנט פון דער שיף, און באַגייסטערט אויסגע־שריען:

— אוי, אַמעריקע, געבענטשט זאָלסטו זיין!...

ב

דער יוני־אָוונט איז געווען אַ הייסער, אַ שטיקנדיקער. ווי נאָר די פּאַסאַזשירן פון דער שיף „לויתן" האָבן גענומען אַראָפּשפּאַנען אויף די בריקלעך צום „פּיער", האָבן זיי גלייך דערפילט דעם הייסן אָטעם פון דער קאָכעדיקער שטאָט ניו יאָרק.

ווי ברייט און לאַנג דער „פּיער" איז געווען, איז דאָרטן דער גע־דראַנג געווען אומגעהויער גרויס. ס׳האָבן זיך געפּלאָנטערט מענטשן אָן אַ שיעור, זיך געשטופּט און געשפּאַרט איינער פאַרן אַנדערן.

דער ריזיקער „פּיער" איז געווען האַלב איבערצאַמט מיט אַ באַריער

פון הילצערנע שטאַכעטן. פון דער אויסערלעכער זייט זענען מענטשן געשטאַנען ווי אַ דיקע וואַנט, זיך געשטופּט נענטער צו די שטאַכעטן, כדי צו קאָנען דערזען זייערע אָנקומענדיקע אייגענע. פון דער אינעווייניקסטער זייט האָבן געאײַלט און געפּאַדיעט הונדערטער אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן און זיך געשפּאַרט פאָרויס, כדי צו דערזען די וואַרטנדיקע. פון ביידע זייטן שטאַכעטן האָבן זיך מענטשן דערקענט, זיך איבערגערופן ביי די נעמען, און זיך איבערגערעדט הילכיק אויף פאַרשיידענע לשונות.

די רעגירונגס־באַאַמטע — מיט אָפּיציעלע אָדלער־אינסיגניעס אויף דער לינקער זייט פון דער ברוסט און מיט גרינע־דורכזיכטיקע דאַשקעס איבער די שטערנס — זענען געשטאַנען ביי באַלויכטענע שרייבטישן ביי דעם באַריער, און לויט דער ריי, בודק געווען די „פּאַפּירן" פון די אָנ־געקומענע פּאַסאַזשירן. אַנדערע באַאַמטע זענען געשטאַנען ביי די הויפּנס געפּעק, געהייסן די פּאַסאַזשירן עפענען זייערע וואַליזעס און סאַקוואַיאַזשען און זיך איין זיי געראַיעט צו געפינען זאַכן פאַר שטייער־אָפּצאָל...

ר׳ שלמה־שעיה האָט פונווייטנס דערזען זיין מעקסעלען און אַ ווּוף געטאָן:

— מעקס! מעקס!

די פּראָצעדור פון איבערקוקן דעם באַגאַזש און די פּאַפּירן איז דורכ־געגאַנגען שנעל. מעקס האָט זיך צעקושט מיט די עלטערן, זיך באַקענט מיט שואליק הר־שלומען, צוגערופן אַ טרעגער, געהייסן די וואַליזעס אַריינלייגן אין אויטאָמאָביל. אַלע האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דעם געראַמען קאַדיליאַק, און מעקס האָט זיך אַריינגעקערעוועט צווישן די אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן געשטראָמט אין שטאָט אַריין.

אויפן עק פון קאַנאַל סטריט האָט מעקס זיך אַריינגעדרייט אויף איסט־בראָדוועי און זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם כשרן רעסטאָראַן, נישט ווייט פון דער „טאָגעבלאַט" געביידע.

— איידער וואָס־ווען דאַרפט איר דאָך עסן וועטשערע! — מאַכט מעקס — אין דער היים איז דאָך גאָרנישט פאַרגרייט. דער „אייז־באָקס" איז ליידיק, ווי להבדיל דער ארון־קודש ביי הקפות...

— אַ גוט לעבן אויף דיר, מעקסעלע! — מאַכט בתיה־ראָכצע — ביסט טאַקע גערעכט. קודם דאַרף מען עסן...

אין הויז איז מעקס נישט פאַרבליבן לאַנג. ער איז באַלד אַוועק צו זיך אַהיים און געהייסן די עלטערן זיך לייגן פרי שלאָפן. פון דער רייזע זענען זיי טאַקע נישט געווען שטאַרק מיד. נאָך די קעפּ האָבן זיך ביי זיי אַלע געדרייט. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז די פּאָדלאָגע האַלט זיך אין איין שאָקלען און וויגן.

ג

צומאָרגנס איז ר׳ שלמה־שעיה אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַן אויסגערוטער, אַ פרישער. שואליק, וועלכער איז געשלאָפן אין גאַסט־צימער אויף דער סאָפע, האָט זיך אויך באַלד אויפ־געכאַפּט.

ר׳ שלמה־שעיה האָט געכאַפּט דעם טלית־זאַק און איז אַוועק מיט שואליקן צום ערשטן מנין אין זיין שטיבל אויף ריווינגטאָן סטריט. גע־פירט האָט ער דעם גאַסט מיט אַזאַ מין מינע, ווי אַ שווער פירט זיין אידימל אַ צאַצקע.

אין שטיבל האָט מען זיך אויף ר׳ שלמה־שעיהן נישט געריכט. זיין אָנקום איז געווען אַ גרויסע איבערראַשונג. און נאָך אַ גרעסערע איבערראַ־שונג איז געווען דער גאַסט, וואָס ר׳ שלמה־שעיה האָט געבראַכט מיט זיך פון ירושלים. ס׳איז געווען לעבעדיק ביים דאַווענען. און נאָכמער — נאָכן דאַווענען. ר׳ שלמה־שעיה האָט געשטעלט „תיקון" פאַרן עולם לכבוד זיין גאַסט.

נאָכן דאַווענען איז ר׳ שלמה־שעיה נישט געגאַנגען פון שטיבל אהיים. ווי תמיד, איז ער איצט אויך גלייך אַוועק מיט שואליקן אין שאַפּ אַריין.

— נו, מיטן רעכטן פוס, שואליק!... — האָט ר׳ שלמה־שעיה אים צוגעוואונטשן, צוקומענדיק צום שאַפּ — זאָל זיין אין אַ גוטער שעה!...

— אָמן! — האָט שואליק צופרידן געענטפערט.

דער שאַפּ־וועכטער, דער נעגער איבי, האָט שוין געוואוסט, אַז דער באָס דאַרף אָנקומען. מעקס האָט אָנגעזאָגט אים און אויך די אַרבעטער. דער שוואַרצער איבי איז שוין געשטאַנען מיט זיין ווייסן קאָטער בייבי ביי דער שוועל און געוואַרט.

— האַלאָ איבי! — האָט ר׳ שלמה־שעיה נאָכן אַ קוש טאָן די מזוזה זיי באַגריסט.

— גוד מאָנען׳ באָס! גוד טו סי יו בעק! — האָט איבי זיך דערפרייט.

דער קאָטער האָט אויך דערקענט דעם באַלעבאָס און איז, אַפּנים, אויך געווען צופרידן. ער האָט זיך געגעבן אַ האַרבע איין און זיך גענומען רייבן אין ר׳ שלמה־שעיהס פוס, וואַרטשענדיק:

— מממ... מררר... רררר!...

— עווריטינג אָלרייט, איבי?

— עווריטינג אָלרייט, באָס!

— סי, איבי, דיס מען פון די האָלי לענד, פון דזשערוסלעם! — וויזט אים ר׳ שלמה־שעיה אָן אויף שואליקן.

— אָ, דזשי, פאָם דזשערוזאַלעם? — טוט איבי אַ גלאַנץ מיט זיינע אויגן־ווייסלעכער פון איבערראַשונג און טרעט־אָפּ צוריק, — אָ, גאָש!...

ר׳ שלמה־שעיה איז אַריין מיט שואליקן אין אָפיס. ער האָט אַ רוף געטאָן אייבין, אים דערלאַנגט עטלעכע זילבערנע מטבעות און אים געשיקט נאָך אייער־קיכלעך.

ער האָט אַ זאָג געטאָן צו שואליקן:

— נו, איידער אייבי וועט קומען צוריק און דערלאַנגען די טיי, קאָנען מיר דערווייל כאַפּן אַ קוק אויפן שאַפּ, שואליק.

— מהיכא־תיתי, ר׳ שלמה־שעיה!

ר׳ שלמה־שעיה האָט אָנגעצונדן די עלעקטריע פונעם ערשטן שטאָק און דורכגעפירט שואליקן דאָרטן. נאָכדעם איז ער אַרויף אויף די שטיגן, אָנגעצונדן די עלעקטריע פונעם צווייטן שטאָק און אויך דאָרטן דורכגע־פירט שואליקן. ר׳האָט אים געוויזן די יועב־שטולן, די מאַשינעס, דעם לאַגער פון רוי־שטאָף און פון פאַרטיקער סחורה. און אַראָפּגייענדיק צוריק אין אָפיס אַריין, האָט ער אים אַ פרעג געטאָן:

— נו, ווי געפעלט דיר עפּעס דער „הייליקער שאַפּ" מיינער, שואליק?

— גרויסאַרטיק, ר׳ שלמה־שעיה.

אַריינגעקומען אין אָפיס, האָט ר׳ שלמה־שעיה אַראָפּגענומען זיין קאַפּעלוש, אָנגעטאָן זיין סאַמעטענע יאַרמלקע, און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין דריי־שטול ביים „דעסק", ער האָט אויך שואליקן געהייסן זיך מאַכן היימיש, אָנטאָן די יאַרמלקע, און זיך זעצן אויפן בענקל אַקעגן אים.

— יאָ, שואליק, ס׳איז אַמעריקע, ס׳לאַנד פון „אָפּאָרטונעטע", ווי מ׳רופט עס. אָנגעהויבן האָב איך מיט אַ קליין שאַפּל. געקויפט צווי וועב־שטולן אויף אויסצאָל. און, געלויבט השם־יתברך, פונעם קליינעם שאַפּל איז אויסגעוואָקסן דער גרעסטער טליתים־שאַפּ אין אַמעריקע...

אייבי דער נעגער האָט אַריינגעבראַכט די אייער־קיכלעך, דעם צוקער, די טיי. ר׳ שלמה־שעיה האָט פאַרשפּרייט אַ ריינעם ביבולע־פּאַפּיר אויפן „דעסק" און אַ זאָג געטאָן:

— אָט־אָ דאָ עס איך מיין פרישטיק יעדן טאָג! כ׳האָב ליב צו פאַר־ברענגען מיט מיינע מענטשן, מיט מיינע אַרבעטערס מיין איך, אין שיחות־הולין איידער מ׳שטעלט זיך אַרבעטן... מיינע אַרבעטערס זענען כמעט אַלע איידעלע יידן...

— טאַקע זייער פיין, ר׳ שלמה־שעיה!

און נאָך איידער ר׳ שלמה־שעיה און שואליק האָבן באַוויזן אויסצו־טרינקען דאָס ערשטע טעפּעלע טיי, האָבן די אַרבעטערס גענומען אָנקו־מען. זיי האָבן זיך היינט געפּעדערט, כדי מקבל־פּנים צו זיין דעם באַלעבאָס, און אויך דעם נייעם אַרבעטער.

פריער איז אָנגעקומען שמואל־הערש, דער בוכהאַלטער. נאָך אים זענען אַריין די אַנדערע, איינס נאָכן אַנדערן.

— שלום־עליכם! עליכם שלום!...

די אַרבעטערס האָבן זיך היימישלעך צוגעזעצט אין אָפּיס אויף קעסט־לעך און אויף פּעקלעך און גענומען אויספרעגן ר׳ שלמה־שעיהן וועגן זיין רייזע. ר׳ שלמה־שעיה האָט זיי אַלץ דערציילט געמיטלעך און היימיש. מ׳האָט גערעדט, געשמועסט. די אַרבעטערס האָבן אויך געשמועסט מיט דעם גאַסט, מיט שואליקן, אויפן חסידישן שטייגער, ווי גלייך זיי קענען זיך שוין לאַנג.

שואליקן איז זייער געפעלן געוואָרן די היימישע און וואַרעמע אַטמאָס־פערע, און איבערהויפּט די אַנשי־שלומנודיקע באַציאַנג צווישן באַלעבאָס מיט די אַרבעטערס.

און ווען דער אַלטפרענקישער וואַנט־זייגער האָט אויסגעהוסט זיינע אַכט הייזעריקע קלאַנגען, און די אַרבעטערס האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין צו דער אַרבעט, איז שואליק שוין אויך געווען גרייט צו שטעלן זיך אַרבעטן.

— ניין, ניין, שואליק, נישט היינט!! — האָט אים ר׳ שלמה־שעיה פאַרהאַלטן — היינט איז מאָנטיק. כ׳האָב פיינט אָנצוהויבן עפּעס אין אַ מאָנטיק. דו וועסט זיך שטעלן אַרבעטן מאָרגן, מירצעשעם, דינסטיק, וועלכער האָט אַ טאָפּלטן „כי טוב”, פאַרשטייסט!...

ד

שואליק הר־שלום איז געווען אַ פרומער, האָט געהאַלטן הייליק און טייער דעם תלמוד, די פּוסקים און די קבלה. ער איז אָבער נישט געווען קיין בלינדער מאמין. זיין אמונה איז געווען אַ געלייטערטע, אַן ״אמונה צרופה״, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. פון נאַרישע גלייבעכצן האָט ער זיך אויסגעלאַכט.

אַז מאָנטיק איז אַ „שלעכטער טאָג״, אָדער דרייצן איז אַ „שלעכטע צאָל״, אָדער אַ שוואַרצע קאַץ איז אַ „שלעכטער סימן״, און כדומה אַזעלכע אַבערגלויבנס, האָט ביי אים געהייסן שטותעריי, „אמונה טפלה״...

ווען ר׳ שלמה־שעיה האָט אים אַ זאָג געטאָן, אַז ער האָט פיינט אָנצו־הויבן עפּעס אין אַ מאָנטיק, האָט שואליק אַ שמייכל געטאָן:

— ווי איר ווילט, ר׳ שלמה־שעיה! „יו אַר דהי באָסס״, ווי זאָגט מען עס אין ענגליש. און „כל מה שיאמר לך בעל־הבית עשה״, זאָגט די גמרא.

— גוט, „תבוא עליך ברכה״! — מאַכט ר׳ שלמה־שעיה אויך מיט אַ גמרא־וואָרט און שמייכלט צוריק — „טעיק איט איזי״ זאָגט מען ביי אונדז אין אַמעריקע. רו זיך אָפּ היינטיקן טאָג, שואליק. זיץ מיט מיר אין אָפּיס, וועלן מיר אַביסל שמועסן, לערנען דאָס שטיקל „זוהר״ פון היינט...

— מהיכא־תיתי. ביי מיר האָט איר שוין געפּועלט, ר׳ שלמה־שעיה,

— מאַכט צו אים שואליק, טוט אַ נעם דעם ספר „חק לישראל" אויפן שרייבטיש און מישט גלייך אויף דעם יום ב׳ פון סדרה „בהעלותך", די סדרה פון דער וואָך.

ווי נאָר זיי האָבן אָפּגעלייענט די ערשטע עטלעכע שורות, און שואליק האָט גענומען פּאַרטייטשן די ווערטער, האָט דער טעלעפאָן אויפן שרייב־טיש זיך צעקלונגען. ר׳ שלמה־שעיה האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן דאָס רערל צום רעכטן אויער:

— האַלאָ! אָ, ס׳איז דו, מעקסעלע? גוט־מאָרגן, גוט־יאָר! פון וואַנען רעדסטו, האַ? אָ, שוין פון וואָל־סטריט אַזוי פרי? יעס.. יעס... יעס... כ׳הער... יאָ, אוודאי הער איך... אַזזזזוי? אַהאַ! נו, מעקסעלע, כ׳בין דאָך נאָר־וואָס געקומען אַהיים. וואָס ווייס איך דיר צו זאָגן?... אויב דו פאַר־שטייסט, אַז ס׳אַ „טשענס", טאָ קויף, און זאָל זיין מיט הצלחה! ווען וועסטו דאָ זיין, זאָגסטו? נאָכמיטאָג? גוט. גוט. גוטבאַי!...

ר׳ שלמה־שעיה האָט אַוועקגעלייגט דאָס רערל צוריק מיט אַ שאַרפן גלאַנץ אין זיינע אויגן, ווי ר׳וואָלט נאָר־וואָס אויסגעטרונקען אַ געשמאַק גלעזל ספּירט, ניינציק גראַד פּראָבע. ר׳האָט פאַררויכערט אַ האַוואַנאַ־ציגאַר, אַרויסגעלאָזט אַ בלויען קנויל רויך, גענומען נערוועז רוקן די יאַרמלקע אויפן קאָפּ, אָנלענענדיק זיך אויף דער פּאַרענטשע פון זיין דריי־שטול און געקוקט אַרויף צו דער סטעליע, ווי ער וואָלט פאַרגעסן, אַז שואליק זיצט נעבן אים מיטן אָפענעם „חוק לישראל".

שואליק האָט אים באַטראַכט אין דער דאָזיקער פּאַזע, געשטוינט, אָבער נישט געוואגט אים צו דערמאָנען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריין אַ נידע־ריק־געפּאַקטער, מיטליאָריקער פּאַרשוין, מיט קורץ־געשווירענע וואָנצעס, אָן אַ באָרד, מיט אַ שטיק ציגאַר צווישן די ציין, מיט אַן אויסגעשטרעקטער רעכטער האַנט:

— שלום עליכם, מיסטער בערשאַדער! ברוך־הבא! ווי פילט איר אין געזונט?

— עליכם שלום, מיסטער גלאַצער! ס׳מאַכט איר עפּעס?

— אָ, מ׳מאַכט הוצאות! געקומען ספּעציעל פון פילאַדעלפיע אייך זען און זיך אָננעמען מיט אַביסל קדושה. איר קומט דאָך עפּעס פון הייליקן לאַנד...

— יישר כוח, מיסטער גלאַצער!... אָ, יעס, באַקענט זיך מיט אָט דעם יונגנמאַן, הר־שלום! אַ ירושלימער טליתניק. ספּעציעל געבראַכט אַהער!

— ווייזט ר׳ שלמה־שעיה אָן אויף שואליקן ביים טיש.

מיסטער גלאַצער האָט אָפּגעשטעקט שואליקן אַ שלום־עליכם:

— אָ, זייער פיין! אַצינד ווייס איך, דער טליתים־שאַפּ „ירושלים" טאָקע האָבן אַן אמתן טליתניק פון ירושלים...

— מירצעשעם, מירצעשעם! — שאָקלט ר׳ שלמה־שעיה מיטן קאָפּ — מירצעשעם!

— אגב, איר׳ט שוין געזען מיין „אָרדער", מיסטער בערשאַדער?

— ווי האָב איך דען צייט געהאַט? נאָר־וואָס פון דער שיף.

ווי זיי האָבן געהאַלטן אין שמועסן וועגן ביזנעס, איז אַריין אַן עלטע־רער, אַ שלאַנקער פּאַרשוין, מיט אַ שפּיציק רעוורענד־בערדל, פון נוארק, ניו דזשוירזי, און דערלאַנגט אַ וואַרעמען שלום־עליכם ר׳ שלמה־שעיהן, און נאָכדעם אויך שואליקן.

שואליק האָט זיך אויפגעהויבן, געגעבן יענעם זיין בענקל, און אי״ז אַרויס פון אָפיס אין שאַפּ אַריין.

אין שאַפּ האָט געזשומעט. איטלעכער פון די אַרבעטער איז געווען פאַרטאָן ביי זיין וועבשטול. שואליק איז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ שמייכל, און נישט געוואַגט קיינעם פון זיי צו שטערן. נאָכדעם איז ער אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. אויך דאָרט געוואָלט כאַפּן אַ קוק. דאָ האָט אים אָפּגעשטעלט איינער פון די אַרבעטער, אַ יונגערמאַן מיט אַ שיטער בלאָנד בערדל:

— האַלאָ, מיסטער הר־שלום!

— סאַראַ מיסטער? — שמייכלט שואליק — מ׳רופט מיך שואל, אָדער שואליק, ווי איר ווילט...

— און מיך רופט מען מאָטל, אָדער מאָטעלע — שמייכלט יענער צוריק.

אין שאַפּ האָט מען דעם מאָטל גערופן „מאָטעלע נאָז", ווייל ער האָט ליב געהאַט צו שטופּן זיין נאָז אומעטום. וואו צוויי, האָט ער געמוזט זיין דער דריטער.

— אַזוי דאַרף זיין — מאַכט שואליק — מיר, אַרבעטערס, דאַרפן זיך נישט צערעמאַניען. מאָטעלע איז היימיש, הבריש...

— געפעלט אייך עפּעס אונדזער שאַפּ, שואליק?

— ר׳געפעלט מיר זייער וואויל, מאָטל!

— יאָ, יאָ, שואליק! אָבער איך דאַרף אייך זאָגן, אַז מיטן באַלעבאָס מוז מען וויסן ווי צו האַנדלען. ר׳איז אַ רגזן, אַ מאַנקאָליעניק. טאָמער דאַגאָדזשעט מען אים נישט, איז הימל עפּן זיך...

— מילא... — מאַכט שואליק פאַרזיכטיק, מיט חשד, וואָס אָט דער מאָטעלע האָט אים געכאַפּט אויף דער ווענטקע און גלייך אים אָפּגעמאָלט דעם באַלעבאָס.

שואליק איז אַראָפּ מיט די טרעפּ, געוואָלט אַריין אין אָפיס, דערזען, אַז ר׳ שלמה־שעיה איז פאַרנומען מיט אַנדערע קונים שוין, האָט ער זיך

אַ דריי געטאָן צום קעמערל, וואו דער בוכהאַלטער איז געזעסן איבער אַ קאָנטאָ־בוך.

— איכ׳ל אייך נישט שטערן, ר׳ שמואל־הערש?

— האַ? וואָס? — טוט שמואל־הערש אַ הויב־אויף זיין צעשויבערטן קאָפּ מיט דער יאַרמלקע און לייגט־צו די האַנט צום לינקן אויער.

שואליק האָט נאָך פריער באַמערקט, אַז שמואל־הערש איז טויבלעך, און ר׳האָט אַ פרעג געטאָן העכער אַביסל:

— כ׳זאָג, כ׳וועל אייך נישט שטערן אין אייער אַרבעט, ר׳ שמואל־הערש?

— אָ, ניין! זעצט זיך, שואליק, לאָמיר זיך טאַקע באַקענען נענטער. זאָגט מיר, איר זענט טאַקע אַ געבוירענער אין ירושלים?

— ניין, אַ געבוירענער אין וואַרשע. מיינע עלטערן וואוינען נאָך אין וואַרשע. געפאָרן קיין ארץ־ישראל, — און מגולגל געוואָרן קיין אַמעריקע...

— שוין אַ באַווייבטער?

— דערוויל נאָך אַ בחור, אַ „בגפּוניק״, ברוך־השם!... — שמייכלט שואליק.

— שואליק! זיי מוחל, קום אַהער, שואליק — האָט ר׳ שלמה־שעיה אַ רוף געטאָן פון זיין אָפיס — כ׳וויל דיך באַקענען מיט נאָך אַ פּאָר קונים!

שואליק האָט זיך אויפגעהויבן אָן חשק און איז אַריין אין אָפיס.

— אָט דאָס איז דער יונגערמאַן, דער ירושלימער טליתניק, וואָס כ׳האָב געבראַכט! — שטעלט ר׳ שלמה־שעיה פאָר שואליקן פאַר די קונים אין אָפיס.

שואליקן איז געוואָרן אַביסל איבערדריסיק די מעשה מיטן פאָרשטעלן אים פאַר די קונים. מעשה־אַמעריקע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן. „אַדווער־טאַיזמענט״!

די יידן האָבן זיך גענומען צעפרעגן וועגן ארץ־ישראל. ס׳איז אַוועק אַ שמועס וועגן די אינטריגעס פון ענגלאַנד דאָרט.

דעם שמועס האָט איבערגעשלאָגן מעקסעלע דער לאָיער. ער איז אַריין אַ פאַרשוויצטער, אַ צעהיצטער. די קונים האָבן זיך געזעגנט און באַלד אַוועק.

— וואָס הערט זיך, מעקסעלע? — האָט ר׳ שלמה־שעיה אַ פרעג געטאָן.

— ס׳איז אָלרייט, פּאָפּ!

— סאָראַ „סטאָק״. האָסטו איינגעהאַנדלט, מעקסעלע?

— פּופציק „טעל ענד טעל״ און פופציק „דזשענעראַל עלעקטריק״! פיינע סחורה, פּאָפּ, האַ?...

— זאָל זיין מיט גליק!

— האָסט שוין געגעסן, פּאַ? נאָך נישט? קום, לאָמיר גיין עסן.
— אָלראַיט. מירן מיטנעמען שואליקן אויך, מעקסעלע.

אַלע דריי האָבן אָוועקגעשפּאַנט צו ברום סטריט און אַריין אין בערקוס רומענישן רעסטאָראַן. דער רעסטאָראַן איז געווען געפּאַקט. ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ זשומעריי און אַ קלינגעריי פון לעפל־גאָפּל. די קעלנערס האָבן געטאַסקעט טאַצן פון טיש צו טיש. ר׳ שלמה־שעיה און מעקס האָבן שנעל געגעסן, שנעל געטרונקען און שנעל גערעדט פון ביזנעס, ריעל־עסטעיט, סטאָקס, אָרדערס.

שואליק האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געקייעט פּאַמע־לעך און געטראַכט: ווי אָט דער שלמה־שעיה, דער חסיד, דער זוהר־זאָגער, דער שטיבל־גייער, איז מיטאַמאָל אַזוי פאַרענדערט געוואָרן! טאַקע אַן אמת, אַפּנים, וואָס מ׳זאָגט, אַז אַמעריקע איז אַן „עולם התוהו״! — — —

קאַפּיטל זעקס

א

נאָכן מיטאָג, ווען אַלע דריי האָבן אָפּגעבענטשט און אַרויסגעקומען פון רעסטאָראַן, האָט ר׳ שלמה־שעיה אַ זאָג געטאָן צו שואליקן:
— שואליק, כ׳דאַרף צולויפן מיט מעקסעלען אין באַנק אַריין אויף עסעקס סטריט צו „סערטיפייען״ אַ טשעק. איז ווילסטו מיטגיין מיט מיר, אָדער גיין גלייך אין שאַפּ אַריין?
— איכל גיין גלייך אין שאַפּ אַריין.
— ווי מיינסטו, דו׳סט נישט פאַרבלאָנדזשען, שואליק?
— כ׳האָף, אַז כ׳וועל נישט בלאָנדזשען.

שואליק איז געגאַנגען און געטראַכט. ר׳האָט נישט געקאָנט תופס זיין אָט דעם שלמה־שעיהן. עפּעס ווי אין דעם דאָזיקן מענטש הויזן צוויי שלמה־שעיהס. אַ שלמה־שעיה פון זוהר און חסידים־שטיבל און אַ שלמה־שעיה פון קאַפּיטאַל און וואָל־סטריט...

ער האָט דווקא נישט פאַרבלאָנדזשעט, געטראָפן גלייך צום שאַפּ, און איז אַריין צו דעם בוכהאַלטער שמואל־הערשן אין קעמערל. שמואל־הערש האָט נאָר־וואָס אָפּגעגעסן זיין מיטאָג, פאַרענדיקט דאָס בענטשן, און אַראָפּ־געשאַרט די ברעקלעך פון טיש. ער האָט אַ הייב געטאָן זיינע דיקע שפּאַקולן און אַ שמייכל געטאָן:
— וואו האָט איר ערגעץ איבערגעלאָזט דעם „באָס״, שואליק?
— ער איז אַוועק מיט מעקסן אין באַנק אַריין!
— אָ? אויב אַזוי, זעצט זיך צו, שואליק, וועלן מיר אַביסל שמועסן.

— קודם־כל זאָגט מיר, ר׳ שמואל־הערש, אפשר ווייסט איר פון עפּעס אַ פיינעם צימער אין אַ רויק־באַלעבאַטיש הויז?

שמואל־הערש האָט צוגעשלאָסן איין אויג, געשוויגן אַ ווײַלע, געטראַכט, ווי ער וואָלט זיך געעצהט מיט זיך אַליין, און געענטפערט:

— צום באַדויערן ווייס איך נישט פון קיין שום צימער. נאָר איכ׳ל אייך זאָגן, שואליק, כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז ווען מיין פלונית זאָל וועלן, וואָלט איר געקאָנט האָבן „רום און באָרד" ביי אונדז. מיר האָבן אַן איבעריקן חדר, און אַפילו מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג פון דעם „האָל"...

— אַך, דאָס וואָלט דאָך געווען ווי געוואונטשן, ר׳ שמואל־הערש! און איכ׳ל אייך זאָגן, אַז אויב פאַר אייער וויב איז אַ טרחה צו פאַרדינגען מיט עסן, בין איך אפילו מרוצה צו עסן אין רעסטאָראַן.

— ס׳איז אַזוי די מעשה, שואליק, קיין ווילד פרעמדן וועט מיין פלונית בשום אופן נישט אַריינלאָזן. דאָס ווייס איך גוט. נאָר אַ היימישן מענטשן, וואָס אַרבעט מיט מיר אין דעם זעלבן שאָפּ, וועט זי אפשר יאָ וועלן פאַר־דינגען דעם חדר. און מכוח עסן? איז דאָרטן, וואו ס׳עסן דריי, קאָן עסן אויך אַ פערטער.

— ווער איז דער דריטער פערזאָן?

— מיין טעכטערל, הוהלע. זי איז אַ „היברו טיטשערין". בייטאָג גייט זי אין קאָלעדזש און אין אָוונט „טיטשט" זי אין דער תלמוד־תורה „קהילת ישראל".

— ווען קאָן איך האָבן דעם ענטפער?

— ווען? — מאָרגן, מירצעשעם, וועל איך אייך געבן ענטפער, יאָ אָדער ניין! — מאַכט שמואל־הערש, און תוך־כדי־דיבור טוט ער אַ רוק־אַרויף זיינע דיקע שפּאָקולן אויפן שטערן און פאַרכאַפּט זיך — ווייסט איר, שואליק, וואָס איכ׳ל אייך גאָר זאָגן? איר קאָנט האָבן דעם ענטפער אַפילו היינט אָוונט שוין...

— אָ, איר דאַרפט זיך נישט מטריח זיין, ר׳ שמואל־הערש, מיר ברענגען דעם ענטפער היינט אָוונט שוין. דערווייל שטיי איך דאָך נישט אינדרויסן!

— וואָס איך מיין, שואליק, איז אָט וואָס. נאָכן שליסן דעם שאָפּ קאָנט איר זיך אַריבערכאַפּן מיט מיר גליידך צו מיר אַהיים. אירט זיין אַ גרויסער גאַסט ביי אונדז. מיין פלונית וועט אייך זאָגן גאַנץ אויפריכטיק צי זי באַשטייט אָדער נישט. און אויב אַפילו נישט, קאָן זי געוואויר ווערן צווישן אירע שכנהס ווער ס׳האָט אַ צימער צו פאַרדינגען. איר פאַרשטייט?

— זייער גוט. זייער וואויל. בלייבט עס אַזוי. ר׳ שמואל־הערש!

שואליק האָט זיך אויפגעהויבן, איז אַריין אין אָפיס אַריין, אויסגעטאָן דעם קאָפּעלוש און אָנגעטאָן זיין יאַרמלקעלע, זיך אַוועקגעזעצט נעבן

שרייבטיש, אויפן זעלבן בענקל, וואו ער איז פריער געזעסן, אויפגעעפנט דעם ספר „חק לישראל" אויפן זעלבן בלעטל, וואו ער האָט פריער געלערנט מיט שלמה־שעיהן ס'שטיקל זוהר.

אין אַ קנאַפּער האַלבער שעה אַרום איז ר' שלמה־שעיה אַריינגעלאָפן אַ פאַרשוויצטער, אַראָפּגעכאַפּט דעם קאַפּעליוש, צורעכט געמאַכט די יאַרמלקע אויפן קאָפּ, זיך אָפּגעווישט דעם שטערן מיט אַ טיכעלע, אַרויס־געשלעפּט פון בוזעם־קעשענע אַ געל־לאַנגן קאָנווערט, אַרויסגענומען פון קאָנווערט אַ בינטל טשעקס מיט אַ לאַנגן חשבון פון דער באַנק, אַוועקגע־לייגט אויפן שרייבטיש, בשעת־מעשה געכאַפּט אַ קוק צו שואליקן, און אַ זאָג געטאָן אויף שנעל:

— נישט געבלאָנדזשעט, שואליק, הע?...

און נישט וואַרטנדיק אויף שואליקס ענטפער, האָט ר' שלמה־שעיה אָנגעטאָן זיינע ברילן מיט די שוואַרצע ביינערנע רעמלעך און זיך גענומען איבערקוקן די טשעקס מיטן באַנק־חשבון מיט עפּעס אַזאַ אימפּעט און מיט אַזאַ האַסט, ווי ער וואָלט געגראָבן דאָרט צו געפינען אַן אוצר.

שואליק האָט געהאַלטן אָפן דעם „חק לישראל", געקוקט אויף ר' שלמה־שעיהן מיט אַ זייטיקן בליק. דאָ איז געזעסן ווידער נישט יענער פרימאָרגנדיקער שלמה־שעיה, נאָר לחלוטין אַן אַנדערער...

אינמיטן דערינען האָט דער טעלעפאָן גענומען קלינגען. ר' שלמה־שעיה האָט געטאָן אַ כאַפּ דאָס טרייבל און אַן אומגעדולדיקער אַריינגע־שריגן:

— האַלאָ! וועמען ווילט איר? לאַיער מעקס בערשאַדער? ווער רעדט עס? אַ, סטאַלאַרמאַן, דער „סופער"? יאָ, יאָ, ס'איז איך, מיסטער בערשאַ־דער! יאָ, ערשט נעכטן געקומען אַהיים! עליכם־שלום! וועגן וואָס קלינגט איר? האָ? וואָס? די „פּאַצעראַנע" פון דעם אַפּאַרטמענט צוויי־צוועלף וויל מ'זאָל איר „פּעינטען"? און אַז נישט? וואָס, זי'ט קיין רענט נישט געבן, זאָגט זי? אַזאַ פּאַסקודע! — ווערט ר' שלמה־שעיה רויט ווי צונ־טער, טוט אַ טופּע מיט אַ פוס און שרייט אַריין אין רערל — זאָל זי „אַרויסמופען" צו'נ'אַלדי שוואַרצע יאָר, ווער דאַרף זי, ווער? ס'דאָ דריי „טענענטס" פאַר איינעם!...

אַ צע'כעס'טער האָט ר' שלמה־שעיה אַ וואָרף געטאָן אין דער לופט אַריין:

— אַזעלכע בלוט־צאַפּערס! זיי וואָלטן דעם „לענדלאָר" אויפגעגעסן מיט די ביינער, וואָלטן זיי!...

ער האָט זיך ווידער גענומען גראָבן אין דעם פּעקל טשעקס מיטן באַנק־חשבון, און צו שואליקן האָט ער נאָך אַלץ קיין צייט נישט געהאַט אַ רעד צו טאָן אַ וואָרט.

דאָ איז אַריין דער בריוו־טרעגער און געבראַכט די נאָכמיטאָגדיקע פּאָסט. ר׳ שלמה־שעיה האָט גענומען עפענען קאָנווערט נאָך קאָנווערט. אין אייניקע קאָנווערטן זענען געווען טשעקס. אין אַנדערע — באַשטעלונגען. שואליק האָט באַמערקט ווי דער כעס ביי ר׳ שלמה־שעיהן האָט גענומען צו ביסלעך אָפּגיין. נאָר אָט האָט ער געעפנט אַ קאָנווערט, איבערגעלייענט אַ בריוו, ווידער געוואָרן אַן אָנגעצונדענער, געגעבן אַ שמיץ דעם בריוו אויפן שרייבטיש און געטאָן אַ געשריי:

— שמואל־הערש! קום, זיי מוחל, אַהער, שמואל־הערש! דו האָרכסט, שמואל־הערש?!

און צו שואליקן האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אַן ערלעכער מענטש, נאָר אַ טויבער יאַצמאַך דער שמואל־הערש. מ׳דאַרף זיך אויסרייסן די קישקעס צו רעדן צו אים...

— שמואל־הערש, ווער האָט עס אַרויסגעשיקט דעם „אָרדער" קיין לאָס אַנזשעלעס צו דעם מאַקונסקין, ווער?

— איך האָב אַרויסגעשיקט.

— זע וואָס ער שרייבט. ס׳פעלט אים נישט מער און נישט ווייניקער ווי צוויי טליתים קטנים און איין טלית, פעלט אים...

— ס׳קאָן נישט זיין. כ׳האָב אַליין אַלץ איבערגעציילט און איינגעפּאַקט!

— אַזאַ „פּייקער", אַזאַ שווינדלער. וויל מיר פּשוט־בפשיטות „אַריינ־מאַכן" אין אַ פּאָר דאָלאַר, וויל ער מיר. ס׳טו געהערט אַביסל? — היצט זיך ר׳ שלמה־שעיה — נעם טאָקע גלייך, שמואל־הערש, און שרייב אים אַן אַ בריוו, נאָר מיט „פּעפּער", אַז ס׳זאָל אים אַ ברי טאָן, ווי ס׳דאַרף צו זיין, און זאָל ער נישט מאַכן קיין „מאַנקי ביזנעס"; אַנישט וועט עס אים זיין ס׳לעצטע מאָל.

— גוט, ר׳ שלמה־שעיה. איך שרייב אים באַלד אַ בריוו!

ווי נאָר שמואל־הערש איז אַרויס פון אָפיס איז אַריין איין קונה און נאָך אים אַ צווייטער קונה. ר׳ שלמה־שעיה איז נישט געוואָרן פּאַרטיק מיט די קונים ביז העט שפּעט, ווען די אַרבעטערס האָבן שוין אַוועקגעלייגט די אַרבעט, זיך געוואַשן די הענט און זיך געשטעלט דאַווענען מנחה.

ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און זיך אויך געשטעלט דאַווע־נען מנחה. שמואל־הערש און שואליק האָבן געטאָן דאָס זעלבע.

נאָך מנחה האָט ר׳ שלמה־שעיה אַ זאָג געטאָן צו שואליקן:

—ס׳ט מיר מוחל זיין, שואליק, איכ׳ל זיך מוזן פאַרזאַמען נאָך דאָ אַ מין שעה.

— זאָרגט אייך נישט, ר׳ שלמה־שעיה. סיווי קאָן איך איצט מיט אייך נישט גיין אַהיים. כ׳וויל צוגיין מיט ר׳ שמואל־הערשן צו אים אין הויז. אפשר וועל איך קאָנען ביי אים דינגען אַ צימער.

— וואָס איז דאָס איילעניש וואָס? דערוויַיל שטייסטו דאָך ביי מיר!

— אַ שיינעם דאַנק, ר׳ שלמה־שעיה, אָבער ס׳איז צופיל טרחה פאַר אייער פרוי. איך וואָלט נאָך וועלן מאָרגן טאָקע, אם־ירצה־השם, זיך איבער־ציען.

— ווייסיך־וואָס, שואליק, ביז איבער שבת איז שוין אָפּגערעדט, אַז דו׳סט שטיין ביי מיר. נאָר אַלרייט, ווילסט צוגיין צו שמואל־הערשן, גיי געזונטערהייט. אָבער זע, פאַרזאַם זיך נישט, קום נישט שפּעט!

— נייַן, איכ׳ל בלויז געוואויר ווערן וועגן אַ צימער. דאָס אַלץ.

— גוט, גוט. מיר... דאַרפן דאָך נאָך היינט ענדיקן דאָס שטיקל זוהר... אַזוי פאַר׳טרוד׳ט דעם גאַנצן טאָג. פאַרשקלאַפט. אוי, רבונו־של־עולם!... — קרעכצט ר׳ שלמה־שעיה.

שואליק האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך — אַהאַ, דער ערשטער שלמה־שעיה האָט זיך פאָרט אויפגעכאַפּט...

ב

ווען שמואל־הערש האָט שואליקן אַריינגעפירט צו זיך אין „אַפּאַרט־מענט״, אויף הענרי סטריט, אויפן גרונט־שטאָק, פון הינטן, האָט שוין די עלעקטריע געברענט. דער טיש איז שוין געווען געגרייט.

— כאַנציע! — האָט שמואל־הערש אַריינגעשריגן אין קיך אַריין — גוטן־אָוונט. כ׳האָב געבראַכט אַ גאַסט!

כאַנציע, אַ קיילעכדיקע, זעכציק־יאָריקע יידענע מיט אַ פאַרוק, אָנגע־טאָן אין אַ לאַנגן, געקווייטלטן פאַרטעך, איז אַרויס פון קיך מיט אַ צעפלאַמט פנים, מיט אַ שמייכל.

— אַ גאַסט? זייער אָנגעלייגט!

— דאָס איז דער ירושלימער יונגערמאַן, וואָס ר׳ שלמה־שעיה האָט געבראַכט. שואליק הר־שלום הייסט ער!

— ברוך־הבא. „וועלקאַם, וועלקאַם״!

שואליק האָט זיך העפלעך פאַרנייגט.

— זעצט זיך. מאַכט זיך היימיש! — האָט כאַנציע געטאָן אַ רוק־אַרויס פון טיש אַ שווער בענקל מיט אַ הויכן אָנלען.

שמואל־הערש האָט אויסגעטאָן די קאַפּאָטע, אַראָפּגענומען דעם קאַפּע־ליוש און געבליבן אין דער יאַרמלקע, זיך אַוועקגעזעצט אויבן־אָן ביים טיש און אַ זאָג געטאָן:

— שואליק, איר קאָנט אויך טאָן דאָס זעלבע. ס׳איז גאַנץ וואַרעמלעך אין הויז.

— אַ דאַנק, כ׳פיל זיך באַקוועם.

כאַנציע האָט אַרויסגענומען פון אייז־קאַסטן אַ גלעזערנעם, געקווייטלטן קרוג מיט לעמאָנאַד און אָנגעגאָסן אין צווי הויכע, שמאָלע גלעזער:

— נעמט אַ קאַלטן טרונק, מיסטער הר־שלום, און דערפרישט זיך אַביסל!

אויס העפלעכקייט האָט כאַנציע פאַר זיך אויך אָנגעגאָסן אַביסל לעמאָנאַד. אַלע האָבן געטרונקען, געשמועסט.

אינמיטן שמועס האָט שמואל־הערש אַ וואונק געטאָן צום ווייב:

— לאָמיר איצט אַ רעד טאָן וועגן אונזער גאַסט, כאַנציע! שואליק זוכט אַ „רום מיט באָרד"!

— אַ דאַגה? מ׳קאָן געפינען!...

— אַוודאי! ער וויל אָבער ביי היימישע מענטשן, האָב איך אים געבראַכט צו אונדז, אפשר, ע...

— דו ווייסט דאָך, שמואל־הערש, אַז ע...

— יאָ, כ׳האָב אים פריער געזאָגט, אַז דו ווילסט נישט קיין „באָרדערס". נאָר אַ היימישן מענטשן, וואָס אַרבעט מיט מיר אין איין שאַפּ איז אפשר! הא?...

כאַנציע האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— כ׳ווייס? אפשר וועט גאָר מר. הר־שלומען נישט געפעלן אונדזער צימער און מיינע מאַכלים...

— כ׳מעג אַ קוק טאָן אויפן צימער, מיסעס הערשקאָוויץ? — מאַכט שואליק.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון טיש. כאַנציע האָט אַריינגעפירט שואליקן אין צימער. דאָס ריינקייט און ציכטיקייט האָט שואליקן פאַרכאַפּט. ר׳האָט גלייך אַ זאָג געטאָן:

— איכ׳ל אייך זאָגן, מיסעס הערשקאָוויץ, אויב ס׳אַ גרויסע טרחה צו פאַרדינגען מיט עסן, וועל איך עסן אין אַ רעסטאָראַן.

— שייך אַ טרחה? איכ׳ל דאָך נישט קאָכן ספּעציעל פאַר אייך...

וועגן מקח האָט שואליק קיין וואָרט נישט איבערגערעדט. מ׳האָט זיך געוואונטשן ס׳זאָל זיין אין אַ גוטער שעה, און שואליק האָט זיך גענומען איילן צו גיין.

— וואָס איילט איר זיך? איר׳ט עסן מיט אונדז וועטשערע! אָט וועט מיין טאָכטער, חוהלע, באַלד אָנקומען פון דער „היברו", וועלן מיר גיין עסן! — מאַכט כאַנציע.

— אַ שיינעם דאַנק אייך. ר׳ שלמה־שעיה וואַרט געוויס אויף מיר מיט וועטשערע!

— ס׳מאַכט נישט. ער׳ט פּאַרשטיין, אַז מיר האָבן אייך נישט אָפּגע־לאָזט.

שואליק האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן כּאַנציען. עס האָט אים אויך אַ טאָרקע געטאָן צו זען די חוהלען. טשיקאַווע צו זען אַן אַמעריקאַנער „היברו טיטשער״. זי קען אַליין קוים אָפּדראַפּען אַ בלעטל „עברי״, מסתמא...

אַרום האַלב נײַן איז חוהלע אַריין מיט אַ געל־לעדערנעם פּאָרטפעל אין דער האַנט.

אַ קליינינקע, אַ דינינקע, אַ צאַפּלדיקע, מיט אַ קלאָר־ווייסן פּנימל, מיט אַ דין־געשניצט נעזעלע, מיט אַ שאַרפן קינעלע, מיט ברוין־שפּיציקע אייגעלעך מיט אַ שוואַרץ־קוטשעראַווען קעפּעלע, האָט זי אַריינגעשפּאַנט אויף הויך־הויכע, דינע קאָרקעס. אויסגעקוקט האָט זי ווי אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכצן, כאָטש אַלט איז זי געווען זיבן־און־צוואַנציק.

— גוטן־אָוונט!

— גוט יאָר, טאָכטער! זע, מיר האָבן אַ גאַסט! מיסטער הר־שלום פון ירושלים, וועלכן מיסטער בערשאַדער האָט אַראָפּגעבראַכט.

חוהלע האָט גרויסשטאָטיש אויסגעשטרעקט שואליקן אַ האַנט:

— שלום, מר הר־שלום! שם יפה ומצלצל... — מאַכט חוהלע אין העב־רעיש מיט דער אַשכנזישער הברה.

— שלום, גברת הערשקאָוויטש. נעים מאד! — מאַכט שואליק מיט דער ספרדישער הברה.

— סליחה, אנחנו אשכנזים עדיין! (מיר רעדן נאָך, הייסט עס, מיט דער אַשכנזישער אויסשפּראַך) — אַנטשולדיקט זיך חוהלע.

— גם אנחנו איננו ספרדים מלידה ומבטן! (אויך מיר, הייסט עס, זענען נישט קיין געבוירענע מיט דער ספרדישער אויסשפּראַך) — שמייכלט שואליק.

— איר׳ט מיר בײדע אַנטשולדיקן — האַקט כאַנציע איבער דעם שמועס — ווי זאָגט ס׳ווערטל: קיין טאַנץ גייט נישט פּאַר קיין עסן. לאָמיר פריער אָפּעסן, נאָכדעם וועט איר כּוח האָבן צו רעדן העברעיש...

— אַ גוט וואָרט! „כּוח האָבן צו רעדן העברעיש!״... — שמייכלט שואליק.

ביי דער וועטשערע האָבן שואליק און חוהלע זיך דורכגעוואָרפן בלויז מיט קורצע זאַצן, געמישט יידיש און העברעיש. פּלוצים האָט חוהלע אויס־געשאָסן אין ענגליש:

— יו דאָנ׳ט סעי! וואָט אַ סיורפּרייז!...

— סאַראַ סיורפּריז, חוהלע? — טוט די מוטער אַ פרעג פאַרוואונדערט.

— מר הר־שלום האָט מיר נאַר־וואָס געזאָגט, אַז ער גייט ווערן ביי אונדז אַ „באָרדער״! דאָס צימער האָט זיך סוף־כל־סוף דערוואָרט, מאַ...

— ס׳אַ באַשערטע זאַך, הפּנים, טאָכטער. געוואָרט נאָר אויף אַ ירוש־לימער!...

נאָכן בענטשן האָבן כאַנציע מיט שמואל־הערשן זיך אַרויסגעדרייט פון הויז צו כאַפּן אַ ביסל לופט אויפן „סטופּ״. שואליק מיט חוהלען זענען געבליבן אַליין. חוהלע האָט אים געפרעגט צי ר׳האָט געבראַכט עפּעס נייע ליטעראַטור פון ארץ־ישראל. ער האָט איר געענטפערט, אַז ר׳האָט די סאַמע לעצטע נומערן פון „העולם״ און „השלוח״.

— אָ, דעם „העולם״ און דעם „השלוח״ קריג איך אַליין. כ׳מיין: עפּעס נייע ביכער...

— דעם אמת זאָגנדיק, האַלט איך מער פון דער אַלטער ליטעראַטור, ווי פון דער נייער!

— הע, הר־שלום, איר רעדט דאָך גאָר עפּעס ווי אַ רעאַקציאָנער!...

— נישט יעדע רעאַקציע איז שלעכט, און נישט יעדער פּראָגרעס איז גוט; נישט אַלץ וואָס איז אַלט, דאַרף מען פאַרוואַרפן, און נישט אַלץ וואָס איז ניי, דאַרף מען אָננעמען...

עס האָט זיך צווישן זיי פאַרוויקלט אַ לאַנגער שמועס וועגן דעם. חוהלע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פּאָר זייער „פרייע ווערטער״. שואליק האָט זיך געגעבן אַ הייב־אויף, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— אָ, שוין נאָך עלף. זיך היפּשלעך שפּעט פאַרזעסן. שלום, גברת הערשקאָוויטש!

— שלום! אָבער נישט „גברת״. מ׳רופט מיך חוה!...

— טוב מאד... און מיך רופט מען שואל!...

ג

צומאָרגנס, דינסטיק, איז ר׳ שלמה־שעיה, ווי זיין שטייגער, ווידער אויפגעשטאַנען מיטן שפּראָץ אויף טאָג און געוועקט שואליקן:

— שואליק, צייט צו גיין דאַוונען!

שואליק האָט קוים אויפגעריסן די אויגן. אויפן ערשטן מאָמענט האָט ער אפילו נישט געוווּסט וואו ער איז. ר׳האָט זיך אָבער באַלד איזדערכאַפּט.

— יאָ, יאָ! באַלד, ר׳ שלמה־שעיה!...

שואליק האָט זיך געגעבן אַ צי־אויס, אַ קנאַק־אויס די ביינער, זיך אויפגעהויבן, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, אָנגעטאָן, אָפּגעוואַשן זיך, און אַוועק מיט ר׳ שלמה־שעיהן אין שטיבל אַריין.

שפּאַנענדיק מיט אים זייט־ביי־זייט איבער די פּאַרטאָגיק־שטילע גאַסן צו ריווינגטאָן סטריט, האָט שואליק אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ פאַרגנבעטן

בליק אויף ר׳ שלמה־שעיהן, ווי ער אײלט זיך צום דאַווענען. ר׳האָט אין אים ווידער דערזען דעם פרומען יראַ־שמימדיקן פּאַרשוין, וואָס לויפט צו „עבודת הבורא״, און אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַט דער מענטש האָט נעכטן געקאָנט אַזוי פאַרכאַפּט ווערן אין דער נעץ פון „עבודת הממון״...

— הייסט עס, שואליק, אַז דו ווערסט אַ שכן ביי שמואל־הערשן, האַ? נו, זייער פיין, זייער פיין!

— יאָ, כ׳וויל טאַקע היינט אָוונט, מירצעשעם, זיך איבערציען אַהין.

— וואָאוּעס? כאַפּ־לאַפּ? כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז פאַר שבת וועל׳ך דיך נישט אָוועקלאָזן. מיר׳ן פּראַווען אַ מלווה־מלכה. מיין בתיה־ראָכצע האָט שוין אַפילו באַשטעלט צוויי שכנהס צו העלפן צוגרייטן.

— למאַי די גאַנצע טרחה, ר׳ שלמה־שעיה?

— איכ׳ל דיר זאָגן דעם אמת, שואליק. ס׳נישט נאָר לכבוד דיר אַליין, כ׳איז אויך לכבוד מיין צוריקקער פון ארץ־ישראל, פאַרשטייסט?...

מוצאי־שבת, גלייך נאָך הבדלה, איז אָנגעקומען ר׳ נפתלי־בער דער שמש פון שטיבל „אמוני ישראל״ און זיך גענומען אויסשטעלן דעם לאַנגן טיש און די לאַנגע צוויי בענק, וואָס ר׳האָט נאָך פרייטיק בייטאָג געבראַכט צו ר׳ שלמה־שעיהן אין הויז אַריין. ער האָט פאַרשפּרייט דעם טיש מיט אַ ווייסן טישטעך, אַוועקגעלייגט געפּלאָכטענע חלות, אויסגעלייגט לעפל־גאָפּל־מעסער, פּאַפּירענע סערוועטקעס, און אַוועקגעשטעלט גלעזער אין גלעזלעך.

שפּעטער האָבן גענומען אָנקומען די פאַרבעטענע געסט, די „פּני״ פון שטיבל און אַ פּאָר שכנים און פריינט. ר׳ שלמה־שעיה האָט איטלעכן גאַסט אויפגענומען ווי אַן אמתער בעל־שמחה.

דער שבת־טאָג איז געווען אַ לאַנגער. בתיה־ראָכצע האָט זיך געשטעלט קאָכן אַרום ניין אין אָוונט און איז ערשט פאַרטיק געוואָרן אַרום עלף ביי־נאַכט. דערווייל האָט מע די געסט מכבד געווען מיט טיי און איינגעמאַכץ. צווישן איין גלאָז טיי און דער צווייטער האָט מען געזונגען מוצאי־שבתדיקע זמירות: „איש חסיד״, „אליהו הנביא״, און אויך דערציילט אַ פּאָר חסידישע מעשיות.

אַ פאַרפלאָמטע, אַ שווער־סאָפּענדיקע איז בתיה־ראָכצע אַריין פון דער קיך אין עס־צימער און אַ זאָג געטאָן צו ר׳ שלמה־שעיהן:

— נו, דער עולם קאָן זיך שוין גיין וואַשן!

די קנאַפּע צוויי מנינים שבתדיק־געקליידטע יידן, מיט מנוחה־ושמחה־דיקע פּנימער, האָבן זיך געוואַשן די הענט, זיך אויסגעזעצט אין צוויי לאַנגע

שורות אַרום טיש, געשניטן שטיקער חלה, געטונקען אין זאַלץ, געמאַכט „המוציא׳ס" אויף אַ קול, און — די מלווה־מלכה האָט זיך אָנגעהויבן.

ר׳ נפתלי־בער דער שמש האָט געבראַכט צו טראָגן צוויי שטאָפּן מיט בראַנפן, אָנגעגאָסן איטלעכן אַ גלעזל, און דער עולם האָט געטרונקען לחיים.

בתיה־ראָכצע מיט אירע צוויי שכנהס, מיט פּאַרוקן אויף די קעפּ און מיט ווייסע פאַרטעכער איבער די שויסן, האָבן געבראַכט צום טיש הייס־פּאַרעדיקן באָרשט מיט פעטע מאַרך־ביינער אויפן אוקראַינישן שטייגער. דער עולם האָט זיך געקוויקט, געלויבט דעם באָרשט אין הימל אַריין.

ר׳ שלמה־שעיה, וועלכער איז געזעסן אויבנאָן מיט שואליקן, האָט זיך אָפּגעווישט די וואָנצעס פונעם באָרשט און אַ זאָג געטאָן:

— דער פּרק זאָגט „שלשה שאכלו על שולחן אחד", ווען דריי יידן עסן ביי איין טיש און זאָגן דערביי דברי־תורה, איז גלייך ווי זיי עסן פון דעם טיש פון השם־יתברך, וועל׳ך טאַקע בעטן מיין שואליקן, ער זאָל אונדז זאָגן עפּעס אַ דבר־תורה!

אַלע ביים טיש האָבן פריילעך אויפגעכאַפּט דעם פּאַרשלאָג:

— אַוודאי, אַוודאי! ביי אַזאַ מלווה־מלכה!...

שואליק האָט תחילת קיין חשק נישט געהאַט צו זאָגן עפּעס. נאָר ווען ר׳האָט געזען, אַז ער וועט זיך נישט אויסדרייען פון עולם, האָט ער מסכים געווען.

— רבותי, — האָט ער אָנגעהויבן, — די גמרא זאָגט: „כל האומר דבר בשם אומרו", ווער עס זאָגט אַ דבר־תורה אין עמיצנס נאָמען, ברענגט ער דערמיט אַ גאולה אויף דער וועלט. נו, וועל׳ך נאָכזאָגן איצט אַ וואָרט פון דעם עמדינער גאון. ווי מיר ווייסן, ווערט די סעודה פון מוצאי־שבת גערופן „די סעודה פון דוד המלך", לויט דער קבלה. און אָט די דאָזיקע סעודה ווערט געפּראָוועט נייערט פאַר דער הנאה פון דעם „לוז של שדרה", פון דעם איינציקןביינדל אין גוף, וואָס פוילט נישט אין קבר, און דערפון וועט זיך אָנהייבן „תחית המתים". און פאַראַן אַ מדרש־פּליאה, וואָס רופט אָן אָט דאָס ביינדל „לוז" מיטן נאָמען „בתואל דער ליגנער". די גאַנצע געשיכטע איז אומפאַרשטענדלעך: פאַרוואָס הייסט די מלווה־מלכה דוד המלכס סעודה? און פאַרוואָס עפּעס פּראָוועט מען זי צוליבן ביינדל „לוז"? און ווי קומט אַהער „בתואל" דער ליגנער?... נאָר דאָ ליגט זייער אַ טיפער סוד, רבותי. פּונקט ווי די מלווה־מלכה באַגלייט דעם שבת, ווען ער גייט אַוועק, אַזוי באַגלייט דער „לוז" דעם גוף, ווען מ׳לייגט אים אין קבר. „לוז" מיטן „כולל" איז בגימטריא „דם", אַ רמז אויפן נפש. דער גאַנצער גוף ווערט פאַרפוילט און דער „לוז" בלייבט אייביק פריש. דער מדרש רופט אים „בתואל", ווייל „בתואל" מיטן „כולל" איז בגימטריא „מת", און פּונקט ווי

בתואל איז געווען אַן אָפּנאַרער, אַ רמאי, אַזוי איז אויך דער „לוז". ער נאַרט אָפּ דעם גאַנצן גוף. דער גוף ווערט פֿאַרפֿוילט, און ער אַליין בלייבט פֿריש, ווי דער נפש, און איז דער שורש פֿון אייביקן לעבן, אייביקן קיום. און דערפֿאַר רופֿט מען די מלווה־מלכּה דוד המלך סעודה, ווייל דוד איז „חי וקים". דוד — „משיח־גייסט", דוד — „גאולה־גייסט". און דערום זאָגט מען ביי אָט דער דאָזיקער סעודה „דאָ היא סעודתא דדוד מלכּא משיחא"...

און דער מוסר־השכּל דערפֿון איז, אַז דער טייל מענטש, וואָס לעבט צוליב „גשמיות", פֿאַרשווינדט ווי אַ וואָלקן, און ווי אַ ווינטל, וואָס טוט אַ בלאָז; אָבער יענער געטלעכער טייל מענטש, וואָס לעבט צוליב „רוחניות", האָט אַ קיום עד סוף כּל הדורות!...

דער עולם איז געזעסן מיט די קעפּ געווענדט צו שואליקן און געשלונגען איטלעכס וואָרט זיינס.

— אַי־אַי־אַי, טיפֿע ווערטער, הויכע ווערטער, גאָלדענע ווערטער!...

— האָט דער עולם זיך געקוויקט.

ר' נפֿתּלי־בער דער שמש האָט געלאָזט וויסן אין קיך, אַז מ'מעג שוין דערלאַנגען צום טיש די אַנדערע געריכטן.

די ווייבער האָבן גענומען דערלאַנגען טעלער מיט געבראָטן גענדזן־פֿלייש, מיט פֿאַרקנאָבלטע אָנגעפּילטע קישקעס, מיט פּופּיקעס און לעבער־לעך, מיט גריוון־קנישעקלעך, געזייערטע אוגערקעס, און סאַלאַטע, און כריין. נאָכדעם — מערן־צימעס מיט רייז און האָניק און פֿלוימען־קאָמפּאָט מיט ראָזשינקעס.

נפֿתּלי־בער דער שמש האָט דערלאַנגט די משקאות, ווישניאַק און וויין, ביר און סעלצער־וואַסער, און אָנגעגאָסן פֿאַר איטלעכן גלעזל נאָך גלעזל.

די טיר פֿון דער קיך איז געשטאַנען אָפֿן. פֿון די הייסע טעפּ און בעקנס אויפֿן אויוון און פֿון די שיסלען און טעלער אויפֿן טיש האָט געזעצט אַ פּאַרע מיט געשמאַק־זיסלעכע ריחות, וועלכע האָבן געררייצט דעם אַפּעטיט. דער עולם האָט געגעסן און געטרונקען, געווען פֿאַרפֿלאַמט און פֿאַרשוויצט, פֿאַרקנאַקט און פֿאַרשניאָשקעט, און בגילופֿנדיק געזונגען און געטומלט.

שואליק, וועלכער איז נישט געווען געוואוינט צו אַזוינע זאַטע און געשמאַקע סעודות מיט אַזוינע רייצנדיקע און געווירצטע פּאַטראַוועס און מיט אַזוינע שטאַרקע משקאות, איז גלייך נאָך די ערשטע פּאָר גלעזלעך ווישניאַק געוואָרן מבוסמדיק־באַרוישט. אַ זיסע מידקייט האָט זיך צעגאָסן אין אַלע זיינע אברים פֿון קאָפּ ביז פֿיס. זיין מוח איז געוואָרן ווי פֿאַר־טעמפּט. די וויעס האָבן זיך ביי אים געקלעפּט. ער איז געזעסן ווי אַ פֿאַר־טשאַדעטער. ער האָט נישט געדענקט ווען די סעודה האָט זיך געענדיקט,

ווען מ׳האָט געבענטשט, ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, און ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן.

ערשט זונטיק פאַרטאָג, ווען ר׳ שלמה־שעיה האָט אים גענומען וועקן צו גיין אין שטיבל אַריין דאַווענען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ביי דער סעודה נישט געזען קיין איינעם פון די שאַפּ־אַרבעטערס. שואליק האָט דערפילט אַן אומעט, אַ שווערקייט אויפן האַרצן. אַ פאַרדראָס האָט אים גענומען פרעסן אויף ר׳ שלמה־שעיהן, און נאָכמער — אויף זיך אַליין.

אויפן וועג צום שטיבל איז ער געגאַנגען אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרטראַכטער...

קאַפּיטל זיבן

א

פון דעם חסידים־שטיבל איז היינט שואליק נישט געגאַנגען מיט ר׳ שלמה־שעיהן אין שאַפּ אַריין, ווי יעדן טאָג. באַלד נאָכן דאַווענען האָט שואליק אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגערל און אַ זאָג געטאָן צו ר׳ שלמה־שעיהן:

— ס׳איז איצט אַזייגער זיבן, ביז אכט וועל׳ך האָבן גענוג צייט איבערצופּעקלען מיין ביסל אָרעמקייט צו שמואל־הערשן.

— ווילסט זיך טאַקע איבערציען דווקא היינט?

— היינט איז דאָך זונטיק. אָנהייב וואָך!

— אָלרייט. ווי דו ווילסט.

שואליק איז אַוועק אַן איילנדיקער. דער פרימאָרגן, נאָך דער שטיקנדיקער נאַכט, איז געווען אַ הייסער און אַ פּייכטער. ווי פרי אויפן טאָג ס׳איז נאָך געווען, זענען שוין מאַנסבילן אין גאַס אַרומגעגאַנגען אָן רעקלעך, מיט האַלב־אַרבלדיקע העמדלעך און צעקנעפּלטע קעלנער. ביז שואליק איז צוגעקומען צו ר׳ שלמה־שעיהס וואוינונג אויף קלינטאָן סטריט האָט ער שוין געווייקט אין שוויס. געדענקט האָט ער, אַז ער וועט קאָנען איבערטראָגן זיינע צוויי טשעמאָדאַנעס מיט איין מאָל. די משא איז אָבער איצט נישט געווען פאַר זיינע כוחות. ר׳האָט קוים איין טשעמאָדאַן געקאָנט טראָגן, און געמוזט גיין צוויי מאָל. ער האָט דערום פאַרשפּעטיקט אין שאַפּ אויף אַ גאַנץ פערטל שעה. ער איז אַריין אין אָפּיס אַ שוויצ־סאַפּענדיקער.

ער האָט דערזען, אַז ר׳ שלמה־שעיה קוקט אויף אים אַריבער די שוואַרצע רעמלעך פון זיינע שפּאַקולן.

— שווער געווען צו טראָגן ביידע וואַליזעס מיטאַמאָל אין אָט דער המימה. געמוזט גיין צוויי מאָל הין־און־צוריק! — האָט ער זיך ווי פאַר־ענטפערט.

— געקאָנט נעמען אַ טעקסי, גרינער!...

שואליק האָט שוין גאַרנישט געזאָגט. ר׳איז אַוועק אין שאַפּ און זיך גלייך געשטעלט אַרבעטן. ער האָט אָבער רויק נישט געקאָנט אַרבעטן. ס׳האָט אים אין מוח געהאַלטן אין איין פּיקן די פראַגע: ווייסן די אַרבע־טערס וועגן דער נעכטיקער מלווה־מלכה, אָדער נישט?...

מיטאָג־צייט, ווען די מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און די אַרבע־טערס פון ביידע שטאָקן האָבן זיך אויסגעזעצט מיט זייערע פּעקלעך שפּייז ביים לאַנגן טיש און גענומען עסן, האָט מאַטעלע גאָז אַ זאָג געטאָן:

— איי, יידן, ס׳גוט צו זיין אַ ירושלימער! פאַר אַ ירושלימער אַרבע־טער פראַוועט דער באָס אַ מלווה־מלכה! וואָדען, פאַר אונדז וועט ער פראַווען?...

שואליק האָט דערפילט ווי ס׳גאַנצע בלוט איז אים אַריין אין פּנים.

— ווי אַזוי ווייסט איר, מאַטעלע, פון דער מלווה־מלכה?

— ווי אַזוי מאַטעלע ווייסט? אַ שיינע פראַגע! — האָבן זיך אַלע ביים טיש צעלאַכט — פאַר מאַטעלען איז נישטאָ קיין סוד...

שואליק האָט קוים אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן און זיך גענומען פאַר־ענטפערן:

— כ׳האָב נאָר־וואָס אַליין געוואָלט אייך דערציילן וועגן דער מלווה־מלכה. גלויבט מיר, אַז מיר איז גאָר תחילת אויפן געדאַנק נישט אויפגע־קומען אַפילו, אַז ר׳ שלמה־שעיה וועט נישט פאַרבעטן אַלע זיינע אַרבע־טערס פון שאַפּ צו דער סעודה. די דאָזיקע געשיכטע קרענקט מיך שטאַרק. ווען כ׳ווייס דאָס פריער, וואָלט איך זיך אַפילו נישט געווען געזעצט צום טיש, שווער איך אייך. בכלל, קאָן איך אונדזער באַלעבאָס נישט תופס זיין. ער איז דאָך, דאַכט זיך, אַ...

— שאַט! שאַט! אָט גייט דער באַלעבאָס אַהער! — האָט איינער אַ זאָג געטאָן.

דער שמועס איז גלייך אָפּגעהאַקט געוואָרן. די אַרבעטערס האָבן אָפּגע־בענטשט מיט אַ „מזומן״ און אַוועק צוריק צו דער אַרבעט.

אויפן וועג פון שאַפּ אַהיים, גייענדיק צוזאַמען מיט שמואל־הערשן, האָט שואליקן געביסן די צונג. ער האָט גלייך געוואָלט אים אויך דערציילן וועגן

דער נעבעכיקער מלווה־מלכה. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן. שמואל־הערש דערהערט דאָך נישט, דאַרף מען צו אים רעדן הויך. איז עס נישט קיין פּלאַן אינמיטן גאַס. בעסער צו דערציילן אָט די געשיכטע ביים טיש, זאָל די חוהלע אויך וויסן ווי שטאַרק עס פּאַרדריסט אים אויף דעם ר׳ שלמה־שעיהן. זאָל זי נישט מיינען, אַז ער, שואליק, איז טאַקע אַ „רעאַק־ציאָנער", ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין שפּאַס וועגן אים...

געקומען אַהיים האָבן זיי גראַד חוהלען נישט געטראָפן.

— וואו איז חוהלע? — האָט שמואל־הערש אַ פרעג געטאָן.

— זי האָט געמוזט אַוועק צו אַ „ספּעשל מיטינג".

— ס׳אַראַ ספּעשל מיטינג?

— עפּעס אַ תלמוד־תורה האָט פּלוצים אָפּגעזאָגט צוויי לערערס אינ־מיטן זמן. טוט זיך חושך אין זייער „אגודה". און חוהלע איז דאָך עפּעס אַ „כל ולך" דאָרטן. איז מינוץ געקומען נאָך איר, געוואַרט ביז זי האָט אָפּגעגעסן וועטשערע, און זי איז מיט אים אַוועק צום מיטינג.

— וואָדען? די „טיטשערס־יוניע" וועט מאַכן אַ מיטינג אָן חוהלען? איך קלייניקייט! — מאַכט שמואל־הערש.

— נו, גייט זיך וואַשן. דער טיש איז געגרייט! — טוט כאַנציע אַ זאָג.

די מאַנסבילן האָבן זיך געוואַשן. מ׳האָט זיך געזעצט עסן וועטשערע. שואליק האָט קוים די „המוציא" אַראָפּגעשלונגען. ס׳איז אים נישט געקראָכן אין האַלדז אַריין. ער האָט זיך גענויט צו ווייזן אַ פריילעכע מינע, צו עסן אַ פּאָר לעפל זופּ. כאַנציע האָט גלייך דערקענט אויף זיין פּנים, אַז עפּעס איז ער אין אַ שלעכטער שטימונג, און זי האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דער מער, מיסטער הר־שלום? עפּעס עסט איר מיט אַ האַלב מויל. אַ׳בעטשע די זופּ שמעקט אייך נישט...

— חס וחלילה, מיסיס הערשקאָוויטש! אדרבא, די זופּ איז זייער געשמאַק!

— פאַרוואָס־זשע עסט איר נישט?

— איך בין היינט אין אַ זייער געדריקטער שטימונג! — זיפצט שואליק.

— אַזוי איז עס די ערשטע צייט אין אַ ניי לאַנד, ביי אַ נייעם באַלע־באָס! — מאַכט כאַנציע. — כ׳וויל אייך אָבער זאָגן, מיסטער הר־שלום, אַז ביי אונדז אין הויז דאַרפט איר זיך פילן, ווי צווישן אמתע פריינד.

— אַ שיינעם דאַנק! — מאַכט שואליק — איצט, אַז איר׳ט שוין יאָ דערמאָנט דעם באַלעבאָס, וויל איך טאַקע פרעגן ר׳ שמואל־הערשן ס׳אַראַ מין מענטש איז אונדזער באַלעבאָס. האַ?

שמואל־הערש האָט געשוויגן אַ ווײַלע, אַ סמאָטשקע געטאָן מיט זיינע גראָבע ליפּן, און אַ שמייכל געטאָן:

— אַ... באָס ווי אַלע באָסעס...

— און איך האָב געדענקט, אַז ר׳איז אַנדערש פון אַלע באַסעס. לויט ווי ער פאַרברענגט יעדן פרימאָרגן מיט די אַרבעטערס אין שאַפּ אין אַזוינע פריינטלעכע שמועסן, איז ע...

— יאָ, יאָ! — האַקט איבער שמואל־הערש — צו רעדן און שמועסן איז ער זייער־זייער אַ וותרן. נאָר ווען ס׳קומט צום דאָלאַר איז — לאַ־מיט־אַ־ספּאַדיק!

— ווי אמת ס׳איז דאָס ווערטל, אַז מ׳קען נישט אַ מענטשן ביז מ׳האַנדלט נישט מיט אים. כ׳מוז אייך דערציילן ס׳אַרא פאַרדראָס כ׳האָב פון אונזער באַלעבאָס.

— שוין? אַזוי גיך? — פרעגט כאַנציע.

— נישט פאַר זיך, נאָר פאַר די חברים אין שאַפּ. לעצטע וואָך זאָגט מיר ר׳ שלמה־שעיה, אַז ער גייט פּראַווען לכבוד זיין צוריקקער פון ארץ־ישראל און אויך לכבוד מיר אַ סעודת מלווה־מלכה. איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז די הויפּט־געסט ביי דער סעודה וועלן זיין אַלע אַרבע־טערס פון שאַפּ. לאָזט זיך אויס, אַז ר׳האָט פאַרבעטן בלויז די „פּני" פון זיין חסידים־שטיבל, און די אַרבעטערס זיינע האָט ער אפילו נישט מזכיר געווען דערפון. ווען איך האָב זיך געכאַפּט, איז שוין געווען צו שפּעט. כ׳עס זיך אויף אַ לעבעדיקער...

— טאַ־טאַ... האָט איר ביי אים אַן עוולה, שואליק! — שמייכלט שמואל־הערש.

— גלויבט מיר, כ׳שעם זיך פאַר די חברים אין שאַפּ, כבושת־גנב...

— שאַט, שאַט! — כ׳האָב אַן עצה! — מאַכט כאַנציע.

— יאָ? וואָס?

— זאָלן די אַרבעטערס פּראַווען אַ מלווה־מלכה און דעם באַלעבאָס נישט רופן! מידה כנגד מידה... כ׳בין אַפילו גרייט צו פּראַווען די מלווה־מלכה ביי מיר אין הויז!...

— איי, דאָס אי׳דאָך אַ געניאַלער געדאַנק, מיסיס הערשקאָוויטש! — האָט שואליק געטאָן אַ פּליעסקע מיט די הענט. אַזוי טאַקע וועלן מיר טאָן!...

ב

די סוף־סיוונדיקע נאַכט איז אָנגעקומען מיט אַ דערפרישונג פאַר דער צעהיצטער און צעפּאַרעטער שטיין־און־שטאָליקער שטאָט ניו יאָרק. פונעם ים און פונעם איסט ריווער האָבן גענומען בלאָזן פאַרשייטע ווינטלעך, צעווייעט די הייס־אָנגעגליטע לופט, צעטריבן די פאַרנע פייכטקייט, און אָנגעטריבן טיטשקעס גרויע כמאַרעלעך און סטאַדעס שוואַרצע וואָלקנד־לעך אויפן הימל.

שמואל־הערש און כאַנציע זענען אַרויס זיך אָפּפרישן אַביסל פאַרן גיין שלאָפן. שואליק האָט זיך אַנטשולדיקט. ער מוז גיין צו זיך אין צימער אַריין צו מאַכן דאָרט אַ שטיקל אָרדענונג. ער האָט אַרויסגענומען פון די טשעמאָדאַנעס זיינע שבתדיקע מלבושים און זיי אויפגעהאָנגען אין אַלמער. ער האָט אַרויסגענומען זיין וועש און עס אויסגעלייגט אין די קאָמאָדע־שופלאָדן. ער האָט אַרויסגענומען זיינע ספרים און ביכער און זיי אויס־געשטעלט אין דעם ביכער־שענקל, און איבערן שענקל צוגעשפּילעט די קאָלירטע ארץ־ישראל־מאַפּע צו דער וואַנט.

געענדיקט מיט זיין באַלעבאַטישקייט, האָט ער זיך אָװעקגעלייגט אויפן בעט פּרוּאוון דעם מאַטראַץ — אַ מחיה, ווייך, באַקוועם. ר׳האָט פאַרהויבן ביידע הענט און זיי פאַרלייגט אונטערן קאָפּ, גענומען באַקוקן זיין צימער, און ס׳איז אים געפעלן געוואָרן איצט נאָך מער ווי פריער. ריין, שיין, ציכטיק — אָט דאָ וועט ער קאָנען האָבן מנוחה און הרחבת־הדעת.

אויפן געדאַנק איז אים אַרויף איצט כאַנציעס פאַרשלאָג וועגן אַ מלווה־מלכה פאַר די חברים־אַרבעטערס פון שאַפּ. אַ נחת־רוחדיקער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פנים; אָט די כאַנציע האָט גאָר אַזוי פיל נישט געמיינט, וויפל זי האָט צוגעטראָפן...

ער האָט זיך געטאָן אַ הייב־אויף פון בעט, זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין טישל, נעבן פענצטער, און זיך גענומען דורכקוקן די ניו יאָרקער יידישע זונטיק־צייטונגען. ער האָט געבלעטערט אין צייטונג נאָך דער אַנדערער, געשטוינט פון דעם גרויסן אוצר פון ליטעראַטור. די ארץ־ישראל־צייטונ־גען גיבן „ביילאַגעס״ אויף שבת. דאָ גיבן זיי לייען־שטאָף אויף זונטיק גאָר! אין אַמעריקע איז זונטיק אַ צווייטער שבת... וואָס זאָגט ער אַ „צווייטער שבת״? זונטיק איז כמעט דער „אַמעריקאַנער שבת״ ביי יידן... שבת איז דאָ אַ וואָכעדיקער טאָג. די שעפער אַרבעטן. די קראָמען זענען אָפן. די מאַרק־שטעלן זענען געפּאַקט מיט קונים. און זונטיק איז דער רו־טאָג דאָ. זונטיק פראַוועט מען חתונות, לוויות, מצבה־אויפדעקונ־גען. אַפילו די פרומע רבנים גייען דאָ זונטיק שבתדיק־פאַרפּוצטע צו טאָן זייערע רעליגיעזע פליכטן.

אַ שטאַרקע בענקשאַפט האָט שואליקן אָנגעכאַפּט נאָך ארץ־ישראל בכלל, און נאָכן ארץ־ישראלדיקן שבת בפרט. אַך, די שיינקייט און די געמיטלעכקייט פון דעם שבת אין ארץ־ישראל. אַוודאי איז דאָרט אויך פאַראַן חילול־שבת. אָבער ר׳איז באַגראָבן בחדרי־חדרים. די גאַס, דער אינדרויסן איז פול מיט שבת, דער אַויר שמעקט מיט שבת. די לופט זינגט „מזמור שיר ליום השבת״...

אַרום עלף אַזייגער האָט שואליק דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ער האָט אויפגעעפנט און דערזען פאַר זיך חוהלען מיט אַ יונגנמאַן ביי דער זייט.

— שלום, שואליק! בשעה טובה ומוצלחת!... — גראַטולירט אים חוהלע מיטן איבערקלייבן זיך צו זיי.

— שלום, חוהלע! תודה רבה!...

— מעג מען אַריינקומען? כ'האָב געזען, אַז ביי אייך אין צימער איז ליכטיק נאָך, האָב איך באַשלאָסן אַריינצוגיין מיט חבר מינצן, אייך באַקענען...

— שלום, שלום, מר מינץ!

— נעים מאד, מר הר־שלום!

שואליק האָט געגעבן די געסט די צוויי בענקלעך, וואָס זענען געווען אין חדר, און ער אַליין האָט זיך געזעצט אַקעגן זיי אויפן בעט.

חוהלס פּנימל איז געווען פאַרפלאַמט, פאַרפאַליעט. אירע אייגלעך האָבן געבליצט. זי איז געווען לוסטיק, לעבעדיק.

דער לערער־מיטינג איז געווען אַ היציקער. דער פאַל מיט די צוויי אָפּגעזאָגטע לערערס אינמיטן זמן האָט אַלעמען דאָרט שטאַרק אויפגערירט און אויפגעברויזט. חוהלע, אַלס קעמפערין פאַר די רעכט פון די לערערס, האָט אויפגעשטורעמט דעם עולם מיט איר שאַרפן אַרויסטריט קעגן דער הפקרדיקער האַנדלונג פון די „עסקנים״.

אויפן וועג אַהיים האָט איר באַגלייטער מינץ געוואָלט גיין מיט חוהלען אויף אַ שפּאַציר. זי האָט אָבער נישט געוואָלט. זי איז באַשטאַנען, אַז נישט אַנדערש, נאָר מינץ זאָל מיט איר גיין אַהיים און זיך באַקענען מיט זייער „באָרדער״, דעם ירושלימער „שיינעם בחור הר־שלום״...

שוין קנאַפּע דריי יאָר זינט חוהלע און מינץ זענען לערערס אין דער זעלבער תלמוד־תורה.

כאָטש מינץ איז שוין אין די פערציקער, שוין מיט אַ געזיכערטן פליך אויף זיין בלאַנדן קאָפּ, און עלטער פון חוהלען מיט גאַנצע עלף יאָר, האָט אים חוהלע דאָך משונה ליב געהאַט.

מינץ האָט טאַקע געהאַט אַ סך מעלות. אַ שיינער, אַ שטאַלטנער, אַ למדן, אַ גוטער העברייער, אַן אויסגעצייכנטער לערער, דערצו אַ דיפּ־לאָמירטער, געהאַט אַ „מאַסטער׳ס דעגרי״ פון קאָלאַמביא־אוניווערסיטעט. געקליידט האָט ער זיך ריין, זויבערדיק. געהאַלטן האָט ער זיך שטאַטנע, פּראָפעסאָריש. גערעדט האָט ער שיין, ווערדיק, וואַגיק, לאָגיש, קלוג. געהאַט האָט ער תמיד די בכבודיקסטע און בעסט־באַצאָלטע לערער־שטע־לעס אין שטאָט. מיידלעך האָבן געקלעפּט צו אים ווי פליגן צו האָניק. און

חוהלע איז געווען די גליקלעכסטע, ווען מינץ האָט אָנגענומען אַ שטעלע אין דער זעלבער תלמוד־תורה מיט איר און פאַרקניפּט מיט איר אַ פריינט־שאַפט.

חוהלע איז מינצן אויך מער געפעלן געוואָרן פון אַלע אַנדערע מייד־לעך. ער האָט געשעצט איר קלוגשאַפט, איר שטאַרקן כאַראַקטער און אירע קענטעניש. ער האָט ליב געהאַט איר קליינטשיק געטאָקט פיגורעלע, איר שיין פנימל, און איר זשוואַוועקייט.

מינץ איז בטבע געווען אַ געוואַלדיקער קמצן. און זיין לאַנגע בחור־שאַפט האָט אָט די קמצנות זיינע נאָך מער פאַרשאַרפט. ר׳איז געוואוינט געוואָרן צו פירן אַ לעבן מיט זיך אַליין און פאַר זיך אַליין, און ער האָט נישט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק פון אַ פאַמיליע־לעבן. ער האָט ממש געציטערט פאַרן געדאַנק צו נעמען אויף זיך דעם יאָך פון אַ ווייב, פון שפּייזן נאָך אַ מויל אַ חוץ זיין אייגנס, כאָטש ער האָט געהאַט אַ היפּשן אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל און שטענדיק פאַרדינט גוט.

פאַרבינדן זיך מיט אַ ווייב האָט ביי מינצן געהייסן: קינפּעטן, קינדער, צרות, שלעק, שלאָפלאָזע נעכט, און דער עיקר — געלט, געלט און געלט.

ניין, נישט פאַר אים!...

חוהלעס עלטערן, מענטשן מיט לעבנס־פּראַקטיק האָבן לאַנג שוין מינצן תופס געווען. איבערהויפּט האָט כאַנציע, חוהלעס מוטער, איר נישט איינמאָל אָנגעוואונקען, אַז אַן אַלטער בחור איז ווי אַן „אַלטער האָן״, ר׳לאָזט זיך נישט איינקאָכן. חוהלע האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון. זי איז געווען זיכער, אַז פריער־שפּעטער וועט זי מינצן איינברעכן, און זי האָט פּרובירט צו אים אַלערליי מיטלען.

איצט, ווען שואליק האָט געדונגען ביי זיי דעם צימער, האָט חוהלע באַשלאָסן, אַז אָט דער שואליק קאָן זיין ביי איר איינער פון די „ב ע ס ט ע מ י ט ל ע ן״ און זי דאַרף אים א ו י ס נ ו צ ן.

ג

חוהלע איז געווען אַזוי אַנטציקט פון דעם פּלאַן צו פּראַווען אַ מלווה־מלכה פאַר די אַרבעטער ביי זיי אין הויז, אַז זי איז ביים פרישטיק, מאָנ־טיק גאַנצפרי, אויפגעשפּרונגען פון טיש, אַרומגענומען די מוטער און איר אַ קוש געטאָן:

— מאַ, יו־אַר עי־דאַל, און אַ חכמה דערצו! ס׳איז אמת פּראָגרעסיוו און חבריש, מאַ! איכ׳ל דיר העלפן אין קיך, מאַ!...

די אַרבעטערס אין שאַפּ האָבן אויך מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען דעם פאָרשלאָג:

— גוט, גוט! וועלן מיר טאָקע האָבן אונדזער אייגן „קערמעשל״, אָן קיינעמס חסדים!...

און מאָטעלע נאָז איז גלייך אַרויס מיט זיין אייגענער פּראָפּאָזיציע:

— הערט מיך אויס, רבותי, אויב שוין אונדזערס אַ קערמעשל, זאָל עס זיין טשאַקענדיק און קנאַקענדיק, פאַרשטייט איר מיך! אַזאַ מין סעודה טאָרן מיר נישט לאָזן אויף כּאַנציעס הענט אַליין. מיר דאַרפן איינשפּאַנען אויך אונדזערע פלוניתטעס. איטלעכע וועט געוויס וועלן עפּעס צוגרייטן, און איטלעכע וועט וועלן עפּעס העלפן. וועט׳ס זיין אַ סעודה כּיד המלך!

— מאָטעלע איז גערעכט! — האָבן אַלע מסכּים געווען. — אַוודאי וועלן אונדזערע ווייבער געבן צושטייער און מיט פאַרגעניגן העלפן כּאַנציען אין דער אַרבעט!

אויפן צווייטן טאָג זענען שוין די ווייבער געווען ביי כּאַנציען און אָפּגערעדט וואָס איטלעכע פון זיי זאָל צוגרייטן: איינע — אַ געבראָטענע קאַטשקע, אַ צווייטע — אַ געפּילטע קישקע, אַ דריטע, — אַ מאַהינע מיט לונג־און־לעבער, אַ קוילעטש, אַ קוגל, אַ קאָמפּאָט און שאר־ירקות. כּאַנציע אַליין האָט אויף זיך גענומען, פאַרשטייט זיך, די סאַמע הויפּט־פּאַטראָווע פאַר דער מלווה־מלכּה — צו קאָכן אַ באָרשטש מיט מאַרכביינער.

שבתצונאַכטס, באַלד נאָך דער הבדלה, איז מאָטעלע נאָז געקומען דער ערשטער צו שמואל־הערשן אין הויז. קודם־כּל האָט ער צערוקט דעם אַלטפרענקישן טיש מיט די זעקס גראָבע, געטאָקטע בולבע־פיס, און אַריינגעלייגט די דריי צוגעפּאַסטע ברעטער אינמיטן. דער טיש האָט זיך אַזוי אַרום אויסגעצויגן אין דער לענג פון גאַנצן צימער, וואָס האָט דאָרט געדינט אי אַלס גאַסטצימער און אי אַלס עסצימער. צו די זעקס אַלטע, שווערע בענקלעך מיט די הויכע אָנלענען, האָט מען געליען ביי די שכנים צוויפליי־בענקלעך. מאָטעלע נאָז, וועלכער איז אויף אַלץ געווען אַ בריה, האָט פאַרשפּרייט דעם טיש און אויסגעלייגט ס׳געשיר פאַר אַלע געסט, ווי אַ געניטער סאַרווער.

אין קיך האָבן זיך מיט דער צייט צונויפגעזאַמלט אַלע ווייבער פון די אַרבעטערס. איטלעכע האָט געבראַכט איר פאַרשפּראָכענעם צושטייער, איטלעכע האָט געוואָלט מאַן אַ שרות, און זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט איינע פאַר דער אַנדערערס פיס. דער גערויש, דער טומל, דאָס פּלאַפּלעריי האָבן פאַרטויבט די אויערן.

— דאָרט, אין קיך, איז אַצינד „והחזיקו שבע נשים בסיר אחד״, זיבן ווייבער אויף איין טעפּל... — האָט חוהלע אַ זאָג געטאָן.

שואליקן איז דער שפּאַס זייער געפעלן געוואָרן. ר׳האָט צופרידן אַ טראַכט געטאָן: אָט די חברה׳מאַנטע קען תנ״ך...

אַרום צען אַזייגער ביינאַכט איז שוין דער גאַנצער עולם געזעסן אַרום

טיש. שמואל־הערש, אַלס באַלעבאָס פון הויז, און שואליק, אַלס גאַסט, זענען געזעסן אויבנאָן, און די אַנדערע מאַנסבילן — פון בײדע זײטן טיש. בײם צווייטן עק טיש זענען כאַנציע מיט חוהלען געזעסן אויבנאָן, און די אַנדערע ווייבער — פון בײדע זײטן טיש. צווישן די מאַנסבילן און די ווייבער האָט מען געלאָזט אַ היפּש ליידיק פּלאַץ, ווי דער שטייגער בײ פרומע יידן. אָבער אויסגעקוקט האָט עס ווי בײ אַן אמתער משפּחה־סעודה.

אַחוץ דעם וואָס די ווייבער האָבן בײגעטראָגן זײער צושטײער, האָבן די מאַנסבילן אויך געבראַכט צוטראָגן זײער אײגענעם צושטײער. איטלע־כער האָט אין זײן בוזעם־קעשענע געהאַט פאַרשטעקט אַ פלעשל משקה.

די משקה האָט איטלעכער אָפּגעגעבן צו מאָטעלע נאָז, וועלכער איז געוואָרן אויך דער „שר המשקים" פאַרן אָוונט.

ווי נאָר דער עולם האָט זיך געוואַשן און געמאַכט די „המוציא׳ס", האָט מען גענומען טרינקען לחיים, און איטלעכער האָט בײ זײן לחיים געוואָלט עפּעס אָפּזוכן אַ קלוגן און אָריגינעלן וואונטש:

— לחיים יידן, זאָל אונדז גאָט בענטשן מיטן בעסטן דרײלינג — געזונט, פּרנסה און נחת פון די קינדער...

— לחיים, יידן, זאָל אונדז גאָט בענטשן מיר זאָל ווערן אויס „מענטשן"...

— לחיים, יידן, זאָל אונדז גאָט געבן די ברכות־כהנים אחת־ואחת, מיר זאָלן זען אין זיך אַ סך נחת, דעם באַלעבאָס אויף להכעיס...

די פולע שיסעלעך מיטן פאַרעדיקן, רויטן באָרשטש, מיט די קײלעכ־דיקע פעטע „אויגן", וואָס די ווייבער האָבן גענומען דערלאַנגען צום טיש, האָבן איבערגעשלאָגן די לאַנגע, קלוגע, גראַמענדיקע ווינשעוואַניעס. דער עולם האָט זיך גענומען קוויקן מיטן גוטן, געשמאַקן, ווייניקן באָרשטש.

אויך די איבעריקע געריכטן האָבן נישט פאַרשפּעטיקט צו קומען אויפן טיש. מ׳האָט געגעסן, געטרונקען, געזונגען זמירות, גערעדט, געשמועסט, געשפּאַסט. אַלע זענען געווען אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. ס׳האָט בײם טיש געהערשט אַ משפּחהדיקע יום־טובדיקייט.

חוהלע און שואליק, וועלכע זענען געזעסן אין בײדע עקן טיש, אײנס קעגן אַנדערן, האָבן וועגן דער נחת־רוחדיקער געשעעניש זיך אָפּט דורכ־געוואָרפן מיט העברעישע ווערטער און אויסדרוקן.

דער עולם אַרום טיש, וואָס האָט נישט געקאָנט כאַפּן זײער העברעיש, האָט גענומען גוטמוטיק שפּאַסן:

— די צוויי חברה קאָנען אונדז „פאַרקויפן" אויף זײער ארץ־ישראל־דיקן לשון־קודש...

און מאָטעלע נאָז, וועלכער איז שוין געווען אַביסל פאַרשניאַשקעט, האָט אַ זאָג געטאָן:

— ווען די צוויי חברה פּאַלגן מיך, וואָלטן זיי געמעגט גלייך ברעכן טעלער... וואָס זאָגסטו, חוהלע, הע?...

חוהלע האָט אים אָן ענטפער געטאָן מיט אַ קיילעכדיק געלעכטערל:

— „אין מערבין שמחה בשמחה״, מען מישט נישט איין שמחה מיט אַ צווייטער, מאַטעלע... אָט די דאָזיקע שמחה איז פאַר זיך אַליין געַנוג ווּיכטיק. „מה טוב ומה נעים שבת אַחים גם יחד״; ווי גוט און ווי ליב איז, ווען ברידער פאַרברענגען אינאיינעם. איר פאַרשטייט?...

— שאָט, שאָט! לאָמיר הערן אַ גוט וואָרט! — האָט שואליק גענומען איינשטילן דעם עולם ביים טיש, און מיט נייגעריקייט אַ זאָג געטאָן:

— רעדט, רעדט ווייטער, חוהלע, ס׳אַ טייערע טעמע!...

— ס׳נישט קיין רעדע! — מאַכט חוהלע באַשיידן — כ׳וויל בלויז אונטערשטרייכן, אַז דאָס לעבן בכלל איז זייער־זייער וואָכעדיק. די נשמה דורשט נאָך יום־טובדיקייט, נאָך דערהויבנקייט. אָבער — יום־טובדיקייט פון דער נשמה, „התרוממות הנפש״, קאָן נישט געפּראַוועט ווערן ביחידות, מיט זיך אַליין און פאַר זיך אַליין, — נאָר מיט אייגענע, מיט פריינד, „שבת אחים גם יחד״. און דערפאַר האָב איך אַזוי שטאַרק הנאה פון אָט דער דאָזיקער סעודת מלווה־מלכה...

— אויסגעצייכנט, חוהלע, הפלא־ופלא!... איר האָט אין די עטלעכע ווערטער אויסגעדריקט כמעט די גאַנצע שיטה פון חסידות, חוהלע! — איז שואליק אַנטציקט געוואָרן.

שואליק האָט גענומען איר אַפּלאָדירן, און דער עולם, אויף אים קוקנדיק, האָט אויך געפּליעסקעט.

די סעודה האָט זיך געענדיקט זייער שפּעט.

ווען דער עולם האָט זיך געזעגנט און געגאַנגען אַהיים, האָט שוין דער בלויער פאַרטאָג אַריינגעקוקט אין די פענצטער.

שמואל־הערש און כאַנציע זענען מידע אַוועק שלאָפן. שואליק האָט זיך נאָך פאַרהאַלטן אין עסצימער. ר׳האָט גישט געקאָנט אַוועקגיין צו זיך, ביז ר׳וועט נישט אויסדריקן חוהלען זיין התפעלות צווישן פיר אויגן.

ער האָט זיך געדרייט און נישט געוואוסט פונוואַנען אָנצוהייבן אַצינד. און אומגעריכט פאַר אים אַליין, צי דאָס ביסל משקה האָט אין אים געשפּילט, צי חוהלעס צעפלאַמטע בעקלעך האָבן אים צעוואָרעמט, האָט ער געכאַפּט חוהלעס קעפּל איןביידע הענט און איר אָפּגעשטעמפּלט אַ הייסן, בריענדיקן קוש אויפן שטערן...

קאַפּיטל אַכט

א

דער אַראָפּגעצויגענער געלבלעכער ראַלעט אויף חוהלעס פֿענצטער האָט זיך שוין פֿאַרטאָגיק געבלייכט, און זי האָט נאָך אַלץ קיין אויג נישט צוגעטאָן. חוהלע האָט גוט געוואוסט, אַז ס׳איז איר איצט נישט געבליבן מער ווי אַ דריי שעה צו שלאָפֿן. ס׳איז זונטיק פֿאַרטאָג. זי דאַרף אויפֿשטיין זיבן אַזייגער, און פּונקט אַכט מוז זי שוין זיין אין איר קלאַס־צימער אין תלמוד־תורה. אָבער ווי שטאַרק זי האָט זיך געגייט איינצושלאָפֿן, האָט בשום אופֿן דער שלאָף זי נישט גענומען.

שואליקס קוש איז ביי חוהלען נישט געווען קיין „בכור״. זי האָט שוין נישט איינמאָל באַקומען אַ קוש פֿון אַ יונגנמאַן, איבערהויפּט פֿון מינצן. אָבער דער אומגעריכטער קוש שואליקס האָט זי אַזוי צערודערט, ווי קיין אַנדע־רער פֿריער.

חוהלע האָט נישט געקאָנט פֿאַרלייקענען פֿאַר זיך, אַז זי אַליין האָט גורם געווען דערצו, געגעבן שואליקן אַ „היתר״, אַזוי צו זאָגן. ווארים פֿון יענעם טאָג אָן, נאָכן מיטינג, ווען זי איז ס׳ערשטע מאָל מיט מינצן אַריין צו שואליקן אין צימער, האָט זי גלייך גענומען אויסנוצן שואליקן אַלס „שטויסקראַפֿט״...

דאָך האָט איר דער געוויסן גענומען פּלאָגן. זי באַגייט אַ פֿאַלשקייט, אַן אַפּנאַרעריי. זי פֿאַרדרייט דעם ערלעכן, גאַיוון בחור זיין קאָפּ אומזיסט און אומנישט...

ניין, ס׳איז אַבסאָלוט נישט מענטשלעך, נישט אָרנטלעך פֿון איר זייט. וואָס האָט זי צו אָט דעם אומשולדיקן שואליק, זי זאָל אים מאַכן פֿאַר אַ „קרבן״ צוליב איר אינטערעס מיט מינצן? ס׳אַ נאַרישער קאַפּריז אירער. אַן עגאָאיסטיש פֿאַרטל. זי מוז רעדן מיט שואליקן גאַנץ אָפֿן. זי׳ט אים אַלץ דערקלערן. גוט האָט זי געטאָן, וואָס זי האָט זיך קאָנטראָלירט און אים פֿאַר זיין הייסן קוש נישט אָפּגעצאָלט מיט אירן אַ קוש. דאָס וועט זיין אַ גוטער אויסרייד פֿאַר איר. זאָל ער וויסן גלייך פֿון אָנהייב טאַקע, אַז זי האָט אים גערן אַלס אַ פֿריינד, מיט וועמען ס׳אַ פֿאַרגעניגן צו פֿאַרברענגען — צו שמועסן. און דאָס אַלץ, דאָס אַליין — נישט מער, נישט ווייטער...

און מיט דעמדאָזיקן באַרויקנדיקן געדאַנק איז זי איינגעשלאָפֿן.

דער אַליאַרם־זייגער אויף איר נאַכט־טישל, וואָס איז געווען אָנגע־שטעלט אויף זיבן, האָט זיך צעקלונגען. חוהלע האָט קוים די אויגן־לעדלעך אויפֿגעריסן. דאַכט זיך, נאָר־וואָס איינגעדרימלט און שוין מוז זי אויפֿשטיין — צום טייוול זאָל עס גיין.

ווי מיט אַ מיליטערישן געאייל האָט זי זיך אָפּגעוואַשן, אָנגעפּודערט, אָנגעטאָן און אַריין אין עסצימער, וואו אַלע — דער פֿאָטער, די מוטער און שואליק — זענען געזעסן ביים טיש און געגעסן פֿרישטיק. זי האָט צוגע־וואָרפֿן אַלעמען איר „גוט־מאָרגן". שואליק האָט, רויטלענדיק זיך אַביסל, געענטפֿערט „גוט־יאָר", און נישט געקוקט גלייך צו איר.

נאָכן פֿרישטיק, וואָס זי האָט אָפּגעכאַפּט שנעל, האָט זי גענומען איר געלן פּאָרטפעל אין האַנט און ביי דער שוועל שוין האָט זי אַ זאָג געטאָן צו שואליקן:

— אין פּראָספּעקט־פּאַרק איז היינט אַ קאָנצערט, שואליק. גאָלדמאַן מיט זיין אָרקעסטער שפּילן היינט אָוונט. איר ווילט גיין מיט מיר?

— מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן, חוהלע! — האָט שואליק זיך אַ כאַפּ געטאָן.

דער גרויסער, שיינער ברוקלינער פּראָספּעקט־פּאַרק איז געווען אין זיין סאַמע פּרעכטיקסטן געבלי און געוויקס. חוהלע מיט שואליקן זענען אַהין אַריין גלייך פֿון דער איסטערן־פּאַרקוועי סאָבוועי־סטאַנציע. זיי זענען דורכגעגאַנגען דורכן טויער, וואָס פֿירט צום באָטאַנישן גאָרטן. די שטעגן זענען געווען פֿול מיט זונטיק־פּאַרפּוצטע שפּאַצירערס. חוהלע האָט שואליקן געוואָלט ווייזן דעם באַרימטן באָטאַנישן גאָרטן, די יאַפּאַנישע פּאַגאָדעס און רויזן, די באַסיינען מיט די וואַסער־בלומען און גאָלדענע פֿיש, און די גרויסע אָראַנזשעריע מיט די באַנאַנעס און אַנדערע טראָפּישע פּרוכטן און געוויקסן.

פֿון דעם שיינעם שטיל־רויקן באָטאַנישן גאָרטן האָבן זיי אַוועקגע־שפּאַצירט צו דעם ליאַרעמדיק־רוישיקן הויז פֿון אייז־קרעם, קאַלטע געטראַנקען און נאַשערייען, און צום דערבייאיקן טייך, וואו מ'האָט זיך געשיפֿלט און פֿריילעך געפֿילדערט.

דערפֿרישנדיק זיך מיט אַ קאַלטן סאָדע־געטראַנק זענען זיי אַוועק צום אָפֿענעם פּאַרק־פּלאַץ, וואו הונדערטער מענטשן זענען געלעגן אויפֿן גראָז און ס'קליינוואַרג האָט אַרומגעיאָגט און געשפּילט פּילקע.

צו זונאונטערגאַנג זענען זיי אָנגעקומען צו דעם קאָנצערט־פּלאַץ. די הונדערטער שורות לאַנגע בענק זענען שוין אַלע געווען באַזעצט מיט מענטשן, וועלכע האָבן געהאַלטן זייערע אויגן געווענדט צו דער מוזיק־פּלאַט־פֿאָרמע, געקוקט אויפֿן אָרקעסטער, ווי ער שטעלט אָן די כלים, און וואַרט אויפֿן אַרויסקום פֿון דעם קאַפּעלמייסטער, דאָקטאָר גאָלדמאַן, מיט זיין דיריגיר־שטעקעלע.

חוהלע און שואליק האָבן נאָך לאַנגער זוכעניש געפֿונען פֿאַר זיך פּלע־צער אויף אַ באַנק, ווייט, אין סאַמע עק.

דער קאָנצערט איז באַשטאַנען פון קלאַסישער מוזיק און אויך פון אַמעריקאַנער פאָלקס־מאָטיוון. די קלאַנגען האָבן געטראָגן מיט זיך פרייד און יום־טובדיקייט. חוהלע און שואליק, פונקט ווי די הונדערטער אַנדערע צוהערערס, זענען געווען אַנטציקט. די אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך לאַנג נישט איינגעשטילט.

נאָכן קאָנצערט האָט זיך דער עולם אויפגעהויבן און גענומען שטראָמען אין אַלע זייטן, אויף אַלע שטעגן און וועגן, כדי וואָס גיכער זיך אַרויס־צוכאַפּן פון פּאַרק און „קעטשען״ אַ „טראַלי״ אָדער אַ „סאָבוועי טריין״ אַהיים. מאָרגן איז מאָנטיק און מ׳דאַרף אויפשטיין פרי צו דער אַרבעט.

חוהלע האָט שואליקן געזאָגט, אַז זי האָט פיינט דאָס געדרענגעניש און דאָס שטופּעניש ביים סאָבווי. בעסער איז איבערצוּוואַרטן ביז דער עולם וועט שיטערער. דאָס איז טאַקע געווען אמת. אָבער איר כוונה איז געווען, אייגנטלעך, צו פאַרהאַלטן זיך נאָך אין פּאַרק אַביסל, כדי זי זאָל קאָנען דערקלערן שואליקן אַלץ וועגן איר „פּריינטשאַפט״ מיט מינצן, ווי זי האָט ביי זיך די לעצטע נאָכט באַשלאָסן צו טאָן.

זיי האָבן אַ ווײַלע שפּאַצירט איבערן פּאַרק און זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק אין איינער פון די געדיכטע אַלייען. זיי האָבן זיך צעשמועסט פון דעם וואונדערלעכן קאָנצערט. שואליק האָט חוהלען דערציילט וועגן די קאָנצערטן אין זיין שטאָט, אין דעם וואַרשעווער זאַקסישן גאָרטן, און צוגע־געבן, אַז דאָרטן אין דעם חזירשן פּוילן לאָזט מען קיין ייִדישע „היטעלעך מיט לאַנגע קאַפּאָטעס״ נישט אַריין. דאָ, אַ פריי לאַנד, אַמעריקע. געבענטשט זאָל עס זיין. און — ייִדן דאַרפן דאָ פאַרשטיין ווי אויסצונוצן די פרייהייט פאַר ייִדישקייט...

חוהלע האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן: זי האָט מורא, אַז דאָס איז אַ תפילת שוא. די אַסימילאַציע דאָ אין אַמעריקע קריכט ממש אין די ביינער אַריין. ס׳איז אַ מין „עבדות בתוך חרות״, אַ קנעכטשאַפט אין פרייהייט, ווי אחד־העם האָט עס אָנגערופן...

אין דער זעלבער אַלייע זענען פון ביידע זייטן אויף די בענק געזעסן נאָך יונגע פּאָרלעך. יענע האָבן אין דער נאָכטיקער פּאַרק־שטילקייט זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן, געשושקעט, געהאַלדזט, געקושט. חוהלע און שואליק זענען געבליבן זיצן שטיל, פאַרטראַכט, און ביידע האָבן גענומען אָטעמען שווער.

שואליק האָט פּאַמעלעך, פאַרזיכטיק אָנגענומען חוהלען ביי דער האַנט. זי האָט איר האַנט נישט אַרויסגענומען. שואליק האָט זיין האַנט אַרויפגעלייגט אויף איר אַקסל. זי האָט זיין האַנט נישט אַראָפּגענומען. ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך און זי געקושט. זי האָט אים צוריק געקושט און — שטיל־איינגעהאַלטן זיך צעהעשעט.

— חוהלע!???...

— צייט צו גיין אַהיים, שואליק!...

ב

שואליק האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, פריער ווי געוויינלעך. די זון איז שוין געווען אויפגעגאַנגען, נאָר אין זיין צימער איז נאָך געווען שאָטנ־דיק־טונקל. ער איז געלעגן איינגעוויקלט אין זומערדיקן צודעק אין בעט. אין זיין גאַנצן גוף האָט געפלאָסן אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט, ווי אָפּט נאָך אַ טיפן, געשמאַקן שלאָף. מיט אָט דער זיסער וואַרעמקייט אין די ביינער האָט ער זיך געפוילט אויפצושטיין. ס'האָט זיך אים געוואָלט איינגורען די גלוסטנדיקע אברים אין דעם אויסגעוואַרעמטן בעטגעוואַנט און טראַכטן זיסע מחשבות.

שואליקס מוח איז געווען פול מיט די זכרונות פון נעכטן ביינאַכט אין פּראָספּעקט־פּאַרק. זיין מוח האָט זיך געצאַפּלט אין עפּעס אַ מאָדנעם געדאַנקען־פּלאָנטער און נישט געקאָנט זיך אַרויספּלאָנטערן. די חוהלע איז עפּעס אַ רעטעניש...

אויף זיין ערשטן קוש, אויף וועלכן ער אַליין האָט זיך נישט געריכט, האָט אים חוהלע נישט נאָר נישט געענטפערט, נאָר אַפילו אַזאַ קוק געטאָן אויף אים, ווי מ'קוקט אויף אַ נאַריש יינגל. ער האָט אַפילו שוין שטאַרק חרטה געהאַט אויף יענער „נאַרישקייט" זיינער. ער האָט געמיינט, אַז ער האָט זי דערמיט באַליידיקט. ער האָט זיך אַפילו געשעמט דעם קומענדיקן פרימאָרגן צו קוקן איר גלייך אין די אויגן. לאָזט זיך אויס, אַז זי האָט אַפילו נישט געטראַכט צו באַליידיקן זיך. אַ ראיה, זי אַליין האָט אים דאָך נעכטן איינגעלאַדן צו גיין מיט איר אין פּאַרק צום קאָנצערט.

און וואָלט חוהלע באַלד נאָכן קאָנצערט געגאַנגען מיט אים אַהיים, וואָלט ער נאָך אַלץ נישט געווען געוואוסט וואו ער האַלט מיט איר בנוגע ד'ער „אָפּגעטוענער נאַרישקייט" זיינער. איז זי דווקא באַשטאַנען דערויף, אַז זיי זאָלן נאָך בלייבן זיצן אין פּאַרק. איר תירוץ, אַז זי האָט פיינט צו שטופּן זיך אין ענגשאַפט צו דער סאָבוויי, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נישט מער ווי אַן אויסרייד אַזאַ. האָט ער טאַקע דערפאַר זיך דערלויבט איבערצוחזרן זיין ערשטן „אַרויסטריט", און נאָך שטאַרקער ווי פריער. און — אַך, ווי זי האָט'ס אים אָפּגעצאָלט געשמאַק. אָבער — פאַרוואָס האָט זי זיך פּלוצים צעכליפּעט, צעהעשעט? וואָס האָבן געמיינט אירע טרערן?...

פרעגן ביי איר וועט ער נישט פרעגן. אַזעלכע זאַכן דאַרף מען לאָזן גיין. דער באַשייד זייערער קומט מיט דער צייט פון זיך אַליין.

אָט ווייסט ער אַליין דאָך אויך נישט דעם באַשייד פון זיינע אייגענע מעשים. וואָס איז ער דען אויסן? אַן ערנסטן שריט, אָדער נישט מער ווי

אַ צייטפֿאַרטרייב, אַ שפּיל אַזאַ? אויב אַזוי, טוט ער דען ריכטיק? איז עס נישט קיין אויסנאַרעריי?...

נאָר, פֿון דער צווייטער זייט, פֿאַרוואָס זאָל ער טאַקע נישט נעמען אָט דעם ענין ערנסט? זי איז אַ מחיהדיק מיידל, מיט גרויסע מעלות. איי וואָס, זי איז אַביסעלע צו פֿריידענקעריש? נישקשה, ליבע בייט געדאַנקען און פֿילאָזאָפֿיעס...

שואליק האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ. אָהאָ, ער האָט זיך אַזוי פֿאַרטראַכט, אַז ר׳האָט שיער פֿאַרגעסן, אַז ס׳איז היינט מאָנטיק און מ׳דאַרף גיין צו דער אַרבעט. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זיין זייגערל — זעקס אַזייגער שוין.

די פּרימאָרגנדיקע טונקלקייט אין צימער איז היפּשלעך העלער געוואָרן. ער האָט זיך שנעל אַ ריס געטאָן פֿון בעט, זיך אָנגעטאָן, זיך אַרומגעוואַשן, אָפּגעזאָגט ברכות, געלייגט די תּפֿילין און זיך געשטעלט דאַווענען.

נאָכן דאַווענען איז ער גלייך אַריין אין עסצימער. שמואל־הערש האָט אויך נאָר־וואָס געהאַט אָפּגעדאַוונט.

— גוטער מאָרגן, שואליק!

— גוט מאָרגן, גוט יאָר, ר׳ שמואל־הערש!

כאַנציע האָט דערהערט און איז אַרויס פֿון קיך מיט אַ שמייכל:

— גוט מאָרגן, שואליק! געמיינט, אַז איר׳ט זיך פֿאַרשלאָפֿן נאָך דעם נעכטיקן געשמאַקן קאָנצערט...

שואליק האָט זיך פֿאַררויטלט, מבולבל געוואָרן אַביסל פֿון איר זאָג „געשמאַקן קאָנצערט". זאָל עס מיינען, אַז חוהלע האָט עפּעס דער מוטער אָנגעוואונקען?...

אין אַ ווײַלע איז חוהלע אַריין, זיך באַגריסט און גענומען אויסלייגן אויפֿן טיש דאָס געשיר, דאָס זילבער און פּאַפּירענע סערוועטקעס.

שואליקן האָט עס נישט געלאָזט רוען. ביים עסן האָט ער אַ זאָג געטאָן צו חוהלען אין העברעיש:

— ווי איך שטויס זיך אָן פֿון דיין מאַמעס פֿראַגע, האָסטו דערציילט וועגן אונדזער פֿאַרברענגען אין פּראָספּעקט־מאַרק?...

— יאָ, — לאַכט חוהלע — כ׳האָב איר דערציילט וועגן גרויסאַרטיקן קאָנצערט!...

שואליק האָט גוט פֿאַרשטאַנען איר ענטפֿער, און זיך באַרויקט. וואָדען, די קלוגע חוהלע וועט גיין דערציילן דער מוטער אירע סודות?...

אין שאַפּ אַריין איז שואליק, ווי יעדן טאָג, געקומען צוזאַמען מיט שמואל־הערשן פריער פון אַלע אַרבעטערס. ר׳ שלמה־שעיה איז, ווי תמיד, שוין געזעסן אין אָפּיס מיטן דיקן האַוואַנאַ־ציגאַר אין מויל נאָך דער סיי און אַריינגעקוקט אין „חק לישראל״.

און אַז שמואל־הערש און שואליק האָבן זיך צוגעזעצט אַקעגן אים, האָט ר׳ שלמה־שעיה זיך אָנגערופן צו שמואל־הערשן האַלב־ערנסט, האַלב־שפּאַס:

— א י ך האָב געבראַכט שואליקן פון ירושלים און ד ו האָסט אים ביי מיר אויסגעכאַפּט!

— אויסגעכאַפּט? חלילה! איך בין נישט קיין כאַפּער...

מאַכט שוין ר׳ שלמה־שעיה צו שואליקן:

— און וואָס איז טאַקע דער מער מיט דיר, שואליק? מילא אינדער־וואָכן איז פאַר דיר אפשר טאַקע שווער צו קומען דאַוונען מיטן ערשטן מנין אין שטיבל. אָבער — שבת?...

— ס׳איז אַ מהלך־רב, ר׳ שלמה־שעיה.

— וואָס ווייטער איז דאָך אַלץ מער שכר־הליכה?

— אין אייער חסידים־שטיבל האָב איך דאָך שוין געדאַוונט נישט איינמאָל, ר׳ שלמה־שעיה, ווילט זיך מיר איצט דאַוונען אין אַנדערע שולן אויך. געווען אין בית־מדרש הגדול און געהערט אַ וואוילע דרשה פון רב.

— ד ו דאַרפסט האָבן דעם רבס דרשה? דיר פעלט דער „ערב רב״ פון די פּושקאַרט־פּעדלערס און שמאַטע־הענדלערס אין בית־מדרש הגדול?...

שואליקן האָט פאַרדראָסן דער אויסדרוק „ערב רב״ וועגן די פשוטע פאָלקס־יידן. ער האָט אים געוואָלט שאַרף אָפּענטפערן, נאָר ר׳האָט זיך איינגעהאַלטן. ער האָט בלויז געזאָגט:

— כל ישראל אחים הן, ר׳ שלמה־שעיה.

— יאָ, שואליק. דער תהילם זאָגט אָבער פאָרט „תהלתו בקהל חסידים״. אין חסידים־שטיבל איז וואַרעמער, הייליקער...

— ערשטנס, מיינט נישט דער תהלים די „חסידים פון שטיבל״. צווייטנס, וועל איך אייך זאָגן, אַז כ׳האָב געפונען אויך יונגע אַמעריקאַנער „חסידים״ אין דער יאָנג־איזראַעל־שול, און ס׳איז ביי זיי פאַראַן נישט ווייניקער וואַרעמקייט און הייליקייט...

— להבדיל! די „יאָנג־איזראַעליקעס״ זענען שוין ביי דיר אויך חסידים?

— פאַרוואָס להבדיל? די יאָנג־איזראַעליקעס זענען רעליגיעזע יונגע־לייט. זיי זענען אַלע שומרי־שבת. זיי אַלע לערנען חומש מיט רש״י און אפילו אַ בלאַט גמרא.

— יאָ, אויף גויאיש, אויף „ענגליש״...

— דער רמב״ם פסקנט, אַז אפילו קריאת־שמע מעג מען לייענען אין יעדן לשון. מעג מען תורה אַוודאי לערנען און פאַרטייטשן אין יעדער שפּראַך...

— איז פאַרוואָס ווילט איר דווקא אין ארץ־ישראל רעדן „עברית״?

— ווייל איטלעך פאָלק אין זיין לאַנד דאַרף רעדן זיין אייגענע שפּראַך. די שפּראַך פון יידן איז „עברית״. אָבער אויך יענע יידן, וואָס רעדן נישט עברית, קאָנען זיין גוטע, ערלעכע יידן!

ר׳ שלמה־שעיה האָט דערזען די אַרבעטערס אָנקומען אין שאַפּ אַריין, האָט ער גלייך אָפּגעהאַקט דעם וויכוח. ס׳איז אים נישט ניחא געווען, אַז די אַרבעטערס זאָלן הערן ווי דער ירושלימער אַרבעטער דערלויבט זיך צו צאַמפּערן און אַרגומענטירן מיט אים...

ג

חוהלע האָט אַ גאַנצע וואָך זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פאַרדראָס אויף זיך אַליין פאַר איר באַנעמען זיך מיט שואליקן אין פּראָספּעקט־פּאַרק. זי האָט זיך אַליין געמוסרט פאַר לאָזן זיך פירן פון איר געפיל און נישט פון פאַרשטאַנד. וואָס איז עס מיט איר דאָרט געשען? ווי קומט צו איר אַזאַ שוואַכקייט?...

אמת, זי קאָן נישט פאַרלייקענען פאַר זיך, אַז זי האָט דעם שואליקן זייער גערן. אָבער — אַזוי זיך צעשמעלצן, ווי זי האָט עס געטאָן זונטיק אָוונט אין פּאַרק, פּאַסט פאַר אַ זעכצן־יאָריק מיידעלע, אַ נאַריש־ווילד ציגעלע, וואָס צעפלאַמט זיך פון אַ בחורישן קוש און קאָן שוין דאָן נישט זען ווייטער פון איר נעזל. זי, חוהלע, וואָס טראָגט אויף אירע אַקסלען אַ קאָפּ פון גאַנצע זיבן און צוואַנציק יאָר שוין, וואָלט אַנדערש באַדאַרפט זיך אויפפירן...

אַ גאַנצע וואָך, ביי יעדער באַגעגעניש מיט מינצן אין תלמוד־תורה, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער, מינץ, לייענט אַראָפּ יענע ,נאַרישקייט״ פון איר שטערן. אַוודאי ווייסט זי, אַז ס׳איז נישט מער ווי אַן אויסדאַכטעניש. אָבער — לאָזן אָט די דאָזיקע קינדערישע שפּיל אַנגיין אַזוי ווייטער טאָר זי נישט בשום אופן... און —

ס׳איז באמת אַ רחמנות אויף אָט דעם ליבן, ערלעכן, נאַיוון פּוילישן בחור. ער קומט טאַקע פון וואַרשע, פון אַ גרויסער שטאָט. אָבער אַלס חסידיש־פאַרטשוואָקעוועט בחורל קאָן זיין, אַז זי איז ביי אים דער ערשטער „נסיון״, און ער קאָן זיך באמת פאַרכליאַפּען אין איר ביז איבער די אויערן. נייך, זי טאָר עס נישט פאַרציען אין דער לאַנגער באַנק אַריין. וואָס גיכער זי וועט פאַר שואליקן קלאָר מאַכן די סיטואַציע, אַלס אָרנט־

לעבער, לייטישער וועט עס זיין פאַר איר, און אַלץ בעסער, תכליתדיקער פאַר אים.

אַן עבירה וואָס שואליק אַרבעט זונטיק אויך ביז זעקס אַזייגער. ס׳וואָלט געווען אַ פּלאַן צו נעמען אים אויף אַן עקסקורסיע מיט דער שיף איבערן האַדסאָן־טייך צו די „בער מאָונטענס״. דאָס וואָלט געווען די בעסטע געלעגנהייט צו רעדן מיט אים אָפן. יאָ, זי׳ט אים אַ פרעג טאָן, אפשר קאָן ער קומענדיקן זונטיק אַרבעטן בלויז ביז האַלבן טאָג.

די גאַנצע וואָך האָט חוהלע אַזוי מאַנעווּרירט, אַז זי זאָל זיך מיט שואליקן נישט טרעפן צווישן פיר אויגן. נאָר פרייטיק אָוונט ביים שבת־טיש, ווען מ׳האָט פאַרענדיקט עסן די געפילטע פיש און כאַנציע איז אַוועק אין קיך צו ברענגען די יויך־מיט־לאָקשן, און שמואל־הערש מיט שואליקן האָבן גענומען זינגען דעם „כל מקדש״, האָט חוהלע געגעבן אַ הייב־אויף די אויגן פון איר בוך און אַ זאָג געטאָן אין העברעיש:

— אמר־נאָ לי, בחור! וואָלט איר זונטיק געקאָנט אַהיימקומען פון שאָפּ אַרום צוועלף בייטאָג?...

שואליק איז אַ גאַנצע וואָך אַרומגעגאַנגען ווי אַ נישט־דאָיקער, אַ פאַרחושטער, געגריבלט זיך צו געפינען די סיבה פון דער פלוצימדיקער אָפּזונדערניש און שטילשווייגעניש חוהלעס. ס׳האָט אים געערגערט.

— מה? מה?... — האָט שואליק אָפּגעהאַקט די זמירות און אַ פרעג געטאָן מיט דערשטוינונג — וואָס? צי כ׳קאָן קומען אַהיים זונטיק האַלבן טאָג? וואָסי־דען?

— כ׳האָב איך געוואָלט נעמען קומענדיקן זונטיק אויף אַ רייזע איבערן האַדסאָן מיט אַן עקסקורסיע־שיף צו די „בער מאָונטענס״. ס׳אַ וואונדער־לעך־שיינע רייזע...

שואליקן האָט זיך געגעבן אַ מיש אין מוח פאַר פרייד. ער האָט גלייך געוואָלט ענטפערן, אַז ער וועט זיין מוכן־ומזומן. באַלד אָבער האָט ער זיך באַדאַכט, אַז ס׳טויג נישט. ער טאָר נישט. ער מוז איצט האַנדלען פאַרזיכ־טיק. און ער האָט געזאָגט געלאַסן:

— צר לי מאד־מאד,חוהלע! ס׳טוט מיר זייער־זייער לייד. איך מוז היינטיקן זונטיק גיין מיט ר׳ שלמה־שעיהן אין זיין חסידים־שטיבל!

ווי גאָר ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז ער האָט איצט געשאָסן צוויי פייגל מיט איין שאָס. זאָל חוהלע זען, אַז ער וואַרפט זיך נישט אָן אויף איר און איז נישט גרייט איר נאָכצולויפן ביים ערשטן רוף. און זאָל ער טאָקע פאַרשאַפן דעם ר׳ שלמה־שעיהן אַביסל נחת־רוח און גיין מיט אים אין שטיבל.

— אויב אַזוי, שואליק, — מאַכט חוהלע, — וועלן מיר אפשר גיין דעם צווייטן זונטיק צו אַ „ביטש", צום ים?

— נחיה ונראה! מירן לעבן, וועלן מיר זען... — מאַכט שואליק.

אויפן צווייטן זונטיק ווען שואליק איז געקומען אַהיים פון שאַפּ, שפּעט נאָכמיטאָג, האָט ער שוין געטראָפן חוהלען וואַרטן אויף אים מיט אַ האַנט־וואַליזקעלע, אָנגעפּאַקט מיט „סענדוויטשן" און פרוכטן, גרייט צו גיין.

שואליק האָט אויף גיך געוואַשן די הענט און אָפּגעדאַווענט מנחה. זיי זענען גלייך אַוועק מיט דער סאַבוויי קיין בראָנזוויל, און דאָרטן גענומען אַ „באָס" קיין ראָקאַוועי.

אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהן, ווען דער עולם איז שוין געפאָרן פון ראָקאַוועי, איז דער באָס קיין ראָקאַוועי געווען כמעט האַלב־ליידיק. שואליק און חוהלע האָבן פאַרנומען ברייטע פלעצער אין סאַמע עק באָס.

— אַ תענוג — מאַכט חוהלע אויף העברעיש — גראַם און שטיל איצט דאָ. מיר'ן קאָנען רעדן אומגעשטערט...

זיי ביידע זענען געווען זיכער, אַז דאָ אין באָס מעגן זיי רעדן פריי אויף העברעיש, ווייל קיינער וועט סיווי נישט פאַרשטיין. אָבער אָט האָט אַ פּאָרל, אַ בלאָנדער בחור מיט אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידל, וואָס זענען געזעסן מיט די פּלייצעס צו זיי, אומגעריכט אויסגעדרייט זיך מיט די פּנימער, און דער בחור האָט אַ שמייכלענדיקער אַ פרעג געטאָן שואליקן מיט די ווערטער פון תנ"ך:

— סליחה! „הגם שאול בנביאים"?...

— וואָס מיינט איר? — פרעג שואליק אָן איבעררעשטער.

— איך הער אַז אייער נאָמען איז „שאול", און איר רעדט „עברית", פרעג איך צי איר זענט אפשר אויך פון אונדזערע „נביאים"! — מאַכט דער בחור אין אַ פליסיקן העברעיש.

— וואָס פאַר אַ סאָרט נביאים מיינט איר? — פרעגט שואליק.

— אונדזערע חברים פון דעם „השומר הדתי" מיין איך.

— אָ, איר זענט פון „השומר הדתי"? — ווענדט זיך חוהלע צום מיידל.

— כן, גברת! — מאַכט יענע — מיר זענען „מדריכים". אונדזערע חברים מאַכן היינט אָוונט אַ „מדורה", אַ קעמפּ־פייער, אויפן ברעג פון ים.

— אָ, זייער אינטערעסאַנט טאַקע! — מאַכט שואליק.

— דער „אדון שאול" קומט אַליין ערשט פון ארץ־ישראל! — לאָזט זיי וויסן חוהלע.

— באמת? אויב אַזוי קומט־זשע טאַקע מיט אונדז. מיר'ן אייך אויפ־

נעמען אַלס אַ גרויסן גאַסט!... — מאַכט דער בחור. לאָמיר זיך דערוויייל באַקענען. מיין נאָמען איז יצחק שמואלי!

— און מיין נאָמען — שושנה בריל! — טוט ס׳מיידל אַ דריי־אויס איר פּנים אויף צוריק מיט אַ שמייכל.

— מיין נאָמען איז שאול הר־שלום — מאַכט שואליק.

— און מיין נאָמען — חוה ישראלית!... — שמייכלט חוהלע צופרידן, וואָס זי האָט גלייך אויפן מאָמענט צוגעטראַכט פאַר זיך אַ שפּאָגל־נייעם פאַמיליע־נאָמען...

קאַפּיטל ניין

א

די זון איז שוין געשטאַנען היפּש נידעריק, און די פּאַרנאַכטיקע שאָטנס גאַנץ הויך, ווען דער „באַס" איז אָנגעקומען קיין ראַקאָווער. אויפן ראָג־גאַס אין איינער פון די פופציקסטע סטריטן האָט דער שלאַנקער בחור אַ ציי־געטאָן דעם סיגנאַל־שנור. דער באַס־טרייבער האָט אַ פּאַרקירעווע געטאָן האַרט צום טראָטואַר און דעם באַס אָפּגעשטעלט. אויפן טראָטואַר איז געווען פאַרזאַמלט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע בחורים מיט ווייס־בלויע יאַרמלקעלעך און מיידלעך מיט ברייט־ראַנדיקע זון־קאַפּעליושן.

דער בחור מיט זיין מיידל זענען אַרויס פון באַס, און שואליק מיט חוהלען — נאָך זיי.

— שלום, שמואלי! שלום, שושנה! — האָט די חברה אויפן טראָטואַר הילכיק־לעבעדיק באַגריסט זייערע „מדריכים".

— שלום, שלום! — האָבן ביידע מדריכים געענטפערט.

די חברה האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויס פּאַרלעכוויז און אין אַ גליי־כער שערענגע זיך געלאָזט שפּרייזן צום ברעג פון ים.

— איצט דערציילט מיר טאַקע, חבר שמואלי, וועגן אייער אגודה. כ׳בין זייער נייגעריק צו באַקענען זיך מיט אייער פּראָגראַם! — מאַכט שואליק, שפּאַנענדיק מיטן בחור אין סאַמע עק שערענגע.

— כ׳קאָן אייך זאָגן בתכלית־הקיצור, חבר הר־שלום. דער „השומר הדתי" איז אַ מין קעגן־קראַפט צו דעם „השומר הצעיר". פּונקט ווי י ע נ ע ר איז ראַדיקאַל, אַזוי איז א ו נ ד ז ע ר ע ר טראַדיציאָנעל.

— און וואָס איז אייער טעטיקייט?

— אונדזער טעטיקייט באַשטייט פון דעם „חוט המשולש": רעליגיע, העברעיש און ציוניזם.

שמואלי האָט גענומען אויספּירלעך דערציילן שואליקן ווי אַזוי די אַרבעט פון „השומר הדתי" ווערט אָנגעפירט. שואליק האָט זיך אויפמערק־זאַם צוגעהערט און שטאַרק הנאה געהאַט דערפון:

— אַזוי? אַזוי? — האָט ער אַלע ווײַלע אויסגערופן באַגײַסטערט — איז דאָך, הייסט עס, די ייִדישע יוגנט אין אַמעריקע נאָך נישט פאַרלוירן!...

צוגעמאַרשירט צום „באַרדוואַק", איז די חברה נישט אַרויף מיט די טרעפּ, נאָר געגאַנגען אונטערן באַרדוואַק גלײַך צום ברעג. אויף דער טרוקענער זאַמד־פּליאַזשע איז געלעגן אָנגעוואָרפן אַ הויפן ברעטלעך און שטיקער האָלץ, און צוויי בחורים־שומרים זענען דערבײַ געזעסן און געהיטן דאָס ברען־מאַטעריאַל.

די אָנקומענדיקע חברה האָט זיך גלײַך אויסגעזעצט אויף דעם זאַמדיקן פּלאַץ, אַרום דעם הויפן האָלץ, אין אַ ראָד. איין האַלב ראָד בחורים באַזונדער און אַ צווייט האַלב ראָד מיידלעך באַזונדער. די מדריכים האָבן זיך געזעצט צווישן בײדע העלפטן ראָד. און לעבן זיי — שואליק און חוהלע אויך.

די זון איז אַ גאָלדיק־צעשמאָלצענע פאַרזונקען אין ים. דער פּייכטער טומאַן, וואָס איז ביז איצט געהאַנגען אין דער לופט, איז פאַרשוואונדן. דער אָוונט האָט זיך אויסגעגעבן אַ שטילער, אַ רויקער, אַ וואַרעמער. פון דעם בלויען, ווײַס־פּוכיק־פאַרפלעקטן הימל האָבן זיך גענומען אַרויסשײַלן גלימצערנדיק־שײַנענדיקע שטערן. פון ים־האָריזאָנט איז אַרויסגעשוואומען אַ האַלב־קײַלעכדיק זילבערדיק אָפּשניצל פון דער אָנהייב־חודשדיקער לבנה.

שמואלי האָט אויסגערופן:

— „כוכבים נופלים", חברים!

און באַלד האָט חברה גענומען זינגען דאָס העברעישע ליד: „קליינע שטערנדלעך, שײַנענדיקע שטערנדלעך"...

אַזוי ליד נאָך ליד, מעלאָדיע נאָך מעלאָדיע. חברה האָט געזונגען אויפן ברעג. כוואַליעס האָבן געזשומעט אויפן ים. דער עולם האָט זיך צוגע־הערט אויפן באַרדוואַק, און נאָך יעדן ליד געקלאַפּט בראַוואָ.

אַרום עלף אַזייגער בײַנאַכט האָבן פון דער ראָד זיך גענומען הערן אויסרופן:

— מדורה! מדורה! (קעמפּ־פּײַער!) הורא! הורא! (הורא־טאַנץ).

מ'האָט גלײַך געמאַכט פּײַער, גענומען וואַרפן ברעטלעך און העלצלעך, און חברה האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ הורא־טאַנץ.

פון געזאַנג און געטאַנץ איז געקומען דורשט און הונגער. שליחים זענען אַוועק צום באַרדוואַק און גלײַך געבראַכט צוטראָגן קאַלטע פלעשלעך סאָדע און הייס־כשרע קאַרטאָפל־קנישעס. מ'האָט זיך גענומען אונטער־לענען די יונגע הערצער מיט געפילדער און מיט ליאַרעם.

חוהלע האָט תּחילת זיך געפילט אַביסל אומבאַקוועם. זי האָט אַפילו פּרובירט אַ פּאָר מאָל אַוועקצושלעפּן שואליקן אויף אַ שפּאַציר איבערן באַרדוואַק. שפּעטער אָבער האָט די התלהבות און דער ענטוזיאַזם פון דער יוגנט זי אויך פאַרכאַפּט.

נאָכדעם ווי חברה האָט אָפּגעגעסן און געמאַכט „ברכה אחרונה" האָבן זיי מיט באַנייטע כוחות זיך געגעבן אַ ריס ווידער צו דער הוירא. דער מדריך שמואלי האָט גענומען קלאַפּן מיט די הענט, איינגעשטילט די צעהיצטע חברה און, אָננעמענדיק שואליקן אונטערן אָרעם, אויסגערופן אין דער הויך:

— חברים, מיר האָבן דאָ מיט אונדז אַ געהויבענעם גאַסט פון ארץ־ישראל — שאול הר־שלום. מיר האָבן זיך צופעליק געטראָפן מיט אים אין באָס. איך וויל דערום בעטן אונדזער גאַסט, ער זאָל אונדז אָפּגעבן אַ גרוס פון הייליקן לאַנד און זאָגן אַ פּאָר ווערטער ביי אַט דער געלעגנהייט!

— הידד! הידד! שאול הר־שלום!... — האָט חברה באַגייסטערט גענומען פּליעסקען מיט די הענט, צוגעוואָרפן האָלץ צום פייער, זיך איינגעשטילט איינס ס'אַנדערע און אָנגעשפּיצט אויערן און אויגן.

שואליק האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעשטעלט, באַטראַכט די חברה מיט אַ האַרציק־ליבלעכן שמייכל, ווי אַן עלטערער ברודער וואָס קוועלט אַן אויף זיינע יונגערע ברידער, און אָנגעהויבן:

„חברים צעירים. מיין האַרץ איז פול מיט פריידי. אַט די דאָזיקע אומגעריכטע באַגעגעניש מיט אייך, די חברים פון „השומר הדתי" אין אַמעריקע, איז ביי מיר דער גרעסטער נחת־רוח, זינט כ'האָב פאַרלאָזט אונדזער הייליק לאַנד. כ'בין געווען ביז איצט פול מיט יאוש. איך האָב דאָ באַגעגנט פרומע יידן, חסידים — אָבער בלויז עלטערע. איך האָב דאָ באַגעגנט אויך רעליגיעזע יונגעלייט — אָבער בלויז אַמעריקאַנער, ענגליש־רעדנדיקע. אין א י י ך, חברים פון „השומר הדתי" האָב איך געפונען די אמתע יורשים פון די „מאַקאַבייער", ביי וועלכע תורה, ארץ־ישראל און העברעיש זענען באַהעפט אין אַ דרייפאַכיקן פאָדים, וואָס וועט נישט איבערגעריסן ווערן. די אַמעריקאַנער פרייהייט האָט נישט פאַרבלענדט אייערע אויגן און נישט פאַרשטאָפּט אייערע הערצער. טאַקע גוטע אַמעריקאַנער, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך געטרייע זין פון דעם אַלטן יידישן פאָלק, „ישראל סבא". אונדזער לאַנד, חברים, געפינט זיך איצט אין אַ שווערן מצב. אונדזערע שונאים שאַרפן זייערע ציין און זייערע שווערדן. דאָס זענען געוויס די „חבלי משיח". די ליידן פאַר דער גאולה. און כ'האָף, אַז ווען ארץ־ישראל וועט אייך רופן, וועט איר ענטפערן אויפן רוף: — מיר זענען גרייט!..."

ווען שואליק האָט פאַרענדיקט זענען אַלע אויפגעשפּרונגען אויף די

פיס מיט אַ באַגייסטערטער פליעסקערײַ און גענומען זינגען דאָס חלוצים־ליד „אָנו נהיה הראשונים" — מיר'ן זײַן דער אַוואַנגאַרד!

און אַזוי זינגענדיק, האָבן זיך ווידער הענט געשלאָסן און פיס געהויבן, און אין אַ קאַראַהאָד אויסגעטאַנצט די הוירא מיט זייער גאַנצער יוגנט־קראַפט און גאַנצן יוגנט־פײַער.

אויפן באַס צוריק אַהיים איז שואליק געווען אויסער זיך פון פרייד, און מיט זײַן פרייד אויך אָנגעשטעקט חוהלען.

— חוהלע, כ'האָב איצט גרויס נחת פון אַמעריקע!...

אָנגעקומען אַהיים זענען זיי אַרום צוויי אַזייגער פאַרטאָג. אין דעם טונקל־באַלויכטענעם קאָרידאָר פון הויז, האָבן זיי זיך אָנגעקוקט ווי צוויי פון־גליק־צעשײַנטע קינדער. שואליק האָט אַרומגעכאַפּט חוהלען און זי געקושט. חוהלע האָט זיך געוואָלט טאָן אַ דריי־אויס פון זײַנע אָרעמס. זי האָט אָבער אַ צעפּלאָמטע געגעבן אַ נעם־אַרום שואליקן מיט איר ע אָרעמס און אים צוריק געקושט.

— אַ גוטע נאַכט, שואליק!...

— אַ גוטע נאַכט, חוהלע!...

ב

חוהלע איז אַרײַן אין איר צימער און צעעפנט דאָס פענצטער אַרײַנצולאָזן פרישע לופט. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די בלוזע, דאָס קליידל, די שיך און זיך גענומען אויסבעטן צום שלאָפן. זי האָט דערפילט אַ שטאַרקן דאָרשט, ס'האָט איר געטרוקנט אין גומען, און זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט נישט קאָנען אײַנשלאָפן אויב זי'ט נישט טרינקען עפּעס. זי האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך איר בלויען אַטלעסענעם שלאַפראָק, אָנגעטאָן די בלויע אַטלעסענע שטעקשיך און שטיל־שטיל זיך געלאָזט גיין אין קיך אַרײַן.

די מוטער האָט דערהערט און אַ רוף געטאָן פון איר שלאָפצימער:

— חוהלע, ס'איז דו?

— יאָ, מאַמע.

— וואָס אַזוי שפּעט? שוין נישט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן...

— שלאָף, מאַמע, שלאָף רויק. ס'האָט אַ דאַנק גאָט גאָרנישט פּאַסירט!

חוהלע איז אַרײַן אין קיך, אָנגעצונדן די עלעקטריע און אַ טראַכט געטאָן. זי וועט פאַרקאָכן קאַפע. פאַר איר איז קאַווע דאָס בעסטע מיטל צום אײַנשלאָפן.

זי האָט אָנגעצאָפּט וואַסער אין קאַווע־קריגל און אַוועקגעשטעלט אויפן גאַז־ברענער.

קוקנדיק אויפֿן קיילעכדיקן בלויען פּלאַם, האָט זי אַ שמייכל געטאָן צו זיך דערויף, וואָס זי האָט נאַר־וואָס געענטפֿערט דער מוטער, אַז „ס׳האָט אַ דאַנק גאָט גאָרנישט פּאַסירט״. גאָרנישט? ס׳האָט דווקא יאָ עפּעס פּאַסירט. און ווי אַזוי — דאָס ווייסט זי אַליין נישט...

דאָס וואַסער האָט געגומען זידן. די קאַווע האָט גענומען בולבען און אויסלויפֿן. חוהלע האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ און קלענער געמאַכט ס׳פֿייער. די טיר פֿון קיך האָט זיך געעפֿנט און שואליק איז אַריין מיט שטיל־שטילע טריטעלעך.

— ווי קומסטו אַהער, שואליק?... — האָט חוהלע אַ שושקע געטאָן און צוגעמאַכט די קיך־טיר.

— פּונקט ווי דו קומסט אַהער, חוהלע! — שמייכלט שואליק.

— כ׳וועל שיער נישט פֿאַרברענט פֿון דאָרשט.

— כ׳בין אויך זייער דאָרשטיק!

חוהלע גיסט אָן צוויי טעפּעלעך קאַווע, דערלאַנגט צום טיש, און זעצט זיך ביים צווייטן עק־טיש אַנטקעגן שואליקן.

— נישט אומזיסט זאָגט ס׳ווערטל, — מאַכט שואליק, — „גאָט באַשערט דעם שפּינער זיין פֿלאַקס און דעם טרינקער זיין משקה״...

— זאָג מיר, שואליק, דו גלויבסט טאַקע, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי „ב אַ ש ע ר ט״?...

שואליק האָט געטראַכט אַ ווײַלע, קוקנדיק אויף דער פּאַרע, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען פֿון טעפּעלע קאַווע, און געענטפֿערט געלאַסן:

— לויטן תלמוד איז „הכל בידי שמים״, אַלץ אין די הענט פֿון הימל. לויט דער קבלה אוודאי — „אנת הוא עילת־העילות וסיבת־הסיבות״, דער הימל איז די אורזאַך פֿון אַלץ...

חוהלע צעלאַכט זיך און זאָגט:

— ס׳דערמאָנט מיך אַ מעשה, וואָס מינץ האָט מיר אַמאָל דערציילט פֿון זיין חסידישן רבין אין אוקראַינע. דער רבי איז געזעסן און געלערנט מיט די תלמידים. האָט אים פּלוצים אָנגעהויבן בייסן אין פּלייצע. האָט ער גענומען זיין לאַנגן לולקע־ציבוק, אים אַריינגערוקט אין קאַלנער און מיט אים זיך געקראַצט. אַ תלמיד האָט געפֿרעגט אַ קשיא, און דער רבי האָט זיך פֿאַרטיפֿט צו געפֿינען אַ תירוץ, און — פֿאַרגעסן אַרויסצונעמען דעם לולקע־ציבוק פֿון קאַלנער. דערווייל האָט זיך אים פֿאַרגלוסט אַ שמעק־טאַבאַק, האָט ער זיך געלאָזט גיין נעמען ס׳טאַבאַק־פּושקעלע. ער איז געוואָרן אַ הויכער און די טיר אַ נידעריקע. געקומען צו דער טיר, האָט דער לולקע־ציבוק, וואָס האָט געשטעקט אין קאַלנער, אים פֿאַרהאַלטן. רופֿט זיך אָן דער רבי: „מן השמים יעכבוני״, מ׳פֿאַרהאַלט מיך פֿון הימל. מ׳הייסט מיר איצטער נישט נעמען קיין שמעק־טאַבאַק — איז נישט!...

— אַלס אַ שפּאַס מעג אַט די מעשה זיין אַ גאַנץ שיינע, חוהלע. מיר רעדן דאָך אָבער איצט ערנסט. די וועלט, חוהלע, איז פול מיט סודות. וואוהין מיר קערן זיך און ווענדן זיך, געפינען מיר „רזין דרזין", ווי די קבלה רופט עס, אומבאַגרייפלעכע זאַכן און געשעענישן. דער חילוק צווישן דעם ראַציאָנאַליסט און דעם מיסטיקער איז אַט וואָס: דער ראַציאָנאַליסט זעט נישט מער, ווי ער פאַרשטייט; און דער מיסטיקער פאַרשטייט מער ווי ער זעט... איך בין אַ מיסטיקער!...

— איז לאָמיך טאַקע וויסן, שואליק, ווי קאָן אַ מאָדערנער, אויפגעקלערטער מענטש זיין אַ מיסטיש־גלייביקער?

— חוהלע, די צייט פון דער אַפּיקורסיש־מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע איז שוין אַריבער. אין אונדזער צייט פון גרעסטן וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס זענען שוין אַפילו די פיזיקער אַליין מודה, אַז די וועלט באַשטייט נישט נאָר פון „מאַטעריע", נאָר אַז ס'איז פאַראַן אויך עפּעס אַזאַ קראַפט, וואָס איז איבער דער נאַטור, „למעלה מן הטבע". און בלייבט מען שטיין פאַר אָט יענעם סוד, ענדיקט זיך דאָס „וויסן" און ס'הייבט זיך אָן דאָס „גלויבן"!...

— אשרי המאמין, שואליק! (וואויל איז דעם, וואָס גלויבט). כ'בין דיך באמת מקנא דערויף... — טוט חוהלע אַ באַהאַלטן זיפצעלע.

— איך אַליין האָב אין די לעצטע יאָרן געזען אין מיינע אייגענע איבערלעבונגען, אַז ווי גוט כ'האָב נישט אויסגעפּלאַנעוועט, האָט עס זיך אויסגעדרייט פּונקט קאַפּויער. אָט, למשל, האָב איך יאָרן־לאַנג געמאַכט פּאַר זיך פּלענער וועגן ארץ־ישראל. וועגן אַמעריקע אַפילו נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן. לאָזט זיך אויס, אַז כ'וועד גאָר מגולגל פון ארץ־ישראל קיין אַמעריקע. איז נישט אַנדערש, אַז די „פאַרבאָרגענע האַנט" פון הימל, נישט וויכטיק ווי אַזוי מיר באַגרייפן עס און ווי מיר טייטשן עס אויס, האָט געפירט מיט מיר אַזוי צוליב עפּעס, וואָס כ'קאָן נישט פאַרויסזען. מעגסט לאַכן פון מיר, חוהלע...

— ניין, שואליק, דערפון וואָס דאָס לעבן פירט זיך אַזוי מאָדנע אומבאַגרייפלעך וועל איך נישט לאַכן. אין דעמדאָזיקן פאַל קאָן איך מיט דיר מסכים זיין, כאָטש איך בין נישט קיין גלויביקע. אויך איך האָב דאָס מאָדנע רעטעניש געזען ממש באַשיינפּערלעך...

— היינו? וואָס? — טוט שואליק אַ פרעג נייגעריק.

— שוין צום צווייטן מאָל, אַז איך האָב ביי זיך באַשלאָסן עפּעס צו טאָן, און ביידע מאָל איז געשען פּונקט פאַרקערט פון מיין באַשלוס. און — כ'ווייס באמת נישט ווי אַזוי ס'האָט געקאָנט געשען...

חוהלע האָט שיער־שיער זיך נישט אַרויסגעכאַפּט, אַז דער באַשלוס

אירער איז געווען טאַקע וועגן אים, שואליקן, אַליין. זי האָט אָבער פאַרענ־דיקט מיט אַ גרינג געלעכטערל אין ענגליש:

— כע־כע־כע, ע׳ פאַני ווארלד, אַי עם טעללינג יו!...

שואליק האָט אויסגעזופּט זיין קאַווע. חוהלע האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט איבער דער לענג פון טיש צו נעמען זיין טעפּעלע.

— נאָך קאַווע, שואליק?

— ניין, אַ שיינעם דאַנק, חוהלע! — האָט שואליק געענטפערט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף חוהלעס.

חוהלע האָט געגעבן אַ כאַפּ־אַוועק איר האַנט מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז דאָס טעפּעלע האָט זיך איבערגעקערט אויפן טיש, און איז צעבראָכן געוואָרן.

— אָ, סליחה, חוהלע! — האָט שואליק זיך אַנטשולדיקט.

— ס׳איז אַלרייט, שואליק, ס׳איז מיין שולד...

ביידע האָבן זיך אויפגעהויבן פון טיש.

— אַ גוטע נאַכט, חוהלע! — זאָגט שואליק און בייגט זיך צו צו איר.

— ניין, ניין!... — גיט זיך חוהלע מיטאַמאָל אַ בויג אַוועק פון אים און טוט אַן עפן די טיר פון קיך — אַ גוטע נאַכט, שואליק!

שואליק האָט אַ דערשטוינטער אַ קוק געטאָן אויף חוהלען, אַ טראַכט געטאָן: זי איז נאָך אַלץ פאַר אים אַ רעטעניש. ער איז מיט שטיל־שטילע טריט אַוועק צו זיך אין צימער.

ג

חוהלע האָט צוגעשלאָסן די טיר פון איר חדר, געבליבן שטיין פאַרן הענגענדיקן שפּיגל אויף דער וואַנט, געטאָן צופרידן אַ שאַר־אַרויף אַ לאָק פון איר שטערן, און מיט אַ שטאָלצקייט פון אַ זיגער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— גוט געטאָן! איצט האָט זי זיך באַהערשט, זיך נישט געלאָזט צעשמעלצן, ווי פריער!...

זי האָט געעפנט אַ סלאָיעקל מיט הויט־קרעם, אַרויסגעגראָבן מיטן ווייז־פינגער אַביסל, באַשמירט דעם שטערן, דאָס נעזל, דאָס פּנים ביז אַראָפּ טיף אין האַלדז אַריין, און נאָך די נייטיקע הכנות זיך אַוועקגעלייגט אין בעט. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן פון איר נאַכט־טישל דעם לעצטן נומער „העולם״ פון ארץ־ישראל און אים גענומען בלעטערן און דורכקוקן. לייענען אָבער האָט זי נישט געקאָנט. בלויז אירע בליקן האָבן זיך געגליטשט איבער די שורות. די געדאַנקען אירע זענען נישט געווען דערביי.

זי האָט צוגעשלאָסן די אויגן, און אויף אירע ליפּן האָט אַ סאַרקאַסטיש

שמייכעלע אַ שוועב געטאָן; ווי דער שואליק האָט זיך דערפרייט מיט דער חברה פון דעם רעליגיעזן „השומר הדתי". ווי געשמאַק ער האָט מיט זיי געזונגען דעם „ברוך אלוקינו". ווי פאַר'דביקה'ט ער האָט אין זיין רעדע דערמאָנט דעם „ישראל סבא" און די „חבלי משיח". דער בחור גלויבט טאַקע באמונה שלימה, אַז אַלץ איז באַשערט פון הימל. רופן רופט ער זיך כלומרשט מאָדערנע — אַ „מיסטיקער". און מיינען מיינט עס פשוט־בפשיטות — אַ „פאַנאַטיקער". ביי אים איז מסתמא איינגערעדט אפילו, אַז אויך זיין קושן מיך איז געווען באַשערט פון הימל. דער מלאך „נשקיאל" האָט אים באַפוילן צו קושן מיך...

אין אמתן איז זי, חוהלע, דאָך אַזוי ווייט פון שואליקן, ווי מזרח פון מערב. צוויי באַזונדערע וועלטן. זי — אַ פריידענקערין, אַ נישט־גלויביקע. אַ ראַציאָנאַליסטין. און ער, שואליק — אַ פרומער, אַ מאמין, גלויבט אין „תורה מן השמים". ס'אַראַ שייכות האָט זי אַ שטייגער מיט דעם שואליקן?

מינץ — אָ, מיט אים האָט זי שוין גאָר אַ גרויסע שייכות! ביידע — צוויי גלייכע מענטשן. ביידע פון דעמזעלבן אידעען־גאַנג. ביידע פּראָגרעסיוו.

זי האָט אויפגעריסן די אויגן מיט אַ זיפץ: אָ, מינץ! ער איז דאָך איר חלום. ער איז דאָך איר אידעאַל. ער איז דאָך סיי מיט זיין פיזישן און סיי מיט זיין גייסטיקן געשטאַלט דער, וועמען זי באַגערט שוין פון יאָרן. און ער האָט זי דאָך אויך משוגע־ליב!...

יאָ, זי האָט „געזינדיקט" קעגן מינצן. זי האָט „געפעלשט" אין אים. זי איז דאָך, באמת, זיינע. זי געהערט דאָך צו אים מיט איר גאַנצן לייב־און־לעבן.

אָ, ווען זי קאָן נאָר, וואָלט זי זיך איצטער אַליין אַ קוש געטאָן אין בעקל פאַר איר מוט, וואָס זי האָט נאָר־וואָס אָפּגעשטויסן פון זיך שואליקן.

אָך, ווען זי האָט איצט מינצן אָט־דאָ, לעבן זיך... זי וואָלט אים אַרויס־געפּאַלן אויפן האַלדז און אים אויסגעקושט יעדן אבר... זי מוז עס אים מאָרגן זאָגן. זי ווייסט, פאַרשטייט זיך, אים נישט דערציילן פאַרוואָס און פאַרוועגן. נייערט ס'איז געווען גלאַט אַזוי, אַזאַ מין אָנפאַל פון חשק... זי ווייסט, אַז ער וועט דערויף ענטפערן, ווי תמיד, מיט אַ שמייכל, אָננעמען איר ביים גוידערל, אָפּשטעמפּלען איר אַ קוש אויפן שטערן, און אַ זאָג טאָן שטיל און געלאַסן: „דו ביסט אַ שיין, וואויל, נאַריש מיידל, חוהלע!"...

און — אפשר... אפשר... אפשר וועט ער גאָר דאָס מאָל אַרויס מיט די ווערטער, אויף וועלכע זי וואַרט שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, אַזוי — — —

די ווייעס האָבן זיך איר געזומען קלעפּן זי האָט זיך איינגעגניאָרעט מיטן קאָפּ אין קישן, זיך איינגעוויקלט מיטן ווייכן צודעק, און איז זיס־מיד איינגעשלאָפן.

אינדערפרי, ווען דער וועק־זייגער האָט זיך צעקלונגען, האָט חוהלע אויפגעריסן די אויגן, און ס׳ערשטע וואָס איז איר אַרויפגעשוואומען אויפן געדאַנק איז געווען — מינק. זי וואָלט אַזוי שטאַרק געוואָלט זען מינצן איצט, שוין. ס׳האַרץ זאָגט איר, אַז היינט איז דער טאָג פון באַשלוס, פון דעם „גמר טוב״.

צום פרישטיק איז שואליק נישט אַריינגעקומען. שמואל־הערש איז אַוועק אים רופן. שואליק האָט געענטפערט, אַז ער האָט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק. ער האָט ביז שפּעט פאַרטאָג נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט נאָך איצט נישט געדאַוונט. ער׳ט היינט נישט עסן קיין פרישטיק. ער׳ט בלויז אויסטרינקען אַ טעפּעלע קאַווע פאַרן גיין אין שאָפּ אַריין.

כאַנציע האָט, הערנדיק דעם ענטפער פון שמואל־הערשן, אַ זאָג־געטאָן אַנגסטיק:

— אפשר איז ער טאַקע, חלילה, נישט געזונט, און מ׳דאַרף אים נישט לאָזן היינט גיין אין שאָפּ אַריין!

חוהלע האָט געטאָן אַ פאַרקלעם איר אונטערשטע ליפּ צווישן די ציין:

— וואָס מיינסטו, מאַמע, אים נישט לאָזן? ער איז נישט קיין „בעיבי״. קיינער קאָן אים נישט זאָגן וואָס צו טאָן...

— איכ׳ל אים אַריינטראָגן אַ טעפּעלע קאַווע און זען ווי ער פילט זיך... — מאַכט כאַנציע.

— לאָז מיך דאָס טאָן, מאַמע, — מאַכט חוהלע — מיר וועט ער גיכער זאָגן וואָס מיט אים איז.

— אָלרייט, טאָכטער, זייער פיין. גיי דו!

חוהלע האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, אָנגעגאָסן אַ הייס טעפּעלע קאַווע און עס אַריינגעטראָגן צו שואליקן.

— מה קרה, בחור טוב שלי? וואָס איז געשען? געהאַט אַ שלעכטן חלום?... — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ גוטמוטיק־בייזליכן טאָן און מיט אַ מינע פון אַן עלטערער שוועסטער.

— אַ שטאַרקער קאָפּ־ווייטיק... — מאַכט שואליק באַטריבט.

— כ׳האָב מורא אַז די פאַרטאָגיקע קאַווע אין קיך האָט דיר פאַרשאַדט...

— מאַכט חוהלע און מעסט אים אָפּ מיט אירע בליקן.

שואליק האָט גלייך פאַרשטאַנען איר זאָג, און נאָכמער — איר קוק.

— מעגלעך טאַקע... — האָט ער געענטפערט מיט אַ טאָן פון פאַראיבל.

— אויב אַזוי, טוט מיר טאַקע זייער־זייער לייד, שואליק, וואָס איך בין געווען די סיבה דערפון! — מאַכט חוהלע אַזוי קינציק־כיטרע, אַז ס׳זאָל באַטייטן אי אַלס באַדויער אויף נעכטן און אי אַלס חרטה אויף דעם וואָס איז געשען ביז נעכטן.

דער קלוגער שואליק האָט באַלד געכאַפּט דעם מיין פון חוהלעס

ווערטער, און גלייך איר אָפּגעענטפערט אויף פאַרשטעלט, אייבער־הסברהדיק:

— און מ'ווער טוט אַוודאי און אַוודאי לייד, חוהלע!...

און אדרבא, זאָל זי, הייסט עס, נעמען נאָכקלערן וואָס ע ר איז דערמיט אויסן.

חוהלע האָט פאַרשטאַנען. זי האָט שיער־שיער אַ זאָג געטאָן שואליקן, אַז אַלץ, וואָס איז צווישן זיי פאָרגעקומען, איז געווען נישט מער ווי אַ „פלירט", וואָס האָט נ י ש ט באַדאַרפט פאָרקומען.

זי האָט אָבער שנעל אַ זאָג געטאָן:

— מיר'ן נאָך רעדן, שואליק!

און זי איז גלייך אַוועק.

נאָכמיטאָג, ווען חוהלע האָט זיך באַגעגנט מיט מינצן אין תלמוד־תורה, איז זי געווען גרייט צו פאַרפלייצן אים מיט איר אָנגעזאַמלטער ליבע־היציקייט. אָבער זיין באַגריסונג איז געפאַלן אויף איר, ווי אַ פליוך קאַלט וואַסער אויף אַ צעגליטן אייזן.

— חוהלע, — האָט ער אויף גיך אַ פרעג געטאָן — ווערסטו האָבן עטלעכע מינוט צייט פאַר מיר היינט אַוונט, נאָך די קלאַסן?

— איכ'ל זען מ אַ כ ן צייט פאַר דיר, מינץ!

אַכט אַזייגער, נאָכן צעלאָזן די קלאַסן, האָט מינץ באַגעגנט חוהלען אין קאָרידאָר, אוןביידע זענען צוזאַמען אַרויס אין גאַס.

— קום, לאָמיר זיך צוזעצן אַביסל אין פאַרסייט־סטריט־פּאַרקל, אויב דו האָסט נישט קעגן דעם, חוהלע! — מאַכט מינץ.

— כ'האָב גאָרנישט קעגן דעם...

זיי האָבן געשפּאַנט אויף דער רוישיקער און קאָכעדיקער דילענסי־סטריט ביז פאַרסייט. אויפן ראָג גאַס האָבן זיי געוואַרט ביז די טראַפיק־ליכט איז געוואָרן גרין. זיי זענען אַריבער אויף דער צווייטער זייט און אַריין אין פּאַרקל, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטן. אויף דער ערשטער ליידיקער באַנק צווישן צוויי שטאָטיש־פאַרמאַטערטע ביימלעך האָבן זיי זיך צוגעזעצט.

— זאָג מיר נאָר, מינצעלע, — האָט חוהלע אַרויסגעשאָסן — וואָס איז דער פּשט פון דיין פראַגע: „אויב איך וועל האָבן עטלעכע מינוט צייט פאַר דיר"?

— זייער פּשוט, — מאַכט מינץ געלאַסן — כ'זע דאָך, אַז דו ביסט היפּש פאַרנומען מיט דעם הר־שלומען די לעצטע צייט.

ביי חוהלען האָט דער דאָזיקער ענטפער געהאַט אַלערליי טעמים. אַ נחת־רוח האָט אַ גאָס געטאָן אויף איר. אַהאַ, ס'אייז האָט זיך געריררט. ס'גייט אַ גאַנג. דער בחור מ'יינער איז דאָך אייפערזיכטיק!...

— וואָס־זשע, כ׳האָב דיר טאַקע געפעלט? — מאַכט זי קאָקעטיש.
— פאַרוואָס נישט? פאַרט אַלטע פריינט!
— אָבער מ׳קאָן דאָך אַ נייעם פריינד אויך נישט אויסשפּייען...
— חס־וחלילה, ווער זאָגט עס דען, אַז דו זאָלסט אים אויסשפּייען? פאַרקערט, איך בין בפירוש איצט צופרידן, וואָס דו האָסט באַקומען אַ נייעם פריינד, חוהלע.
— איצט?...
— יאָ, איצט. כ׳מוז דיר זאָגן, חוהלע, אַז ס׳קאָן זיין, כ׳וועל פאַרלאָזן ניו יאָרק. מ׳לייגט מיר פאָר אַ שטעלע אין שיקאַגאָ מיט צוויי מאָל אַזוי פיל שכירות ווי כ׳קריג דאָ. כ׳האָב נאָך נישט אָנגענומען. נאָר אויב יאָ, וואָלט איך נישט וועלן, אַז דיר זאָל זיין אומעטיק אָן אַ פריינד...
חוהלעס ליפּן האָבן גענומען ציטערן. פון אירע אויגן האָבן טרערן אַרויסגעשלאָגן. זי האָט זיך אָבער באַלד קאָנטראָלירט און אַ זאָג געטאָן סאַרקאַסטיש:
— זייער פיין פון דיר, וואָס דו זאָרגסט וועגן מיר. אָבער זיי זיכער, אַז כ׳קאָן זיך אַליין באַזאָרגן, מינץ!...
דער שמועס האָט זיך שוין מער נישט געקלעפּט. זיי זענען נאָך געזעסן אַ קורצע ווײַלע, זיך געזעגנט און זיך צעגאַנגען איטלעכער זיין וועג.

ד

חוהלע איז געווען זיכער ביי זיך, אַז מינץ וועט קיין ליגן נישט זאָגן. די מעשה מיט דער שטעלע אין שיקאַגאָ איז טאַקע דער ריינער אמת.
און נאָך איז חוהלע געווען ביי זיך זיכער, אַז ווי שטאַרק ס׳זאָל אים נישט לאָקן דאָס געלט, לאָקט ז י אים אַ סך שטאַרקער. מעג די שטעלע אין שיקאַגאָ זיין ווי צוציענדיק, וועט איר, חוהלעס, קראַפט ווירקן אַ סך מער.
ניין, ס׳איז קיין ספק נישט ביי חוהלען, אַז מינץ וועט נישט פאַרלאָזן ניו יאָרק. ער וועט זיך מיט „זיין חוהלען" נישט וועלן שיידן. וואָס איר איז געווען ווייטיקלעך און פאַרדראָסיק איז דער אופן פון זיין רעדן צו איר. וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון? „ער איז איצט שטאַרק צופרידן, וואָס זי האָט באַקומען אַ נייעם פריינד!". וואָלט געווען דערינגען כאָטש אַ קליין נאָטקעלע פון אייפערזוכט אויף דעם שוואליקן, וואָלט עס איר שטאַרק הנאה געטאָן. אָבער — אַ נעכטיקער טאָג.
עטלעכע טעג נאָך יענעם אָוונט האָט חוהלע אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט מינצן. באַלד נאָכן צעלאָזן די קלאַסן אין תלמוד־תורה האָט זי זיך אַרויסגערוקט אומבאַמערקט און אוועק אַהיים אַליין.
זונטיק בייטאָג, נאָכן לעצטן קלאַס, האָט אָבער מינץ זיך מקדים געווען

און אַזוי לאַווירעוועט, אַז ער זאָל זי פאַרכאַפּן אויף דער שוועל פון איר צימער.

— חוהלע, עפּעס ווערסטו מיר נעלם די לעצטע טעג. כ׳קאָן דיך גאָרנישט פּאַקן!...

זי איז געבליבן אָנגעבלאָזן און גאָרנישט געענטפערט דערויף.

— ווילסט גיין מיט מיר צום „נשף עברי״ (העברעישן אָוונט), חוהלע?...

מינץ האָט גוט געוואוסט, אַז ביי חוהלען איז גיין צו אַ העברעישן אָוונט, ווי ביי אַן אַמעריקאַנער „פלאַפּערין״ גיין צו אַ טאַנץ. איז ביי מינצן דערום קיין פראַגע נישט געווען גאָר, אַז ווען ער וועט איר נאָר אַ פּיפּס טאָן צו גיין מיט אים צום „נשף עברי״, וועט זי זיך גלייך אָנכאַפּן מיט הענט און פיס.

חוהלע האָט באמת שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף אָט דעם העברעישן אָוונט, ווי אויף אירער אַן אייגענער שמחה. און זי האָט לכתחילה גאָר אַנדערש נישט געדענקט, ווי נאָר צו גיין אַהין מיט מינצן. איצט אָבער איז זי געווען צו־שטאָלץ אים נאָכצוגעבן. זי האָט מיט אַ פאַרקרימטער מינע אַ זאָג געטאָן:

— ניין, מינץ. ס׳טוט מיר לייד. כ׳פיל זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען. כ׳מוז זיך אַוועקלייגן אין בעט...

און נאָך איידער מינץ האָט באַוויזן אַ וואָרט אַרויסצולאָזן, האָט זי זיך אויסגעדרייט און אַוועק.

אין דערהיים האָט זיך חוהלע טאַקע אַוועקגעלייגט אין בעט מיט אַ בוך, און איז ביז דער וועטשערע נישט אַרויס פון איר צימער.

שואליק איז געקומען אַהיים פון שאַפּ, זיך אַרומגעוואַשן, זיך איבער־געטאָן, גרייט צו גיין גלייך נאָך דער וועטשערע צום העברעישן אָוונט. ער האָט נישט געוואוסט צי חוהלע גייט יאָ מיט מינצן אָדער נישט. נאָר אַז זי וועט צום "נשף" גיין איז ביי אים קיין ספק נישט געווען. איז נישט קוקנדיק אויפן אַפּשניט, וואָס ר׳האָט פון איר געהאַט, האָט ער פונדעסטוועגן אויס דרך־ארץ זי אַ פרעג געטאָן ביי דער וועטשערע אין העברעיש:

— ווילסט אפשר גיין מיט מיר צום „נשף עברי״, חוהלע?...

די פראַגע האָט איר אַ ברי געטאָן. אפשר טאַקע גיין מיט שואליקן. זאָל עס מינצן אַביסל גרימען. זי האָט זיך אָבער באַלד באַדענקט און אַ זאָג געטאָן:

— אַ דאַנק, שואליק. ס׳טוט מיר זייער לייד. כ׳פיל זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען. כ׳מוז זיך אַוועקלייגן אין בעט!...

דער זאַל אין דער „האַיאַס״־געביידע, וואו דער אָוונט איז פאָרגעקו־מען, איז געווען איבערגעפּאַקט. די היץ איז דאָרט געווען גרויס. די לופט

איז געווען פול מיט רויך און מיט רייד. די רעפּעראַטן זענען געווען לאַנגע און היציקע. אַלע געמיטער — צעוואָרעמט. אַלע פּנימער — פאַרשוויצט.

מינץ און שואליק האָבן זיך באַגעגנט דאָרט ערשט נאָכדעם ווי דער „נשף" האָט זיך פאַרענדיקט, שפּעט ביינאַכט.

— אַ שאָד, וואָס חוהלע פילט זיך נישט גוט און האָט נישט געקאָנט קומען צו דעם אָוונט! — מאַכט מינץ.

— יאָ, טאַקע אַ שאָד!

— איר׳ט אפשר אַריינגיין מיט מיר אין קאַפעטעריע טרינקען אַ טעפּעלע קאַווע, מר הר־שלום?

— גוט! כ׳מיין, ס׳אַ גוטער געדאַנק...

ביידע זענען אַריין אין דער נאָענטסטער קאַפעטעריע, וואָס איז געווען געפּאַקט און האָט גערוישט מיטן עולם, וואָס איז נאָר־וואָס אַרויס פון די טעאַטערס. מינץ האָט געפונען אַ ליידיק טישל אין אַ ווינקל, געלאָזט דאָרט שואליקן זיצן און היטן ס׳אָרט, און ער אַליין איז אַוועק און געבראַכט קאַווע און צובייסן פאַרביידן.

— איז וואָס מאַכט איר, הר־שלום? זיך שוין אַביסעלע אַמעריקאַניזירט, האַ?...

— געווענדט אין וואָסער אַ זין.

— כ׳מיין אין דעם זין צו פאַרליבן זיך אין אַמעריקע און ווען דאָ פאַרבלייבן!

— אַמעריקע קאָן קיינער נישט פיינט האָבן, מר מינץ. נאָר טראַכטן פון פאַרבלייבן דאָ איז גאַנץ־גאַנץ ווייט. מיין אידעאַל איז געווען און וועט זיין ארץ־ישראל!

— כ׳געדענק, אַז איך האָב אויך געזאָגט דאָסזעלביקע ווען כ׳בין געקומען אַהער! — שמייכלט מינץ — אַמעריקאַנער ערד האָט אָבער אַ כוח־המושך. מ׳קאָן זיך פון איר נישט שיידן...

— וואָלט איך געהאַט אַ גוטע פאָר „ידים", וואָלט איך ארץ־ישראל נישט געווען פאַרלאָזט אפילו צייטווייליק, מר מינץ. דאָס לאַנד דאַרף איצט צוויי זאַכן — מ ו ס ק ו ל ן און ד אָ ל אַ ר ן. און אַזוי ווי קיין מוסקולן האָב איך נישט צו געבן, בין איך געפאָרן צו ברענגען אַביסל דאָלאַרן...

— נו, באַצאָלט זיך כאָטש א י י ע ר פּאָך גוט דאָ?

— אָט דאָ, זעט איר, האָט איר אָנגערירט אַ וואונדיק אָרט. ווען מיין „באָס" האָט מיך אין ארץ־ישראל אָנגעשטעלט, האָב איך געמיינט, כ׳האָב געכאַפּט אַ גליק. דאָ, אָבער, זע איך, אַז די „מציאה" האָט געכאַפּט דער באָס. נישט איך. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע איז די שכירות אין „הייליקן שאָפּ" אַ זייער קלאָגעדיקע...

— נו, איז דאָך דאָ אַן עצה. מ׳בעט אַ הוספה.

— און אַז מ׳וועט נישט וועלן געבן ?

— אַז מ׳וויל נישט געבן — נויט מען! מ׳מאַכט דעם באַס צו וועלן... וואָס מיינט איר, האָבן מיר, העברעיִשע לערערס געטאָן? אונדזערע געהאַלטן זענען אויך געווען „לחם צר ומים לחץ״. קוים אויף צו זשיפּען. האָבן מיר געקעמפּט, געשטרייקט... חוהלע האָט אייך גאָרנישט דערציילט דערפון?

— גייך, נישט אויסגעקומען צו רעדן וועגן דעם ענין.

— אָ, זי איז דאָך געווען איינע פון די אָרגאַניזירערס פון אונדזער קאַמף. זי האָט געגעבן די באַלעבאַטים צו שמעקן פעפער. שוין איינמאָל אַ חוהלע! ווי זאָגט איר?...

— יאָ, א וואויל מיידל. קלוג און אינטעליגענט. כאָטש אַביסל קאַפּריזנע...

— געוויס האָט זי אירע קאַפּריזן. ווער פון אונדז האָט דען נישט זיינע קאַפּריזן? זי איז אַ מענטש מיט כאַראַקטער, מיט וויזיע, מיט הבנה...

— ריכטיק. חוהלע איז שאַרף און שאַרפזיניק!

— אָ, זי׳ט זיין אַ גליק פאַר איר באַשערטן...

שואליק האָט געגעבן אַ קוק־אַריין אין מינצס גרויע אויגן, געוואָלט דערזען דאָרט די כיטרע־פאַרשנדיקע גלאַנצן, זיך אַנגענומען מיט קוראַזש און אַ פרעג געטאָן:

— נו?...

— הערט אויס, מר הר־שלום, „השתא דאתית להכי״, אַז מיר זענען שוין יאָ אַרויף אויף דעם שמועס, וויל איך טאַקע מיט אייך רעדן ווי מאַן־צו־מאַן!

שואליק איז געוואָרן בלאַס. ווער ווייסט וואָס חוהלע האָט דעם מינצן דערציילט, און וואָס אָט דער מינץ וויל אים דאָ זאָגן איצט.

— איך, מר הר־שלום, האָב ליב חוהלען, ס׳לעבן. כ׳פאַרגעטער זי ממש. אָבער — כ׳האַלט נישט פון „פאַרבינדן זיך״, — רעדט מינץ געלאַסן.

— הם?...

— דער אמתער אמת איז, אַז איך בין בטבע אַן אינדיווידואַליסט, אָדער, גאָך אמתדיקער, אַן עגאָיסט. צי דער עגאָיזם האָט גורם געווען מיין אַלט־בחורשאַפט, אָדער פאַרקערט. דער פאַקט איז, אַז איך וועל שוין פאַרבלייבן אַן אַלטער בחור. שוין ס׳דריטע יאָר, זינט כ׳בין באַפריינדעט מיט חוהלען, האָב איך זיך אַליין געשטודירט, אַליין אַנאַליזירט, און געזען, אַז איך וועל קיין גוטער מאַן נישט קאָנען זיין. כ׳קאָן נישט זיין אַנדערש ווי איך בין. כ׳האָב צופיל ליב חוהלען, כ׳זאָל איר שטיין אין וועג פאַר אַ גליקלעך לעבן. און דערפאַר טאַקע האָב איך איצט באַשלאָסן נישט צו

פאַרשלעפּן לענגער אונדזער פריינטשאַפט. איך וועל מוזן פאַרלאָזן ניו יאָרק. און ווייט פון די אויגן — ווייט פון דעם האַרצן...

אַ באַקאַנטער מינצס איז צוגעקומען צום טישל. מינץ האָט זיין שמועס מאָמענטאַל איבערגעריסן.

שואליק איז אַוועק אַהיים אַ שטאַרק צערודערטער...

קאַפּיטל צען

א

די ערשטע חברישע מלווה־מלכה ביי ר׳ שמואל־הערש דעם בוכהאַלטער אין הויז האָט ביי איטלעכן אַרבעטער פון דעם „הייליקן שאַפּ" איבערגעלאָזט אַ זיסן טעם אין מויל. ווען נאָר אימיצער פון זיי האָט דערמאָנט די מלווה־מלכה, האָבן זיך אַלע געגומען באַלעקן, ווי נאָך אַ געשמאַקער נאַשעריי.

און דערמאָנט האָבן די אַרבעטערס יענע מלווה־מלכה גאַר־גאַר אָפט.

איינמאָל, ביי אַ מיטאָג אין שאַפּ האָט עזראַ יקיר אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— רבותי, אפשר וואָלטן מיר טאַקע געזאָגט „אודך"? (ס׳הייסט: פונקט ווי מ׳זאָגט אין הלל „אודך" צוויי מאָל, זאָל מען אויך די מלווה־מלכה פּראַוועון אַ צווייטן מאָל).

די אַרבעטערס האָבן גלייך אויפגעכאַפּט עזראַס פאָרשלאָג:

— איי־איי, ס׳איז דאָך טאַקע אַ טייערער איינפאַל! ווי איז׳ס גאָר קיינעם פון אונדז נישט געקומען אויפן געדאַנק? אַ משכיל איז פאָרט אַ משכיל. בראַוואָ, אבן־עזרא!...

עזראַ יקיר איז געווען דער איינציקער „אויפגעקלערטער" צווישן די פרומע אַרבעטערס אין שאַפּ. ר׳האָט שוין געלייענט ביכער אין אַלע דריי שפּראַכן, העברעיש, יידיש און ענגליש. ר׳האָט זיך געקליידט מאָדערן, גערעדט מיט געציילטע ווערטער, קורץ און שאַרף. און דערפאַר האָבן אים די חברים אין שאַפּ אַ נאָמען געגעבן „דער אבן־עזרא".

און טאַקע ביי יענעם מיטאָג האָבן די אַרבעטער באַשלאָסן, אַז מ׳זאָל פּראַוועון אַ צווייטע מלווה־מלכה און טאַקע ביי עזראַן אין הויז.

אין די עטלעכע וואָכן, וואָס ער אַרבעט אין „הייליקן שאַפּ", האָט שואליק שוין נישט איינמאָל געהערט די חברים דאַרטן באַקלאָגן זיך, אַז ס׳איז זייער שווער „צו מאַכן אַ לעבן". די שכירות קלעקט נישט אויף חיונה פשוט. אין משך פון דער צייט האָט שואליק שוין אויך גוט תופס געווען ר׳ שלמה־שעיהן. זיין באַציונג צו די אַרבעטערס איז דווקא אַ חברישע, אַן אַנשי־שלומנודיקע, אַן גרויסהאַלטעניש און שטרענגקייט פון אַ „באָס".

נאָר וואָס איז שייך צו אַ קלענערן אַרבעטס־טאָג און צו גרעסערע שכירות — קומט עס נישט. מ׳האָט אַפילו מורא פאַר אים אַ פּיפּס צו טאָן וועגן דעם.

בנוגע זיך אַליין האָט שואליק אויך געטראָגן אַ פאַרדראָס אויף ר׳ שלמה־שעיהן. אמת, אַפּנאַרן האָט אים ר׳ שלמה־שעיה נישט אָפּגענאַרט, ווען ר׳האָט אים אָנגעשטעלט אין תל־אביב. לויט די שכירות, וואָס ער צאָלט די אַנדערע אין שאָפּ, צאָלט ער אים טאַקע מיט אַ פּאָר דאָלאַר מער. אָבער — צו די שכירות פון אַרבעטערס אין יוניאָן־שעפּער איז עס גאָר קיין פאַרגלייך נישט...

זינט מינץ האָט שואליקן אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן „פאָדערן" אַן הוספה, און אים דערציילט פון דעם קאַמף, וואָס חוהלע האָט אָנגעפירט פאַר די העברעישע לערערס, האָט שואליק געזוכט אַ געלעגנהייט זיך דורכצו־רעדן דערפון מיט חוהלען.

קיין בעסערע געלעגנהייט, ווי איצטער, פאַר דער צווייטער חברישער מלווה־מלכה, האָט שואליק נישט געפונען. ער מוז מיט איר רעדן. אַוודאי וועט ער אין זיין שמועס מיט איר נישט אָנרירן קיין שום פּערזענלעכן ענין. דער עיקר וויל ער הערן איר מיינונג וועגן דער פראַגע פון די אַרבעטערס אין טליתים־שאָפּ. אָט די פראַגע רירט דאָך אָן דעם אינטערעס אויך פון איר אייגענעם פאָטער.

— חוהלע, כ׳האָב זייער אַ וויכטיקן ענין צו רעדן מיט דיר. איך דאַרף דיין עצה. מעג איך אַריינקומען צו דיר נאָכן עסן?... — האָט שואליק אַ פרעג געטאָן איר אין העברעיש, זיצנדיק ביי דער וועטשערע.

— מיין עצה? אויב איכ׳ל נאָר האָבן די ריכטיקע עצה, וועל׳ך אַוודאי זיין צופרידן צו געבן דיר, שואליק! — האָט חוהלע, נאָכטראַכטנדיק אַביסל, געענטפערט.

נאָך דער וועטשערע האָט חוהלע געלאָזט די טיר פון איר צימער אָפן. דאָס פענצטער אויך. זי איז געזעסן ביים טישל און אַריינגעקוקט אין טשערניכאָווסקיס „שירים". שואליק איז אַריין און זיך געזעצט ביים צווייטן עק טישל.

— ווי איך זע, קאָכסטו זיך אין דעם „גריך" טשערניכאָווסקי! ביי מיר איז ביאַליק דער ליבסטער פּאָעט...

— נישט ריכטיק וואָס מ׳רופט טשערניכאָווסקין „דער גריך". כ׳האָב, פאַרשטייט זיך, אויך ליב ביאַליקן, נאָר טשערניכאָווסקין פיל איך בעסער, זיין וועלטלעכקייט איז מיר פאַרט נענטער צום האַרצן... — זאָגט חוהלע און לייגט אַוועק דאָס בוך — אָבער... לאָמיר בעסער הערן ס׳אַרא עצה דוווילסט, שואליק, און צי בין איך בכוח צו געבן זי דיר...

— אַז דו ביסט ב כ ו ח צו עצהן מיך, האָט מיר ערשט מינץ דערציילט.

— מינץ? ווען?

— לעצטן זונטיק, נאָכן העברעישן אָונט, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט.

— דערציילט וואָס? — האָט אַ זיפצעלע זיך אַרויסגעכאַפּט ביי חוהלען.

— אַז דו האָסט זייער אַ טיפן פאַרשטאַנד...

— אַ?... וואָס נאָך האָט ער דערציילט? — שפּיזלט אים חוהלע מיט אירע בליקן.

— נאָך? וואָס נאָך? — שמייכלט שואליק — דיך געלויבט אין הימל אַריין. זיך פאַרכליניעט ממש פון דיינע מעלות...

אויף חוהלעס פּנים האָט זיך דער קאָליר געביטן. די פאַרב האָט זיך צעשפּילט אויף אירע בעקלעך. אירע אייגעלעך האָבן זיך צעגלאַנצט. איר האַרץ האָט זיך גענומען צאַפּלען פון ליבע־אַנפלייץ. אָ, מינץ טייערער!

און אַ געדאַנק איז חוהלען איצט דורכגעלאָפן. איצט איז די סאַמע פּאַסיקסטע צייט צו רעדן מיט שואליקן וועגן איר פאַרהעלטעניש מיט מינצן. זי האָט אַזוי לאַנג געזוכט אָט די געלעגנהייט, און איצט איז די געלעגנהייט געקומען. איידער שואליק וועט איר דערציילן וועגן ז יי ן ענין, וועט זי אים דערציילן וועגן א י ר ענין. און... ס'קאָן גריילעך זיין, אַז נאָכדעם וועט ער, שואליק, שוין פאַרשפּאָרן גאָר אײַנגאַנצן צו פרעגן ביי איר די „עצה", וואָס ר'וויל פרעגן...

— ווי קומט עס עפּעס, וואָס מינץ האָט זיך אַזוי פּלוצים צעזונגען פאַר דיר וועגן מיר, שואליק? — מאַכט חוהלע אַלץ פאַרשנדיק, — נישט אַנדערש, דער בחור איז גאָר געוואָרן היפּש אייפערזיכטיק אויף דיר.

— פאַרוואָס זאָל ער זיין אייפערזיכטיק?

— איצט, שואליק, אַז דו פרעגסט, וועל'ך דיר ענטפערן. אָבער — כ'בעט דיך, דו זאָלסט מיך נישט באַשולדיקן, נאָר פאַרשטיין און מיטפילן...

— ד י ך באַשולדיקן? חלילה! אויב שולדיק — בין איך דאָס אפשר...

— ניין, ניין, שואליק. דו — אַוודאי נישט. אויב ס'איז צווישן אונדז פאַרגעקומען אַ „נאַרישקייט", האָב איך דערצו גורם געווען. אָבער גלויב מיר אויף מיין ערן־וואָרט, אַז כ'האָב שטאַרק חרטה דערויף...

— דו רעדסט עפּעס מיט „רעטענישן", חוהלע. כ'הויב זיי נישט אָן צו פאַרשטיין!

חוהלע האָט מאָמענטאַל אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן ערנסטע מינע פון אַ מענטשן, וואָס גייט זיך מתוודה זיין, און גענומען רעדן:

— כ'מוז דיר דערציילן דעם גאַנצן אמת, שואליק. שוין דאָס דריטע יאָר, וואָס איך מיט מינצן זענען באַפריינדט. אונדזער ליבע איז אַ קעגנזייטיקע. מינץ איז בטבע אַ מיושבדיקער, אַן איינגעהאַלטענער פאַרשוין. אפשר שוין צופיל. איך בין אויך נישט פון יענע מיידלעך, וואָס שפּרינגען די בחורים אין פּנים אַריין. אָבער — נאָך קנאַפּע דריי יאָר חברן זיך, האָב

איך געהאַלטן, אַז ס'איז שוין צייט, מיר זאָלן קומען צום תכלית, בויען אונדזער צוקונפט צוזאַמען... פאַרשטייט זיך, אַז מיט מיין גאַנצער ליבע צו מינצן האָב איך מיין שטאָלץ נישט פאַרבויגן. איך האָב אַלץ געוואַרט, אַז ער זאָל אַרויס מיטן פאָרשלאָג. ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן. זיך אַלץ נאָך גע'ישוב'ט, ווי זיין טבע איז... ווען דו, שואליק, ביסט אָנגעקומען צו אונדז אַלס שכן, איז מיר אַריין דער נאַרישער געדאַנק, דער געדאַנק פון פרויאישן עגאָיזם, „אויסצונוצן" דיך. איצטער, לויט ווי דו, שואליק, דערציילסט מיר, פאַרשטיי איך, אַז מיין „מיטל" האָט אים טאַקע אַ ריר געטאָן. ער איז אפילו עטוואָס אייפערזיכטיק אויף דיר... איז לאָמיר פאַרגעסן יענע „נאַרישקייט" צווישן אונדז, שואליק. „מה שעבר — אין". ס'איז אַוועק אין תהום פון אַלע מענטשלעכע נאַרישקייטן. מיר זענען אינטעליגענטע מענטשן — לאָמיר פאַרבלייבן פריינט! איז בלייבט עס אַזוי, שואליק, הע?...

שואליק איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו חוהלעס לאַנגער טיראַדע, צו איר קאָנפעסיע און האַרץ־אויסגוס, געקוקט איר גלייך אין די אויגן אַריין, אפילו קיין פּיפּס נישט געטאָן, נישט געוואָלט איר איבערשלאָגן. און געטראַכט האָט ער ביי זיך:

„ווי, ווי, ווי אַ מענטש איז בלינד! ווי אַ מענטש זעט נישט וואָס דער גורל האָלט פאַר אים צוגעגרייט... דער מינץ האָט פאַר אים אויפגעדעקט, אַז ער וויל זיך וואָס גיכער אָפּרייסן פון חוהלען; און זי — זי הייבט נישט אָן צו וויסן דערפון..."

ב

אַ משונהדיקע שטילשווייגעניש איז געבליבן הענגען אין חלל פונעם קליינעם צימער.

אין דער שטילשווייגעניש איז שואליק געזעסן פאַרקלערט.

— נו, וואָס שווייגסטו, שואליק?

— האַ?... וואָס?...

— וואָס וועסטו איצט זאָגן, שואליק? ווילסט נאָך אַלץ פון מיר אַן עצה? איך האָב דיר אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת, דעם נאַקעטן אמת. איצט קאָנסטו אַרויס מיט דיין אמת. רעד, רעד אָפן, שואליק!

— ניין. נישט וועגן זיך, האָב איך געוואָלט איצט רעדן מיט דיר, חוהלע...

— וועגן וועמען דען?

— דער ענין איז נוגע אַנדערע. כ'וויל דיין עצה וועגן טובת־הכלל.

— המ... גאָר אַזוי?...

— יאָ, וועגן דער טובה פון מיינע חברים־אַרבעטערס אין „הייליקן שאָפּ".

— וואָס אַזוינס ?

— זאָג מיר, חוהלע, וויפל יאָרן אַרבעט שוין דיין פּאָטער ביי ר׳ שלמה־שעיהן ?

— אַ יאָר זיבעצן, דאַכט זיך.

— וויפל הוספות האָט ער שוין אין דער צייט באַקומען ?

— כ׳מיין, אַנטקעגן וואָס קומט דאָס אַלץ צורייד איצט, שואליק ?

— הער מיך אויס, חוהלע, איך רעד איצט פון פּשוטער „גשמיות", פון „מאַכן אַ לעבן", ווי מ׳רופט עס אין אַמעריקע. כ׳האָב קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען אַזוי גוט דעם אויסדרוק „מאַכן אַ לעבן", ווי כ׳פאַרשטיי אים איצט דאָ. אין אַמעריקע איז פאַראַן גענוג פאַר אַלעמען. נישט מער, איטלעכער מוז קעמפן פאַר זיין חלק צו קאָנען מאַכן אַ שענער און בעסער לעבן פאַר זיך...

— איז וואָס פאַר אַ נייעס האָסטו דאָ אַנטדעקט, שואליק ?

— אַ נייעס איז עס פאַר די אַרבעטערס אין „הייליקן שאָפּ"! אין דער קורצער צייט, זינט כ׳אַרבעט דאָרט, האָב איך געהערט ווי די אַרבעטערס באַקלאָגן זיך, אַז זיי לעבן בדוחק. זיי קאָנען נישט מאַכן קיין לעבן. ר׳ שלמה־שעיה איז טאַקע אַ גאַנץ פריינטלעכער „באָס". די אַטמאָספער אין זיין שאָפּ איז בפירוש אַן אַנשי־שלומנודיקע. ער העלפט אַפילו אַרויס אַן אַרבעטער אין אַ נויט מיט אַ גמילות־חסדל. די שכירות זענען אָבער בצמצום, נישט גענוג צו מאַכן אַ לעבן. דערצו איז דאָרט דער אַרבעטס־טאָג אַ לאַנגער... און פאַרבעסערן די לאַגע קאָנען זיי נישט, ווייל זיי האָבן נישט קיין יוניאָן...

— פאַרוואָס האָבן זיי דען נישט ? ווייל זיי זענען חסידים־שוטים !

— חסידים זענען זיי טאַקע, נאָר קיין שוטים נישט, חוהלע! זיי האָבן מורא פאַר ר׳ שלמה־שעיהן. קיין סך טליתים־שעפער זענען נישטאָ...

— נו ?

— נו, נו, אָט וועגן דעם טאַקע וויל איך עס האָבן דיין עצה, חוהלע. צי זאָלן מיר זיך פאַרלאָזן אויף אונדזערע אייגענע כוחות, צי איז בעסער צו פאַרבינדן זיך מיט דער אַרבעטער־יוניאָן ?

— מיר, די העברעישע לערערס, האָבן זיך פאַרלאָזט אויף אונדזערע אייגענע כוחות.

— כ׳ווייס דאָס. מינץ האָט עס מיר דערציילט.

— מינץ ? ווי קומט ער צו רעדן פון דעם ענין גאָר ?

— ווען ר׳האָט גערעדט וועגן דיינע מעלות, האָט ער אויך דערמאָנט

ווי קלוג און ענערגיש דו האָסט אָנגעפירט מיטן קאַמף לטובת די לערערס אין די תלמוד־תורהס...

— „אָ, איזנ׳ט הי עי דאַרלינג!״... — האָבן זיך ביי חוהלען אַרויסגעריסן די ווערטער אין ענגליש אַזוי זיס, ווי זיי וואָלטן געטריפט מיט האָניק.

— כ׳וועל דאַרפן דיין הילף, חוהלע... די חברים אין שאַפּ האָבן באַשלאָסן צו פּראַוועון נאָך מלווה־מלכהס. די צווייטע מלווה־מלכה וועט זיין קומענדיקן מוצאי־שבת ביי עזרא יקיר אין הויז. איך האָב ביי זיך באַשלאָסן צו אויפהויבן דאָרט די פראַגע וועגן „שכירות און אַרבעטס־טאָג״, וועגן אַרויסשטעלן אַ פאָדערונג צו ר׳ שלמה־שעיהן. און אויב מיר׳ן זיין געצוואונגען דערצו — אפילו מאַכן אַ שטרייק...

— גוד, גוד! מאַרוועלאָוס! זהו הדרך!״ — איז חוהלע אויפגעשפּרונגען אַ באַגייסטערטע און געמישט ענגליש מיט העברעיש — דאָס איז דער ריכטיקער וועג. אַזוי דאַרף מען האַנדלען. קיין שום „באָס״, אפילו דער בעסטער, וויל נישט געבן ברצון־הטוב. אונדזער לערער־קאַמף איז אויך געוועזן געגנוג שווער, און דאָך האָט אונדז גאָרנישט אָפּגעשראָקן, שואַליק.

— דער חילוק איז אָבער: אייערע תלמוד־תורה־„באָסעס״ האָבן נישט באַדאַרפט געבן פון זייערע קעשענעס, און אונדזער „באָס״ דאַרף געבן פון זיין אייגענער קעשענע, חוהלע...

— אויב אַזוי, קענסטו נישט קיין „באָסעס״, שואַליק. ווען איך זאָל דיר וועלן דערציילן וועגן די „פּרעזידענטן און דירעקטאָרן״ פון די תלמוד־תורהס און שולן אין אַמעריקע בכלל און וועגן אונזער קאַמף בפרט, וואָלט די נאַכט געוועזן קליין דערפאַר.

— דערצייל מיר, חוהלע, ס׳איז אינטערעסאַנט צו וויסן.

— קודם כל דאַרפסטו זיך באַקענען מיטן טיפ פון די פּאַרזאָרגערס פון חנוך און יידישקייט אין יענע צייטן דאָ. דער רוב פון זיי זענען געוועזן עם־הארצים גמורים, אַליין קיין שיטל עברי נישט געקענט. אין זייערע אייגענע הייזער איז קיין סימן פון יידישקייט נישט געווען, און זייערע אייגענע קינדער האָבן זיי קיין יידישן חנוך נישט געגעבן. בכלל האָלטן די אַמעריקאַנער יידישע גבירים, אַז נאָר די אָרעמע קינדער דאַרף מען באַזאָרגן מיט יידישקייט. די רייכע קינדער קאָנען זיך באַגיין אָן דעם... אָט יענע פּאַרשוינען, וועלכע אַ סך פון זיי זענען פון דער אַלטער היים אַנטלאָפן צוליב זייערע „מעשים טובים״, ווי נאָר זיי האָבן זיך דאָ „אַרויפגעאַרבעט״, געוואָרן גבירים, האָבן זיי זיך גענומען לאַקאָמען מיט קהלשע אַמטן, געוואָרן „פּרעזידענטן און דירעקטאָרן״ אין די לאַנדסמאַנשאַפט־פּאַראיינען, אין די שולן, און אין די תלמוד־תורהס... אַ שטייגער, למשל, אַז אַ כאַצקעלע קלאָץ פון האָצעפּלאָץ, פון דער היים אַ בעל־מלאכה אָדער אַ בעל־עגלה, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, אַ גאָרנישט, אַ „נאָבאָדי״, איז אין

קאָלומבוסעס מדינה נתעלה געוואָרן, זיצט ער אין שול אויף דער בימה מיטן גרויסן צילינדער־הוט, טיילט עליות, און זאָגט דעם רב דעות; אָדער ער פירט אָן מיט דער תלמוד־תורה, הערשט איבער די מלמדים, און זאָגט מבינות אויפן לערנען... „כלי קודש" האָבן געמוזט שטיין פאַר אים מיט אַפּשיי. נאָר מער פון אַלע האָבן די לערערס אין תלמוד־תורה געליטן. אַפּטמאָל, ווען כאַצקעלע האָט געהאַט עפּעס אַ פּאַרדראָס פון זיינע אייגענע אַרבעטערס ביי זיך אין שאַפּ, און ער האָט נישט געקאָנט זיך נוקם זיין אין זיי אויס מורא פאַר דער „יוניע", פלעגט ער דאַן קומען אין תלמוד־תורה און אויסלאָזן דאָרט זיין ביטער האַרץ צו די אָרעמע לערערס, פאַר וועלכע קיינער האָט זיך נישט אָנגענומען, און זיי האָבן געמוזט אָנבויגן די קעפּ און שווייגן... און אַזוי ווי ער, כאַצקעלע, דער פּרעזידענט, איז אַ גאַנצע וואָך געווען פאַרנומען אין זיינע ביזנעס, און נישט געקאָנט קומען אין תלמוד־תורה אַריין, חוץ זונטיק, האָט ער אויף זיין אָרט אָנגעשטעלט אַ „פאָרמאַן", אַ משגיח, ער זאָל האַלטן אַן אויג אויף די לערערס. דער משגיח, ס'רוב אַ כיטרער פּאַרשוין, האָט זיך אויסגעפּאַשעט אַ בייכל, אויסגעכאָליעט אַ בערדל, וואָס זאָל אַרויסרופן דרך־ארץ. דורך חניפה און מסירה זיך אויס־געבעט אַ וואַרעמע שטול, געזעסן אויף איר ווי אַ „מולך בכיפּה", און וועמען פון די לערערס ר'האָט נישט ליב געהאַט, האָט ער אונטערגעשטעלט אַ פיסל... בקיצור, אונדזערע לערערס האָבן געזען, אַז מ'מוז נעמען לערנען מיט די „פּרעזידענטן און דירעקטאָרן", די מסכתא „דרך ארץ" און — מיר האָבן געלערנט מיט זיי! שווער געווען דער קאַמף. לכתחילה איז דער דעת־הקהל געווען קעגן אונדז. צום גליק אָבער האָבן ערלעכע רבנים און עסקנים און כלל־טוערס איינגעזען אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען, אונדז מיטגעהאָלפן, און מיר האָבן דעם קאַמף געוואונען... כ'בין זיכער, שואליק, אַז איר וועט איי ער קאַמף אויך געווינען!...

— קאָנען מיר האָפן אויף דיין מיטהילף, חוהלע?

— אויב כ'וועל נאָר זיין אין ניו יאָרק אין יענער צייט...

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין, עס קאָן זיין, אַז מינע נעמט אָן אַ שטעלע אין שיקאַגאָ. וועט ער דאָך מיך נישט לאָזן בלייבן אין ניו־יאָרק!...

שואליק האָט אַ זיפץ געטאָן אויס רחמנות — — —

ג

צומאָרגנס איז דער אָנהייב־תמוזדיקער טאָג אָנגעלאָפן מיט אַ ווילדן ברען. שוין פון אינדערפרי אָן געגומען אָטעמען אויף ניו יאָרק מיט אַ שטיקענדיקער פייכטקייט.

די שטאָט פון שטיין און שטאָל האָט ממש געגליט. די לופט האָט

געבריט. דער אַספאַלט אויף די גאַסן האָט זיך געשמאָלצן, זיך איינגעקאָרבט אונטער אויטאָמאָביל־רעדער, און אַרויסגעזעצט מיט גלאַנציקע פּעך־באַלעכעס. דער צעמענט אויף די טראָטואַרן האָט געפינקלט פון היץ און געברענט די טריט דורך די לעדערנע זוילן פון די פוסגייערס.

אין די „סאָבוועיס" און אין די „טראָליס" האָבן די ריזיקע עלעקטרישע פעכערס געבלאָזן מיט אַלע קרעפטן און נישט געקאָנט אָפּקילן די פאַרע־דיקע לופט אין די וואַגאָנעס. די פּאַסאַזשירן, אַן קאַפּעליושן, אַן רעקלעך, מיט צעקנעפּלטע קעלנער און מיט צעכראַסטעטע העמדער און בלוזעס, האָבן געפּרייכט און געשוויצט און געבלאָזן דעם הייסן אָטעם פון זיך.

מיליאָנען מענטשן, יונג און אַלט, זענען אַנטלאָפן פון שטאָט, ווי פון אַ שריפה, צו די ים־ברעגן, קיין קאָני־איילאַנד, קיין ברייטאָן־ביטש, קיין ראָקאַוועי, און וואו נאָר מ'האָט געהאָפט צו קאָנען זיך אָטכאַיען מיט אַ קיל לופטעלע.

חוהלע האָט געוואוסט, אַז אין אַזאַ אויסערגעוויינלעך־הייסן טאָג וועלן די קלאַסן אין תלמוד־תורה זיין ליידיק, זי איז אָבער אַוועק אַהין אין צייט. ס'איז געווען נישט אַזויפיל צוליב איר פּרינציפּ פון פּינקטלעכקייט, ווי צוליב איר באַשלוס צו זען זיך היינט מיט מינצן. זי טאָר נישט, זי קאָן נישט מער טראָגן איר רוגז אויף אים. זי איז זיכער, אַז ע ר בענקט נאָך איר, אַזוי ווי זי נאָך אים. ער עסט זיך געוויס אויף פון חרטה אויף זיין אומגעלונגענעם אויסדרוק יענעם אָוונט אין פּאַרסייט־פּאַרקל. גענוג. אַלץ איז גוט מיט אַ מאָס — אַפילו רוגז אויך. אָ, מינץ, מינצעלע, ווי ליב זי האָט אים...

די קלאַסן אין תלמוד־תורה זענען טאַקע געווען ליידיק. עס זענען געקומען נישט מער ווי צוויי־דריי תלמידים פון אַ קלאַס, און מ'האָט זיי געשיקט צוריק אַהיים. אָבער אַליין אויך גיין אַהיים האָבן די לערערס נישט געוואָגט. די „דירעקטאָרן" קאָנען נאָך אויפהייבן אַ „ויצעקו", אַז די „פּוליאַ־קעס" האָבן זיך געמאַכט אַ יום־טובֿל „אינמיצקע דרינען". האָבן די לערערס געמוזט אָפּזיצן די גאַנצע צייט און זיך געוויקט אין שוויס.

געקומען די צייט ווען די לערערס זענען אַרויס אין גאַס צו גיין אַהיים, האָט חוהלע צוגעשוועבט צו מינצן, אים אַ נעם געטון אונטערן אָרעם, זיך אַ טוליע געטאָן צו אים, ווי זי פּלעגט עס תמיד טאָן, און אַוועקשלעפּנדיק אים פון דער קאָמפּאַניע, האָט זי געטאָן אַ הייב־אויף אַ שמייכלדיק פּנימל מיט צעגליטע אייגעלעך און אַ זאָג געטאָן פּוטערדיק־האָניקדיק, ווי גלייך ס'וואָלט צווישן זיי גאָרנישט געווען פאָרגעקומען:

— מינצעלע, קום לאָמיר עפּעס איבערכאַפּן אין מילכיקן רעסטאָראַן און אַנטלויפן קיין ברייטאָן־ביטש!

— המ?... — טוט מינץ אַ צופרידענעם קוק־אַראָפּ אויף חוהלען און

מאַכט געלאַסן — המ ?... ס׳אַראַ מין טיפער, פּסיכאָלאָגישער אמת ס׳ליגט אין דעם יידישן ווערטל: „ווער עס ווערט ברוגז אומזיסט, בעט זיך איבער אומזיסט" !...

— כ׳בין טאַקע נאָך אַלץ ברוגז... — טוט חוהלע אַ בלאָז אָן איר גוידערל קאָקעטיש.

— און איך האָב אַפילו נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן צו צאָלן דיר מיט רוגז פאַר רוגז, חוהלע.

— וואָרים דו ווייסט, אַז איך בין גערעכט !

— ס׳איז צו הייס איצט צו אַרגומענטירן, חוהלע.

— דערפאַר וויל איך טאַקע מיר זאָלן פאָרן קיין ברייטאָן. ביים ים וועט זיין קילער...

אויפן ראָג פון דילענסי און עסעקס סטריטס זענען זיי אַריין אין מילכיקן רעסטאָראַן. אויף דער טיר האָט אויף זיי אַ ווייע געטאָן מיט עלעקטריש־אָפּגעקילטער לופט און מיט גערוך פון מילכיקע מאכלים.

דער קעלנער איז צוגעקומען און אַוועקגעשטעלט צוויי גלעזער אייז־וואַסער. מינץ האָט באַשטעלט צוויי פּאָרציעס בלינצעס פאַרביידן. דער־פרישנדיק זיך מיט דעם קאַלטן וואַסער, האָבן ביידע, מינץ און חוהלע, דערווייל גענומען קייען פרישע בולקעלעך פונעם קערבעלע, וואָס איז געשטאַנען גרייט אויפן טישל. געקייט און געשוויגן. געשוויגן נישט מיט אַ סתם שווייגעניש פון נישט האָבן וואָס צו רעדן. פאַרקערט.

מינץ האָט איבערגעריסן די שווייגעניש:

— ווייסט, חוהלע, כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט דיין שכן שואליק הר־שלום ביים העברעישן אָוונט...

— טאַקע ?

— יאָ, מיר האָבן פאַרבראַכט אַ היפּשע ווײַלע. ר׳האָט דיר גאָרנישט דערציילט ?

— אָ, ר׳האָט מיר יאָ עפּעס אַ זאָג געטאָן.

— האָט ער דיר אויך דערציילט וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט ?... — פאָרשט מינץ מיט אַ זייטיקן בליק.

— וועגן לערער־שטרייק, דאַכט מיר.

— יאָ, ר׳האָט זיך באַקלאָגט אויפן מצב פון די אַרבעטערס אין „הייליקן שאַפ". האָב איך אים דערציילט, אַז די לערערס זענען אויך געווען אין זעלבן מצב און האָבן געמוזט קעמפן פאַר אַ פאַרבעסערונג. און, אַגב, אים טאַקע דערציילט וועגן ד יי ן וויכטיקער אַרבעט דאָן...

— אַ שיינעם דאַנק דיר, מינץ.

דער קעלנער האָט געבראַכט די באַשטעלונג. מינץ און חוהלע האָבן אָפּגעגעסן שנעל. מינץ האָט געהאַט אַ פּריוואַטע לעקציע, און זיי האָבן

אָפּגערעדט צו באַגעגענען זיך טאָקע דאָ ביי דער סאָבוויי־סטאַנציע, וואָס אויפן ראָג.

קיין ברייטאָן זענען זיי שוין אָנגעקומען שפּעט אין אָוונט. אין וואַסער זענען שוין קיין סך מענטשן נישט געווען. דערפאַר אָבער איז דער באָרדוואָק אין זיין גאַנצער לענג געווען באַשאָטן מיט מענטשן, ווי אַ לאַנג פּלעצל מיט מאָן. אַלע בענק זענען געווען באַזעצט. מ'איז געזעסן אפילו אויף די פּאָרענטשעס. און נאָך מער האָבן געשפּאַצירט איבערן באָרדוואָק אין צוויי שטראָמען, הין־און־צוריק. אין דער לופט איז געשטאַנען אַ גערויש.

— ווייסט וואָס, מינצעלע? לאָמיר זיך אָוועקזעצן ערגעץ אויף אַן אונטערשטער טרעפּ פון באָרדוואָק, מיטן פּנים צום ים. דאָרט וועט אונדז קיינער נישט שטערן... — האָט חוהלע אַ זאָג געטאָן, גענומען מינצן געאָרעמט און דורכגעשניטן מיט אים ביידע מענטשן־שטראָמען אינדער־ברייט.

זיי האָבן אַראָפּגעשפּאַנט צו אַ סאַמע לעצטער טרעפּ, אַראָפּגעשאַרט מיט די הענט די אָנגעשאָטענע זאַמד, אונטערגעלייגט זייערע לעדערנע פּאָרטפּעלן און זיך אויף זיי אַוועקגעזעצט.

אַן אָפּשניצל פון דער אָנהייב־חודשדיקער לבנה איז אַרויסגעשוואומען. דער ים האָט געשטורעמט, געכוואַליעט, גערוישט, און געשטרעקט זיין שוימיקע צונג העט־ווייט אויפן זאַמדיקן ברעג איינצושלינגען אים. געזאַלצענע ווינטלעך האָבן געריסן די האָר און פייכט געמאַכט די הויט.

מינץ האָט זיך איינגעקוקט אין ים און גענומען דעקלאַמירן, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ: „העולם ים זועף, רב מצולה, רחב ידים, והזמן גשר רעוע בנוי עליו" — (די וועלט איז אַ שטורעמדיקער ים, טיף און ברייט, און די צייט — אַ שלאַבעריקע בריק פאַרצויגן איבער אים)...

— אָ, שיינע ווערטער, טיפע ווערטער, מינצעלע. כ'הער זיי צום ערשטן מאָל — מאַכט חוהלע — ווער איז דער פּאָעט וואָס האָט זיי געשריבן?

— דער פּאָעט איז ידעיה הפניני, געלעבט אין פערצנטן יאָרהונדערט, געשריבן האָט ער דאָס אין אַ ספרל „בחינת עולם", אַ קליין ספרל, אָבער פון אַ גרויסן פּאָעטיש־פילאָזאָפישן ווערט.

— ווי אמת דאָס איז, מינצעלע. די וועלט — אַ שטורעמדיקער ים, און די צייט — אַ שלאַבעריקע בריק. ווי ווייניק מענטשן האָבן שכל ווי אַזוי איבערצוגיין אָט די בריק!

— חוהלע, ס'וועגדט זיך נישט נאָר אין „שכל", נאָר אויך אין עפּעס, וואָס איז „למעלה מן השכל", העכער פון פאַרשטאַנד...

— היינו, וואָס אַזוינס?

— „טבע"! נאַטור! דער שכל קאָן פירן אין איין ריכטונג. און די

נאַטור זאָל שלעפן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. דעם שכל קאָן אַ מענטש בייטן; די נאַטור אָבער — קיינמאָל נישט. פאַרשטייסט?...

— נישט נאָר פאַרשטיי איך עס, נאָר כ׳זע עס באַשיינפערלעך, מינצעלע. לויטן שכל, למשל, דאַרפסטו די שטעלע אין שיקאַגאָ, ווי אַ לאָך אין קאָפּ. דו דאַרפסט מיך, איך דאַרף דיך, און דווקא דאָ אין ניו יאָרק. נאָר די טבע, די לוסט צו געלט, שלעפּט דיך אַהין...

— אַ שטיק אמת איז עס, נאָר נישט דער גאַנצער אמת, חוהלע.

— אַדרבא, כ׳וויל טאַקע וויסן דעם גאַנצן אמת, מינצעלע. שוין צייט מיר זאָלן רעדן קלאָרע דיבורים, ווי דערוואַקסענע, אינטעליגענטע מענטשן. געדענקט האָב איך לכתחילה אָפּצולייגן אָט דעם אָפּענעם שמועס אויף וואַקאַציע־צייט, ווען מיר׳ן פאָרן אין די קעטסקילס...

— ס׳טוט מיר זייער לייד, חוהלע. כ׳וועל היינטיקן זומער נישט פאָרן אין קאָונטרי.

— וואוהין דען? טאַקע קיין שיקאַגאָ?

— יאָ! און גלויב מיר אויף מיין הייליק וואָרט, אַז נישט צוליב געלט...

— צוליב וואָס דען?

— צוליב, צוליב, צוליב דיר, חוהלע!

— וואָססס? צוליב מיר ווילסטו אַוועק פון מיר? כ׳הייב נישט אָן צו פאַרשטיין וואָס דו רעדסט, מינץ...

— דאָס איז דער אמתער אמת, חוהלע. כ׳מוז אַוועק פון דיר, ווייל כ׳האָב דיך צופיל ליב...

חוהלע האָט אויסגעסטאַרטשעט אירע אויגן מיט שרעק און זיך צעכליפּעט:

— מינץ, כ׳האָב מורא, אַז איינער פון אונדז ביידע וועט מוזן גיין צו אַ פּסיכיאַטער...

— כ׳בין אַליין אַ גוטער מבין אויף מיין פּסיכיק, חוהלע.

— זאָג מיר דעם אמת, מינץ. שטייט עמיצער צווישן אונדז? — פּכינקעט חוהלע.

— יאָ, מיין „עגאָ", אָדער מיין „סופּער עגאָ"...

— האָסט מורא, אַז איך וועל נישט קאָנען זיין דיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין?

— פאַרקערט. איך וועל נישט קאָנען זיין דיין געטרייער לעבנס־באַגלייטער!...

— פאַרוואָס? פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי דענקען, מינץ?

— הער זיך איין, חוהלע. פון ערשטן טאָג, וואָס כ׳האָב דיך דערקענט, האָב איך מיינע ליבע־געפילן געמוזט צוימען. דו האָסט אָפּטמאָל געוויס געטראַכט, אַז אין מיינע אָדערן פליסט פיש־בלוט. אַ קאַלטער לונג־און־

לעבער. אין אמתן האָב איך זיך געהיט. כ׳האָב די אַלע דריי יאָר כמעט אַליין זיך שטודירט, פּסיכאָאַנאַליזירט. און אויסגעפונען האָב איך, אַז נישט קוקנדיק דערויף וואָס מיין שכל זאָגט מיר, אַז דו קאָנסט זיין פאַר מיר דאָס בעסטע ג ל י ק, זאָגט מיר אָבער מיין נ אַ ט ו ר, אַז איך וועל זיין פאַר דיר דאָס גרעסטע א ו מ ג ל י ק. כ׳בין פון נאַטור באַשאַפן צו לעבן אַליין, מ י ט זיך, און פ אַ ר זיך אַליין. כ׳מוז בלייבן אַ בחור אויף אייביק, אויף אייביק... און — דערפאַר שיקאַגאָ. פון די אויגן — פון דעם האַרצן, חוהלע!... — האָט מינץ פאַרביסן די ליפּן און גענומען הּעשען.

— מינץ, כ׳בין גרייט אויף אַלץ, אַבי מיט דיר!... — כליפּעט חוהלע.

— כ׳טאָר דיך נישט נעמען פאַר אַ קרבן, חוהלע — שאָקלט מינץ מיטן קאָפּ — כ׳ווע ל נישט, חוהלע טייערע...

חוהלען האָט גענומען קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן. אַלע אברים האָבן איר געציטערט. מינץ האָט זי אויפגעהויבן פון די טרעפּ, זי גענומען אונטערן אָרעם:

— ס׳איז צו קאַלט פאַר דיר, חוהלע, דאָ ביים ים. קום, לאָמיר פאָרן צוריק אַהיים!...

ד

מינץ און חוהלע האָבן שווייגנדיקע געשפּאַנט צו דער נאָענטסטער בריטאָן-ביטש באַן-סטאַנציע. מינץ האָט געמאַכט פעסטע, לאַנגע שפּאַן, ווי ר׳וואָלט וועלן וואָס גיכער איבערקומען דעם וועג. חוהלע האָט געפילט אַ שוואַכקייט אין אירע קניעס, נאָר זי האָט זיך געשטאַרקט נישט אָפּצושטיין פון מינצן.

אַרויפקלעטערנדיק די צענדליקער הילצערנע טרעפּ אין דער הויך צום „על״, האָבן זיי אויף דער פּלאַטפאָרמע זיך קוים דורכגעשטופּט אין דער ענגשאַפט. דאָ האָט שוין מינץ אָנגענומען חוהלעס אָרעם, כאַטש זייער גרינג, נאָר פאָרט גענוג אָנצוהאַלטן און נישט צו פאַרלירן זי אין געדרענג.

אין וואַגאָן איז געווען נאָך ענגער, ווי אויף דער פּלאַטפאָרמע. ווי נאָר דער מענטשן-שטראָם האָט זיך געטאָן אַ לאָז אַריין דורך די צעעפנטע טירן, האָבן די סאַמע יונגע, רירעוודיקע און זשוואַווע זיך אַ וואָרף געטאָן, פייל-אויסן-בויגן, און פאַרכאַפּט יעדן ליידיק שטיקל פּלאַץ.

מינצן איז געלונגען אָנצוכאַפּן זיך מיט זיין רעכטער האַנט אין אַ פרייען „סטראַפּ״ און מיט זיין לינקער האַנט האָט ער אונטערגעהאַלטן הוהלען. ביידע האָבן אַוועקגעשטעלט זייערע פאָרטפעלן אויפן דיל צווישן זייערע פיס.

אַנטקעגן זיי אויף דער באַנק איז געזעסן אַ פאַרברוינט פּאָרל. ביידע יונגע, מיט נאַקעטע אָרעמס און פּלייצעס. דער „ער״ האָט געהאַלטן איינגע-

קלאַמערט די „זי" אַרום איר טאַליע, און די „זי" האָט זיך געניורעט אין דעם „ער". ביידע האָבן געהאַלטן די אויגן געשלאָסן פון מידקייט צי פון הנאה...

ביי יעדן שאָקל פון לויפנדיקן וואַגאָן האָבן זיך חוהלעס קניעס אָנגע־קלאַפּט אין די קניעס פון דעם זיצנדיקן בחור אַנטקעגן. זי האָט אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אויפן פּאָרל און שנעל צוגעשלאָסן אירע אויגן. די וויעס האָבן איר געבראָטן. די צונג האָט איר געטריקנט. ס'האַרץ האָט איר געקלעמט, דער קאָפּ האָט זיך איר געדרייט. עס האָט זיך איר געדאַכט, ווי עפּעס אַ וויכער וואָלט זיך אין מוח אַרײַנגעכאַפּט און דרייט און טרײַבט דאָרט געדאַנק נאָך געדאַנק.

אָט טרײַבט עס זי צו טאָן אַ רייס־אַרויס איר אָרעם פון מינצן מיט ווילדן צאָרן. און אָט טוט עס זי אַ צי, אַ שלעפּ צו מינצן, זיך איינגניורען אין אים, פּונקט ווי ס'טוט דאָס מיידל מיט איר בחור אויף דער באַנק דאָ אַנטקעגן... דאָ טוט איר אַ שווים־אויף אין זכרון איר מאַמעס ווערטל, אַז אַן אַלטער בחור איז פּונקט ווי אַן „אַלטער האָן". וויפל מ'זאָל אים נישט קאָכן, וועט ער זיך נישט אײַנקאָכן. און ס'ווילט זיך איר טאָן אַ שיס־אויס אַ הילכיק געלעכטער מינצן אין פּנים אַרײַן: „אַלטער האָן, דו, כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!"...

און דאָ מיטאַמאָל גיט איר אַ בליץ אין מוח: אָך, ווען זייער לויפנדיקע באַן גיט זיך אַ גליטש־אַראָפּ פון די רעלסן און גיט אַ קראַך־אַרײַן אין אַן אַנדער באַן, און זי מיט מינצן זאָלן אין דעם צוזאַמענשטויס בלײַבן ליגן טויטע, איינס לעבן אַנדערן, אונטער אַ הויפן ברוכשטיקער פון אײַזן און האָלץ. ס'אַראַ ראָמאַנטישער קלימאַקס פון זייער ליבע דאָס וואָלט געווען!...

אַ שרעק איז איר באַפאַלן. זי האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „ניין", ווי זי וואָלט וועלן אַרויסטרייסלען יענע אַלע משונהדיקע געדאַנקען, און אַ זאָג געטאָן אין זיך: וואָס איז עס מיט איר געוואָרן? איז דאָס זי, חוהלע, מיט איר שטאַרקן כאַראַקטער, מיט איר לאָגישן דענקען? ס'אַראַ משוגענע מחשבות דרייען זיך ביי איר אין מוח? אָדער גייט זי אַראָפּ פון זינען טאַקע?... די פּסיכאָלאָגיע איז גערעכט. יעדער מענטש טראָגט אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין אַ געוויסע פּאָרציע פון משוגעת. אַמאָל דריקט זיך אָט די פאַרבאָרגענע משוגעת אויס אין תאוודיקע פּאַרלאַנגען צו זנות, צו מאָרד, צו סאַדיזם, און צו אַנדערע פאַרברעכנס. און דערפאַר טרעפט טאַקע, אַז אַפילו מאָראַלע, נאָרמאַלע, אינטעלעקטועלע מענטשן, אויף וועלכע מ'וואָלט זיך קיינמאָל נישט גערעכנט, באַגייען אַמאָל אַ גרויס פאַר־ברעכן. די פּסיכאָלאָגיע רופט עס אַן „אימפּולס", אָבער די גמרא רופט עס אַן ריכטיקער: „רוח שטות", אַ שגעון־גייסט...

יאָ, זי אַליין, חוהלע, האָט זיך שוין נישט איינמאָל געכאַפּט, אין מינוטן

פון לײדנשאַפט, בײ נישט־נאָרמאַלע פאַרלאַנגען, און זי האָט זײ, װי אַ נאָרמאַלער מענטש, געצױמט און דערשטיקט, זי האָט אָבער קײנמאָל נאָך אין איר לעבן נישט איבערגעלעבט, אין מינוטן פון צער און צאָרן, אַזױנע אױסטערליש־װילדע פאַרלאַנגען...

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט בײ מוירטל עװעניו. דאָס פּאָרל אַנט־קעגן האָט זיך געגעבן אַ הײב־אױף און איז אַרױס פון װאַגאָן. מינץ האָט אַ כאַפּ געטאָן חוהלען און זי אַװעקגעזעצט אױפן אָפּגעלײדיקטן פּלאַץ, און ער אַלײן האָט זיך אױך צוגעזעצט לעבן איר.

— „איך את מרגישה עכשיו, חוהלע?" (װי פילסטו זיך איצט־?) — האָט מינץ אַ פרעג געטאָן שטיל און געלאַסן.

— טוב מאד, מינץ!"... — האָט חוהלע געענטפערט װײך און צוגע־שלאָסן די אױגן.

װידער זענען בײדע אַנטשװיגן געװאָרן. און אַזױ שװײגנדיק זענען זײ געפאָרן ביז זײער לעצטער סטאַנציע, עסעקס־סטריט, אין ניו יאָרק. זײ זענען אַרױס אױף דער פּלאַטפאָרמע. מינץ האָט געכאַפּט אַ קוק אױף זײן האַנט־זײגערל. ס'איז געװען אַ פערטל נאָך צװעלף בײנאַכט. ער האָט אַרױסגעפירט חוהלען אין גאַס אַרױס.

— דוס'ט מיר דערלױבן דיך אָפּצופירן אַהײם, חוהלע, האַ?

— װי דו װילסט. איך האָב נישט מורא צו גײן אַלײן, מינץ!...

צוקומענדיק צו חוהלעס הױז אױף הענרי־סטריט, האָט מינץ אַ זיפץ געטאָן:

— אַ מאָדנע זאַך, חוהלע. אָבער אַזױ איז עס תמיד און מיט יעדן. װען ס'איז פאַראַן אַ סך צו רעדן, רעדט מען אָפּט גאָרנישט. איך... איך האָב געװאוסט, אַז אַזױ װעט זײן. און דערום האָב איך דיר אָנגעשריבן אַ בריװול!

מינץ האָט פון בוזעם־קעשענע אַרױסגענומען אַ קאָנװערט, זיך צוגע־בױגן צו חוהלען, איר אַ קוש געטאָן אין שטערן, איר דערלאַנגט דאָס בריװול, און אַ זאָג געטאָן שטיל:

— „שלום וכל טוב, חוהלע!".

חוהלע האָט געענטפערט שטיל:

— „שלום לך, מינץ!"...

חוהלע איז שטיל, מיט קעצישע טריט, אַרײַן אין איר צימער זי האָט אַ צי געטאָן דאָס שנירל פון עלעקטרישן לאָמפּ אױף דער סטעליע און געמאַכט ליכטיק. זי האָט אַ װאָרף געטאָן איר פּאָרטפעל אױפן ביכער־שענקל און זיך אַװעקגעזעצט אױפן ראַנד פון בעט. זי האָט אױפגעריסן דעם קאָנװערט און גענומען לײענען מינצס בריװול, געשריבן אין העברעיש, מיט קלײנע־געפּערלטע אותיות און גלײכע־געשנירלטע שורות:

„מיין ליבע און טייערע חוהלע,

ווי מיין טבע איז, האָב איך נישט ליב צו רעדן פיל, — און — אויך נישט צו שרייבן לאַנגע מגילות. צו דיר — איז עס אַוודאי איבעריק. גענוג פאַר אַ קלוגן אַ האונק. כ'בין זיכער, אַז דו וועסט מיר גלויבן אַלץ. דו קענסט מיך, אַז כ'וויל תמיד זיין ערלעך מיט זיך און מיט אַנדערע. מיט דיר — אַוודאי און אַוודאי.

חוהלע טייערע, דריי יאָר כסדר האָב איך זיך געהאַלטן אין איין פרעגן די פראַגע: צי מ ע ג איך זיך פאַרבינדן מיט דיר אויף אייביק, און צי וועל איך ק אָ נ ע ן צאָלן נישט נאָר מיט ליבע פאַר ליבע, נאָר אויך מיט גליק פאַר גליק. און צו מיין גרויסן ווייטיק איז מיין ענטפער צו זיך אַליין געווען, און איז — נ יי ן! כ'טאָר נישט און קאָן נישט. אַזאַ ווי איך מוז זיין אומגעטריי!

כ'מיין נישט קיין וואולגאַרע, בהמהשע אומגעטריישאַפט. וואָס איך מיין איז — נשמהדיקע, מענטשלעכע איבערגעגעבנקייט. און וועגן דעם מוז איך דיר אויפדעקן דעם אמת. איך בין זייער־זייער קראַנק אויף „עגאָיזם". עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק, אַ ציטער, אַפילו בלויז פון דער מחשבה אַליין צו מאַכן דיך, טייערע חוהלע, פאַר מיין פרוי. איך האָב זיך גוט געשטודירט, גוט אַנאַליזירט מיין פסיכיק און — אויסגעפונען, אַז א י ך בין נישט דער מענטש דערפאַר. און איך טאָר נישט זיין דיין אומגליק, חוהלע! כ'האָב דיך צופיל ליב, כ'זאָל דיך ברענגען אַלס קרבן אויפן מזבח פון מיין „משוגענעם עגאָיזם!"...

כ'בעט דיך, גלויב מיר. כ'בעט דיך, פאַרגיב מיר. כ'האָב ביי דיר צוגערויבט קנאַפּע דריי יאָר פון דיין לעבן. אָבער — גענוג. לענגער האַלטן דיך אין דער פינצטער טאָר איך נישט!...

די נאַטור האָט מיך פאַרמשפּט צו בלייבן אַן אייביקער בחור. אָבער כ'שווער, אַז ד י ך וועל איך אייביק טראָגן אין מיין האַרצן, אייביק האַלטן אין מיין זכרון!...

זאָל דאָס גליק דיך אייביק באַגלייטן וואוהין דו וועסט זיך קערן —

דיין מ י נ ץ".

געענדיקט לייענען, האָט חוהלע געגעבן אַ שמיץ דאָס בריוול אויפן נאַכט־טישל, און אַליין האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער ברייט פון בעט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'האָט אַזש אַ טרעשטשע געטאָן אונטער איר.

די טיר האָט זיך שטילערהייט געעפנט און איר מוטער איז אַריין מיטן שלאָפראָק:

— נו, געלויבט דער אייבערשטער, ביסט שוין דאָ! וואָס הייסט דו גייסט אַוועק און לאָזט אונדז אַלע וואַרטן אויף דיר מיטן „סאַפּער"? וואָס הייסט דו טעלעפאָנירסט נישט, אַז כ'זאָל וויסן וואו דו ביסט אַהינגעקומען?

— ביסט גערעכט, מאַמע!

— אַבי דו גיסט מיר גערעכט. מיין האַרץ איז דאָך מיר שיער אַרויס־געפאַלן...

— כ'האָב פאַרגעסן, פאַרגעסן, אינגאַנצן פאַרגעסן, מאַמע! — האָט חוהלע זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ און מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין.

— קינד מיינס, וואָס איז געשען? — האָט די מוטער זיך אַזוי דער־שראָקן, אַז די האָר האָבן זיך ביי איר געשטעלט דיבאָם.

— גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט געשען מיט דיין קינד! — האָט חוהלע מאָמענטאַל געטאָן אַ גיי־איבער פון דעם היסטערישן געוויין אין אַ היסטערישן געלעכטער — כאַ־כאַ־כאַ־כאַ, דיין קינד איז אַלרייט, מאַמע, כאַ־כאַ־כאַ...

— ווי איז מיר, חוהלע! — ברעכט די מוטער די פינגער און טאַפּט חוהלען ביים שטערן.

— ששש... ששש... שרעק זיך נישט, מאַמע! מאַך נישט קיין רעש!

— נעמט חוהלע ווידער ווייגן, נאָר שוין שטילער, רויקער — גיב מיר אַ גלאָז וואַסער, מאַמע, איכ'ל זיין אַלרייט!...

די מוטער איז גלייך אַוועק ברענגען וואַסער. חוהלע האָט אויסגעווישט די אויגן און אַ זאָג געטאָן צו זיך: „די וועלט אַ שטורעמדיקער ים, און די צייט — אַ שוואַכע בריק איבער איס". יאָ אי ר בריק האָט זיך איינגעבראָכן אונטער אירע פיס...

ה

חוהלע האָט פּאַמעלעך אויסגעטרונקען די גלאָז וואַסער, וואָס די מוטער האָט איר אַריינגעבראַכט, און מיט אַ געמאַכטן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— גיי שלאָפן, מאַמע, און שלאָף רויק. זאָרג זיך נישט פאַר מיר. כ'פיל זיך אַ סך בעסער!...

חוהלע האָט שנעל צוגעשלאָסן די טיר, אַראָפּגעצויגן פון זיך די בלוזע און דאָס אייבערשטע קליידל, זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט אַריין, איינגע־גראָבן איר פּנים אין קישן און האָט אויסגעבראָכן אין אַ געשטיקטן געוויין. אירע אַקסלען האָבן געגומען ספּאַזמירן, ווי אין אַ קדחת. זי האָט פאַרקרעמפּט אירע הענט, ווי פון אַ טיף־שניידנדיקן ווייטיק.

ווי לאַנג זי איז אַזוי אָפּגעלעגן און זיך באַגאָסן מיט טרערן, האָט זי נישט געוואוסט. געוואוסט האָט זי בלויז, אַז ווען זי זאָל זיך איצט נישט געוועזן אויסוויינען, וואָלט זי דערשטיקט געוואָרן. פון דעם לאַנגן טרערן־אויסגוס איז איר געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן.

חוהלע האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ ערשט נישט לאַנג צוריק, ביי די עקזאַמענס אין קאָלעדזש, איז איר אויסגעקומען צו שרייבן וועגן דער פּסיכאָלאָגישער באַדייטונג פון טרערן: „אין מאָמענטן פון נשמה־אויפטרייס־לונג, ווען אַ מענטש בלייבט פאַרשטאַרט מיט טרוקענע אויגן, איז ער פּונקט ווי אַ ווולקאַן, וואָס איז פול מיט גאַזן און הייסער לאַווע. נאָר ווען די אויגן־קוואַלן עפענען זיך און די טרערן נעמען גיסן, דאַן קומט די אַנטשפּאַנונג, די באַרויקונג. נישט אויסגעוויינטע טרערן זענען אַ סכנה פאַר דער נשמה און פאַרן גוף; אויסגעגאָסענע טרערן זענען אַ געזונט פאַרן גייסט און אַ היילונג פאַרן קערפּער. דער פּסיכיאַטרישער נאָמען דערפון איז

„עמאָציאָנעלע קאַטהאַרזיס". אין פּשוטע ווערטער: אָפּרייניקונג פון דעם געמיט...

אויפן זכרון איז איר אויך אַרויפגעקומען די שיינע לעגענדע פון מדרש וועגן די „ערשטע טרערן" אויף דער וועלט. ווען אָדם און חוה זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון גן־עדן, זענען זיי געבליבן זייער דערשלאָגן. אַ טיפער טרויער האָט זיי געדריקט. ס'לעבן איז זיי נישט ניחא געווען. זיי האָבן געבעטן אויף זיך דעם טויט. דער באַשעפער האָט דאַן אַרויסגענומען פון זיין אוצר די טייערסטע פּערל און זיי געשענקט אַלס מתנה: „דאָס זענען טרערן — אַ ברכה פאַר אייך און פאַר אַלע מענטשן־קינדער! די טרערן וועלן פאַרטרייבן יעדן טרויער, פאַרגרינגערן יעדע פּיין!"... — האָט גאָט זיי געטרייסט.

חוהלע האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן: ס'איז איר גאָר קיינמאָל אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז זי אַליין וועט אַמאָל איבערלעבן אַזעלכע מאָמענטן, ווען זי וועט פ י ל ן דעם באַטייט פון טרערן!...

זי האָט זיך איבערגעדרייט מיטן פּנים אַרויף, אָפּגעווישט די באַקן, אויסגעווישט די אויגן, אַ קוק געטאָן אויפן וועקזייגער — ס'איז געווען האַלב נאָך דריי פאַרטאָג. זי איז אַראָפּ פון בעט, אָנגעטאָן אירע נאַכט־קליידער, זיך ווידער אָוועקגעלייגט און אויסגעלאָשן די עלעקטריע.

אַ ליכטיק־בלויער, באַשטערנטער הימל האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער. די זומער־נאַכט האָט זי אַ רייץ געטאָן, אַ קלעם געטאָן אין האַרצן. זי האָט אַ לאַנגן זיפץ געטאָן און אירע ליפּן האָבן אינסטינקטיוו אַרויסגעשעפּטשעט די ווערטער פון קריאת־שמע: „השכיבנו השם אלוקינו לשלום, והעמידנו מלכנו לחיים!" (לייג מיך, גאָט, אַוועק מיט פרידן, און הייב מיך אויף צום לעבן)...

זי האָט זיך געטאָן אַ כאַפּ, ווי זי וואָלט זיך אַליין געפּאַקט ביי אַ קוריאָז: וויפל יאָרן זענען שוין אָוועק פון איר קינדהייט, ווען זי פלעגט לייענען „קריאת שמע" ביים לייגן זיך? זינט דאַן, האָט זי דאָך קיין איין וואָרט פון תפילה פון אירע ליפּן נישט אַרויסגעבראַכט. איז ווי קומט עס איצט, וואָס אָט די תפילה־ווערטער האָבן זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט?...

ווייזט אויס, אַז ס'איז טאַקע אמת יענער חסידישער אויסטייטש, וואָס זי האָט אַמאָל געזען אין אַ ספרל, אויף די ווערטער „מן המצר קראתי יה". אַז ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַ צרה, אין אַ קאַטאַסטראָפע, און זעט נישט פאַר זיך קיין רעטונג, איז ווי אומגלייביק ער זאָל נישט זיין, שרייט עס פון אים אַרויס: „אוי, גאָט!"...

אָבער — תפילה דאַרף דאָך האָבן „כוונת הלב", אמתע אמונה. און זי — זי גלויבט דאָך נישט. זי איז דאָך אַ פריידענקערין!...

אין די אַלע יאָרן, וואָס חוהלע איז אַ לערערין אין רעליגיעזע תלמוד־תורהס, לערנט זי מיט אירע תלמידים די תפילות אין סידור, ווייל ס'איז אַ פליכט דאָס צו טאָן. זי דאַרף לערנען לויטן פּראָגראַם, נישט לויט אירע איבערצייגונגען. מ'צאָלט איר דערפאַר, און זי טאָר נישט אָפּנאַרן.

די ערשטע צייט האָט איר טאַקע דאָס געוויסן שטאַרק געפּלאָגט: ס'איז דאָך צביעות, היפּאָקריטיע. זאָגן מיטן מויל דאָס, וואָס ס'האַרץ גלויבט נישט, איז פאַלשקייט. לערנען מיט אַנדערע אַזוינס, וואָס זי אַליין האַלט נישט דערפון, איז אָפּנאַרעריי. און נעמען געצאָלט דערפאַר — איז אמתע גניבה. מיט דער צייט האָט אָבער חוהלע אויסגעאַרבעט ביי זיך איר אייגענע „טעאָריע". פּונקט ווי די אויפפּאַסערין אויף אַ קליין קינד נוצט אַ גאַנג־וועגעלע צו לערנען ס'קינד גיין, כאָטש זי אַליין ניטיקט זיך שוין מער נישט דערין, אַזוי מעג דער לערער נוצן רעליגיע אַלס דערציונגס־מיטל פאַר זיינע תלמידים, כאָטש ער אַליין דאַרף עס שוין נישט מער. ווען ס'קינד ווערט זעלבשטענדיק, קאָן שוין דענקען פאַר זיך אַליין — זאָל עס זיך דאַן אויסקלייבן אַן אייגענעם וועג אין לעבן, דעם וועג פון טראַדיציע, אָדער פון ראַציאָנאַליזם, ווי זי, חוהלע, האָט זיך אויסגעקליבן.

אָט לויט דער דאָזיקער טעאָריע אירער איז חוהלע אָנגעגאַנגען מיט איר לערער־פּראָפעסיע, און געלערנט רעליגיע, געטריי און איבערגעגעבן. איר געוויסן איז געוועזן ריין. זי האָט שוין מער דערין נישט געזען קיין צביעות און קיין אָפּנאַרעריי פון איר זייט...

אַצינד, אָבער, איז זי געבליבן שטיין מיט איר אייגענער רעטעניש: זי, די פרײדענקערין, און — תפילה?...

זאָל עס זיין, אַז פּונקט ווי ס'ליגט ביי איטלעכן מענטשן אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין אַזאַ מין סאָרט שגעון, וואָס קאָן זיך אָפּט אויסדריקן אין פאַרשידענע פאַרברעכערישע נייגונגען, זאָל דאַרטן אויך ליגן אַזאַ מין שגעון, וואָס קאָן זיך אָפּט אויסדריקן אויך אין רעליגיעזע נייגונגען? זאָל אָט דאָס זיין דער באַשייד פון איר אומגעריכטער תפילה־שטימונג: — רעליגיעזער שגעון?...

אָבער צוריקגערעדט — פאַרוואָס איז רעליגיע אַ שגעון? פאַרוואָס איז גלויבן אַ נאַרישקייט? נאָך אַלעמען איז דען אַלץ אין דער וועלט און אין לעבן אַזוי קרישטאָל־קלאָר און אַזוי פּשוט־פאַרשטענדלעך, אַז מ'זאָל עס קאָנען אַרומכאַפּן מיטן שכל?...

דער דאָזיקער שוואליק האָט גאָרנישט גערעדט אַזוי פון וועג, ווען ער האָט אַנומלט געוואָלט איר דערווייזן, אַז די וועלט און דאָס לעבן זענען פול מיט אַזויפיל סודות, מיסטעריעס, אַז דער ריכטיקער צוגאַנג צו זיי איז **אמונה**, נישט **שכל**. וואָרים קוים בלייבט דער מענטש שטיין פאַרן סוד

און תכלית פון באַשאַף — ענדיקט זיך דער „וויסן" און עס הייבט זיך אָן ד'ער „גלויבן".

שואליק האָט איר דעמאָלט געזאָגט, אַז ער האָט דאָס געזען פון זיינע אייגענע איבערלעבענישן.

זי האָט דעמאָלט געשפּאָסט פון זיין אַבערגלויבן, פון זיין פאַנאַטיזם. און איצט? — איצט זעט זי דאָך דאָס אַליין פון אירע אייגענע איבערלע־בענישן. אַלץ געפּלאַנט, געשטרעבט, געהאָפט, און — מיטאַמאָל, אַזאַ מין אויסגאַנג גאָר, אַזאַ פינאַל!...

עס קאָן זיך איר בשום אופן נישט פּאַטויפּען אין מוח דער באַגריף פון „השגחה" אָדער „באַשערטקייט". און דאָך — ווער ווייסט!

אַ פּאַראַדאָקס? — יאָ, חוהלע דערמאָנט זיך, אַז זי האָט עפּעס ענלעכס געלייענט אַמאָל אין מאַקס נאָרדויס באַוואוסטן בוך „פּאַראַדאָקסן".

דאָרט רעדט אָט דער מעדיקער, קריטיקער און פריידענקער נאָרדוי, וועגן די וועלט־מיסטעריעס און דעם מענטשנס באַגרענעצטן פאַרשטאַנד, און ער גיט אַ משל פון אַ פליג.

אַ פליג איז אַרויפגעפלויגן אויף אַ ריזיק־גרויסער סטאַטוע. זי שפּאַ־צירט אַרום איבער די אברים און קנייטשן פון דעם דאָזיקן קונסטווערק און טראַכט מיט איר פליגן־מוח, אַז די סטאַטוע האָט נישט קיין אָנהייב און קיין סוף, קיין צורה און קיין געשטאַלט, קיין שיינקייט און קיין צוועק.

ווען די פליג קאָן שרייבן, וואָלט זי אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך וועגן אָט דעם גרויסן קונסטווערק, דער סטאַטוע, וואָס איז ביי דער פליג אין די אויגן אַ גאַנצע וועלט, אַז ס'איז אַ פּוסטע, הפקרדיקע, צוועקלאָזע דערשיינונג. און אָט דאָס בוך, פול מיט אָפּלייקענונג און ביטול, וואָלט געוויס געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף אַלע פליגן־לייענערס.

אָבער — ווער נאָך ווי מיר, מענטשן, ווייסן ווי פאַלש יענער פליגן־קוק, יענע פליגן־פילאָזאָפיע און פליגן־לאָגיק וואָלט געווען!...

אויף דער פילאָזאָף בערגסאָן, דערמאָנט זיך חוהלע, גיט וועגן דעם וועלט־סוד זיינעם אַן אייגענעם משל פון אַ פיש אין ים מיט אַ ריזיק־גרויסער שיף. דער פיש שווימט נאָך דער שיף, וועלכע איז פול מיט מאַשינען, מיט מענטשן, מיט ליכט און מיט גערויש, און ער טראַכט און קלערט וועגן איר מיט זיין פיש־מוח און קאָן זיך נישט דערטראַכטן וואָס דאָס איז אַזוינס...

איז — ווער זאָגט עס טאַקע, אַז אונדזער באַגרענעצטער מענטשלעכער פאַרשטאַנד איז בנוגע דער וועלט און אירע סודות נישט געגליכן צום באַגרענעצטן פאַרשטאַנד פון דער פליג בנוגע דער סטאַטוע, אָדער פון דעם פיש בנוגע דער שיף?!...

און אַז מ׳קאָן נישט פאַרשטיין — איז אפשר טאַקע „אמונה״ אַ סך שכלדיקער ווי „כפירה״?

ווי זאָגט די מאַמע: „דער הימל איז נישט פוסט״.

אפשר טאַקע — — —

קאַפּיטל עלף

א

עזרא יאַקיר האָט זיך צוגעקלעפּט צו שואליקן מער ווי אַלע אַנדערע אַרבעטערס אין שאַפּ. ליב געהאַט שואליקן האָבן דאָרט אַלע, נאָר חברן זיך מיט אים האָט געקאָנט בלויז עזרא. די אַנדערע אַרבעטער זענען געווען פאַר אים אָדער צו־אַלט, אָדער צו־פּראָסט. עזרא, כאָטש אויך כמעט צוויי מאָל עלטער פון שואליקן, איז געווען אינטעליגענט, אָנגעלייענט, און שואליק האָט מיט אים געקאָנט פאַרברענגען ווי מיט זיין גלייכן. זיי האָבן זיך באַפריינדט פון דער ערשטער וואָך אָן.

ווען שמואל־הערש דער בוכהאַלטער האָט אויסגעכאַפּט שואליקן אַלס שכן, האָט עס עזראן שטאַרק באַנג געטאָן. ער האָט שואליקן עטלעכע מאָל פאַרבעטן צו זיך אין הויז אַריין אויף אַ וויזיט, נישט נאָר אויס פריינטשאַפט, נייערט געהאַט אויך אַ שטיק כוונה דערביי...

עזרא יאַקיר האָט געהאַט אַ שוועגערין, זיין ווייבס אַ שוועסטער, ביטריס, אַ מיידל פון אַ יאָר ניינצן. ביטריס איז געווען אַ יתומה, און האָט געוואוינט מיט זיי צוזאַמען. זי האָט געאַרבעט אין איינער פון די יידישע צייטונגען אַלס געהילף־בוכהאַלטערין. ביטריס, אַ שלאַנקע בלאָנדינקע, מיט בלויע־פליענדיקע אייגעלעך, מיט פולע־זאַפטיקע ליפּן, האָט אַמאָל געלערנט אין דער העברעישער „נאַציאָנאַלער שולע פאַר מיידלעך״ אויף איסט־בראָדוויי. זי האָט אויך געקענט רעדן און שרייבן יידיש. ווי אַ דורכשניטלעכע אַמעריקאַנערין איז זי געווען רעליגיעז אָן פילאָזאָפיעס, געגלויבט אין גאָט, געגלויבט אַפילו אין אַבערגלויבערישע זאַבאָבאָנעס. געלייענט אַמע־ריקאַנער פּאָפּולערע ראָמאַנען, זיך געקאָכעט אין די „מואוויס״, פאַרבראַכט מיט „באָיס״ און ליב געהאַט אַ „גוד טאַים״.

איר שוועסטער און שוואָגער האָבן, פאַרשטייט זיך, געטראַכט וועגן אַ תכלית פאַר איר. ווען שואליק האָט זיך אונטערגערוקט האָט עזרא יאַקיר באַלד אַ טראַכט געטאָן פון ביטריסן. מ׳דאַרף זיי צונויפפירן. ס׳איז אָבער נישט געווען אַזוי גרינג. שואליק האָט אַלעמאָל אָנגעגעבן אַן אַנדער תירוץ.

ענדלעך האָט שואליק אָנגענומען עזראַס פאַרבעטונג און איז געקומען צו אים אויף אַ וועטשערע. עזראַס ווייב האָט אַזש געצאַפּלט, אַזוי איז איר שואליק געפעלן געוואָרן. אויך ביטריסן איז ער שטאַרק געפעלן.

עזראַס ווייב און ביטריס זענען געווען שטאַרק ענלעך איינע צו דער אַנדערער מיט זייער שטאַלטנעקייט, שיינקייט און פּיפּיקייט. שואליק האָט באַטראַכטביידע שוועסטער. עזראַס ווייב, כאָטש שוין אַ מיטליאַריקע, איז נאָך געווען גאַנץ שיין, רייצנדיק. ר'האָט אַ טראַכט געטאָן: אויך די ביטריס וועט זיין ווי איר עלטערע שוועסטער.

שוין יענעם ערשטן אָוונט ביי עזראַן אין הויז האָט זיך שואליק געפילט שטאַרק היימיש. עזראַס ווייב, פּערל, איז געווען שטאַרק אויפגעלייגט און זייער צוגעלאָזט צום גאַסט. ביטריס האָט זיך גראַד געהאַלטן מיושבדיק־סטאַטעטשנע. זי האָט גערעדט יידיש, כדי נישט צו שטעלן אין פאַרלעגנהייט דעם גאַסט, וועלכער רעדט נאָך נישט קיין ענגליש. זי האָט דערציילט וועגן די יידישע צייטונגען, וועגן די שרייבערס. פאַר שואליקן איז עס געווען אי נייַ און אי אינטערעסאַנט. זי האָט אין איר שמועס אויך געגעבן אַ וואָרף־אַריין אַ פּאָר העברעישע ווערטער און אויסדרוקן.

— ככה! את יודעת עברית? — האָט שואליק זיך אַזש דערפרייט.

— אָ, למדתי עברית, אַך שכחתי! — האָט ביטריס זיך פאַררויטלט אַביסל (זי האָט געלערנט העברעיש, נאָר זי האָט פאַרגעסן). — אויב מר הר־שלום וויל, וועט זי אים ווייזן דאָס בילד פון איר „סיום־קלאַס" אין דעם „בית ספר הלאומי"...

זי האָט שואליקן אַריינגעפירט אין איר צימער, וואו דאָס בילד, אַנגעגלעזט אין אַ שיינער ראַם, איז געהאַנגען דאָרט אויף דער וואַנט. אין צימער האָבן זיי זיך נישט אַוועקגעזעצט, נאָר געשטאַנען איינס לעבן אַנדערן און געשמועסט, געשמועסט לאַנג; זיך געמאַכט קאָמפּלימענטן און געלאַכט; גערעדט פון בהורים און מיידלעך און ווידער געלאַכט; געשפּאַסט און אָבעראַמאָל געלאַכט. און —

ווי אַזוי עס איז געשען, האָט שואליק בשום אופן נישט געוואוסט — זיי האָבן זיך צעקושט הייס און געשמאַק...

ב

אַ נאָכמיטאָג־שעה אין „הייליקן שאָפּ". די פרומע אַרבעטערס האָבן גאָר־וואָס געענדיקט זייער אָנבייסן בחברותא אַרום דעם לאַנגן טיש און געהאַלטן אין בענטשן. דער „באָס" ר' שלמה־שעיה, מיט זיין יאַרמלקע פאַררוקט אַרויף און מיטן גראָבן האַוואַנאַ־ציגאַר צווישן די ליפּן, האָט זיך פאַרבייגעטראַגן הין־און־צוריק גלאַט־אַזוי פון היימלעכקייט וועגן, און

דערווייל געוואָרפן אַן אויג. מיטאַמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל־אָפּ לעבן שואליקן און זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן:

— או־וואַ, שיער פֿאַרגעסן דיר צו זאָגן, שואליק! ס׳איז דאָ אַ בריוו פֿאַר דיר, שואליק.

— פֿאַר מיר אַ בריוו, דאָ, אין שאָפּ?...

— יאָ, מיט דער פֿרימאָרגן־פּאָסט אָנגעקומען. איידער דו׳סט גיין אַהיים, פֿאַרגעס נישט צו נעמען דעם בריוו!

ר׳ שלמה־שעיה איז אַוועק. די אַרבעטערס האָבן זיך אויפגעהויבן פֿון טיש, אָפּגעטרייסלט די ברעקלעך פֿון די בערד, פֿון די שויסן, פֿון די קניעס, און זיך געלאָזט צוריק צו די ווערבשטולן.

שואליק איז געשטאַנען ביי דער אַרבעט און געטראַכט: ווער האָט עס אים געקאָנט שיקן אַ בריוו אויפן אַדרעס פֿון שאָפּ? זאָל עס זיין פֿון ביטריסן? — נישט אַנדערש! דאָס איז איר איינפֿאַל. זי, די פּיפּיקע חברה־מאַנטע, האָט, אפֿנים געוואָלט מאַכן זיכער, אַז קיינעמס אויג זאָל נישט פֿאַלן אויפן בריוו, האָט זי געשיקט נישט אויפן אַדרעס פֿון זיין קוואַרטיר, נאָר אין שאָפּ אַריין. אָבער וואָס פּלוצלינג אַ בריוו? זיי זענען דאָך ערשט נעכטן אָוונט ביידע געזעסן אין פּאַרקל אויף איסט־בראָדוויי און פֿאַרבראַכט, איז וואָס אַזוינס האָט ביטריס געהאַט אים צו שרייבן, וואָס זי האָט אים נישט געקאָנט זאָגן? קיין ביישנית איז זי נישט. אַ זיס מיידל, ביטריס. אַ פֿאַרגעניגן צו פֿאַרברענגען מיט איר...

שואליקן האָט עס געריצט אין געשראָקן. די נייגעריקייט האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. פֿאַרן גיין אַהיים איז ער אַריין אין אָפּיס און אָפּגענומען דעם בריוו. דער קאָנווערט, אַ בלויער. דער אַדרעס געשריבן מיט קיילעכ־דיק־פּערלדיקע אותיות. ער איז אַרויס אין גאַס. די פֿינגער האָבן אים געביסן צו עפֿענען דעם קאָנווערט. שמואל־הערש איז אָבער געגאַנגען ביי זיין זייט, און — נישט שיין, נישט טאַקטיש צו לייענען קאָרעספּאָנדענץ ווען עמיצער איז דערביי, בפֿרט נאָך גייענדיק אין גאַס.

ווי נאָר ער איז אַריין צו זיך אין צימער, איז נאָך איידער ר׳האָט זיך אַרומגעוואַשן צו זיין גרייט צו וועטשערע, האָט ער געטאָן אַן עפֿן־אויף דעם קאָנווערט. דער בריוו איז געווען אַ העברעישער. דער שרייבער פֿון בריוו — מינץ.

געשריבן האָט אים מינץ בזה הלשון:

„ליבער פֿריינד הר־שלום!

כ׳שיק מיין בריוו אויפֿן אַדרעס פֿון שאָפּ בכּוונה, צו זיין זיכער, אַז חוהלעס בליק וועט נישט פֿאַלן אויפֿן קאָנווערט.

געהיס געדענקסטו וואָס כ׳האָב דיר פֿאַרטרויט נאָכן העברעישן אָוונט אין קאַפֿעטעריע ביי אַ גלעזל קאַווע. מ׳האָט מיר דאַן איבערגעשלאָגן צו ענדיקן מיין שמועס. אָבער — דעם עיקר ווייסטו געהיס. מיין טרויעריק־פֿאַרפּלאָנטערט פּראָבלעם איז דיר קלאָר.

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, נאָך אַ סך דענקען און איבערדענקען, האָב איך באַשלאָסן און — געטאָן. ס׳האָט זיך אַזוי צוגעפּירט, אַז חוהלע אַליין האָט מיך אַרויסגערופן צו רעדן אָפנהאַרציק, און — כ׳האָב איר אַלץ אויפגעדעקט.

כ׳האָב אָט די אָפּעראַציע געמוזט מאַכן פאַר איר טובה וועגן. כ׳ווייס ווי גרויס איר ווייטיק איז. אָבער ווי נאָך יעדער אָפּעראַציע געדויערט דער ווייטיק נאָר אַזוי לאַנג, ביז די וואונד פאַרציט זיך מיט נייער הויט...

נאָך היינטיקע וואָך פאַרלאָז איך ניו־יאָרק.

כ׳ווייס נישט, ליבער הר־שלום, וואָס דיינע געפילן זענען בנוגע חוהלען. כ׳ווייס אָבער ווי שטאַרק חוהלע האַלט פון דיר. און — אויב ס׳איז עמיצער בכוח צו פאַרטרייבן הוהלעס פּיין און פאַרגרינגערן אירע אַנגסטן — ביסטו עס, ליבער הר־שלום!

לאָמיר האָפן, אַז דער גורל האַלט פאַר חוהלען אָנגעגרייט ס׳בעסטע גליק. זי אַליין וועט זיין אַ גליק פאַר איר באַשערטן, און זי פאַרדינט אַ באַשערטן, וואָס זאָל זיין אַ גליק אויך פאַר איר...

מיט דאַנק פאַרויס און מיט פריינטלעכסטע וואונטשן,

מ י נ ץ׳.

נאָכן איבערלייענען מינצס בריוו איז שואליק געבליבן זיצן אַ שטאַרק צעטומלטער. ר׳האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהערט פון אַזאַ פאַל. די וועלט זאָגט, אַז אַ בחור טאָר קיין שדכן נישט זיין. און אָט... דווקא אַ בחור, און אַ פאַרליבטער בחור דערצו, פּרובירט צו פאַרשדכנען זיין מיידל צו אַ צווייטן בחור...

אַ קלאַפּ אין טיר. כאַנציע האָט גערופן שואליקן צום טיש עסן וועטשערע. שואליק איז געוואָרן שטאַרק נערוועז. ווי קוקט מען איצט חוהלען אין די אויגן? וואָס פאַר אַ מינע מאַכט מען פאַר איר איצט? רעדן צו איר, אָדער גאָר שווייגן אינגאַנצן? אַן אויסערגעוויינלעך־שווערע דילעמע.

צו זיין צופרידנקייט איז חוהלע צום טיש נישט געקומען. די מוטער האָט געזאָגט, אַז חוהלע איז עפּעס „נישט מיט אַלעמען“...

ג

צומאָרגנס, נאָכן צעשיידן זיך מיט מינצן, האָט זיך חוהלע אויפגעכאַפּט אין דער זעלבער צייט, ווי יעדן טאָג, כאָטש זי האָט איר וועקזייגער נישט אָנגעשטעלט און ער האָט נישט געקלונגען. זי האָט געעפנט די אויגן, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער — פונקט זיבן, צו דער מינוט.

אַן אַנדערש מאָל וואָלט איר אָט די געוואוינהייט, וואָס איז ביי איר שוין געוואָרן אַ נאַטור, שטאַרק הנאה געטאָן. איצט, אָבער, האָט עס זי שטאַרק געקרענקט. זי האָט מיט פאַרדראָס אַ שטויס געטאָן דאָס קאָפּן־קישעלע: — „דעמ׳נ־איט!“, דער שלאָף איז אַזוי גוט, מ׳ווייסט נישט פון גאָרנישט און מ׳טראַכט נישט פון גאָרנישט!...

אויך די צוויי שפּיזלדיקע זון־שטראַלן, וואָס פלעגן יעדן פרימאָרגן אין אָט דער שעה זיך דורכשלאָגן דורך איר פענצטער־ראָלעט, און וועלכע זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, האָבן איר אַצינד דענערווירט. זי האָט געגעבן אַ שלעפּ־אַרויף דעם צודעק איבערן קאָפּ, און זיך איבערגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט: — „אַ, העלל!״...

דאָס הענטל פון איר טיר האָט אַ קלימפּער־געטאָן. חוהלע האָט זיך נישט אָפּגערופן.

— חוהלע, חוהלע, וואָס האָסטו זיך פּלוצים פאַרשלאָפן? עפן־אויף, חוהלע!

חוהלע האָט דערקענט אין קול, אַז די מוטער איז דערשראָקן. זי האָט געגעבן אַ שפּרונג־אַרויס פון בעט, אויפגעשלאָסן די טיר, און מאָמענטאַל אַריינגעשפּרונגען צוריק אין בעט און זיך איבערגעדעקט ביז די אויגן.

— גוט מאָרגן, חוהלע, ווי פילסטו זיך?

— כ׳פיל אָלרייט, מאַ!

— חוהלע! — קוקט איר די מוטער אַריין אין די אויגן — ווילסט האַלטן אַ סוד פאַר מיר, געזונטערהייט. אָבער אַ מאַמעס האַרץ נאַרט זיך נישט אָפּ...

חוהלע האָט צוגעדריקט די מוטער צו זיך, איר אַ קוש געטאָן, און אַראָפּגעשלונגען אַ קנויל אין האַלדז:

— מאַמע, כ׳האַלט נישט קיין סוד פאַר דיר. כ׳קאָן דיר נאָך איצט נישט זאָגן!...

— אויב דו קאָנסט מ י ר נישט זאָגן, קאָן איך ד י ר זאָגן, חוהלע! עפּעס שוין אַ צרה מיטן „אַלטן האָן״, מיט דעם מינצן, האַ?...

חוהלע האָט זיך צעהעשעט שטיל, איינגעהאַלטן:

— כ׳בעט דיך, מאַמע, רעד נישט אַזוי וועגן אים.

— ווי קאָן איך דען רעדן אַנדערש? מיין קינד טוט דאָך מיר ווײ...

— דיין קינד, מאַמע, איז נישט קיין שיפּע זיבעלע. כ׳קאָן מיר שוין מיין שטעטל באַשטיין! — האָט חוהלע באַוויזן אַ קוים־קוים שמייכעלע און געמאַכט אַ מינע פון זיכערקייט.

— כ׳ווייס! כ׳קען, אַ דאַנק גאָט, מיין טאָכטער. כ׳האָף, אַז דער־וואָס־לעבט־אייביק פירט צום גוטן. ער שיקט תמיד צו די רפואה פ א ר דער מכה... מיר׳ן נאָך רעדן, טאָכטער. דערווייל וועל איך דיך היינט נישט לאָזן גיין אין תלמוד־תורה.

כאַנציע האָט דערוואַרט חוהלעס ווידערשטאַנד. חוהלע האָט זי אָבער איבערראַשט:

— יאָ, מאַמע. כ׳האָב אַליין אויך באַשלאָסן צו בלייבן היינט אינדערהיים. כ׳וויל בכלל היינטיקן טאָג זיין מיט זיך אַליין...

— זאָל איך דיר אַריינברענגען דעם פרישטיק אַהער?

— כ׳וויל נישט גאָרנישט. נאָר אַ טעפּעלע קאַווע!

נאָך דער קאַווע האָט זיך חוהלע איינגעדעקט און זיך געגרייט אײַנצושלאָפן. דער שלאָף איז אָבער נישט געקומען.

חוהלע איז געלעגן און זיך געראַנגלט מיט אירע געפילן.

אָט איז אָנגעלאָפן אַ געפיל פון שיפלות, פון געפאַלנקייט: — מינץ האָט זיך פון איר אָפּגעטרייסלט, איר אַוועקגעוואָרפן!... און דאָ האָט באַלד געגעבן אַ שלאָג־צוריק אַ געפיל פון שטאָלץ: — וואָס? איז זי עפּעס פון יענע וואָס אָט נעמט מען זיי און אָט וואַרפט מען זיי אַוועק? זי איז דאָך עפּעס חוהלע הערשקאָוויטש!...

אויף אַ רגע האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז אַרויס מיט אַ נצחון, בייגעקומען דעם געפיל פון באַליידיקונג און געפאַלנקייט.

אָבער באַלד איז איר אָנגעלאָפן אַ געפיל פון בענקעניש. ס׳האַרץ האָט איר געצוימען קלעמען, נאָגן: מינץ, מינץ, איר „אידעאַל“ פאַר אַ צייט פון קנאַפּע דריי לאַנגע יאָר! מינץ, מינץ, וועלכער האָט אויסגעפּילט איטלעכס ווינקעלע אין איר האַרץ! איצט אַזאַ אויסגעהוילטקייט, אַזאַ ליידיקייט, אַזאַ פּוסטקייט. דער היינט, דער מאָרגן, דאָס גאַנצע לעבן — הבל־הבלים, גאָרנישט, אָן זין, אָן אינטערעס, אָן ווערט. אַ, מינץ, מינץ, ווי איר האַרץ גייט אויס נאָך אים!...

דעם גאַנצן לאַנגן תמוזדיקן טאָג איז חוהלע אָפּגעלעגן אין בעט, ראַנגלענדיק זיך מיט אירע געפילן.

די מוטער איז עטלעכע מאָל דורכן טאָג אַריינגעקומען צו איר און געבעטן, זי זאָל עפּעס עסן. נאָר חוץ קאַווע מיט אַ קיכעלע האָט חוהלע נישט געוואָלט.

שפּעט נאָכמיטאָג איז חוהלע געבליבן ליגן אַ מידע, אָן אויסגעמאַטערטע. די מחשבות זענען שוין נישט געלאָפן, נאָר קוים געשלעפּט זיך. זי האָט געהאַלטן די אויגן צוגעשלאָסן. געמיינט, אַז זי׳ט איינשלאָפן. דער שלאָף איז אָלץ נישט געקומען. זי האָט איניקע מאָל אַ כאַפּ געטאָן אַ בוך, אַ זשורנאַל פון איר נאַכט־טישל, פּרובירט אַ לייען טאָן. אָבער אַלץ איז דאָרט געווען אַזוי אומבאַדייטנדיק. ווערטער און שורות, וואָס זאָגן גאָרנישט. און זי האָט פון זיך דאָס בוך אָדער דעם זשורנאַל אַוועקגעשמיצט.

פאַרנאַכט איז דער פאָטער געקומען אַהיים פון שאַפּ, אַריין צו חוהלען געוואָר ווערן, און איז באַלד אַרויס. ער האָט נישט געוואוסט פון קיין חלום און פון קיין פּתרון. כאָנציע האָט אים גאָרנישט דערציילט.

נאָך דער וועטשערע איז די מוטער אַריינגעקומען, זיך געמאַכט תמ׳עוואָטע, חוהלע זאָל נישט מיינען, אַז זי איז עפּעס אויסן, און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ע... שואליק פרעגט צי ער מעג אַריינגיין דיך מבקר־חולה זיין...

— פאַרוואָס נישט?

ווי נאָר די מוטער איז אַרויס, האָט חוהלע זיך געגעבן אַ כאַפּ־אַראָפּ פון בעט, געטאָן אַ לויף־צו צום שפּיגל, געטאָן אַ קעם־צו די האָר, אַ פּודער־צו די בעקלעך, אַ שמיר־צו די ליפּלעך, צוגעבעט ס׳בעט, אַרויפּ־געשלעפּט אויף זיך איר רויט־אַטלאַסענעם שלאָפראָק, און זיך צוגעשפּאַרט, האַלב־ליגנדיק, האַלב־זיצנדיק, צום קאָפּ־ווענטל פון בעט.

שואליק האָט אַ קלאַפּ־געטאָן אין טיר און איז אַריין.

— שלום, חוהלע!

— שלום, שואליק!

— געמיינט כ׳וועל מקיים זיין די מצווה פון „ביקור חולים". אָבער כ׳זע, ברוך־השם, אַז דו ביסט פריש און געזונט, חוהלע...

— יאָ, יאָ, ב ר ו ך ה ש ם!... — זאָגט חוהלע אים נאָך, אויסציִענדיק די ווערטער.

— דו שפּאַסט אַלץ פון מיר, פון דעם „פּתי יאַמין" (פון דעם גלויביקן שוטה), האַ?...

— חלילה, נישט נאָר שפּאַס איך נישט פון דיר, נאָר כ׳בין דיך מקנא אויף דיין גלויבן, שואליק! — האָט חוהלע פאַרשטיקט אַ זיפץ אין זיך.

שואליק האָט שיער נישט געוואָלט אַ פרעג טאָן איר: פאַרוואָס עפּעס גראַד איצט איז זי אים מקנא? ר׳האָט זיך אָבער פאַרכאַפּט. ר׳האָט דאָך געוואוסט וואָס זי לעבט איצט איבער. ר׳דאַרף זיך היטן מיט אַ וואָרט, וואָס קאָן קלינגען, ווי אַ פאַרוואורף אָדער ווי מוסר. ער האָט דעריבער, אויס רחמנות צו איר, געגעבן אַ פאַרדריי דעם שמועס אין אַן אַנדער זייט:

— דו געדענקסט מסתמא, חוהלע, אַז מוצאי־שבת וועט געפּראַוועט ווערן די צווייטע מלווה־מלכה ביי עזרא יאַקירן אין הויז. וועסט אפשר אויך קומען מיט דיינע עלטערן?

— ווילן וויל איך, נאָר כ׳וויס נישט ווי כ׳וועל זיך פילן...

— כ׳האָף, אַז דו וועסט זיך פילן גוט!...

שואליק האָט זיך שנעל געגעבן אַ הייב־אויף פון בענקל, געזאָגט אַ גוטע נאַכט, און איז אַרויס.

חוהלע איז געווען שטאַרק פאַרביטערט. זי האָט צו קיינעם אין הויז אַ וואָרט נישט אויסגערעדט. אויך שואליקן האָט זי אינגאַנצן אויסגעמיטן. און שואליק האָט זי פאַרשטאַנען און — שטאַרק מיטגעפילט...

ה

זונטיק גאַנצפרי נאָכן פרישטיק האָט זיך שואליק אָנגעטאָן אַמעריקאַ־ניש־ספּאָרטיש: אַ קאָלירט ספּאָרט־העמד, אַ פּאָר ברוינע ספּאָרט־הויזן,

אַ געקעסטלט ספּאָרט־רעקל, אַ פּאָר ברעזענטענע ספּאָרט־שיך מיט גומענע זוילן, אַ שטרויענעם קאַפּעליוש מיט אַראָפּגעבויגענע ראַנדן, אַ פּאָר טונ־קעלע זון־ברילן, און איילנדיק אַוועק צו עזרא יאַקירן אין הויז אַריין.

ער האָט זיך באַדאַרפט טרעפן מיט ביטריסן נישט שפּעטער פון ניין אַזייגער. אַ פּערטל נאָך צען גייט־אָפּ די עקסקורסיע־שיף צו די „בער־מאַונטעינס". די עקסקורסיע איז געווען ביטריסעס אידייע.

די צווייטע מלווה־מלכה וואָס האָט באַדאַרפט פּאַרקומען נעכטן ביי־נאַכט, מוצאי־שבת, ביי עזרא יאַקירן אין הויז, איז נאָך לעצטע וואָך, דאָנערשטיק, אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב ר' שמואל־הערש דעם בוכהאַלטערס פּאַרקילונג.

עזרא און פּערל האָבן דאַן פּאַרבעטן שואליקן צו דער פּרייטיקצונאַכ־טיקער סעודה.

די שבת־סעודה איז דאָרט געפּראַוועט געוואָרן אויפן אמת־טראַדיציאָ־נעלן שטייגער. די שבת־ליכט האָבן באַלויכטן דעם שיין־געדעקטן טיש. עזרא האָט געמאַכט קידוש אויף אַ קול, כמעט חזניש אויסגעזונגען אים. שואליק איז נישט אָפּגעשטאַנען און אויך אַוועקגעלייגט אַ שיינעם קידוש אויפן חסידישן שטייגער. צווישן די געפּילטע פיש און די לאָקשן מיט יויך האָבןביידע, עזרא און שואליק, געזונגען „כל מקדש", און ביטריס האָט אויך צוגעזונגען. ס'איז געווען אַ פּייערלעך־שבתדיקע שטימונגביים טיש...

נאָכן בענטשן האָט ביטריס אַרויסגעשלעפּט שואליקן פון הויז און איז מיט אים אַוועק אויף אַ שפּאַציר צו דער „וויליאַמסבורגער בריק".

די בריק אויף דער ניו יאָרקער זייט איז געווען געפּאַקט, ווי יעדן פרייטיקצונאַכט און שבת־יום־טוב. קיין שפּילקע נישט געווען וואו אַראָפּ־צוואַרפן. עלטערע מענער און פרויען פון דער איסט־סייד זענען געזעסן אויף די בענק, און אויף אונטערגעשפּרייטע נאַז־טיכלעך און צייטונגען אויף דער פּאַדלאָגע, געשמועסט, געקנאַקט „סאַנישניק" און באַני־קערלעך אויפן היימישן שטייגער, און זיך געקוויקט מיטן ווינטל פון דעם „איסט ריווער". די יוגנט האָט אַרומגעשוועבט פּאָרלעכוויז איבער דער לענג פון בריק ביז דער ברוקלינער זייט, און געזוכט טונקעלע ווינקעלעך. וואו אַ ווינקל — דאָרט אַ פּאָרל. וואו אַן אָנשפּאַר — דאָרט אַ קושעניש. וואו אַן אָנלען — דאָרט אַ ליבעניש. די דראָטן־געפלאָכטענע שטריק אויבן און די צעמענטענע פּאַדלאָגע אונטן זענען געווען עדות פון פריידיקן געלעכטער און זיסער הנאה...

ביטריס האָט געהאַלטן שואליקן פעסט געאָרעמט, זיך געטוליעט, זיך געהנדלט. זיי האָבן שפּאַצירט לענגאויס דער בריק.

שואליק האָט זיך נישט איינמאָל פּאַרמאָסטן צו פּאַרפירן אַ „העכערן שמועס". ביטריס האָט אים אָבער נישט געגעבן קיין שאַנס. זי האָט רק

געוואָלט רעדן פון ליבע, פון „גוד טאַימס״, פון „מואווי סטאַרס״. זי האָט פּרובירט רעדן מיט שואליקן ענגליש, אים פאַרריכט טעותים אין זיין ענגלישער אויסשפּראַך, און אים געלערנט „אַמעריקאַנער סלענג״. דער סלענג — האָט זי שואליקן געגעבן צו פאַרשטיין — גיט צו אַ געשמאַק, אַ זיסן טעם דער שפּראַך. די סאַמע אינטעליגענטע מענטשן באַנוצן זיך מיט „סלענג״.

בדיעבד איז דאָס שואליקן געווען אינטערעסאַנט. און ביטריסעס פאַרשייטקייט איז אים געוואָרן אָנגענעם, ס׳האָט אים געגרייצט. ער האָט געלאָזט ביטריסן קאָמאַנדעווען, געקוקט אויף איר שלאַנקן, שיינעם געשטאַלט, אויף איר שטיפעריש־צעפּלאַמטן פּנים, אויף איר אַמעריקאַנער פריוואָליטעט, און הנאה געהאַט.

דורכן אָוונט האָט ער דוקא אָפט אַ טראַכט געטאָן: טוט ער גלייך, וואָס ער לאָזט זיך פירן פון אָט דער יונגער שטיפערקע? מעג ער זיך אַריינלאָזן מיט איר אין שפּיל? אפשר אַ נאַרישקייט פון אים? אפשר גאָר אַן עוולה? אָבער באַלד האָט אים זיין געוויסן באַרויקט: ער זעט דאָך, אַז ביי ביטריסן איז דאָס אַלץ נישט מער ווי אַ שפּיל, אַ קונדסעריי. זי האָט דאָך אים נישט איינמאָל שוין אַליין דערציילט, אַז זי גייט מיט אַ סך „באָיס״. זיי נעמען זי אַפילו אין „נאַכטקלובן״. כאָטש ער ווייסט נישט וואָס דאָרט קומט פאָר, נאָר — קיין תהלים זאָגט מען דאָרט געוויס נישט. זי איז אַ יונג־צעבאַלעוועט מיידל, זי האָט ליב אַ „גוד טאַים״, „פאַן״, נו, איז צו וואָס זיין אַזוי נאַיוו און איבערטראַכטן? קיין עבירה, חלילה, באַגייט ער נישט. טאָ זאָל עס זיך גיין ווי ס׳גייט זיך...

אַהיימגייענדיק שפּעט ביינאַכט, האָט ביטריס שטיפעריש־לאַכנדיק אָפּגעווישט מיט איר נאָזטיכל אַ פּאָר פאַרב־סימנים פון אירע ליפּן אויף שואליקס באַקן. זי האָט געשפּאַנט געאָרעמט מיט אים. אויפן וועג האָט זי אים געלאָזט וויסן, אַז מאָרגן אָוונט, מוצאי־שבת, וועט זי „אויסגיין״ מיטן יונגן שרייבער פון איר צייטונג, דעם אוקראַינער בחור גאַרפינקעל. ער איז אַ שיינער בחור מיט בלאָנדע האָר, מיט אַ רונד־ווייסן פּנים, מיט בלויע אויגן, אַ פריילעך־לעבעדיקער, און אַ גוטער פאַרדינער דערצו. ער גיט איר תמיד אַ „גוד טאַים״. ער באַקומט אַ סך פרייע „טיקעטס״ אין טעאַטערס און אין „מואוויס״...

אָט אַזוי האָט זי געפּלאַפּלט און געגלעקלט איבערן גאַנצן וועג ביז שואליק האָט זי צוגעפירט צו איר טיר.

— אַ גוטן שבת, ביטריס!

— אַ גוטן שבת. סאָ לאָנג. אַי׳ל סי יו, שואליק!

— אָ־קעי!... — האָט שואליק אַ שמייכלענדיקער אַן ענטפער געטאָן מיט איר „סלענג״, וואָס זי האָט אים נאָרוואָס געלערנט.

— אָ, גוד באַי, דאַרלינג! — האָט זי זיך דערפרייט מיט זיין ענטפער

— יו גאָו וואַט, שואליק? אַי וואָנע־גיוו יו עי טריט!

— וואָס פאַר אַ „טריט"?

— הײַנטיק פרי וועלן מיר פאָרן מיט דער עקסקורסיע־שיף צו די „בער־מאָונטיינס". כ'בין זיכער, אַז דו'סט האָבן אַ סך „פאַן"...

— ווי קאָן איך פאָרן זונטיק פרי? כ'אַרבעט דאָך!

— קאָנסטו נישט נעמען איין זונטיק „אָף"?

— נעמען קאָן איך אַוודאי. ס'איז אַ פראַגע צי דער באָס וועט מיר געבן...

— אָ, פאַרלייג אַ תירוץ. זאָג אים, אַז דו האָסט זיך נישט־געפילט גוט.

— ניין, אָפּנאַרן — נישט!

— טאָ בעט אים, דײַן באָס.

— דאָס, זעסטו, איז שוין עפּעס אַנדערש.

— טו דאָס פון מײַנעט וועגן, שואליק, פּליז! אָלרייט?

— גוט, איכ'ל זען.

— אָטאָ־באָי. גוד! עקסעלענט! טוב־מאד! — שפּרינגט ביטריס אונטער, — איכ'ל מאַכן סענדוויטשעס אין וועג אַרײַן. דו'סט דאָך נישט עסן אין שיף־רעסטאָראַן!... און פאַרגעס נישט, שואליק, טו זיך אָן גרינג, ספּאָרטיש. אויף אַן עקסקורסיע דאַרף מען זיך פילן פרײַ!...

זונטיק אינדערפרי, ווען ביטריס האָט דערזען שואליקן אַרײַנקומען אין צייט און אָנגעטאָן פּונקט ווי זי האָט אים געהייסן, האָט זי געטאָן אַ שפּרונג, אַ טאַנץ אים אַנטקעגן:

— אָ, שואליק, יו'ר עי דאַרלינג!...

די עקסקורסיע אויפן האַדסאָן איז ביי שואליקן געווען די ערשטע רייזע פון אַט דעם סאָרט אין זײַן גאַנץ לעבן.

ער האָט אין דערהיים, אין פוילן געהערט וועגן דעם, אַז גרויסע מאַגנאַטן פאַרמאָגן אייגענע יאַכטן, אין וועלכע זיי פאָרן פון פאַרגעניגן וועגן. זיי כאַפּן פיש, זיי פּראַווען בעלער. זיי הוליען דאָרט טעג און נעכט. בלויז געהערט דערפון; אָבער געזען דאָס — קיינמאָל נישט. און איבערגעלעבט — אַוודאי נישט.

און אַט דאָ זעט ער איצט אַ שיינע, רײַכע, לוקסוס־שיף, וואָס פאָרט אויף אַן עקסקורסיע פון פאַרגעניגן וועגן. דער שיינער, ברייטער טײַך האַדסאָן ליגט מאַיעסטעטיש אויסגעצויגן צווישן ניו יאָרקער און ניו־דזשוירזיער ברעגעס, ווי אין אַ טיפן בעט, און צערטלט זיך מיט זײַנע בלויע וואַסערן אַנטקעגן דער זון. ער כוואַליעט נישט, דער האַדסאָן, נאָר ער רינגלט זיך, קנייטשט זיך חנעוודיק. די שיף גליטשט זיך איבער אים שטאָלץ און זיכער, ווי אַ ריזיקער שוואַן אין אַ שטייענדיק טײַכל. די

אייבערשטע און אונטערשטע דעקן פון דער שיף זענען פאַרפּלייצט מיט יונגע לעבעדיקע, יובעלנדיקע פּאַסאַזשירן. מ'פּאַרט קאָמפּאַניעסוויז, מ'רעדט, מ'לאַכט, מ'נאַשט, מ'עסט, מ'טרינקט, מ'שפּילט זיך, מ'ליבט זיך...

אונטן אין שיף־רעסטאָראַן איז ערד־טרעטעניש. מ'זיצט און מ'שטייט קאָפּ אויף קאָפּ. מ'פרעסט און מ'זויפט איילנדיק, טומלענדיק. די מוזיק שפּילט. דער שיף־קוימען פּייפט אָפּט צו, ווי ער וואָלט אַקאָמפּאַנירט די מוזיקאַנטן.

אויף דער דאָזיקער פריילעך־לוסטיקער שיף איז ער, שואליק, איצט אויך איינער פון די פאַרגעניגן־פּאַסאַזשירן. און נישט אַליין, נאָר מיט דער יונגער־לוסטיקער, פאַרשייטער־שטיפערישער ביטריסן ביי זיין זייט.

און אָט גליטשט זיך די שיף אַריין צווישן הויך־הויכע בערג. בערג גרינע, באַוואַקסן מיט אַלט־אַלטע ביימער. בערג שטיינערנע, פעלזן קאַלירטע, אויסגעשניצטע פון טויזנטער יאָרן ווינטן און געוויטערס, פון שנייען און רעגנס. די ריזיקע בערג שפּיגלען אָפּ זייערע טשופּרינעס אין האַדסאָן פון ביידע זייטן, ווי זיי וואָלטן מיט זייערע אוראַלטע לאָקן געלאָקט און גערייצט די שיף.

און — אָט רעוועט די שיף אויס צו די בערג אַרויף: כ'האָב אייך געבראַכט געסט, נעמט זיי אויף מיט פריילעכע פּנימער!...

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט. די הונדערטער פּאַסאַזשירן נעמען שטראָמען מיט פּעקלעך און וואַליזקעלעך אַראָפּ פון שיף, און שפּאַנען אין אַ לאַנגער שורה אַרויף אויף די בערג. אויבן זעצט מען זיך אויס קאָמפּאַניעסוויז אויף דער גריגער קאָלדרע. מ'צעעפנט די פּעקלעך שפּייז. מ'צעלייגט פייערן אונטער שטיינערנע אייוועלעך, מ'בראָט, מ'דערוואַרעמט פליישן, וואורשטן. מ'דרייט אָן גראַמאָפאָנען. מ'עסט און מ'טרינקט און מ'שפּילט און מ'טאַנצט — אָן אומגעהייער־גרויסע, פריילעכע הוליאַנקע אונטערן הוילן הימל אויף די הויכע בערג און אויף דעם גרינעם גראָז.

שואליק איז באַרוישט פון אַלץ אַרום. ביטריס האַלזט אים, קושט אים. ער ענטפערט איר און ווערט צעשמאָלצן פון תענוג.

דער טאָג איז אַריבער שנעל, אומבאַמערקט גאָר. די זון הענגט שוין אויף די ביימער־שפּיצן, אויף די פעלזן־קעפּ פון די בער־מאָונטעינס.

— אָט־אָט, — טוט ביטריס אַ זיפץ — דאַרף מען שוין פאָרן צוריק אַהיים!...

שואליק טוט זיך אַ הייב־אויף פון גראָז, כאַפּט זיך אַרונטער אונטער אַ געדיכטן בוים און שטעלט זיך „שמונה־עשרה", נישט צו פאַרשפּעטיקן זמן־מנחה. און — צוריק צו דער שיף.

ווי שיין דער האַדסאָן איז בייטאָג, איז ער נאָך פיל שענער ביינאַכט.

מיליאָסן שטערן און שטערנדלעך פֿון אויבן. מיליאָנען עלעקטרישע לאָמפּן און לעמפּלעך פֿון ביידע זייטן ברעגעס פֿון אונטן. אַלע גלימצערן און פֿינקלען און שפּיגלען זיך אָפּ אין די בלוי־פּלושענע וואַסערן פֿון האָד־סאָן. ס׳פֿאַרכאַפּט די אויגן און מ׳ווייסט נישט וואו פריער צו קוקן און וואָס פריער צו באַוואונדערן. כישוף, כישוף אָן אַ שיעור.

און — אַ פֿאַרכישופֿטער איז שואליק געקומען אַהיים, אַריין צו זיך אין צימער, אַ מידער איינגעשלאָפֿן און געזען זיס־זיסע חלומות...

צווייטער טייל

קאַפּיטל איינס

א

אין אַ פרייטיק, שפּעט נאָכמיטאָג, נאָכן צושליסן דעם שאַפּ, איז שואליק געגאַנגען פון דער אַרבעט אַהיים צוזאַמען מיט שמואל־הערשן, ווי געוויינלעך. צוקומענדיק צום ראָג פון עסעקס־סטריט, איז שואליק געבליבן שטיין. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַנומלטן האָט חוהלע אים פּלוצלינג אַ פֿרעג געטאָן ביים טיש צי ער האָט געלייענט דעם „בחינת עולם" פון דעם פּאָעט ידעיה הפניני. ער האָט איר געענטפערט, אַז אין וואַרשע האָט ער אַמאָל יאָ געלייענט דעם „בחינת עולם". דאָס איז אַ פּאָעטיש־פילאָזאָפיש מוסר־ספרל, געשריבן אויפן אַמאָליקן מליצה־שטייגער. חוהלע האָט אים געזאָגט, אַז זי וואָלט וועלן האָבן דאָס דאָזיקע ספרל. זי האָט שוין געפרעגט ביי עטלעכע מוכרי־ספרים, און קיינער פון זיי האָט עס נישט. נישטאָ מער אויפן ספרים־מאַרק.

שואליק האָט געלאָזט שמואל־הערשן גיין אַהיים אַליין, און ער האָט אַוועקגעשפּאַנט אויף איסט־בראָדוועי. לעבן דער ביבליאָטעק איז געווען איינער אַ מוכר־ספרים, טויזנער, אַ העברייער, אַ ביבליאָגראַף, און אין זיין ספרים־געשעפט האָט מען געקאָנט געפינען סיי די נייעסטע ביכער און זשורנאַלן פון פּוילן און ארץ־ישראל, און סיי די עלטסטע ספרים און ביכער, יקר־המציאותן. דאָרט האָט שואליק געהאָפט צו געפינען דעם „בחינת עולם".

און כך־הווא. ווי נאָר שואליק האָט אַ פרעג געטאָן טויזנערן, האָט יענער אים געענטפערט, אַז ער האָט ערשט נישט לאַנג באַקומען אַ גאַנצע סעריע פון אַלטע ספרים, וואָס מ׳האָט איבערגעדרוקט אין „פאָטאָסטאַט"־פאָרם, אין בערלין. טויזנער האָט גלייך אַרויסגעשלעפּט פון אַ פּאָליצע דעם „בחינת עולם", אַ דין־קליינטשיק, שוואַרץ־געבונדן ספרל. שואליק האָט זיך דערפרייט איבער דעם, ווי איבער אַ מציאה. ער האָט שוין אינאיינוועגס איינגעהאַנדלט אויך עטלעכע ארץ־ישראל־צייטונגען, און אַ צופרידענער זיך געלאָזט גיין אַהיים.

אויפן טראָטואַר, סאַמע אין פראָנט פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק, האָט שואליק זיך אָנגעשלאָגן כמעט פנים־אל־פנים, מיט אַ יונגנמאַן. ביידע

האָבן זיך אָנטשולדיקט איינער פאַרן אַנדערן, און זיך געלאָזט גיין איטלעכער זיין וועג.

אַ פּאָר שפּאַן ווייטער, ווען שואליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן ראָג צו זען אויב קיין מאַשינען לויפן נישט און מ׳קאָן אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט גאַס, האָט ער דערפילט אַ גרינג־גרינגען אָנריר אויף זיין אַקסל פון הינטן. ר׳טוט זיך אַ קוק־אום, ס׳איז דער זעלבער יונגערמאַן, מיט וועלכן ער האָט זיך נאַרוואָס אָנגעשטויסן.

—„אי בעג יור פּאַרדאָן, מיסטער!” — מאַכט יענער זייער איידל אין ענגליש — כ׳האָב אייך געמוזט אָפּשטעלן. איר זענט מיר שטאַרק באַקאַנט, און כ׳קאָן זיך נישט דערמאָנען וואו כ׳האָב אייך אמאָל געזען...

— באַקאַנט? כ׳ווייס נישט!... — מאַכט שואליק פאַרדעכטיק.

—זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, זענט איר נישט קיין וואַרשעווער? — שמייכלט דער יונגערמאַן און קוקט שואליקן גלייך אין די אויגן אַריין.

— יאָ... אַ וואַרשעווער... — מאַכט שואליק קאַלטלעך.

— האָט איר נישט געוואוינט דאָרט אויף דער סמאָטשע גאַס?

— יאָ!... — מאַכט שוין שואליק נייגעריק.

— איז אייער פאָטער נישט ר׳ שמשון פרידבערג, דער גערער חסיד?

— יאָ! יאָ!

— זענט איר דאָך, הייסט עס, שואליקל פרידבערג! האָב איך דאָך טאַקע קיין טעות נישט געמאַכט!

— געוויס. נישט קיין טעות! אָבער לאָמיך וויסן ווער זענט א י ר?

— אָנו, קוקט זיך גוט צו, שואליקל, איר דאַרפט דאָך עפּעס האָבן אַן אויג פון אַ תלמיד־חכם בן תלמיד־חכם!...

צום גרויסן באַדויערן קאָן איך זיך בשום אופן נישט דערמאָנען ווער איר זענט.

— „מעכעלע דעם פּאַצעט” געדענקט איר?...

שואליק איז דערשטוינט געוואָרן. פון גרויס איבערראַשונג האָט ער זיך שיער נישט געגעבן אַ כאַפּ־אָן ביים קאָפּ. ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן. ס׳איז נישט טאַקטיש. אָנשטאָט דעם האָט ער אַ זאָג געטאָן זייער געלאַסן:

— אָ, מעכעלע? דעם שניידערס זונדל? געוויס געדענק איך אייך!...

ער האָט טאַקע געדענקט גוט: דאָס צווייטע הויז פון זיי האָט געוואוינט טאָלטשע דער שניידער, אַן ערלעכער האָרעפּאַשניק. ער פלעגט אָפט קויפן ביי זיין פאָטער אין קראָם אויף באָרג. מעכעלע האָט געהאָלפן זיין פאָטער אין דער שניידעריי. ער איז תמיד געגאַנגען אויסגעפּוצט אין שמאָלע הויזן, אין אַ רעקל מיט טאַשמעס און ענגלעך אין דער טאַליע, אין לאַקירענע שטיוועלעך, געטראָגן אַ האַרט קאַפּעליושל, אַ „קעסעלע” פון ברוינעם קאָליר, אויף דער לינקער זייט פון קאָפּ, מיט אַ וואויל־יונגערישן טשוביקל

אויף דעם רעכטן אויער, געהאַלטן תמיד אַ יאַמשאָווע שטעקעלע אין האַנט. מ׳האָט אים טאַקע דערפֿאַר גערופֿן „מעכעלע דער פּאַצעט״. מעכעלע פֿלעגט נאָכלויפֿן אַלע מיידלעך אין גאַס. ער פֿלעגט זיי טיילן צוקערקעס און ליב האָבן זיי צו קיצלען, און די מיידלעך האָבן צו אים געקלעפּט, ווי פֿליגן צו האָניק. די ייִנגלעך אין גאַס האָבן פֿאַר אים מורא געהאַט „אימת־מוות״. ער פֿלעגט ביי זיי רייסן די פּיאות, קנייפּן זיי פֿון הינטן. סיי קליינע און סיי גרעסערע ייִנגלעך האָבן מעכעלען אויסגעמיטן. אים, שואליקן, פֿלעגט ער אָבער, אַלס שכן, נישט טשעפּען. ער פֿלעגט אַמאָל אים נאָר צורופֿן: „העי, צלאַפּיקל, יאַלדיקל, קום אַהער, ווילסט אַ צוקערקעלע?״... דער מעכעלע טאַלטשעס, איז געווען עלטער פֿון אים, פֿון שואליקן, מיט אַ יאָר זעקס. ווען ער, שואליק, איז געווען בר־מצוה, איז שוין מעכעלע געווען אַ בחור פֿון ניינצן יאָר און שוין געקערט וועלטן.

געדענקט האָט אויך שואליק, אַז מ׳האָט אַמאָל דערציילט אין גאַס, אַז דער „מעכעלע דער פּאַצעט״ איז אַוועק ערגעץ אין דער ווייטער וועלט אַריין. אייניקע האָבן געזאָגט: קיין פּאַריז. אַנדערע האָבן געזאָגט — קיין לאָנדאָן. און גאָר אַנדערע האָבן זיך עפּעס געסודעט — „קיין אַרגענטינע מיט לעבעדיקער סחורה״. דעמאָלט האָט שואליק נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט.

און — דאָ טרעפֿט ער זיך אָן פּלוצים מיט אָט דעם „מעכעלע דעם פּאַצעט״ אין ניו יאָרק, „אויף דער שטראָסע״, ווי מ׳פֿלעגט זאָגן. ער קוקט אים אָן דערשטוינט. אַ שטאַלטנער, שיינער יונגערמאַן, אַ ביסל העכער פֿון מיטלוואוקס, אָנגעטאָן אין אַ ליכטיקן אַנצוג, ווי נאַרוואָס פֿון דער נאָדל אַרויס, אין אַ פּאָר ווייס־קלאָרע זומערדיקע שיך, אין אַ זיידן העמד מיט בלויע פּאַסיקלעך און ראָזעווען קראַוואַט מיט אַ דימענטענער שפּילקע, אַ קאָפּ מיט קויל־שוואַרצע, שיין געקנייטשטע האָר, גלאַנצנדיק פֿון פּאָמאַדע, געשנירלטע שוואַרצע ברעמען איבער זיינע גרויע אויגן, אַ ריין־געגאָלט טונקל פּנים מיט איידעלע שטריכן, אַ פּאָר שוואַרצע, דינינקע האָליוואוד־וואָנצעלעך. ס׳איז בשום אופֿן נישט מעגלעך צו טרעפֿן צי איז ער אַ דאָקטאָר, אַ ראַבאַי, אַן אַקטיאָר, אָדער גאָר — אַן „אַלפֿאָנס״, אַ סוחר פֿון יענער „סחורה״, ווי מ׳האָט זיך אַמאָל געסודעט וועגן אים.

שואליק האָט געקוקט אויף אים מיט חשד...

מעכעלע דערלאַנגט שואליקן די האַנט מיט אַ האַרציקן געלעכטער:

— כאַ־כאַ־כאַ, שלום־עליכם, שואליקל פֿרידבערג!... ס׳אַראַ „סור־פּריז״!...

— עליכם־שלום, מעכעלע. טאַקע אַ סורפּריז... — מאַכט שואליק העפֿלעך, צוריקגעהאַלטן.

דער מעכעלע האָט געהאַלטן שואליקס האַנט אין זיינער, זי געדריקט און נישט אָפּגעלאָזן:

— הער אַ געשיכטע! ווי זאָגט טאַקע דאָס ווערטל: „טורא בטורא" — אַ באַרג מיט אַ באַרג באַגעגנט זיך נישט, אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטש באַגעגנט זיך... זאָג מיר נאָר, טייערער שואליקל פרידבערג, ווי לאַנג ביסטו אין אמעריקע?... — גייט שוין מעכעלע איבער אויף „דו", ווי אַן אַלטער פריינד.

— נישט מער ווי עטלעכע מאָנאַטן.

— זענען דיינע עלטערן אויך געקומען מיט דיר?

— ניין, מיין פרומער טאַטע וועט אַהער נישט קומען...

— פאַראַן אַ סך פרומע יידן אין אַמעריקע אויך... ווי געפעלט דיר אַמעריקע, האַ?...

— אַמעריקע געפעלט מיר זייער שטאַרק, אָבער איך בין נישט געקומען אַהער צו בלייבן.

— וואָדען? פאָרן צוריק אין דעם אַנטיסעמיטישן פוילן?...

— ניין, צוריק קיין פוילן אוודאי נישט. געקומען בין איך אַהער פון ארץ־ישראל. געווען דאָרט העכער צוויי יאָר. האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז אַן אַמעריקאַנער ייד איז געפאָרן אויף אַ רייזע קיין ארץ־ישראל, זיך באַקענט מיט מיר אין ירושלים, און ער טאַקע האָט מיך אַראָפּגעבראַכט אַהער.

— איז וואָס איז דיין פּלאַן דאָ?

— מיין פּלאַן איז אָפּצושפּאָרן אַ שטיקל קאַפּיטאַל דאָ און פאָרן צוריק קיין ארץ־ישראל.

— מעג איך וויסן וואָס דיין טועכץ איז, שואליקל?

— פאַרוואָס נישט? איך בין אַ וועבער פון טליתים, איך אַרבעט טאַקע דאָ ביי יענעם יידן, וואָס האָט מיך אַהער אַראָפּגעבראַכט. זיין נאָמען איז מר. בערשאַדער. ער האָט די גרעסטע טליתים־פאַבריק אין אַמעריקע.

— אַזוי גאָר? ביסטו אַ טליתניק, שואליקל פרידבערג?

— יאָ! נאָר מיין פאַמיליע־נאָמען איז נישט מער „פרידבערג", נאָר — „הר־שלום"...

— טאַקע? „הר־שלום" קלינגט זייער שיין, אמת ארץ־ישראלדיק!... אָבער, שואליקל, טייערער לאַנדסמאַן מיינער, צו וואָס זאָלן מיר שטיין אָט־דאָ אין גאַס? אַז כ'האָב באַגעגנט אַזאַ חשובן פריינד פון דערהיים, וויל איך טאַקע וויסן וועגן דיר אַלץ־אַלץ. הער אויס, שואליקל, כ'האָב אַן „אַפּאָינטמענט" מיט איינעם טאַקע אָט דאָ אין דער „סטריט". עס וועט נישט געדויערן מער ווי פופצן מינוט. אויף יענער זייט גאַס, לעבן דעם „עדיוקיישאָנעל עלייענס" שטייט מיין אויטאָמאָביל. טו מיר אַ טובה, זעץ

זיך אַריין אין דער מאַשין און וואַרט אויף מיר די פּאָר מינוט. קומענדיק צוריק וועלן מיר אַריינגיין אין אַ כשרן רעסטאָראַן, „האָבן אַ בייס" און טאַקע קאָנען שמועסן געמיטלעך. קום, שואליקל!...

ב

מעכעלע האָט גענומען שואליקן אונטערן אָרעם, גוטברודעריש, היימיש, האָט מיט אים אַריבערגעשפּאַנט אויף דער צווייטער זייט גאַס. אים צוגע־פירט צו אַ גרויסן, שוואַרץ־בלישטשנדיקן אויטאָמאָביל, אַ „ביואיק", וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע פראָנט פון דער „עדיוקיישאָנעל עלייענס"־געביידע.

— אָט דאָס איז מיין „קאַטערינקע"!... זיי אַזוי גוט, שואליקל, זעץ זיך אַריין און וואַרט־צו אויף מיר!

— אָלרייט. אַ שיינעם דאַנק.

מעכעלע איז צוריק אַריבער די גאַס צו האַלטן זיין „אַפּאַינטמענט". שואליק איז געזעסן אויפן פּאָדערשטן זיץ פון דער לוקסוס־מאַשין און זי באַקוקט.

דאָס איז ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער, שואליק, זיצט אין אַזאַ רייכן אויטאָמאָביל. ער טראַכט אַלץ וועגן מעכעלען. וואָס קאָן אַזאַ פּאַרשוין זיין?... מיט וואָס אַשטייגער באַשעפטיקט ער זיך?... זאָל דער מעכעלע טאַקע זיין אַ „סוביעקט", אַ סוחר פון לעבעדיקער סחורה, ווי מ'האָט אין דער היים גערעדט וועגן אים, דעם אויסוואורף?... אָבער — פּאַרפאַלן. אַרויסצודרייען זיך פון אים איצט האָט קיין זין נישט. און נאָך אַלעמען וועט מעכעלע אים דאָך נישט „מטמא" זיין. טשיקאַווע צו וויסן...

שואליק האָט דערוויל גענומען דורכקוקן די פרישע ארץ־ישראלדיקע ציטונגען, וואָס ער האָט נאָר־וואָס איינגעהאַנדלט אין ספרים־געשעפט. די נייעסן דאָרטן זענען שוין פּאָר אים געוועזן אַלט. ר'האָט זיי שוין לאַנג צוריק געלייענט אין די ניו יאָרקער יידישע ציטונגען. די מאַמרים, אָבער, זענען געווען אינטערעסאַנט, און שואליק האָט זיך פּאַרטיפט אין לייענען.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און מעכעלע איז געקומען צוריק. ר'האָט געטאָן אַן עפן די טיר פון דער מאַשין, געטאָן אַ קוק אויף זיין האַנט־זייגערל און אַ זאָג געטאָן:

— פונקט פופצן מינוט, הא?...

— יאָ, טאַקע צו דער מינוט! — האָט שואליק צוגעשטימט, אַ קוק געבנדיק אינסטינקטיוו אויך אויף זיין האַנט־זייגערל.

— אָט אַזוי פיר איך זיך. כ'האָב ליב צו זיין פּינקטלעך מיט מיינע „אַפּאַינטמענטס". די ביזנעס לערנט אויס... — מאַכט מעכעלע, און לייגט אַרויף די הענט אויפן קער־רעדל, ווי צו נעמען טרייבן די מאַשין.

שואליק האָט דערזען אויף מעכעלעס גאָלדפינגער פון דער לינקער

האַנט אַ רינג מיט אַ היפשן דימענט, וואָס האָט זיך צעגאָסן מיט רעגנבויגן־קאָלירן אַקעגן דער זון.

— נו, מיר'ן עפּעס איבערכאַפּן. און נאָכן עסן וועלן מיר זיך דורכפאָרן אין צענטראַל־פּאַרק, וואו מיר'ן קאָנען אַביסל שמועסן. אָלרייט ?...

— שיין שפּעט, דאַכט מיר. ס'איז דאָך ערב־שבת... — קנייטשט זיך שואליק.

— אָ, נאָך דאָ גענוג צייט. איצט איז ערשט האַלב נאָך זעקס. ביז נאַכט איז נאָך ווייט, שואליקל. איך פאַרזיכער דיר, אַז כ'וועל, חלילה וחס, דיך נישט ברענגען צו חילול־שבת, „איבערפאָרן אַ לאָקש", ווי מ'פלעגט זאָגן אין דער אַלטער היים... — שמייכלט מעכעלע.

שואליק האָט נאָכגעגעבן. זיי זענען אַרויס פון דער מאַשין און אַריין אין מילכיקן רעסטאָראַן, וואָס אויפן צווייטן ראָג, אויף איסט־בראָדוועי. מעכעלע האָט, מיט דער הסכמה פון שואליקן, באַשטעלט קעז־לאַטקעס מיט קאַווע,ביים טיש האָבן זיי בלויז געשמועסט וועגן ארץ־ישראל און וועגן די ענגלישע מאַכינאַציעס דאָרט. שואליק איז געווען איבערראַשט צו הערן ווי דער מעכעלע איז גוט באַקאַנט מיט דער ציוניסטישער טעטיקייט.

נאָכדעם ווי שואליק האָט פאַרענדיקט די „ברכה אחרונה", זענען ביידע צוריק אַריין אין דער מאַשין, און מעכעלע האָט גענומען פאָרן „אַפּ־טאַון" אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דעם ניו יאָרקער פאַרקער. און ער האָט אַזוי בריה'ש מאַנעווורירט מיטן קער־רעדל, ווי אַ געניטער פידל־שפּילער מיט זיין סמיטשיק.

אין צענטראַל־פּאַרק האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, אין שאָטן פון אַ בוים, נישט ווייט פון טייכל.

— דו רויכערסט, שואליקל ?

— ניין.

— איך אויך נישט. גערויכערט — און אַוועקגעוואָרפן. אויך געטרונקען — און אַוועקגעוואָרפן...

פּויזע. שואליק האָט געשוויגן. מעכעלע האָט אויך געשוויגן. נאָך אַ קורצער שטילשווייגעניש האָט מעכעלע אַ גלעט געטאָן שואליקן אויף דער פּלייצע :

— כ'זע, שואליקל, אַז דו שוויגסט קלוג, אינטעליגענטיש, פרעגסט מיך נישט וועגן מיין פּריוואַטן לעבן, וועגן מיינע ביזנעס אין אַמעריקע. וועל איך אַליין דיך אינפאָרמירן וועגן זיך. קודם וועגן מיין נאָמען. ווי דו האָסט מיר געזאָגט, האָסטו געביטן דיין נאָמען ארץ־ישראליש, פון פרידבערג אויף הר־שלום. איך האָב אויך געביטן מיין נאָמען, נאָר אַמעריקאַניש. פון האָפּטשיק אויף האָפּקינס... דער חילוק צווישן אונדז — דו האָסט געביטן בלויז דעם נאָמען ; איך האָב געביטן נישט נאָר מיין נאָמען, נאָר אויך ז י ך אַליין ! דער

וואַרשעווער „מעכעלע דער פּאַצעט״, דער הפקרדיקער שניידער־יונג, איז איצט דער ניו יאָרקער „מיסטער מאַיקעל האָפּקינס״, דער אייגנטימער פון דער „האָפּקינס פּאַר קאָמפּאַני״. מיין פוטער־פעקטאָרי געפינט זיך אויף דער אַכט־און־דרייסיקסטער גאַס. איך באַשעפטיק עטלעכע און צוואַנציק אַרבעטער, אַחוץ אָפּיס־אַנגעשטעלטע...

— טאַקע, באמת ? — מאַכט שואליק אַ צופרידן־איבערראַשטער — ביסטו דאָך, הייסט עס, אַ ריכטיקער „אָלרייטניק״, ווי מ׳זאָגט דאָ.

— נישט צו פאַרזינדיקן, ווי מיין מאַמע פלעגט זאָגן, — שמייכלט מעכעלע — כ׳פאַרדין מיר גאַנץ פיין מיין ברויט־און־פוטער. כ׳פאַרמאָג אויך אַ שיין אַפּאַרטמענט־הויז אויף איסטערן־פּאַרקוועי, אקעגן פּראָספּעקט־פּאַרק.

— האָסט שוין מסתמא אַ פאַמיליע ?

— בפירוש נאָך אַ „בעטשעלאָר״, אַ בחור, מיין איך...

— ווי קומט עס ?

— כ׳האָב קודם געוואָלט ווערן אַ מענטש, אַ „סעלף מעיד מען״. געוואָלט זיך לערנען, לערנען אַ „טרעיד״, לערנען „ביזנעס״. און בכלל לערנען... לערנען ענגליש, יידיש, העברעיש. קיין גרויסער געלערנטער בין איך טאַקע נישט געוואָרן, אָבער פון עם־הארצות בין איך ווייט. איך לייען די ענגלישע פּרעסע און ליטעראַטור. איך לייען אויך די יידישע פּרעסע און ליטעראַטור. קיין רעליגיעזער בין איך נישט. אָבער אַ גוטער, נאַציאָנאַלער ייד בין איך יאָ. כ׳בין אַ ציוניסט און ס׳קאָסט מיך אַ היפּש ביסל געלט. כ׳באַלאַנג צום „נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד״. כ׳באַלאַנג אפילו צו אַ פּאָר ישיבות און תלמוד־תורהס. כ׳בין אויך אַ מיטגליד אין אונדזער „וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפט־פּאַראיין״. הכלל, שואליקל טייערער, האָסט זיך א י צ ט גאָרנישט וואָס צו שעמען מיט דיין אַמאָליקן שכן, דעם געוועזענעם „מעכעלע דעם פּאַצעט״...

— וואו וואוינסטו, מאַיקעל ?

— איך וואוין אויף ריווערסייד דרייוו, אין אַ פיינער געגנט.

— איינער אַליין ?

— אָ, כ׳האַלט אַ יאַפּאַנישן באַדינער. ער ראַמט און קאָכט און „האַלט ט׳הויז״. אָבער — דו׳סט מיר אַנטשולדיקן, שואליקל, גענוג איצט וועגן זיך ! איך וויל דאָך אויך וויסן עפּעס מער וועגן ד י ר ! זאָג מ׳יר, כ׳בעט דיך, איז דער טליתים־שאַפּ, וואו דו אַרבעטסט, אַ יוניאָן־שאַפּ ?

— ניין.

— זענען דאָך די שכירות דאָרטן מסתמא נישט קיין גאָר פויגלדיקע, האָ ?

— פאַרשטייסט דאָך שוין אַליין. נאָר מיינע שכירות זענען העכער פון די איבעריקע אַרבעטערס דאָרט.

— פאַרוואָס ?

— דערפאַר וואָס דער „באָס" האָט מיך אַראָפּגעבראַכט ספּעציעל פון ארץ־ישראל, האָט ער מיר געמוזט געבן אַ „לעקעכל", ווי זאָגט מען...

זיי האָבן זיך פאַרשמועסט. ס׳איז געוואָרן שפּעטלעך. די זון האָט שוין גענומען זיך דראַפּען אויף די טשופּרינעס פון דיביימער אין צענטראַל־פּאַרק. שואליק האָט זיך גענומען איילן. מאַיקל האָט גענומען שפּאַנען מיט אים צו דער מאַשין.

באמת וואָלט איך דיך געוואָלט האָבן אַלס מיין גאַסט איבער שבת, שואליקל, — מאַכט מאַיקעל אַריינזעצנדיק זיך אין אויטאָמאָביל, — ס׳וואָלט געווען ביי מיר אַ גרויסער כבוד און אַ גרויס פאַרגעניגן. נאָר הלמאי זאָל איך לייקענען ? מיין יאַפּאַנישער באַדינער פירט נישט קיין כשרע קיך. און כ׳ווייס דאָך, אַז דו וועסט ביי מיר נישט עסן. צוגאָסט אָבער, וועסטו מ׳זן קומען צו מיר אויף אַ גלעזל קאַווע...

— פאַרוואָס נישט ? מיט פאַרגעניגן, מאַיקעל.

— זאָג נאָר, שואליקל טייערער, אפשר וואָלסטו אַ בעלן זיין צו גיין מיט מיר קומענדיקן מוצאי־שבת צום לעצטן מיטינג פון אונזער „פאַראיין" ? כדאי זיך צו זען מיט לאַנדסלייט. איכ׳ל קומען דיך נעמען. אָלרייט ?

— כ׳דענק, אַז יאָ.

ווען מאַיקעל האָט צוגעפירט שואליקן אַהיים איז שוין געווען היפּשלעך שפּעט. אויף הענרי־סטריט האָבן זיך שוין געזען אַ סך שבת־ליכט דורך די פענצטער.

שואליק איז אַן איילנדיקער אַריין אין זיין צימער, זיך אַרומגעוואַשן, איבערגעטאָן, און איז אַוועק אין שול פון דעם „יאַנג איזראַעל" צו קבלת־שבת.

אויפן וועג האָט שואליקן נישט געקאָנט אַרויס פון קאָפּ די באַגעגעניש זיינע. ער האָט זיך ממש נישט געקאָנט אָפּחידושן פון דער וואונדערלעכער טראַנספאָרמאַציע, וואָס אַמעריקע האָט געמאַכט פון דעם „מעכעלע דעם פּאַצעט" אויף „מיסטער מאַיקעל האָפּקינס"...

ג

פּריטיקצונאַכטס איז שואליק געקומען פון שול אַביסל שפּעטלעך. שמואל־הערש האָט געוואַרט אויף שואליקן מיטן קידוש. חוהלע איז געזעסן ביים טיש מיט אַ בוך, ווי איר שטייגער די לעצטע צייט. כאַנציע האָט געליי֞נט די ערב־שבתדיקע צייטונג.

— גוט שבת ! — האָט שואליק באַגריסט אַלעמען אַרום טיש זייער אַן אויפגעלייגטער.

— גוט יאָר! — האָט כאַנציע אַ הייב־געטאָן אירע ברילן פון דער צייטונג.

שמואל־הערש האָט געענטפערט מיט אַ בורטשע, האַלטנדיק אינמיטן זינגען דאָס קאַפּיטל „אשת חיל״:

— גוט יאָר!... „פּיה פתחה בחכמה״, הממם...

חוהלע האָט רק געקוקט אין בוך אַריין, נישט אויפהייבנדיק אַפילו דעם קאָפּ.

ביים טיש איז איצט שואליק געזעסן מיט אַ ספּעציעל־פריילעכער שטימונג. זיין יאַרמאַלקעלע אויפן שפּיץ־קאָפּ צווישן די געדיכט־געקנייטשטע האָר האָט עפּעס ווי אַרומגעטאַנצט, און ער האָט עס אַלעמאָל פּרובירט אַוועקזעצן פעסטער.

נאָך די פיש איז כאַנציע אַוועק אין קיך צו דערלאַנגען די יויך מיט לאָקשן צום טיש. שמואל־הערש האָט, ווי תמיד צווישן די צוויי געריכטן, גענומען זינגען די זמירות. שואליק האָט איצט נישט מיטגעזונגען מיט אים, ווי ער פלעגט עס טאָן, ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן אויף העברעיש צו חוהלען מיט אַ צופרידענעם שמייכל:

— חוהלע, איך האָב פאַר דיר אַ סורפּריז!

— פאַר מ י ר אַ סורפּריז? — האָט חוהלע אַ הייב־געטאָן איר קאָפּ פון בוך — מ י ך קאָן, דאַכט מיר, שוין קיין שום זאַך נישט איבערראַשן...

— דו וועסט אָבער פאָרט זיין איבערראַשט! — מאַכט שואליק שמייכלענדיק.

— אדרבא, לאָמיך הערן אין וואָס באַשטייט די איבערראַשונג!

— געדענקסט, דו׳סט מיר אַנומלטן געזאָגט, אַז דו האָסט געזוכט דעם „בחינת עולם״ ביי אַלע מוכרי־ספרים און נישט געקאָנט געפינען?

— יאָ, נו?

— נו, האָב איך אָט דאָס ספרל איצט געפונען פאַר דיר.

— טאַקע אַ סורפּריז!

— אויב דו׳סט מיר דערלויבן, וועל איך נאָכן עסן דיר ברענגען דאָס ספרל אין דיין צימער אַריין...

— פאַרוואָס נישט דערלויבן? מיט פאַרגעניגן, שואליק!...

שמואל־הערש האָט אויפגעהויבן זיינע געדיכטע ברעמען און גענומען קוקן פאַרחידושט דורך זיינע דיקע ברילן אויף די צוויי פאַרשוינען, ווי זיי שמועסן ווידער...

כאַנציע האָט דאָס געשפּרעך דערהערט אין קיך אַריין און האָט דאָרט אויפגעשטעלט מויל און אויערן — הער נאַר... הער נאַר... דאָס אייז האָט דאָך געבראָכן...

זי איז אַריין פון קיך אין עס־צימער אַריין מיט דער פולער שיסל

פאַרעדיקער יויך אין די הענט. דערזען ווי חוהלע און שואליק רעדן צווישן זיך, האָט זי פון גרויס איבערראַשונג די יויך פאַרגאָסן אויפן טיש. זי האָט זיך ווי פאַרשעמט און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל:

— נו, אַז ס׳פאַרגיסט זיך איז אַ סימן ברכה!...

נאָכן עסן, ווי נאָר שמואל־הערש און שואליק האָבן זיך אָפּגעגאָסן די שפּיץ־פינגער מיט „מים אחרונים״ און גענומען זאָגן דעם שבתדיקן „שיר המעלות״ פאַרן בענטשן, האָט חוהלע זיך אויפגעהויבן פון טיש און איז אַוועק צו זיך אין צימער.

זי האָט שנעל געגעבן אַ ראַם־צו דעם צימער, וואָס זי האָט די לעצטע וואָכן געהאַט אָפּגעלאָזט. זי איז צו צום שפּיגל, געגעבן אַ באַפּודער די נאָז און פּנים, אַ באַפאַרב די ליפּעלעך און שפּיץ־בעקלעך, אַ פאַרקעם די האָר, און זיך אַוועקגעזעצט מיטן בוך וואַרטן אויף שואליקס אַריינקום.

קאַפּיטל צוויי

א

חוהלע האָט איר וואַקאַציע אָפּגעלייגט. וועגן פאָרן אין די קעטסקיל־בערג היינטיקן זומער האָט זי אַפילו אויפן געדאַנק נישט געוואָלט נעמען. זי האָט נישט געוואָלט זען מער די פּלעצער, וואו זי איז אין די לעצטע פאַר יאָר געווען מיט מינצן.

קיין שנאה צו מינצן האָט חוהלע נישט געפילט. זי האָט איצט געקוקט אויף דעם געשעעניש מיט מינצן, ווי אויף עפּעס אַ מין אומגליק פון דער נאַטור־קראַפט, אָדער פון „די עלעמענטן״, ווי זי האָט עס גערופן לויטן ענגלישן אויסדרוק. עפּעס אַ ווילדער וויכער, אַ ציקלאָן, האָט אַריינגעכאַפּט מינצן מיט איר צוזאַמען, געדרייט מיט זיי קנאַפּע דריי יאָר, און — מיט־אַמאָל זיי צעשליידערט, צעוואָרפן אין פאַרשידענע ריכטונגען.

ווי אַזוי רייסט מען אים אָבער אַרויס פון דעם זכרון? — דאָס איינ־ציקע מיטל איז אַרבעטן, זיין פאַרטאָן, נישט לאָזן קיין צייט פאַרן מוח צו דענקען פון דער פאַרגאַנגענהייט.

יעדן אינדערפרי איז חוהלע אַוועק איילנדיק אין תלמוד־תורה אַריין. זי האָט געגאַרט וואָס גיכער זיך אַריינצוּוואַרפן אין דער אַרבעט.

קיין נאָרמאַלע קלאַסן זענען איצט אין תלמוד־תורה נישט געווען, בלויז אַ מיש־מאַש. אַ טייל לערערס זענען געווען אַוועק אויף זייער וואַקאַ־ציע. דער רוב פון די תלמידים איז געווען אָדער אין זומער־קעמפּס, אָדער ביי די ים־ברעגעס, אָדער גלאַט נישט געקומען לערנען. די געציילטע קינדער, וואָס זענען יאָ געקומען, האָט מען געמוזט צונויפשפּאַנען צוזאַמען

פון פֿאַרשידענע קלאַסן, „איקס־מיקס־דריקס", אָדער „שור וחמור מיט געגדזענע לעבערלעך", ווי די לערערס פֿלעגן עס רופֿן. די דירעקטאָרן פֿלעגן קיינמאָל נישט וועלן צושליסן די תּלמוד־תּורה איבער די צען װאַקאַציע־וואָכן.

חוהלע פֿלעגט תּמיד דרינגען, אַז ס׳איז נישט מער ווי אַן אָפּנאַרעריי. די לערערס נודיען זיך בלויז און — די קינדער געווינען גאָרנישט פֿון די זומער־קלאַסן. נאָך מער, די תּלמוד־תּורה פֿאַרלירט איר ווערט אין די אויגן פֿון די תּלמידים. די זומער־קלאַסן זענען ביי זיי עפּעס אַ מין „אַפּיקומעניש".

איצט אָבער האָט חוהלע אַריינגענומען צו זיך די רעשטלעך פֿון אַזוי פֿיל קלאַסן, וויפֿל ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. זי האָט אויסגעאַרבעט אַ ספּעציעלן זומער־פּראָגראַם פֿאַר דער „מישענינע" אין יעדן קלאַס, וואָס איז געווען סיי נוצלעך און סיי אַמוזאַנט פֿאַר אַלע קינדער. און חוץ די רעגולערע שעהן אין די קלאַסן האָט חוהלע אַרויסגענומען די קינדער יעדן נאָכמיטאָג אין פּאַרק, אין באָטאַנישן גאָרטן, פֿלעגט פֿאַרברענגען מיט זיי אין שפּילערייען, דערציילן זיי געשיכטעס, לערנען זיי אַביסל באָטאַניק און זאָאָלאָגיע, אויף וויפֿל זיי האָבן געקאָנט פֿאַרנעמען.

אַזוי — יעדן וואָכנטאָג. דעם פֿרישטיק האָט זי אָפּגעכאַפּט אויף שנעל, פֿריער פֿאַר אַלעמען, און די וועטשערע האָט זי אויסגעמיטן, כּדי נישט צו דאַרפֿן זיצן ביים טיש מיטן גאַנצן הויזגעזינט. פֿרייטיק אָוונט און שבת פֿרי, ווען זי האָט דעם פֿאַמיליע־טיש נישט געקאָנט אויסמיידן, איז זי געזעסן ווי אַ נעכטיקע, געגעסן און געטרונקען, האַלטנדיק די אויגן אַריינגעגראָבן אין אַ בוך, און געשוויגן. זי האָט זעלטן אַ וואָרט אויסגערעדט. האָט אימיצער זי געפֿרעגט עפּעס, האָט זי אַן ענטפֿער געטאָן קורץ, און ווידער געשוויגן.

אין איר צימער, בלייבנדיק מיט זיך אַליין, האָט חוהלע זיך רק געגראָבן אין איר צוקונפֿט, געזוכט פֿאַר זיך אַן אויסוועג.

אַז דער בעסטער אויסוועג איז אמונה — דאָס איז ביי איר איצט קיין ספֿק נישט געווען. זי האָט איצט שטאַרק מקנא געווען דעם שואליקן. אים איז גוט. ער האָט אמונה.

אָבער — וואו נעמט מען אַזאַ מין סאָרט אמונה?... אמונה מוז מען פֿאַרמאָגן אין זיך; מ׳קאָן זי נישט באַקומען ערגעץ אויסער זיך...

אין דער „אין־סופֿיקער געטלעכקייט" גלייבט זי, חוהלע, יאָ. נאָר אין אַ „פּערזענלעכן גאָט" קאָן זי נישט גלויבן. ס׳פֿעלט איר די אמונה!...

שואליקס אמונה אין דער פֿילאָזאָפֿיש־קבלהשער געטלעכקייט איז איר נישט קלאָר. קאָן זיין, אַז אים אַליין איז זי אויך נישט זייער קלאָר. ער

גלויבט אפשר טאַקע דערפֿאַר, וואָס פֿאַרשטיין קאָן ער נישט. אָבער ער איז זיכער, אַז ס׳איז פֿאַראַן „השגחת הבורא״, און ס׳איז אים דערפֿאַר גוט...

פֿון די פֿרומע קריסטן איז שוין אָפּגערעדט. זיי גלויבן אַפֿילו אין אַ „גאָטס זון״, און אין דעם „זונס מאַמע״, און אין אַלע „הייליקע״.

אַ קריסטלעך מיידל, למשל, אין איר לאַגע האָט אַ גרייטן וועג — דעם וועג גלייך צו דעם מאָנאַסטיר. זי גיט זיך איבער מיט לייב־און־לעבן צו „גאָטס זון״, צו וועלכן זי ווערט גייסטיק און קערפּערלעך פֿאַר׳קנס׳ט אויף אייביק, און זי ראַטעוועט זיך דערמיט פֿון אַלע אירע צרות און ליידן, און ווערט פּטור פֿון אַלע פֿראַגעס און פּראָבלעמען.

אָבער וואָס איז דער אויסוועג פֿאַר אַזאַ ווי זי, הוהלע? סיידן נאָר אַוועקפֿאָרן קיין ארץ־ישראל און ווערן אַ סטודענטין אין העברעישן אוני־ווערזיטעט! יאָ, סוף זמן וועט זי זיך אָפּזאָגן פֿון איר שטעלע און נאָך די ימים־טובים וועט זי אָפּפֿאָרן. זאָל זי זיך באַראָטן וועגן דעם מיט שוואליקן, אָדער נישט? דערוויַיל נישט. אפשר שפּעטער — ביי אַ געלעגנהייט...

ב

די פּייכטע, פֿאַרעדיקע היץ, וואָס האָט געמאַטערט ניו יאָרק קנאַפּע צוויי וואָכן, האָט מיטאַמאָל אָפּגעלאָזט. אַ פֿריש ווינטל איז אָנגעלאָפֿן פֿון דער שכנישער קאַנאַדע און צעבלאָזן די הייסע לופֿט, ווי מיט פֿעכערס.

הוהלע האָט אין איינעם אַזאַ נאָכמיטאָג זיך געלאָזט פֿאָרן מיט דער סאָבוויי צו דער שטאָט־ביבליאָטעק אויף דער פֿינפֿטער עוועניו. ביי דער פֿערצנטער גאַס, איז זי אַרויס פֿון וואַגאָן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע. זי האָט זיך באַטראַכט, אַז אַ־ין אַזאַ פֿרישן, קילבלעכן נאָכמיטאָג איז אַן עבירה צו זיצן פֿאַרשפּאַרט אין דער סאָבוויי. זי׳ט בעסער גיין צופֿוס און אָטעמען די פֿרישע לופֿט. צייט האָט זי גענוג. איילן זיך האָט זי נישט צו וואָס. וועט זי פּאַמעלעך שפּאַצירן מיט דער פֿינפֿטער עוועניו ביז דער צווייאונפֿערציקסטער גאַס. זי האָט פֿון תמיד אָן ליב געהאַט די לאַנגע, ברייטע פֿינפֿטע עוועניו מער פֿון אַלע אַנדערע גאַסן. אין דער פֿינפֿטער עוועניו ליגט עפּעס אַ מין אַריסטאָקראַטישקייט און באַזאָכטקייט, אַ מין עקזאָטישקייט און עקסצענ־טרישקייט, וואָס מ׳קאָן אין קיין שום אַנדער גאַס נישט געפֿינען. אירע אייגנאַרטיקע צוויי־גאָרנדיקע „באָסעס״ גיבן אויך צו אַ באַזונדער יחוס־דיקייט.. זי האָט ליב געהאַט צו שפּאַצירן דאָרטן, באַטראַכטן די פֿאַרשידענע פֿאַרשוינען, מענער און פֿרויען, אויסטערליש־געקליידטע, וועלכע מ׳באַ־געגנט דאָרט, מיט הינטלעך אויף זילבערנע קייטלעך. עס פֿלעגט זי אַמוזירן צו זען יענע מאָדנע פּוסט־און־פּאַסניקעס, וועלכע דענקען, אַז זיי פֿירן זייערע כלבים, אָבער אין אמתן פֿירן די כ ל ב י ם זייערע באַלעבאַטים...

הוהלע איז אַרויס פֿון דער אונטערערדישער סטאַנציע, זיך געלאָזט

אַריבערגיין יוניאָן־סקווער, געוואָלט אַריינכאַפּן זיך אין דער קאַפעטעריע אויפן ראָג פון פינפטער עוועניו, איבערכאַפּן עפּעס און פון דאָרט זיך לאָזן אויף איר לאַנגן שפּאַציר צו דער ביבליאָטעק.

פאַרבייגייענדיק דעם יוניאָן־סקווער־פּאַרק, האָט זי דערהערט הילכיקע שטימען פון רעדנערס. זי האָט גוט געוואוסט, אַז יענער פּאַרק אויף יוניאָן־סקווער איז אַ פּלאַץ פאַר אַלערליי סאָרטן ליידיקגייערס, אַרבעטסלאָזע, פּויליאַקעס, שלעפּערס, לאָבוסעס, אָפּגעפּאָרענע פּראָסטיטוטקעס, און אויך אינטעליגענטן אָרעמע מיט צעדרייטע מוחות. אַגיטאַטאָרס פון אַלערליי פּאַרטייען און ריכטונגען קלייבן דאָרטן אַרום זיך רעדלעך און דרשענען פאַר זיי.

חוהלע איז אַרויף מיט די שטיינערנע טרעפּ. אַלע בענק אין פּאַרק זענען, ווי תמיד, געווען באַזעצט געדיכט מיט מענער און פרויען, האָרט איינס לעבן אַנדערן. די האָבן געשיילט „פּינאַטס" און געקייעט. י ע נ ע האָבן געשלעפּט „באַנאַנעס" פון פּאַפּירענע זעקלעך און געביסן. אייניקע האָבן פון אונטער די פּאָלעס צוגעטראָגן אַ פלעשל משקה צום מויל און זיך צעקושט דערמיט. און אַנדערע האָבן געהאַלטן זייערע קעפּ אַראָפּגעלאָזט און געכאַפּט אַ דרימל. אין יעדן עק פון פּאַרק זענען געשטאַנען אין ר'עדלעך צוויי גרויסע געזעמלען, קעפּ־אויף־קעפּ, און אין איטלעכן פון די רעדלעך איז אינמיטן געשטאַנען אַ רעדנער און זיך געהיצט.

צוגעקומען צום ערשטן רעדל, האָט חוהלע דערזען אַ הויכן, אויסגעפּאַשעטן פאַרשוין אין די פערציקער מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, מיט פּאַרביקע באַקן, וואָס וואַרפט זיך אין אַלע זייטן מיט האַרטע פויסטן און ריטשעט וועגן די „אינטערנאַציאָנאַלע יידן" און די „זקני ציון", וועלכע ווילן פאַרשקלאַפן די גאַנצע נישט־יידישע וועלט...

צום צווייטן מענטשן־רעדל אין אַנדערן עק פּאַרק האָט זי שוין קיין חשק נישט געהאַט צוצוגיין. זי האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. דאָ האָט זיך איר אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן דאָס פּנים פון דעם רעדנער. אַ טונקל־חנעוודיקער יונגערמאַן, מיט אַ שוואַרצער געדיכטער טשופּרינע, מיט אַ פּנים פון אַ ישיבה־בחור, אַרומגעזוימט מיט אַ דין בערדל, מיט אַ „פּייפּ" אין מויל, וואָס אָט האָט ער פון איר אַ זויג געטאָן רויך און אָט האָט ער מיט איר אַ פאָכע געטאָן אין דער לופט, ווי ר'וואָלט זיך אַליין דיריגירט. ער שטייט און רעדט מיט התלהבות. חוהלע איז צוגעקומען און צוגעלייגט אַן אויער, דערהערט ווי דער יונגערמאַן פייערט אויף דער „קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע", וועלכע שטיצט דעם איטאַליענישן פאַשיזם און דעם דייטשן נאַציזם, און ער צעזינגט זיך מיט די גרעסטע שבחים וועגן דעם סאָוויעטישן גן־עדן און דעם פאָטער פון אַלע פעלקער, דעם גרעסטן חכם

פון אַלע צייטן, חבר סטאַלין, דער איינציקער, וואָס וועט ראַטעווען די מענטשהייט פון אַלע אומרעכטן און פון אַלע ליידן...

דער רעדנער איז איר עפּעס קענטלעך. נאָר דאָס בערדל זיינס לאָזט נישט דערמאָנען ווער ער איז. זי קוקט זיך גוט איין — יאָ, ס׳איז פּינקעל דער לערער! זי האָט געוואוסט, אַז מ׳האָט פּינקלען אָפּגעזאָגט פון זיין תּלמוד־תּורה־שטעלע אין ברוקלין פאַר זיינע „קאָמוניסטישע שטיק״. איז איצט שטייט ער, פּינקעל, און פּרעדיקט קאָמוניזם אויף יוניאָן־סקווער פּראַנק און פריי!

חוהלען האָט געגומען בייסן די צונג. ס׳האָט זיך איר געוואָלט אַריינרוקן אין רעדל און אַ וואָרף טאָן אים אַ בינטל פראַגעס: „זאָג נאָר, פּינקעל, ווי קאָנסטו באַרעכטיקן די מעשים פון דער קאָמוניסטישער „טשעקאַ״, וואָס ברענגט אום טויזנטער און מיליאָנען מענטשן אָן דין און אָן משפּט נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבן אָן אַנדער מיינונג, ווי די וואָס דער דיקטאַטאָר האָט? ווי קאָנסטו, פּינקעל, וואָס ביסט דערצויגן געוואָרן אויפן יידישן באַגריף פון צדק און יושר, אָננעמען אַזאַ סיסטעם, וואָס לויט איר איז יעדער שקר און יעדער פאַרברעך כשר, אַבי צו דערגרייכן דעם ציל פון דער דיקטאַטור?״...

ביי איר אין מוח האָבן זיך געמישט פראַגעס איינע נאָך דער אַנדערער. זי האָט אָבער איצט נישט געהאַט די נייטיקע שטימונג דערצו. זי האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועק צום אַרויסגאַנג פון פּאַרק.

זי איז געגאַנגען און געטראַכט: שטורעמס רוקן זיך אָן אויף דער וועלט. פון איין זייט אַ פאַשיסטיש־נאַצישער שטורעם מיט אַזאַ פינצטערניש, וואָס אַפילו די ערגסטע צייטן פון מיטלאַלטער האָבן אַזאַ נישט געזען. פון דער צווייטער זייט אַ קאָמוניסטישער שטורעם מיט אַזאַ רויטן פלאַם־פייער, וואָס איז עלול צו פאַרברענען אַלע בנינים פון מאָראַל און גערעכטיקייט פון דור־דורות. און דער ייד שטייט אינמיטן. און די היסטאָריע לערנט אונדז, אַז סיי ווען פינצטערניש כאַפּט אַרום די וועלט און סיי ווען פייער צעפלאַקערט זיך איבער דער וועלט, איז דער ייד דער ערשטער קרבן. ווער ווייסט וואָס די צוקונפט וועט ברענגען?...

חוהלע איז צוגעקומען צו דער קאַפעטעריע אויף פערצנטער גאַס און פינפטער עוועניו און איז אַריין אַהין.

ס׳איז געווען אין די מיטאָג־צייט־שעהן. די קאַפעטעריע איז געווען געפּאַקט. ס׳האָט דאָרט גערוישט און געטומלט. חוהלע האָט גענומען אַ טאַץ, איז אַוועק צו די אויטאָמאַטישע פענצטערלעך, איינגעהאַנדלט פאַר זיך שפּייז, אָנגעצאַפּט פאַר זיך קאַווע מיט מילך, און איז אַוועק מיט דער טאַץ אין דער האַנט זוכן פאַר זיך אַ פּלאַץ ביי אַ טיש.

שפּאַנענדיק אַזוי פון איין שורה טישלעך צו דער אַנדערער, איז זי

פאַרבייגעגאַנגען אַ טישל, וואו צוויי יונגע בחורימלעך מיט אָפּגעברענטע פּנימלעך, מיט גערדיכטע טשופּרינעס, איינע אַ בלאָנדע, די צווייטע אַ שאַטינע, מיט צעכראַסטעטע ספּאָרט־העמדלעך, זענען געזעסן איינער אַנטקעגן אַנדערן, און איר אויער האָט אויפגעכאַפּט אַ פּאָר העברעישע ווערטער מיט דער ספרדישער הברה און מיט שאַרפע ריש׳ן. זי האָט זיך גלייך געגעבן אַ שטעל־אָפּ לעבן יענעם טישל און אַ פרעג־געטאָן אין העב־רעיש מיט איר געמאַכטער ספרדישער הברה:

— מעג איך זיך צוזעצן לעבן אייך, חברים?

ביידע האָבן געגעבן אַ ליכטיקן קוק אויף איר, און באַלד געמאַכט פּלאַץ פאַר איר:

— בוואַקאַשאַ, בוואַקאַשאַ, גווערעט!...

און באַלד נאָכן ערשטן טעפּעלע קאַווע האָט שוין חוהלע געוואוסט, אַז די צוויי יונגע בחורימלעך זענען געבוירענע פון ארץ־ישראל, אמתע „צאַברעס", וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקע שטודירן אין אַ קאַליפאָר־ניער אוניווערזיטעט. און די בחורימלעך האָבן געוואוסט שוין, אַז זי, חוהלע, איז אַ העברעישע לערערין, וועלכע קלייבט זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל צו שטודירן אין ירושלימער אוניווערזיטעט.

חוהלע האָט ס׳ערשטע מאָל אין איר לעבן געזען אמתע „צאַברעס". און זי איז איצט דערשטוינט געוואָרן צו הערן מיט וואָס פאַר אַ מין שטאָלץ די צוויי חברהלייט האָבן גערעדט וועגן „א ו נ ד ז ע ר ל אַ נ ד", ווי גלייך ארץ־ישראל וואָלט געווען ווער־ווייסט־וואָס פאַר אַ גרויסע מדינה, און אָט די מדינה וואָלט שוין געווען ביי יידן אין די הענט...

די צוויי יאַדערדיקע „צאַברעס" האָבן זיך געאיילט. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט חוהלען ווי אַלטע באַקאַנטע.

נאָך יענער ערשטער באַגעגעניש אין יוניאָן־סקווער־פּאַרק איז אָט די צווייטע באַגעגעניש אין דער קאַפעטעריע געווען פאַר חוהלען אַ גייסטיקע דערפרישונג, אַן אמתע דערהויבונג. זי האָט נאָכגעקוקט די צוויי בחורימלעך און געטראַכט: „יהי חלקי עמכם" — זאָל מיין גורל זיין פאַרבונדן מיט אייך, ליבע קינדער פון ארץ־ישראל!...

ג

יענעם פרייטיק נאָך דער סעודה האָט שואליק זיך צוגעאיילט מיטן בענטשן, אַ כאַפּ געטאָן דעם „בחינת עולם" פון זיין צימער, האָט אָנגע־קלאַפּט אין חוהלעס טיר, און איז אַריין מיט אַ שמייכל:

— אָטאָ דאָס איז דער ג אַ נ צ ע ר „בחינת עולם", חוהלע...

— אָ, אַ שיינעם דאַנק דיר! — האָט חוהלע, נעמענדיק דאָס ספרל, אַ זאָג געטאָן האַרציק און צופרידן.

— נישטאָ פאַרוואָס צו דאַנקען! — האָט שואליק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — ס׳איז ביי מיר באמת אַ פאַרגעניגן וואָס כ׳האָב עס געפונען פאַר דיר... וואָס איך בין טשיקאַווע צו וויסן, איז ע... וואָס אינטערעסירט דיך עפּעס אַזוי דאָס ספרל... ס׳איז דאָך נאָכאַלעמען אַן אַלטמאָדיש מוסר־ספרל...

חוהלע האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס שואליק שטרייכט אונטער דאָס וואָרט „אַלטמאָדיש". ווי קומט זי, הייסט עס, די ליבהאָבערין פון מאָדערנער ליטעראַטור, צו וועלן לייענען אַן אַלט מוסר־ספרל?... זי האָט פאַרביסן איר אונטערשט ליפּל און געשוויגן אַ ווײַלע. זי וועט דאָך אים נישט גיין דערציילן, אַז דער דאָזיקער פאַרלאַנג אירער איז פאַרבונדן מיט יענעם געוויסן פסוק, וואָס מינץ האָט איר אַנומלטן ציטירט פון דעם ספרל. זי האָט געטאָן אַ פּיקחותדיקן שמייכל און געזאָגט:

— כ׳בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז פּונקט ווי אַ קינד דאַרף אַמאָל כאַפּן אַ פּאָר שמיץ, אַזוי דאַרף אַ דערוואַקסענער מענטש אַמאָל אַריינכאַפּן אַ פּאַרציע מוסר...

— כ׳בין זייער צופרידן דאָס צו הערן פון דיר, חוהלע. ביי מיר שטייט מוסר גאַנץ הויך. אָבער — איך בין דאָך אַ „רעאַקציאָנער", רחמנא ליצלן... — שמייכלט שואליק.

חוהלע האָט אַ שמייכל געטאָן פון זיין שטעכווערטל. און שואליק האָט גערעדט ווייטער:

— מוסר איז געווען איינע פון די שענסטע פאָרמען פון ליטעראַטור ביי יידן פאַר אַ צייט פון עטלעכע דורות. מענער און פרויען פלעגן לייענען מוסר־ספרימלעך. און אָט די דאָזיקע ליטעראַטור האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן איינפלוס אויף דער פאָלקס־מאָראַל. זי איז געווען אַ מין סאָרט „צוים" אין מאָראַלישן זין. די מאָדערנע ליטעראַטור, אָבער, האָט דעם גאַנצן מוסר אַוועקגעוואָרפן, ווי „אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא". אַ שטיק צייט האָבן פאַבלען און משלים מיט אַ „מוסר־השכל" פאַרנומען אַ היפּשן פּלאַץ אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. אָבער אויך אָט די פאָרם איז איצט אַרויס פון דער מאָדע. אַ שאָד. אַ גרויסע שאָד... איך אַליין געדענק זייער גוט פון מיין קינדהייט וואָס פאַר אַ ווירקונג מוסר האָט אויף מיר געהאַט...

— וועגן אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור בין איך מסכים מיט דיר, שואליק, אַז זי האָט זיך צופיל פאַרקוקט אויף דער וועלט־ליטעראַטור. כ׳מיין נישט דערמיט מבטל צו זיין אָדער גרינגשעצן די וועלט־ליטעראַטור. וואָס איך מיין איז, אַז אונדזערע יידישע שרייבער און פּאָעטן שטרעבן צופיל נאָכצומאַכן פרעמדע, און זיי פאַראַכטן דעם אייגענעם יידישן זשאַנער... אונטערן איינפלוס פון דער מאָדערנער ליטעראַטור האָט אונדזער פאָלק בכלל, און די יוגנט בפרט, פאַרוואָרפן דאָס גרעסטע ווערק פון אַלע

צייטן — דעם תנ״ך. אונדזער יוגנט וויל אַפילו קיין העברעיש אָדער יידיש בוך נישט נעמען אין האַנט, און וואַרפט זיך אַרויף מיט אַ באַזונדערן דאָרשט אויף איטלעכן „בעסט־סעלער״ פון נישט־יידישע שרייבער. אָפט זענען עס די יידישע לייענער און די יידישע קריטיקער, וועלכע מאַכן באַרימט אַ נישט־יידישן שרייבער...

— דאָס איז אַ מין „עבודה זרה״ פון אונדזערע מאָדערנע צייטן, חוהלע.

— און געבראַכט דערצו האָט די השכלה־עפּאָכע. די השכלה האָט אפשר געהאַט גוטע כוונות, אָבער אירע מעשים זענען געווען שלעכטע. זי האָט צופיל מבטל געווען דאָס יידישע און צופיל גלאָריפיצירט דאָס וועלט־לעכע. און איצטער, אין אונדזער דור, איז דער ייד קראַנק אויף אַ מין „אינ־פעריאָריטעט־קאָמפּלעקס״, אַ שיפלות־געפיל, און וויל אינגאַנצן אַנטלויפן פון זיך...

— אמת, שואליק. איך טראַכט אויך די לעצטע צייט, אַז אונדזער דור איז ווי דער „דור המדבר״. ער איז פאַרמשפּט. אַ טייל וועט אויסשטאַרבן און אַ טייל וועט זיך אַסימילירן און צעגיין ווי זאַלץ אין וואַסער... אויב עס וועט זיין אַ „שריד כמעט״, אַ קליינע איבערבלייבעכץ, וועט עס זיין נאָר אין דעם נייעם ארץ־ישראל, אויב ס׳וועט אונדז געלונגען אַרויסצורייסן דאָס שטיקעלע לאַנד פון פרעמדע הענט און עס מאַכן אינגאַנצן אונדזערס, אייגנס...

— קיין ספק נישט, אַז ס׳לאַנד וועט זיין אונדזערס! כ׳גלויב באמונה שלימה, אַז די גאולה איז נישט ווייט. ס׳איז נאָר שווער איבערצוטראָגן די „חבלי משיח״, די ליידן פאַר דער גאולה, חוהלע! אין ארץ־ישראל וואַקסט שוין דער „דור הגאולה״. כ׳האָב אים געזען...

— כע־כע... — טוט חוהלע אַ שמייכל — מיר איז גראָד אויך די טעג אויסגעקומען צו זען אַ מוסטער פון דעם גאולה־דור...

— וואו? ווי אַזוי?

— אין אַ קאַפעטעריע. צופעליק. יענעם טאָג איז מיר באַשערט געווען צו האָבן פאַר מיינע אויגןביידע מוסטערן — אי פון דעם „דור המדבר״ און אי פון דעם „דור הגאולה״. אין פּאַרק אויף יוניאָן־סקווער האָב איך פאַרבייגייענדיק דערזען אַ יונגנמאַן, אַ געוועזענעם העברעישן לערער, וועלכער איז געשטאַנען און געדרשנט קאָמוניזם. און ווען כ׳בין אַוועק פון דאָרטן און אַריין אין דער קאַפעטעריע, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן ביי אַ טישל אויף צוויי יונגע בחורימלעך פון ארץ־ישראל, אמתע „צאַברעס״, וואָס זענען געקומען אַהער שטודירן אין קאַליפאָרניער אוניווערזיטעט. ווען כ׳האָב זיך צערעדט מיט זיי, דערהערט זייער יידישן שטאָלץ, זייער הייסע ליבע צום לאַנד און פאָלק, האָב איך מיט פרייד געזאָגט צו זיך: — אָט דער־דאָזיקער דור איז אונדזער איינציקע האָפענונג!...

— יאָ, חוהלע, אוודאי! אָבער — נישט די איינציקע האָפענונג! מיר, טראַדיציע־יידן, זענען נישט אַזוי פּעסימיסטיש. מיר האָבן געזען, אַז „תורת ישראל" האָט אויפגעהאַלטן אונדזער פאָלק אַ סך לענגער, ווי „ארץ־ישראל", מיט יידישקייט וועט דער ייד האָבן אַ קיום אויך אין גלות, און איבערהויפּט אין אַזאַ „גלות" ווי אַמעריקע... אַגב, איך האָב היינט אויך געהאַט אַ זייער אינטערעסאַנטע באַגעגעניש. אַזאַ באַגעגעניש וואָס האָט פאַרשטאַרקט מיין אָפּטימיזם... כ'גיי מיר אַזוי אויף איסט־בראָדוויי. שלאָגט איך זיך אָן אין אַן אַמעריקאַנער יונגמאַן. ער שטעלט מיך אָפּ און זאָגט מיר, אַז איך בין אים שטאַרק באַקאַנט. מיר צערעדן זיך, וויזט זיך אַרויס, אַז מיר זענען טאַקע געוועזענע שכנים פון וואַרשע. און — שטעל דיר פאָר, אַז דער לאַנדסמאַן מיינער איז אין דערהיים געווען אַ הפקר־יונג, וועמען מ'האָט גערופן „מעכעלע דער פּאַצעט", און דאָ איז ער אַ רייכער רויכ־וואַרגער „מיסטער מאַיקעל האָפּקינס"...

— דאָס איז נישט אַזאַ זעלטענער פאַל. פאַראַן דאָ אַזוינע „אויפגעקומענע" אין די טויזנטער... — שלאָגט אים איבער חוהלע.

— כ'ווייס, כ'ווייס. נישט זיין רייכטום האָט מיך איבערראַשט. איבערראַשט האָט מיך דער פאַקט, וואָס פון יענעם אויסוואורף און עם־הארץ פון דערהיים איז דאָ אין אַמעריקע געוואָרן אַן אמתער אינטעליגענטער פאַר־שוין, אַ „דזשענטלמאַן", און דערצו אַ הייסער, נאַציאָנאַלער ייד... זעסטו שוין, אַז מ'טאָר נישט פאַרלירן די האָפענונג אפילו אין גלות!...

חוהלע האָט בשעת־מעשה אַ טראַכט געטאָן: זי האָט דאָך געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט צו הערן שואליקס מיינונג וועגן איר פאָרן קיין ארץ־ישראל. אפשר איז איצט די געלעגנהייט טאַקע.

— איז למשל, שואליק, ווען איך פרעג דיך צי זאָל איך בלייבן אין אַמעריקע, צי זאָל איך פאָרן קיין ארץ־ישראל, וואָס וואָלסטו מיר גע'עצה'ט?... — טוט זי אים אַ פרעג און וויל, אגב, זען וואָס פאַר אַ רושם דאָס מאַכט אויף אים.

— וואָס־זשע, ווילסט דאָרט ווערן אַ „חלוצה", אפשר?...

— איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן אַהין נישט אַלס חלוצה, נאָר אַלס סטודענטין אין העברעישן אוניווערזיטעט אין ירושלים. וואָס דענקסטו, שואליק, וועגן אָט דעם פּלאַן?

— כ'מיין אַז ס'איז זייער אַ גוטער פּלאַן, חוהלע...

— הייסט עס, אַז כ'האָב פון דיר איצט באַקומען סיי אַ „מוסר" און סיי אַן „עצה", שואליק, אַ שיינעם דאַנק דיר...

שואליק האָט דערשפּירט אין טאָן פון אירע לעצטע ווערטער עפּעס ווי אַ מין סאָרט סאַרקאַזם. ער האָט זיך געשראָקן, אַז דער שמועס זאָל

מיטאַמאָל נישט איבערגיין צו פּערזענלעכע ענינים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנטזייגערל און אַ זאָג געטאָן, אויפהייבנדיק זיך:

— אוי־וואַ, טאַקע שוין נאָך צוועלף. זיך היפּשלעך פאַררעדט. צייט צו גיין. שבת־שלום, חוהלע!

— שבת־שלום, שואליק!

ד

שואליק איז מיט שנעלע טריט אַרויס פון צימער און שטיל פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. חוהלען האָט זיך געדאַכט, אַז אין צימער איז פאַר־בליבן נאָך אים עפּעס אַ נאָכבילד, אַ נאָכגלאַנץ.

חוהלע איז געבליבן זיצן אַ היפּשע ווײַלע פאַרטראַכט. בלאָנדזשענדיקע שטיקלעך געדאַנקען האָבן אַרומגעשוועבט ביי איר אין מוח, ווי שטיקלעך כמאַרע אין הימל.

זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן וועקזייגער — שוין באַלד איינס. שלאָפן ווילט זיך איר נישט. ווילן ווילט זיך איר איצט לייענען דעם „בחינת עולם". זי האָט זיך גלייך איבערגעטאָן אין אירע נאַכטקליידער, זיך אַוועקגעלייגט אין בעט מיטן ספרל אין דער האַנט, גענומען בלעטערן, מישן, זוכן, — געוואָלט געפינען דאָרט יענעם גורלדיקן „מאמר", וואָס מינץ האָט איר איבערגעלאָזט אַלס זכר...

אירע בליקן האָבן זיך געגליטשט פון בלעטל צו בלעטל, פון שורה צו שורה, און — אָט האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן אין דעם געזוכטן קאַפּיטל:

„די וועלט איז אַ שטורעמדיקער ים — טיף און ברייט; און די צייט — אַ שלאַבעריקע בריק געבויט איבער אים"...

„דער אָנהייב פון בריק האַלט זיך אויפן שטריק פון אייביקער נישט־דאַאיקייט, און איר סוף — פירט צו דער נישט־דאַאיקער אייביקייט"...

„און דו, מענטשן־קינד, ביסט געצוואונגען צו שפּאַנען אויף אָט דער בריק, ווי שמאָל, ענג, און סכנותדיק דער וועג איז"...

„דו זעסט דיין אונטערגאַנג פאַר דיינע אויגן און אַנטרינען קאָנסטו נישט, נישט רעכטס, נישט לינקס"...

חוהלע האָט פאַרמאַכט די אויגן און אין געדאַנק געזען אַלץ: דעם שטורעמדיקן ים, די שלאַבעריקע בריק, די טיפע אָפּגרונטן, און — ז י ך אַליין אינמיטן.

צו וואָס אָט דער גאַנצער פיינלעכער גאַנג איבער דער בריק אָן אַ צוועק און אָן אַ תכלית?... דער מענטש איז טאַקע אומבאַהאָלפן, ער ווערט איבערגעוואָלד אַרויסגעשליידערט אויף דער לעבנס־בריק. אָבער — פּטור ווערן פון אָט דעם זינלאָזן שפּאַציר קאָן ער זיך דאָך יאָ אַליין העלפן...
אַזוי גרינג זיך אַריבערצוכאַפּן אויף „יענער זייט" און אויס מיט אַלץ —

אויס פּראָבלעמען און אויסליידן, אויס האָפענונג און אויס פאַרצווייפלונג. ס׳וואָלט זיך אַ טומל געטאָן צווישן אירע באַקאַנטע און — באַלד פאַר־געסן געוואָרן, גלייך ווי קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען. אָט, ווי ס׳פאַלט אַריין אַ שטיינדל אין אַ טייכל — ס׳ווערט דערפון אַ רינג אין וואַסער אויף אַ ווײַלע, און באַלד ווערט דער רינג צעשוואומען און ס׳וואַסער פליסט זיך ווייטער ווי פריער...

חוהלע טוט זיך אַ כאַפּ: ווער טראַכט עס אָט דידאַזיקע רעזיגנאַציע־מחשבות אין איר — זי אַליין, אָדער עפּעס אַ פאַרבאָרגענער לץ אין איר?... ווי קומט זי, חוהלע הערשקאָוויטש, צו אַזוינע שאָפּענהויעריש־פּעסימיסטישע מחשבות?... מ י נ ץ! אָבער, איז דען דער מינץ דער איינציקער זייל, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען איר וועלט, און אָן אים מוז איר וועלט אומפאַלן, חרוב ווערן?... געוויס האָט זי אים ליב געהאַט און געוואָלט בויען מיט אים איר וועלט. אָבער איצט זעט זי ווי פאַרבלענדט זי איז געווען. אַזוי פאַרבלענדט, אַז — זי האָט צוליב דעם קאַלטן, פלעגמאַטישן מינצן געקאָנט אָפּשטויסן פון זיך אַזאַ ליבלעכן, האַרציקן בחור, ווי דעם שואליקן!...

ס׳האָט חוהלען אַ שטאַרקן צופּ געטאָן ביים האַרצן. זי האָט זיך אַ נעם געטאָן צוריק צום ספרל. זי האָט ווידער געמישט און געלייענט:

„מיין קלאָג איז אויף מיינע אייגענע מעשים, אויף די טועכצן פון מיינע אייגענע הענט, איז ווי קאָן איך שרייען און געוואַלדעווען אויף דעם גורל?”...

„און אויב איך אַליין פאַרמייד פון זיך דאָס, וואָס איז גוט פאַר מיר, — וואָס קאָנסטו, באַשעפער, דאָן מיר געבן?”...

חוהלע האָט זיך פאַרטראַכט: ווי ריכטיק דאָס איז. זי אַליין איז די סיבה פון איר איצטיקער לאַגע. טיף אין האַרצן ביי זיך קאָן זי דאָך נישט לייקענען, אַז זי האָט שואליקן געגלוסט פון דעם ערשטן קוש זיינעם, וואָס ער האָט איר געגעבן. זיינע שפּעטערדיקע קושן האָבן נאָך מער צעברענט איר גלוסטעניש נאָך זיי. זי האָט זיי געגאַרט, געבענקט נאָך זיי... דער איינציקער אָפּהאַלט איז נאָר געווען, וואָס זי האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ זינד. אַ דאָפּלטע זינד. אַ זינד קעגן מינצן, וועלכן זי האָט געהאַלטן אַלס איר לעבנס־אידעאַל, און אַ זינד קעגן שואליקן, וועלכן זי האָט געמאַכט פאַר אַ שפּילצייג...

אַצינדערט זעט זי סאַראַ טעות זי האָט געמאַכט. מינץ האָט זיך אַרויסגעוויזן, לויטן תנכ׳ישן אויסדרוק, אַלס „אַן אָנשפּאַר אויף אַ צעבראָ־כענעם שטעקן”, און שואליקן האָט זי בידים דערווייטערט פון זיך אויף שטענדיק, אויף שטענדיק...

אַ זיפץ האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן: ווי דער שואליק האָט זיך איצט געהאַלטן פרעמד. ווי ער האָט עס אַזוי שנעל אָפּגעהאַקט דעם שמועס און זיך אַרויסגערוקט פון איר צימער.

חוהלען איז איבערגעגאַנגען אַ ציטער איבערן לייב. זי האָט זיך געמומען טיף איינגיורען אין איר בעטגעוואַנט: אַ, שואליק! ווי שיין, ווי חנעווידיק, ווי קלוג, ווי איידל, דער שואליק איז! וואָס וואָלט זי איצט נישט געגעבן פאַר זיין איינאיינציקן קוש, יענעם הייסן, געשמאַקן, נאַיוון קוש שואליקס... איז ער פאַר איר טאַקע פאַרלוירן אויף אייביק, אָדער קאָן זי אים נאָכאַמאָל צוריק באַקומען?...

ס׳האַרץ האָט איר אַ נאַג־געטאָן: ווי נאַריש ס׳איז געווען פון איר צו קוקן אויף שואליקן ווי אויף אַ „פינצטערלינג״. ער איז באמת אַן איבער־צייגטער טראַדיציאָנעלער מענטש, אַ מיסטיקער מיט אַן אייגענעם וועלט־באַנעם!...

חוהלע האָט זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן צום ספרל. זי האָט געשלונגען איין בלעטל נאָכן צווייטן.

זי האָט צוריק אויפגעמישט דאָס שער־בלעטל, געקוקט אויפן נאָמען פון מחבר — י ד ע י ה ה פ נ י נ י, און זיך פאַרקלערט: וואָס איז ער געווען, דער ידעיה הפניני — אַ מאָראַליסט? אַ פּאָעט? אַ טראַדיציאָנאַליסט? אַ מיסטיקער? אַ פילאָזאָף? — לויט אָט דעם ספרל זיינעם איז ער געווען אַלץ איינאיינעם...

— כע־כע!... — האָט זיך חוהלע אָנגענעם צעשמייכלט — ווען מ׳שטעלט אַוועק אָט די צוויי פּאַרשוינען — דעם י ד ע י ה ה פ נ י נ י און דעם ש ו א ל י ק ה ר ־ ש ל ו ם — איינעם לעבן אַנדערן, כ׳לעבן, אַז זיי וואָלטן אויסגעקוקט ווי אַ צווילינג, ענלעך ווי איין מאַמע וואָלט זיי געבוירן!...

זי האָט צוגעטוליעט דאָס ספרל צום האַרצן:

— אפשר איז דאָס טאַקע די סיבה, וואָס שואליק האָט געזוכט און געפונען פאַר איר אָט דאָס דאָזיקע ספרל? אפשר האָט ער געוואָלט, אַז זי זאָל דורך דעם „ידעיה הפניני״ בעסער קאָנען פאַרשטיין אים, שואליקן אַליין? זאָל עס מעגלעך זיין, אַז שואליק האָט זי ליב? עס גלויבט זיך איר נישט! זי קען גוט אָט דעם שואליקן און ווייסט, אַז בטבע איז ער זייער אויפריכטיק. און ווען ביי אים זאָל טליען עפּעס אַ פונק פון ליבע צו איר, וואָלט ער דאָס נישט באַהאַלטן, נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט עס אַרויסצו־ווייזן. אָט האָט ער דאָך איצט געהאַט אַזאַ געלעגנהייט, און — קיין סימן, קיין רמז־דרמיזא נישט...

חוהלע האָט אַ שטאַרק מידע אַ קוק געטאָן אויפן וועקזייגער — שוין האַלב־נאָך־דריי. זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס ספרל אויפן נאַכט־טישל, צוגעשלאָסן די אויגן:

— יאָ, דער איינציקער וועג אירער פירט נ אָ ר קיין ארץ־ישראל! — —

קאַפּיטל דריי

א

מוצאי־שבת נאָך הבדלה. שמואל־הערש אין שבתדיקן לוסטר'ינענעם כורדוט, מיט דער יאַרמאַלקע אויפן קאָפּ, מיט די דיקע שפּאַקולן אויף דער נאָז, איז געזעסן אין עס־צימער אויבנאָן ביים טיש, זיך צוגעשאָקלט פּאַמעלעך איבערן אָפענעם סידור, און מיט זיינע דיק־פליישיקע ליפּן געברומט די מוצאי־שבתדיקע זמירות.

כאַנציע איז געזעסן אויף אַ ווייכער שטיל מיט די פיס אויף אַ פוס־בענקעלע און ביים ליכט פון אַ שטייענדיקן לאָמפּ מיט אַ גרויסן אַבאַ־זשור געלייענט דעם „טאַגעבלאַט".

חוהלע איז געזעסן אויף אַ צווייטער ווייכער שטול און געלייענט אַ נײַ ענגליש בוך פון דעם בעל־תשובהדיקן ענגליש־יידישן שרייבער לודוויק לואיסאָן, אין וועלכן זי איז איצט געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט.

אַלע דריי האָבן געוואַרט אויף דער פרישער שבתצונאַכטיקער טיי. אין קיך אויפן אויוון איז געשטאַנען אַ גרויסער טשייניק מיט וואַסער, וואָס כאַנציע האָט ערשט נישט־לאַנג אַוועקגעשטעלט, און געוואַרט, אַז דאָס וואַסער זאָל פאַרזידן.

שואליק איז נאָך נישט געהאַט צוריקגעקומען פון שול. אין דער „יאַנג איזראַעל"־שול האָט זיך דער „שלש סעודות" פאַרצויגן שפּעט, און טאַקע צוליב אים, שואליקן. חברה איז צוגעשטאַנען צו אים, „דעם מקובל", ווי זיי האָבן אים גערופן, צו זאָגן אַ ביסל „תורה" ביים טיש. שואליק אַליין, און מיט אים אויך דער גאַנצער עולם, האָבן זיך פאַרגעסן און נישט באַמערקט, אַז דער שבת איז שוין לאַנג אַוועק.

אין פראַנט פון שמואל־הערשס הויז אויף הענרי־סטריט האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ נייער, שוואַרץ־גלאַנצנדיקער „ביואיק". אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אין אַ בלויען, זומערדיק־גרינגן גאַבאַרדין־אַנצוג, אָן אַ הוט, מיט אַ שוואַרץ־געקרייזלטן קאָפּ האָר, מיט שמאָלינקע „האָלי־וואוד־וואָנצעלעך", איז אַרויס פון דער מאַשין, אַריין אין פירהויז און אָנגעקלונגען אין שמואל־הערשס טיר.

כאַנציע איז געגאַנגען עפענען די טיר. דער יונגערמאַן האָט פון יענער זייט שוועל זיך פאַרנייגט מיט אַ ליבלעכן שמייכל:

— אַ גוטע וואָך אייך!

— אַ גוט יאָר!

— איז אייער „באָרדער" שואליק פרידבערג, כ'מיין הר־שלום, איני־דערהיים?

— ניין. נאָך פון שול נישט געקומען.

— מעג איך אַריינקומען און צואוואַרטן אויף אים?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. קומט אַריין!

דער יונגערמאַן איז אַריין אין עס־צימער, זיך פאַרנייגט און זיך פאָר־געשטעלט:

— מיין נאָמען איז מאַיקעל האַפּקינס. שואַליקס אַ לאַנדסמאַן. כ'האָב מיט אים אַן „אַפּאָינטמענט" אויף היינט נאָך הבדלה...

שמואל־הערש האָט אַ הייב־געטאָן זיינע דיקע שפּאָקולן אויפן יונגנמאַן און אים דערלאַנגט אַ „שלום־עליכם".

כאַנציע האָט דערהערט דעם שאַרפן־לאַנגן פּייף פון דעם זידנדיקן טשייניק אין קיך און איז אַוועק אַהין שנעל איינצודרייען ס'פייער אויפן גאַז־ברענער.

חוהלע האָט גאַסטפריינטלעך אַ וויז געטאָן דעם יונגנמאַן אויף אַ בענקל ביים טיש:

— זעצט זיך צו, מיסטער האַפּקינס! מיסטער הר־שלום וועט געוויס באַלד אָנקומען...

— אַ שיינעם דאַנק, מיסס?...

— מיס הערשקאָוויטש! — האָט אים חוהלע אַרויסגעהאָלפן.

— איר האָט גאַנץ שנעל געכאַפּט מיין נאָמען, מיס הערשקאָוויטש, גלייך איר וואָלט אים שוין פון פריער האָבן געהערט...

— ריכטיק. כ'האָב אייער נאָמען פריער געהערט פון שואַל... פון מיסטער הר־שלום.

— ער האָט אייך דערציילט וועגן אונדזער אומגעריכטער באַגעגעניש אין גאַס?

— יאָ, מיסטער האַפּקינס — שמייכלט חוהלע — ער האָט וועגן דער באַגעגעניש אייערער גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג...

כאַנציע איז אַריין פון קיך מיט אַ טאַץ, אויף וועלכער ס'איז געשטאַ־נען אַ פּושקע צוקער, אַ שאָל מיט שטיקלעך לימענע, צוויי גלעזער און צוויי טעפּעלעך מיט פאַרעדיקער טיי.

— אַנטשולדיקט, וואָס כ'שלאָג אייך איבער, מיסטער. כ'וויל איר זאָלט טרינקען מיט אונדז אַ גלעזעלע טיי...

— אַ שיינעם דאַנק מיסעס הערשקאָוויטש, פון גוטער קאָמפּאַניע שטיי איך קיינמאָל נישט אָפּ...

חוהלע האָט זיך איבערגעזעצט אויף אַ בענקל ביים טיש, נישט וויט פון גאַסט. כאַנציע האָט זיך אויך געזעצט ביים טיש.

— ווייסט איר כאָטש, מיסעס הערשקאָוויטש, — מאַכט מאַיקעל — ווען איר האָט פאַר אַ „באָרדער"?...

— מיר ווייסן אַזוי פּיל וויפל ס׳איז מעגלעך צו וויסן אין דער קורצער צייט. ער קוקט אויס צו זיין אַ פיינער יונגערמאַן...

— אַ, זיין משפחה איז דאָך גאָלע „זייד״. זיין פאָטער — אַ צדיק. זיין מוטער — אַ צדקת. אַלע אין גאַס האָבן ליב געהאַט די פרידבערגס. קיין גבירים נישט געווען, אָבער גאָלדענע הערצער געהאַט, געגעבן „צדקה בסתר״... און דער שואליקל — אַ תכשיט פון קינדוויז אָן...

— טאָקע נישט געוואוסט, — מאַכט כאַנציע, דערדריקנדיק אַ זיפץ — הר־שלום אַליין רעדט קיינמאָל נישט פון זיין יחוס.

— כ׳קאָן אייך גאַרנישט איבערגעבן סאַראַ גרויסע פרייד ס׳איז געווען ביי מיר צו באַגעגענען זיך מיט שואליקן דאָ אין אַמעריקע.

חוהלע האָט אַ שמייכל געטאָן מיט אַזאַ מינע, וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן צופרידנקייט און אומעטיקייט.

מאַיקעל האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו חוהלען אין ענגליש:

— דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך אינדערהיים נישט געוואָגט צו חברן זיך מיט שואליקלען. ערשטנס, בין איך אַ סך עלטער פון אים... צווייטנס, בין איך געווען אַ שניידער־יינגל, און ער אַ „לערנער״. אָבער — דאָ אין אַמעריקע איז עפּעס אַנדערש. אַמעריקע האָט דאָך אין זיך די אייגנשאַפט, וואָס פונקט ווי זי קאָן דערווייטערן נאָענטע, אַזוי קאָן זי אויך דערנענטערן ווייטע...

— זייער אַ געלונגענע כאַראַקטעריסטיק!... — קאָמפּלימענטירט אים חוהלע.

די טיר האָט זיך געעפנט, שואליק איז אַריין און באַגריסט אַלע זייער אויפגעלייגט:

— אַ גוטע וואָך, אַ פריילעכע וואָך!...

ער האָט דערלאַנגט מאַיקלען די האַנט גוטברודעריש:

— כ׳האָב דערקענט דיין אויטאָמאָביל אינדרויסן. דו׳סט מיר אַנט־שולדיקן, מאַיקעל, וואָס כ׳האָב זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט אין שול!

— ס׳אַלרייט.

— איר זענט שוין באַקענט? — טוט שואליק אַ פיר מיט דער האַנט אויף אַלע אין עס־צימער ביים טיש.

— יאָ! כ׳האָב שוין דעם פאַרגעניגן! מיר האָבן שוין אַפילו באַוויזן צו רעדן אַביסל לשון־הרע וועגן דיר, שואליקל!... — שמייכלט מאַיקעל.

— נו, זעצט זיך אַוועק, שואליק, וועט איר טרינקען טיי! — טוט כאַנציע אַ זאָג.

— ניין, אַ דאַנק, מיסעס הערשקאָוויטש. מיר דאַרפן גלייך גיין צו אַ „סאָסייעטי״־מיטינג״. איכ׳ל בלויז אַריינלויפן אין מיין צימער אויף אַ מינוט־צוויי.

ווען שואליק איז אוועק צו זיך, האָט מאַיקעל, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, און נאָכמער פאַר חוהלען, אַ זאָג געטאָן אין ענגליש:

— אפשר וועט איר אויך מיט אונדז מיטגיין מיס הערשקאָוויטש?... ס'וועט זיין ביי אונדז אַ גרויסער פאַרגעניגן...

— וואָס האָב איך דען צו טאָן ביי אַ פרעמדן סאָסייעטי־מיטינג? — טוט חוהלע זיך אַ קנייטש מיט אַ שמייכעלע, נישט אָפּזאָגנדיק פונדעסטוועגן.

— אַ, מיר'ן לאַנג ביים מיטינג נישט זיצן. ס'איז דער שלוס־מיטינג פון יאָר. כ'וויל בלויז באַקענען דעם עולם מיט שואליקלען — דאָס אַלץ. נאָכן מיטינג וועלן מיר אַלע דריי אַרויסגיין ערגעץ פאַרברענגען אַביסל.

חוהלע האָט זיך געקווענקלט. כאַנציע האָט אונטערגעכאַפּט:

— פאַרוואָס נישט, חוהלע? גיי־גיי. פאַרט היימישע מענטשן!...

ב

דער אָוונט איז געווען אַ מילדער. די לופט אַ לויטער־ריינע. פון איסט־ריווער האָט אַ גרינג־לינד ווינטעלע געוויעט. דער פּאַס הימל איבער הענרי־סטריט איז געהאַנגען מילכדיק־ווייס, אויסגעשטערנט־בלאַס. די גאַס איז געווען מוצאי־שבתדיק רוישיק. אויף די טראָטואַרן איז געווען אַ געמיש פון האַלב־שבתדיקע, האַלב־וואָכעדיקע יידן און יידענעס.

אַרויס פון הויז, האָט מאַיקעל גענומען דזשענטלמעניש חוהלען געאָ־רעמט, און זי אַריינגעזעצט אין דעם אויטאָמאָביל.

אַלע דריי זענען געזעסן אין „פראָנט". חוהלע — אינמיטן.

דער מיטינג איז געווען זייער אַ לעבעדיקער, נאָר אַ קורצער. מאַיקעל האָט פאָרגעשטעלט שואליקן. דער עולם האָט דעם גאַסט אויפגענומען מיט באַגייסטערונג.

פאַרנדיק פון מיטינג, האָט מאַיקעל פאָרגעשלאָגן צו גיין צו אַ מיט־נאַכט־פאַרשטעלונג אויף בראָדוויי.

שואליק האָט זיך גלייך אָפּגעזאָגט:

— ליידער קאָן איך נישט מיטגיין. אין אונדזער „הייליקן שאַפּ" איז איצט זייער „ביזי". כ'מוז אויפשטיין גאַנצפרי צו דער אַרבעט. און ווען כ'שלאָף זיך נישט אויס, בין איך אַ „פגר"...

— אָבער איר, מיס הערשקאָוויטש? טוט מאַיקעל זיך אַ ווענד צו חוהלען — איר דאַרפט דאָך מסתמא נישט אויפשטיין גאַנצפרי. „האַו אַבאַוט איט", הע?...

חוהלע האָט געגעבן אַ פאַרבייס דאָס אונטערשטע ליפּל און געזאָגט:

— ס'איז אפשר אַ גוטע „אידייע"...

— געוויס. געוויס. גייט און פאַרברענגט!... — גיט זיי שואליק צו קוראַזש.

מאַיקעל האָט שואַליקן אָפּגעפּירט אַהיים, און ער איז מיט חוהלען אַוועקגעפאָרן ווייטער. געפאָרן איז מאַיקעל מיט קאַנאַל־סטריט אַרויף און פאַרקירעוועט צו פאַרסייט־סטריט.

חוהלען איז אָט דער דורכפאָר געווען זייער אָנגענעם. איר איז נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען דורכצופאָרן זיך אין אַזאַ רייכן אויטאָמאָביל. מיט „טעקסיס", פאַרשטייט זיך, איז זי שוין געפאָרן אַ סך מאָל. אָבער טעקסיס, אפילו די בעסטע, שמעקן מיט פרעמדקייט און עלנטקייט. איצט פאָרט זי ס'ערשטע מאָל אין אַ פּריוואַטן, רייכן אויטאָמאָביל, וואָס שמעקט מיט היימישקייט, געמיטלעכקייט, פאַרגעניגן. אַזאַ פאַרגעניגן האָט זי נאָך נישט פאַרזוכט...

נאָר אָט האָט זיך דער אויטאָמאָביל פאַרבייגעטראָגן פּאַזע דעם פאַרסייט־סטריט־פּאַרקל, און חוהלען האָט ווי געטאָן אַ ציטער אין האַרצן. ס'האָט זיך איר דערמאָנט יענער אָוונט מיט מינצן דאָ אין דעם פּאַרקל. זי האָט נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט ווי ערנסט מינצס אָנצוהערעניש איז געווען. איצט ווייסט זי שוין גוט וואָס מינץ איז אויסן געווען. אוי־אוי, ווייסט זי...

חוהלע האָט זיך פאַרגעסן און נישט באַמערקט דעם טיפן זיפץ, וואָס האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן.

מאַיקעל האָט איר זיפץ יאָ באַמערקט און ס'האָט אים הנאה געטאָן. אַ זיפץ פון אַ פרוי אין דער אָנוועזנהייט פון אַ מאַן באַטייט אָפט זייער־זייער פיל. ר'ווייסט עס פון לאַנג שוין...

די טראַפיק־ליכט אויף דילענסי־סטריט האָבן זיך געביטן אויף רויט. מאַיקעל האָט די מאַשין אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן פאַרגנבעט אויף חוהלען און אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז נאָך פרי, מיס הערשקאָוויטש. אפשר דערוווילע זיך אַרייננכאַפּן ערגעץ אויסטרינקען אַ „טשאָקאָלאַד־מאָלטעד" אָדער אַ טעפּעלע קאַווע, האַ?...

— אָלרייט. כ'ווייס נישט ווי איר, מיסטער האָפּקינס, נאָר איך „פיל" ווי צו טרינקען אַ שטאַרקע קאַווע איצט!...

מאַיקעל איז אַרויף אויף סעקאַנד עוועניו, פאַרזיכטיק אָפּגעשטעלט די מאַשיןביים טראָטואַר, און גענומען שפּאַנען מיט חוהלען געאָרעמט צו דער „ראָיאַל קאַפע".

— איר'נט שוין אַמאָל געווען אין „ראָיאַל קאַפע"?

— קיינמאָל קיין געלעגנהייט נישט געהאַט.

— דאָ קומען זיך דאָך צונויף אַלע שרייבער, קינסטלער, אַקטיאָרן. זיי זענען אַריין אין קאַפע. אַלע טישלעך זענען געווען באַזעצט מיט

רויכערנדיקע פאַרשוינען. ביי די טישלעך האָט מען הילכיק־היציק דיסקו־
טירט און געלאַכט.

מאַיקעל האָט געפונען אַ טישל אין אַ ווינקל. ער מיט חוהלען האָבן
זיך אַוועקגעזעצט, אַ ווײַלע געקוקט נייגעריק און דערקענט צווישן עולם
באַוואוסטע שרייבער און אַקטיאָרן. דער קעלנער איז צוגעקומען. מאַיקעל
האָט באַשטעלט קאַווע און צובייסן.

טרינקנדיק די קאַווע, האָט מאַיקעל אַריינגעקוקט חוהלען גלייך אין
פנים און געזאָגט:

— אפשר נישט טאַקטיש פון מיר, מיס הערשקאָוויטש. אָבער ע... מעג
איך וויסן וואָס אייער פּראָפעסיע איז?...

— פאַרוואָס נישט? איך בין אַ העברעישע לערערין!

— אָ, זייער שיין! אַן אַמעריקאַנער מיידל אַ העברעישע לערערין!

— פאַרשטייט זיך, נישט צוליב קאַריערע, נאָר צוליב אידעאַל! —
מאַכט הוהלע מיט אַ שמייכל.

— אויסגעצייכנט. ס'איז באמת אַ כבוד פאַרן אַמעריקאַנער יידנטום!
גוט צו וויסן, אַז ס'זענען פאַראַן ביי אונדז אויך „אידעאַליסטן", נישט נאָר
אַזעלכע „קאַריעריסטן", ווי איך און מיינסגלייכן...

מאַיקעל האָט גענומען דערציילן וואָס פאַר אַ „פאַרשוין" ער איז געווען
אין וואַרשע און ווי ער איז געוואָרן אַ „קאַריעריסט" דאָ אין ניו יאָרק.

די אָפנהאַרציקייט און דער הומאָריסטישער שטייגער, מיט וועלכן
מאַיקעל האָט פאַר איר געשילדערט זיין ביאָגראַפיע, איז חוהלען שטאַרק
געפעלן געוואָרן. זי האָט באַקומען קוראַזש און אַ שטעל־געטאָן מאַיקלען
אַ געוואַגטע פראַגע:

— איז ווי קומט עס וואָס אַזאַ לעבעדיקער און פעיקער בחור, ווי
איר, איז נאָך געבליבן זיצן אַ „בעטשעלאָר"?...

— ווייזט אויס, אַז פון הימל האָט מען מיר נאָך נישט צוגעשיקט מיין
זיווג! — שמייכלט מאַיקעל.

— איר גלויבט טאַקע אין זיווג, מיסטער האָפּקינס?...

— אין אמתן האָב איך זיך אין אָט דער פילאָזאָפיע נישט פאַרטיפט.
די פילאָזאָפיע לאָז איך פאַר מענטשן מיט גרעסערע מוחות, ווי מיינער...

— באַשיידנקייט איז זייער אַ שיינע מידה...

— ס'איז דער ריינער אמת, מיס הערשקאָוויטש! נאָר איר'ט דאָך מיר
געשטעלט אַ האַרבע פראַגע, מוז איך אייך אויסזאָגן נאָך אַן אמת. כ'האָב
שוין געהאַט אַ סך, אַ סך מיידלעך, מיט וועלכע כ'האָב געהאַפּט צו טיילן
מיין לעבן. כ'האָב זיך אָבער אַלעמאָל אַנטוישט. אַ שווער פּראָבלעם...

דער שמועס איז געוואָרן אינטימער, זיך פאַרצויגן ביז שפּעט. מאַיקעל
האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָר־וואָ, פּאַר אַ פאַרשטעלונג איז שוין שפּעט!... אפשר זיך אַריינ־כאַפּן אין אַ נאַכט־קלוב, מיס הערשקאָוויטש, האַ?

— כ׳בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אין אַ נאַכט־קלוב, און כ׳ווייס אַפילו נישט „מיט וואָס מ׳עסט עס״... — שמייכלט חוהלע.

— איך בין אויך נישט קיין נאַכט־קלוב־גייער. אָבער — לאָמיר „פּייערן״ אונדזער באַקאַנטשאַפט מיט אמתער הנאה. אָלרייט?

חוהלע האָט פאַרביסן איר אונטערשט ליפּל. ס׳האַרץ האָט איר אַ טיאַכקע געטאָן. דער פאָרשלאָג מאַיקעלס האָט זי אַ רייץ געטאָן. זי האָט דערפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג זיך צו גיבן אַ רייס־אַרויס פון איר דערשלאָגענעם געמיטצושטאַנד פון די לעצטע עטלעכע וואָכן. ס׳האָט זיך אין איר דער־וועקט אַ חשק אַ לעב צו טאָן פריי, אומגעצוימט. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— אָלרייט. לאָמיר גיין!...

דער נאַכט־קלוב איז געווען איינער פון די רייכסטע און פריילעכסטע. די מוזיק־טענער — הייסע, פלאַמענדיקע. די אַטמאָספער — אַ רייצנדיקע, אַ באַרוישנדיקע.

דער רייך־אויסגעפּוצטער עולם, יונגעלייט מיט תאוהדיק־פאַרשיכורטע אויגן און יונגע פרויען מיט אַנטבלויזטע פּלייצעס און בריסטן, האָבן נאַכן עסן זיך אַוועקגעלאָזט פאַרלעכוויז, צעשטורעמטע און צעברויזטע, צע־פלאַמטע און צעפלאַקערטע, אין אַ ווילדער, וואַקכאַנאַלישער טאַנצעריי.

חוהלע איז געזעסן ביים טישל, געקוקט און געשטוינט. זי האָט נאָך אַזאַ הפקרות נישט געזען.

— מיס הערשקאָוויטש???... — טוט מאַיקעל אַ שטעל־אויס אַן איינגעבויגענע האַנט, ווי אַ האַלבער בייגל, און קוקט חוהלען אַריין אין די אויגן, ווי איינער רעדט: ווועלן מיר אויך כאַפּן אַ טענצל?...

— וואָאָאָס?... אין אָט דעמדאָזיקן ווילדן וויכער?... — טוט חוהלע אַ זשמורע מיט אירע אייגלעך — ס׳דאָך עקלדיק... עס דערמאָנט מיך אין די ווערטער פון דעם נביא: „זיי אַלע ברענען פון תאוה, ווי אַ ברענענדיקער בעקער־אויוון״ — פע...

מאַיקעלס פּנים האָט זיך פאַרגאָסן מיט רויטן. ר׳האָט זיך פאַרשעמט, און ווי אַ פאַרשולדיקטער אַ זאָג געטאָן שטיל:

— ס׳טוט מיר זייער לייד, מיס הערשקאָוויטש. געווען אַ גרויס נאַריש־קייט פון מיר אייך צו ברענגען אַהערצו!...

ג.

מאַיקעל און חוהלע זענען אַרויס פון נאַכט־קלוב שווייגנדיקע. מאַיקעל האָט אַ נעם געטאָן חוהלען אונטערן אָרעם און זי אַריבערגעפירט די גאַס צו זיין „ביואיק״. ער איז געווען צעטומלט. ער האָט שנעל גענומען טאַפּן

און זוכן די שליסעלעך פון דער מאַשין אין אַלע קעשענעס און זיי נישט געקאָנט געפינען. אָנגעסטן האָבן אים באַשלאָגן. ער האָט נערוועז געמורמלען צו זיך אַליין:

— אָ, גאָש! וואו האָב איך אַהינגעטאָן די שליסעלעך? האָב איך זיי פאַרלוירן? אָדער אפשר גאָר איבערגעלאָזט זיי דאָרטן אינעווייניק אויפן טיש?...

ער האָט זיך געלאָזט צוריק, און אַלץ געטאַפּט און געזוכט אין זיינע קעשענעס. ענדלעך האָט ער אָנגעטאַפּט די שליסעלעך אין אַ הינטערשטער הויזן־קעשענע, און ער איז צו צוריק צו דער מאַשין. ער האָט אויפגעשלאָסן די רעכטע טיר און דזשענטלמעניש אריינגעזעצט חוהלען אין „פראָנט". באַלד איז ער אַוועק אין דער צווייטער זייט, אויפגעשלאָסן די לינקע טיר און זיך אַריינגעזעצט ביים קער־רעדל.

געלאָזט גיין דעם מאָטאָר, אויפגעעפנט דאָס פענצטער אין זיין זייט, האָט מאַיקעל געטאָן אַ גרינג־גרינג הוסטל און אַ פרעג געטאָן זייער געלאַסן:

— וואָלט איר אפשר וועלן, מיס הערשקאָוויטש, זיך דורכפאָרן אַביסל אויף דער פינפטער עוועניו?...

— ניין, אַ שיינעם דאַנק, מיסטער האָפּקינס.

— די לופט איז זייער פריש איצט...

— כ'בין מיד. כ'וויל בעסער פאָרן גלייך אַהיים.

— אָלרייט, מיס הערשקאָוויטש!

מאַיקעל האָט גענומען טרייבן די מאַשין אויף בראָדוויי, אַראָפּ־שטאָט, אָפּצופירן חוהלען אַהיים.

חוהלע האָט געקוקט אויף די סילועטן פון די הויכע מויערן, וואָס זענען געלאָפן דער מאַשין אַנטקעגן. מאַיקעל האָט געהאַלטן זיינע אויגן אויפן וועג. ביידע האָבן געשוויגן.

דאָס שווייגעניש האָט זיך געצויגן אויף אַ היפשער שטרעקע. מאַיקעל האָט געוואוסט, אַז ע ר דאַרף עפּעס זאָגן. זיך אַנטשולדיקן פאַר חוהלען.

— כ'שטעל זיך פאָר, מיס הערשקאָוויטש, וואָס איר טראַכט איצט וועגן מיר. עפּעס אַן אויסוואורף, אַ הפקר־בחור... — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— פאַרוואָס זאָל איך אַזוי טראַכטן?

— איך אויף אייער אָרט וואָלט אויך אַזוי געטראַכט.

— כ'בין זיכער, אַז אייער כוונה איז געווען אַ גוטע.

— יאָ, איך וואָלט אָבער באַדאַרפט געוווען פאַרשטיין, אַז אַ נאַכט־קלוב איז נישט קיין פּאַסיקער פאַרוויילונג־פּלאַץ פאַר א י י ך.

— ווי האָט איר געקאָנט פאַרשטיין? איר האָט מיך דאָך נישט געקענט...

— אָבער... ווי נאָר איך בין געוואָר געוואָרן, אַז איר זענט אַ העברעישע

לערערין אין אַ תלמוד־תורה, האָב איך שוין באַדאַרפט נעמען אין אַכט אייער שטאַנד...

— איר מיינט מיין רעליגיעזקייט, מיין פרומקייט ?...

— כ׳מיין אַזוי.

— אויב אַזוי, מאַכט איר ווידער אַ טעות אין מיר. איך בין נישט קיין רעליגיעזע. בפירוש אַ פריידענקערין...

— איר לערנט דאָך יידישקייט מיט יידישע קינדער ?

— יידישקייט מיינט נישט בלויז פרומקייט.

— נאָר אויך מאָראַל, מיינט איר ?

— יאָ! דער הויפּט־צוועק פון דער יידישער רעליגיע איז מאָראַל. מאָראַל איז אַ גייסטיקע צוים צו כּאַרצוימען די „חיה" אין מענטשן...

— איר זענט הונדערט פּראָצענט גערעכט, מיס הערשקאָוויטש. איך שעם זיך באמת פאַר אייך. איך קאָן זיך נישט פאַרגעבן, וואָס כ׳האָב געמאַכט אַזאַ גרויסן טעות !

— מיר אַלע מאַכן טעותים אין אונדזער לעבן, מיסטער האָפּקינס !...

— כ׳טראַכט איצט, ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט פאַרריכטן מיין טעות קעגן אייך, מיס הערשקאָוויטש. וועט איר מיר געבן די מעגלעכקייט ? וועט איר מיר דערלויבן אויסצונעמען אייך נאָכאַמאָל ?

— ליידער וועל איך עס נישט קאָנען טאָן. כ׳וועל אינגיכן אָפּפאָרן פון ניו יאָרק.

— אין אַן אַנדער שטאָט ?

— אין אַן אַנדער לאַנד. אין יידישן לאַנד — ארץ־ישראל !

— וואָס איז דער צוועק ?

— דער צוועק איז לערנען.

— גלאָט לערנען צוליב לערנען ?...

— יאָ, מיסטער האָפּקינס, דאָס איז דער יידישער וועג...

ווידער זענען זיי ביידע אַנטשוויגן געוואָרן. די מאַשין האָט זיך געטראָגן גרינג איבערן גלאַטן אַספאַלט.

חוהלע האָט צוגעשלאָסן די אויגן און זיך פאַרטראַכט: געוועזן לכתחילה זייער נאַריש פון איר צו פאָרן פאַרברענגען מיט אַ ווילד־פרעמדן בחור, וועמען זי קען נישט. דער מיסטער האָפּקינס איז טאַקע אַ שיינער יונגערמאַן, אַ דזשענטלמאַן, אָבער — פאָרט אַ פשוטער „חי־וקים". וואָסער שייכות האָט זי מיט אַזאַ פאַרשוין ?...

און דאָ האָט מיטאַמאָל גענומען אין איר אויפקווועלן אַ שטאַרקער פאַרדראָס אויף שואליקן: ער האָט דאָך יאָ געוואוסט סאַראַ טיפּ דער מאַיקעל איז. פאַרוואָס האָט ער איר צוגעגעבן קוראַזש צו גיין ? מינץ האָט זי געטריבן צו שואליקן, און איצט האָט זי שואליק געטריבן צו מאַיקלען...

די מאַשין האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אָפּ. חוהלע האָט אויפגעעפנט די אויגן און זיך דערזען ביים הויז. זי האָט זיך אויף שנעל געגעבן אַ געזעגן אָפּ מיט מאַיקלען און האָט אַריינגעשפּאַנט אין שטוב, ווי אַ נאַכט־וואַנד־לערין.

ד

ס'איז געווען דער ערשטער זונטיק פון חודש אלול.

אין תּלמוד־תּורה זענען שוין אַלע לערערס געהאַט געקומען צוריק פון זייער וואַקאַציע. די קלאַס־צימערן זענען אָבער נאָך געווען דריי־פערטל ליידיק. דער גרעסטער טייל קינדער זענען נאָך נישט צוריקגעקומען לערנען.

אין דעם דירעקטאָרן־צימער פון תּלמוד־תּורה איז פאָרגעקומען אַ מיטינג פון אַלע „אָפיסערס". דער ערשטער מיטינג נאָך וואַקאַציע. אַ גאַנצן זומער האָט מען אין תּלמוד־תּורה זעלטן געזען עמיצן פון די מנהיגים. ס'רוב פון זיי איז געווען אַוועק פון שטאָט, אין „די בערג".

דער ערשטער פּונקט אויף דער טאָג־אָרדענונג איז געווען דער „רע־פּאָרט" פון דעם משגיח. ער האָט אויסגעגלייכט זיין יאַרמאַלקע, צוגעגלעט זיין בערדל, און גענומען „אַדרעסירן דעם מיטינג":

„זייער חשובער פּרעזידענט, געערטע דירעקטאָרן, ליידיס און דזשענ־טלמען: עס פרייט מיך זייער צו זען אייך אַלע צוריק אין אונדזער הייליקן אַנשטאַלט מיט געזונט, און כ'האָף, אַז מיר וועלן אַלע האָבן אַ גליקלעך יאָר, אָמן.

„כ'האָב זייער וויכטיקס אייך צו רעפּאָרטירן. עס וועט פאַר אייך אַלע זיין אַן אמתער „ס ו ר פּ ר י ז"!

„אונדזער „מורה ראשי" (דער הויפּט־לערער), מר מינץ, האָט צוליב פאַרשידענע סיבות, וואָס זענען מיר נישט באַקאַנט, פאַרלאָזט זיין שטעלע אין אונדזער תּלמוד־תּורה, און ס'אַ סברא, אַז ער האָט אַפילו פאַרלאָזט ניו יאָרק. פאַר אונדז איז עס לחלוטין קיין אומגליק נישט, פאַרקערט — מיר וועלן איינשפּאָרן אַ היפּש ביסל געלט. מר מינץ איז סייווי געווען אַ צו־טייערער ביסן פאַר אונדזער בודזשעט. אָבער — דעם סאַמע אמתן סופּרריז גיי איך אייך ערשט איצט מאַכן, מיינע פריינט!

„ווי נאָר מר. מינץ איז אַוועק האָט מיס הערשקאָוויטש מיר געלאָזט וויסן, אַז זי לייגט אָפּ איר וואַקאַציע, ווייל זי מוז נעמען אויף זיך דעם עול אויפצופּאַסן אויף די פאַרבליבענע קינדער אין תּלמוד־תּורה. זי האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די אַנדערע לערערס צו נעמען זייער וואַקאַציע, און זי אַליין האָט אויפגעפּאַסט אויף אַלע קלאַסן אַזוי גוט, וואָס בעסער קאָן נישט זיין. די מיס הערשקאָוויטש האָט נישט נאָר געלערנט די פולע שעהן, נאָר יעדן

נאָכמיטאָג פלעגט זי אַרויסנעמען די קינדער אויף „אַוטינגס״, אַרויספאָרן מיט זיי אין פּאַרק, אין מוזיי, אין דער „זו״ און זיי ברענגען אַהיים פריי־לעכע און צופרידענע. די מוטערס פון די קינדער קאָנען זיך גאָרנישט אָפּלויבן פון דער מיס הערשקאָוויטש.

„און דער רעזולטאַט — אָנשטאָט וואָס אַ סך מוטערס פלעגן יעדן זומער בלייבן הינטערשטעליק אין צאָלן שכר־לימוד, האָבן זיי היינטיקן זומער, אויס דאַנקבאַרקייט צו דער תלמוד־תורה, געצאָלט שכר־לימוד פּינקטלעך.

„נאָך אַ זאַך: ווען איך האָב אַ פרעג געטאָן אַנומלטן מיס הערשקאָוויטש ווען זי וועט נעמען איר וואַקאַציע היינטיקס יאָר, האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי וועט איר וואַקאַציע אָפּלייגן אויף חודש תשרי, אָנהייבנדיק מיט ראש־השנה. איר פאַרשטייט עפּעס? — אין אָט דעם חודש זענען דאָך סיוּוּי פאַראַן אַ סך יום־טוב־טעג, ווען די תלמוד־תורה איז געשלאָסן!...

„וואָס די אורזאַך פון דער מיס הערשקאָוויטשס „קרבן״ איז — ווייס איך נישט. אָבער פאַר אונדז איז עס געווען אַ גרויסער „בענעפיט״!...

דער רעפּאָרט האָט אויפגערודערט דעם מיטינג. דער עולם האָט אַ באַגייסטערטער גענומען קלאַפּן בראַוואָ. ס׳האָבן זיך דערהערט קולות:

— „נעווער מאַינד״ וואָס די אורזאַך איז געווען, ס׳קומט דער מיס הערשקאָוויטש אַ גרויסן דאַנק!

— און פאַרוואָס טאָקע נישט באַשטימען זי אַלס די הויפּט־לערערין?...

— און מ׳דאַרף איר טאָקע געבן אַ הוספה אויך!...

דער פּרעזידענט האָט איינגעשטילט דעם עולם, גענומען אַלע דריי פאָרשלאָגן צום אָפּשטימען, און זיי זענען אָנגענומען געוואָרן ענטוזיאַסטיש. מ׳האָט געבעטן דעם משגיח, ער זאָל אַריינרופן מיס הערשקאָוויטש צום מיטינג.

ווען חוהלע איז אַריינגעקומען, האָט דער פּרעזידענט זיך אָנגערופן צו איר מיט אַ געמאַכטער שטרענגקייט:

— מיס הערשקאָוויטש! עס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן קעגן אייך אַן אָנקלאַגע, און אַ שווערע אָנקלאַגע דערצו!...

— מעג איך וויסן אין וואָס די אָנקלאַגע באַשטייט, מר. פּרעזידענט?

— די אָנקלאַגע איז, אַז איר, מיס הערשקאָוויטש, האָט יעדן טאָג היינטיקן זומער געשלעפּט די אָרעמע קינדער אין פּאַרק, אין מוזיי, אין „זו״, וואָס איז לחלוטין נישט אייער פליכט געווען צו טאָן...

— דאַכט זיך, אַז כ׳האָב דערמיט קיין עוולה נישט געטאָן. פאַרקערט, די קינדער האָט מען באַדאַרפט פאַרהיטן פון אַרומשלעפּן זיך אין די גאַסן, וואו עס לויערט אויף זיי די סכנה איבערגעפאָרן צו ווערן, חלילה, אָדער פאַרדאָרבן צו ווערן דורך שלעכטער קאָמפּאַניע... אויב אָט דאָס, מיינע

פריינט, איז די אָנקלאַגע קעגן מיר, בין איך זיך מודה ומתוודה, אַז איך בין אָט די עוולה באַגאַנגען באהבה!... און — אַז איך האָב שוין יאָ די געלעגנהייט איצט צו שטיין פאַר אייך, וויל איך אייך מודיע זיין, אַז איך גיי רעזיגנירן פון מיין שטעלע, ווייל נאָך די ימים־טובים וועל איך אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל, און זאָל איך גאָט צושיקן אַ געטרייערע לערערין פון מיר!...

דער פּרעזידענט האָט זיך הילכיק צעלאַכט. און נאָך אים האָבן אַלע אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. ס׳איז געוואָרן אַ הילכיקע בראַוואָ־פּאַטשעריי.

— מיס הערשקאָוויטש! — רופט אויס דער פּרעזידענט — ס׳אַ „דזשאָוק"! איר האָט היינטיקן זומער אויפגעטאָן אַ גלענצנדיקע אַרבעט, וועלכע מיר אַלע שעצן זייער אָפּ... איך האָב דעם פאַרגעניגן אייך צו לאָזן וויסן, אַז מיר האָבן איינשטימיק באַשלאָסן אייך אויסצודריקן אונדזער דאַנק, אייך געבן אַ הוספה צוואַנציק דאָלאַר אַ חודש, און — באַשטימען אייך אַלס הויפּט־לערערין פון תלמוד־תורה!

דער עולם האָט ווידער גענומען פּאַטשן בראַוואָ. און דער פּרעזידענט האָט פאָרגעזעצט:

— און וועגן אייער רעזיגנאַציע, מיס הערשקאָוויטש, זאָג איך אייך בפירוש, אַז מיר וועלן זי בשום אופן נישט אָננעמען. די תלמוד־תורה דאַרף אייך האָבן, און איר דאַרפט אונדז טאָן די טובה און בלייבן מיט אונדז. אייער רייזע קיין ארץ־ישראל מוזט איר אָפּלייגן אויפן קומענדיקן יאָר, מערטשעשעם. מיר׳ן אייך געבן אַן עקסטראַ חודש וואַקאַציע דאַן. אָלרייט, מיס הערשקאָוויטש?

חוהלע איז געווען שטאַרק איבערראַשט פון דער געשיכטע, און זי האָט געענטפערט:

— מר. פּרעזידענט און פריינט, איך גיב אייך מיין טיפסטן דאַנק פאַר אַלץ. מיין תשובה קאָן איך אייך אָבער נישט געבן ביז ערב ראש־השנה!...

חוהלע איז אַרויס אַ צעטומלטע, אַ פריילעך־איבערראַשטע.

אויפן וועג אַהיים האָט חוהלע פיל נאָכגעטראַכט. נאָך אַלעמען איז דאָך אָט די געשעעניש פאַרט אַ דערפרייענדיקע, אַ דערמוטיקנדיקע. אפשר טאַקע גלייכער צו לאָזן די נסיעה קיין ארץ־ישראל אויף קומענדיקן זומער. מ׳וועט דאָך איר געבן אַן עקסטראַ חודש וואַקאַציע...

חוהלע איז אַריין אין הויז אַ פאַרפלאָמטע, מיט פאַרפאַליעטע בעקלעך, מיט צעשיינטע אייגעלעך, און צוגעלאָפן צו דער מוטער, וועלכע איז געזעסן און געלייענט די צייטונג:

— מאַמע, כ׳האָב פאַר דיר אַ בשורה, וואָס וועט דיר שטאַרק הנאה טאָן!

כאַנציען האָט ס׳האַרץ גענומען האַמערן.

— שוין צייט פאַר אַ גוטער בשורה פון דיר, טאַכטער... לאָמיך שוין הערן!

— מ׳האָט מיך באַשטימט אַלס הויפּט־לערערין אויף מינצס פּלאַץ, און מ׳גיט מיר אַן הוספה גאַנצע צוואַנציק דאָלאַר אויפן חודש, און מ׳וועט מיר קומענדיקן זומער געבן אַן עקסטראַ חודש וואַקאַציע...

מוטער און טאַכטער האָבן זיך צעקושט מיט טרערן אין די אויגן.

פאַרנאַכט איז שמואל־הערש געקומען פון דעם שאַפּ איינער אַליין.

— וואו איז שואליק? — האָט כאַנציע אַ פרעג געטאָן.

— דער באָס האָט אים פאַרהאַלטן. עפּעס האָט ער געהאַט מיט אים צו רעדן מסתמא. שואליק האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳זאָל נישט וואַרטן אויף אים מיטן „סאַפּער".

— מיר׳ן י אַ צוואָרטן אויף אים אַביסל! — מאַכט כאַנציע.

ס׳האָט גראָד נישט געדויערט לאַנג. שואליק איז אָנגעקומען. ביים טיש האָט מען גערעדט פריילעך וועגן דער גוטער נייעס. חוהלע האָט דער־ציילט די גאַנצע געשיכטע מיט אַלע פּרטים, ווי דער פּרעזידענט האָט אַפילו געמאַכט אַ „דזשאָוק" וועגן אַן אָנקלאַגע אויף איר, און אַלע האָבן געלאַכט צופרידן...

אין פאַרהויז האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען.

עמיצער האָט שואליקן גערופן צום טעלעפאָן:

— האַלאָ. ווער רעדט עס?

— דערמאָן נישט מיין נאָמען. ס׳איז איך, מאַיקעל!

— אָ, יעס.

— כ׳וויל דיך זען, כ׳דאַרף דיך זען, שואליקל!

— ס׳טוט מיר לייד. כ׳דאַרף באַלד אַוועקגיין. כ׳בין איינגעלאַדן צו אַ „פּאַרטי".

— כ׳שטיי דאָ נישט ווייט פון דיין הויז טאַקע. כ׳וויל דיך עפּעס פרעגן.

— אָלרייט. גוט! כ׳קום באַלד אַרויס!

שואליק האָט באַגעגנט מאַיקלען אויפן ראָג גאַס. מאַיקל האָט אים שנעל אַ זאָג געטאָן:

— איכ׳ל דיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן, שואליקל. זאָג מיר: האָט דיר מיס הערשקאָוויטש דערציילט וועגן נעכטן אָוונט?...

— ניין. נישט געווען קיין געלעגנהייט. וואָס איז דען?

— הער אויס, שואליק. כ׳זע דאָך, אַז דו איילסט זיך שטאַרק, ווועל איך דיך צופירן מיט דער מאַשין וואו דו דאַרפסט גיין. מיר׳ן רעדן אַן אַנדערש מאָל...

— שאַ, ווייסטו וואָס, מאַיקל? — מאַכט שואליק — איך גיי צו אַ „בוירטדעי פּאַרטי" פון מיינער אַ באַקאַנטער. ביטריס הייסט זי. קום מיט מיר אַהין. אַלס מײַנער אַ פריינד וועסטו דאָרט זיין אַ זייער אַנגעלייגטער גאַסט, כ׳לעבן!...

קאַפּיטל פיר

א

ביטריס גערבער איז פון דער נאַטור געווען באַשאַנקען מיט אַ סך פּרויען־רייץ. איבערהויפּט מיט אַ שעלמישן פייערל אין די בלויע אויגן.

בטבע איז ביטריס געווען אַנשטענדיק און לייטיש, און דערצו האָט זי באַקומען אַ שטרענג יידיש־מאָראַלישע דערציאונג ביי אירע עלטערן. און נאָכן טויט פון אירע עלטערן — ביי איר שוועסטער־און־שוואָגער אין הויז. אָבער דאָס האָט לחלוטין נישט געשטערט איר חשק צו לאָזן פריי איר פרויען־רייץ אויף בחורים.

נאָך אין „פּאָבליק סקול" פלעגן די יינגלעך קלעפּן צו איר, ווי פליגן צו האָניק. בפרט אין „היי־סקול" פלעגן די סטודענטן זיך ממש שלאָגן איבער איר.

ווען זי איז געוואָרן אַ „יאָנג ליידי" און גענומען גיין מיט „באָיס" האָט אין איר געברענט עפּעס אַ מאָדנער באַגער צו רייצן די בחורים — זאָלן זיי ווערן די כפּרה נאָך איר!...

קיין זינדיקע חפציות האָט ביטריס קיינמאָל נישט געהאַט. בלויז אַ שפּיל אַזאַ. ס׳גרעסטע פאַרגעניגן ביי איר געווען צו ברענגען די בחורים די טריט. די גרעסטע הנאה האָט זי געהאַט צוצוקוקן ווי אַ בחור ווערט צעהיצט פון איר רייץ און נעמט זיך פרעגלען אין זיין ליידנשאַפטלעכער „יוכע".

מיט שואליקן האָט ביטריס פּרובירט אויך דאָס זעלבע. זי האָט אים גלייך פון אָנהייב גענומען בריען מיט איר רייץ. שואליק איז אָבער נישט געווען פון יענע בחורים, וואָס לאָזן זיך כאַפּן. ער האָט גענומען ערנסט שטודירן ביטריסעס כאַראַקטער, איר סטרי, איר געדאַנקענגאַנג. און ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז זי איז נישט פאַר אים, האָט ער זיך גלייך גענו־מען צוריקהאַלטן. וויפל עזרא יאַקיר האָט אים נישט געשלעפּט צו זיך אין הויז אַריין צו פאַרברענגען אַן אָוונט, האָט ער אַלעמאָל פאַרלייגט אַן אַנדערן תירוץ.

ס׳איז געווען ביטריסעס צוואַנציקסטער געבורטסטאָג און זי האָט עס גערופן „וואַן סקאָר פּאַרטי", די צוואַנציק־יעריקע שמחה. זי האָט פאַרבעטן אַפילו אַמאָליקע „באָי־פרענדס", וועלכע האָבן שוין געהאַט ווייבלעך, אָדער

„סטעדי״־מיידלעך. אין שואליקן האָט זי, פאַרשטייט זיך, אויך ניט פאַר־געסן. זי האָט אים געשיקט דאָס איינלאַדונגס־קאַרטל דורך עזראן אין שאַפּ.

אַלע פאַרבעטענע געסט זענען שוין געקומען. מ׳האָט שוין אַפילו געהאַלטן נאָך די געמישטע „סאָדע־און־סקאָטש״־געטראַנקען, די „טשייסערס״, און פאַרביסן מיט געזאַלצענע „קרעקערס״ באַלייגט מיט לאַקס, אָדער געהאַקטן הערינג, מיט מאַסלינעס פון אויבן. מ׳האָט שוין געפּילדערט און געליאַרעמט מיט אויפגעבונדענע צונגען פון די גלעזלעך שאַרפע משקאות. נאָר שואליק איז נאָך נישט געווען דאָרט.

ביטריס האָט עס באַמערקט און ס׳איז איר געווען היפשלעך פאַרדראָסיק. ס׳האָט זי געגריזשעט. מילא, שואליק קאָן נישט קומען גלאַט אַזוי אויף אַ באַזוך — דאָס גלויבט זי. ער׳ט נישט זאָגן קיין ליגן. אָבער — נישט קומען אַפילו צו איר געבורטסטאָג־פּאַרטי איז עס שוין אַ באַליידיקונג.

אַלס „די קעניגין פון באַל״ האָט ביטריס צוגעזען אַלע אירע געסט. מיט יעדער פרוי אויסגערעדט אַ פריילעך־פריינטלעך וואָרט. מיט יעדן מאַנסביל געטאָן אַ פלירט אויף איר שטייגער. זי האָט אָבער נישט פאַרגעסן, אַז שואליק איז נישט געקומען. זי האָט אַלע ווײַלע אַ קוק געטאָן אויף איר האַנטזייגערל און אַ טראַכט געטאָן: „וועט ער טאַקע נישט קומען? אַט דער „גרינהאָרן״!״...

ב

ביטריסעס שוועסטער, פּערל, און איר מאַן, עזרא, זענען געזעסן אין עס־צימער. זיי האָבן געוואוסט, אַז די אַמעריקאַנער יוגנט האָט נישט גערן קיין עלטערע מענטשן אויף זייערע „פּאַרטיס״. די „אָלד פאָלקס״ דאַרפן זיך נישט דרייען פאַר די פיס און נישט שטערן די יונגע. די יוגנט וויל זיך פילן פריי, זעלבשטענדיק.

די טיר פון עס־צימער איז געווען צוגעמאַכט. עזרא יאַקיר האָט זיך פאַרלייענט אין אַ פריש העברעיש בוך. פּערל האָט געשטריקט אַ טישטעך פאַר איר שוועסטער ביטריסעס אויסשטייער.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. שואליק מיט מאַיקלען זענען אַריין.

— אָ, שלום, שלום, הר־שלום!... — האָט עזרא זיך דערפרייט.

— אַ גאַסט! אַ גאַסט! — איז פּערל אים געגאַנגען אַנטקעגן.

שואליק האָט באַקענט עזראן און פּערלען מיט זיין פריינד — מאַיקעל האַפּקינס.

פּערל איז שנעל אַריין אין גאַסט־צימער און אַנגעזאָגט ביטריסן, אַז שואליק איז געקומען מיט זיינעם אַ פריינד. ביטריס איז גלייך אַריין אין עס־צימער און איז צו צו שואליקן אַ צעשייַנטע:

— „אָ, יו בעד באַי״, וואָס אַזוי שפּעט?

— אַט אַ דער פריינד מיינער האָט מיך פאַרהאַלטן! — ווייזט שואליק אויף מאַיקלען מיט אַ שמייכל — כ׳האָף, דו׳סט נישט זיין ברוגז פאַר מיט־ברענגען מיין פריינד צו דיין פאַרטי!

— „גאָ אָן, שואליק!״ דו ווייסט ווי ליב כ׳האָב מענטשן. און — מיינע פריינטס פריינט זענען אויך מ י י נ ע פריינט! — גיט ביטריס אַ שעלמישן גלאַנץ מיט די אויגן.

— אויב אַזוי לאָמיך איך באַקענען! — מיס ביטריס גערבער! מיסטער מאַיקעל האָפּקינס!

מאַיקעל האָט מיט אַ גענײט אויג באַקוקט ביטריסן פון קאָפּ ביז די פיס: אירע בלאָנדע האָר האָבן זיך געכוואַליעט אויפן קאָפּ און ווי אומגערן פאַר־לוירן אַ חנעוודיק האָר־רינגעלע אויפן שטערן. איר פּנים, רויזנזאַפט־מיט־סמעטענע, האָט געשיינט. אירע בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט, געוואָרפן פונקען. אירע אוירינגלעך און האַלדזבאַנד האָבן שימערירט. איר בלוי־ווייס סאַטינען קלייד איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן אויף איר און אויסגעשטעלט אַלע רייצנדיקע קנייטשן פון איר צאַפּלדיקן יונגן קערפּער. די בלויע שיכלעך מיט די הויכע אָפּצאַסן האָבן זי געמאַכט נאָך שלאַנקער, ווי זי איז.

שטייענדיק מיט איר פּלייצע צו דער טונקל־געפאַרבטער טיר, האָט ביטריס אויסגעקוקט אין מאַיקעלס אויגן ווי אַ פּאָרטרעט פון אַ זעלטענער שיינהייט אין אַ ראַם...

— קאַם אָן, באָיס! — האָט ביטריס זיי בײדע, שואליקן און מאַיקלען, אַריינגעפירט אונטער די הענט אין גאַסט־צימער.

דער עולם אין גאַסט־צימער איז שוין געווען היפּשלעך צעוואָרעמט, בגילופנדיק. די לופט האָט געשמעקט דאָרט מיט ציגאַרן־רויך און מיט משקה־שאַרפקייט. ביטריס האָט די צוויי אַריינגעקומענע געסט פאַרגעשטעלט פאַרן עולם. זי האָט זיי גלייך מכבד געווען מיט אַ טרונק און אַ צובייס. שואליק האָט אָנגעטאָן ס׳יאַרמעלקעלע, געמאַכט אַ ברכה און געטרונקען אַ יידישן „לחיים״. מאַיקעל האָט אויסגעטרונקען מיטן אַמעריקאַנער „היער איז העלטה ענד העפּינעס!״.

אויפן טיש אין ווינקל איז געלעגן אַ גרויסער טאָרט מיט ווייס־צוקער־דיקע אותיות „העפּפי בוירטדעי, ביטריס!״ און מיט צוואַנציק דין־קאָלירטע ליכטעלעך אַריינגעשטעקט אַרום ברעג פון טאָרט. ביטריס איז צוגעקומען צום טאָרט. דער עולם האָט זיך אַרומגעשטעלט הינטער איר. זי האָט אָנגע־צונדן די ליכטעלעך, אַ שעפּטשע געטאָן אַ וואונטש און גלייך גענומען אויסלעשן אַלע ליכטעלעך ביזן לעצטן. דער עולם האָט גענומען זינגען „העפּפי בוירטדעי״ און געקלאַפּט בראַוואָ. ביטריס האָט צעשניטן דעם טאָרט און אַלעמען געטיילט שטיקלעך.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די סדרה מתנות. איטלעכער האָט ביטריסן דערלאַנגט אַ פּעקל און אויפן בופעט האָט געוומען וואַקסן אַ באַרג מיט פּרעזענטן. שואליק האָט ביטריסן געבראַכט אַן ענגלישן „בעסט סעלער״. מאַיקעל, כאָטש אַן אומגעבעטענער גאַסט, האָט זיך דערפילט שטאַרק נישט פויגלדיק. זיין סוהרישער חוש האָט אים אָבער באַלד אונטערגעזאָגט אַן עצה.

— מיס גערבער, מעג איך נוצן אייער טעלעפאָן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן ביטריסן.

— געוויס. סאַראַ פראַגע? אָט אַ דאָ אין שלאָף־צימער!

מאַיקעל איז אַריין אין ביטריסעס צימער, צוגעמאַכט די טיר, און ס׳האָט אויף אים אַ ווייַע געטאָן מיט דער זיסער וואַרעמקייט און געשמאַקן גערוך פון אַ מיידלשער נעסט. ער האָט געכאַפּט דאָס טרייבל און גלייך טעלעפאָנירט צו אַ בלומען־שאָפּ און צו זיינעם אַ באַקאַנטן צירונג־הענדלער.

ס׳האָט לאַנג נישט גענומען און צוויי יונגען זענען אַריין איינער נאָכן אַנדערן און איבערגעגעבן ביטריסן אַ גרויסן בוקעט שמעקעדיק־פרישע כריזאַנטעמעס און אַ שיין פּודעלע מיט אַן אַריענטאַליש־זילבערנעם בראַסלעט באַזעצט מיט אַקוואַמאַרין־שטיינדלעך. צו ביידע מתנות זענען געווען צוגעלייגט קאַרטלעך געשריבן אויף אַ שרייב־מאַשין: „אַ פריילעכן געבורטסטאָג צו ביטריסן פון איר פריינט אַ פריינט, מאַיקעל האָפּקינס״.

דער גאַנצער עולם האָט באַוואונדערט די שיינע מתנות זיינע. ביטריס האָט מאַיקלען האַרציק געדאַנקט און אים געשענקט איינעם פון אירע רייצנדיקסטע אויגן־פייערלעך...

ג

די פּאַרטי האָט זיך פאַרצויגן העט־שפּעט אין דער נאַכט אַריין. פון דעם גרויסן טאָרט איז שוין קיין סימן נישט געבליבן. מ׳האָט באַנייעס דערלאַנגט געבעקסן, זיסקייטן, פרוכטן און ניס אַלערליי, און דערצו — קאַלטן ביר. חברה האָט אָנגעשטעלט טענץ־פּלאַטן אויפן פאָנאָגראַף, פאַר־רוקט דעם טיש און די בענקלעך אין אַ זייט, און פאַרלעכוויז זיך אַוועק־געלאָזט אין אַ געדריי.

ביטריס, אַ צעשיינטע און אַ צעפלאַמטע, איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. יעדער מאַנסביל האָט געוואָלט האָבן דעם כבוד צו כאַפּן מיט איר אַ דריי. מאַיקעל — אויך צווישן אַלע.

דער איינציקער, וואָס האָט נישט געטאַנצט, איז געווען שואליק. ביט־ריס אַליין האָט אים דווקא אַ פּאָר מאָל געשלעפּט צום טאַנץ, אָבער ער האָט זיך אַנטשולדיקט און נישט געגאַנגען.

די פּאַרטי האָט זיך פאַרענדיקט אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג. אַלע געסט זענען אַוועק באַרוישט און צופרידן, און מאַיקעל — נאָך מער פון אַלע.

מאַיקעל האָט אָפּגעפירט שואַליקן אַהיים. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין „ביואיק" אין פראָנט פון הויז, האָט אַרויפגעלייגט פריינטלעך זיין האַנט אויף שואַליקס פּלייצע:

— זאָג מיר דעם אמת! — קוקט מאַיקעל אַריין אין שואַליקס אויגן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק — האָט די מיס הערשקאָוויטש טאַקע דיר גאָר־נישט דערציילט?

— כ'האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, נישט געווען קיין געלעגנהייט.

— אויב זי האָט נישט דערציילט, וועל איך דיר דערציילן. כ'מוז זיך מודה זיין, אַז כ'האָב געמאַכט אַ „בולבע", ווי די אַקטיאָרן זאָגן. כ'האָב געהאַט אַ גרויסן פאַרדראָס. מער נישט, די חוהלע איז זייער אינטעליגענט און קלוג, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז כ'בין, חלילה, נישט אויסן געווען קיין שום בייז...

— וואָס איז דען געשען?

— געשען איז אָט וואָס. איך האָב חוהלען געוואָלט נעמען אויף אַ פאַרשטעלונג אויף בראָדוויי. נאָר ווייל מיר האָבן זיך פאַרשמועסט ביז שפּעט, האָב איך זי גענומען אין אַ נאַכט־קלוב. גיי ריכט זיך, אַז דער פּלאַץ וועט זיין אַ „צו פריילעכער" און דער עולם וועט זיין „צו פאַר־שניאָקעט", און פאַר דער חוהלען וועט עס זיין „צו עקלדיק"... דערזען אַזאַ געשיכטע, זענען מיר אַרויס פון דאָרט, ווי אָפּגעבריטע. כ'האָב חוהלען גלייך אָפּגעפירט אַהיים, און זיך אַנטשולדיקט פאַר איר. כ'שטעל זיך אָבער פאָר וואָס זי טראַכט וועגן מיר...

— אָ, זיי זיכער, מאַיקעל, אַז חוהלע טראַכט נישט קיין שלעכטס וועגן דיר.

— זי איז אַ געהויבענער טיפּ, שואַליק!

— אָ, חוהלע איז אַ זעלטן־שיינער טיפּ! — מאַכט שואַליק — נישטאָ אַ סך אַזוינע!...

— און זאָג מיר, שואַליקל, סאַראַ טיפּ איז די צווייטע באַקאַנטע דיינע, ביטריס?

— ביטריס איז אַ גאַנץ אַנדער סאָרט מיידל! אויך זייער פיין און אָנשטענדיק.

— ווייסט נישט, שואַליקל, זי איז שוין פאַראינטערעסירט אין עמיצן, די ביטריס?

— זי האָט אַ סך „באָיס", לויט איך ווייס...

— האָסטו איר עפּעס געזאָגט וועגן מיר, שואַליקל?

— נישט זי האָט מיך געפרעגט, נישט איך האָב איר געזאָגט.

— גוט! מיך האָט זי גראָד יאָ אַ פרעג געטאָן, טאַנצנדיק, וואָס מיין טועכץ איז. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך „אַרבעט ביי פוטערוואַרג"...

— אַן אַרבעטער ?!... — שמייכלט שואליק — ווי כ'זע ביסטו פאַראינ־טערעסירט אין דער ביטריסן, מאַיקעל...

— האָסט געטראָפן, שואליקל... ווי דענקסטו, איז עס כדאי ?...

— כ'מיין אַזוי... זי איז זייער אַ וואויל מיידל !...

קאַפּיטל פינף

א

אין די לעצטע עטלעכע וואָכן איז הוהלע געווען אינגאַנצן אונטערן איינפלוס פון צוויי ווערק, וועלכע האָבן געמאַכט אויף איר אַ זייער שטאַרקן רושם. איין ווערק איז געווען דאָס העברעישע פּאָעטישע מוסר־ספר „בחינת עולם", וואָס איז עפּעס אַזוי גורלדיק איר אַריינגעפאַלן אין די הענט אַריין, און דאָס צווייטע ווערק איז געווען דאָס ענגלישע בוך „איילענד וויטהאַין" פון לודוויק לואיסאָן.

הוהלע האָט אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי ס'איז געשען, נאָר זי האָט דערפילט עפּעס אַן איבערברוך, אַן ענדערונג אין איר געדאַנקען־גאַנג וועגן יידישקייט. אירע פאַרזוּנלעכע איבערלעבונגען פון דער לעצטער צייט האָבן איר געטריבן צו זוכן אַן ענטפער נישט נאָר אויף אירע אייגענע פּראָבלעמען אַלס אינדיווידוּ, נייערט אויך אויף די פּראָבלעמען פון גאַנצן יידנטום אַלס קאָלעקטיוו.

זי האָט שוין לאַנג געפילט, אַז ס'פאָדערט זיך אַ פולשטענדיקע „רעוויזיע" אין דער גאַנצער פילאָזאָפיע פון דער פריידענקערישער יידישקייט, די אַזוי גערופענע „וועלטלעכע יידישקייט". ביי איר אין מוח האָט געהאַלטן אין איין פּיקן די האַרבע פראַגע, צי קאָן דער „יידישער נאַציאָנאַליזם" אויפהאַלטן דאָס יידישע פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט אין אַלע וועלט־גלותן. קאָן דער נאַציאָנאַליזם פאַרבייטן די טראַדיציע און רעליגיע אַלס מיטל פאַר אייביקן קיום ?... וואָס איז אייגנטלעך דער יסוד פון נאַציאָנאַליזם בכלל ? — דער „חוט המשולש": לאַנד, שפּראַך און קולטור! לאַנד האָט נאָך דאָס יידישע פאָלק נישט. און ווען אַפילו ס'וועט געשען דער נס און יידן וועלן באַקומען צוריק זייער לאַנד, ארץ־ישראל, וועט עס אויך זיין גרויס, ווי אַ געניץ. און סיווי וועלן דאָך קיינמאָל אַ ל ע יידן נישט נעמען האַק־און־פּאַק און זיך לאָזן קיין ארץ־ישראל. בלייבט פאַר די „וועלטלעכע יידן" ש פּ ר אַ ך און ק ו ל ט ו ר. איז כאָטש מיר פאַרמאָגן גאַנצע צ וו יי שפּראַכן, העברעיש און יידיש, איז אָבער דער קומענדיקער דור ווייט פון זייביידע. די יוגנט ווערט פאַרכאַפּט אומעטום פון דער שפּראַך און קולטור פון דעם

לאַנד, אין וועלכן זי וואַקסט אויס. איז דאָך דער קיום פון פאָלק אין אַ סכנה. אַ פאָלק קאָן דאָך נישט בלייבן לעבן אָן אַן אינהאַלט און אָן אַן אָנהאַלט...

רעליגיעזע יידן האָבן אמונה, תורה, טראַדיציע, וועלכע זיי גיבן איבער בירושה צו זייערע קומענדיקע דורות. אָבער וואָס פאַרמאָגן פריידענקערישע נאַציאָנאַליסטן איבערצולאָזן בירושה זייערע קינדער און קינדס־קינדער? — לחלוטין גאָרנישט! אַפילו דאָס ביסל העברעישע און יידישע ביכער אין די שראַנקן, אָדער די עטלעכע בילדער פון יידישע „גדולים" אויף די ווענט, וואָס די עלטערן לאָזן איבער, וואַרפן די קינדער אַרויס אין מיסטקאַסטן און פאַרבייטן זיי מיט גויאישע ביכער און מיט בילדער פון „מואוויי סטאַרס" און „ספּאָרט־טשעמפּיאָנען", וועמען זיי פאַרגעטערן ממש...

חוהלע דאַרף נישט זוכן וויט, זי נעמט זיך אַליין פאַר אַביישפּיל. אירע טאַטע־מאַמע זענען רעליגיעזע מענטשן. זיי האָבן איר געגעבן אַן אמת פרומע, טראַדיציאָנעל־יידישע דערציאונג; זיי האָבן איר געשיקט לערנען אין העברעישע שולעס; זיי האָבן איר איבערגעגעבן די ירושה פון דור־דורות, וואָס איז באַשטאַנען פון תורה, מצוות, און מעשים טובים, און פון אַן אַלט־אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער. איז נאָכדעם, ווען זי, חוהלע איז שוין אַפילו געוואָרן אַ זעלבשטענדיקער מענטש, געוואָרן דענקען פריי, האָט זי געהאַט גענוג טראַדיציאָנעלן באַגאַזש וואָס וויפל זי האָט פון אים נישט אַוועקגעוואָרפן אויפן וועג איז איר נאָך אַלץ געבליבן אַ היפּש ביסל לעולם ועד, — דערפאַר איז זי איצט לפחות אַ געטריינע נאַציאָנאַלע יידישע טאָכטער. וואָס אָבער, אַ שטייגער, קאָן זי, חוהלע, מיטגעבן א י ר ע קינדער, אַז ס'זאָל ביי זיי שפּעטער עפּעס איבערבלייבן? אמונה — נישט! טראַדיציע — אויך נישט! שפּראַך און קולטור — קיין שום ממשות נישט! זי קען גוט די אַמעריקאַנער יידישע קינדער פון די בעסטע נאַציאָנאַל־וועלטלעכע פאַמיליעס און זי ווייסט ווי וויט די קינדער זענען פון די עלטערן. צוויי באַזונדערע וועלטן, וויט איינע פון דער אַנדערע, ווי מזרח פון מערב טאַקע. און אַפילו ווען עס געלינגט אייניקע עלטערן צו דערנענטערן צו זיך זייערע קינדער אין גייסטיקן זין איז דאָס אָפט אויך בלויז צייטווייליק. קיין ה מ ש ך זעט זיך נישט אין דער צוקונפט זייערער...

אין אָנהייב פון איר לערער־קאַריערע האָט חוהלע זיך געשאַפן אַן אייגענע טעאָריע, אַז טראַדיציע איז געגליכן צו אַ „גאַנג־וועגעלע", מיט וועלכן מ'לערנט אַ קליין קינד ווי צו גיין. אַנדערש האָט זי דעמאָלט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו נעמען לערנען מיט קינדער אַזוינע רעליגיעזע לימודים, אין וועלכע זי אַליין האָט נישט געגלויבט. איצט, ווען זי איז געבליבן שטיין פנים־אל־פנים מיטן פּראָבלעם פון יידישן „המשך", יידישן „קיום", האָט זי גענומען זוכן אַ טעאָריע ווי אַזוי אַפילו אַ נישט־רעליגיעזער ייד זאָל דאָך קאָנען זיך אויסלעבן פולשטענדיק טראַדיציאָנעל.

אַוודאי איז עס אַ גרויסער ווידערשפּרוך. און אַט דער ווידערשפּרוך האָט זי נישט געלאָזט רוען. זי האָט ווידער געזוכט און געוואָלט געפינען אַן אויסוועג.

לודוויק לואיסאָנס געדאַנקענגאַנג האָט זי נישט צופרידנגעשטעלט. זי האָט געזוכט אַן אייגענעם וועג.

זי האָט זיך גענומען שטודירן דעם „מורה נבוכים" פון רמב"ם. קיין ספרי־חקירה האָט זי קיינמאָל פריער נישט געלערנט. עס איז איר געווען שווער צו פאַרשטיין סיי אבן־תיבונ'ס און סיי אַלחריזי'ס איבערזעצונגען פון „מורה". זי האָט גענומען צוהילף די ענגלישע איבערזעצונג פון דעם ספר. די פילאָזאָפיע דאָרט בכלל האָט איר תחילת אויסגעקוקט צו־פאַרציי־טיש, צו־אָפּגעלעבט. ווען זי האָט זיך אָבער מער פאַרטיפט דאָרט, האָט זי יאָ געפונען אַ שטיקל אָנשפּאַר. דער רמב"ם פּרובירט צו „מקרב אל השכל" זיין די יידישע רעליגיע. דאָס איז ביי חוהלען געווען זייער ראַציאָ־נאַל...

און זי האָט זיך געוואונדערט: ווי אַזוי האָט דער דאָזיקער ראַציאָנאַלער פילאָזאָף געקאָנט צווישן זיינע „דרייצן פּרינציפּן" פון אמונה אַריינגעמען אויך דעם „אַני מאמין", אַז די תורה איז פּשוט־בפשיטות געגעבן געוואָרן „מן השמים"? און ווי אַזוי האָט דער זעלבער מחבר, וואָס האָט געשריבן דעם „מורה נבוכים", געקאָנט אָנשרייבן אויך דעם „יד חזקה", דאָס גרעסטע ספר פון הלכה, פון וועלכן אַלע פּוסקים האָבן געשעפּט און שעפּן עד היום? נישט אַנדערש, נאָר אַז דעם רמב"ם האָט דעמאָלט אויך געמאַטערט די זעלבע פּראָבלעם, וואָס מאַטערט זי איצט. דער גרעסטער דענקער און פילאָזאָף, ר' משה מיימון, האָט נ י ש ט געוואָלט צופּאַסן דאָס יידישקייט צו דער גריכישער פילאָזאָפיע, ווי אַנדערע מיינען, נאָר ער האָט געוואָלט ב אַ פ ע ס ט י ק ן דעם פונדאַמענט פון יידישקייט דורך דער טראַדיציע, וואָס ציט זיך פון משה רבינו ביז היינט. און דערום האָט ער געלערנט די „פאַרבלאָנדזשעטע" און אויסגעפּלאָנטערט דעם וועג צו פירן זיי מיט אַ „שטאַרקער האַנט" צום קיום פון פאָלק...

קיין חידוש נישט, וואָס אַפילו דער שפּעטערדיקער גרויסער פּוסק פון שולחן ערוך האָט גערופן דעם ערשטן טייל „אורח חיים", וועג פון לעבן, לעבנס־שטייגער — ט ר אַ ד י צ י ע!

ב

יאָ, חוהלע האָט גענומען ביי זיך רעכט מאַכן איר נייע טעאָריע: מ'קאָן זיין אַ נישט־רעליגיעזער מענטש און דאָך זיך פירן לויט דער יידישער טראַדיציע! ס'איז אַבסאָלוט אויפריכטיק, לאָגיש, היסטאָריש, און נויט־ווענדיק פאַרן קיום פון פאָלק!...

די טראַדיציע פון איינצלנעם ייד, פון יחיד, דאַרף זיך געוויס אָנהייבן אין זיין הויז. אָבער די טראַדיציע פון קאָלעקטיוו, פון כלל, מוז זיך אָנהייבן אין שול.

אין קיין שול איז חוהלע שוין יאָרנלאַנג נישט געווען. קינדווייז נאָך פלעגט זי גיין מיט טאַטע־מאַמען אין בית־מדרש הגדול אין אַ פּשוטן שבת אָדער אין אַ יום־טוב. קיין גוטן איינדרוק האָט די שול אויף איר נישט איבערגעלאָזט. זי געדענקט ווי די יידן מיט בערד און מיט גרויסע וואָלענע קויטיקע טליתים פלעגן דערוועקן אין איר אַ ווידערווילן. דעם איינציקן פריילעכן מאָמענט, וואָס זי האָט ווען ס'איז דורכגעלעבט אין שול, איז געווען שמחת־תורה צו הקפות. זי, ווי אַלע קינדער, האָט געטראָגן אַ פאָן מיט אַן עפּעלע פון אויבן און אין עפּעלע איינגעשטעקט אַ ליכטעלע. זי האָט ליב געהאַט צו שטיין לעבן טאַטן אויף דער באַנק. קוקן ווי די יידן מאַרשירן מיט ספרי־תורהס אַרום דעם באַלעמער, קושן די תורהס און ווינטשעווען אַלעמען: „דערלעבט איבעראַיאָר!" און יענע פלעגן ענטפערן: „גם אתם!".

זינט אָבער זי איז צו איר אייגענעם שכל געקומען, איז חוהלע אין קיין שול נישט געווען. זי האָט גוט געוואוסט די מנהגים, דעם סדר פון די תפילות, געלערנט זיי מיט אירע תלמידים. זי האָט אָבער קיינמאָל נישט געפילט קיין באַדערפעניש, און אַפילו נישט געהאַט קיין פאַרלאַנג, צו גיין אין שול אַמאָל. זי האָט תמיד געהאַלטן, אַז די שול איז נאָר פאַר אמת־רעליגיעזע יידן, וואָס האָבן אמונה, אַז זייערע תפילות גייען אַרויף צו די „טויערן פון הימל". אָבער וואָס האָט אַ פריידענקנדיקער ייד צו טאָן אין אַ שול?...

איצט, אָבער, האָט חוהלע גאַנץ אַנדערש געדענקט. זי האָט טאַקע אַלץ נישט געגלויבט אין קיין פּערזענלעכן גאָט, צו וועלכן מ'קאָן בעטן, און ער קאָן פאַרנעמען דאָס געבעט. זי האָט אָבער באַטראַכט די שול אַלס איינעם פון די גרעסטע און וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון דעם יידישן טראַדי־ציאָנעלן לעבן. די שול איז די קליי, וואָס באַהעפט און קלעפּט צונויף יעדן דור מיט די דור־דורות פאַר אים און מיט די דור־דורות נאָך אים.

אָן דער שול קאָן נישט און וועט נישט זיין קיין יידנטום!...

און חוהלע האָט באַשלאָסן, אַז קומענדיקן ראש־השנה און יום־כפּור מוז זי גיין אין שול אַריין — זיך „באַהעפטן" מיט אַלע טראַדיציאָנעלע יידן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן — — —

חוהלע הערשקאָוויטש איז, ווי תמיד, געווען אויסגעהאַלטן און פּינקט־לעך. אַ טאָג פאַר ערב ראש־השנה האָט זי די דירעקטאָרן פון תלמוד־תורה געגעבן איר ענטפער, ווי זי האָט זיי פאַרשפּראָכן. דער ענטפער איז געווען, אַז זי האָט באַשלאָסן אָפּצולייגן איר רייזע קיין ארץ־ישראל און זי בלייבט

צוריק אויף איר שטעלע אַלס די הויפּט־לערערין. זי האָט זיך מיט זיי אַלע געזעגנט פריינטלעך, געוואונטשן אַ גוט יאָר, און גענומען איר וואַקאַציע אויף איבער די ימים־נוראים און די ימים־טובים.

ג

ראש־השנה איז אויסגעפאַלן אָנהייב סעפּטעמבער. די טעג זענען געשטאַנען שיינע, זומערדיק־הייסע. דער בית־מדרש הגדול איז אינעווייניק געווען געפּאַקט מיט מענער, פרויען און קינדער, און אַ סך זענען געשטאַנען אינדרויסן ביי די אָפענע טירן.

חוהלע האָט איר באַשלוס צו גיין היינטיקס יאָר אין שול אַריין געהאַלטן בסוד. זי האָט געוואָלט אויסמיידן פראַגעס און ענטפערס.

דעם אינהאַלט פון די תפילות האָט חוהלע גוט געוואוסט. געלייענט זיי תמיד מיט אירע תלמידים. און — ווי מאָדנע. די אַלט־באַקאַנטע ווערטער פון דער ראש־השנהדיקער שמונה־עשרה האָבן איר אין שול אויסגעקוקט עפּעס אַזוי ניי, פריש. זייער באַדייטונג — עפּעס אַזוי אַנדערש. וועלטלעך אַפילו. יידן בעטן נישט אין דעם הייליקן טאָג, פאַר זיך פערזענלעך, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט: „גאָט זאָל קיניגן מיט זיין ערע אויף דער גאַנצער וועלט”; און „זאָל די הערשאַפט פון אומגערעכטיקייט פאַרשווינדן פון דער וועלט”; און „זאָל דער גאַנצער מענטשלעכער מין ווערן ערלעכער, מאָראַלישער”. ביז איצט האָט זיך חוהלע גאָר קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט דערויף. דאָס זענען דאָך באמת דערהויבענע מאָמענטן...

פאַר די תקיעות האָט דער רב פון שול, אַ למדן און אַ דענקער, געהאַלטן אַ דרשה. ר'האָט גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון „שופר” לויטן תלמוד און לויטן זוהר און אַרויסגעבראַכט הויכע געדאַנקען. דער סך־הכל איז געווען — תשובה: מאַכן געוועלטיקן דעם הימלישן טייל אין מענטשן איבער זיין ערדישן טייל; מאַכן אונטערטעניק דעם גוף צו דער נשמה. ר'האָט געמאָלן דאָס בילד פון „ונתנה תוקף”, ווי דער וועלט־ריכטער זיצט אויף זיין טראָן און פאַר אים ליגן אָפן אַלע קאָנטאָ־ביכער פון אַלע מענטשן...

חוהלע האָט זיך איינגעהערט צום רבס דרשה. תחילת האָט דאָס בילד, ווי „דער אייבערשטער זיצט אויף זיין טראָן”, אַרויסגערופן ביי איר אַ שמייכל: אַ מעשהלע פאַר קינדער!... קוקנדיק אָבער אויפן פשוטן עולם ביי אין דער ווייבערישער און סיי אין דער מאַנסבילישער שול, ווי ער האָט אויפגענומען די ווערטער מיט טרערן און מיט מורא, האָט זי גענומען מאַכן אַ פּאַראַלעל צווישן רעליגיע און קאָמוניזם. וואָס האָט דען דער קאָמוניזם, דער אָפּלייקענער פון אַלע איבערנאַטירלעכקייטן געטאָן? ער שרייט, אַז „רעליגיע איז אָפּיום”, און ער אַליין מאַכט דעם קאָמוניזם פאַר אַ נייער רעליגיע, און דעם פירער — אַלס דעם נייעם גאָט! דער קאָמוניזם פּרעדיקט,

אַז דער המון, ס'פּשוטע פּאָלק, ווייסט נישט אַליין וואָס עס וויל און וואָס עס דאַרף, מוז מען איבער אים הערשן מיט אַ בייטש איבער די פּלייצעס און מיט אַ רעוואָלווער אָנטקעגן שטערן — דיקטאַטור! איז דאָך, דאַכט זיך, די רעליגיע, וואָס פּרעדיקט די הערשאַפט פון וועלט־באַשאַפער און די מורא פאַר זינד, טויזנטער מאָל בעסער און מאָראַלישער. מורא פאַרן אייגענעם געוויסן, און אַפילו פאַר אַן אויסגעדאַכטער שטראָף אויף יענער וועלט, שטייט אַ סך העכער ווי מורא פאַר דער בייטש אָדער פאַר דער ביקס...

חוהלע האָט נישט געוואַרט ביז נאָך אַלע „היום'ס". דער חזן האָט שטאַרק מאַריך געווען ביי דער מוסף'דיקער שמונה־עשרה, און זי איז אַוועק אַהיים.

די גאַסן אויף דער איסט־סייד זענען געווען ליידיק. די געשעפטן פאַרמאַכט. די שטעלן אין מאַרק אָפּגעראַמט. דער פּאַרקער כמעט אָפּגע־שטעלט. זעלטן ווען אַ מאַשין איז דורכגעלאָפן. חוהלע איז געגאַנגען דורך ראַטגערס סקווער. ייִנגלעך האָבן געשפּילט פּילקע. זי האָט דערקענט די ייִדישע פּנימלעך און ס'האָט איר ווי געטאָן.

זי האָט צוגערופן איין ייִנגל און אים אויף טשיקאַוועס אַ פרעג געטאָן:

— ווייסטו אַז ס'איז היינט דער ערשטער טאָג פון ייִדישן „ניו יערס"?

— הו קערס? (ווער קען אַרט עס?) — האָט דער חברה־מאַן זיך אויס־געדרייט און אַוועק.

חוהלע איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו הענרי־סטריט, אַהיים, און געטראַכט מיט האַרצקלעמעניש: אָט אַזוי שטאַרבט אָפּ אַן איינצלנער ייִד, אַ גאַנצע משפּחה, און אַזוי קאָן אויך אָפּשטאַרבן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק!...

— גוט יום־טוב, חוהלע! — האָט זי דערהערט הינטער זיך שואליקס שטים.

— גוט יום־טוב, שואליק! — האָט חוהלע זיך אומגעקוקט איבערראַשט.

— לשנה טובה תכתבי ותחתמי! — ווינטשט ער איר אויפן טראַדי־ציאָנעלן שטייגער.

— גם אתה! לאַלתר לחיים!... — ענטפערט זי אים אויך אויפן זעלבן שטייגער.

— נו! און דו, חוהלע, זע איך, גייסט פון דער לייברערי, אָדער פון פּאַרק, מיט אַ בוך...

— נישט געטראָפן!... — שמייכלט חוהלע און ווייזט אים דעם „מחזור" אין האַנט.

— וואָס איז דאָס? ווילסט מיר זאָגן, אַז דו ביסט געווען אין אַ שול?...

— אַז כ'וועל זאָגן אַנדערש, וועט עס זיין אַ ליגן!

— טאַקע ?...

— אַט ווי דו זעסט !

— מעג איך פרעגן וואָס עפּעס פּלוצים ?

— ס׳איז נישט פּלוצים, שואליק !

— וואָס־זשע ? באַקומען ספקות אין דעם ראַדיקאַליזם ?

— נישט אַזויפיל אין ראַדיקאַליזם, ווי אין ראַדיקאַלן נאַציאָנאַליזם...

— דהיינו, למשל ?

— כ׳מוז זיך מודה זיין, שואליק, אַז דער ראַדיקאַלער נאַציאָנאַליזם, די וועלטלעכע יידישקייט, ווי מיר רופן עס, קאָן פירן צום אונטערגאַנג פון אונדזער פאָלק. כ׳האָב די לעצטע צייט זיך טיף אַריינגעטראַכט אין דעם פּראָבלעם און כ׳בין געקומען צום באַשלוס, אַז ווען נישט די טראַדיציע, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פון דור צו דור, וואָלט דאָס יידישע פאָלק שוין לאַנג־לאַנג אונטערגעגאַנגען...

— און וואָס איז עפּעס מכוח אמונה ?

— אמונה איז אַ זאַך, וואָס מ׳קאָן נישט „מאַכן״, מ׳קאָן נישט איבער־געבן, מ׳קאָן נישט אַרויפצווינגען. אמונה דאַרף מען האָבן אין זיך. מ׳דאַרף מיט איר געבוירן ווערן, פּונקט ווי מיט אַ טאַלאַנט פאַר קונסט אָדער מיט אַ שטים פאַר זינגען. טראַדיציע, אָבער, איז אַ זאַך, וואָס איטלעכער קאָן זי באַקומען, ווען ער וויל נאָר.

— ווי קאָן מען דען איינפירן טראַדיציע ווען דאָס האַרץ איז נישטאָ דערביי ?... טראַדיציע בלויז „לפנים״, איז דאָך היפּאָקריטיע !...

— אַבסאָלוט נישט ! איך האָב וועגן דעם גאָר אַן אַנדער טעאָריע, שואליק.

— אַדרבא, וואָס איז דיין טעאָריע, חוהלע, לאָמיך הערן ?

— איך נעם ז י ך אַליין אַלס ביישפּיל. אַט בין איך אַ פרייִדענקערין. אין וואָס באַשטייט מיין פרייִדענקעריי ? אין דעם וואָס איך גלויב נישט אין קיין פּערזענלעכן גאָט. איך גלויב אויך נישט אין שפּינאָזאָס גאָט, אַז גאָט און די נאַטור זענען איינס און דאָסזעלבע. ניין. כ׳גלויב אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ „כוח עליון״, אַזאַ העכסטע קראַפט, וועלכע איז די אורזאַך פון אַלע אורזאַכן. נאָר מיר, מיט אונדזערע באַגרענעצטע פינף חושים, קאָנען יענעם „געטלעכן כוח״ נישט באַגרייפן. ווי זאָגט ערגעץ עמערסאָן : „ווען מיר פּרובירן צו באַשרייבן דאָס אומבאַשרייבלעכע און באַגרייפן דאָס אומבאַ־גרייפלעכע, פאַרלאָזן אונדז דאַן סיי די שפּראַך און סיי דער געדאַנק, און מיר בלייבן שטיין הילפלאָז ווי שוטים אָדער ווי פּראָים״. דאָך שטערט דאָס מיר נישט צו מיין טעאָריע, אַז לעבן לויט דער טראַדיציע איז דאָס איינציקע מיטל צו באַשיצן דעם קיום פון פאָלק. „כי היא חייך ואורך ימיך״. טראַדיציע איז אונדזער לעבן און אונדזער המשך !

— וואָס, למשל, ביסטו אויסן מיט „טראַדיציע״?

— ביי מיר איז טראַדיציע כולל דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער פון תנ״ך און תלמוד און אַפילו פּוסקים!

— אין פּשוטע ווערטער, הייסט עס, לעבן לויט די יידישע דינים און מנהגים, האַ?

— יאָ! יידיש לעבן אין פּולסטן זין!

— אַז די דינים זענען נישט קיין געטלעכע געבאָטן צו וואָס דאַרפסטו זיי אָפּהיטן?

— זיי דאַרפן נישט זיין דווקא קיין געטלעכע געבאָטן, „מן השמים״, הייסט עס. גענוג פאַר מיר, אַז זיי זענען יידישע געבאָטן — מנהגים פון דורות. און מיר מוזן זיי האַלטן צוליבן קיום פון פאָלק. דער רוב פון אונ־דזערע מצוות זענען דאָך דער עיקר צוליב יידישן המשך. איך קאָן דערפאַר זיין אַ פריידענקערין און דאָך אָפּהיטן שבת, און יום־טוב, און כשרות, און אַלע אַנדערע דינים און מנהגים, און — ס׳וועט בשום אופן נישט זיין קיין היפּאָקריטיע...

— און גיין אין שול אַריין אויך?

— נישט „אויך״ נאָר טאַקע דווקא און בפרוש! די שול איז געווען און מוז בלייבן דער אָנהאַלט פון טראַדיציע פאַרן צבור, פּונקט ווי דאָס טראַדיציע־לעבן אין הויז פאַר דעם יחיד...

— חוהלע, זאָגן דיר דעם ריינעם אמת? דיין טעאָריע איז מיר נאָך אַלץ נישט אַזוי קלאָר. כ׳בין אָבער צופרידן מיט איר. וואָרים כ׳גלויב, אַז דער וואָס זאָגט „אַלף״, וועט שפּעטער אויך מוזן זאָגן „תוו״!... — שמייכלט שואליק.

ביידע זענען צוגעקומען צום הויז. חוהלע האָט אויפגעשלאָסן די טיר, אַריבערגעטראָטן די שוועל און — אַ קוש געטאָן די מזוזה.

— אָט דאָס איז ביי מיר אויך טראַדיציע, שואליק!... — האָט חוהלע זיך צעלאַכט.

— בראַוואָ, חוהלע!... — האָט שואליק גענומען פּליעסקען מיט די הענט.

קאַפּיטל פינף

א

מאַיקעל האָט גענומען טעלעפאָנירן ביטריסן יעדע וואָך, געוואָלט מאַכן מיט איר אַ „דעיט״. אָבער ער האָט זיך צו איר נישט געקאָנט דערשלאָגן. זי איז תמיד געווען פאַרנומען מיט עמיצן אַנדערש.

לכתחילה האָט זיך מאַיקעל געפילט אַביסל באַליידיקט. ר׳האָט געדענקט, אַז ביטריס איגנאָרירט אים. ס׳האָט אים שוין אַפילו באַנג געטאָן, וואָס ער האָט זיך פאַר איר פאָרגעשטעלט אַלס „אַן אַרבעטער ביי פּוטערוואַרג״. קאָן זיין, אַז זי גייט מיט „רייכערע״ בחורים, וואָס האָבן בעסערע באַשעפטי־קונגען, ווי אַ פּוטער־אַרבעטער. אפשר גאָר גלייכער געוועזן אויסצוזאָגן איר, אַז ער איז דער אייגנטימער פון דער באַוואוסטער „האָפּקינס פאַר קאָמפּאַני״. זי וואָלט שוין דאַן געפונען פאַר אים אַ פרייען אָוונט...

ער האָט אָבער גוט געדענקט וואָס שואליק האָט אים געזאָגט, אַז ביטריסן לויפן נאָך אַ סך „באָיס״, האָט ער איר גערופן צום לעצטן מאָל און איר געזאָגט, אַז אויב זי ד ע נ ק ט, אַז זי וועט נאָך אַ לאַנגע צייט זיין „פאַרנומען״, וועט ער זי מער נישט באַלעסטיקן. ביטריס האָט זיך צעלאַכט מיט איר גלעקלדיקן געלעכטערל דורכן טעלעפאָן, און פאַרזיכערט מאַיקלען, אַז זי איז פונקט אַזוי נייגעריק צו האָבן מיט אים אַ „דעיט״, ווי ער — מיט איר. ער מוז אָבער האָבן געדולד, ווייל פּרינציפּיעל „ברעכט״ זי נישט מיט קיינעם קיין „דעיט״.

מאַיקעל האָט איר איצט געגליובט. ס׳איז אים געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. צוויי וואָכן שפּעטער, אין אַ זונטיק אָוונט, ווען ס׳איז אויסגעפאַלן שמחת־תורה, איז געקומען זיין „ריי״. ער איז צוגעפאָרן מיט זיין „ביואיק״ און אויסגענומען ביטריסן צום ערשטן מאָל.

— אָ, גאָש, אַ ביואיק ? אַ שפּאָגל־נייער ביואיק ?... — האָט ביטריס אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַ פייערל אין די אויגן, ווען מאַיקעל האָט זי אַריינגע־זעצט אין זיין מאַשין.

— יאָ, אַ ביואיק ! אַ שפּאָגל־נייער ביואיק !... — האָט מאַיקעל געשמייכלט, און גענומען טרייבן די קאַר.

— ווי קומט צו אַן אַרבעטער אַ ביואיק ?

— אַ גוטער אַרבעטער קאָן אָפּשפּאָרן אַ ביואיק אויך...

— מ׳דאַרף קאָנען שפּאָרן. איך קאָן נישט !

— ס׳ווענדט זיך ווי גרויס די שכירות זענען.

— פערציק דאָלאַר אַ וואָך זענען נישט קיין קליינע שכירות. נישט אַזוי ?...

— אָבער ווען מ׳מאַכט דריטהאַלבן מאָל פערציק, און אמאָל אויך דריי מאָל פערציק, קאָן מען שוין יאָ שפּאָרן, מיין איך !

— איז וואוהין פאָרן מיר, מאַיקעל ?... — האָט ביטריס אים אַריינגע־שיינט אין די אויגן.

— פריער פאָרן מיר צו דער פינפטער עוועניו. דאָרטן וועלן מיר האָבן אַ „קאָקטייל״, און אביסעלע שמועסן. מיר קענען זיך דאָך כמעט נאָך נישט...

— דהאָט׳ס רייט... און נאָכדעם ?

— נאָכדעם איז אַ סוד, ביטריס.

— אַלרייט. אַ סוד איז אַ סוד !... — האָט ביטריס אַ שמייכל געטאָן מיט אירע חן־גריבלעך.

מאַיקל האָט נאָך פריער באַשלאָסן צו נעמען ביטריסן אין דעם זעלבן נאַכט־קלוב, וואו ער איז געווען מיט חוהלע הערשקאָוויטש. זיין חוש פון אַ געניטן סוחר האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דווקא יענער נאַכט־קלוב, וואו ער האָט געהאַט אַ דורכפאַל מיט חוהלען, דער העברעיסטין און אידעאַליסטין, וועט זיין אַ גוטער פּלאַץ אויסצופּרובירן די לעבנס־לוסטיקע ביטריס. שואליק האָט אים טאַקע געמעגט אַפּלויבן די ביטריסן אַלס אַן אָנשטענדיק מיידל. אָבער שואליק איז אַ נאַיוועער בחור. ביי אים קאָנען אַלע מיידלעך זיין „צנועות", ווייל ער דערלויבט זיך נישט מיט זיי קיין שום פרייהייטן. ער, מאַיקעל, איז אַ גרעסערער מבין אויף פרויען. אַזאַ ביטריס, וועמען ס'לויפן נאָך אַזויפיל „באָיס", איז געוויס זייער ווייט פון צו זיין אַ צנועה...

אויף דער פינפטער עוועניו זענען זיי אַריין אין דעם „פראָנצויזישן פּאַרלאָר". זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ באַזונדער קעמערל, באַשטעלט קאָקטיילס, און נאָכדעם קאַווע און צובייסן, און — געשמועסט.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און מאַיקעל איז געוואָר געוואָרן ביי ביטריסן וועגן אַלע אירע פריינט כמעט, מיט וועלכע זי גייט, און — וואוהין זי גייט. ביטריס האָט דערפון קיין סוד נישט געמאַכט. זי איז געווען שטאָלץ דערויף, וואָס בחורים לאָזן זיך קאָסטן צוליב איר. זי האָט אים אָפנהאַרציק דערציילט, אַז ס'איז איר גרעסטער פאַרגעניגן צו האָבן אַ סך „באָי־פרענדס".

אין משך פון דעם דאָזיקן שמועס האָט מאַיקעל עטלעכע מאָל אַרויפגע־לייגט זיין האַנט אויף ביטריסעס און זי געגלעט. ביטריס האָט איר האַנט נישט צוגענומען.

פון דעם פראָנצויזישן פּאַרלאָר האָט מאַיקעל זיך געאיילט צום נאַכט־קלוב. ווי נאָר זיי זענען צוגעקומען צו דער טיר, האָט ביטריס אַ זאָג געטאָן:

— אָ, דאָ ? כ'בין שוין אַמאָל דאָ געווען !

— טאָקע ? געפעלט אייך דער פּלאַץ, ביטריס ?

— זייער גוט !...

מ'האָט מאַיקלען מיט ביטריסן געגעבן אַ טישל אין אַ ווינקל, זייער אינטים. מאַיקעל האָט באַשטעלט מיטן עסן קאָניאַק און „שאַמפּעין". ביטריס איז נישט אָפּגעשטאַנען. זי האָט געגעסן און געטרונקען גלייך מיט אים. ביי ביידע האָבן די אויגן גענומען וואַסערן און גלאַנצן מיט באַגער.

נאָכן עסן, ווען דער עולם האָט זיך צעוואַרעמט און די מוזיק האָט אַ קלאַפּ געטאָן און פּאָרלעך האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ געדריי, האָבן

מאַיקעל מיט ביטריסן אויך געטאַנצט. מיד געוואָרן — זיך דערפרישט מיט אַ טרונק און ווידער געטאַנצט.

ערשט פאַרטאָג, נאָך דריי אַזייגער, האָט מאַיקעל אָפּגעפירט ביטריסן אַהיים און זיך צעקושט מיט איר ביים געזעגענען:

— אַ דאַנק, ביטריס, פאַר דעם פאַרגעניגנדיקן אָוונט!

— אַ דאַנק, מאַיקעל, געהאַט אַ „וואָנדערפול טאַים"...

ב

צומאָרגנס, מאָנטיק, „אסרו חג" נאָכמיטאָג, האָט מאַיקעל נישט געקאָנט איינזיצן אין שאָפּ. ביטריס איז אים פון קאָפּ נישט אַרויס. ער האָט איבער־געלאָזט זיין שאָפּ אויפן „פאָרמאַן" און אַליין איז ער אַוועקגעפאָרן צום טליתים־שאָפּ אויף לודלאָו־סטריט. ער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין אויף דער צווייטער זייט גאַס און געווּמען וואַרטן אויף שואליקן.

מאַיקעל האָט גוט געוואוסט, אַז אין „הייליקן שאָפּ" פאַרענדיקט מען די אַרבעט נישט פריער ווי זעקס. ער האָט זיך אָבער געפּעדערט, כדי צו זיין זיכער, אַז ער וועט „כאַפּן" שואליקן אין צייט. ער האָט אים געוואָלט זען היינט און נישט שפּעטער.

אין דער מאַשין האָט מאַיקעל געהאַלטן אויפן קער־רעדל אויסגע־שפּרייט אַ צייטונג פאַר זיך. ער האָט אָבער מער געקוקט אויפן זייגערל, ווי אין דער צייטונג. ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער זיך פאַרלייענען און דורכלאָזן שואליקן. ער איז געווען שטאַרק אומגעדולדיק.

און אָט האָט ער דערזען שואליקן אַרויסגיין פון שאָפּ צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטערס. מאַיקעל האָט געגעבן אַ פייף מיטן „האָרן" פון דער מאַשין. שואליק האָט דערזען מאַיקלען ווי ער האַלט אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ דורכן אויטאָמאָביל־פענצטער, מאַכנדיק צו אים מיט דער האַנט. ער איז צוגעקומען צו דער מאַשין.

— האַלאָ, מאַיקעל! ווי קומסטו פּלוצים אַהער?

— כ'בין ספּעציעל צוגעפאָרן דיך זען, שואליקל. כ'האָב זייער וויכטיקס צו רעדן מיט דיר.

— אַזוי וויכטיק, אַז דער ענין קאָן נישט וואַרטן?

— זייער, זייער וויכטיק, שואליקל. זעץ זיך אַריין, וועלן מיר זיך דורכפאָרן און רעדן.

— ווי קאָן איך? מיינע באַלעבאַטים וועלן וואַרטן אויף מיר מיט דער וועטשערע!

— וועסטו זיי אָפּרופן אויפן טעלעפאָן און זאָגן, אַז דו וועסט נישט קומען היינט צו וועטשערע.

— אָבער, מאַיקעל, כ׳בין מיד, נישט אַרומגעוואָשן, נישט איבערגע־טאָן — גלייך פון שאַפּ...

— זאָלסט זיך גאָרנישט זאָרגן, שואליק. דו ביסט נאָך ביי מיר אין הויז נישט געווען די גאַנצע צייט, זינט מיר האָבן זיך געטראָפן. אַלץ אָפּגע־לייגט. היינט וועט דיר שוין נישט העלפן.

— וואָס עפּעס דווקא היינט? פאַרוואָס נישט לאָזן דאָס אויף אַן אַנדערן טאָג?

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, שואליקל טייערער, ס׳איז אַן עניין, וועגן וועלכן כ׳וויל מיט דיר רעדן דווקא היינט.

— ביטריס? האַ?... — טוט שואליק שאַרף אַ קוק מאַיקלען אין די אויגן.

— יאָ! ביטריס!

— וואָס־זשע, נאָך אַלץ דיר נישט געלונגען צו מאַכן מיט איר אַ „דעיט״?

— מאַל דיר, שואליקל, אַז כ׳האָב שוין דווקא יאָ געמאַכט, און טאַקע געהאַט מיט איר אַ „דעיט״.

— ווען?

— נעכטן אָוונט.

— סאַמע אין שמחת־תורה? — שמייכלט שואליק.

— געהאַט אַ זייער פריילעכן שמחת־תורה! — שמייכלט מאַיקעל זיסלעך — כ׳בעט דיך, שואליקל טייערער, לאָמיר גלייך פאָרן צו מיר אַהיים און כ׳וועל דיר אַלץ דערציילן.

— מילא, וואָס טוט מען נישט צוליב אַ פריינד? — מאַכט שואליק — איך קאָן אָבער נישט גיין מיט דיר אין ערגעץ אין אָט די קליידער, וואָס איך טראָג אין שאַפּ. כ׳מוז זיך איבערטאָן. און חוץ דעם איז מיר אויך נישט אָנגענעם צו לאָזן מיינע באַלעבאַטים וואַרטן אויף מיר מיטן „סאַפּער״. אויב דו ווילסט, מאַיקעל, לאָמיר פריער צופאָרן צו מיין קוואַרטיר וועל איך זיך דאָרט איבערטאָן און אויך זאָגן, אַז כ׳וועל היינט נישט עסן וועטשערע מיט זיי. ס׳וועט נישט נעמען מער ווי עטלעכע מינוט...

— גוט, זייער גוט, שואליקל! דאַרפסט זיך נישט איילן! כ׳האָב גענוג צייט היינט...

מאַיקעל האָט גענומען טרייבן די מאַשין און זיך פאַרקירעוועט אויף גרענד־סטריט. עס איז געווען סאַמע אין די פּאַרנאַכטיקע „גרעייל־שטונדן״, ווען דער ניו יאָרקער עולם לויפט פון דער אַרבעט אַהיים. די טראָטואַרן זענען באַשאָטן מיט מענטשן, ווי פליגן־פּאַפּיר מיט פליגן. מ׳יאָגט זיך צו די סאָבוועיס, צו די טראַמווייען, מענגעסוויז, ווי מוראַשקעס. די גאַסן זענען אָנגעפילט מיט אויטאָמאָבילן און לאַסטוואָגנס. דער פאַרקער איז געדיכט,

אין מאַשין לעבן דער אַנדערער. מיט גרויס מי האָט זיך מאַיקעל אַרויסגע־כאַפּט פון קלעם, זיך פאַרקירעוועט אויף עסעקס־סטריט, פון דאָרט אויף הענרי־סטריט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט שואליקן, און אַליין געפונען אַ פּלאַץ פאַר דער מאַשין מיט אַ פּאָר קוואַרטאַלן ווייטער.

שואליק האָט זיך לאַנג נישט פאַרזוימט אין הויז. ער איז אַרויס צוריק אַן איבערגעטאָגענער, צוגעשפּאַנט צו דער מאַשין און זיך שנעל אַריינגעזעצט.

ג

מאַיקעל האָט גענומען טרייבן אַרויף מיט קאַנאַל־סטריט. געקירעוועט און לאַווירעוועט צו דערשלאָגן זיך צום געבויטן „הויכן וועג", וואָס פירט פאַזע דעם האָדסאָן־ברעג אַרויף־שטאָט צום ריווערסייד־דרייוו. איידער שואליק האָט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן און באַוואונדערן די שיינקייט פון דעם וועג, פון די מויערן, פון דעם האָדסאָן, האָט מאַיקעל זיך געגעבן אַ שטעל־אָפּ מיט דער מאַשין אויף אַ ראָג־גאָס פון דער עטלעכע־און־ניינציקסטער סטריט, אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט אויף איינעם פון די מויערן, וואָס זיינע פענצטער האָבן געפלאַקערט און געשפּריצט מיט צעשמאָלצענעם גאָלד פון דער פאַרגייענדיקער זון, און אַ זאָג געטאָן:

— אָטאָ־דאָ איז מיין וואוינונג!

ביידע זענען אַרויס פון דער מאַשין, צוגעקומען אונטער אַ חופּה־דעכל צו אַ שיינעם אַריינגאַנג, וואו אַ לאָקיי אין אַ בלויען לאַנגן ראָק און מיט אַ בלויען קאַרטוז מיט זילבערנע טאַשמעס האָט פאַר זיי געעפנט די טיר מיט אַ באַגריסונג: „גוד איוונינג, סער!"

מאַיקעל איז צו צום עלעווייטאָר און אַ קוועטש געטאָן אַ קנעפּל. דער עלעווייטאָר־מאַן, אויך אין אַ בלויען אוניפאָרם, האָט זיי אַרויפגעפירט אויפן זיבעצנטן שטאָק אַזוי שנעל, אַז שואליקן האָט זיך געדאַכט, אַז זיין אינגעווייד איז געבליבן ערגעץ אונטן...

מאַיקעל האָט אויפגעשלאָסן די טיר פון זיין וואוינונג און אַריינגעפירט שואליקן. אַ יאַפּאַניש בחורל, אַ דינינקער, אַן איידלינקער, אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט ווייסע, ווייכע שיכלעך, איז אנטקעגנגעלאָפן און זיך פאַר־נייגט.

— שיגו, דאָס איז מיין פריינד, מר. הר־שלום!... — שטעלט מאַיקעל פאָר שואליקן.

— גלעטו־מיטשו, סער!... — פאַרנייגט זיך דער באַדינער.

מאַיקעל האָט גלייך איינגערוימט שיגון עפּעס אין אויער. שיגו איז אַוועק שנעל מיט קעצישע טריט. מאַיקעל האָט גענומען שואליקן אַרומ־פירן און וויזן אים זיין זעקס־צימערדיקן אַפּאַרטאַמענט.

שואליקן האָט גענומען שווינדלען אין די אויגן. ער האָט נאָך אין זיין

לעבן נישט געזען אַזאַ רייך־אויסגעשטאַטע וואוינונג. דיקע טעפּיכער אויף די דילן. שווערע גאַרדינען און פאָרהאַנגען אויף די פענצטער און טירן. זייד־און־פּלוש־געדעקטע סאָפעס, קאַנאַפּעס, שטולן און זיץ־קישנס. געשניצטע, גאָלד־געליישטע טישעלעך אין די ווינקלען. גרויסע און קליינע שפּיגלען אין געגילדעטע ראַמען אויף די ווענט. קרישטאָל־באַצירטע, שטייענדיקע און הענגענדיקע לאָמפּן אומעטום. ביכער־שראַנקען מיט גלעזערנע טירן אָנגעפּאַקט מיט רייך־געבונדענע געניג ביכער מיט יידישע און ענגלישע אויפשריפטן אויף די רוקנס. איטלעכס צימער האָט געשמעקט מיט פּאַרפום און געשיינט מיט רייכקייט.

שיגו איז אַריין און אַ שעפּטשע געטאָן עפּעס צו מאַיקלען.

— איצט, שואליקל, איז שוין פאַר דיר גרייט דאָס באָד־צימער, גיי נעם אַ שפּריץ, מאַך זיך באַקוועם, וועלן מיר טרינקען אַ טעפּעלע קאַווע און קאָנען שמועסן.

שואליק איז אַוועק. ווען ער איז צוריקגעקומען אַ דערפרישטער פון שפּריץ, אָנגעטאָן אין מאַיקעלס אַ זיידענעם שלאָפראָק, איז שוין אין גאַסט־צימער געווען געגרייט אַ טישל מיט מאַנדל־בייגעלעך פון אַ באַוואוסטער כשרער פירמע.

מאַיקעל און שואליק האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ווייכער סאָפע. שיגו, דער יאַפּאַנישער דינער, האָט באַלד דערלאַנגט אויף אַ זילבערנער טאַץ צוויי טעפּעלעך פאַרעדיקע קאַווע.

— נו, איצט צום ענין, מאַיקעל! — האָט שואליק אַ זאָג געטאָן, — לאָמיך הערן ווי האָסטו פאַרבראַכט מיט ביטריסן...

— שואליקל, כ׳וועל רעדן אָן הקדמות. פאַר דיר קאָן איך רעדן אָפן. ביטריס האָט מיך ממש פאַרכישופט. פאַרשטייסט דאָך, אַז זי איז נישט דאָס ערשטע מיידל, מיט וועמען איך האָב פאַרבראַכט. אָבער כ׳בין נאָך ביז איצט נישט געווען פאַראינטערעסירט אין קיין שום מיידל, ווי אין איר. כ׳וויל דיין מיינונג און דיין עצה, שואליקל. דו קענסט זי דאָך שוין לאַנג. וואָס איז זי פאַר אַ טיפּ? דענקסטו, אַז כ׳מעג זי נעמען ערנסט?... כ׳וויל איר היינט טאַקע אָנקלינגען. און דערפאַר האָב איך דיך געוואָלט זען היינט, איידער כ׳מאַך מיט איר אַ צווייטן „דעיט“...

— הער אויס, מאַיקעל, לויט ווי איך ווייס, איז זי דערצויגן זייער פיין. איין זאַך נאָר: זי איז צעבאַלעוועט, זי איז נאָך דערוויל נישט קיין „געשטעלטע“, האָט ליב אַרומצוגיין מיט אַ סך „באָיס“... ד ו מעגסט זי נעמען ערנסט. די פראַגע איז נאָר צי זי וועט ד י ך נעמען ערנסט. פאַר־שטייסט?...

— מעג איך וויסן, שואליקל, ווי ד ו קומסט צו איר?...

— געוויס. ס׳איז נישט קיין סוד. איר שוואָגער, עזרא יאַקיר, אַרבעט

מיט מיר צוזאַמען אין „היילינקן שאָפּ". ר'איז אַ ייד אַ געלערנטער. כ'בין אים געפעלן געוואָרן אין שלייער, ווייזט אויס, און... ע...ר'האָט געוואָלט ביט־ריסן פאַרשדכענען צו מיר...

— נו?

— דיר זאָגן דעם אמת, — זי איז נישט פאַר מיר...

— און פאַר מ י ר, מיינסטו, איז זי יאָ?

— דאָס דאַרפסטו אַליין אויסגעפינען און באַשליסן, מאַיקעל. דו ביסט מער מבין פון מיר, דענק איך...

מאַיקעל און שואליק האָבן נאָך אַ סך גערעדט דערפון. זיך אָנגעטאָן און געפאָרן עסן אין אַ כשרן רעסטאָראַן, און דאָרט ווידער גערעדט.

אין דעם זעלבן אָוונט האָט מאַיקעל טעלעפאָנירט ביטריסן וועגן אַ צווייטן „דעיט" און — צו זיין פריילעכער איבערראַשונג איז גלייך באַקומען...

קאַפּיטל זעקס

א

— שואליק, הער! מיסטער שעוויץ האָט מיך נאָר־וואָס גערופן צום טעלעפאָן און געבעטן,כ'זאָל נאָכאַמאָל קומען מיט דיר היינט אָוונט אויף טיי... וועסט גיין מיט מיר?

— ניין, ר' שלמה־שעיה. ליידער קאָן איך היינט נישט גיין אַהין.

— אָן עבירה, שואליק, צו פאַרציען דעם ענין אין דער לאַנגער באַנק אַריין.

— ביי אונדז פלעגט מען זאָגן ס'ווערטל: „איז עס פון מאירן, וועט זיך עס פאַרשלייערן"...

— אָבער לאָמיך וויסן, שואליק. דער שידוך איז דיר צום האַרצן, אָדער נישט? ס'דאַרף פאָרט אַ שמאַלץ־גרוב!

— טאַקע אמת, ר' שלמה־שעיה. נאָר ס'פאַראַן אַן „אָבער"...

— וואָס אַ שטייגער איז דער „אָבער"?

— כ'קאָן אייך איצט, צום באַדויערן, נישט זאָגן.

— טאַ! מיין כוונה איז צום גוטן פאַר אייך ביידע. דו, געוויינלעך, קאָנסט דיר טאָן ווי דו פאַרשטייסט...

דער דאָזיקער שמועס צווישן ר' שלמה־שעיהן און שואליקן איז פאָר־געקומען נאָך דער אַרבעט אין אָפיס פון שאָפּ. דער ענין וועגן שידוך האָט זיך שוין געצויגן אַ היפּשע פאָר וואָכן.

אין דעם חסידישן שטיבל אויף ריווינגטאָן־סטריט איז שטאָט־ביי־

שטאָט מיט ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער געזעסן נאָך אַ גביר, ר׳ אריה־לייב שעוויץ. דער אריה־לייב האָט אויך געשטאַמט פון אוקראַינע, פון דעם שטעטל באַהאַפּאָלי. און הגם פון בערשאַד ביז באַהאַפּאָלי איז געווען אַ היפּשער מהלך, האָבן זיך פונדעסטוועגן אָט די צוויי שכנים פון שטיבל געהאַלטן פאַר לאַנדסלייט. אין עס איז צווישן די צוויי פרומע יידן געווען אַ לאַנגיאָריקע פריינטשאַפט.

אין באַהאַפּאָלי איז אריה־לייב געווען אַ שוסטער. אָבער נישט קיין פּשוטער, נאָר אַ געהויבענער שוסטער. אַ פרומער ייד און אַן איידעלער מענטש. געקענט אָפּלערנען אַ פרשה חומש מיט רש״י, געקענט לייענען אין דער תורה, געקענט דאַווענען שיין פאַרן עמוד.

אַפילו דער אויסזען אריה־לייבס איז נישט געווען ווי פון אַ באַלמעלאָכע, נייערט פון עפּעס אַ כלי־קודש. אַ מיטלוואוקסיקער שיינער ייד. געהאַט אַן אויסגעביילטן שטערן פון אַ תלמיד־חכם, צוויי שיינע געקרייזלטע פּיאות, אַן אויסגעקעמטע בלאָנדע באָרד. אין גאַס האָט ער תמיד געטראָגן אַ קאַפּאָטע מיט אַ שפּאַלט פון הינטן און מיט אַ רויטער פאַטשיילע אַרויסגעשטעקט פון דער הינטערשטער קעשענע — מעשה חסיד.

די קליענטן אריה־לייבס זענען נישט געווען אַבי־ווער. די סאַמע חשובסטע לייט. די רבנים, די דיינים, אַלע כלי־קודש און פאַרמעגלעכע חסידישע יידן פון באַהאַפּאָלי און פון די צוויי דערבייאיקע שטעטלעך אַרעל און האַלטאַ, וועלכע זענען אָפּגעטיילט מיט צוויי טייכן, בוג און סיניוכאַ און פאַראייניקט מיט צוויי הילצערנע בריקן, פלעגן באַשטעלן זייערע שטיוולעטן און מעשטעס נאָר ביי ר׳ אריה־לייבן.

אריה־לייב שוסטער האָט געהאַט אַ בן־יחיד, יאָסעלע. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיין יאָסעלען דערצויגן אויפן פרומען יידישן שטייגער. געשיקט אים לערנען צו די בעסטע מלמדים אין שטאָט. געצאָלט שכר־לימוד צוגלייך מיט די באַלעבאַטים. נאָר ווען יאָסעלע איז געוואָרן זעכצן יאָר אַלט און שוין געווען אַ יודע־ספר, האָט אים אַריה־לייב גענומען צו זיך אין דער לערע.

די ביטערע צייטן, די פאָגראָמען אויף יידן אין אוקראַינע נאָך דעם צאַרס „קאָנסטיטוציע״, האָבן פאַרטריבן ר׳ אַריה־לייבן מיט זיין ווייב און מיט זיין יאָסעלען און מיט זיין שפרהלען, אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוויי, קיין אַמעריקע.

אין ניו יאָרק האָט אריה־לייב זיך נישט אַוועקגעזעצט אויפן שוסטערבענקל. אַ נייע וועלט מיט נייע מעגלעכקייטן, דאַרף מען פּרובירן ס׳מזל. ער מיט זיין יאָסעלען זענען אַוועק אַרבעטן אין אַ „לעדערגודס פעקטאָרי״. זיך גוט אויסגעלערנט דאָס פאַך, האָבן זיי אין אַ פּאָר יאָר אַרום אַליין אויפגעעפנט אַזאַ פעקטאָרי. ס׳איז זיי געגאַנגען מיט הצלחה. די קונים

האָבן זיי ליב באַקומען פאַר זייער ערלעכקייט. מ׳האָט זיי ממש פאַרוואָרפן מיט באַשטעלונגען. דאָס געשעפט איז געוואַקסן, ווי אויף הייוון. זיי זענען געוואָרן גרויסע גבירים. יאָסעלע האָט דערגרייכט אַ גרויסאַרטיקן שידוך, חתונה געהאַט און געבליבן מיטן פאָטער אַלס שותף אין דער פירמע „שעוויץ ענד סאַן לעדערגודס".

שפּרהלע האָט געענדיקט פּאַבליק סקול, האַי סקול, ביזנעס סקול און געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרין טאַקע ביים פאָטער אין די ביזנעס.

געווען איז שפרה אַ דין, צאַרט באַשעפענישל. נישט קיין מיאוסע. נישט קיין נאַר. געגאַנגען אין פרומען וועג פון אירע עלטערן.

זינט אַריה־לייב איז רייך געוואָרן, האָט ער גענומען נאָכקאָפּירן דאָס לעבן פון דעם אַמאָליקן באַהאָפּאַליער גביר, דעם באַנקיר ר׳ יחיאל אָווער־בוך, וועמען ר׳ אריה־לייב האָט גוט געדענקט. ער האָט אין הויז אַוועקגע־שטעלט צוויי גרויסע גלעזערנע שאַפעס מיט ספרים: ווילנער ש״ס, ווילנער מדרשים, ווילנער עין־יעקבס און אַנדערע הייליקע ספרים. ער האָט אויך אַוועקגעשטעלט אַ גלעזערנעם בופעט מיט זילבערנע כלי־קודש: אַ זיבן־רעריקע זילבערנע מנורה, אַ זילבערנעם חנוכה־לאָמפּ, אַ זילבערן בשמים־ביקסל פאַר הבדלה, אַ זילבערן מים־אַחרונים־שיפעלע. ער אַליין האָט אין שטוב געטראָגן אַ געקווייטלטן זיידענעם שלאַפראָק מיט קוטאַסן און אַ זיידענע פעסקע, פונקט ווי ר׳ יחיאל דער גביר אַמאָל אין באַהאָפּאָלי.

אָבער די סאַמע גרעסטע זאַך, וואָס אַריה־לייב האָט באַגערט נאָכצו־טאָן ר׳ יחיאלן, איז געווען צו דערגרייכן אַזאַ צאַצקע אַן איידעמל, ווי יענער האָט געהאַט — אַ פּיניע ראַפּאַפּאָרט, וועלכער האָט געהאַט אַ שיין־קלאָר פּנימל פון אַ רבניש קינד, געקענט לערנען, און איז טאַקע געזעסן און געלערנט יעדן טאָג. בלויז אַ פּאָר שעה אָפּגעגעבן פאַר מסחר.

ווען ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער האָט געבראַכט שואליקן פון ירושלים און געקומען מיט אים ס׳ערשטע מאָל אין חסידים־שטיבל, האָט אַריה־לייב שעוויץ, גלייך געוואָרפן אויף אים אַן אויג, — „אָט דאָס איז אַ שטיקל סחורה!"... נאָכדעם ווען שואליק האָט אַ פּאָר מאָל געלערנט דאָרטן מיטן עולם חסידים אַ בלעטל זוהר און אַזוי צוקער־זיס אַריינגעלייגט די ווערטער איטלעכן אין מויל אַריין ממש. האָט אַריה־לייב באַשלאָסן, אַז ס׳זאָל אים אַפילו קאָסטן זיין פאַרמעגן, וועט ער דעם דאָזיקן חברה־מאַן מוזן אַריינ־קריגן.

אַריה־לייב האָט זיין פריינד שלמה־שעיהן געבעטן, אַז ער זאָל זען, למען־השם, אויספירן דעם שידוך צווישן שואליקן מיט זיין שפרהלען. נדן האָט אַריה־לייב צוגעזאָגט צען אלפים מזומנים, חוץ דעם וועט ער שואליקן אַריינעמען אין די ביזנעס אַלס שותף אויף פּראָצענטן, און דערצו וועט ער אויף זיינע הוצאות אַריבערברענגען שואליקס עלטערן פון וואַרשע און זען,

אַז דער פֿאָטער זאָל קאָנען מאַכן אַ לעבן דאָ. הכלל, ער וועט שואליקן אָוועקגעבן „עד חצי המלכות"...

ר' שלמה־שעיה האָט זיך גענומען צו דעם שידוך אויס פֿריינטשאַפֿט צו ביידע, סיי צו מיסטער שעוויצן און סיי צו שואליקן.

פֿון אָנהייב האָט שואליק זיך כמעט נישט געלאָזט רעדן אַפֿילו. ער האָט צייט. ער איז נישט געקומען קיין אַמעריקע חתונה האָבן. ער'ט זיך באַטראַכטן. אַלערליי תירוצים פֿאַרלייגט. שפּעטער אָבער האָט ר' שלמה־שעיה פֿאָרט געפּועלט ביי שואליקן צו גיין מיט אים אין אַ זונטיק אָוונט אויף טיי צו מיסטער שעוויצן.

דאָס איז געווען אין יענעם מאָמענט, ווען שואליק האָט געזען, אַז חוהלען האָט ער פֿאַרלוירן, און ביטריסן וויל ער נישט געווינען...

מיסטער שעוויץ און זיינע פֿאַרשפּרעכנס האָבן שואליקן יאָ גענומען לאָקן. זיין טאָכטער, שפּרה, אָבער, האָט אים אויסגעוויזן צו פּשוט אין פֿאַר־גלייך מיט חוהלען און אַפֿילו מיט ביטריסן. ר'האָט געטראַכט, געקלערט, געוואויגן — געבליבן קאַלט.

ב

עס איז אַריבער דער חודש תשרי מיט אַלע ימים־טובים, און מיט זיי אויך די ליכטיק־שיינע, מילד־וואַרעמע טעג פֿון דעם „אינדיאַנער זומער", וועלכע זענען די סאַמע אָנגענעמסטע טעג אין ניו יאָרק.

אינמיטן חשוון האָט דער הימל מיטאַמאָל זיך גענומען אָנכמורען, גיסן מיט רעגנס. קאַלטע, עסנדיקע ווינטן האָבן גענומען בלאָזן. דער בייזער ווינטער איז פֿאַרלאָפֿן דעם וועג דעם מילדן האַרבסט.

די רייכע האָבן דעם פֿריען ווינטער באַגעגנט מיט אַ ביטול־שמייכל, ווי איינער רעדט — מיר הערן דיך ווי דעם קאָטער.

די אָרעמע האָבן געקוקט אויפֿן וויינענדיקן הימל און גענומען טראַכטן טרויעריקע געדאַנקען.

די ערשטע נייעס יענע טעג אין לאַנד איז געווען דער שטרייק פֿון די קוילן־גרעבערס.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן אויך די קליידער־אַרבעטערס געדראָט מיט אַ שטרייק.

די אַרבעטערס פֿון „הייליקן שאַפּ" אַפֿילו האָבן אויך גענומען טראַכטן וועגן זייער מאַטעריעלן מצב. זיי האָבן גענומען זיך באַקלאָגן פֿאַר שואליקן — ס'יקרות שטייגט, לעבנסטימל ווערט אַלץ טייערער, ס'נישט מעגלעך אויסצוקומען מיט די שכירות...

שואליק האָט געפֿילט ווי עס ליגט אויף אים אַ הייליקע פֿליכט צו טאָן עפּעס פֿאַר זיינע חברים־אַרבעטערס.

קודם־כל האָט ער פֿאָרגעשלאָגן צו באַנייען דעם איינפֿיר פֿון זייערע מלווה־מלכהס, ביי די סעודות וועט מען קאָנען רעדן וועגן „תכלית״.

די אַרבעטערס האָבן זיך אָנגעכאַפּט דערין און באַשלאָסן גלייך צו פֿראַ־ווען די צווייטע מלווה־מלכה, וואָס איז זומער־צייט אָפּגעלייגט געוואָרן. און — טאַקע ביי עזרא יאַקירן אין הויז, ווי זיי האָבן דאַן געפּלאַנעוועט.

די פֿרויען פֿון די אַרבעטערס זענען גלייך צוגעטראָטן צו די הכנות. די אַרבעט פֿון קאָכן און באַקן איז צעטיילט געוואָרן צווישן זיי אַלע. מאָטעלע נאָז איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער הויפּט־שמש און שר־המשקים פּונקט ווי צו דער ערשטער מלווה־מלכה.

אין זאַך האָט שואליקן באַנג געטאָן איצט. צו דער ערשטער מלווה־מלכה ביי ר׳ שמואל־הערשן אין הויז איז הוהלע אויך געווען. זי האָט דאַן אַפֿילו אַריינגעבראַכט דעם עולם אין אַ יום־טובדיקער שטימונג מיט איר קורצער רעדע. דווקא איצט, ווען ער, שואליק, קלייבט זיך אויסצונוצן די סעודה לטובת זיינע חברים און אויפֿהייבן די פֿראַגע וועגן פֿאַרבעסערן זייער מצב, וואָלט ער באַדאַרפֿט האָבן הוהלען. זי איז דאָך געניט אין די אַרבעטס־פּראָבלעמען. זי וואָלט איצט געקאָנט, ווי מ׳זאָגט, אַוועקשטעלן דעם ריכטיקן טאָן.

אָבער קיינעם פֿון די חברים־אַרבעטערס וועט אפֿילו נישט איינפֿאַלן צו כאַרבעטן הוהלען צו דער איצטיקער מלווה־מלכה. און ער, שואליק, אַליין, ווייס זי אַוודאי נישט פֿאַרבעטן. זינט דעם „איבעררייס״ צווישן זיי איז ער פֿאָרזיכטיק מיט יעדן וואָרט, וואָס ער רעדט אויס מיט הוהלען.

ניין, ער טאָר דאָס נישט טאָן, ער מוז זיין זייער געוואָרנט!...

די טעג זענען שוין געשטאַנען קורצע. שבת, זעקס אַזייגער פֿאַרנאַכט, איז שוין געווען נאָך מעריב און נאָך הבדלה. ביי עזרא יאַקירן אין הויז האָט זיך שוין געררישט און געטומלט. פּערל יאַקיר און די אַנדערע ווייבער פֿון די אַרבעטערס האָבן שוין גערודערט אין קיך. אין הויז האָט געשמעקט מיט געשמאַקע ריחות פֿון געקעכטס און געבראָטנס.

מאָטעלע נאָז האָט זיך געפּאָרעט אין עסצימער, אויסגעשטעלט די טישן, זיי פֿאַרשפּרייט מיט ווייסע טישטעכער, אויסגעשטעלט גלעזער און גלעזלעך, און צוגעגרייט די משקאות.

ביטריס גערבער איז אין הויז נישט געווען. זי איז נאָך בייטאָג אַוועק מיט איינעם פֿון אירע באַקאַנטע „באָיס״ צו זען אַ „מואווי״.

אַרום אַכט אַזייגער אין אָוונט זענען שוין די ווייבער אין קיך געוואָרן פֿאַרטיק מיטן קאָכן, און זיך גענומען גרייטן צום טיש. די געסט האָבן גענומען אָנקומען איינציקווייז.

שואליק איז אָנגעקומען מיט שמואל־הערשן. אויך כאַנציע איז מיט־געגאַנגען. איר חלק, זיסע געבעקסן, האָט כאַנציע געבראַכט מיט זיך.

ווי נאָר שואליק איז אַריין, איז גראָד באַלד אויך אַריינגעקומען ביטריס אַ פאַרפלאָמטע פון קעלט און ווינט. זי איז צוגעלאָפן, זיך אַרומגעכאַפּט מיט שואליקן, ווי מיט אַן אַלטן פריינד. כאַנציע האָט עס דערזען, און ס׳האָט איר אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן — אָט דאָס, ווייזט אויס, איז דאָס מיידל! דאָס איז זי, עזראס שוועגערין. וואָס האָט אויסגעכאַפּט דעם שואליקן!...

דער עולם האָט זיך געוואַשן, זיך געזעצט צום טיש און געמאַכט „המוציא". ביטריס איז צוגעקומען צום טיש און זיך געוואָלט אַוועקזעצן לעבן שואליקן. עזרא יאַקיר, דער שוואָגער, האָט איר אַ וואונק געטאָן אַז ס׳נישט שיין. זי דאַרף זיצן צווישן די פרויען ביים צווייטן עק טיש.

די מלווה־מלכה איז שוין געווען אין פולן גאַנג. דער עולם איז שוין געווען גאַנץ אויפגעלייגט פון דער חברישער מסיבה און פון די געשמאַקע מאכלים און משקאות. אין עפּצימער איז געשטאַנען אַ פּאַרע פון די געקעכצן און פון דעם לעבעדיקן עולם... דאָ האָט זיך געעפנט די טיר און אין הויז איז אַריינגעקומען חוהלע.

— אָ, אַ גאַסט! אַן אומגעריכטער גאַסט!... — האָט דער בגילופנדיקער עולם איר געגעבן אַ הילכיקן אויפנאַם.

— נאָך דער סעודה איז אַן אומגעריכטער גאַסט נישט געפערלעך!... — כ׳האָב זיך אַליין אַהער פאַרבעטן.

— אַן אמתער פריינד פאַרבעט זיך אַליין! — מאַכט שואליק און פאַר־רויטלט זיך אַביסל.

ביטריס האָט איר בענקל אָפּגעגעבן חוהלען. זי איז צוגעקומען צו שואליקן, אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף זיינע אַקסלען און אים איינגע־רוימט עפּעס אין אויער. חוהלע האָט פון צווייטן עק טיש אַ שמייכל געטאָן צו שואליקן. שואליקן איז אַריין דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים. ער האָט זיך מיט דער האַנט געגומען רייבן זיין שטערן צו פאַרשטעלן זיין פאַרלעגנהייט.

— גוט, גוט! — האָט מאַטעלע נאָז אַ זאָג געטאָן — חוהלע וועט אונדז איצט אויך קאָנען זאָגן אַ פּאָר ווערטער, ווי ביי דער ערשטער מלווה־מלכה!

— ניין, איצט בין איך געקומען נאָר זען און הערן!... — מאַכט חוהלע מיט אַ שמייכל — כ׳האָף, אַז שואליק וועט איצט עפּעס האָבן וויכטיקס צו רעדן...

— יאָ, יאָ, שואליק, שואליק!... — האָבן עטלעכע מאַנסבילן ביים טיש אויסגערופן.

שואליק האָט צורעכט־געמאַכט זיין יאַרמאָלקע אויפן קאָפּ, זיך אָפּגע־ווישט די ליפּן מיט דער סאַלפעטקע און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל:

— יאָ, רבותי, ווען איר וואָלט מיך אָפּילו נישט געבעטן, וואָלט איך אויך איצט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער!

דער עולם ביים טיש איז גלייך געבליבן שטיל. שואליק האָט גענומען רעדן געלאַסן, איינגעהאַלטן. ער האָט דערמאָנט חוהלעס אויסטייטש פון „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד", איבערגעגאַנגען צו די הויכע יידישע פּרינציפּן וועגן אַרבעטער־פּראָבלעמען אין תנ"ך, תלמוד, און פּוסקים, און באַרירט די לאַגע פון די אַרבעטערס פון „הייליקן שאָפּ". ר'האָט אפילו מיט אַ וואָרט נישט דערמאָנט דעם „באָס". ר'האָט בלויז אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז „אָדם בהול על ממונו", איטלעכער מענטש וויל וואָס מער נעמען און וואָס ווייניקער געבן. דעריבער מוז דער אַרבעטער תמיד קעמפן פאַר בעסערע באַדינגונגען און יושרדיקער באַהאַנדלונג. און פאַר־ענדיקט האָט ער מיט די ווערטער: „מיר, פרומע אַרבעטערס, דאַרפן נישט קאַרל מאַרקסן — מיר האָבן משה רבינו; מיר נייטיקן זיך נישט אין זיין „קאַפּיטאַל" — ווייל מיר האָבן דעם „קאַפּיטאַל" פון דער תורה!... אַלע האָבן געקלאַפּט בראַוואָ.

בעת שואליק האָט גערעדט, האָט חוהלע באַמערקט ווי ביטריס עסט אים מיט די אויגן. מיט דעם געניטן בליק פון אַ פרוי האָט זי נאָך פריער דערקענט אין ביטריסעס צולויפן צו שואליקן, איינרוימענדיק אים אַ סוד, אַז זיי זענען צווישן זיך גאַנץ היימיש. אַ פייער פון אייפערזוכט האָט זיך צעפלאַקערט אין חוהלעס האַרצן. זי האָט אין יענעם מאָמענט פאַרגעסן איר גאַנצן שטאָלץ. זי האָט ביי זיך פעסט באַשלאָסן, אַז זי וועט דעם שואליקן נישט אָפּלאָזן ביטריסן און — נישט קיינעם, קיינעם...

אַהיימגעגאַנגען זענען זיי ביידע, חוהלע און שואליק, צוזאַמען. חוהלע האָט אַריינגעבעטן שואליקן צו זיך אין צימער, זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן פון זיין געלונגענער, קלוגער רעדע ביי דער מלווה־מלכה. זי האָט אים אָנגעבאָטן איר מיטהילף אין קאַמף. זי האָט אים אַרויסגעוויזן אויסער־געוויינלעכע ליבלעכקייט.

לאַנג־לאַנג האָבן זיי נאָך גערעדט און געשמועסט. און פאַר זיין אַוועק־גיין האָט חוהלע דערלאַנגט שואליקן אַזאַ געשמאַקן קוש, אַז ער איז נאָך דעם געלעגן שעהן־לאַנג אויפן בעט און נישט געקאָנט איינשלאָפן.

ג

דער וועטער־נביא האָט פאָרויסגעזאָגט אַ שניי־שטורעם אין ניו יאָרק אויף ביינאַכט, און ער האָט גראָד געטראָפן.

נאָך פאַר מיטנאַכט האָט דער שטורעם גענומען זיך אַריינרייסן אין שטאָט. דער ווינט האָט גענומען וואָיען און טרייסלען מיט די לויזע פענצ־

טער. האַרטע, אייזיקע שניי־גרייפּעלעך האָבן גענומען קלאַפּן אין די שויבן און זיך געלייגט אין די ווינקלען פון די פענצטער־רעמלעך ווי דרייעקיקע ווייסע אויגן־באַנדאַזשלעך.

ביי שואליקן אין צימער איז געווען קאַלט. אפילו בייטאָג פלעגט דער „לענדלאָרד" פון הויז נישט צופיל פאַנקעווען זיינע שכנים מיט וואַרעמקייט. בפרט אין די שפּעטע נאַכט־שעהן האָט ער קיין היץ לחלוטין נישט געגעבן.

שואליק איז געלעגן אין בעט איינגעדעקט מיט דער ווינטער־קאָלדרע און מיט זיין ווינטער־מאַנטל פון אויבן. עס האָט געדויערט לאַנג אָנצו־וואַרעמען דאָס בעטגעוואַנט אַזוי, אז דאָס בעטגעוואַנט זאָל קאָנען צוריק אָנוואַרעמען אים. ער האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן.

חוהלעס לעצטער קוש האָט אים איצט אַ סך מער צערודערט, ווי איר גאַר־ערשטער קוש. ער איז איצט געווען צעוואַרעמט, פול מיט גלוסטונג. חוהלעס געשטאַלט איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַלע אירע חנען, אויך ביטריסעס געשטאַלט מיט אירע פייערלעך אין די אויגן. ער האָט זייביידע געזען פאַר זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן, און ביידע האָבן ווי קאָנקורירט צווישן זיך ווער פון זיי ס׳וועט מער אים אויפרייצן אַצינד.

אָט האָט ער געזען די קליינינקע, זשוואַווע חוהלען מיט איר פּנימל, וואָס פאַרמאָגט טויזנט ליכטיקע חנען, ווי זי האָט היינט אַ שפּרונג געטאָן צו אים און אומגעריכט אים אָפּגעשטעמפּלט איר קוש מיט אַ פייער פון אַ פלוצים־אויפגעריסענעם וואולקאַן. און אָט האָט ער לעבן איר באַלד געזען די שיינע, שלאַנקע, זאַפטיקע ביטריס מיט איר פאַרשייטן בליק, ווי זי האָט אים היינט אַרויפגעלייגט אירע פולע, וואַרעמע אָרעמס אויף זיינע אַקסלען און מיט איר הייסן אָטעם אים אַריינגעשעפּטשעט אין זיינע אויערן.

שואליק האָט ביי זיך אין האַרצן נישט געקאָנט לייקענען, אַז בשעת די ביטריס האָט אים נאָר אָנגערירט מיט אירע אָרעמס און זיך צוגעבויגן מיט אירע לעפצן צו זיין אויער, האָט ער דערפילט ווי ס׳איז אים וואַרעם געוואָרן אין אַלע אברים.

אָבער אַזוי שנעל ווי זיין בליק האָט איבערן טיש זיך אָנגעשלאָגן אָן חוהלעס בליק, איז באַלד ביטריס מיט איר גאַנצער שיינקייט און מיט איר גאַנצן רייץ ווי עפּעס פאַרשאָטנט געוואָרן.

חוהלע האָט איצט שואליקן שטאַרק גערייצט. און — אין דערזעלבער צייט אויך שטאַרק געשראָקן. ער קען דאָך די חוהלע מיט אירע קאַפּריזן. ווי מעג ער ווידעראַמאָל זיך לאָזן כאַפּן פון איר אויף דער וועגטקע? ניין, ער טאָר נישט. ער דאַרף איצט צוימען זיינע געפילן.

יאָ, חוהלע איז טאַקע נישט קיין פאַלשער מענטש. זי איז אָבער אַ מענטש מיט שטימונגען. און שטימונגען בייטן זיך מיט די אומשטענדן...

שואליק האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, נישט

געקאָנט איינליגן רויק. ער האָט, לויט זיין שטייגער פון אַ גלויביקן, סוף־כל־סוף אָפּגעמאַכט ביי זיך צו לאָזן אַלץ צו דער „השגחה״...

דערווייל האָט שואליק געהאַט אויף זיך אַ וויכטיקע פליכט — צו פאַרבעסערן די לאַגע פון זיינע חברים אין שאָפּ. דאָס האָט געפאָדערט ביי אים אַ סך צייט. ער האָט נישט געקאָנט כאַפּן און אָרגאַניזירן די אַרבעטערס ד׳אָרט איינס און צוויי. זיי זענען כמעט אַלע געווען עלטערע מענטשן, זיי האָבן געציטערט פאַר ר׳ שלמה־שעיהן. זיי האָבן געציטערט פאַר זייער שטיקל ברויט, ווי אָרעם ס׳איז נישט געווען.

שואליק האָט אָפּגעמאַכט מיט זיינע חברים־אַרבעטערס צונויפצוקומען זיך יעדן מוצאי־שבת אַרומצורעדן די לאַגע און צו באַטראַכטן גענוי וואָס צו טאָן, ווי צו טאָן, און ווען צו טאָן עפּעס מכוח שטעלן פאָדערונגען צו ר׳ שלמה־שעיהן. די מלווה־מלכהס זענען אוודאי גוט. מ׳קאָן אָבער דעמאָלט נישט רעדן וועגן די עקאָנאָמישע פּרטים און אָננעמען באַשלוסן. דאָס פאָדערט ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען.

ס׳איז אַזוי אַוועק דער גאַנצער חודש כסלו כמעט. די טעג זענען געווען קורצע. שואליק פלעגט אויפשטיין ווען ס׳איז נאָך געווען טונקל, אָפּגע־דאַוונט פרי, אָפּגעגעסן פרישטיק פרי, און איז אַוועק מיט שמואל־הערשן אין שאָפּ אַריין פרי.

חוהלע, פאַרקערט, פלעגט אויפשטיין שפּעט, עסן פרישטיק שפּעט, ווען שואליק איז שוין לאַנג געהאַט אַוועק.

דאָס זעלבע פלעגט זיין אין די אָוונטן. שואליק פלעגט קומען מיט שמואל־הערשן פון שאָפּ פרי, געגעסן וועטשערע פרי, און זיך געלייגט שלאָפן פרי. און חוהלע פלעגט קומען פון תלמוד־תורה שפּעט, געגעסן וועטשערע שפּעט, ווען שואליק איז שוין לאַנג געשלאָפן.

אַ גאַנצע וואָך האָבן זיך שואליק און חוהלע כמעט נישט געזען גאָר. די איינציקע טעג, ווען זיי איז איצט אויסגעקומען צו טרעפן זיך ביים טיש, זענען געווען פרייטיק אָוונט און שבת נאָכמיטאָג צו די סעודות. און אַפילו דעמאָלט האָט שואליק באַלד נאָכן בענטשן געמוזט אַוועקגיין. פרייטיק אָוונט און שבת בייטאָג האָט ער געזאָגט אַ „שיעור״ אין דער „יאָנג איזראַעל״־שול, און מוצאי־שבת האָט ער געהאַט דעם מיטינג מיט זיינע חברים פון שאָפּ.

חוהלע האָט זיך שטאַרק געערגערט דערפון. זי האָט אַפילו עטלעכע מאָל פּרובירט אַ זאָג טאָן שואליקן ביים טיש, אין העברעיש, פאַרשטייט זיך, אַז זי בענקט שוין פשוט צו האָבן אַ שטיקל שמועס מיט אים. שואליק איז אָבער אָפּגעקומען מיט אַ שמייכל און מיט אַ לאַקאָנישן ענטפער: ס׳טוט אים זייער לייד. אַלץ פאַרנומען. נישטאָ קיין צייט!...

אַוודאי האָט חוהלע אים געגלויבט. זי איז אָבער געווען גענוג קלוג

צו פֿאַרשטיין, אַז ווי שטאַרק שואליק איז נישט פֿאַרנומען, וואָלט ער דאָך געקאָנט געפֿינען אַמאָל עטלעכע פֿרייע מינוטן פֿאַר איר, ווען ער וויל עס נאָר. נישט מער, ער מיידט בכוונה אויס צו טרעפֿן זיך מיט איר צווישן פֿיר אויגן. און — זי קאָן אויף אים גאָר קיין פֿאַראיבל נישט האָבן דערפֿאַר. לויט ווי זי איז זיך מיט אים באַגאַנגען איז ער דאָך ממש אַ צדיק, וואָס ער רעדט נאָך מיט איר. זי אויף זיין אָרט וואָלט געוויס געהאַנדלט אַ סך ערגער.

ס'האַרץ האָט איר אָבער געזאָגט, אַז שואליק האָט פֿאָרט אַ ליבע־געפֿיל צו איר. זי האָט דאָס געזען אין זיינע בליקן. זי האָט דאָס אַראָפּ־געלייענט פֿון זיין פּנים. זי איז געווען זיכער, אַז זי נאַרט זיך נישט אָפּ. און וואָס אַ טאָג האָט איר האַרץ געברענט אַלץ מער נאָך אים.

חוהלע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי טאָר נישט שטופּן די צייט. זי מוז עס לאָזן צום „גורל״.

זי האָט געליטן און — געוואַרט.

פֿון דער העלער הויט האָט חוהלע באַקומען אַ בריוו פֿון מינצן. דער קאָנווערט האָט געטראָגן אויף זיך אַ שטעמפּל פֿון לאָס אַנדזשעלעס, קאַלי־פֿאָרניע. זי האָט אַ לאַנגע ווײַלע געהאַלטן דעם קאָנווערט, זיך געשלאָגן מיט דער דעה — זאָל זי יאָ אָדער זאָל זי נישט אויפֿרייסן אים. זי האָט אים יאָ אויפֿגעריסן און אַרויסגעשלעפּט אַ קליין בייגעלע פּאַפּיר.

געשריבן האָט מינץ קורץ בזה הלשון:

„ליבע חוהלע!

„כ'האָב בכוונה נישט געשריבן דיר ביז איצט. כ'האָב געוואַרט ביז דיין צאָרן וועט זיך אַביסל איינשטילן.

„איצט האָף איך, אַז דאָס אַלץ איז שוין געשען.

„איך אַליין, ווי דו ווייסט זען פֿון דעם קאָנווערט, בין מגולגל געוואָרן פֿון שיקאַגאָ קיין לאָס אַנדזשעלעס.

„ווען כ'בין מיט זיך אַליין, טראַכט איך תמיד פֿון דיר. ווען נאָר ס'איז פֿאַראַן אַ תּפֿילה אין מיין האַרצן, איז זי פֿאַר דיר.

„אויב דו ווילסט — שרייב מיר אַ פּאָר שורות וועגן זיך. אויב דו ווילסט נישט — וועל איך אויף דיר אויך נישט זיין ברוגז.

„כ'האָף, אַז דו ביסט שוין אויפֿן וועג פֿון גליק און פֿרייד, ווי דו ביסט עס ווערט״...

„דער אַלטער באַקאַנטער,

מ י נ ץ״

חוהלע האָט איבערגעלייענט דאָס בריוול און געוואָלט עס גלייך אויפֿן אָרט צערייסן אויף פּיץ־פּיצלעך. זי האָט זיך אָבער פֿאַרכאַפּט, צונויפֿגעלייגט דאָס בייגעלע פּאַפּיר צוריק אין דעם קאָנווערט און עס אַריינגעלייגט אין איר טיש־שופֿלאָד. אַ געדאַנק האָט איר אַ בליץ געטאָן אין מוח — אפֿשר וועט איר אָט דאָס בריוול צונוצקומען. אפֿשר וועט זי עס ווייזן שואליקן...

זי האָט זיך אָבער באַלד אַליין געגעבן אַ בייזער אויף זיך: וואָס טוט זיך עס מיט איר? וואו איז איר שכל אַהינגעקומען? עפּעס איז זי אינגאַנצן גאָר אַראָפּ פון דער קאַלייע. פריער האָט זי שואליקן געוואָלט אויסנוצן צוליב מינצן, און איצט וויל זי מינצן אויסנוצן צוליב שואליקן? ווי נאַריש. נישט דאָס איז דער וועג!

קאַפּיטל זיבן

א

שואליק איז אַרומגעגאַנגען אַ צעררודערטער. אין האַרצן איז ביי אים אָנגעגאַנגען אַ שווערער קאַמף. ער האָט געהאַט שלאָפלאָזע נעכט און אומרויִקע טעג. גורם געווען איצט דערצו האָבן זיינע עלטערן פון וואַרשע.

די בריוו וואָס שואליק האָט באַקומען פון זיין פאָטער די לעצטע צייט, זענען געווען זייער טרויעריקע. דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם און כוליגאַניזם איז מיט יעדן טאָג גרעסער געוואָרן. דער באָיקאָט אויף יידישע קראָמען איז אָנגעגאַנגען מיט גרויס אַכזריות. טיטשקעסווייז זענען יונגען געשטאַנען אומעטום פאַר די יידישע קראָמען, אָוועקגעשלעפּט די גויאישע קונים און זיי געטריבן צו די גויאישע קרעמערס. כוליגאַנישע סטודענטן זענען געווען באַוואָפנט מיט שווערע גומענע קישקעס און געפּאַסעוועט מיט זיי יידישע פּלייצעס און קעפּ. אין די באַנען איז פאַר אַ יידישן פּאַסאַזשיר שוין נישט מעגלעך געווען צו פאָרן. מ'האָט געצופּט יידישע בערד, געריסן יידישע פּיאות, און געטאָן נאָך ערגערע זאַכן צו יידן, וואָס ס'איז אַ שאַנדע און אַ ווייטיק אַפילו אַרויסצוברענגען עס אויפן פּאַפּיר.

איטלעכער בריוו, וואָס דער פאָטער האָט שואליקן געשיקט פון וואַרשע, האָט ממש צעריסן זיין האַרץ. ער פלעגט פון נערוועזקייט זיך כאַפּן ביי די באַקן, ביים קאָפּ, און בייסן די ליפּן ביז בלוט. ער קאָן נישט ראַטעווען אַ ל ע יידן, אָבער זיינע אייגענע עלטערן דאַרף ער דאָך ראַטעווען. נאָר ווי אַזוי?...

אָט די דאָזיקע פראַגע האָט געהאַלטן אין איין בויערן ביי אים אין מוח.

אין אַ פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, איז שואליק אַריין צו ר' שלמה־שעיהן אין אָפּיס פון שאָפּ און אים אַ זאָג געטאָן:

— ר' שלמה־שעיה, כ'האָב צו אייך אַ בקשה!

— סאַראַ בקשה?... — האָט ר' שלמה־שעיה געגעבן אַ הייב־אויף זיינע באַברילטע אויגן.

— איר ווייסט דאָך וואָס ס'קומט פאַר מיט יידן איצט אין פּוילן...

— יאָ, נו. די גאַזעטן שרייבן דאָך יעדן טאָג, כ'ווייס.

— איך דאַרף נישט די גאַזעטן, ר׳ שלמה־שעיה. כ׳באַקום בריוו פון מיין פאָטער, שפּאַלטן זיי דעם מוח. ממש אַ הימל־געשריי. איז ווי קאָן איך דאָ זיצן רויק, ווען מיינע אייגענע טאַטע־מאַמע לעבן אין אַזאַ סכנה...

— נו, יאָ, נו ? — האַלט ר׳ שלמה־שעיה זיינע אויגן האַלב־געשלאָסן.

— וואָלט איך וועלן בעטן ביי אייך אַ טובה, ר׳ שלמה־שעיה. נישט קיין גמילות־חסד וויל איך. נאָר פּשוט, איר זאָלט מיר געבן מיינע שכירות פאַרן יאָר אין פאָרויס. מיט אַזאַ סומע געלט וועלן מיינע עלטערן נישט דאַרפן וואַרטן אויף אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל, און זיי וועלן באַלד קאָנען אַנטלויפן פון יענעם אומגליקלעכן לאַנד...

— קיין ארץ־ישראל גאָר ? פאַרוואָס נישט קיין אַמעריקע ?

— נישט א י ך וויל בלייבן אין אַמעריקע, און נישט מ י י נ ע ע ל ט ע ר ן וועלן קומען אַהער...

ר׳ שלמה־שעיה האָט אַ ווײַלע געשוויגן. ר׳האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר, פאַרצויגן שטאַרק דעם רויך און זיך צעשמייכלט :

— כע־כע־כע... נאַרעלע, צו וואָס דאַרפסטו מיך ?...

— ביי וועמען דען קאָן איך בעטן אַ טובה אַזאַ, אויב נישט ביי אייך ?

— שואליק ! — קוקט אים ר׳ שלמה־שעיה איצט שוין גלייך אין די אויגן אַריין — לאָמיר רעדן אָפענע דיבורים. ס׳איז נישט קיין קליינע פּאָר דאָלאַר. ס׳אַ גרויסע סומע געלט. א י ך זאָל דיר „אַדוואַנסן״ די שכירות דיינע פאַרן גאַנצן יאָר איז אַ שווערע זאַך, פאַרשטייסט ?...

— איז ווי קאָן איך פאָרט ראַטעווען מיינע עלטערן פון פּוילן ?...

— ווי ? גרינג ! ווי אַ האָר פון דער מילך ! זאָלסט מיך נאָר וועלן פאָלגן, וועט זיין וואויל צו דיר און וואויל צו דיינע טאַטע־מאַמע. ר׳ אריה־לייב שעוויץ לאָזט מיך נאָך אַלץ נישט צורו...

— ר׳ שלמה־שעיה, איר׳נט אַ ייד אַ סוחר. אין ביזנעס איז דער עיקר דער „רווח״. אין אַ שידוך, אָבער, איז דער עיקר „דער קרן״.

— וואָס זשע ? דאָס מיידל איז אַ וואויל מיידל. טאָמער איז זי אַביסל צו־אײדל, וועט זי זיך שפּעטער „צופּיקסן״... מיין יידענע איז כלהוויז אויך געווען אַ דאַרע. נו, זעסטו דאָך... כ׳מיין, כ׳דאַרף דיר עפּעס איינרעדן ? גלייב מיר, כ׳בין אויסן דיין טובה. ס׳אַ שמאַלץ־גרוב... לאָמיך איצט טעלע־פאָנירן מר. שעוויצן און אים זאָגן, אַז כ׳קום אַריבער מיט דיר אויף טיי. זע נאָכאַמאָל ס׳מיידל. נעם זי אויף אַ שפּאַציר. באַקען זיך מיט איר בעסער. ס׳ט׳זען אַליין. קיינער וועט דיך, חלילה, נישט נייטן. אָלרייט ?...

אין דעמדאָזיקן געדריקטן מאָמענט האָט שואליק געמאַכט אַן אָנשטרענ־גונג און אַ זאָג געטאָן :

— אָלרייט, ר׳ שלמה־שעיה. כ׳על מיט אייך היינט אָוונט אַריבערגיין אַהין !

— גוט! אַט אַזוי!... — האָט ר' שלמה־שעיה אים אַ גלעט געטאָן איבער דער פּלייצע.

יענעם אָוונט איז דאָס מיידל, שפרהלע, געווען אַ סך לעבעדיקער, און — צו שואליקן אַ סך פריינטלעכער וויביים ערשטן וויזיט. זי האָט מיט אים גערעדט אַ סך מער, ווי ס'פריערדיקע מאָל, און גערעדט גאַנץ לאָגיש. שואליק האָט אויף איר איצט געגומען קוקן מיט גאָר אַנדערע אויגן.

נאָך דער טיי האָט שפרהלע גאַנץ היימיש־וואַגנדיק אַ זאָג געטאָן צו שואליקן:

— איר'ט אפשר כאַפּן אַ שפּאַציר מיט מיר?

— מיט פאַרגעניגן!

ר' שלמה־שעיה האָט זיך איבערגעקוקט מיט ר' אריה־לייבן צופרידן. ס'גייט אויף אַ דרך, הייסט עס...

געגאַנגען זענען שואליק און שפרהלע צו דער וויליאַמסבורגער בריק. שואליק האָט זיך דערמאָנט אין זיין שפּאַציר דאָרט מיט ביטריסן, און ער האָט איצט „אָנגעגורט די לענדן" צו זיין שטאַרק און נישט אַריינפאַלן מיט דער שפרהלען אַזוי ווי דאַן מיט ביטריסן. אָ, ניין. איצט דאַרף ער זיך האַלטן אייזן־שטאַרק. אין אַ שוואַכן מאָמענט האָט ער צוליב געטאָן ר' שלמה־שעיהן. אָבער — ער אַליין דאַרף נאָך האָבן אַ גרויסן־גרויסן ישוב־הדעת.

אויף דער ערשטער באַנק האָט זיך שפרהלע צוגעזעצט. שואליק — ביי איר זייט. אָבער — וויטלעך אַביסל. שפרהלע האָט לאַנג נישט געוואַרט. זי האָט אָנגערופן שואליקן ביי זיין ערשטן נאָמען, גאַנץ היימישלעך, און אַ זאָג געטאָן:

— שואליק, כ'האָב וועגן אייך געהערט, אַז איר זענט זייער אַ מאָראַ־לישער מענטש, וויל איך מיט אייך רעדן אָפן.

— אַ שיינעם דאַנק.

— איך דאַרף אייך אויסזאָגן אַ סוד.

— איר דאַרפט נישט, אויב איר ווילט נישט.

— איך דאַרף און וויל, איר זאָלט עס וויסן. מיין טאַטע וויל „קויפן" פאַר מיר דעם שענסטן און בעסטן יונגנמאַן. ער ווייסט אָבער נישט, אַז שוין העכער צוויי יאָר ווי איך און אונדזער „שיפּינג־קלוירק" פון שאָפּ, מאַרווין, האָבן זיך ליב, און קיינער קאָן אונדז נישט צעשיידן... ווען מיין פאָטער ווייסט דערפון, וואָלט ער מאַרווינען שוין לאַנג פאַרטריבן פון דער שטעלע... מאַרווין האָט אָבער אַלטע טאַטע־מאַמע, וועלכע ער דאַרף אויס־האַלטן, טאָר אָט דער סוד אונדזערער נישט אַרויס. ס'אַ סכנה. מוזן מיר וואַרטן... דערום בעט איך אייך, שואליק, אַז איר זאָלט „פאַרגעסן" אין אָט דעם שידוך מיט מיר. איך בין גרייט מיין לעבן אָפּצוגעבן פאַר מיין מאַרווינען. איר פאַרשטייט?...

פון אַנהייב איז שואליק איבערראַשט געוואָרן פון אָט דער געשיכטע. באַלד אָבער האָט ער דערפילט ווי אַ שטיין וואָלט אים אַראָפּ פון האַרצן. אויס מיטן שידוך — אויס מיט זיין אינערלעכן קאַמף! איצט מוז ער זוכן אַן אַנדערן וועג ווי צו ראַטעווען זיינע עלטערן פון פוילן...

גיין באַלד צוריק אַהיים האָט פאַר זיי ביידע נישט געפּאַסט. זיי זענען געזעסן און גערעדט פון אַמעריקע. שפרהלע איז געווען אַ פאַרברענטע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטקע. ארץ־ישראל דאַרף מען פאַר די געפּלאָגטע יידן פון אַנדערע לענדער. אַמעריקאַנער יידן דאַרפן בלויז העלפן מיט געלט...

זיי האָבן גענומען שפּאַצירן איבער דער בריק. שואליק האָט איר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז ארץ־ישראל איז אויך נייטיק פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק צוליב היסטאָרישע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע טעמים. שפרהלע האָט דאָס אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין גענוי, און שואליק האָט פאַר זיך געהאַט זייער אַ שווערע אַרבעט.

נאָך אַ פּאָר שעה שפּאַצירנדיק, האָט אַ צפונדיק ווינטל גענומען בלאָזן פון „איסט ריווער". דער הימל האָט זיך גענומען וויקלען אין וואָלקנדלעך. טראָפּנס האָבן גענומען פאַלן פון אויבן. זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַהיים.

ב

ר׳ אריה־לייב איז געזעסן מיט זיין פריינד ר׳ שלמה־שעיהן אין גאַסט־צימער אויף די ווייכע שטולן, ביידע מיט די יאַרמאָלקעס אויף די קעפּ, געפּיפּקעט דיקע, שמעקנדיקע ציגאַרן און געמיטלעך געשמועסט. דאָס ווייב זיינס איז אין צימער נישט געווען. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף אַ שטיקל קאָפּווייטיק און געזאָגט, אַז זי מוז גיין זיך „צושפּאַרן".

ווי נאָר זיין ווייב איז אַרויס פון צימער האָט ר׳ אריה־לייב גלייך פאַר־קירעוועט דעם שמועס צום ענין וועגן שואליקן.

— איצט קאָנען מיר רעדן צווישן פיר אויגן, ר׳ שלמה־שעיה! — טוט ר׳ אריה־לייב אַ ווייז מיטן פינגער צום צימער, וואוהין זיין ווייב איז אַוועק. — זאָגט מיר, מיין ליבער פריינד, וואָס האָט עפּעס שואליק אייך געזאָגט מכוח דעם ענין?...

— דער אמת איז, ר׳ אריה־לייב, נישט שואליק האָט מיר געזאָגט היינט, נאָר איך האָב אים געזאָגט; ער ווייסט, אַז כ׳בין אים אַן אמתער „דורש טוב" און בין, חלילה, נישט אויסן קיין פּערזענלעכן אינטערעס. כ׳האָב אים נאָכאַמאָל געבעטן און ער האָט מיר צוליב געטאָן און איז געקומען מיט מיר.

— ווי מיינט איר, איז אים מיין שפרהלע געפעלן?

— כ׳מיין. ר׳האָט זי דאָך בלויז געזען איין־איינציק מאָל. זיך אפילו

רעכט נישט באַקענט מיט איר. דערפאַר טאַקע האָב איך היינט נאָך דער אַרבעט איַין שאַפּ געשמועסט מיט אים אין אָפּיס און אים געבעטן, ער זאָל גיין מיט מיר אַהער און זיך נעענטער באַקענען מיט אייער בתולה...

— אַ גרויסן יישר־כוח אייך, ר׳ שלמה־שעיה. כ׳זע ערשט איצט סאַראַ „ידיד נפש״, אַן אמתער האַרצפריינד, איר זענט מיר. כ׳וועל דאָס אייך קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן. שייך צו זאָגן וואָס אָט די טובה מיינט פאַר מיר?... וואָס איז דען דער תכלית פון לעבן ביי „אנשי־שלומנו״, ביי מענטשן פון אונדזער שניט? מ׳וויל זוכה זיין צו „בנים ובני בנים עוסקים בתורה״, (קינדער און קינדס־קינדער, וואָס זענען עוסק אין תורה). מיין זון איז, ברוך־השם, אַן ערלעך קינד טאַקע. אָבער — תמיד פאַר׳עסק׳ט אין ביזנעס, נאָר „חיי שעה״. און פאַר „חיי עולם״ בלייבט קיין צייט נישט. איז ווען דער אייבערשטער העלפט מיר און איך קריג אַריין אָט דעם שואליקן, גלויבט מיר, אַז כ׳וואָלט אים צו די ביזנעס נישט צוגעלאָזט. אַ שותף יאָ, נאָר אַרבעטן אין די ביזנעס — נישט! פון מיינע בײדע קינדער, פאַרשטייט איר מיך, וואָלט איך געמאַכט אַ מין סאָרט „יששכר און זבולון״־קאָמבינאַציע — איינער זאָל עוסק זיין אין „סחורה״, און דער צווייטער — אין „תורה״. ר׳פאַרשטייט וואָס כ׳מיין, האַ?...

— כ׳פאַרשטיי. אַוודאי פאַרשטיי איך.

ווען שפרהלע מיט שואליקן זענען אַריין אין הויז און די ביידע מאַנסבילן האָבן באַמערקט ווי שפרהלע איז פריילעך און פאַרפלאָמט און אויך שואליק איז לעבעדיקער ווי פריער, האָבן זיי זיך איבערגעוואונקען, ווי איינער רעדט — ס׳גייט אַ גאַנג. ס׳עט מירצעשעם זיין בכי־טוב!

שואליק האָט אַ זאָג געטאָן אין שפּאַס:

— נו, ר׳ שלמה־שעיה, איר׳ט דאָך וועלן כ׳זאָל מירצעשעם מאָרגן קומען צו דער אַרבעט, נישט אַזוי?

— אַוודאי. מירצעשעם!

— אויב אַזוי איז שוין צייט צו גיין אַהיים. שוין נאָך עלף!...

— אוי־וואַ, טאַקע שפּעט! זיך פאַררעדט און נישט באַמערקט ווי די צייט איז אַוועק!

ר׳ שלמה־שעיה און שואליק האָבן זיך גלייך געזעגנט און אַוועק אַהיים. גייענדיק אויפן וועג, האָט ר׳ שלמה־שעיה אַ הוסטל־געטאָן און געפרעגט:

— נו, וואָס זאָגסטו עפּעס א י צ ט ע ר אויף דער בתולה, שואליק, האַ?...

— זייער אַ פיין מיידל. אַ סך קלוגער, ווי כ׳האָב וועגן איר געדענקט צום ערשטן מאָל.

— זעסטו שוין? כ׳האָב געוואוסט, אַז דו׳סט זיך מיט איר באַקענען מער, וועסטו גאָר אַנדערש דענקען וועגן איר... דו׳סט מירצעשעם האָבן פון כל־טוב, ס׳וועט זיין „תורה וגדולה"...

— יאָ, ר׳ שלמה־שעיה, כ׳גלויב, אַז אַזוי וואָלט טאַקע געווען —

— וואָס מיינסטו „געווען"? — האַקט אים איבער ר׳ שלמה־שעיה — ס׳וועט טאַקע זיין!

— ניין! ס׳טוט מיר לייד צו זאָגן אייך, אַז ס׳וועט נ י ש ט זיין, ס׳קאָן נישט זיין...

— פאַרוואָס קאָן עס נישט זיין?

— פאַראַן אַ סיבה...

— אַ סוד פאַר מיר?

— נישט נאָר פאַר אייך. אויך פאַר אירע עלטערן!

— באמת טאַקע, האַ?... און מיר, ר׳ אריה־לייב און איך, האָבן געמיינט, ס׳האַלט שוין ביי ברעכן טעלער...

ג

ביי אריה־לייב שעוויץ האָט דאָס האַרץ געפּלאַטערט פאַר פרייד. ער האָט שוין לאַנג נישט געזען זיין שפּרהלען אַזוי לעבעדיק און פריילעך, ווי איצט נאָכן שפּאַציר מיט דעם שואליקן. אַז דאָס איז אַ גוטער סימן איז גאָר ביי אים קיין פּיצל ספק נישט געווען. ער האָט זיך נחתדיק גענומען אַרומדרייען הין־און־צוריק איבערן דיקן טעפּיך פון גאַסט־צימער, גערוקט זיין יאַרמאַלקע פונעם שטערן אויפן נאַקן און פון נאַקן אויפן שטערן, געכאַפּט אַלעמאָל אַ קוק אויף שפּרהלען, און געוואַרט אומגעדולדיק. אָט־אָט וועט מסתמא שפּרהלע אַרויס מיט לשון...

שפּרהלע האָט געכאַפּט אַ נאַשעריי פון טיש, זיך אַפילו דערביי צוגעזונגען אויך, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און זיך געלאָזט גיין אין איר צימער אַריין. דער פאָטער האָט שוין קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטן מער, און ער האָט זי אַ רוף געטאָן פאָטערלעך־ליבלעך:

— שפּרהלע טאָכטער, דאַכט זיך, אַז דו מעגסט דיין טאַטן פאַרגינען אַביסעלע פאַרגעניגן, האַ?!...

— ווען ס׳זאָל האַלטן ביי פאַרגעניגן, מעגסטו זיכער זיין, טאַטע, אַז כ׳וואָלט עס נישט געהאַלטן פאַר זיך אַליין.

— וואָס מיינסטו? איר האָט דאָך נישט שפּאַצירט שווייגנדיק. איר האָט דאָך עפּעס וואָס גערעדט. ניין?

— אוודאי האָבן מיר גערעדט?

— כ׳מיין, שואליק איז דאָך געגוג קלוג. ר׳ווייסט, ברוך־השם, ווי צו רעדן וועגן תכלית...

— געוויס איז ער קלוג און ווייסט וואָס צו רעדן. אָבער ע... ע...

— וואָס ע... ע?... שפּרהלע, מ י ך נאַרט מען נישט. כ׳דערקען דאָך אין דיין פּנים׳ל, אַז דו ביסט געקומען אַ צופרידענע פונעם שפּאַציר. איז וואָס באַהאַלטסטו עפּעס? האָט גאָר שואליק נישט געזאָגט ווען ר׳וויל דיך נאָכאַמאָל זען, אָדער וואָס?...

— ניין. ער האָט מיר נישט געזאָגט, און א י ך האָב אים נישט געפרעגט. און מיך אַרט נישט, אַז ר׳וועט מיך נ י שט זען מער —

— וואָאָאָס? דו ווייסט וואָס דו רעדסט?

— אַוודאי ווייס איך וואָס איך רעד. כ׳בין שוין נישט קיין קינד, טאַטע. כ׳מעג שוין האָבן אַ שטיקל דעה אויף זיך אַליין...

— דו, הייסט עס, וואַרפסט זיך מיט אַט דעם „תכשיט״? דו ווייסט דען וואָס דו ביסט אַנטקעגן אים? וואָלסט זיך דאָך באַדאַרפט שעצן גליקלעך, וואָס דיין טאַטע קאָן פאַר דיר קריגן, ברוך־השם, אַזאַ בריליאַנט!...

— כ׳האָב גאַרנישט קעגן שואליקן, טאַטע. ר׳מעג זיין טאַקע דער גרעסטער „בריליאַנט״, קאָן צווישן אונדז גאַרנישט ווערן.

— פאַרוואָאָס? אַדרבא, לאָמיך הערן! צי אפשר האָסטו גאַרנישט געוואַרט אויפן טאַטן און זיך אַליין אויסגעקליבן אַ חתן, האַ?...

— אַז דו נויטסט מיך שוין דיר צו זאָגן, וועל איך נישט לייקענען...

— אַזוי גאָר? בסוד פון מיר? און דו מיינסט, אַז א י ך וועל מסכים זיין מיט ד יי ן אויסקלייבן? אַדרבא, קום אַרויס מיטן סוד. ווער איז ער, דער תכשיט דיינער, ווער?...

— דו קענסט אים, טאַטע! אַן אָרעמער בחור, אָבער אַן ערלעכער, אַ פיינער, כ׳האָב אים ליב, און פון קיין אַנדערן וויל איך נישט וויסן!...

דער פאָטער האָט אויסגעסטאַרטשעט אַ פּאָר ווילד־צעשראָקענע אויגן אויף שפּרהלען. ער איז צו צו איר און זי אַ שלעפּ געטאָן ביים אַרבל מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זי איז שיער נישט אומגעפאַלן:

— שוין זאָלסטו מיר זאָגן! אָט די רגע טאַקע! כ׳וויל וויסן ווער איז ער, דער „געליבטער דיינער״!

— שלעפּט מיך נישט, טאַטע! ווען ס׳וועט נאָר קומען די צייט צו זאָגן, וועל איך עס נישט באַהאַלטן פון דיר אַפילו איין רגע.

— ביי ד י ר איז אפשר נאָך נישט געקומען די צייט צו זאָגן. ביי מיר אָבער איז שוין א י צ ט ע ר די צייט. דו׳סט פון דאַנען נישט אַרויסגיין ביז דו וועסט מיר אויסזאָגן דעם סוד. דו הערסט וואָס כ׳רעד צו דיר. איך וואָרן דיך. למען השם. ברענג מיך נישט אַריין אין צאָרן! באַלד זאָלסטו מיר זאָגן! ווער איז ער?

— מ אָ ר ו י ן!...

ר׳ אריה־לייב האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט ביי די פּיאות און זיי גענומען רייסן, טופּענדיק מיט די פיס:

— געוואַאַלד! דו אויסוואורף דו! מיט אָט דעם לאָבוז פירסטו עס ליובקעס אונטער מיינע אויגן? געוואַאַלד וועל איך שרייען!...

די מוטער האָט דערהערט דאָס געוואַלד. זי איז אַ דערשראָקענע אַריין אין גאַסט־צימער, און גענומען ברעכן די פינגער פון די הענט אין גרויסע אַנגסטן:

— וואָס איז געשען וואָס, גאָטעניו דערבאַרעמדיקער?!...

— דערצייל!... דערצייל דער מאַמען דיינער אויך דעם גרויסן נחת, דערצייל!... — האָט ר׳ אריה־לייב געשריגן צו שפּרהלען אַ צוויייטיקטער און צע׳כעס׳טער.

קאַפּיטל אַכט

א

די יוניאָן פון די העברעישע לערער האָט באַשלאָסן צו פּראַוען אַ חנוכה־סעודה פאַר אַלע אירע חברים צום פינפטן חנוכה־ליכטל.

חוהלע איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט די הכנות פאַר יענעם אָוונט. זי האָט אָבער פונדעסטוועגן אַפילו אויף איין רגע נישט אַרויסגעלאָזט שואליקן פון געדאַנק. זי האָט באַשלאָסן צו פאַרבעטן שואליקן צו גיין מיט איר צו דער חנוכה־סעודה.

דעם זעלביקן אָוונט האָט אויך די יוניאָן פון די ידישע שרייבער איינגעאָרדנט אַ חנוכה־אונטערנעמונג.

ביטריס גערבער, אַלס סעקרעטאַרין אין אַ רעדאַקציע פון אַ יידישער צייטונג, האָט באַקומען צוויי אומזיסטע בילעטן, און אויך זי האָט באַשלאָסן צו פאַרבעטן שואליקן צו זיין איר באַגלייטער.

שואליקן האָט אינדעראמתן מער אינטערעסירט דער שרייבער־אָוונט ווי דער לערער־אָוונט. עס זענען דאָן געקומען אויף אַ וויזיט צוויי באַוואוסטע שרייבער פון וואַרשע קיין ניו יאָרק, און זיי האָבן געזאָלט באַריכטן וועגן דער לאַגע פון פוילישן יידנטום, וואָס איז שואליקן געווען שטאַרק נאָענט צום האַרצן. ער האָט אָבער איצט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך בשום אופן אָנצונעמען ביטריסעס איינלאַדונג. ער האָט בעסער געוואָלט גיין מיט חוהלען, און דערום אָנגענומען איר פאַרשלאָג.

דער לערער־אָוונט איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער. די פּראָגראַם איז געווען זייער אַ געלונגענע.

חוהלע, וועלכע איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּראָגראַם, האָט

קיין רעדעס נישט דערלויבט. אַנשטאָט רעדנערס האָט זי באַשטימט עטלעכע לערערס וועלכע זענען אויך געווען שרייבערס, צונויפצושטעלן לכבוד דעם אָוונט אַ ספּעציעלע לופט־צייטונג פול מיט הומאָר און סאַטירע. די צייטונג האָט „אַריינגעזאָגט" די דירעקטאָרן, די משגיחים, און די חינוך־עסקנים אין דער זיבעטער ריפּ אַריין. און דער עולם האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

די סעודה, וואָס איז באַשטאַנען פון די טראַדיציאָנעלע חנוכה־לאַטקעס, פון זיסע געבעקסן און געשמאַקע טעפּלעך קאַווע, צוזאַמען מיט די חנוכה־זמירות און פריילעכע ארץ־ישראלדיקע ניגונים און לידער, האָט אַריינגעבראַכט אַן אמתע יום־טובדיקייט אין איטלעכנס האַרצן. אַלע זענען געווען אין אַ געהויבענער שטימונג.

שואליק, כאָטש אַליין נישט פון דער לערער־פּראָפעסיע, האָט דאָרט געפילט דעם יום־טוב גלייך מיט אַלע. איבערהויפּט האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן, ווען ער האָט מיט זיינע אויגן געזען ווי חוהלע איז איינע פון די הויפּט־טוערינס, און אַלע האָבן איר אָפּגעגעבן כבוד און איר געמאַכט קאָמפּלימענטן.

אויפן וועג אַהיים, שפּעט ביינאַכט, האָט שואליק פאָרגעשלאָגן חוהלען אַריינצוגיין אין דער „קאַפע ראַיאַל", וואו ס'וועלן געוויס זיך צונויפקומען אַ סך שרייבערס, און ער וועט קאָנען אפשר עפּעס הערן וועגן די באַריכטן, וואָס די שרייבער־געסט פון וואַרשע האָבן אָפּגעגעבן.

אַריינקומענדיק אין דער קאַפע „ראַיאַל", האָבן שואליק און חוהלע דאָרט קיין סך מענטשן נישט געטראָפן. עס זענען בלויז געזעסן צעוואָרפן דאָ און דאָרט ביי די טישלעך עטלעכע עלטערע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וואָס זענען שוין לאַנג אַראָפּ פון דער סצענע. זיי האָבן נאַכלעסיק געזופּט קאַווע, געריכערט ציגאַרעטלעך, און צווישן זיך גערעדט די געוויינלעכע לשון־הרע וועגן די יונגע בינע־קינסטלער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט זייערע פּלעצער.

חוהלע האָט געכאַפּט אַ קוק אין דעם רעכטן ווינקל פון דער קאַפע, דערזען דאָרט אַ ליידיק טישל און זיך געלאָזט אַהין. שואליק איז איר נאָכגעגאַנגען.

— אָט־אָ־דאָ, ביי דעמדאָזיקן טישל, וויל איך זיצן, שואליק! — האָט חוהלע אַ זאָג געטאָן.

— וואָס עפּעס דווקא ביי דעמדאָזיקן טישל? אפנים אַז דו קענסט דאָס דאָזיקע טישל, חוהלע!... — שמייכלט שואליק.

— יאָ, איך קען טאַקע אָט דאָס דאָזיקע טישל, כע־כע־כע!... — האָט זיך חוהלע צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו?

— איך האָב מורא, אַז איך הייב שוין אויך אָן צו גלויבן אין מיסטישע דערשיינונגען, פּונקט ווי דו, שואליק!

— וואָס אַ שטייגער, מאַכט דיך איצט פּלוצים צו גלויבן?

— אָט־אָ־דאָ, ביי דעמדאָזיקן טיש, בין איך ס׳ערשטע מאָל געזעסן מיט דיין פריינד מאַיקעל האָפּקינס יענעם אָוונט, ווען ער האָט מיך „אויס־גענומען". און איצט האָט זיך אַזוי צוגעפּירט, אַז דו זאָלסט מיך ברענגען אַהערצו און כ׳זאָל דאָ זיצן מיט ד י ר...

— איז אין וואָס אַזוינס באַשטייט די מיסטעריע דאָ?...

שואליק איז געוואָרן נייגעריק. ער האָט אָבער נישט באַוויזן צו ציען דעם שמועס. אין קאַפע האָבן זיך גענומען אַריינלאָזן גאַנצע טיטשקעס, איינע נאָך דער אַנדערער. מ׳האָט זיך אַריינגעשפּאַרט מיט ליאַרעם, מיט טומל, ווי מ׳שפּאַרט זיך אַריין אין דער סאַבווײ אין די „געאייל־שטונדן". דאָס האָט געענומען אָנקומען דער עולם פון דעם שרייבער־אָוונט. מ׳האָט גיך, איינער פאַרן אַנדערן, גענומען פאַרכאַפּן טישלעך.

אויף דער בקשה פונעם פּרעזידענט פון שרייבער־יוניאָן האָבן אַ פּאָר קעלנער גענומען צונויפרוקן אינמיטן דער קאַפע עטלעכע טישלעך צוזאַ־מען און געמאַכט פון זיי איין לאַנגן טיש. ס׳האָבן זיך דאָרט גלייך באַזעצט די „פּני" פון דער יוניאָן מיט די צוויי שרייבער־געסט פון וואַרשע.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין אין דער קאַפע קיין איין ליידיק טישל נישט געבליבן. די וואָס זענען שפּעטער אָנגעקומען האָבן געמוזט זיך אַריינרוקן מיט זייערע בענקלעך צו די פאַרנומענע טישלעך.

צווישן די שפּעטער־אָנגעקומענע זענען אויך געווען ביטריס מיט מאַיקלען. ביטריס האָט געקענט פּערזענלעך אַ סך פון די שרייבערס און זי האָט גענומען זוכן מיט די אויגן אַ טישל מיט באַקאַנטע, צו וועלכן זי מיט מאַיקלען זאָלן זיך קאָנען צורוקן. דאָ האָט זי אין רעכטן ווינקל דערזען שואליקן מיט חוהלען, און זי האָט אַ שלעפּ געטאָן מאַיקלען ביים אַרבל:

— זע נאָר ווער ס׳זיצט אָט דאָרטן!

— אָ, סאַראַ סורפּריז! — מאַכט מאַיקעל און לאָזט זיך גלייך אַהין.

מאַיקעל און ביטריס האָבן זיך באַגריסט מיט שואליקן און חוהלען זייער היימיש און זיך צוגעזעצט לעבן זיי.

— גוט, גוט, מאַיקעל, וואָס דו ביסט דאָ — מאַכט שואליק. — איצט וועל איך קאָנען האָבן אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן אַלץ, וואָס די וואַר־שעווער געסט האָבן געהאָט צו זאָגן!

— קיין נייעס האָבן זיי כמעט נישט דערציילט, שואליק. מיר ווייסן אַלץ מער־ווייניקער פון דער יידישער פּרעסע. אינטערעסאַנט איז בלויז געווען די צוויי באַזונדערע שטאַנדפּונקטן פון די צוויי שרייבערס. איינער, דער בונדיסט, איז אָפּטימיסטיש. ער לייגט האָפענונג אויף דער שותּפות־

דיקער אַרבעט מיט די פּוילישע סאָציאַליסטן, אַז פּוילן וועט זיך אויסליי־טישן. דער צווייטער, דער ציוניסט, איז זייער פּעסימיסטיש. ער זאָגט, אַז פּאָר יידן איז פּוילן פאַרפאַלן. דאָס לאַנד איז דורכגעפּרעסן מיט שׂנאת־ישׂראל, פּונקט ווי דייטשלאַנד און אוקראַינע, און ס׳וועט אין איראָפּע בכלל נישט זיין פון יידן קיין גוטער סוף...

מאַיקעל און שואליק האָבן זיך פאַררעדט לאַנג וועגן פּוילן. ביטריס און חוהלע האָבן זיך בלויז דורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר גאָרנישט־זאָגנדיקע ווערטער. נישט געהאַט וואָס צו רעדן צווישן זיך. זיי זענען געזעסן און געשוויגן.

ס׳איז געוואָרן שפּעט. נאָך האַלבער נאַכט. מאַיקעל האָט מיט זיין מאַשין אָפּגעפירט שואליקן און חוהלען אַהיים.

אַריינקומענדיק אין פאַרהויז, וואו ס׳האָט געברענט אַ קליין עלעקטריש לעמפּעלע, האָט חוהלע אַ פרעג געטאָן שואליקן:

— ווי קומט עפּעס דער מאַיקעל האָפּקינס צו דער ביטריסן?

— דאָס האָב איך זיי באַקענט! — שמייכלט שואליק.

— ט אַ ק ע?...

— יאָ!... און דער מאַיקעל „גייט אויס" נאָך דער ביטריסן...

— און זי נאָך אים אויך?

— דאָס ווייס איך נישט...

— איך מיין, אַז זי גייט אויס נאָך עמיצן אַנדערש דווקא... — טוט חוהלע אַ פּיל־באַדייטנדיקן גלאַנץ מיט די אייגעלעך.

— אַ נעבטיקער טאָג! — שמייכלט שואליק, וועלכער האָט גלייך געכאַפּט איר אָנוואונק.

— זאָג מיר טאַקע, שואליק, וואָס פאַר אַ טיפּ איז אָט די ביטריס?

— אַ טיפּ פון אַ דורכשניטלעך אַמעריקאַנער מיידל!... — טוט שואליק אַ גלייכגילטיקן קנייטש מיט די אַקסלען און שליסט אויף די טיר פון דעם באַזונדערן אַריינגאַנג אין זיין צימער.

— איז ווי קומט אַזאַ ווי ד ו צו איר? אויב איך מעג פרעגן!... — שמייכלט חוהלע, טוט אינסטינקטיוו אַ טרעט אַריבער שואליקס שוועל און גיט זיך מאָמענטאַל אַ כאַפּ צוריק — אָ, וואוהין גיי איך? שוין אַזוי שפּעט...

— נישקשה, חוהלע, נישקשה. קום אַריין אויף אַ וויַיל. שוין לאַנג נישט געשמועסט מיט דיר. אַלץ פאַרנומען. נישטאָ קיין פרייע צייט. און כ׳האָב גראָד געוואָלט רעדן...

חוהלע איז אַריין אין צימער מיט אַ פלאַטערדיק האַרץ. שואליק האָט איר אונטערגערוקט אַ בענקל. זי האָט דערפילט, אַז ס׳טריקנט איר אין

מויל. איר מוה גליווערט. נישט זי קאָן עפּעס טראַכטן איצט און נישט זי קאָן עפּעס זאָגן. זי איז געוואָרן שטאַרק בלאַס.

— וואָס איז דער מער, חוהלע? פילסט זיך עפּעס נישט גוט?

— ס'איז גאָרנישט, שואליק. איך פיל זיך דווקא גאָר גוט, נאָר ע...

— פאַררויטלט זי זיך.

— „הזאת חוהלע"? — שמייכלט שואליק — די העלדישע חוהלע זאָל בלייבן אָן מוט?...

— פאַראַן מאָמענטן, שואליק, ווען אַפילו דער גרעסטער העלד ווערט אַ שוואַכלינג...

— איז אַצינד ביי דיר אַזאַ מאָמענט?

— יאָ!... — האָט חוהלע אַראָפּגעלאָזט איר פאַררויטלט פּנימל.

שואליק האָט זי אָנגענומען ביים קין, אויפגעהויבן איר פּנים און פאַמעלעך אַרויפגעלייגט זיינע ליפּן אויף אירע.

חוהלע האָט געגעבן אַ כאַפּ־אַרום שואליקן מיט אירע אָרעמס און זיי האָבן ביידע זיך איינגעקלאַמערט איינס אין אַנדערן — — —

ב

דעם לעצטן טאָג פון חנוכה, פרייטיק־צו־נאַכט, איז אויף ניו יאָרק אָנגעלאָפן אַ שרעקלעך־ווילדער שניי־שטורעם, וואָס האָט די גאַנצע לאַנגע טבת־נאַכט געבושעוועט איבער דער שלאָפנדיקער שטאָט. גאַנץ פרי, ווען די שטאָט האָט אויפגעוואַכט און גענומען אויסרייבן די אויגן, זענען די הייזער שוין געווען פאַרמויערט מיט הורבעס שניי — קיין טיר נישט צו עפענען. די טראָטואַרן פאַרשאָטן הויך — קיין פוס נישט אַוועקצושטעלן. די אויטאָמאָבילן אין גאַס באַגראָבן אונטער שנייאיקע בערג — קיין סימן פון זיי נישט צו זען. די טראַמוואַיען פאַרשנייטע אויף די רעלסן, ווי געפּאַ־לענע פאַרשטאַרטע ריזן — קיין ריר זיי נישט צו טאָן.

אַ פּאָר שעה אויפן טאָג האָט די שטאָט־אַדמיניסטראַציע אַרויסגעשיקט צענדליקער טויזנטער אַרבעטער מיט שופעל־מאַשינען און מיט פּשוטע לאָפּעטעס אַרויסצוגראָבן די שטאָט פונעם שניי. נאָר די זאַווערוכע האָט זיך ווידער צעווילדעוועט, און נאָך שטאַרקער ווי פריער. דער אָנפאַל פון שניי איז געווען שנעלער, ווי די אַרבעטער האָבן באַוויזן אָפּצורייניקן אים. אָט האָבן זיי איין שטח אָפּגערייניקט און זיך גענומען צו אַ צווייטן — און איידער זיי האָבן דעם צווייטן געענדיקט איז דער ערשטער ווידעראַמאָל פאַרשאָטן געוואָרן.

יענעם שבת־פרימאָרגן האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין פון גיין אין שול אַריין דאַווענען.

שמואל־הערש און שואליק האָבן אָפּגעדאַוונט אין דערהיים פרי, אַרום

ניין אַזייגער, געמאַכט קידוש, פאַרביסן מיט אַ קיכעלע און פאַרטרונקען מיט אַ טעפּעלע קאַווע. ס'איז געבליבן גענוג פרייע צייט ביז דער שבת־דיקער מיטאָג־סעודה.

שמואל־הערש און כאַנציע זענען געזעסן אין עס־צימער ביים שבתדיק געדעקטן טיש. שמואל־הערש אין זיין סאַמעטענער יאַרמאַלקע, האָט געלערנט די סדרה פון דער וואָך מיט דער רש"י. כאַנציע, אין איר שבת־דיקן פּעניואַר מיט שליאַרקעלעך, האָט געלייענט דעם טייטש־חומש.

שואליק און חוהלע זענען געווען איטלעכער ביי זיך אין צימער. חוהלע, נאָך אין איר וואָלענעם־פּאַסנדיקן מאָרגנראָק, איז געלעגן אויף איר בעטל און געהאַלטן אין לייענען אַ נייעם נומער פון דעם העברעישן זשורנאַל „מאזנים", וואָס איז די וואָך אָנגעקומען פון ארץ־ישראל. שואליק, אין זיין שבתדיקן אַנצוג, איז געזעסן ביי זיין טישל פאַרטיפט אין אחד־העמס מאמר וועגן רמב"ם, „שלטון השכל", אין פערטן טייל פון „על פרשת דרכים", וועלכן שואליק האָט די וואָך געקויפט.

פאַרענדיקט לייענען דעם מאמר, האָט שואליק אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם שמועס, וואָס חוהלע האָט געהאַט מיט אים לעצטן ראש־השנה, ווען ער האָט זי באַגעגנט גייענדיק פון שול. זי האָט פאַר אים דעמאָלט, געדענקט ער, אויפגעוויקלט איר שפּאָגל־נייע טעאָריע וועגן דער שייכות פון יידישער טראַדיציע מיט דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק.

איז, הייסט עס — האָט ער געשמייכלט צו זיך — אָט פונוואַנען חוהלע האָט געשעפּט איר נייע פילאָזאָפיע...

שואליק האָט זיך ראַפּטעם אויפגעהויבן מיטן בוך „על פרשת דרכים" אין די הענט, איז אַרויס פון זיין צימער, אָנגעקלאַפּט אין חוהלעס טיר און אַ פרעג געטאָן אין העברעיש:

— חוהלע, מעג איך אַריינקומען?

— יאָ, געוויס. קום אַריין, שואליק, בבקשה!... — האָט חוהלע אויס־געערופן.

— טרעף, וואָס ס'האָט מיך איצט געבראַכט צו דיר, חוהלע! — שמייכלט שואליק.

— דער ש כ ל!... — הייבט חוהלע אויף צו אים איר שפּיציק מאָרדעלע, ווי אַ קעצעלע, וואָס גאַרט נאָך אַ גלעט.

— יאָ. אָבער ו ע מ ע נ ס שכל?

— געוויס דיין אייגענער, נישט עמיצן אַנדערנס שכל...

— בפירוש נישט מיינער.

— וועמענס דען?

— אחד־העמס שכל!

— וואָס מיינסטו, שואליק?

— כ׳מיין אַחד־העמס מאַמר „שלטון השכל" וועגן רמב״ם, וואָס דו האָסט געוויס געלייענט!

— ניין. דווקא נישט געלייענט...

— באמת? און איך האָב דיך חושד געווען, אַז דו ביסט געוואָרן אַ „רמב״מישע אַחד־העמיסטין" אָדער אַ „אַחד־העמישע רמב״מיסטין"... — שמייכלט שואליק.

— כ׳ווייס באמת נישט וואָס דו רעדסט...

— אויב אַזוי וועט עס זיין זייער אינטערעסאַנט פאַר דיר, חוהלע.

שואליק האָט זיך צוגעזעצט ביים טיש לעבן חוהלען. אַ בענקל לעבן אַ בענקל. ער האָט אויפגעעפנט פאַר איר דאָס בוך און גענומען לייענען די לעצטע שורות פון דעם מאַמר „שלטון השכל", פּאַמעלעך, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט: „אויך דער רמב״ם, ווי אַנדערע יידישע חכמים האָט געהאַט אַלס צוועק פון זיין גרויסער אַרבעט צו מאַכן יידישקייט, סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָרם, אַלס אַ שטאַרקע פעסטונג פאַרן קיום פון פאָלק אין גלות. דער חילוק איז נאָר, וואָס אַנדערע, פאַרן רמב״ם, האָבן געזען די זיכערקייט אין דעם, וואָס דאָס יידישקייט איז העכער פונעם שכל, און דער רמב״ם האָט געזען, אַז די זיכערקייט ליגט דערין, וואָס דאָס יידישקייט איז — שכל!"...

— דו פאַרשטייסט? אַחד־העם לייגט אַריין דעם רמב״ם ווערטער אין מויל אַריין, אַז מ׳קאָן זיין אַ ייד אָן אמונה, בלויז מיט שכל, צוליב „קיום האומה"!

חוהלע איז אונטערגעשפרונגען אַ שטאַרק באַגייסטערטע:

— אויב אַזוי, האָב איך דאָך טאַקע מכוון געווען צום געדאַנק פון אַזאַ גרויסן דענקער, ווי אַחד־העם!

— אַ גרויסער דענקער איז ער טאַקע, אַחד־העם. דאָס קאָן קיינער נישט אָפּפרעגן, פאַרשטייט זיך. ער מאַכט אָבער אַ גרויסן טעות אין רמב״ם. זיין „משנה תורה", דאָס גרעסטע הלכה־ווערק נאָכן תלמוד, דערוויזט, אַז דער גרויסער רמב״ם איז געווען אַן אמת רעליגיעזער פילאָזאָף, ביי וועלכן ס׳האָט געהערשט די אמונה איבערן שכל, און — נישט פאַרקערט...

— כ׳קען, צום באַדויערן, נישט רעדן פון אַחד־העמס מיינונג וועגן רמב״ם, ווייל איך האָב זיין מאמר נישט געלייענט נאָך. כ׳בין אָבער גליקלעך צו האָבן צוגעטראָפן אַזאַ נאַציאָנאַלן טעאָרעטיקער, ווי ער.

— זאָל דיר וואויל באַקומען, חוהלע! איך האַלט נאָך אָבער אַלץ, אַז יידישע טראַדיציע און יידישע וועלטלעכקייט, זענען ווי בוימל און וואַסער — זיי קאָנען זיך נישט אויסמישן...

— הייסט עס, אַז ווען איך פאַרזיכער דיך, אַז כ׳קאָן פירן מ׳יין לעבן

לויט דער יידישער טראַדיציע, כאָטש כ׳בין נישט קיין גלוביקע, איז עס היפּאָקריטיע, האַ?...

— חלילה! כ׳בין דיך נישט חושד אין היפּאָקריטיע, חוהלע. כ׳זאָג נאָר, אַז די דאָזיקע פילאָזאָפיע, סיי דיינע און סיי אפילו אחד־העמס אַליין, האַלט נישט אויס די ריכטיקייט. ווען איך, למשל, גלויב נישט, וואָלט איך אין שול נישט געגאַנגען, נישט געדאַוונט, און נישט אָפּגעהיט קיין מצוות...

— אָבער ווען דו ביסט זיכער, למשל, אַז דערמיט וואָס דו וועסט זיך אָפּשאָקלען אינגאַנצן פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, שטעלסטו אין סכנה דעם קיום פון גאַנצן יידישן פאָלק?

— צו וואָס דאַרף איך דאָס פאָלק דען?...

— צו וואָס דאַרף מען אַלע פעלקער?

— מ׳דאַרף זיי טאַקע נישט. סיידן איטלעכס פאָלק קאָן צוטראָגן עפּעס גוטס פאַר דער גאַנצער מענטשהייט... דאָס יידישע פאָלק איז פון דער השגחה אויסדערוויילט געוואָרן צוצוטראָגן אַ סך גוטס. און ס׳האָט טאַקע צוגעטראָגן: געטלעכקייט און מאָראַל... און ס׳קאָן נאָך, און ס׳וועט נאָך צוטראָגן. די וועלט איז נאָך אַלץ פאַרזונקען אין געצנדינסט, אין מ״ט שערי טומאה, אין רציחה, גזילה, גניבה, ניאוף, נישט קוקנדיק אויף די „צען געבאָט", וואָס מיר האָבן איר געגעבן. יידישקייט האָט נאָך נישט געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט...

— איך בין מיט דיר מסכים אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, שואליק. און דערפאַר טאַקע קלאַמער איך זיך אין דער טראַדיציע פון ישראל צוליב דעם קיום פון פאָלק ישראל. איך גלויב באמונה שלימה, אַז אָן טראַדיציע קאָן אונדזער פאָלק קיין קיום נישט האָבן. איז וואָס פאַר אַ חילוק דען צי כ׳קום דערצו מיטן וועג פון אמונה, אָדער מיטן וועג פון שכל?...

— דער חילוק איז אָט וואָס, חוהלע — אמונה איז אַ פעסטער בנין אויף אַ געזיכערטן באָדן; און שכל איז אַ שלאַבעריקער בנין אויף אַ נישט־זיכערן באָדן!

— איז, למשל, ווען איך פרעג דיך אַליין אַן עצה: זאָל איך זיך אָפּזאָגן פון יידישקייט דערפאַר וואָס איך גלויב נישט אַזוי ווי דו, אָדער זאָל איך אָנהאַלטן יידישקייט כאָטש איך גלויב נישט אַזוי ווי דו — וואָס וואָלסטו מיר געראָטן, שואליק?...

— ס׳דערמאָנט מיך די מעשה מיט יענעם קראַנקן רב, וועמען די דאָקטוירים האָבן באַפוילן צו עסן חזיר צו ראַטעווען זיין לעבן. דער רב האָט מסכים געווען. ער האָט אָבער געוואָלט, אַז דער שוחט זאָל קוילן דעם חזיר לויטן דין און אים בודק זיין אויך. דער שוחט האָט אַזוי געטאָן און געפונען, אַז דער חזיר האָט נישט קיין שום „סירכא". ער האָט אָבער פאַרט נישט געקאָנט זאָגן אויפן חזיר, אַז ער איז כשר... ווי קאָן איך דיר ראָטן,

אַז דו זאָלסט זיך, חלילה, אָפּזאָגן פון יידישקייט?... דו גלייבסט דאָך, אַז ס'איז צוליבן לעבן פון פאָלק!...

— ביסטו דאָך מודה אַז איך בין גערעכט, שואליק!

— די צרה איז מיט דיר, חוהלע, וואָס דו ביסט צו־קלוג און ס'איז שווער צו געווינען מיט דיר אין אַ וויכוח...

— דאָס איז אַ צרה ביי דיר?

— ס'רעדט זיך נאָר אַזוי. הלוואי פאַרמאָגן יידן אַ סך אַזעלכע „צרות" ווי דו, חוהלע!

— צו וואָס אַ סך? די איינע איז קאַרג פאַר דיר, שואליק? — שמייכלט חוהלע.

— כ'פאַרמאָג נאָך דערווייל אַפילו די איינע צרה אויך נישט... — שמייכלט אויך שואליק.

— ווער שטערט דיר דען? — טוט חוהלע זיך אַ טוליע צו אים.

— אָט דער קאַפּריזנער מוח!... — טוט שואליק אַ גלעט חוהלען איבערן קאָפּ.

חוהלע האָט פאַרביסן איר אונטערשט ליפּל, אַ קוק געטאָן שואליקן אין פּנים, און טרערן האָבן אַרויסגעגלאַנצט פון אירע אויגן.

— אמת, שואליק, כ'בין מודה, אַז כ'בין זיך באַגאַנגען נאַריש מיט דיר!... — טוט חוהלע אַ פּכינקע.

— נו־נו, „מודה ועוזב ירוחם" (דער וואָס גיט־צו זיין שולד, איז ווערט רחמנות)... — נעמט שואליק זי אַרום און דריקט זי צו צו זיך.

— נישט קיין רחמנות — ליבע וויל איך, שואליק טייערער. ליבע פאַר ליבע. ערשט איצט זע איך, פיל איך, ווי שטאַרק כ'האָב דיך לי...

חוהלע האָט דאָס וואָרט „ליב" שוין נישט געענדיקט. שואליק האָט פאַרשלאָסן אירע ליפּן מיט זיינע — — —

ג

צו אָונט־צו האָט דער שניי־שטורעם זיך גענומען אַביסל איינשטילן. דער ווינט איז געוואָרן געלאַסענער. דער הימל האָט אַראָפּגעקוקט מיט אַ גרויער בלויקייט. דער שניי האָט אַרויפגעקוקט מיט אַ בלענדיקער ווייס־קייט. פון דעם דאָזיקן קאָלירן־געמיש איז די לופט געוואָרן צויבערדיק, בלאָס־בלוי.

כאַנציע, מיט אַ געשטריקט־וואָלענעם רויטלעכן שאַליק אויף די פּלייצעס, איז געשטאַנען ביי אַ פענצטער מיט האַלב־פאַרפרוירענע שויבן, געקוקט אויפן שיינעם, ווינטערדיקן שבת־פאַרנאַכט, גענומען ברומען מיט איר דין פּרויאישן בייקול די אַלט־פרומע תחינה „גאָט פון אַברהם", אָנגע־צונדן צוויי ליכט אין די לייכטערס אויפן טיש און אַ זאָג געטאָן אין דער

הויך צו שמואל־הערשן, וועלכער איז נאַרוואָס „אויסגעגאַנגען״ די מעריב־דיקע שמונה־עשרה:

— אַ גוטע וואָך, אַ געזונטע וואָך, אַ מזלדיקע וואָך!

— אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָר!

כאַנציע האָט אָנגעצונדן די עלעקטריע אין עס־צימער, אין קיך, און אַוועקגעשטעלט דעם בייכיקן טשייניק מיט וואַסער אויפֿן גאַז־אויוון צו פֿאַרקאָכן טיי.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרײַנגעקומען שואליק אין זײַן שבתדיקן אָנצוג מיטן יאַרמאַלקעלע אויפֿן שפּיץ־קאָפּ און געזאָגט „אַ גוטע וואָך״.

באַלד נאָך אים איז אַרײַן חוהלע, אַ פֿריש־פֿאַרקעמטע, אַ פֿריש־באַפּו־דערטע, און אויך צוגעטראָגן „אַ גוטע וואָך״.

שמואל־הערש האָט פֿאַרענדיקט ס׳דאַווענען, געוואונטשן אַלע אַ גוטע וואָך, און געמאַכט „הבדלה״.

דער טשייניק אין קיך האָט זיך צעפּייפּט און אָנגעזאָגט, אַז ער איז פֿאַרטיק אָנצוטרינקען אַלעמען מיט זײַן פֿריש־געקאָכטער טיי. נאָך די שבתדיקע געווירצטע מאכלים זענען אַלע געווען דורשטיק און געוואַרט אויף דער פּייפֿנדיקער בשורה פֿון דעם טשייניק.

כאַנציע האָט דערלאַנגט צום טיש טיי מיט לימענע און מאַלינעס־אײַנגע־מאַכטס.

שמואל־הערש, אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון טיי, האָט געטרונקען איין גלאָז נאָך דער אַנדערער און אינצווישן געזונגען די מוצאי־שבתדיקע זמירות.

ווען שמואל־הערש האָט גענומען זינגען די „אליהו׳ס״, האָט חוהלע גענומען מיטזינגען. שואליק איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען.

שמואל־הערש האָט צופֿרידן געשמייכלט אין די וואָנצעס. כאַנציע איז צעשמאָלצן געוואָרן פֿון תענוג. זי האָט געקוקט פֿון חוהלען אויף שואליקן און פֿון שואליקן אויף חוהלען און האָט אין האַרצן תפֿילה געטאָן: זאָל קיין עין־הרע נישט שאַטן, גאָטעניו, פֿאָטער אין הימל!...

דער טעלעפֿאָן אין קאָרידאָר האָט גענומען קלינגען. חוהלע איז געגאַנ־גען ענטפֿערן:

— העלאָו! ווער רעדט דאָס?

— ביטריס גערבער. וואָס מאַכט איר, מיס הערשקאָוויטש?

— פֿײַן. אַ שיינעם דאַנק. וואָס קאָן איך טאָן פֿאַר אײַך?

— איז שואליק אין דערהיים?...

חוהלע בלײַבט שטיל אַ ווײַל. טוט אַ טראַכט: „שואליק״! ווי היימיש, פּשוט — שואליק!... און זי ענטפֿערט פּראָסטיק־קאַלט:

— יאָ. שואליק איז אינדערהיים.

— קאָן איך רעדן צו אים?

חוהלע לייגט אַוועק דאָס טרייבל און קומט צו צום טיש מיט אַ זויערער מינע.

— אַ טעלעפאָן פאַר דיר, שואליק!...

— ווער איז?

— ד יי ן ביטריס!...

— מ יי נ ע? זי איז מיינע פונקט ווי דיינע!... — מאַכט ער מיט אַ געלעכטערל, און גייט צום טעלעפאָן.

— העלאָו, ביטריס!

— שואליק, כ׳וואָלט דיך געוואָלט זען איצט, אויב מעגלעך!

— א י צ ט? מ׳קאָן דאָך נאָך פון שטוב נישט אַרויס!

— נו, און מאָרגן אָוונט?

— מאָרגן? ווער ווייסט ווי דער וועטער וועט זיין מאָרגן? איז עס אַזוי וויכטיק?

— זייער וויכטיק! כ׳מוז רעדן מיט דיר!

— אפשר קאָנסטו מיר זאָגן אויפן טעלעפאָן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך?

— אָלרייט! זאָג מיר, קענסטו גוט דיין לאַנדסמאַן מאַיקעל?

— וואָס פאַר אַ מאָדנע פראַגע, ביטריס?

— שוין גאָרנישט קיין מאָדנע פראַגע. כ׳וויל וויסן צי ביסטו זיכער מיט מאַיקלען, אַז ער איז צומאָל נישט קיין „דאָקטאָר דזשעקיל און מיסטער הייד״!

— כ׳פאַרשטיי דיך נישט. ווער זענען דאָס די פאַרשוינען דאָקטאָר דזשעקיל און מיסטער הייד?

— אָ, אַנטשולדיק מיר, כ׳האָב פאַרגעסן, אַז דו ביסט נישט באַקאַנט מיט דער ענגלישער ליטעראַטור. דאָס זענען נישט צוויי פאַרשוינען, נאָר איין פאַרשוין. דאָס איז אַ טיפּ פון אַ באַוואוסטן ענגלישן בוך מיטן נאָמען „דאָקטאָר דזשעקיל און מיסטער הייד״. בייטאָג איז ער געווען אַ גרויסער דאָקטאָר, און ביינאַכט — אַ גרויסער פאַרברעכער... כ׳האָב אַ פאַרדאַכט, אַז דיין מאַיקעל איז אויך אַזאַ מין פאַרשוין!...

— קיין דעטעקטיוו בין איך נישט... א י ך קען בלויז אורטיילן פון מיינע באַגעגענישן. אָבער פונוואַנען נעמט זיך צו ד י ר אַזאַ מין גרויסער פאַר־דאַכט?...

— דו ווייסט, שואליק, אַז כ׳האָב אַ סך „באָי־פרענדס״; און איטלעכן פון מיינע פריינט קען איך דורך־און־דורך, נאָר אים, דעם מאַיקלען, קען איך נישט ביז היינט. ער איז פאַר מיר אַן אמתע רעטעניש...

— אין וואָסער זינען?

— איך צווייפל צי ער איז אַן ערלעכער אַרבעטער... ער האָט מיר געשענקט אַזאַ גרויסע מתנה, וואָס איז ווערט העכער טויזנט דאָלאַר פאַר אַ גנב!...

— וואָס? אַ דימענטענעם רינג, ביטריס?

— ניין. ס'האַלט נאָך גאָר־גאָר ווייט דערפון, שואליק... אַ פוטער־מאַנטל האָט ער מיר געשענקט! און כ'קאָן דיר זאָגן דעם אמת, אַז סיי איך אַליין און סיי מיין שוועסטער האָבן זיך לאַנג גע'ישוב'ט צי זאָל איך אָננעמען אָט די מתנה. ווער ווייסט?

— ווער ווייסט וואָס?

— אפשר איז דער פוטער־מאַנטל אַ געגנבעטער?... אפשר פירט אָט דער מאַיקעל אַ דאָפּלט לעבן? ס'איז אַמעריקע! פאַראַן אַ סך אַזוינע...

— יאָ, וועגן דעם ווייס איך שוין, כאָטש כ'בין נאָך אַ גרינער.

שואליק האָט געשמייכלט. פאַרביסן אַ ליפּ. ר'האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט אויסצוזאָגן ביטריסן, אַז מאַיקעל איז נישט קיין אַ ר ב ע ט ע ר, נאָר אַ רייכער פוטער־פאַבריקאַנט.

— א י ך האָב נישט קיין שום פאַרדאַכט, ביטריס!

— אויב אַזוי, קאָן איך דיר זאָגן, אַז דו ביסט צו נאַיוו, שואליק. טאַקע נאָך אַ גרינער!

— אַ גרינער בין איך טאַקע. דאָס קאָן איך נישט לייקענען. נאָר צו־נאַיוו — נישט...

— כ'בעט דיך, שואליק, פאַרש אים אויס, דעם מאַיקלען, וויפל נאָר דו קאָנסט, און לאָז מיר וויסן. זאָגסטו מיר צו?

— כ'זאָג דיר צו, ביטריס.

— אַ גוטע נאַכט, שואליק!

— אַ גוטע נאַכט, ביטריס!

כאַנציע און חוהלע האָבן נישט־ווילנדיק געהערט אַלץ וואָס שואליק האָט גערעדט, און זיי האָבן זיך איבערגעקוקט דערשטוינטע, פול מיט פאַרדאַכט.

שואליק איז אַריין צוריק אין עס־צימער אַ שמייכלענדיקער, און דער־זען, אַז אַלע דאָרט זענען ממש „איבערגעביטענע".

כאַנציע איז אַוועק אין קיך צוצוגרייטן וועטשערע.

חוהלע האָט אַריינגעגראָבן איר קאָפּ אין אַ בוך.

בלויז שמואל־הערש האָט נישט געהערט און נישט געוואוסט פון גאָרנישט, וואָס ס'גייט דאָ אָן. ער האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן דעם „ויתן לך" גאַנץ רויק.

קאַפּיטל נײַן

א

ביטריס האָט אַ וואָך צייט זיך געשלאָגן מיט דער דעה איידער זי האָט טעלעפאָנירט שואליקן.

געוואָלט האָט זי, אַז איר שוואָגער עזרא יאַקיר זאָל אין שאַפּ רעדן מיט שואליקן וועגן דעם מאַיקלען. עזרא האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו גיין אין אַזאַ שליחות.

— דו האָסט פאַרקאָכט אַ קאַשע, עס זי אַליין אויף!... — האָט עזרא געזאָגט ביטריסן מיט פאַרדראָס.

— אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי עזרא איז גערעכט!... — האָט אויך ביט־ריסעס שוועסטער, פּערל, צוגעגעבן מיט אַנגסט.

מאַיקעל איז פון אָנהייב אָן נישט געווען געפעלן עזראן און פּערלען. גלייך אין יענעם אָוונט פון ביטריסעס געבורטסטאָג־פּאַרטי, ווי נאָר זיי האָבן דערהערט, אַז דער מאַיקעל האָט געגעבן ביטריסן טייערע בלומען און אַ טייערן בראַסלעט אַלס מתנה, האָט עס ביי זיי אויסגעקוקט נישט נאָר לעפּיש, נאָר היפּשלעך פאַרדעכטיק. אַ בחור, אַ ווילד־פרעמדער, פאַלט אַריין צופעליק, ס׳ערשטע מאָל, אין אַ הויז, וואו אַ מיידל מאַכט אַ פּאַרטי, זאָל פון דער העלער הויט אַרויסשפּרינגען מיט אַזאַ „קאָסטבאַרן פּרעזענט״ — און אָט דער בחור איז נישט מער ווי אַן אַרבעטער — איז עס עפּעס נישט גלאַטיק... אמת, ער איז געקומען מיט שואליקן, איז שואליק טאַקע צו־נאַיִוו, אויב אָט די געשיכטע איז אים נישט געווען פאַרדעכטיק...

נאָכדעם, ווען מאַיקעל האָט געהאַט מיט ביטריסן די ערשטע פּאָר „דעיטס״, זענען עזרא און פּערל געוואָרן זייער אומרויִק, און זיי האָבן אָפּילו אָנגעוואָונקען ביטריסן.

ביטריס האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט. אָבער ס׳איז איר אין איין אויער אַריין און פון צווייטן אַרויס. זי איז געווען באַגייסטערט פון דעם שיינעם קאַוואַליר מאַיקעל האָפּקינס.

מאַיקעל האָט זיך גענומען טרעפן מיט ביטריסן גאַנץ אָפט. אָבער דאָך נישט אַזוי אָפט, ווי ער האָט געוואָלט. ביטריס איז נאָך אַלץ געגאַנגען מיט אירע אַלטע באַקאַנטע.

דער הויפּט־קאָנקורענט מאַיקעלס איז געווען דער אוקראַאינער בחור גאַרפינקעל, דער ראָמאַניסט און טעאַטער־רעצענזענט פון דער צייטונג, וואו ביטריס האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרין. ער פלעגט ביטריסן אויס־נעמען אין טעאַטערס און מאָוויס אויף זיינע „פרייע בילעטן״. מיט אָט דעם גאַרפינקעל איז ביטריס געגאַנגען מער, ווי מיט אַנדערע. און מאַיקעל האָט דאָס געוואוסט.

ווען נאָר מאַיקעל האָט זיך געטראָפן מיט ביטריסן און איר פאָרגעשלאָגן צו גיין אין אַ יידישן אָדער אַן ענגלישן טעאַטער, צי אין אַ מואווי, פלעגט ביטריס אים תמיד ענטפערן, אַז זי האָט שוין יענע פאָרשטעלונג אָדער פילמען געזען מיט גאָרפינקלען...

אין איינעם אַן אָוונט האָט מאַיקעל אַ זאָג געטאָן ביטריסן:

— ביטריסל, כ׳ווייס דאָך שוין, אַז די לעצטע פאָרשטעלונגען און פילמען האָסטו שוין געוויס געזען מיט גאָרפינקלען... אָבער וואָס איז מכוח דער „מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע״?...

— אָ, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, מאַיקעל!... — האָט ביטריס זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— מ׳שפּילט היינט דאָרט די אָפּערע „אַאידאַ״.

— איי׳ד לאָוו טו סי איט!

— גייען מיר גלייך אַהין!...

צוגעפאָרן אַהין, האָבן זיי אָבער געפונען דאָס קאַסע־פענצטערל שוין פאַרמאַכט און אַ שילדל האָט מודיע געווען: „אַלע בילעטן אויספאַרקויפט!״...

ביטריס איז געבליבן שטיין אַן אַנטוישטע:

— אָ, גאָט מײַנער!

מאַיקעל האָט איר אַ גלעט געטאָן אין פּלייצע און אַ שמייכל געטאָן:

— נישט געזאָרגט, ביטריסל!...

ער איז גלייך אַרויס אינדרויסן, צוגעקומען צו אַ פּאָר חברה־לייט אויפן טראָטואַר, און ווי אַן אַלטער באַקאַנטער זיך געגומען מיט זיי דורכרעדן אויפן וואונק. איינער פון זיי האָט גלייך דערלאַנגט מאַיקלען צוויי בילעטן, און מאַיקעל האָט אים דערלאַנגט צוריק עטלעכע „צענערלעך״.

— ספּעקולאַנטן?... — האָט ביטריס אַ שושקע געטאָן.

— נו, זיי דאַרפן אויך מאַכן אַ לעבן!... — האָט מאַיקעל אַ שושקע געטאָן צוריק.

אַריינקומענדיק אינעווייניק, האָט ביטריס דערזען, אַז די זיץ־פּלעצער זענען פון די סאַמע טייערסטע אַפילו לויט די געוויינלעכע פּרייזן. זי האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט.

די אָפּערע האָט געדויערט בערך פיר שעה. ביטריס איז אַרויס פון טעאַטער, ווי פון אַ פאַנטאַסטישער וועלט. פאַר אירע אויגן זענען נאָך אַלץ געשטאַנען די באַצויבערנדיקע סצענעס. אין אירע אויערן האָבן נאָך אַלץ געקלונגען די זיסע אַריעס, די זיסע אָריענטאַלישע מוזיק. זי איז געווען ווי אין אַ טראַנס.

ערשט דער גערויש פון גאַס האָט ביטריסן ווי אויפגעוועקט. מאַיקעל האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און איז מיט איר אַוועק אין דעם רייכן פראַנצויזישן רעסטאָראַן, וואו ער האָט זי שוין נישט איינמאָל אויסגענומען.

די פּאָר שעה, וואָס מאַיקעל און ביטריס האָבן דאָרט פאַרבראַכט, זענען אַריבער כמעט אומבאַמערקט. ביידע זענען אַרויס פון דאָרט היפּש באַרוישט און אויפגעלייגט.

ווען זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט צוריק אין דער מאַשין, האָט מאַיקעל אַרומגענומען ביטריסן און איר אַ געשמאַקן קוש געטאָן. זי האָט אים אָפּגע־צאָלט מיט אַ קוש.

— נו, ביטריסל! — האָט מאַיקעל אַ זאָג געטאָן — אפשר וועסטו פאַרט איינוויליקן צו פאָרן מיט מיר אַ קוק טאָן אויף מיין „מקום מנוחה״, האַ?...

דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מאַיקעל האָט איר איינגעלאַדן צו זיך, און ביטריס האָט אים איטלעכס מאָל אָפּגעזאָגט.

— ס׳טוט מיר לייד, מאַיקעל! — האָט ביטריס קאָקעטיש געענטפערט, — דאַרפסט דאָך שוין וויסן פון פריער, אַז איך קריך נישט אין קיין בחורישער „נאָרע״...

מאַיקלען האָט איר אָפּזאָג תמיד שטאַרק הנאה געטאָן. און איצט — נאָכמער. ער האָט איר אַ קוש געטאָן און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— ביסט אַ וואויל מיידל, ביטריסל...

ביטריס האָט אַ ציטער געטאָן און זיך גענורעט אין איר מאַנטל.

— ס׳איז דיר קאַלט, ביטריסל? איכ׳ל באַלד מאַכן וואַרעם אין דער מאַשין!

— יאָ, איך פיל קאַלט...

— קיין וואונדער נישט. דיין מאַנטל איז טאַקע נישט גענוג וואַרעם פאַר אָט דער היינטיקער קעלט...

— כ׳האַלט טאַקע איצט ביים קויפן אַ פוטער־מאַנטל ביי וואַנאַמיי־קער׳ס.

— ביי וואַנאַמייקער׳ס קאָן מען קיין מציאות נישט קריגן!

— וואו קאָן מען דען היינט יאָ קריגן אַ מציאה? די פרייזן זענען הימל־הויך!

— ביי מ י ר קאָנסטו יאָ קריגן אַ מציאה...

— דו ביסט דאָך נישט מער ווי אַן אַ ר ב ע ט ע ר ביי פוטער?

— יאָ. אָבער כ׳קאָן ביי מיין „באָס״ קריגן אַ „באַרגעין״, דענק איך...

— אָ, דאָס וואָלט געווען וואונדערלעך, אויסגעצייכנט, מאַיקעל!

— וואָס פאַר אַ פוטער ווילסטו האָבן?

— קאַראַקול!

— און וואָסער קאָליר?

— אַ שוואַרצן.

— גוט. איכ׳ל מאַרגן רעדן מיט מיין באָס...

— קאָן איך קומען צו דיין באָס אין שאָפּ אַריין אויסקלייבן וואָס כ׳וויל ?

— ניין, דאָס נישט !

— פאַרוואָס נישט !

— דערפאַר, וואָס מיין באָס איז אויך אַ „בעטשעלאָר”. וויל איך נישט, ער זאָל דיך זען. ער קאָן נאָך וועלן צונעמען דיך פון מיר. פאַרשטייסט ?...

— כע־כע־כע : — צעלאַכט זיך ביטריס פון דעם שפּאַס — אָבער ווי אַזוי קאָנסטו וויסן וואָסער פוטער מיר געפעלט ? און — דער פאַסאָן ?

— איך וועל דיר ברענגען קאַראַקול־פעלעכלעך און דעם מאָדע־זשורנאַל, און דו וועסט דיר אויסקלייבן דאָס פוטער און דעם פאַסאָן. אָלרייט ?

— אָ, מאַיקעל, יו אַר עי דאַרלינג ! — שענקט אים ביטריס אַ קוש.

— דאָס איז בלויז אַן אויפגאַב, ביטריסל. וויפל קושן קריג איך שפּעטער ?...

— דו׳סט שוין זען...

געווען איז דאָס שבתצונאַכט. צומאָרגנס, זונטיק אָוונט, איז מאַיקעל געקומען און געבראַכט ביטריסן אַ פּעקל פון די בעסטע קאַראַקולענע פעלעכלעך. זי און איר שוועסטער האָבן לאַנג געקליבן און נישט געקאָנט אויסקלייבן. אַלע פעלעכלעך זענען געווען שיין.

— ווילסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר, ביטריס ? כ׳בין דאָך אויך אַ שטיקל מבין... אָט אַ דעם קאַראַקול זאָלסטו נעמען !...

ביטריס האָט איינגעשטימט. זי האָט אויך אויסגעקליבן דעם פאַסאָן אין זשורנאַל. און מאַיקעל האָט איר גענומען אַ מאָס.

אויפן צווייטן זונטיק האָט מאַיקעל געבראַכט דעם קאַראַקולענעם מאַנטל. דאָס איז געווען איינער פון די שענסטע און רייכסטע מאַנטלען, וואָס אַזוינע זעט מען נאָר אין די סאַמע געהויבנסטע פוטער־געשעפטן אויף דער פינפטער עוועניו. סיי ביטריס און סיי פּערל, און אַפילו עזרא, האָבן זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף דעם מאַנטל.

ביטריס האָט געלויכטן פון צופרידנקייט. דער מאַנטל האָט אַראָפּגע־שיינט פון איר.

— געפעלט דיר איצט, וואָס איך האָב אויסגעקליבן, ביטריס ?

— כ׳האָב נאָך אַזוינס אין מיין לעבן נישט געזען. נישט געחלומט אַפילו פון אַזאַ מין שיינעם מאַנטל, מאַיקעל !

— טראָג אים געזונטערהייט, ביטריס !

— איצט וויל איך וויסן צי פאַרמאָג איך אַזויפיל קאַפּיטאַל צו באַצאָלן...

— פינף הונדערט דאָלאַר פאַרמאָגסטו ?...

— ער איז ווערט אַ סך, אַ סך מער !

— אמת. אָבער ד י ך וועט ער קאָסטן נישט מער ווי צוויי הונדערט...
— אָ, דו שפּאָסט, מאַיקעל. כ'וויל טאַקע וויסן באמת.
— דו ווילסט וויסן דעם אמת? הער מיך אויס, ביטריס. די פּעלצכלעך זענען מיינע א י י ג ע נ ע און די אַרבעט איז אויך מיין א י י ג ע נ ע, און א י ך וועל פאַר דעם מאַנטל קיין געלט ביי דיר נישט נעמען...
— וואָס מיינסטו, מאַיקעל?
— אַט דאָס וואָס דו הערסט! דאָס איז מיין מתנה פאַר דיין קומענדיקן געבורטסטאָג, ביטריס טייערע!...
אַלע אין הויז זענען געבליבן זיצן געפּלעפּט.
ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען מאַיקעל איז אַוועק אַהיים, האָבן זיי גענו־מען באַטראַכטן וואָס מאַיקעל האָט דאָ אויפגעטאָן. און אַלע זענען זיי מיט־אַמאָל געוואָרן פול מיט פאַרדאַכט.
אַ גאַנצע וואָך האָט זיך דערנאָך געקאָכט אין הויז מיטן מאַנטל. עזרא און פּערל זענען געווען קעגן אָננעמען דעם פוטער־מאַנטל. ביטריס האָט זיך געהאַלטן אין איין שלאָגן מיט דער דעה, יאָ אָננעמען, נישט אָננעמען. און — זי האָט באַשלאָסן, אַז דער בעסטער אויסוועג איז צו טעלעפאָנירן שואליקן און הערן וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן מאַיקלען...

ב

שואליקן איז דאָס האַרץ געווען פריילעך.
דער טעלעפאָן־געשפּרעך מיט ביטריסן האָט נאָך לוסטיקער געמאַכט זיין שטימונג. אים איז געפעלן געווען די קאַץ־און־מויז־שפּיל צווישן מאַיקלען און ביטריסן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט די קאָמישע סצענע צווישן זיי: ווי מאַיקעל קומט צו ביטריסן און אַנטפּלעקט איר זיין סוד, אַז ער איז איינער פון די רייכסטע פוטער־סוחרים אין ניו יאָרק, און ווי ביטריס בלייבט שטיין מיט אַן אָפן מויל און קאָן קיין וואָרט נישט אויס־רעדן מחמת גרויס איבעררעשונג. און ווי מאַיקעל לאַכט ווען זי דערציילט אים אין וואָס זי האָט אים חושד געווען...
שואליק האָט געהאַט בדעה צו דערציילן איצט ביים טיש די געשיכטע מיטן פוטער־מאַנטל און איבערגעבן דעם גאַנצן געשפּרעך, וואָס ער האָט נאָרוואָס געהאַט מיט ביטריסן, און פאַרשטעלן די סצענע, וואָס ס'וועט זיך אָפּשפּילן צווישן מאַיקלען און ביטריסן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דאָס געלעכטער, וואָס דאָס וועט אַרויסרופן ביי חוהלען, און ביי כאַנציען, און אַפילו ביי שמואל־הערשן.
ווען ער איז אָבער אַריינגעקומען אין עס־צימער און דערזען ווי חוהלע און איר מוטער זענען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער, היפּש אָנגעבלאָ־זענע, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, און דער לץ אין אים

האָט אים אַ שושקע געטאָן: שוויג! זעסט דאָך ווי מאַמע־און־טאַטע זענען „פּעפּערזיכטיק" — טאָ שפּיל מיט זיי אויך אַ קאָמעדיע!...

שואליק האָט זיך נישט אַוועקגעזעצט ביים טיש. ר'האָט גענומען שפּאַנען איבערן עס־צימער, ווי ר'וואָלט יאַקבי געוועזן צעטראָגן.

געזען, אַז חוהלע הייבט אַפילו נישט אויף אירע אויגן פון בוך, האָט ער זיך שוין געלאָזט צוגיין צום טיש זיך אַוועקזעצן. דאָ האָט זיך דערהערט כאַנציעס רוף פון קיך:

— חוהלע, טאָכטער! קום נאָר אַהער, כ'וויל דיר עפּעס זאָגן!

ווי נאָר חוהלע איז אַהין אַריין האָט די מוטער געגעבן אַ מאַך־צו די קיך־טיר.

— חוהלע! — האָט די מוטער אַ זאָג געטאָן אַנגסטיק — זיין טעלע־פאָן־געשפּרעך מיט דער אויסגעסטראָצלטער לאַנגער מויד געפעלט מיר נישט!...

— ס'געפעלט מיר אויך נישט!

— אַזאַ אומפאַרשעמטקייט! זי שלעפּט אים מיט צוואַנגען! אַזאַ פּאַטעפּאַלנאָסט פון אַ מויד צו טעלעפאָנירן אים גליייך אַהער! טאַקע נאָר ווי צו רייצן זיך...

— מאַמע, שואליק איז נישט פון יענע, וואָס לאָזן זיך שלעפּן. כ'קען אים שוין גוט!... — מאַכט חוהלע און האַלט זיך קוים איין נישט צו דער־ציילן דער מוטער וואָס ס'איז היינט פאָרגעקומען צווישן איר מיט שואליקן.

חוהלע איז מאָמענטאַל אַריין צוריק אין עס־צימער, גענומען גרייטן צום טיש, און אַ זאָג געטאָן אין דער הויך:

— מיר'ן גיין עסן. וואָשן דאַרף מען זיך נישט. מיר'ן היינט האָבן אַ מילכיקע מלווה־מלכּה!

צו שואליקן האָט חוהלע נישט אַ קוק געטאָן אַפילו, ווי זי וואָלט אים בכוונה געוואָלט „אַנציען". שואליק איז געווען אַ מבין אויף איר געמאַכ־טער רוגז־מינע, און אויך בכוונה געשוויגן, שמייכלענדיק צו זיך אַליין.

די מלווה־מלכּה איז געווען אַ שנעלע און שטילע. אַלע האָבן געגעסן שווייגנדיק. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'גייט דאָ אַן אַ געוועט אין שווייגע־ניש ביים טיש, און איטלעכער וואַרט, אַז עמיצער אַנדערש זאָל דעם וועט פאַרלירן.

שואליק האָט געענדיקט עסן שנעלער פון אַלע. ער האָט געמאַכט די ברכה אחרונה, זיך אַנטשולדיקט, זיך אויפגעהויבן פון טיש און געזאָגט, אַז ער מוז עמיצן אָפּרופן אויפן טעלעפאָן. ער איז אַוועק אין קאָרידאָר.

כאַנציע מיט חוהלען האָבן זיך איבערגעקוקט. שמואל־הערש האָט

עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר כאַנציע האָט אים אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער צו די ליפּן — ער זאָל שווייגן. שואליק רעדט אויפן טעלעפאָן דאָרט.

— העלאָו, מאַיקעל?

— העלאָו, שואליקל!

— אַ גוטע וואָך!

— אַ גוט יאָר!

— וואָס זאָגסטו עפּעס אויף דעם וועטער, מאַיקעל?

— שוין איינמאָל אַ וועטער. ווי דער ראַדיאָ זאָגט, איז אַזאַ שניי־שטורעם שוין נישט געווען פאַר די לעצטע פערציק יאָר אין ניו יאָרק!

— יאָ, מיר האָבן געהערט. אונדזער הויז איז ממש פאַרמויערט מיט שניי. פון דער טיר נישט אַרויסצוגיין.

— דיר איז גוט, שואליקל. דו ביסט צווישן מענטשן, אָבער וואָס זאָל איך זאָגן? איך בין איינער אַליין אין הויז. נישטאָ צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן.

— איז טאַקע אַ גאָטס רחמנות אויף דיר, מאַיקעל.

— אפשר קאָנסטו אַריבערפליען צו מיר, שואליק? — שפּאַסט מאַיקעל.

— נישט קיין שפּאַס. ווען איך קאָן נאָר, וואָלט איך אַצינד טאַקע געוואָלט אַריבערפליען צו דיר. כ׳האָב דיר אַ סך, אַ סך וויכטיקס צו דערציילן, מאַיקעל!

— טאַקע? דערצייל מיר דורכן טעלעפאָן!

— טרעף, מאַיקעל, ווער ס׳האָט מיר היינט אָוונט טעלעפאָנירט.

— יאָ, ווער?

— ד י י ן ביטריס!

— וואָס האָט זי געוואָלט?

— זי האָט מיך געבעטן גוט־גוט אויסצופאָרשן ו ע ר און ו ו אָ ס דו ביסט!

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— זי וויל וויסן צי ביסטו איינער אָדער צוויי... — לאַכט שואליק.

— כ׳פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט, שואליק.

— האָסטו געלייענט אַ בוך מיטן נאָמען „דאָקטאָר דזשעקיל און מיסטער הייד״?

— דו מיינסט דאָס בוך פון ראָבערט לואיס סטיווענסאָן. געוויס האָב איך עס געלייענט. וואָס איז דען?

— אָט דאָס טראַכט ביטריס אויף וועגן דיר, מאַיקעל! ביסטו נישט צומאָל אַזאַ מין טיפּ... אַ גנב, וואָס באַרויבט רייכע הייזער, כאַ־כאַ־כאַ!...

— לאַכט שואליק הילכיק.

— כאַ־כאַ־כאַ... — לאַכט מאַיקעל אויך ביי ז י י ן טעלעפאָן — פונוואַ־

נען האָט זיך צו ביטריסן גענומען אַזאַ מין שרעקלעכער פאַרדאַכט אויף מיר? דו האָסט זי נישט געפרעגט?

— געוויס האָב איך זי געפרעגט. און זי האָט מיר אַלץ דערציילט. דו האָסט איר אויפגעמאַכט אַ קאַראַקולענעם פוטער־מאַנטל גאָר אַ זעלטנהייט, וואָס דאַרף קאָסטן אַן אוצר, און דו האָסט איר דעם מאַנטל געשענקט אַלס מתנה...

— נו, בכן, איז וואָס?

— וואָס מיינסטו? ביי דיר איז עס אַ געוויינלעכע זאַך. ביי ביטריסן אָבער איז עס אַ געוואַלדיק־שרעקלעכע רעטעניש. ס׳לאָזט זי נישט רוען. ס׳קאָן זיך איר נישט פּאַטויפּען אין מוח, אַז אַ „פּשוטער אַרבעטער״ זאָל קאָנען אַזוי שאַסטען מיט הונדערטער דאָלאַרן, נישט אַנדערש, נאָר אַז דו קריגסט פון ערגעץ גרינגע געלטער, פאַרשטייסט?...

— אַ פאַרשווין פון דער אונטערוועלט, הייסט עס, כאַ־כאַ־כאַ!... — לאַכט מאַיקעל אַריין אין טרייבל, — און דו האָסט איר גאָרנישט געזאָגט דערויף, שואליק?

— נאַטירלעך, אַז כ׳האָב זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. איכ׳ל דאָך נישט גיין אויסגעבן דיין סוד און קאַליע מאַכן די גאַנצע קאָמעדיע דיינע...

— גוט האָסטו געטאָן, שואליק, וואָס דו האָסט עס געלאָזט פאַר מ י ר.

— יאָ, אָבער דער ענין איז אַצינד צו־ערנסט שוין, מאַיקעל!

— וואָס מיינסטו?

— ביטריס האָט מורא! כ׳וואָרן דיך, אַז לענגער ציען אָט דאָס שטריקל איז אַ סכנה. ס׳קאָן זיך אינגאַנצן איבעררייסן. דו מוזט ענדיקן די „קאָמעדיע״ וואָס שנעלער!...

— דו ווייסט וואָס איך וועל טאָן, שואליק? כ׳וועל מאָרגן שיקן ביט־ריסן אַ בריוו אויף דעם אָפיציעלן פּאַפּיר פון מיין פירמע „מאַיקעל האָפּקינס פאַר קאָמפּאַני״ און איר שרייבן, אַז דער מאַנטל איז אַ מתנה „פון דעם באָס צו זיין פריינד ביטריס גערבער״...

— אָ, מאַיקעל, דאָס וועט זיין אויסגעצייכנט. און — כ׳ווינטש דיר הצלחה מיט ביטריסן!... — שרייט שואליק אויס גאָר הויך.

שואליק איז אַריין צוריק אין עס־צימער. אַלע אינאיינעם האָבן אויס־געשאָסן אין אַ הילכיק געלעכטער...

ג

דער שפּעטער אָונט איז געווען אַ שטילער, אַ פּרעכטיקער. דער הימל אַ לויטער־בלויער, אַ בריליאַנטענדיק־שעמערירנדיקער. די ערד אַ שניי־וויסע, אַ ריין־זויבערדיקע. די לופט אַ פריש־פראָסטיקע, אַ פיאַלעט־פּורפּורדיקע.

דער דרויסן האָט אויסגעקוקט, ווי די וועלט וואָלט נאָרוואָס אַרויס פון גאָטס פּאַרעם אַ ניי־באַשאַפענע, אַ כשר־תמימותדיקע, צו וועלכער אַ מענטש־לעכע האַנט האָט זיך נאָך נישט צוגערירט...

שמואל־הערש און כאַנציע זענען באַלד נאָך וועטשערע אַוועק שלאָפן אונטער די וואַרעמע פּערינעס.

שואליק און חוהלע האָבן אפילו נישט געטראַכט פון שלאָפן גיין אין אַזאַ צויבערדיקן אָוונט. זיי האָבן זיך אָנגעטאָן אין זייערע ווינטער־מאַנטלען און קאַלאָשן און אַרויס אין פראַנט פון הויז.

דאָס געטלעך־שיינע בילד פון דער פאַרשנייטער גאַס האָט פאַרכאַפּט די אויגן. די פראַסטיקע לופט האָט דערפרישט די לונגען. יינגלעך האָבן זיך געקאַטשעט אויף די שניי־הורבעס, זיך באַוואָרפן מיט „שניי־באַלס", און זייערע יונגע הילכיקע געלעכטערס האָבן זילבערדיק אָפּגעקלונגען, ווי שליטן־גלעקלעך.

די נאַכט האָט געכישופט. ס'האָט זיך געוואָלט אַזוי שטיין אינדרויסן ביזן ווייסן טאָג אַריין.

דער פראָסט האָט שואליקן און חוהלען דורכגענומען דורך די ווינטער־מלבושים, געגליווערט די פיס, געפרוירן די שפּיצן־אויערן, געביסן די שפּיצן־נעזער. ביידע האָבן אַלע ווייל אונטערגעטענצלט, געריבן נאָז־און־אויער, און בשום אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם פּרעכטיקן דרויסן.

די קעלט האָט זיי אָבער סוף־כל־סוף בייגעקומען און אַריינגעטריבן צוריק אין הויז, ביידע פאַרקאַלייעטע און איבערגעפרוירענע. די שטוביקע וואַרעם האָט אַ זעץ געטאָן אויף זיי, און זיי האָבן דערפילט זאַשפּערעס אין די פינגער. זיי האָבן גענומען רייבן די הענט און בלאָזן אויף זיי מיטן וואַרעמען אָטעם.

— ווייסטו וואָס כ'טראַכט, שואליק ?

— האַ, וואָס ? געוויס אַ קלוגע זאַך !...

— איך וועל מאַכן אַ הייס טעפּעלע קאַווע צו דערוואַרעמען די אברים אַביסל.

— אַ געניאַלער געדאַנק, כ'לעבן ! אָבער... מיר'ן זיי אויפוועקן ! — ווייזט שואליק חוהלען אין דער ריכטונג פון אירע עלטערנס שלאָפצימער.

— מיר'ן טרינקען אין קיך. מיר'ן צומאַכן די טיר. זיי וועלן אַפילו קיין שאָרך נישט הערן !... — מאַכט חוהלע שושקענדיק.

שואליק האָט אַ כאַפּ געטאָן פון טיש אין עס־צימער חוהלעס ענגלישן בוך „די סטאָרי אָוו פילאָסאָפי" פון וויל דוראַנט, אין וועלכן זי האָט אין אָנהייב אָוונט אַריינגעקוקט, איז אַריין נאָך חוהלען אין קיך אַריין און זיך צוגעזעצט ביים טיש.

חוהלע האָט שטיל־שטיל צוגעמאַכט די טיר, אַנגעגאָסן וואַסער אין גלעזערנעם קאַווע־קרוג, און אָוועקגעשטעלט אים אויפן פּייער.

אויפגעעפנט דאָס בוך, האָט שואליק גענומען קוקן אין דער הקדמה. זיין בליק איז געפאַלן אויף אַ ציטאַט פון בראַונינגן: „לעבן האָט אַ צוועק, און דאָס זוכעניש צו געפינען אָט דעם צוועק איז מיין עסן און טרינקען"... ער האָט אַ שמייכל געטאָן, איבערגעלייענט די ווערטער פאַר חוהלען און געזאָגט:

— אינטערעסאַנט! שוין טויזנטער יאָרן האַלטן מענטשן פון אַלע אומות און פון אַלע לשונות און פון אַלע גלויבנס אין איין זוכן דעם צוועק פון לעבן, און דער יידישער מענטש האָט אָט דעם צוועק שוין לאַנג געפונען...

— וועמען מיינסטו? ווער איז דער מענטש, שואליק? — זעצט זיך חוהלע צו צו אים.

— ק ו ה ל ת!

— קוהלת איז דען געווען א י י ן מענטש? גיכער איז צו גלויבן, אַז קוהלת איז געווען אַ זאַמלונג פון עטלעכע חכמים...

— אָבער ס'איז אין תנ"ך אַריין אַלס א י י ן ספר!

— איז וואָס האָט דען קוהלת אויסגעפונען נאָך אַלע זוכענישן און קלערענישן?

— ער האָט אויסגעפונען, אַז מ'קאָן נ י ש ט אויסגעפינען דעם תכלית פון לעבן... איז „סוף דבר", ס'לעצטע וואָרט זיינס — „מורא האָבן פאַר גאָט און לעבן לויט זיין געבאָט, ווייל אָט דאָס איז דער גאַנצער מ ע נ ט ש!"...

— כ'מיין, אַז די תורה איז קלוגער פון קוהלת.

— דאָס אַוודאי! אָבער וואָס מיינסטו צו זאָגן, חוהלע?

— די תורה האָט אָנגעזאָגט „ואהבת את השם", זאָלסט ליב האָבן גאָט, נישט מורא האָבן פאַר אים. מורא פאַר גאָט איז, לויט מיין מיינונג, אַ פּרי־מיטיווער באַגריף, שואליק. ווי קאָן מען דען מורא האָבן פאַר אים, ווען מ'ווייסט נישט וואָס ער איז?...

— דיזעלבע פראַגע קאָן מען דאָך אויך שטעלן וועגן ליבע צו גאָט. ווי קאָן מען אים ליב האָבן, ווען מ'ווייסט נישט וואָס ער איז?... אַ חוץ דעם איז פאַראַן אין דער תורה אויך דער באַגריף פון מ ו ר א פאַר גאָט...

— אָבער וואָס שטייט פילאָזאָפיש און מאָראַליש העכער — „מורא" אָדער „ליבע" צו גאָט, האַ?

— איך האַלט מיט דער גמרא „גדול העושה מאהבה". אַוודאי איז „ליבע" אַ העכערע מדרגה פון „מורא" — דאָס איז אייגנטלעך די פילאָזאָ־

פּיע פון חסידות. אָבער אויך די מתנגדים, וואָס דינען גאָט אויס מ ו ר א, שטייען אויף אַ הויכער מדרגה...

— אָבער דו ביסט דאָך אַ בן חסיד, שואליק איז ווי קומט צו דיר מורא, האַ?

— ווער רעדט פון מיר, חוהלע? איך בין דאָך אַ ג אַ ר נ י ש ט...

— ביי מיר ביסטו דווקא „ע פּ ע ס". וויל איך טאַקע וויסן, שואליקל, וואָסער געפיל איז ביי דיר שטאַרקער, דאָס געפיל פון „יראת השם" אָדער פון „אהבת השם"?

— כ'דענק, אַז ביי מיר איז עס אַ מין סאָרט „יראה מתוך אהבה" (מורא אויס ליבע)!...

— כע־כע... — צעלאַכט זיך חוהלע און אירע אייגעלעך נעמען גלאַנצן

— כע־כע, אָט דעם דאָזיקן געמישטן געפיל האָב איך היינט אָוונט אויך איבערגעלעבט!

— ווען?... — מאַכט זיך שואליק תמ'עוואַטע.

— ווען ביטריס האָט דיר טעלעפאָנירט. מ ו ר א, — דערפאַר וואָס כ'האָב דיך ל י ב!...

— כאַ־כאַ־כאַ... — האָט זיך שואליק צעלאַכט און זיך פאַרשטעלט ס'מויל מיט דער האַנט נישט צו מאַכן קיין טומל — איך האָב די מורא דיינע גלייך איבערגעלייענט אויף דיין פּנים, דו נאַריש מיידל. און — הלמאי זאָל איך לייקענען, ס'האָט מיר בפירוש הנאה געטאָן...

— אַ, דו אינטריגאַנט! דו האַרצברעכער!... — נעמט חוהלע זיך טוליען צו שואליקן — און מיינע אייפערזוכט־יסורים האָבן דיך גאָרנישט געקימערט, האַ?...

— ס'האָט זיך מיר דאָן אויך פאַרגלוסט צו שפּילן אַביסל קאָמעדיע מיט דיר — און אויך מיט דיין מאַמען — פּונקט ווי מאַיקעל שפּילט קאָמעדיע מיט ביטריסן.

— לאָמיך טאַקע וויסן, וואָס קומט דאָרט פאָר צווישן דער ביטריסן מיט מאַיקלען. דערציייל מיר, שואליקל! — מאַכט חוהלע נייגעריק.

— דו האָסט דאָך געהערט וואָס כ'האָב גערעדט מיט מאַיקלען אויפן טעלעפאָן.

— אמת. אָבער ס'איז מיר נאָך אַלץ נישט גענוג קלאָר די געשיכטע.

— ער, מאַיקעל, האָט זיך פאָר ביטריסן אויסגעגעבן אַלס אַן אַרבע־טער ביי פוטער... ער האָט איר געזאָגט, אַז ער פאַרדינט גוטע שכירות... ווען מאַיקעל האָט זי אויסגענומען אין רייכע רעסטאָראַנען, האָט עס איר הנאה געטאָן... נאָר די לעצטע צייט האָט מאַיקעל שוין איבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט געגעבן ביטריסן אַ טייערן קאַראַקולענעם מאַנטל אַ מתנה... אָט די דאָזיקע מתנה איז איר שוין פאַרגאַנגען שאַרף אין דער נאָז אַריין

— ווי קאָן עס אַן אַרבעטער שאַסטען מיט אַזויפיל געלט? נישט אַנדערש, נאָר אַט דער בחור איז עפּעס אַ „טונקעלער פאַרשוין" און ער האָט עפּעס נישט קיין כשרע געלטער... סיי ביטריס און סיי איר שוועסטער און שוואָגער זענען פול מיט חשד — אפשר איז עס „געגנבעטע סחורה" גאָר... איז ביי וועמען קאָן מען אויסגעפינען די ריכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן דעם מאַיקלען, אויב נישט ביי מיר? ער איז דאָך מיין לאַנדסמאַן, און מיין פריינד. א י ך אָבער האָב זיך געשטיקט מיטן אמת, כ׳על דאָך נישט גיין קאַליע מאַכן די גאַנצע קאָמעדיע...

— וואָס? ער איז טאַקע אַ רייכער מענטש, מאַיקעל?

— יאָ. ער באַשעפטיקט אַ סך אַרבעטער ביי זיך אין שאָפּ. וואוינען וואוינט ער אויף ריווערסייד דרייוו אין אַ „סוועל אַפּאַרטמענט", מיט אַזאַ מין רייך מעבל, וואָס כ׳האָב נאָך אַזוינס אין מיין לעבן נישט געזען. לעבט ווי אַ גראַף. האַלט ביי זיך אַ יאַפּאַנישן באַדינער, אַ „באָטלער" ווי מ׳רופט עס...

— טאַקע?

— יאָ, טאַקע! עס מעג דיר באַנג טאָן, חוהלע, — שמייכלט שואליק

— ד ו האָסט דאָך געקאָנט כאַפּן אַט דעם „העכט". ס׳וואָלט דאָך געווען אַ גליק פאַר דיר...

— פאַר ביטריסן אַט דאָס גליק. כ׳פאַרגין עס איר מיטן גאַנצן האַרצן!

— שמייכלט חוהלע.

— כ׳מיין באמת, חוהלע, ס׳אַרט דיך גאָרנישט?... — נעמט זי שואליק אַרום.

— ס׳הייבט מיך אַפילו נישט אָן צו אַרן. ביי מיר ביסטו מיין גליק, שואליקל טייערער!... — מאַכט חוהלע האַניקדיק־זיס, און נורעט זיך אין שואליקן.

ביידע האָבן געלאָזט שטיין זייערע טעפּעלעך קאַווע נישט־אויסגעטרונקענע. זיי האָבן זיך איינגעקלאַמערט איינס אין אַנדערן. זייערע ליפּן האָבן זיך איינגעזויגן איינע אין די אַנדערע, מיט הייס־הייסע קושן.

ק אַ פּ י ט ל צ ע ן

א

דער טאָג איז נאָך געלעגן אין זיינע הימלישע וויקעלעך. ריווינגטאָן־סטריט האָט זיך נאָך געטונקען אין פרי־פאַרטאָגיקער בלויקייט. די גרויע הייזער און קראָמען זענען נאָך געשטאַנען פאַרשלאָפענע מיט פאַרמאַכטע טירן און פענצטער. בלויז ערגעץ־וואו האָט זיך אַ שפּייז־קרעמל געעפנט

מיט אַ קלימפּער און אַ שיין פון אַן עלעקטריש לעמפּל האָט געגעבן אַ שפּאַר אַרויס פון דאָרטן.

אינדרויסן איז געשטאַנען אַ ווינטערדיק־עסעריקע קעלט. ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער אין זיין טכוירענעם פוטער־מאַנטל און אין וואַרעמען פלושענעם קאַפּעליוש, טראַגנדיק דעם גרויסן טוכענעם טלית־זאַק אונטערן אָרעם האָט געשפּאַנט מיט שנעלע טריט צום דאַווענען אין חסידים־שטיבל „אמוני ישראל". ער האָט געאָטעמט מיט געזונטע לונגען, און פון זיין מויל און נאָזלעכער האָבן געשלאָגן וואַרעמע סטענגעס פּאַרע.

דערנענטערנדיק זיך צום „שטיבל", האָט ער באַמערקט זיין פריינד ר׳ אַריה־לייב שעוויץ, אויך אין זיין טכוירענעם פוטער־מאַנטל און אין וואַרעמען פלושענעם קאַפּעליוש, מיט דעם טוכענעם גרויסן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, ווי ער שטייט דאָרט פאַרן אַריינגאַנג.

ר׳ שלמה־שעיהן האָט ס׳האַרץ אַ פּלאָטער געטאָן. דאָס וואָרט געוויס מיסטער שעוויץ אויף א י ם. ר׳איז מסתמא נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. קוים דערלעבט דעם פאַרטאָג, ר׳זאָל שוין וואָס גיכער הערן די גוטע בשורה. איז וואָס זאָגט מען אים וואָס? ווי אַזוי זאָגט מען אים דעם ביטערן אמת? דער מענטש וועט זיך, חלילה, עקן, באַקומען אַ פּאַפּלעקציע, שונאי־ישראל. ניין, ער טאָר אים נישט דערמאָנען אַ וואָרט אַפילו, וואָס ער האָט נעכטן געהערט פון שואליקן. נאָר אויס מיטלייד מיט זיין פריינד אַריה־לייבן וועט ער אים זאָגן, אַז מ׳מוז דערוויל וואַרטן, האָבן געדולד, לאָזן שואליקן האָבן אַ ישוב־הדעת...

ר׳ אריה־לייב שעוויץ האָט דערזען ר׳ שלמה־שעיהן אָנקומען, און ער איז אים געלאָפן אַנטקעגן. זיין פּנים ווי איבערגעצויגן מיט אַ וואָלקן. זיינע אויגן פול מיט צער.

— גוטער מאָרגן, ר׳ אריה־לייב! — באַגריסט אים שלמה־שעיה מיט געמאַכטער מונטערקייט.

— ט׳מאָרגן, ט׳יאָר, ר׳ שלמה־שעיה... — ענטפערט אריה־לייב אומעטיק, טוט אים אַ נעם אונטערן אָרעם און נעמט מיט אים אַוועקשפּאַנען צום ראָג פון עסעקס־סטריט.

ביי אַ טויבער וואַנט זענען ביידע געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט. אין דער פאַרטאָגיקער בלויקייט האָבן די צוויי יידן האַרט איינער לעבן אַנדערן מיט די פוטער־מאַנטלען און מיט די פלושענע קאַפּעליושן, האַלטנדיק די טוכענע טלית־זעק אונטער די אָרעמס, אויסגעקוקט ווי עפּעס אַן אַראָפּגעשאָסענער ריזיקער צוויי־קעפּיקער אָדלער...

— איך וואָרט שוין לאַנג אויף אייך!

— כ׳פאַרשטיי. איר׳נט נייגעריק צו וויסן דעם פועל־יוצא פון נעכטיקן וויזיט...

— כ׳ווייס שוין, כ׳ווייס שוין... — טוט מיסטער שעוויץ אַ זיפֿץ.

— וואָס ווייסט איר?

— מיין טאַכטער האָט אַליין מיר אויסגעזאָגט דעם סוד...

— וואָס איז געשען וואָס?

— ביי מיר אין שאַפּ אַרבעט אַ בחור, מאַרווין, אַלס „שיפּינג קלוירק״. דווקא אַ „טאַטנס קינד״. דער פֿאָטער איז אַ געוועזענער ישיבה־מלמד. אַ טייערער ייד. איצט איז ער אַלט און קראַנק. און טאַקע צוליבן פֿאָטער האָב איך דעם מאַרווינען געגעבן אַ שטעלע ביי מיר. נו, האָט ער מיר אָפּגע־דאַנקט און... פֿאַרפֿירט אַ „ליובקע״ מיט מיין שפּרהלען הינטער מיינע פּלייצעס...

— וואָס הער איך!... פּסססס... אַזאַ הפקרות!... — טוט ר׳ שלמה־שעיה אַ שפּרונג און צינדט זיך אָן, ווי זיין שטייגער איז — א י ך, א י ך וואָלט אַזאַ הולטאַי אויסגעריסן, עוקר־מן־השורש געוועזן!...

— איך האָב תחילת אויך אַזוי געטראַכט, ר׳ שלמה־שעיה. כ׳בין געווען גרייט צו לויפֿן און מאַכן פֿון דעם בחור אַש־און־שטויב. כ׳האָב זיך אָבער איבערגעלייגט און באַטראַכט: ראשית, דאַרף מען זיך היטן, אַז די זאַך זאָל נישט מפֿורסם ווערן... והשנית, דער בחור האָלט דאָך אויס זיינע אַלטע, קראַנקע און אָרעמע טאַטע־מאַמע, ווי מעג איך אַרויסרייסן ביי זיי ס׳שטיקל ברויט פֿון מויל?... והשלישית, ווי בין איך באַוואָרנט, אַז דער בחור וועט מיר נישט טאָן להכעיס און נישט וועלן זיך אָפּזאָגן פֿון מיין שפּרהלען?...

— איז וואָס דענקט איר פֿאַרט צו טאָן?

— איך מיין, אַז מיט גוטן וועל איך אפֿשר מאַכן בעסער... קודם וועל איך מיין שפּרהלען מער אין שאַפּ נישט לאָזן אַריינשמעקן אַפֿילו. און דערצו וועל איך פּרובירן טאָן ווי דער פּסוק זאָגט: „הכסף יענה את הכל״. איך ווייס, אַז ע ר וויל לערנען אויף „לאָיער״. ביי טאָג אַרבעט ער ביי מיר אין שאַפּ, און אין אָוונט גייט ער אין סקול. וועל איך אים געבן אַ ברירה — אָדער ער לאָזט צורו מיין שפּרהלען און איך וועל אים העלפֿן מיט געלט צו ענדיקן אויף לאָיער; אָדער ער וועט אינגאַנצן מוזן פֿאַרלירן די שטעלע ביי מיר... ווי מיינט איר, ר׳ שלמה־שעיה?

— כ׳מיין ע... כ׳מיין, ס׳אַ גוטער געדאַנק! — מאַכט ר׳ שלמה־שעיה שוין אָן אָפּגעלאָשענער, — גויט ברעכט אייזן, ווי זאָגט מען. אויב דער בחור איז נאָר נישט קיין שוטה, וועט ער פֿאַרשטיין וואָס ס׳איז גוט פֿאַר אים...

— איז וואָס־זשע וויל איך פֿון אייך, ר׳ שלמה־שעיה?

— אַדרבא. אויב איך קאָן דאָ עפּעס העלפֿן, בין איך מוכן ומזומן, ר׳ אַריה־לייב.

— כ׳מיין... אַט דעם שואליקן האָב איך דערוויל מורא אָפּצולאָזן... איז כאַשר איר האָט מיר דערציילט, אַז דער שואליק דאַרף אַ סומע געלט אויף אַריבערצוברענגען זיינע עלטערן פון פוילן קיין ארץ־ישראל, בין איך גרייט אים צו געבן די נויטיקע סומע אַלס גמילות־חסד אַן עיסקא אַפילו. ער קאָן מיר אויסצאָלן ווי ער אַליין וועט וועלן. איר פאַרשטייט ?...

— זעט איר, ר׳ אריה־לייב, דאָס איז אַ גאָר אויסגעצייכנטער געדאַנק!

— נאָך אַ זאַך. כאַשר אַזוי ווי דער שואליק האַלט זיך אויף ביי אייער בוכהאַלטער, דעם שמואל־הערשן, וואָלט איך געוואָלט, אַז איר זאָלט אים אויך פאַראינטערעסירן אין אַט דעם ענין. דער שמואל־הערש, לויט כ׳ווייס, האָט דאָך אַליין אַ מיידל, און אַ קבצן איז ער א גרויסער, און קיין נדן פאַר איר האָט ער מסתמא נישט, בין איך גרייט אים צו געבן גאַנצע טויזנט דאָלאַר שדכנות, אויב ער וועט זיך אַריינוואַרפן אין דעם ענין. איז עס געפועלט ?...

— ביי מיר האָט איר גלייך געפועלט, ר׳ אריה־לייב. הלוואי זאָלט איר אַזוי פועלן ביי דעם „מזווג זיווגים״!...

די פאַרטאָגיקע בלויקייט איז העלער געוואָרן. די צווי באַפעלצטע יידן האָבן זיך אויסגעדרייט צוריק צו ריווינגטאָן־סטריט און גענומען שפּאַנען אין שטיבל אַריין צום דאַווענען.

ב

דעמזעלביקן טאָג האָט ר׳ אריה־לייב שעוויץ אַריינגערופן זיין שיפינג־קלוירק, מאַרווינען, צו זיך אין אָפיס אַריין, פאַרמאַכט די טיר און אַ זאָג געטאָן מיט אַ געניטן שמייכל:

— זיץ, מאַרווין. כ׳וויל מיט דיר עפּעס רעדן!

מאַרווין איז געוואָרן בלאַס. ר׳האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז דער „אַלטער״ האָט קיין גוטס אים נישט צו זאָגן איצט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן עק פון בענקל.

— וואָס מאַכט עפּעס דיין טאַטע, מאַרווין?

— אָ, ווי אַן עלטערער, קראַנקער מענטש קאָן מאַכן! ר׳האָט בלויז איין אַרבעט — ער זיצט און לערנט טאָג־ווי־נאַכט... ר׳איז עוסק אין תורה...

— נו, אַז וואויל איז אים. תורה איז די בעסטע סחורה... און דו אַליין, מאַרווין, לערנסט דאָך אויך, כאָטש אַן אַנדער תורה... דו ווילסט טאַקע ווערן אַ לאָיער, האַ?...

— אַוודאי וויל איך. ס׳איז מער תכלית ווי אַ שיפינג־קלוירק, דענק איך...

— און מיט דיינע איצטיקע שכירות, דענקסטו, אַז דו׳סט זיין בכוח צו ענדיקן אויף לאָיער?

— איך שפּאַר וויפל כ׳קאָן נאַר, מיסטער שעוויץ...

— הער מיך אויס, מאַרווין. כ׳האַלט פון דיר זייער שטאַרק. אָבער... דאָס וואָס כ׳בין געוואָר געוואָרן וועגן דיר איז מיר לחלוטין נישט געפעלן...

מאַרווין איז איצט געוואָרן ווייס ווי קאַלך. באַלד איז די קאַלך־ווייסקייט פאַרביטן געוואָרן אויף אַ צונטער־רויטקייט.

— זאָג מיר נאַר, וואָס פאַר אַ שייכות האָסטו עפּעס מיט מיין שפּרהלען, האַ?

— כ׳ווייס נישט וואָס איר מיינט.

— מאַך זיך נישט געפּגרט, מאַרווין. שפּרהלע האָט מיר אַלץ דערציילט...

— אויב אַזוי, ווייסט איר דאָך שוין, — ווערט מאַרווין דרייסטער אַביסל — איז צו וואָס דאָס אויספרעגן מיך?

— צו וואָס? איכ׳ל דיר שוין זאָגן צו וואָס! ווען נישט דאָס רחמנות אויף דיינע טאַטע־מאַמע, וואָלט איך דיך איצט גלייך גענומען און אַרויסגעוואָרפן פון מיין שאַפּ אויף צוויי שפּענדלעך פאַר פירן „ליובקעס" מיט מיין טאָכטער הינטער מיינע פּלייצעס!

— מיסטער שעוויץ — מאַכט מאַרווין נאָך האָפערדיקער — איר קענט לערנען בעסער פון מיר. איר ווייסט דאָך גוט, אַז אַמאָל האָט זיך אַפילו אַ פּשוטער פּאַסטעך געליבט מיט דער טאָכטער פון זיין באַלעבאָס...

— וואָאָאָס? דו גלייכסט זיך צום גרויסן רבי עקיבאן? אַזאָס!

— דער פּאַסטעך איז דאָך געווען אַ סך פּשוטער פון מיר. ערשט שפּעטער איז ער געוואָרן דער גרויסער רבי עקיבא. ווער ווייסט וואָס איך קאָן אויך שפּעטער ווערן?...

— מעגסט אַפילו שפּעטער ווערן אַ לואיס מאַרשאַל... מ י י ן איידעם מוז זיין אַ גרויסער בן־תורה, פאַרשטייסט?!...

— איר קאָנט דאָך אָבער נישט נייטן אייער שפּרהלען צו נעמען דעם, וואָס א י ר וועט איר געבן, מיסטער שעוויץ.

— האַלט ס׳מויל, דו שייגאָץ איינער, דו עזות־מחוצף־פּנים! דו רעדסט מיר נאָך אַנטקעגן, רעדסטו מיר נאָך? שוין, באַלד, די רגע, זאָל דיין פּוס דאָ זיך נישט געפינען!... — האָט מיסטער שעוויץ געגעבן אַ קלאַפּ אין שרייבטיש און אויפגעשפּרונגען אויף די פיס.

מאַרווין האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון בענקל און זיך געלאָזט צו דער טיר.

ר׳ אריה־לייב האָט זיך גלייך באַדענקט, אַז ער האָט איצט נישט געהאַנדלט ווי ער האָט פריער ביי זיך באַשלאָסן. ער האָט געטאָן נאַריש וואָס ער איז אַרויס פון די כלים. ער האָט אַ רוף געטאָן מאַרווינען צוריק:

— קום אַהער. זעץ זיך אַוועק. לויף נישט. כ׳האָב נאָך נישט געענדיקט מיט דיר!

מאַרווין האָט אַ דערמוטיקטער זיך צוריקגעקערט און זיך צוגעזעצט.

— הער זיך איין. כ׳האָב דיר פריער געזאָגט, אַז כ׳האָב רחמנות אויף דיינע עלטערן. כ׳וויל, חלילה, נישט צונעמען דאָס שטיקל ברויט פון זייער מויל. אַפילו מיט דיר האָב איך אויך מיטלייד. איז דעריבער האָב איך באַשלאָסן דיר צו געבן אַ ברירה. זאָגסטו זיך אָפּ פון די נאַרישע חפציות, וואָס דו פירסט מיט מיין שפּרהלען, בין איך גרייט דיר צו העלפן מיט וויפל דו׳סט נאָר דאַרפן צו קאָנען ענדיקן אויף לאַיער. וועסטו אָבער זיין אַ שוטה און אַן עקשן, וועל איך מוזן צונעמען די האַנט פון האַרצן — אויס רחמנות! און — זיי זיכער, אַז מיין שפּרהלען וועסטו מער נישט זען, אַזוי ווי דו זעסט נישט דיינע אויערן...

— ווען איר ווילט מיך פּאַלגן, וואָלט איר גערעדט פריער מיט שפּרהלען, און נאָכדעם ערשט מיט מיר...

— מיט שפּרהלען דאַרף איך נישט רעדן. איר באַפעל איך און דאַצאַל!

— ס׳איז אַמעריקע, נישט יוראָפּ, מיסטער שעוויץ. שפּרהלע איז שוין אַ זעלבשטענדיקער מענטש. זי האָט שוין אַליין אויף זיך אַ דעה...

— גוט, נו. און וואָס וועט זיין, אַז שפּרהלע אַליין וועט זאָגן, אַז צווישן איר און דיר איז אַלץ אויס, האַ?... — מאַכט מיסטער שעוויץ, און האַלט זיך איין מיט אַלע זיינע כוחות, ר׳זאָל ווידער נישט אויפשפּרינגען.

— דאַן קאָן איך זי נישט צווינגען, פּונקט ווי איר קאָנט זי נישט צווינגען.

— איז עס געמאַכט?

— געמאַכט.

— אויף דיין ערנוואָרט?

— איך גיב אייך מיין ערנוואָרט!...

ג

— ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער האָט נישט פאַרזאַמט צו טאָן זיין שליחות טאָקע אין דעמזעלבן פרימאָרגן, וואָס ר׳ אריה־לייב שעוויץ האָט אים אַנטפּלעקט זיין סוד.

שואליק מיט שמואל־הערשן זענען גאַנץ פרי אַריינגעקומען אין שאָפּ, פריער פאַר אַלע אַרבעטער, ווי זיי פלעגן דאָס טאָן יעדן טאָג. ר׳ שלמה־שעיה האָט דאַן נאָרוואָס פאַרענדיקט די ברכה־אַחרונה נאָך די אייער־קיכלעך מיט טיי.

— שמואל־הערש! — רופט זיך אָן ר׳ שלמה־שעיה, — גיי, זיי מוחל, אַריין אין דיין קעמערל, כ׳דאַרף עפּעס רעדן מיט שואליקן!

און צו שואליקן מאַכט ער מיט אַ גאַר־פֿריינטלעכער מינע:

— זעץ זיך אַוועק, שואליק. כ'האָב, ברוך־השם, גוטע נייעס פֿאַר דיר...

שואליק האָט זיך צוגעזעצט. ס'האַרץ האָט אים אַ צאַפּל געטאָן. ער איז געוועזן זיכער, אַז דער באַס האָט זיך איבערגעלייגט וועגן זיין בקשה, און אַט וועט ער אים געוויס איצט געבן די הלוואה אויפֿן חשבון פֿון זיינע שכירות. פֿאַרט אַ פֿרומער ייד...

— גוטע נייעסן איז תמיד גוט צו הערן, ר' שלמה־שעיה! — מאַכט שואליק.

— געדענקסט, שואליק, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט נעכטן ביינאַכט?

— אַוודאי געדענק איך.

— דו ביסט שוין געווען גרייט אינגאַנצן זיך מייאש צו זיין פֿון דעם שידוך מיט מיסטער שעוויץ, אַ יאָ? לאָזט זיך אויס, אַז דו האָסט געמאַכט אַ גרויסן טעות...

— היינו, למשל?

— דער „סוד", וואָס די שפּרהלע האָט דיר פֿאַרטרויט, איז שוין קיין סוד נישט. איר פֿאָטער איז שוין געוואָר געוואָרן...

— ווי אַזוי?

— זי, שפּרהלע אַליין, האָט אים נעכטן אויסגעזאָגט אַלץ. און ער האָט דאָס מיר היינט פֿאַרן דאַוונען דערציילט. און זאָגן קאָן איך דיר, שואליק, אַז די גאַנצע מעשה האָט נישט די ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי... ווייסיך־וואָס, „מעשה נערות"... מאַלע וואָס אַ יינגל מיט אַ מיידל מאַכן זיך נאַריש... די דעה איז ביי מיסטער שעוויץ. ער וועט זיין שפּרהלען געבן אַ חתן, וועמען ע ר וועט וועלן. און ווילן וויל ער ד י ך...

שואליק האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן:

— ר' שלמה־שעיה, נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן האָבן די חכמים פֿאַרבאָטן חתונה צו מאַכן אַ מיידל קעגן איר ווילן. ווער שמועסט היינטיקע צייטן. בפֿרט אין אַמעריקע.

— פֿאַרלאָז זיך אויף מיסטער שעוויצן. ער וויל לאָזן דעם ענין זיך „אָפּקילן", פֿאַרשטייסט? דערווייל האָט ער מיר געהייסן בפֿירוש דיר זאָגן, אַז ער איז גרייט צו טאָן פֿאַר דיר אַלץ וואָס ער קאָן...

— וואָס דאַרף איך דען?

— כ'מיין מכוח דער הלוואה, וואָס דו דאַרפֿסט אויף אַרויסצונעמען דיינע עלטערן פֿון פּוילן קיין ארץ־ישראל! דאַרפֿסט שוין קיין געלט נישט?

— אַוודאי דאַרף איך. נו, איז וואָס?

— איז מיסטער שעוויץ גרייט דיר צו לייען וויפֿל געלט דו דאַרפֿסט.

— אַ שיינעם דאַנק מיסטער שעוויצן פֿאַר זיין גוטן ווילן, און אויך

איך, ר׳ שלמה־שעיה, פאַר אייער השתדלות. אָבער צום באַדויערן קאָן איך די טובה נישט אָננעמען.

— צייטנווייז פאַרשטיי איך דיך נישט, שואליק. ביסט, ברוך־השם, אַ בן־תורה און אַ בר־דעת, און אַז ס׳קומט צו וועלט־זאַכן האַנדלסטו ווי עפּעס אַ בטלן...

— דער ענין, פאַרשטייט איר מיך, איז זייער אַ דעליקאַטער, ר׳ שלמה־שעיה...

עס האָבן געגומען אָנקומען אין שאַפּ אַריין די אַנדערע אַרבעטער. דער שמועס צווישן ר׳ שלמה־שעיהן און שואליקן איז איבערגעריסן געוואָרן.

אַרום ניין אַזייגער אינדערפרי, ווען די אַרבעט אין שאַפּ איז שוין געווען אין פולן גאַנג, האָט דער בריוונטרעגער געבראַכט די ערשטע פּאָסט. ר׳ שלמה־שעיה האָט גענומען אויפשניידן די קאָנווערטן מיט זיין ספּעציעלן ביינערדיקן מעסער. אַרויסגענומען פון דאָרט טשעקס און זיי צונויפגעלייגט איינס אויפן אַנדערן אין אַ קופּקעלע מיט אַ וואויל־געפיל פון אַ בעל־שפע. ער האָט אַ סמאָטשקע געטאָן זיין ציגאַר מיט הנאה, אַריינגערופן צו זיך דעם בוכהאַלטער און אים אַ וויז געטאָן אויפן קופּקעלע:

— נעם, שרייב אַריין אָט די טשעקס אין די קאָנטאָ־ביכער, שמואל־הערש!

שמואל־הערש האָט אַ נעם געטאָן די טשעקס פון שרייבטיש און זיך געלאָזט פּאַמעלעך צוריק אין זיין קעמערל.

— וואַרט, שמואל־הערש, זעץ זיך צו אויף אַ רגע. כ׳האָב פאַר דיר גוטע נייעס!

שמואל־הערש האָט אַ הייב־געטאָן אויף אים זיינע דיקע ברילן אין די מעשענע רעמלעך, אַ גרינגן שמייכל געטאָן מיט די פלישיקע ליפּן אין זיין צעשויבערטער באָרד אַריין, און אַ טראַכט געטאָן: דעם נגיד גלוסט זיך מסתמא צו מאַכן עפּעס אַ נייעם שפּאַס היינטיקן פרימאָרגן. ער האָט זיך פונדעסטוועגן אָוועקגעזעצט.

— זאָג מיר נאָר, שמואל־הערש, — קוקט אים ר׳ שלמה־שעיה גלייך אין די ברילן אַריין. — וואָלסטו, אַ שטייגער, למשל, געוואָלט פאַרדינען אַן עקסטראַ הונדערטער, האַ?...

— ווער וואָלט עס נישט געוואָלט?

— נו, און אַ פינף־הונדערטער?

— אַוודאי!

— און צום ביישפּיל, נאָפּשיקלאַד, ווען איך זאָג דיר — אַ גאַנצן טויזנטער טאַקע?...

שמואל־הערש האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, ווי איינער

רעדט: ס׳איז אים גוט אויפן האַרצן היינט, דעם גביר, דרייט ער מיר אַ הית...

— דו מיינסט אַפּנים, אַז כ׳שפּאַס, שמואל־הערש. כ׳מיין עס גאַנץ ערנסט, ווי דו זעסט מיך אַ יידן!

— היכי־תמצא? פונוואַנען, ר׳ שלמה־שעיה, קאָן איך פאַרדינען אַ טויזנטער?

— פרעג נישט! אַז איך זאָג דיר, איז עס גלייך ווי ביי דיר אין קעשענע!

— אַלרייט. פרעג איך נישט...

— דו קענסט דאָך מיין פריינד מיסטער שעוויצן, דעם פון דער גרויסער „לאַגעדזש פעקטאָרי״ אויף בראָדוויי.

— יאָ, כ׳קען אים.

— און אַז ער איז, קיין עין־הרע, אַ גביר־אַדיר, ווייסטו דאָך אויך.

— אַוודאי ווייס איך.

— איז אָט דער מיסטער שעוויץ וויל אונדזער שואליקן אַלס חתן פאַר זיין טעכטערל. ס׳הייסט ער וויל — ער שטאַרבט ממש אַוועק נאָך אים. ער וועט אים געבן צען טויזנט דאָלאַר נדן. און אַפילו פופצן טויזנט. דערצו וויל ער אים גלייך מאַכן פאַר אַ שותף אין געשעפט. שפּיץ־בקיצור — ער איז גרייט דעם שואליקן אָפּצוגילדן!!...

— טאַקע?

— אַזוי ווי כ׳דערצייל דיר.

— איז וואָס דען די מניעה?

— ווער זאָגט דיר, אַז ס׳איז פאַראַן אַ מניעה?

— נו־נו?

— וואָס נו, ווער נו? ווייסט דאָך, אַ שידוך ווערט נישט איינס־צוויי. ביידע צדדים מוזן האָבן ישוב־הדעת. ס׳הייסט פון מיסטער שעוויצס צד איז אָפּגערעדט, ער איז מוכן־ומזומן. בלויז פון שואליקס צד גייט עס צו פּאַמעלעכיק...

— איז וואָס האָב איך דאָ צו טאָן?

— האָסט שוין גאָר אַ סך צו טאָן. כּאַשר אַזוי ווי דער שואליק איז דאָך דיינער אַ קוואַרטיראַנט, קאָנסטו אויף אים האָבן אַ השפּעה. איך — אַלס זיין באַלעבאָס קאָן נישט, — דו אָבער, אַלס אַרבעטער מיט אַרבעטער, קאָנסט עס יאָ. איז על־כן מיין עצה, אַז דו זאָלסט זיך גלייך אַריינוואַרפן אין אָט דעם שידוך, און מיסטער שעוויץ איז גרייט דיר צו געבן אַ גאַנצן טויזנטער שדכנות! איצט פאַרשטייסטו שוין?...

— אַוודאי פאַרשטיי איך.

— אַ טויזנטער, שמואל־הערש: מיט טויזנט דאָלאַר קאָנסטו שוין

דיין אייגן מיידל אויסגעבן מיט אַ ברייטער האַנט... איז וואָס זאָגסטו, שמואל־הערש ?...

— איכ׳ל זען באַטראַכטן וואָס כ׳קאָן דאָ טאָן, ר׳ שלמה־שעיה! — הייבט זיך שמואל־הערש אויף פון בענקל.

— גוט! נעם זיך גלייך צו דער אַרבעט, שמואל־הערש, און זאָל זיין מיט הצלחה!...

דעם גאַנצן טאָג האָט זיך שמואל־הערש נערוועז געדרייט אויף זיין דריי־שטול מיטן גומענעם זיץ־רינג און נישט אויפגעהערט טראַכטן דערפון וואָס ר׳איז געוואָר געוואָרן פון שלמה־שעיהן. דאָס, וואָס ר׳ שלמה־שעיה האָט אים גראָד איבערגעגעבן דעם „דזשאָב״, ער זאָל שפּילן די ראָלע אַלס שואליקס שדכן, האָט ביי אים אויסגעקוקט זייער קאָמיש.

אין אָוונט ווי נאָר ער איז געקומען אַהיים פון שאָפּ, האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַלבן שמייכל:

— כאַנציע, כ׳קאָן איצט ווערן אַ גביר, פאַרדינען אַ גאַנצן טויזנטער, נאָר כ׳מוז דערצו האָבן דיין הסכמה...

— האָסט ערגעץ געכאַפּט אַן איבעריק גלעזל, שמואל־הערש ?... — שטעלט כאַנציע אויס אַ פּאָר אויגן אויף אים.

— דאַכט זיך, אַז דו קענסט מיך נישט פאַר קיין טרינקער, כאַנציע. כ׳מיין וואָס כ׳זאָג!

שמואל־הערש האָט איר פּאַמעלעך איבערגעגעבן וואָרט־ביי־וואָרט די גאַנצע געשיכטע וואָס ער האָט היינט געהערט פון שלמה־שעיהן, און דעם פאָרשלאָג פון די טויזנט דאָלאַר שדכנות. ער האָט געשמייכלט.

כאַנציע האָט דעם דאָזיקן ענין גאַנץ אַנדערש אויפגענומען. זי האָט גענומען בייסן די ליפּן פאַר ווייטיק און פאַרדראָס...

קאַפּיטל עלף

א

שואליק האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער. ער האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע לעמפּל אויפן טישל, אַ קוק געטאָן אויפן וועקזייגער — צען מינוט צו פיר. ער האָט צוריק פאַר־לאָשן דאָס לעמפּל, זיך איינגעדעקט און צוגעשלאָסן די אויגן. איינשלאָפן האָט ער שוין אָבער נישט געקאָנט.

ער איז געלעגן מיט אַ געמישט געפיל אין האַרצן. פון איין זייט איז ער געווען שטאַרק צופרידן וואָס ער האָט נעכטן לחלוטין זיך אָפּגעזאָגט

צו נעמען די הלוואה, וואָס מיסטער שעוויץ האָט אים פאַרגעשלאָגן דורך ר׳ שלמה־שעיהן. פון דער צווייטער זייט האָט אים ס׳האַרץ ווי געטאָן פאַר זיינע עלטערן. ר׳האָט געוואוסט וואָס זיי לעבן איבער אין פוילן, און זייער איינציקע האָפענונג איז נאָר אויף אים. ער מוז זיי אַרויסראַטעווען פון דאָרטן. אָבער ווי אַזוי? וואו קאָן ער קריגן אַזאַ גרויסע סומע געלט? וואָס בלייבט אים פאָרט צו טאָן? ווען מען האָט ער נאָך דאָ? — סיידן מאַיקעל!

דעם גאַנצן טאָג נאָכדעם האָט שואליק געהאַלטן אין איין וואַקלען זיך בנוגע דעם מאַיקלען. זאָל ער גיין צו אים בעטן אַ טובה? איז עס פּאַסיק פאַר אים צו טאָן דאָס? ווי זאָגט מען, האַנדלשאַפט איז נישט קיין ברידער־שאַפט. ביזנעס איז ביזנעס. אויף וואָס קוקנדיק זאָל אים מאַיקעל געטרויען אַזאַ סומע געלט?...

אין אָונט, נאָך וועטשערע, האָט שואליק פאָרט באַשלאָסן צו גיין צו מאַיקלען. ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט. ער איז צו צום טעלעפאָן און אָנגעקלונגען מאַיקלען אַהיים:

— העלאָו, מאַיקעל!

— העלאָו, שואליקל! ס׳מאַכסטו גוטס, שואליקל?

— מאַיקעל, דו האָסט אַביסל צייט היינט אָונט?

— פאַר דיר, שואליקל, האָב איך תמיד צייט.

— כ׳וואָלט דיך געוואָלט זען היינט, מאַיקעל.

— גוט. זאָל איך אַריבערקומען צו דיר?

— ניין, — איכ׳ל אַריבערקומען צו ד י ר!

— אויסגעצייכנט! דו׳סט זיין ביי מיר אַ גרויסער גאַסט! וואַרט איך אויף דיר, שואליקל!...

מאַיקעל האָט אויפגענומען שואליקן מיט אויסערגעוויינלעכער צופרי־דנקייט.

— אַ, שואליקל! — האָט מאַיקעל גענומען אים אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט אין דעם רייך־מעבלירטן גאַסט־צימער — דו ווייסט גאָר־נישט ווי דו האָסט מיר צוגעטראָפן איצט מיט דיין וויזיט. כ׳האָב געהאַט אַ „ביזי“ טאָג אין שאָפּ. כ׳בין געקומען אַהיים אַ מידער. אָפּגעגעסן וועטשערע, האָב איך גענומען טראַכטן: גיין ערגעץ בין איך צו־מיד, לייענען עפּעס בין איך צו־פויל, זיך לייגן שלאָפן איז צו־פרי, איז וואָס טוט מען מיט זיך? און — דאָ אַזאַ גאַסט!...

מאַיקעל זעצט זיך אַוועק מיט שואליקן אויף דער ווייכער סאָפע ווי־זאַ־ווי. ער קוקט אויף שואליקן און דערקענט אין פנים און אין די בליקן, אַז עפּעס ליגט אים אַ שווערקייט אויפן האַרצן. נישטאָ יענער רוי־קער געמיט־צושטאַנד, וועלכן ער איז געוואוינט תמיד צו זען ביי שואליקן. ער מאַכט זיך אָבער נישט ווויסנדיק.

— כ׳וואָלט דיך געוואָלט מכבד זיין מיט אַ געשמאַק ביסעלע קאָניאַק, שואליקל. ווייס איך דאָך, אַז דו טרינקסט נישט. אָבער וואָס איז מכוח אַ טעפּעלע קאַווע, שואליקל, האַ?

— קאַווע, מהיכא־תיתי. נאָר אָן מילך, ווייל כ׳בין פליישיק...

שיגו, דער יאַפּאַנישער באַדינער, האָט געבראַכט אויף אַ טאַץ צוויי הייסע טעפּעלעך קאַווע מיט כשרע ביסקוויטן, אַוועקגעשטעלט אויפן נידע־ריקן טישל לעבן דער סאָפע, זיך פאַרנייגט און אַוועק צוריק.

ביידע האָבן גענומען טרינקען פּאַמעלעך.

— זייער געשמאַקע קאַווע!... — מאַכט שואליק.

— אָ, מיין שיגו איז אַ בריה צו מאַכן קאַווע! — זאָגט מאַיקעל מיט אַ כיטרען שמייכל, פאַרשטייענדיק, אַז שואליק רעדט פון דער קאַווע און טראַכט פון עפּעס אַנדערש, און ער פּרובירט אַרויסרופן אים מיט אַנדערע ווערטער. — זאָג מיר, שואליקל, האָסטו באַקומען עפּעס בריוו פון דער־היים די לעצטע צייט?...

מאַיקעלס פראַגע האָט שואליקן שטאַרק איבערראַשט. ער האָט געטראָפן גלייך אין פּינטל. שואליק האָט אַראָפּגעשלונגען אַ קנויל, וואָס האָט זיך אים געשטעלט אין האַלז, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— מאַיקעל, כ׳מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז מיין איצטיקער וויזיט צו דיר איז טאַקע צוליב די ביטערע בריוו פון דערהיים. די בריוו פון מיינע עלטערן גיבן מיר קיין רו נישט, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. כ׳מוז זיי וואָס גיכער אַרויסראַטעווען פון פּוילישן גיהנום קיין ארץ־ישראל!

— איז וואָס די מניעה? סערטיפיקאַטן, האַ?

— די מניעה איז — געלט... און שוין וואָכן־לאַנג, אַז כ׳זוך וואו צו באַקומען אַ הלוואה. כ׳האָב געבעטן מיין באָס, ער זאָל מיר טאָן אַ טובה און מיר אויסלייען אויפן חשבון פון מיינע שכירות פאַרן יאָר — האָט ער מיר אָפּגעזאָגט... כ׳האָב נישט צו וועמען זיך צו ווענדן, כ׳האָב געמוזט קומען צו דיר, מאַיקעל...

— פאַרוואָס האָסטו מיר ביז איצט נישט דערמאָנט וועגן דעם גאָרנישט?

— גלייב מיר, אַז כ׳וואָלט דיר איצט אויך נישט דערמאָנט, ווען כ׳זאָל האָבן אַן אַנדערן אויסוועג, מאַיקעל... כ׳וויל נישט, אַז דו זאָלסט מיר לייען מזומן געלט, נאָר בלויז קאַווירן פאַר מיר אין אַ באַנק. און מעגסט זיין זיכער, אַז כ׳וועל, אם־ירצה־השם, אָפּצאָלן ביז אַ פּרוטה... ס׳איז אפשר צופיל צו פאַרלאַנגען פון דיר אַזאַ טובה, מאַיקעל, אָבער דאָ שטייען די לעבנס פון מיינע טאַטע־מאַמע אין סכנה. כ׳מוז זיי ראַטעווען!...

שואליקס בקשה, ספּעציעל זיין טאָן, האָט מאַיקלען שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, ווי מאָדנע דאָס לעבן איז. ווי דאָס

רעדל דרייט זיך. ער, דער מיוחסדיקער שואליקל פרידבערג, קומט צו אים, מעכעלע דעם שניידערס, בעטן אַ טובה... מאַיקעל האָט אַרויפגעלייגט אַ וואַרעמע האַנט אויף שואליקס אַקסל, אים אַריינגעקוקט אַ לאַנגע ווייל אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט זיך געישוב׳ט וואָס צו זאָגן. ער האָט אַ זיפץ געטאָן און אויסגעשעפּטשעט שטיל:

— אוי, שואליקל, ווען דו ווייסט וואָס ביי מיר אין האַרצן קומט איצט פאָר...

— כ׳זע, אַז דו האָסט מיט מיר גרויס מיטלייד, מאַיקעל. ס׳איז דיר שווער מיר אָפּצוזאָגן, און אפשר נאָך שווערער מיר צו טאָן די טובה...

— נישט קיין טובה, שואליק! כ׳דאַרף באַצאָלן אַ חוב!

— כ׳פאַרשטיי נישט. סאַראַ חוב?

— שולדיק בין איך דיין טאַטע־מאַמען אַ חוב, אַן אַלטן חוב!...

— כ׳האָב קיינמאָל נישט געהערט, אַז מיינע עלטערן זאָלן דיר אַמאָל געווען לייען געלט.

— זיי האָבן מיר טאַקע נישט געליען. כ׳האָב אַליין גענומען!... — האָט מאַיקעל געטאָן אַ שמייכל.

שואליק האָט געקוקט אויף מאַיקלען, זיך גענומען גראָבן אין זכרונות און נישט געקאָנט זיך דערמאָנען גאָרנישט.

מאַיקעל האָט אַ שאָר געטאָן זיין טשופּרינע אַרויף־צו, אַ רייב געטאָן ס׳פּנים, און אַ פרעג געטאָן שואליקן:

— געדענקסטו, אַז דיין טאַטע האָט געהאַט אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ ברייטער קייט?

— עפּעס געדענקט זיך מיר...

— אַז זיין גאָלדענער זייגער איז פאַרפאַלן געוואָרן געדענקסטו אויך?

— יאָ, כ׳הייב זיך אָן צו דערמאָנען...

— איז ווי האָט געזאָגט דער שר־המשקים, דאַכט מיר, צו פּרעהן: „מיינע זינד טו איך היינט דערמאָנען". דאָס האָב איך דעמאָלט צוגענומען דיין טאַטנס גאָלדענעם זייגער. קיינער ווייסט דערפון נישט עד היום... די געשיכטע איז אַזוי געווען: אין אַ פרייטיק פרימאָרגן האָט מיין טאַטע מיך געשיקט צו דיין טאַטן לייען אַ רובל אויף שבת. איך בין אַריין צו אייך אין שטוב. דו ביסט דאַן געווען אין חדר. דיין מאַמע איז געווען אין קיך. דיין טאַטע איז געשטאַנען שמונה־עשרה מיטן טלית איבערן קאָפּ און מיטן פּנים צו דער וואַנט. אין עסצימער אויפן טיש איז געלעגן דער גאָלדע־נער זייגער מיט די גראָבע קופּערטס און געגלאַנצט גלייך צו מיר. דער יצר־הרע האָט מיר אַ ברי געטאָן אין מוח — כ׳האָב אַ כאַפּ געטאָן דעם זייגער, אַריינגעלייגט אין קעשענע און אַנטלאָפן... אַנטלאָפן בין איך דעמאָלט נישט אהיים, נאָר צו אַ זייגערמאַכער און פאַרקויפט דעם זייגער מיט דער

קייט פּאָר זעכציק רובל. מיט יענעם געלט בין איך אַריבער די גרענעץ און אַוועק קיין אַמעריקע. שוין צוועלף און אַ האַלב יאָר פון יענער געשיכטע, און זי איז מיר קיינמאָל פון קאָפּ נישט אַרויס... זינט ס'האָט מיר דאָ אין אַמעריקע געגומען גיין מיט הצלחה און כ'פלעג שיקן געלט צו מיינע עלטערן, האָב איך נישט איין מאָל געוואָלט זיי שרייבן, אַז זיי זאָלן באַצאָלן דיין טאַטן פאַרן גאָלדענעם זייגער. כ'האָב אָבער נישט געוואָלט אַנטאָן מיינע טאַטע־מאַמע דעם בזיון — אַ זון אַ גנב!?... ווען דער גורל האָט מיך צונויפגעפירט מיט דיר אַזוי אומגעריכט דאָ אין ניו יאָרק, האָט מיך נישט איין מאָל געביסן די צונג צו דערציילן דיר אָט די געשיכטע. האָב איך אָבער מורא געהאַט דיך צו פאַרלירן — אַ פריינד אַ גנב!... איצט, ווייזט אויס, איז געקומען די צייט, אַז כ'זאָל אויסקויפן מיין זינד פון דער יוגנט און באַצאָלן מיין חוב...

שואליק איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ דערשטוינטער. ער האָט נישט געוואוסט צי חלומט זיך אים אָט די געשיכטע, אָדער ער הערט זי טאַקע אויף דער וואָר.

— זאָג אַליין, מאַיקעל, קאָן אַ מענטש פאַרשטיין גאָטס וועגן, די „סיבות־הסיבות״? — מאַכט שואליק אַנטציקט.

— אמת, די וועלט איז פול מיט אומפאַרשטענדלעכע געשעענישן!... אַלזאָ, וויפל דאַרפסטו, שואליק?

— כ'דאַרף פופצן הונדערט דאָלאַר. אָבער כ'וויל נישט ביי דיר קיין מזומן געלט. כ'וויל בלויז דיין „זשירע״ אין אַ באַנק.

— וואָס דאַרפסטו אַ באַנק? איכ'ל דיר געבן מיינעם אַ טשעק. איך וויל באַצאָלן דעם חוב, און ס'איבעריקע וועט זיין אַ מתנה...

— ניין. אַ שיינעם דאַנק. קיין מתנה וועל איך נישט נעמען. איך וויל נאָר אַ הלוואה אין אַ באַנק. אַנישט וועל איך נישט נעמען גאָרנישט...

— נו, גוט! — שמייכלט מאַיקעל — זאָל זיין ווי דו ווילסט! מאָרגן וועל איך הייסן מיין באַנק דיר געבן אַ הלוואה. אָבער דעם פּראָצענט, לפחות, וועסטו מיך לאָזן באַצאָלן אויפן חשבון פון דעם חוב?

— דאָס יאָ. אָלרייט!

— מאָרגן, מיטאָג־צייט, וועל איך קומען און דיך נעמען אין באַנק אַריין.

— יישר־כוח, מאַיקעל! — דריקט אים שואליק די האַנט מיט טרערן אין די אויגן...

ב

צומאָרגנס מיטאָג־צייט, איז מאַיקעל האָפּקינס צוגעפאָרן מיט זיין מאַשין צום „הייליקן שאַפּ״ און גענומען שואליקן אין אַ באַנק אויף דילענסי־סטריט. אין באַנק זענען די פאָרמעלע פּאַפּירן פאַר דער הלוואה שוין געווען

צוגעגרייט. שואליק האָט זיי בלויז באַדאַרפט אונטערשרייבן, און ער האָט גלייך באַקומען אַן אָנווייזונג צו אַ וואַרשעווער באַנק אויף זיין פּאַטערס נאָמען אויף אַ סומע פון פופצן הונדערט דאָלאַר.

אין אָוונט, באַלד נאָך וועטשערע, האָט שואליק אָנגעשריבן צו זיינע עלטערן אַ בריוו אין העברעיש בזה הלשון:

„ב״ה.

„לכבוד מיינע ליבע און טייערע עלטערן, די קרוינען פון מיין קאָפּ, זאָלן מאַריך ימים זיין, פרידן און אַלדאָס גוטס!

„די בייגעלייגטע אָנווייזונג דאָ וועט אייך אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז ס׳איז געקומען דער טאָג, אויף וועלכן כ׳האָב געבעטן און געהאָפט, און — לאָמיר זיך פרייען אין אים!

„טייערע עלטערן, לאַנג האָב איך געזוכט אַ קוואַל, וואו צו באַקומען הילף פאַר אייך.

„אַמעריקע איז טאַקע דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט. אָבער — קיין דאָלאַרן וואַלגערן זיך נישט אין די גאַסן. אויך דאָ דאַרף מען אַרבעטן שווער צו פאַרדינען אַ כשרן דאָלאַר.

„איך בין דאָ נאָך אַ „גר״, אָדער ווי מ׳זאָגט דאָ — אַ „גרינער״. קיין סך פריינט האָב איך נישט. און די פּאָר פריינט, וואָס כ׳האָב יאָ, זענען אַזעלכע אָרעמע אַרבעטערס ווי איך.

„נאָר ווי זאָגט מען: אַז ס׳איז באַשערט, טרעפט עס אויפן גלייכן וועג. באַגעגנט מיך אַנומלטן אַ יונגערמאַן אין גאַס, קוקט מיר אַריין אין פנים און גיט מיך אַ פרעג צי איך בין נישט ר׳ שמשון פרידבערגס זון, שואליק, פון וואַרשע. און אַז כ׳האָב אים געזאָגט, אַז יאָ, האָט ער זיך מיט מיר דערפרייט ווי מיט אַן אייגענעם ברודער. און — טרעפט, אַדרבא, ווער דער יונגערמאַן איז! ס׳איז טאָלטשע דעם שניידערס זון, מעכעלע, אויב איר געדענקט אים. און מאָלט אייך, אַז יענער מעכעלע, וואָס מ׳האָט אים גערופן „דער פּאַצעט״, איז דאָ נתעשר געוואָרן, פירט אַ גרויסע פוטער־פאַבריק, און איז געוואָרן גאָר אַ נייער מענטש, אַן איידעלער כאַראַקטער, אַ בעל־צדקה, און אַ גרויסער פאַרנעם צווישן די לאַנדסלייט...

„הכלל, דער מעכעלע איז צו מיר ממש צוגעזאָדטן געוואָרן. און — הערט און שטוינט. ווען ער איז נאָר געוואָר געוואָרן, אַז כ׳דאַרף אַ סומע געלט, כדי אייך אַרויסצוראַטעווען פון פוילן קיין ארץ־ישראל, איז ער גלייך אַוועק אין זיין באַנק און באַקומען ס׳געלט פאַר מיר.

„לכן, טייערע עלטערן, גייט מיט אָט דער אָנווייזונג גלייך אין דעם „מזרחי״־קאָמיטעט און זיי וועלן דאָרטן צוגרייטן אייער נסיעה אויפן בעסטן אופן.

„זאָל דער גואל־ישראל אייך ברענגען בשלום קיין ארץ־ישראל און מיר זאָלן זיך זען דאָרטן אין גיכן מיט פריילעכע הערצער, אָמן.

„פון מיר אייער זון, וואָס זיין האַרץ איז איצט פול מיט פרייד און מיט דאַנק צו דעם, וואָס פירט זיין וועלט מיט חסד און זיינע באַשעפענישן מיט רחמים,

ש ו א ל״

אויף דער דריטער וואָך נאָכן אָפּשיקן זיין בריוו מיט דער געלט־אָנווייזונג האָט שואליק באַקומען אַן ענטפער מיט אַ קבלה אויפן געלט.

דעם פאָטערס בריוו איז געווען געשריבן אין אַ לומדישן העברעיש בזה הלשון:

„בעהשי״ת.

„לכבוד מיין טייערן און ליבן זון, דער גלוסטיקער פון מיין זעל, דער חכם ונבון, װאָס דער אייבערשטער האָט אים אָנגעפילט מיט דיין געטלעכן גייסט, שואל, זאָל לייכטן זיין ליכט ביז ביאת־הגואל, אָמן סלה!

„נאָכן גריסן פון דיין גוטן פרידן, טו איך אַצינד טאָן איילן מיט מיין תשובה.

„װאָס זאָל איך דיר זאָגן, מיין ליבער זון? אַוודאי און אַוודאי האָב איך געהאַט בטחון אויף דעם־וואָס לעבט־אייביק. אָבער דאָס גליק, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט אומגעריכט, איז אין מיינע אויגן װי אַ גרויסער נס, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען.

„אַנטקעגן וואָס זאָג איך אָט די דאָזיקע ווערטער? אַנטקעגן דעם, װאָס דו, מיין ליבער זון, טיסט דערציילן װעגן דיין באַגעגעניש מיט טאָלטשע דעם שניידערס זון, מעכעלע, װעלכער האָט דיר געהאָלפן צו באַקומען די הלוואה פאַר מיר. דאָס איז טאַקע ממש מעשה־נסים!

„איך וויל דיר איצט דאָ אַנטפּלעקן אַ סוד, וואָס קיין שום בן־אדם, אַ חוץ מיר און דיין מאַמען, זאָל לעבן, האָט אים ביז איצט נישט געוואוסט. און פאַרוואָס טו איך דיר אויפדעקן אָט דעם סוד? כדי צו װייזן דיר, מיין זון, װי דער „מסבב הסיבות״ פירט אַזוי וואונדערלעך זיין וועלט!

„און מעשה שהיה כך היה. געדענקסט דאָך מסתמא, אַז אונדזער שכן טאָלטשע דער שניידער איז כל ימיו געװען אַ קבצן, לא עלינו, און ער פלעגט אָפט לייען ביי מיר אַ פאָר רובל. איז איינמאָל אין אַ פרייטיק אינדערפרי האָב איך, נישט היינט געדאַכט, געהאַט אַביסל פיבער און בין געװען געצוואונגען צו דאַוונען אין דער היים. װי איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט שמונה־עשרה און געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן, אַזוי איז אין הויז אַריינגעלאָפן דער מעכעלע. אויפן טיש איז געלעגן מיין גאָלדענער זייגער מיט דער קייט, נאָך אַ מתנה פון מיין שווער צום קנס־מאָל. מעכעלע האָט דערזען דעם אוצר, האָט אים דער יצר־הרע, נישט פאַר אונדז געדאַכט, אַ שטופּ געטאָן און ער האָט דעם זייגער צוגענומען. איך האָב דאָס געזען דורך אַ שפּאַלט פון מיין אויג אָבער כ׳האָב אפילו קיין פּיפּס נישט געטאָן. כ׳װעל דאָך נישט גיין מפסיק זיין, חלילה, די תפילה.

„אין אַ פאָר שעה אַרום איז געקומען צו לויפן טאָלטשע דער שניידער און פרעגט צי זיין מעכעלע איז דאָ ביי אונדז נישט געװען. ער האָט אים געשיקט צו מיר לייען אַ רובל אויף שבת, און ער איז צוריק אַהיים נישט געקומען. ער האָט אים שוין געזוכט אומעטום און — װי אין װאַסער אַריין. מיר האָבן טאָלטשען באַרויקט, אַז מעכעלע האָט זיך מסתמא ערגעץ פאַרשפּילט מיט זיינע חברים, און ער װעט קומען אַהיים...

„מעכעלע איז שוין אָבער צוריק נישט געקומען. די עלטערן האָבן אַ צייט מיט יאָרן אַפילו נישט געוואוסט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

„ויהי היום, איינמאָל אין אַ פאַר פסח איז טאָלטשע דער שניידער געקומען צו לויפן מיט אַ שמחה און מיר דערציילט, אַז דער בריװטרעגער האָט אים פאַרוואָס געבראַכט אַ בריוו פון מעכעלען פון אַמעריקע און צום בריוו איז צוגעלייגט אַן אָנװייזונג אויף גאַנצע פינף־און־צוואַנציק דאָלאַר. און ער שרייבט, אַז ער איז, ברוך־השם, מצליח אין קאָלומבוסעס מדינה, ער פאַרדינט אַ סך געלט, און ער װעט פון איצט אָן שיקן זיינע טאַטע־מאַמע גענוג געלט צו קאָנען לעבן בהרחבה, דער טאַטע זאָל אויף דער עלטער נישט דאַרפן אַרבעטן.

„מעכעלע האָט טאַקע מקיים געווען כיבוד־אָב־ואם און אויסגעהאַלטן זיינע טאַטע־מאַמע ביז די לעצטע טעג פון זייער לעבן.

„מיינען האָב איך געטאָן מיינען, אַז מעכעלע האָט שוין אַוודאי לאַנג געטאָן פאַרגעסן יענע געשיכטע. ווי ס'ווייזט אָבער אויס האָט ער נ י ש ט פאַרגעסן. דאָס געוויסן האָט אים געמוזט טאָן פּלאָגן די גאַנצע צייט.

„על כן, מיין ליבער זון, זיי וויסן, אַז דאָס וואָס דער מעכעלע האָט געאיילט צו טאָן דיר אַ טובה מיט געלט, איז ער דערמיט אויסן געווען אויסצוקויפן זיין „חטאת נעורים", דעם חטא פון דער יוגנט, און זאָל אים דער אייבערשטער מוחל זיין. אַ בעל־תשובה איז אַ הויכע מדרגה.

„און זע, הזהר והזהר, זיי פאָרזיכטיק, מיין ליבער זון, זאָלסט זיך נישט אַרויסכאַפּן אַפילו מיט אַ רמז, אַז דו ווייסט פון אָט דעמדאָזיקן סוד. וואָרים ווי כ'האָב דיר פון אָנהייב געזאָגט דאָ, בין איך דערמיט אויסן געווען רק צו דערציילן די נפלאות הבורא, ברוך־הוא...

„און בנוגע צו אונדזער נסיעה וועל איך געוויס טאָן לויט דיין עצה. כ'וועל זיך ווענדן צום „מזרחי"־קאָמיטעט, און זיי וועלן מסדר זיין אַלץ אויפן בעסטן אופן, אם־ירצה־השם.

„די מאַמע, זאָל לעבן, גריסט דיך און בענטש דיך מיט דער ברכה פון די כהנים, אויף וועלכער איך ענטפער און זאָג: „אָמן־כן־יהי־רצון!

„אַזוי זענען די רייד פון דיין פאָטער, וואָס ליבט דיך ווי זיין זעל,

ש מ ש ו ן"

שואליק האָט געלייענט זיין פאָטערס ענטפער, און ער האָט געטראַכט: מיין פרומער, ערלעכער טאַטע. ווען ער ווייסט, אַז זיין סוד איז שוין פאַר מיר קיין סוד נישט געווען, און אַז מעכעלע אַליין האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, וואָלט ער געוויס אויסגערופן: „ישראל עם קדושים", יידן זענען אַ הייליק פאָלק. אַפילו די זינדיקע זענען פול מיט מצוות, ווי אַ מילגרוים...

ג

מאַיקעל האָפּקינס האָט זיך באַטראַכט און נ י ש ט געשיקט ביטריסן קיין בריוו אויפן אָפיציעלן פּאַפּיר פון זיין פירמע „מאַיקעל האָפּקינס פאַר קאָמפּאַני", ווי ער האָט פריער געדענקט. גלאַט שיקן אַ בריוו דורך דער פּאָסט האָט אים איצט אויסגעקוקט צו פּשוט. נישט דאָס איז דער ריכטיקער קלימאַקס פאַר אַזאַ שטאַרקער קאָמעדיע, וואָס ער שפּילט...

ביטריסעס חשד וועגן אים, לויט שואליק האָט אים איבערגעגעבן, האָט אים שטאַרק פאַראינטריגירט. די „קאָמעדיע" האָט אָ נ ג ע ר י ס ן, — דאַרף דערפאַר דער קלימאַקס געשפּילט ווערן מיט אַ קנאַק, מיט אַ טראַסק!

זונטיק זענען שוין די ניו יאָרקער גאַסן געווען אָפּגערייניקט פון דעם שניי. בלויז ביי די טראָטואַרן זענען נאָך געבליבן אָנגעשאַרטע הויכע שניי־הורבעס, וואָס די גאַסן־רייניקער האָבן נאָך נישט באַוויזן אָנצולאָדן און אַוועקפירן מיט די לאַסט־אויטאָס. דער אויטאָמאָביל־פאַרקער אין שטאָט איז שוין אָנגעגאַנגען.

אַרום צען אַזייגער אינדערפרי האָט מאַיקעל אָנגעקלונגען ביטריסן:

— העלאָ, ביטריסל!... — האָט ער אַריינגעזונגען אין טרייבל.
— העלאָ, מאַיקעל! — האָט זי געענטפערט קאַלטבלוטיק.
— וואָס מאַכט עפּעס מיין שיין מיידל?
— אָלרייט. אַ דאַנק.
— עפּעס קלינגט דיין שטים, ביטריסל, ווי זי וואָלט זיין אייז־קאַלט פון שניי־שטורעם... זאָג מיר ווי פילסטו זיך, טייערע?...
— נישט אַזוי גוט.
— כ׳דערקען, אַז דו ביסט אין אַ שלעכטער שטימונג היינט.
— קאָן זיין...
— ביטריסל, קאָן איך דיך זען היינט אָוונט?
— היינט אָוונט? כ׳ווייס נישט... איך ע... ע!... האָלט ס׳טרייבל אַ רגע. מ׳קלינגט אין טיר...

דאָס איז געווען בלויז אַן אויסרייד. קיינער האָט אין טיר נישט געקלונגען. ביים טעלעפאָן איז געשטאַנען אויך ביטריסעס שוועסטער, פּערל, און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך. פּערל האָט געהערט, ווי ביטריס זאָגט אָפּ מאַיקלען זיין פאַרלאַנג צו זען זי היינט אָוונט, האָט זי גענומען צו איר שאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ־יאָ־יאָ! זוען ביטריס האָט פאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס מויל פונעם טרייבל, אַזוי אַז מאַיקעל זאָל גאָרנישט הערן, האָט פּערל איר אַ זאָג געטאָן: „דו בהמה! זאָל ער יאָ קומען היינט אָוונט אַהער! זאָל ער צונעמען דעם „פּגר״ פונדאַנען! כ׳וויל דעם מאַנטל נישט זען? פאַרשטייסט, צי ניין?״!...

ביטריס האָט פאַרשטאַנען, אַז די שוועסטער איז גערעכט. גלייכער טאַקע וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון אָט דער „מתנה״. עס איז ביי איר קיין ספק נישט געווען, אַז שואליק אַליין איז אויך נישט זיכער וועגן מאַיקעלס געשעפטן. אַנישט וואָלט ער אַנדערש זיך געווען איינגעשטעלט פאַר אים און אָפּגעשלאָגן אַלע חשדים אירע. גערעדט האָט ער אָבער מיט אַ האַלב מויל: „ער האָט נישט קיין שום פאַרדאַכט אויף מאַיקלען״. אַוודאי! מאַיקעל איז כיטרער פון אים. ער קאָן פאַרשטעקן שואליקן אין גאַרטל.

ביטריס האָט צוגענומען די האַנט פונעם מויל פון טרייבל און געזאָגט קאַלט:

— אַנטשולדיק מיר, מאַיקעל. עמיצער האָט מיט מיר געוואָלט רעדן דאָ...

— ס׳איז אָלרייט. זונטיק אייל איך זיך נישט!... איז וואָס זאָגסטו, ביטריסל וועגן היינט אָוונט, האַ?

— „וועלל״... כ׳דענק, אַז דו קאָנסט יאָ קומען... נאָר גיין וועל איך אין ערגעץ נישט...

— וועגן דעם וועלן מיר שוין רעדן. „אַי׳ל סי יו טו־נאַיט דען!״

אַרום האַלב נאָך זעקס אין אָוונט איז מאַיקעל צוגעפאָרן מיט זיין ביואיק צום הויז. צוליב די הורבעס שגיי לעבן טראָטואַר האָט ער זיך אָבער נישט געקאָנט אָפּשטעלן דאָרט און געמוזט זוכן אַ פּלאַץ. ביטריס האָט אים דערזען דורכן פענצטער און איז אַנטלאָפן אין איר שלאָפצימער.

באַגעגנט מאַיקלען האָט פּערל. זי האָט אים גלייך אַ זאָג געטאָן:

— ביטריס וועט באַלד אַריינקומען. זי האָט היינט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק. ווייזט אויס אַ פאַרקילונג...

מאַיקעל האָט גלייך באַמערקט די זויערע מינע אויף פּערלס פּנים. ער איז אַריין נאָך איר אין גאַסטצימער און זיך געמאַכט תמ׳עוואטע. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז די מעשה מיטן קאָפּווייטיק איז אַ צוגעגרייטער תירוץ, כדי ביטריס זאָל נישט אַרויסגיין פון הויז.

אין הויז איז געווען וואַרעם. מאַיקעל האָט אויסגעטאָן זיין הוט און מאַנטל און אַוועקגעלייגט אויף אַ זייטל פון דער סאָפע. אויפן מאַנטל האָט ער אַוועקגעלייגט אַ פּעקל, אין וויסן פּאַפּיר איינגעוויקלט. ער האָט אַ פרעג געטאָן מיט אַ כיטרען שמייכל:

— איר וועט מיר מסתמא דערלויבן זיך צוצוזעצן, מיסעס יאַקיר?...

— אָ, איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, מאַיקעל! — האָט פּערל זיך שטאַרק פאַררויטלט, — כ׳בין אַזוי צעטראָגן פון ביטריסעס קאָפּווייטיק, אַז כ׳האָב אַפילו פאַרגעסן צו בעטן איך זיצן...

פּערל איז אַוועק רופן ביטריסן.

ביטריס איז אַריינגעקומען אַליין. זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיט איר בלאָנדן קאָפּ און הנעוודיקן פּנים מיט אַ קוים־קוים שמייכעלע!

— העלאָו, מאַיקעל!

מאַיקעל האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעכאַפּט ביטריסעס האַנט, זיך צוגע־בויגן צו איר, אַ קוש געטאָן איר אויפן שטערן און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— אָט דאָס וועט ביי דיר באַלד צונעמען דיין קאָפּווייטיק, ביטריסל!...

— כ׳האָב מורא, ס׳איז אַ פאַרקילונג, — מאַכט ביטריס מיט אַ קנייטש פון פּנים.

— אַ „פאַרקילונג” אָדער אַן „אָפּקילונג”, ביטריסל?... — שטעלט מאַיקעל אַן זיינע בליקן גלייך אויף איר.

ביטריס קוקט צוריק מאַיקלען אין די אויגן און וויל דערקענען צי שואליק האָט מיט אים עפּעס גערעדט וועגן איר טעלעפאָן־געשפּרעך. זי האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט דערקענען.

— פאַרוואָס דענקסטו עפּעס וועגן אַן „אָפּקילונג”?...

— כ׳קען אַביסל „פיזיאָגנאָמיע”, די חכמה צו לייענען אויפן פּנים וואָס עס טוט זיך אין האַרצן...

— טאַקע ?... — שמייכלט ביטריס און טוט אַ טראַכט, אַז שואַליק האָט יאָ געמוזט רעדן מיט אים.

מאַיקעל האָט גענומען דאָס פּעקל פון דער סאָפע און עס דערלאַנגט ביטריסן:

— עפן עס אויף, ביטריסל!

— וואָס איז עס?

— וועסט שוין זען...

ביטריס האָט אויפגעעפנט ס׳פּעקל, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גרויסע, שיינע קאַראַקולענע מופטע, און אויסגערופן:

— אָ, מאַי־קעל!...

— ס׳זענען מיר נאָך פאַרבליבן צוויי פעלעכלעך, דיזעלבע וואָס פון מאַנטל, האָב איך פאַר דיר אויפגעמאַכט אָט די מופטע. זי׳ט דיר צוניצ־קומען אין אָט דעם קאַלטן וועטער!...

אַ ווײַלע האָט ביטריס געשוויגן. מיטאַמאָל איז זי געוואָרן זייער בלאַס. אירע ליפּן האָבן גענומען צוקן, און זי האָט קוים אַרויסגערעדט:

— עס טוט מיר לייד דיר צו זאָגן, מאַיקעל. כ׳וועל דעם מאַנטל אויך נישט נעמען!...

— פאַרוואָאָאָס?

— אַ צו טייערע מתנה!

— ווי זאָגט מען, קיין יידישע טאָכטער טאָר מען נישט נייטן. אָבער היינט אָוונט מעגסטו אים דאָך טראָגן... — מאַכט מאַיקעל קאַלט און איינ־געהאַלטן.

— כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, כ׳וועל אין ערגעץ היינט נישט גיין.

— דו׳סט יאָ גיין, ביטריס! כ׳האָב שוין געקויפט בילעטן אין „יידישן קונסט־טעאַטער“. דו׳סט דאָך נישט וועלן, כ׳זאָל אַרויסוואַרפן מיין געלט...

דערמאָנט „געלט“, האָט אים ביטריס גלייך געוואָלט אַ זאָג טאָן: „וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען בײַ דיר געלט?“. זי האָט עס אָבער נישט געוואָגט. נישט דאָ בײַ איר אין הויז, האָט זי אַ טראַכט געטאָן. גלייכער אפשר יאָ צו גיין היינט אָוונט און רעדן מיט אים אָפן. אַ סוף זאָל עס נעמען! און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— אָלרייט. אַז דו האָסט שוין געקויפט בילעטן וועלן מיר גיין!...

ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג און ביטריס איז געוואָרן גרייט צום גיין. זי האָט אָנגעטאָן דעם פוטער־מאַנטל, גענומען אויך די מופטע אין די הענט. זי איז אַריין צו פּערלען אין שלאָפצימער זאָגן „גוד באַי“, פּערל האָט געגעבן אַ שפּרונג־אויף: „וואָס טוסטו? ביסט בײַם זינען?“... נאָר ביטריס האָט איר אַן ענטפער געטאָן: „לאָז עס צו מיר!“ און איז אַוועק.

אַרויספאָרנדיק מיט דער מאַשין אויפן ראָג פון דילענסי־סטריט, האָט מאַיקעל אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז נאָך אַביסל צו־פרי פאָרן טעאַטער, לאָמיר זיך דורכפאָרן! „אַ־קעי ?"...

ביטריס האָט איינגעשטימט און מאַיקעל איז אָוועק צו בראָדוויי־צו. געקומען צו דעם שפּעטער־געגנט אויף דער זיבן־און־דרייסיקסטער גאַס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט ביטריסן, אַז ער וויל איר עפּעס ווייזן. ער איז מיט איר אַריין אין אַן אַריינגאַנג פון אַ גרויסער געביידע, און איר אָנגעוויזן אויפן „בולעטין־ברעטל", וואו עס זענען אויפגעשריבן די נעמען פון אַלע פירמעס דאָרטן:

— זעסט? „מאַיקעל האַפּקינס פאַר קאָמפּאַני"! — דאָס איז מיינער אַ קרוב מיטן זעלבן נאָמען ווי מיינער. אָט ד אָ אַרבעט איך. אָט ד אָ האָב איך געמאַכט דיין מאַנטל און די מופטע.

— טאַקע?... — איז ביטריס שטאַרק איבערראַשט געוואָרן — דיינער אַ קרוב?...

— אַן אייגענער קוזין! — מאַכט מאַיקעל — איצט וועלן מיר עפּעס „איבערכאַפּן" און פאָרן אין טעאַטער אַריין.

ביטריס איז מיטאַמאָל געוואָרן אויפגעלייגט. אין רעסטאָראַן האָט זי געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. אין טעאַטער האָט זי זיך זייער אַמוזירט. צו מאַיקלען איז זי געווען זייער צוגעלאָזן.

— אויפן וועג אַהיים האָט מאַיקעל זי אַ פרעג געטאָן:

— ביטריסל, ווילסט אפשר צופאָרן מיט מיר צו מיין קוזין, דעם פוטער־פאַבריקאַנט? כ'וואָלט וועלן דיך באַקענען מיט אים!

— אַזוי שפּעט ביינאַכט?

— ער איז דאָך אויך אַ „בעטשעלאָר". פאַר א י ם איז נישט שפּעט...

ביטריס האָט איצט מאַיקלען נישט געקאָנט אָפּזאָגן. ער איז מיט איר צוגעפאָרן צו זיין הויז אויף ריווערסייד דרייוו, אַרויפגעפירט זי אין זיין אַפּאַרטמענט, וואו שיגו דער יאַפּאַנעזישער „באַטלער" האָט זיי באַגעגנט, זיך פאַרנייגט נידעריק, און צוגענומען ביי זיי די היטלען און מאַנטלען.

דער פאַרפום־ריח, דער טייערער שפּיגל, און דער דיקער טעפּיך אין קאָרידאָר האָבן ביי ביטריסן אַרויסגערופן גרויס אַפּשיי.

— ער מוז זיין זייער רייך, דיין קרוב! — שושקעט ביטריס.

— אָ, יאָ! אַ זייער רייכער בחור! דו'סט אים באַלד זען!... — מאַכט מאַיקעל ערנסט.

אַריינגעקומען אין גאַסטצימער, איז ביטריס נאָכמער איבערראַשט געוואָרן פון דער זייער רייכער אויסשטאַטונג. זי האָט זיך דערזען ווי אין אַ פאַרכישופטן פּאַלאַץ.

— כ׳האָב נאָך אַזוינס נישט געזען אויף מיין לעבן!... — הייבט ביטריס אירע אַקסלען.

— צען טויזנט דאָלאַר האָט אים געקאָסט דאָס אויסמעבלירן דעם אַפּאַרטמענט!...

— וואו איז ער ערגעץ, דער קרוב דיינער? לאָמיך אים שוין אָנ׳פּנים׳ען! — שושקעט ביטריס.

מאַיקעל האָט זי גענומען אונטערן אָרעם, צוגעקומען מיט איר צום שפּיגל, וואו זייערע ביידע געשטאַלטן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט. ער האָט אַ שטעק געטאָן אַ פינגער אין שפּיגל גלייך אויף זיין נאָז און זיך צעלאַכט:

— אָט איז ער, מיין רייכער קרוב, דער אייגנטימער פון דער „מאַיקעל האַפּקינס פאַר קאָמפּאַני״! כע־כע־כע...

— „מאַיקעל, יו דאָנ׳ט... מיען איט!״... האָט ביטריס אויסגעסטאַר־טשעט אירע אויגן און ס׳האַרץ האָט ביי איר גענומען פלאַטערן.

— יאָ! יאָ! יאָ!... די קאָמעדיע איז געענדיקט, ביטריסל!...

ביידע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט און געשמאַק צעקושט.

דריטער טייל

קאַפּיטל איינס

א

שוין היפּשע עטלעכע חדשים, אַז ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער האָט זיך אַנטוישט אין שואליקן.

נאָך ווען שואליק האָט אויפגעהערט צו קומען שבת דאַווענען אין חסידים־שטיבל און זיך פּרילאַנטשעט צו די יאַנג־איזראַעלניקעס אין זייער שול, האָט ר׳ שלמה־שעיה דערפילט די ערשטע אַנטוישונג. פונדעסטוועגן האָט אַלץ שואליק נישט אָנגעוואָרן דעם חן ביי אים.

פּאַרדראָס און רוגז האָט ביי ר׳ שלמה־שעיהן אין האַרצן גענומען ברויען אויף שואליקן ערשט אין דער סאַמע לעצטער צייט.

ר׳ שלמה־שעיה האָט אין האַרצן געוואוסט, אַז ס׳איז אַן עוולה וואָס ער האָט אָפּגעזאָגט שואליקן די בקשה צו געבן אים די הלוואה אויפן חשבון פון די שכירות. ער האָט אָבער די שולד געוואָרפן אויף שואליקן.

ער, שלמה־שעיה, רעדט שואליקן אַזאַ געהויבענעם שידוך, און יענע־ברעקלט זיך נאָך, פאַררייסט די נאָז, וויל נישט הערן וואָס מ׳רעדט צו אים...

שפּעטער, ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט שואליק איז שולדיק וואָס דער שידוך קומט נישט צושטאַנד, נאָר שפּרהלע — איז ר׳ שלמה־שעיהס רוגז אַביסל אָפּגעלאָשן געוואָרן.

דער איינציקער אָפּהאַלט איז איצט געווען — דער מאַרווין. ער האָט עס באַדאַרפט געבן מיסטער שעוויצן זיין ענטפער.

און דער ענטפער איז געקומען.

שבת האָט מיסטער שעוויץ נישט געוואָלט רעדן מיט מיסטער בער־שאַדער וועגן דעם ענין.

זונטיק אינדערפרי, באַלד נאָכן דאַווענען, וועןביידע זענען אַרויס פון שטיבל, האָט מיסטער שעוויץ גלייך גענומען אים דערציילן די פריי־לעכע נייעס מיט אַלע פּרטים:

— הערט אויס, ר׳ שלמה־שעיה. לעצטן פרייטיק פאַרן שליסן דעם שאַפּ איז אַריין צו מיר אין אָפיס דער בחור, מאַרווין, און זאָגט צו מיר בזה הלשון: „זייט וויסן, מיסטער שעוויץ, אַז איך און שפּרהלע האָבן זיך

דורכגעשריבן וועגן אונדזער ענין זייער ערנסט. און מיר זענען געקומען צום באַשלוס, אַז נישט זי און נישט איך קאָנען גיין קעגן אונדזערע עלטערן. זי קאָן נישט ליידן די יסורים פון אירע עלטערן, און איך קאָן נישט שטעלן אין קאָן דאָס לעבן פון מיינע עלטערן, — זאָגט ער — און מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַן ענדע. כ׳קאָן עס אייך ווייזן שוואַרץ אויף ווייס״. און ער נעמט אַרויס אַ בריוול אויף ראָזעווע פּאַפּיר און ווייזט מיר ווי שפּרהלע האָט אים געשריבן בזה הלשון: „איך ווייס, מאַרווין, אַז דו האָסט ליב דיינע עלטערן, און ביסט גרייט צוליב זיי זיך אָפּצוזאָגן פון דער ליבע צו מיר. קאָן איך דיר זאָגן, אַז ביי מיר זענען מיינע עלטערן אויך אַזוי טייער, אַז כ׳בין צוליב זיי גרייט מפקיר צו זיין מיין אייגן גליק. און כ׳האָף אַז די צייט וועט פאַרהיילן אונדזערע ביידנס וואונדן״...

— נו, און מיט אייער שפּרהלען האָט איר אויך גערעדט דערפון, ר׳ אַריה־לייב?

— אַוודאי, אַוודאי גערעדט! ווי נאָר כ׳בין געקומען אַהיים, האָב איך זי אַריינגערופן צו זיך און גענומען ביי איר חוקר־ודורש זיין. און זי האָט מיר באַשטעטיקט אַלץ וואָס ער האָט מיר דערציילט... איצט זעט איר שוין, ר׳ שלמה־שעיה אַז מיין סטראַטעגיע איז געווען די ריכטיקע. כ׳האָב אַלץ, ברוך־השם, דורכגעפירט, ווי איך האָב געוואָלט... אַגב, זאָגט מיר, ר׳ שלמה־שעיה, אייער בוכהאַלטער, דער שמואל־הערש האָט שוין עפּעס געטאָן אין דעם ענין, האַ?

— אַ נעכטיקער טאָג...

— ווי קומט עס?

— איכ׳ל אייך זאָגן, ר׳ אַריה־לייב. — כאַפּט ר׳ שלמה־שעיה זיך אָן פאַר דער באָרד, — מילא, אַז אייער סטראַטעגיע איז געווען אַ ריכטיקע, אַ קלוגע, בין איך מודה. נאָר דער געדאַנק צו מאַכן שמואל־הערשן אַלס מיטהעלפער אין דעם ענין פון שידוך איז, זאָלט איר מיר מוחל זיין, געווען אַ גרויסער שטות פון אונדז ביידע... דערפאַר וואָס מ׳טאָר נישט שיקן אַ קאַץ נאָך פּוטער...

— וואָס מיינט איר, ר׳ שלמה־שעיה?

— שמואל־הערש אַליין האָט דאָך אַ מיידל!

— נו, און אַז ער האָט אַ מיידל איז וואָס? וואָס קאָן ער איר געבן נדן, זיין פאַרשמאַלצעוועטע יאַרמאַלקע?...

— איר ווייסט דאָך שוין, אַז ביי דער היינטיקער יוגנט איז דער „פּעטער ליבער״ דער גרעסטער נדן!

— גייט שוין, גייט, זאָלט איר מיר געזונט זיין! ראשית, גלויבט זיך מיר נישט, אַז ביי אַזאַ ווי שואליקן זאָל דער „פּעטער ליבער״ שפּילן אַ ראָליע. והשנית, שואליק דאַרף דאָך פאַרט געלט צו ראַטעווען זיינע

עלטערן פון דעם פינצטערן פוילן... נו, לאָמיר פאַרגעסן אין דעם שמואל־הערשן. אי ר אַליין טאַקע, בכבודכם ובעצמכם, מיין פריינד, ווייסט בעסער ווי צו רעדן מיט שואליקן...

— אַלרייט, הלוואי ס'זאָל נאָר זיין געווענדט אין מיין רעדן. איך וועל גלייך, באַלד, היינט אינדערפרי טאַקע אַ רעד טאָן מיט אים!

— אַ גרויסן יישר־כוח אייך, ר' שלמה־שעיה, טוט, און דער אייבערשטער וועט אייך זיין צוהילף!...

דער פראָסט האָט געברענט. ביידע האָבן זיך גענומען איילן. אויף דילענסי־סטריט איז איטלעכער פון זיי אַוועק אין זיין ריכטונג.

ב

ר' שלמה־שעיה בערשאַדער איז אָנגעקומען אין שאַפּ אַריין שפּעטער ווי געוויינלעך.

אַריינקומענדיק אין אָפיס, האָט ער שוין געטראָפן דאָרט שואליקן און שמואל־הערשן, וועלכע זענען יעדן פרימאָרגן געווען פון די ערשטע אין שאַפּ. שואליק איז געזעסן אין אָפיס און אַריינגעקוקט אין „חוק לישראל", און שמואל־הערש איז געזעסן ביי זיך אין קעמערל און דורכגעקוקט חשבונות.

— מיר האָבן שוין דאָ איבערגעטראַכט, ר' שלמה־שעיה. נישט פאַרשטאַנען וואָס איר'גט אַזוי שפּעט נישטאָ נאָך... — מאַכט שואליק.

— טאַקע צוליב ד'ר זיך פאַרשפּעטיקט היינט, שואליק! — טוט ר' שלמה־שעיה אַ שמייכל.

— אַ שיינעם דאַנק אייך, ר' שלמה־שעיה.

— דו פרעגסט מיך גאָרנישט וואָס־ווער־ווען, שואליק?

— אויב ס'איז פאַר מיין טובה וועגן, גלויב איך, אַז איר'ט מיר מסתמא אַליין דערציילן.

— אַיי, שואליק, שואליק, דו מיינסט, אַז דיינע יסורים לאָזן מיך רוען, האַ? — שאָקלט צו אים ר' שלמה־שעיה מיטן קאָפּ, אָנשטעלנדיק אַ מינע פון מיטלייד.

— יישר־כוח פאַר אייער געטריישאַפט.

אייבי דער נעגער האָט אַריינגעטראָגן טיי מיט אייער־בייגל און אַוועקגעשטעלט פאַרן באָס אויפן שרייבטיש.

ר' שלמה־שעיה האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל בייגל, געמאַכט אַ ברכה, אַ קיי געטאָן, אַ זופּ געטאָן טיי, און געזאָגט:

— הער זיך איין, שואליק, דו געדענקסט דאָך, אַז מיר האָבן אַנומלטן נישט געענדיקט אונדזער שמועס מכוח מיסטער שעוויצס פאַרשלאָג. כ'האָב

ביז היינט זיך נישט געאײַלט צו רעדן מיט דיר נאָכאַמאָל דערפון. געוואָלט זען „מה ילד יום", וואָס די צייט וועט ברענגען...

ר' שלמה־שעיה טוט ווידער אַ קיי און אַ זופּ פון דער טיי, און רעדט ווייטער:

— היינט אינדערפרי נאָכן דאַווענען האָט מיסטער שעוויץ מיך פאַר־האַלטן און געהאַט מיט מיר אַ לאַנגן שמועס. און ווייסטו וואָס איכ'ל דיר זאָגן, שואליק? דער מיסטער שעוויץ איז נישט נאָר אַ „גביר אדיר", נאָר אויך אַ „חכם עתיק". זײַן „סטראַטעגיע", ווי ער רופט עס, האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט, און ער האָט דורכגעפירט אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט. די געשיכטע צווישן דער שפּרהלען און דעם מאַרווינען איז שוין אויס! ס'איז געווען נישט מער, ווי אַ קינדער־שפּיל. שפּרהלע איז אַן ערלעכע יידישע טאָכטער, זי איז גרייט צו טאָן דעם רצון פון טאַטע־מאַמע. פאַרשטייסט?...

איצט האָט ר' שלמה־שעיה אויפגעגעסן אַ גאַנצן בייגל, אויסגעטרונ־קען ס'גאַנצע טעפּעלע טיי, אַ רוף געטאָן אייבין, ער זאָל אים אָנגיסן נאָך טיי, זיך אַ וויש געטאָן די וואָנצעס, אַ גלעט געטאָן די באָרד, און פאָרגע־זעצט דעם שמועס:

— היינט האָט מיסטער שעוויץ מיר געזאָגט בפירוש, אַז ער וויל נישט „דוחק את השעה" זײַן, חלילה. ער ווייסט גוט, אַז דו ביסט, ברוך־השם, אַ מענטש מיט ישוב־הדעת. און אַזאַ ענין ווי אַ שידוך גייט נישט אַזוי שנעל, כאַפּ־לאַפּ. אלא וואָדען וויל ער? ער וויל, כ'זאָל ביי דיר פּועלן, שואליק, צו געבן אים דעם שעת־הכושר, ער זאָל קאָנען מקיים זײַן די מצווה פון „גמילות חסדים" — דאָס גיב איך דיר איבער זײַנע ווערטער...

— זייער שיין פון מיסטער שעוויץ. אָבער — ס'איז שוין „לאחר המעשה". שוין נאָכאַלעמען...

— וואָס מיינסטו, שואליק?

— איך דאַרף שוין קיין געלט נישט!

— וואָס הייסט?

— כ'האָב שוין באַקומען די הלוואה. שוין אַוועקגעשיקט ס'געלט קיין פוילן.

— באמת טאַקע? ווי אַזוי האָסטו באַקומען אַזאַ גרויסע הלוואה?

— איר ווייסט דאָך ווי מ'זאָגט: צווישן יידן ווערט מען נישט פאַר־פאַלן...

— אָבער ווי אַזוי טאַקע?

— מיין לאַנדסמאַן, דער מיסטער האָפּקינס האָט מיר געהאָלפן!

— דער פּוטערוואַרגער? יענער בחור, דער הפקר־יונג פון וואַרשע?...

— יאָ. אין וואַרשע איז ער טאַקע געווען אַ הפקר־יונג, אָבער דאָ, אין

אַמעריקע, איז ער אַ לייטישער יונגערמאַן, אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ, אַ „לב טוב", וואָס לויטן פּרק איז עס די שענסטע מידה...

— איז פאַרוואָס האָסטו מיר ביז איצט נישט דערציילט די נייעס? — מאַכט ר' שלמה־שעיה שוין מיט תרעומות.

— כ'ווייס נישט צי ס'איז ביי איך אַזאַ גרויסע בשורה גאָר, ר' שלמה־שעיה.... — מאַכט שואליק סאַרקאַסטיש.

— לויט דיין זאָג, שואליק, זע איך, אַז דו ביסט אין האַרצן זיך מתרעם אויף מיר. דו מיינסט מסתמא, אַז איך האָב דיר נישט געוואָלט לייען ס'געלט...

— ווען איר זאָלט געווען וועלן, וואָלט איר דאָך מיר געווען געליען!

ר' שלמה־שעיהן איז דאָס בלוט אַריין אין פּנים אַריין. דער כעס האָט זיך אין אים געטאָן אַ צינד־אָן. ער האָט געגעבן אַ קוק אויף שואליקן, ווי דורכצושטעכן אים מיט זיינע בליקן, און ער האָט אויסגעשאָסן:

— אויב אַזוי, קאָן איך דיר זאָגן, שואליק, אַז דו ביסט אַ גרויסער שוטה!

— די גמרא זאָגט: „בעסער צו זיין אַ שוטה אַלע יאָרן, איידער אַ רשע איין שעה"...

— ס'איז אַ גרויסע חוצפּה פון דיר צו רעדן אַזוי צו מיר!

— די גמרא זאָגט: „חוצפּה אפילו אַנטקעגן הימל העלפט אַמאָל"...

— כ'האָב שוין לאַנג געטראַכט, אַז איך האָב זיך אין דיר אָפּגענאַרט. איצט זע איך דאָס באַשיינפּערלעך טאַקע!

— איך האָב זיך אין אייך אויך אָפּגענאַרט, ר' שלמה־שעיה...

— מיט וואָס האָב איך דיך אָפּגענאַרט? אפשר מיט דעם וואָס כ'האָב דיך געבראַכט פון ירושלים אַ הוילן, אַ בלויזן, און האָב דיר געגעבן אַזאַ טייערן „דזשאָב"?

— איר האָט עס נישט געטאָן פון מצווה וועגן, ר' שלמה־שעיה, און אַוודאי נישט פון מיין טובה וועגן. איר האָט עס געטאָן צוליב ביזנעס, כדי צו קאָנען „אַדווערטייזען", אַז אייער טליתים־שאָפּ „ירושלים" האָט אַן אַרבעטער פון ירושלים. איר האָט מיך געמאַכט אַלס שילד פאַר אייער „הייליקן שאָפּ"...

— כ'צאָל דערפאַר גוטע שכירות!

— גוטע שכירות? דער קלענסטער אַרבעטער אין קלענסטן שאָפּ קריגט אַסך גרעסערע שכירות...

— פאַרגעס נישט, אַז דו קריגסט די גרעסטע שכירות פון אַלע מיינע אַרבעטערס!

— דאָס איז אמת. ווארים אַלע אַרבעטערס קריגן ביי אייך קלאָגעדיקע שכירות...

— אַהאַ־אַ־אַ!... — ציט ר׳ שלמה־שעיה אויס אַ לאַנגן טאָן — אַהאַ־אַ־אַ! אויב אַזוי, איז דאָך, ווייזט אויס, טאַקע אמת, וואָס כ׳האָב געכאַפּט אַ שמועה וועגן דיר!

— אַדרבא, וואָס האָט איר געהערט וועגן מיר? אויב אַן עוולה, וועל איך אפשר זי פאַרריכטן.

— לאָמיך טאַקע וויסן איצט, איז עס אמת, אַז דו פּראָוועסט מלווה־מלכה׳ס מיט די אַרבעטערס און דו האַלטסט דרשות פאַר זיי, צי ס׳אַ ליגן?...

— אמת! אָבער כ׳זע נישט אין די עוולה דאָ.

— און אפשר זינגסטו דאָרט מיט זיי גאָר דעם „וקבצנו יחד״, אַרבעטער פאַראייניקט זיך, האַ?... — שטעלט ר׳ שלמה־שעיה אָן אויף אים אַ פּאָר אויגן פאַרלאָפענע מיט בלוט.

— דאָס איז אפשר אויך נישט קיין עוולה, מיין איך!...

— אַזזוי? רעדסט דאָך שוין כמעט ווי יענער יוניע־מאַן, וועמען כ׳האָב אַמאָל אַרויסגעטריבן פון מיין שאַפּ.

— איר קאָנט מיך אויך אַרויסטרייבן!

— ווען כ׳זאָל נישט האָבן געמאַכט מיט דיר קיין קאָנטראַקט אויף אַ יאָר, וואָלט איך אפשר טאַקע אַזוי געטאָן, ווי דו זעסט מיך אַ יידן!... — מאַכט ר׳ שלמה־שעיה מיט ברענענדיקן צאָרן און מיט ציטערנדיקע ליפּן.

— שאַט, ר׳ שלמה־שעיה. ערגערט זיך נישט אַזוי. איך קאָן אייך באַפרייען פון אייער קאָנטראַקט. זאָגט נאָר ס׳וואָרט, גיי איך גלייך אַוועק פון שאַפּ!... — מאַכט שואליק געלאַסן און הייבט זיך פּאַמעלעך אויף פון בענקל.

שואליקס געלאַסענע ווערטער זענען געווען ווי קאַלט וואַסער אויף צעגליטן אייזן. ר׳ שלמה־שעיה איז אויך אויפגעשטאַנען פון זיין בענקל, נערוועז גענומען שאַרן די יאַרמאַלקע אויפן קאָפּ, געוואָלט עפּעס ענטפערן שואליקן, נאָר דאָ האָבן גענומען אָנקומען די אַרבעטערס, און דער שמועס איז איבערגעהאַקט געוואָרן.

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אין אָפיס און מ׳האָט גענומען רעדן פונעם שניי־שטורעם, פון וועלט־נייעסן, דערציילט חסידישע מעשהלעך, ווי יעדן פרימאָרגן.

דער אַלטער וואַנטזייגער אין אָפיס האָט זיך צעקרעכצט, צעכריפּעט, ווי אַ יאַדעשלעווער זקן, און אַרויסגעלאָזט אַכט הייזעריקע קלאַנגען.

ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט זיך געגעבן אַ הייב־אויף פון זיין דריי־בענקל און אַ זאָג געטאָן:

— נו, שוין אַכט אַזייגער, ברוך־השם. עת־לעשות, יידן!

די אַרבעטער האָבן זיך אויך באַלד אויפגעהויבן, אַ לאָז געטאָן זיך

אין שאַפּ אַריין, אַראָפּגעכאַפּט די ווינטער־מאַנטלען, די רעקלעך, די קאַפּעליושן, און זיי אויפגעהאָנגען אויף די פלעקער און טשוועקעס אין די ווענט, און מיט זייערע יאַרמאַלקעס אויף די קעפּ זיך אַוועקגעשטעלט ביי די וועב־שטולן.

די מאַשינען האָבן זיך גענומען באַוועגן. די שאַפּ־סימפאָניע האָט זיך אָנגעהויבן.

ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש, גענו־מען דורכקוקן דעם טשעק־בוך, געוואָלט אויסרעכענען זיין באַלאַנס אין באַנק. ער האָט אָבער נאָר געקוקט מיט די אויגן — דער געדאַנק איז אים איצט דערביי נישט געווען.

אין געדאַנק איז אים געלעגן דער נאַרוואַס פאַרגעקומענער אינצידענט מיט שואליקן. דער כעס האָט זיך ווידער צעברענט אין אים:

— אַן עזות, אַ חוצפּה! ר׳איז שוין מער שייגעץ, ווי איך באַלעבאָס! ר׳עסט מיין ברויט און שפּייט מיר אין פּנים!...

ער איז געווען גרייט אַריינצורופן אים און אים גוט־גוט אויסשייגעצן.

ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן, זיך גענומען אַליין טאַדלען:

— ס׳טייטש? עד מתי, שלמה־שעיה? ביז וואַנען וועט דיין כעס געוועל־טיקן איבער דיר? געוואָלד געשריגן, כעס איז דאָך גלייך ווי דינען צו דער עבודה־זרה, זאָגן די חכמים.

דער פרומער ר׳ שלמה־שעיה האָט נערוועז גענומען צופּן איינציקע האָר פון דער באָרד און זיי באַהאַלטן צווישן די בלעטער פון דעם זוהר, וואָס איז געלעגן אויפן שרייבטיש. ער האָט געזיפצט. דער געדאַנק האָט אים געפּייניקט.

— אוי, רבונו־של־עולם, טאַטע זיסער, ווי דער מענטש איז נאַריש, זינדיק!...

ער איז גרייט געווען צוצולויפן אַצינד צו שואליקן, אים איבערבעטן. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אויך נאַריש פון אים צו טאָן איצט...

ג

געקומען צומאָרגנס פאַרטאָג אין שטיבל אַריין צום דאַווענען, האָט אים גלייך ר׳ אַריה־לייב אַוועקגערופן אין אַ זייט און אַ פרעג געטאָן אַ נייגעריקער:

— וואָס הערט זיך, ר׳ שלמה־שעיה?

— נישט אַזוי גלאַט... ר׳ אריה־לייב.

— ער וויל אַלץ נישט נעמען ביי מיר די הלוואה, האַ?

— ניין, ער דאַרף שוין נישט. שוין באַקומען די הלוואה...

— איר ווייסט זיכער?

— אַוודאי ווייס איך. שואליק אַליין האָט עס מיר נעכטן געזאָגט!

— אפשר איז דער ענין שוין אינגאַנצן „לאַחר יאוש", שוין נישטאָ וואָס צו טאָן דערביי, האַ? זאָגט מיר אָפן, ר' שלמה־שעיה...

ניין. לויט איך ווייס, האַלט עס נאָך נישט דערביי... די הלוואה האָט שואליק באַקומען דורך זיינעם אַ לאַנדסמאַן, אַ געוועזענער שכן פון וואַרשע נאָך. ער איז אַן אַלטער בחור, אַ רייכער, דער אייגנטימער פון דער „מאַיקעל האָפּקינס פּאַר קאָמפּאַני". ס'איז אַ סך צו דערציילן. יענער איז פון דער היים געווען נישט אַזאַ „צאַצקע". נאָר דאָ אין אַמעריקע איז ער געוואָרן אַ סטאַטעק, און שואליק ליבט אים גאָר שטאַרק. אָבער — דאָס האָט מיטן ענין גאָרנישט צו טאָן.

— כ'האָב זיך באמת דערשראָקן. געמיינט, ווי זאָגט מען, שוין נאָך אַלעמען. אָבער לויט ווי איר זאָגט איצט, איז דאָך נאָך דאָ אַ האָפענונג...

— אַוודאי. אַוודאי. אָבער כ'מוז אייך זאָגן, ר' אריה־לייב, אַז לדעתי איז בעסער דעם גאַנצן ענין אָפּצולאָזן אויף אַ פּאָר וואָכן. לאָמיר גוט באַטראַכטן ווי אַזוי צו האַנדלען ווייטער.

— באַטראַכטן? כ'האָב שוין באַטראַכט, ר' שלמה־שעיה... און כ'מיין, אַז מיין נייע „סטראַטעגיע" וועט אפשר אַרבעטן נאָך בעסער, ווי יענע אַלטע מיט דער הלוואה...

— יאָ, וואָס האָט איר באַטראַכט?

— הערט אויס, ר' שלמה־שעיה. מ'דאַרף זען, למען־השם, אַרויסנעמען דעם שואליקן פון אייער בוכהאַלטערס קוואַרטיר. ווען איר האָט מיר אָנומלטן אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער, אַז דער שמואל־הערש האָט אַ מיידל און ס'קאָן זיך טרעפן, אַז דער „פעטער ליבער" זאָל זיך דאָרט אַריינמישן, איז עס מיר שטאַרק פאַרגאַנגען אין נאָז אַריין. ס'טויג לחלוטין נישט, ער זאָל דאָרט בלייבן וואוינען... מיין זון, יאָסעלע, האָט דאָך, ברוך־השם, אַ דירה־מלוכה אין וויליאַמסבורג, אויף בעדפאָרד עוועניו, נישט ווייט פון דער בריק. אין הויז זענען פאַראַן גענוג צימערן, און צוויי דינסטן. און ער, יאָסעלע, וועט מיט פאַרגעניגן אַריינגעמען שואליקן צו זיך אַלס קוואַרטיראַנט.

— כ'ווייס נישט צי ס'וועט אַרבעטן, ר' אַריה־לייב! — טוט ר' שלמה־שעיה אַ קנייטש מיט די ליפּן — ראשית, וועט זיין שווער פאַר שואליקן צו פאָרן יעדן טאָג מיט דער „טראָלי־קאַר". והשנית, וועט אים דאָך ביי אייער זון געוויס נישט קאָסטן ביליקער, איז למאי זאָל ער בייטן?...

— כע־כע... — שמייכלט ר׳ אַריה־לייב — קודם־כל וועט שואליק זיך נישט דאַרפֿן שלעפּן מיט דער „טראַלי־קאַר״. מיין יאָסעלע פֿאָרט דאָך מיט זיין אויטאָמאָביל יעדן טאָג אין שאָפּ אַריין, וועט ער נעמען אויך שואליקן מיט זיך, אים ברענגען אין שאָפּ אינדערפֿרי און אים נעמען אַהיים פֿאַרנאַכט. דאָס האָט איר אייך איין מאָל אַוועק... און וועגן צאָלן דירה־געלט איז דאָך אָפּגערעדט. מיין יאָסעלע וועט ביי שואליקן נישט נעמען אַפֿילו איין פּרוטה, נישט פֿאַרן צימער און נישט פֿאַרן עסן. ווער רעדט פֿון געלט ווער ?...

— יאָ, טאַקע פֿיין. אָבער איר טאָרט נישט פֿאַרגעסן מיט וועמען איר רעדט דאָ. דער שואליק וועט דאָך בשום אופֿן נישט וועלן הערן אַפֿילו צו ווערן אַן אומזיסטיק קעסט־קינד. ווי קאָן מען אים גאָר אַזאַ זאַך פֿאָרשלאָגן ?

— ניין, נישט אומזיסט. ער דאַרף נישט צאָלן מיט מזומן געלט. ער וועט בלויז דאַרפֿן צאָלן מיט „תורה״...

— היינו ? וואָס האָט איר אינזינען ?

— וואָס איך האָב אינזינען איז, אַז שואליק זאָל לערנען מיט מיין יאָסעלען בתורת־חבר. ווי איר ווייסט, איז דאָך מיין יאָסעלע געווען אַ פֿיינער יודע־ספֿר. און מיין האַרץ קרענקט מיר דערויף, וואָס ער איז אַזוי שטאַרק אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין ביזנעס, אַז ער האָט קיינמאָל קיין צייט נישט אַריינצוקוקן אין אַ ספֿר. און אַז מ׳לערנט נישט, פֿאַרגעסט מען. „אם תעזבני יום — יומים אעזבך״. איז וואָלט איך געוואָלט, אַז שואליק זאָל ביי אים וואוינען און מיט אים לערנען...

— זעט איר, ר׳ אַריה־לייב, דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער מין ענין. דאָרט וואו שואליק קאָן אויף אַזאַ אופֿן אי שפּאָרן געלט און אי טאָן אַ מצווה קאָן מען שוין מיט אים רעדן...

— אַוודאי. צו וואָס זאָל ער צאָלן געלט פֿאַר קוואַרטיר און עסן, אַז ער קאָן דאָס געלט איינשפּאָרן. ס׳עט אים צוניצקומען... און... און... און... איר פֿאַרשטייט ?...

— צי איך פֿאַרשטיי ? אוודאי פֿאַרשטיי איך !

— איז וואָס זאָגט איר דערצו, מיין פֿריינד ? וועט איר רעדן מיט שואליקן דערפֿון ?

— כ׳מוז אייך זאָגן, ר׳ אַריה־לייב, אַז דאָס איז זייער אַ דעליקאַט שטיקל אַרבעט — שמייכלט ר׳ שלמה־שעיה — איכ׳ל מוזן וואַרטן אויף אַ ספּעציעלן שאַנס מיט אים צו רעדן דערפֿון. ווען ? — דאָס ווייסט נאָר דער אייבערשטער אַליין !...

קאפיטל צוויי

א

פרייטיק נאָכמיטאָג, ווי נאָר ר׳ אַריה־לייב שעוויץ האָט גענומען זיין רענצל מיט פרישע וועש און איז אַוועק אין שוויצבאָד לכבוד שבת, האָט שפרהלע זיך אָנגעטאָן אין איילעניש, געזאָגט דער מוטער, אַז זי גייט צו אין „לייברערי״, און איז אַוועק צו דער טאַנטע קלאַראַ.

די טאַנטע האָט געוואוינט אין עסעקס־סטריט, אויפן צווייטן שטאָק, איבער אַ צירולניע, וואו דער שערער איז געווען אַ שומר־שבת, און געראַ־זירט בערד נאָר מיט כשרן פודער, און זיינע קליענטן זענען געווען בלויז פרומע יידן.

שפרהלע איז פאַרבייגעלאָפן לעבן דעם גרויסן צירולניע־פענצטער און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז איר פאָטער זיצט אינעווייניק אויפן „טשער״ מיטן פנים צו דער גאַס. איר האַרץ האָט גענומען האַמערן פאַר שרעק. זי איז אַרויפגעלאָפן די סקריפּענדיקע טרעפּ אין פינצטערן קאָרי־דאָר און איז אַריינגעפאַלן צו דער טאַנטע אין קיך אַריין אָן אָטעם.

— אוי, טאַנטע קלאַראַ, בין איך אומגליקלעך!... — פּכינקעט שפרהלע.

— שוין ווידער דער „וואַסערפּירער״ אין די אויגן? שוין עפּעס נייעס?

— נייעס? און דאָס אַלטע איז קאַרג? — מאַכט שפרהלע וויינענדיק.

— אַ׳בעטשע, דיין „פּאַפּעלע״ איז שוין אַרויס מיט אַ נייעם פּלאַן!

— גלייך ווי געטראָפן, טאַנטע.

— אַלץ וועגן דעם „גרינעם יאָלד״, דעם טליתניק, אָדער אַן אַנדערן?

— אַלץ וועגן דעם שואליקן. דער שואליק איז אַריין אין אים, ווי אַ „דיבוק״...

— יאָ, וואָס וויל דער טאַטע אַצינד?

— ער וויל, אַז יאָסעלע זאָל אַריינעמען דעם שואליקן אַלס קוואַרטי־ראַנט. דער אויסרייד איז, כלומרשט, אַז אַזוי ווי יאָסעלע איז אָפּגעריסן פון תורה, זאָל שואליק לערנען מיט אים. אָבער זיין כוונה ווייס איך דאָך. ר׳מיינט נישט, אַזויפיל די תורה פאַר יאָסעלען, ווי דעם שידוך פאַר מיר... געוואַלד, וואָס טוט מען איצט, טאַנטע קלאַראַ?... — צעוויינט זיך שפרהלע אויף אַ קול.

— שאַ, הער אויף וויינען, שפרהלע. זאָלן וויינען די פרומע ווייבער ביי די תחינות. מ י ר, מאָדערנע פרויען, דאַרפן באַטראַכטן ווי אַליין זיך צו העלפן...

— אוי, טאַנטע קלאַראַ זיסינקע, וואָס וואָלט איך געטאָן אָן דיר ?...
— פאַלט שפרהלע אַרויף אויף איר און נעמט זי קושן.

די טאַנטע קלאַראַ, אַ לאַנגע, דאַרע, טונקל־הויטיקע פרוי אין די פופציקער, איז געווען מיסטער שעוויצס יונגערע שוועסטער, אַן אַלמנה, וואָס איז פאַרעכנט געוואָרן אַלס דער „פסול" אין דער משפחה. נאָך אַלס שניידער־מיידל אין באַהאָפּאָליע איז זי שוין געווען אַ פאַרברענטע סאָציאַ־ליסטקע. זי האָט געטיילט סאָציאַליסטישע בראָשורקעס און פּראָקלאַמאַציעס צווישן די אַרבעטערס, משרתים און דינסטן אין שטאָט און זיי גערופן צו קעמפן קעגן „צאַר ניקאָלאַי" און די קאַפּיטאַליסטישע „בלוט־זויגערס". איבערהויפּט איז זי געווען באַוואוסט אין דער פּאַרטיי אַלס די „אַדיו־טאַנטין" פון דעם הויפּט־רעוואָלוציאָנער אין באַהאָפּאָליע שמחהלע רעזניק, אָדער „סיאָמקע", ווי מ׳האָט אים גערופן.

סיאָמקע פלעגט שטענדיק אַרומגיין באַוואָפנט מיט צוויי „שפּייערס" אין די קעשענעס. ער פלעגט אָנפאַלן אויף די רייכע, מאַכן אַ „נאַליאָט", אָדער אַ „שאו ידיכם", ווי די אוקראַינער יידן פלעגן עס רופן, און דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט צוגענומען ביי די רייכע האָט ער אוועקגעגעבן צו די אָרעמע. ער אַליין האָט אָבער נישט צעטיילט דאָס געלט. דאָס האָט פאַר אים געטאָן זיין אַדיוטאַנטין קלאַראַ. זי, קלאַראַ, האָט שוין געוואוסט וואו ערגעץ, סיי ביי יידן און סיי ביי קריסטן, ס׳געפינט זיך אַן אָרעמע פאַמיליע וואָס שטאַרבט פאַר הונגער, אַ נויטבאַדערפטיקע אַלמנה, וואָס האָט נישט קיינעם אויף דער וועלט, אַן אָרעמע אומגעזעצלעכע געווינערין, וואָס קיינער וויל אין הויז נישט האַלטן, און זי פלעגט צושטעלן סיאָמקען דאָס צעטל מיט די נעמען, און ער האָט איר דערויף געגעבן געלט וויפל מ׳האָט באַדאַרפט.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אין דער אַלטער היים איז צווישן דעם פרומען אריה־לייבן און זיין פרייער שוועסטער קלאַראַן קיין שלום נישט געווען. ער האָט זי גערופן אָנשטאָט קלאַראַ — „כל־רע". און זי האָט פאַר אים קיין אַנדערן נאָמען נישט געהאַט, ווי נאָר דער „פינצטערלינג".

נאָכן קישענעווער פאַגראָם האָבן די שוואַרץ־מאהניקעס גענומען בושע־ווען אין גאַנץ רוסלאַנד און איבערהויפּט אין אוקראַינע. ווען סיאָמקע איז באַצייטנס געוואויר געוואָרן, אַז דער פּריסטאַוו און אַקימאָוו, דער פירער פון דער „שוואַרצער מאה", האָט גערופן אַ מיטינג צוצוגרייטן אַ פאָגראָם אויף יידן אין באַהאָפּאָליע און אין די צוויי דערבייאיקע שטעטלעך האַלטע און אַרעל, האָט ער נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און גלייך נאָך יענעם מיטינג אַוועקגעלייגט דעם פּריסטאַוו און אַקימאָוון איינעם נאָכן אַנדערן. מ׳האָט סיאָמקען נישט געכאַפּט ביי דער האַנט. אָבער די פּאָליציי

האָט געוואוסט, אַז דאָס מוז זיין זיין אַרבעט. פון דער גובערניע האָט מען באַלד אַראָפּגעשיקט קיין באַהאַפּאַליע עטלעכע זשאַנדאַרמען און „שפּיקעס" צו כאַפּן סיאָמקען און אינאיינעם מיט אים אויסראָמען די גאַנצע „קראַ־מאָלע". אין אַ ווינטערדיקן שבת ביי טאָג איז די שפּיקעס געלונגען צו פאַלן אויף סיאָמקעס שפּורן. עמיצער האָט אָנגעוויזן, אַז סיאָמקע נעמט אַ „וואַנע" אין באָד. מען האָט גלייך אַרומגערינגלט די באָד פון אַלע זייטן מיט באַוואָ־פנטער פּאָליציי און באַפוילן סיאָמקען, ער זאָל אַרויסקומען מיט אויפגע־הויבענע הענט. סיאָמקע האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, איז אַרויס אינדרויסן מיט זיינעביידע „שפּייערס" אין די הענט און אויסגעשריגן צו די זשאַנ־דאַרמען: „צאַרישע הינט, איר וועט סיאָמקען קיין לעבעדיקן נישט נעמען!". ער האָט גלייך אַוועקגעלייגט צוויי פּאָליציסטן, און נאָך איידער די אַנדערע האָבן באַוויזן אויסצושיסן, האָט ער אַליין זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין שטערן און געפאַלן טויט.

נאָך דער דאָזיקער געשעעניש האָט די „אַדיוטאַנטין" קלאַראַ גוט געוואוסט, אַז איצט וועט זי זיין די ערשטע אויפן פייער, האָט זי זיך אין דעמזעלבן טאָג אָפּגעשוירן די האָר, זיך פאַרקליידט ווי אַ יינגל, זיך אויפ־געזעצט מיט דער ביינאַכטיקער באַן און אַוועק צו דער עסטרייכישער גרענעץ, זיך אַריבערגעכאַפּט קיין בראָד און פון דאָרט קיין אַמעריקע.

אין ניו יאָרק האָט קלאַראַ זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין די ראַדיקאַלע קרייזן. עס איז איר דאָ תחילת געווען שטאַרק לאַנגווייליק. אַ לאַנד, וואו מ'דאַרף נישט קיין קאָנספּיראַציע, וואו מ'מעג לייענען אַלצדינג, רעדן אַלצדינג אָפן, שיטן פעך־און־שוועבל אַפילו אויפן פּרעזידענט אַליין אינמיטן מאַרק פאַר די אויגן פון דער פּאָליציי — איז וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָ דער סאָציאַליזם, מ'שטיינס געזאָגט? זי האָט שטאַרק געבענקט אַהיים. און דאָס איינציקע שטיקל „נחת", וואָס זי האָט זיך געקאָנט דער־מיט טרייסטן, איז געווען צו מאַכן אַ „טשאַקאַטקע" דעם רבונו־של־עולם, פרעסן חזיר און פּראַווען אַ יום־כיפּור־סעודה, און זיך בוקם זיין ווי ווייט מעגלעך אין איר „באָס", ביי וועמען זי האָט געאַרבעט אין שאַפּ.

שפּעטער האָט זי זיך גענומען אַ „חבר", אַוועק אין „סיטי האָל", זיך פאַרשריבן אַלס מאַן־און־ווייב, גאָט אויף צו־להכעיס, אָן חופּה־און־קידושין. צום יאָר האָט זי געבוירן אַ יינגל און אים נישט מל־געווען, ווידער גאָט אויף צעפּיקעניש.

קלאַראַס „מאַן" האָט לאַנג נישט געלעבט. ער האָט באַקומען די פּראָלעטאַרישע קרענק, גענומען אויסשפּייען די לונגען, און מ'האָט אים אַוועקגעשיקט קיין דענווער אין סאַנאַטאָריע, וואו ער האָט אויסגעהויכט די נשמה. קלאַראַ האָט ווייטער געאַרבעט אין שאַפּ און דערצויגן איר בן־יחיד, שעלדאָן, לויט איר גוסט און לויט איר גייסט. איר בעסטער

וואונטש איז געווען צו זען איר זון אַלס גוטן סאָציאַליסט און גוטן יוניאָן־אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער זאָל דערגיין די באָסעס די יאָרן זייערע. און גראָד אָט דער וואונטש אירער איז דערפילט געוואָרן. איר זון, שעלדאָן, איז אויסגעוואָקסן אַ יוניאָן־פירער, געהאַט אַ גוטע שטעלע, און ער האָט אויסגעהאַלטן זיין מוטער בכבוד.

ווען ר׳ אריה־לייב שעוויץ איז נאָך די אוקראַינער פּאָגראָמען פון „ניינצן־פינף״ געקומען קיין אַמעריקע, האָט זיין שוועסטער קלאַראַ אים דווקא געוואָלט מקרב זיין דאָ. אָבער אריה־לייב האָט איר גלייך אָפּגעזאָגט דעם פּסוק: „לא מדובשך ולא מעוקצך״, כ׳וויל נישט דיינע טובות און זיי ווייט אָפּגעשיידט פון מיר! מיין אַלטער גאָט, וואָס האָט מיך געשפּייזט אין באַהאָפּאַליע, וועט מיך, מירצעשעם, אויך שפּייזן אין ניו יאָרק!״...

ברודער און שוועסטער זענען דאָ אויך געבליבן דערווייטערט. ר׳ אריה־לייבס הצלחה און רייכקייט האָט מיט דער צייט נאָך געשאַפן אַ גרעסערע שנאה צווישן אים און קלאַראַן, ווי אין דער אַלטער היים.

יאָסעלע האָט, פּונקט ווי זיין פאָטער, אויך פיינט געהאַט טאַנטע קלאַראַן. שפּרהלע אָבער, ווי אַן אַמעריקאַנער קינד, האָט געהאַט מיטלייד מיט איר: נעבעך אַן אלמנה, וואוינט איינע אַליין, עלנט ווי אַ שטיין. און זי האָט גענומען אָפּט זיך אַריבערכאַפּן צו דער טאַנטע קלאַראַ אַן די עלטערנס וויסן. די טאַנטע האָט אויך שפּרהלען ליב באַקומען. זי פלעגט מיט איר רעדן אינטים, ווי מיט אייגן פלייש־און־בלוט. און מער ווי קרובהשאַפט, האָט אין קלאַראַן געגליט די פיינטשאַפט צו איר ברודער. זי האָט שפּרהלען אויפגעקלערט וועגן רעליגיע און סאָציאַליזם און געוואָלט דורך איר זיך נוקם זיין אין איר ברודער, דעם בורזשוי און פינצטערלינג...

די טאַנטע קלאַראַ איז טאַקע געווען די, וואָס האָט צונויפגעפירט שפּרהלען מיט מאַרווינען. קלאַראַ און מאַרווינס עלטערן האָבן געוואוינט טיר ביי טיר. זיי האָבן זיך גאָר ווייניק געקענט און נאָך ווייניקער געהאַט אַ שייכות איינע מיט די אַנדערע. מאַרווינס פאָטער איז געווען אַ געוועזענער גמרא־מלמד. די מוטער — אַ שול־גייערין. נאָר ווען קלאַראַ איז געוואויר געוואָרן, אַז מאַרווין אַרבעט ביי איר ברודער אין שאַפּ אַלס „שיפּינג קלוירק״, האָט זי אים גענומען אַריינרופן צו זיך אין שטוב ווען נאָר שפּרהלע איז געקומען צו איר צוגאַסט. ביי איר איז עס געווען אַן אמתע סאָציאַליסטישע מצווה צונויפצובינדן אַ רייך מיידל מיט אַן אָרעמען בחור. זי פלעגט בכוונה אַוועקגיין פון הויז און איבערלאָזן די צוויי אַליין. אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט אַ ליבע צווישן זיי. ביי דער טאַנטע קלאַראַן אין שטוב האָבן זיי תמיד פאַרבראַכט אומגעשטערט. די טאַנטע קלאַראַ האָט דערפון געהאַט נחת — זאָל איר ברודער, דער בורזשוי און פינצטערלינג, האָבן אַן איידעם אַ פּראָלעטאַריער!...

די טאַנטע קלאַראַ איז נאַטירלעך געווען די ערשטע, צו וועמען שפרהלע איז געקומען און זיך באַקלאָגט, אַז איר טאַטע וויל מיט איר טאָן אַ שידוך פאַר דעם גרינעם־פרומען שואליקן. און די טאַנטע קלאַראַ איז געווען די, וואָס האָט שפרהלען גע׳עצה׳ט צו גיין מיט דעם „גרינעם יאַלד״, שואליקן, און אים דערציילן דעם גאַנצן אמת וועגן איר ליבע מיט מאַרווינען.

שפּעטער, ווען ר׳ אריה־לייב איז צוגעשטאַנען צו מאַרווינען און אים געגעבן די ברירה: אָדער צו פאַרלירן די שטעלע אין שאַפּ, אָדער זיך אָפּזאָגן פון שפרהלען און קאָנען פאַרענדיקן זיין שטודיע אויף לאָיער אויף זיינע, אריה־לייבס, קאָסטן, איז ווידער טאַנטע קלאַראַ געווען די, וואָס האָט געגעבן שפרהלען און מאַרווינען די עצה מסכים צו זיין, זיך כלומרשט אָפּזאָגן איינס פון צווייטן, און אויסנוצן די געלעגנהייט. זאָל מיסטער שעוויץ אויסהאַלטן מאַרווינען ביז ער וועט ענדיקן אויף לאָיער, און נאָכ־דעם וועט מאַרווין א י ם געבן די ברירה — אָדער ער גיט זיין הסכמה אויפן שידוך, אָדער זיי וועלן חתונה האָבן אָן זיין הסכמה...

איצט, ווען ר׳ אריה־לייב האָט גענומען מאַכן זיין פּלאַן, אַז יאָסעלע זאָל אַריינגעמען שואליקן אַלס קוואַרטיראַנט און אַזוי אַרום דערנענטערן דעם שידוך מיט אים, איז די טאַנטע קלאַראַ ווידער געווען די, צו וועמען שפרהלע איז געקומען צולויפן נאָך הילף.

— איז וואָס איז דיין עצה אַצינד, טאַנטע קלאַראַ? — פרעגט שפרהלע, ווישנדיק אירע פאַרטרערטע אויגן.

— מיין עצה איז ווידעראַמאָל צו דערציילן דעם „גרינעם יאַלד״, דעם שואליקן, דעם גאַנצן אמת, אַז דיין ליבע מיט מאַרווינען איז נאָך אַלץ אַ ליבע!... — מאַכט טאַנטע קלאַראַ.

— אָבער וואו קאָן איך אים זען און רעדן מיט אים?

— דאַרפסט אים נישט זען און רעדן מיט אים פּערזענלעך. דאָס בעסטע איז צו לאָזן אים וויסן אַלץ דורך אַ בריוו.

— דו ווייסט דאָך, טאַנטע קלאַראַ, אַז א י ך קען קיין יידיש נישט שרייבן אַזוי גוט, און ע ר קען מסתמא קיין ענגליש נישט לייענען אַזוי גוט.

— נו, און וואו איז טאַנטע קלאַראַ — שוין געשטאָרבן? נישט געזאָרגט, שפרהלע, א י ך וועל אָנשרייבן דעם בריוו און א י ך אַליין וועל טאַקע זיין דער בריווטרעגער! גוט?

שפרהלע האָט אַרומגעכאַפּט טאַנטע קלאַראַן, זי געקושט און געוויינט פאַר גרויס פרייד — — —

ב

ס׳איז געווען אין אַ דאָנערשטיק, מיטאָג־צייט. ר׳ שלמה־שעיה בער־

שאַדער האָט אַריינגעלייגט אין בוזעם־קעשענע דאָס באַנק־ביכל און אַ פּעקל טשעקס און אַ זאָג געטאָן צו שמואל־הערשן:

— גיב, זיי מוחל, אַכטונג אויפן אָפּיס, שמואל־הערש! איך גיי אין באַנק אַריין מאַכן אַ „דעפּאָזיט". פון דאָרט וועל איך שוין אַריין אין רעס־טאָראַן עפּעס „איבערכאַפּן"!...

אין שאַפּ זענען די רעדער געבליבן שטיל. די אַרבעטער האָבן אַוועק־געלייגט זייערע פּעקלעך שפּייז אויפן לאַנגן טיש, געגאַנגען זיך וואַשן די הענט און זיך געזעצט עסן.

שמואל־הערש, דער בוכהאַלטער, איז געזעסן אין זיין קעמערל און אויך געגעסן מיטאָג.

אין אָפּיס איז אַריינגעקומען אַ מיטליאַריקע, הויכע פרוי, אָנגעטאָן אין אַ ווינטער־מאַנטל מיט אַ הוט. זי איז צוגעקומען צו שמואל־הערשן און אַ פרעג געטאָן:

— זענט איר דער באַס?

— האַ? וואָס?... — לייגט שמואל־הערש צו אַ האַנט צום אויער, ווי אַ רערל, און זאָגט — רעדט אַביסל העכער!...

— כ'פרעג, צי איר זענט מיסטער בערשאַדער! — זאָגט די פרוי מיט אַ העכערן טאָן.

— ניין. איך בין דער בוכהאַלטער. וואָס דאַרפט איר דעם באָס?

— כ'דאַרף נישט דעם באָס, כ'דאַרף זיינעם אַן אַרבעטער!

— וועמען?

— שואל הר־שלום!

— מעג איך וויסן ווער איר זענט, און צו וואָס איר דאַרפט אים?

— ווער כ'בין איז קיין נפקא־מינא נישט. כ'דאַרף אים בלויז אָפּגעבן אַ גרוס...

— אפשר פון ארץ־ישראל?

— אפשר...

— איר קומט פון דאָרטן?

— יאָ, פון דאָרטן!...

— זיצט, זיצט, אָט גיי איך גלייך אים אַריינרופן אַהער!

שמואל־הערש איז אַוועק אין שאַפּ אַריין, צוגעלאָפן צו שואליקן מיט צעשיינטע אויגן:

— שואליק, אַ פרוי פרעגט זיך נאָך אויף אייך. געבראַכט אַ גרוס פון ארץ־ישראל!...

— טאַקע?... — טוט זיך שואליק אַ כאַפּ, מאַכט צורעכט ס'יאַרמאַל־קעלע אויפן שפּיץ־קאָפּ, און טוט זיך אַ לאָז אין אָפּיס אַריין.

די פרוי האָט זיך אַ הייב געטאָן אים אַנטקעגן:

— מיסטער הר־שלום ?

— יאָ. ווער זענט איר ? ווען קומט איר אָן פון ארץ־ישראל ?...

— ווער איך בין איז נישט וויכטיק... קומען קום איך נישט פון ארץ־ישראל... — מאַכט זי און גיט אים אַ קאָנווערט — ס'איז פון שפּרהלע שעוויץ.

— שפּרהלע שעוויץ ?... וואָס עפּעס ע ?...

— איר וועט איבערלייענען דעם בריוו, וועט איר פאַרשפּאָרן פרעגן. גוד באַי ! — האָט די פרוי אָפּגעהאַקט שנעל און איז אַרויס פון אָפיס.

שואליק האָט אויפגעעפנט דעם קאָנווערט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פּאָר בייגעלעך פּאַפּיר, באַשריבן געדיכט אין יידיש, און גענומען לייענען שטייענדיק :

„תערטער הער הר־שלום.

„נאָך אונדזער פערזענלעכן שמועס מיט אַ שטיק צייט צוריק האָב איך געמיינט, אַז איר האָט מיך פאַרשטאַנען און אַלץ איז צווישן אונדז געענדיקט. כ'זע אָבער, אַז כ'האָב אַ טעות געהאַט...

„אַלזאָ, איך מוז אייך איצט נאָכאַמאָל זאָגן, אַז איר זאָלט דעם שידוך זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. איך וועל קיינעם נישט דערלויבן צו שטעלן זיך צווישן מיר און מיין געליבטן מאַרתינען. אונדזער ליבע איז אַצינד נאָך שטאַרקער ווי פריער !...

„איך מוז אייך אויסזאָגן אַ סוד. און כ'וויל האָפן, אַז איר זענט אויף אַזויפיל אַן אָרנטלעכער מענטש, אַז איר וועט מיין סוד קיינעם נישט אַרויסגעבן. איך און מאַרווין זענען געווען געצוואונגען אָפּצונאַרן מיין פאָטער. ווי זאָגט מען, צוליב שלום מעג מען אַפילו ליגן זאָגן !

„עס האָט געהאַלטן דערבײַ, אַז מאַרתין זאָל פאַרלירן זיין שטעלע ביי מיין פאָטער אין שאָפּ. חוץ דעם וואָס מאַרווין און זיינע אַלטע, קראַנקע טאַטע־מאַמע וואָלטן געמוזט דאַן בלייבן אָן ברויט, וואָלט מאַרווינס גאַנצע קאַריערע געשטאַנען אין סכנה. אָבער — אָפּזאָגן זיך איינס פון אַנדער־ן, ווי מיין פאָטער האָט דאָס געפאָדערט, האָבן מיר בשום אופן נישט געקאָנט. נאָר דער טויט אַליין קאָן אונדז צעשיידן...

„איך האָב אָנגעשריבן אַ פיקטיווען בריוו צו מאַרווינען, אין וועלכן איך האָב אים געשריבן, כלומרשט, אַז צוליב דער טובה פון מיינע עלטערן מוז איך זיך אָפּזאָגן פון אים, און כ'בעט אים, אַז אויך ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון מיר. ער האָט דעמדאָזיקן בריוו מיינעם געוויזן מיין פאָטער אַלס באַווייז. אָבער מיר באַגעגענען זיך נאָך אָפטער, ווי פריער, אין הויז פון מיין טאַנטע, דיזעלבע וואָס האָט אייך אָט דעמדאָזיקן בריוו איבערגעגעבן.

„כ'ריער האָט מיין פאָטער מיר געזאָגט, אַז ער גייט אייך לייען אַ סומע געלט צו ברענגען אייערע עלטערן קיין ארץ־ישראל. וואָס דערפון איז געוואָרן ווייס איך נישט, און עס גייט מיך לחלוטין נישט אָן, — זאָל ער דאָס געלט אַפילו פאַרברענען...

„איצט האָט ער מיר דערציילט וועגן אַ פּלאַן, אַז איר זאָלט זיך איבערקלייבן אַלס קוואַרטיראַנט צו מיין ברודער יאָסעלע אין הויז, כדי איר זאָלט מיט אים לערנען תורה. אַ נייער אויפטו...

„איך האָף, אַז איר וועט פאַרשטיין מער וויפל כ'קאָן אייך אַרויסשרייבן, און איר וועט האַנדלען ווי אַ מענטש מיט געחיסן.

„כ'ווייס, אַז אייער באָס, מיסטער בערשאַדער, וועלכער איז מיין פאָטערס פריינד,

איז דער פאַרמיטלער צווישן מיין פאָטער און אייך. דורך אים טאַקע קאָנט איר לאָזן וויסן מיין פאָטער, אַז דער שידוך ח ע ט נישט זיין און ק אָ ן נישט זיין. פאַרוואָס? — דאַרף איך אייך נישט לערנען וואָס צו זאָגן! כ׳בין זיכער, אַז איר קאָנט געפינען אַ סך אַ בעסערן און פּאַסיקערן תירוץ, ווי איך קאָן אייך אָנגעבן.

„מיט די בעסטע וואונטשן צו אייך,

ש פ ר ה ש ע ח י ץ".

שואליק האָט גענומען אַריינלייגן דעם בריוו צוריק אין קאָנווערט. שמואל־הערש איז צוגעקומען און אַ צופרידענער אַ פרעג געטאָן:

— עפּעס אַ גוטן בריוו באַקומען, שואליק?

—זייער אַ גוטן בריוו, ברוך השם!...

ווען ר׳ שלמה־שעיה איז צוריקגעקומען, איז שמואל־הערש אים געגאַנגען אַנטקעגן מיט דער בשורה:

— אונדזער שואליק האָט נאָרוואָס באַקומען דורך אַ פרוי אַ טייערן גרוס פון זיינע עלטערן!...

— זייער פיין. כ׳בין באמת צופרידן! — האָט ר׳ שלמה־שעיה אים געענטפערט.

זינט זייער צוזאַמענשטויס זענען ר׳ שלמה־שעיה און שואליק פאַרבליבן אָנגעדרודלט איינס אויפן אַנדערן. גערעדט האָבן זיי נאָר וועגן די ענינים פון שאָפּ, אָבער נישט מער.

ר׳ שלמה־שעיה, וועלכער האָט דאָן באַלד חרטה געהאַט אויף זיין אויפברויז קעגן שואליקן, האָט געוואָרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט אים איבערצובעטן. ס׳האָט זיך אַלץ נישט געמאַכט. איצט איז אַ שעת־הכושר, האָט ער אַ טראַכט געטאָן צופרידן.

נאָך דער אַרבעט האָט ער פאַרהאַלטן שואליקן אין אָפיס:

— שמואל־הערש האָט מיר דערציילט וועגן דעם גרוס פון דיינע עלטערן. וואָס מאַכן זיי?

— געלויבט השם־יתברך!... — האָט שואליק זיך געמאַכט תמ׳עוואַטע.

— כ׳זע, ביסט נאָך אַלץ ברוגזלעך. דאַרפסט קיין פאַראיבל נישט האָבן, שואליק, דו ווייסט דאָך, כ׳בין אַ ספּילטשיווער מענטש...

— לאָמיר נישט רעדן דערפון.

— גלייב מיר, שואליק, כ׳בין דיר דער בעסטער פריינד. אַ ראיה, כ׳האָב ערשט די טעג גערעדט מיט מיסטער שעוויצן וועגן דיר. ער איז דיר אויך אַ דורש־טוב...

— ווידער מיסטער שעוויץ? — שמייכלט שואליק, — וואָס וויל ער איצט?...

— ער וויל, אַז דו זאָלסט באַקומען קוואַרטיר און קעסט ביי זיין זון

אין הויז אָן אַ פּרוטה געלט. דו׳סט נאָר דאַרפֿן לערנען מיט זיין יאָסעלען תורה... דו קאָנסט דיר אַזוי איינשפּאָרן אַ זיבעציק־אַכציק דאָלאַר אַ חודש...

— אָ... אָ... אָ... אָט דאָס איז עס!... איצט פֿאַרשטיי איך שוין!... טראַכט שואליק, דערמאָנענדיק זיך וואָס שפּרהלע שעוויץ האָט געשריבן אין איר בריוו.

— איז וואָס זאָגסטו וועגן דעם פּלאַן, האַ?

— כ׳האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן, און כ׳וויל מער נישט הערן פֿון זיינע פּלענער!... זייט מיר געזונט, ר׳ שלמה־שעיה... — האָט זיך שואליק אויפגעשטעלט און איילנדיק אַרויס פֿון אָפּיס.

ג

אין די לעצטע פּאָר וואָכן פּלעגט ר׳ אריה־לייב שעוויץ יעדן פֿרימאָרגן ביים דאַווענען אין חסידים־שטיבל האַלטן אין איין פֿרעגן ביי ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער דיזעלבע פֿראַגע:

— נו, עפּעס חדשות?...

און ר׳ שלמה פּלעגט אים אַלץ ענטפֿערן דעמזעלבן ענטפֿער:

— דערווייל נישט!...

צומאָרגנס, פֿרייטיק גאַנצפֿרי, נאָך יענעם דאָנערשטיק אָוונט, ווען ר׳ שלמה־שעיה האָט געכאַפּט פֿון שואליקן דעם אָפּשניט, האָט ער אויף ר׳ אריה־לייבס פֿראַגע געענטפֿערט מיט אַ זיפֿץ פֿון מיטלייד:

— לאָ טוב, מיין פֿריינד!...

— איר האָט שוין גערעדט מיט שואליקן?

— יאָ, גערעדט.

— און איר׳ט אים שוין געזאָגט וועגן מיין פּלאַן אויך?

— פֿאַרשטייט זיך, געזאָגט.

— נו?

— ער האָט מיר געענטפֿערט קורץ און שאַרף: ער וויל מער נישט הערן דערפֿון...

— ר׳ אריה־לייב איז נשתומם געוואָרן און אויסגעשטאַרטשעט די אויגן ברייט:

— וואָס? טאַקע פּשוט אַזוי־אָט־אַ?

— פּשוט בפּשיטות!

— כ׳קאָן עס גאָר בשום אופֿן־ואופֿן נישט פֿאַרשטיין, ר׳ שלמה־שעיה!... — טוט ר׳ אריה־לייב אַ זיפֿץ און פֿאַרקנייטשט מיט די אַקסלען.

— ווער קאָן וויסן, מיין פֿריינד, וואָס ביי דער היינטיקער „חברה״ טוט זיך אין האַרצן. איך אַליין קאָן אים אויך נישט תופֿס זיין די לעצטע צייט...

— אויב אַזוי, הערט איר, בין איך אַ בעלן אַליין צו זען זיך מיט אים און, ווי זאָגט מען עס, אָנטאַפּן דעם דופק!

— מהיכא־תיתי, כ׳מיין ס׳אַ געדאַנק.

— איכ׳ל זיין ביי אייך אין אָפיס היינט נאָכמיטאָג, מירצעשעם, פאַרן צושליסן דעם שאַפּ, זיך באַגעגענען מיט אים, יאַקבי, אומגעריכט, און זען כאַפּן אַ שמועס מיט אים. האַ?...

— פיין. זייער פיין, ר׳ אריה־לייב.

ר׳ אריה־לייב האָט נישט געהאַט קיין געדולד און איז געקומען אַ סך פריער. ער איז געזעסן און געשמועסט מיט ר׳ שלמה־שעיהן ביז מ׳האָט דאָרט אָוועקגעלייגט די אַרבעט. ווען די אַרבעטערס זענען פאַרן גיין אַהיים אַריינגעקומען אין אָפיס אָפּצונעמען זייער׳ע „ענוועלאָופּס״ מיט דער וועכנטלעכער שכירות, האָט ער זיך מיט זיי אַלעמען באַגריסט אויפן חסידישן, אַנשי־שלומינודיקן שטייגער. שואליקן האָט ער אָפּגעשטעקט גאָר אַ וואַרעמען שלום־עליכם:

— אַ, שוין אַזאַ לאַנגע צייט איך נישט געזען, שואליק! וואָס מאַכט איר עפּעס גוטס?

— אָלרייט. געלויבט השם־יתברך!...

— כ׳האָב שוין נישט איינמאָל געפרעגט ר׳ שלמה־שעיהן וועגן אייך. איר וויזט זיך שוין גאָרנישט צו אונדז אין שטיבל אַריין.

— ס׳איז אַ מהלך צו גיין פון מיין קוואַרטיר אין שטיבל אַריין דאַווענען.

— ר׳ שלמה־שעיה האָט מיר נאַרוואָס דערציילט, אַ איר האָט נעכטן באַקומען אַ גרוס פון אייערע עלטערן אין ארץ־ישראל. וואָס מאַכן זיי עפּעס?

— געלויבט השם־יתברך... — מאַכט זיך שואליק תמ׳עוואַטע. ביידע האָבן געשוויגן אַ ווייל.

— כ׳זע, איר איילט זיך צו גיין. קומט, וועל איך אייך באַגלייטן! — מאַכט ר׳ אריה־לייב.

אין גאַס האָט ר׳ אריה־לייב גענומען שואליקן אונטערן אָרעם, געגעבן אַ גרינג־גרינג הוסטעלע און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל:

— כע־כע... איר ווייסט, שואליק, זינט איך האָב אייך געהערט לערנען מיטן עולם אין שטיבל, האָב איך זיך ממש פאַרליבט אין אייך...

— אַ שיינעם דאַנק אייך! — שמייכלט שואליק.

— אָט אַזאַ מין יונגנמאַן, האָב איך תמיד געחלומט, וואָלט איך געוואָלט האָבן פאַר אַן איידעם... געדענקט האָב איך, אַז אונדזער ר׳ שלמה־שעיה, וועלכער איז מיין בעסטער פריינד און אויך אייער בעסטער פריינד, וועט זיין דער בעסטער פאַרמיטלער אין אָט דעם ענין... אָבער ע...

— ר׳ שלמה־שעיה האָט בפירוש געטאָן זיין שליחות באמונה... — שמייכלט שואליק.

— נאָר וואָדען?

— די חכמים זאָגן, אַז „הקדוש־ברוך־הוא מזווג זווגים", דער אייבער־שטער אַליין איז דער שדכן, נישט קיין אַנדערער...

— דערפאַר האָב איך טאַקע באַשלאָסן אַליין צו רעדן מיט אייך, שואליק. כ׳וויל אייך קודם פרעגן, צי מיין שפּרהלע געפעלט אייך...

— ר׳ אריה־לייב... קודם דאַרפט איר פרעגן אייער טאָכטער צי איך געפעל איר...

— כ׳פאַרשפּאָר זי צו פרעגן. איך קען גוט מיין קינד, און ווייס, אַז זי וועט נישט גיין קעגן דעם רצון פון איר טאַטן...

— און איך קאָן אייך זאָגן, ר׳ אריה־לייב, אַז איר האָט, במחילה, אַ גרויסן טעות...

— אַ, איר מיינט דעם מאַרווינען?... ווייסיך־וואָס, אַ שפּאַס!...

— און איך קאָן אייך זאָגן, אַז ס׳איז שוין גאָרנישט קיין שפּאַס...

— איי, זאָלט איר מיר זיין געזונט, שואליק. איך קען, ברוך־השם, מיין טאָכטער. און אַז זי האָט מיר געזאָגט, אַז מיט דעם מאַרווינען איז אַלץ געענדיקט, איז עס ביי מיר הייליק!

— און איך געדענק גוט, וואָס אייער טאָכטער אַליין האָט מיר דערציילט וועגן אירע געפילן צו מאַרווינען, און איך ווייס זייער גוט, אַז אַזוינע ליבע־געפילן קאָן מען נישט דערשטיקן אין זיך. איר דאַרפט עס גוט האַלטן אינזינען, ר׳ אריה־לייב!...

ר׳ אַריה־לייב איז געבליבן שטיין אַ שטאַרק צעטומלטער און צעררו־דערטער, ווי אַ פישער, וואָס קעמפט אַ לאַנגע צייט מיט אַ גרויסן פיש, און ווען ער האַלט אים שוין גרייט ביים אַרויסשלעפן, טוט ער זיך אַ דריי און רייסט זיך אַרויס מיט דער ווענטקע צוזאַמען און נעמט פאַרשווינדן אין דער טיפעניש פון וואַסער. ער האָט געטאָן אַ געניטן שמייכל, אַז שואליק זאָל נישט באַמערקן זיין שווער האַרץ, אויסגעשטרעקט שואליקן אַ האַנט און געזאָגט:

— טאַ, ס׳ווערט שפּעטלעך. מיר׳ן נאָך רעדן, מירצעשעם, אַ גוטן שבת, שואליק!

— אַ גוטן שבת, ר׳ אריה־לייב!

ר׳ אריה־לייב איז אַריינגעפאַלן צו זיך אין הויז אַריין אַן אויפגע־קאָכטער. ער איז געווען גרייט צו נעמען גלייך זיין שפּרהלען אויפן צימבל. דער ווינטער־טאָג האָט אָבער גענומען שנעל פאַרגיין. ס׳איז ערב־שבת. אָט באַלד בענטשט מען ליכט. ער האָט אַריינגערופן זיין ווייב אין שלאָפ־צימער אויף אַ סוד, איר דערציילט אין קורצן, אַז ער האָט נאַרוואָס געהאַט

אַ געשפּרעך מיט שואליקן, און יענער האָט אים אויפגעעפנט די אויגן. און נאָך דער שבת־סעודה וועט ער רעדן מיט שפּרהלען גאָר „אַנדערע דבורים"...

נאָך ליכט־בענטשן האָט ר' אריה־לייב זיך אַרומגעוואַשן אויף שנעל, אָנגעטאָן דעם שבתדיקן סורדוט און איז אַוועק אין שטיבל אַריין צו קבלת־שבת.

ד

אויפן וועג אַהיים איז שואליק געוואָרן זייער אומרויק, פול מיט ערגערניש און גריזאָטע: געוואָלד, וואָס האָט ער געטאָן? ווי האָט ער געקאָנט אַזוי רעדן מיט מר. שעוויצן? פאַרוואָס איז ער נישט געווען פאַרזיכטיק מיט זיינע ווערטער?... גענומען און אַרויסגעפּלאַפּלט די גאַנצע געשיכטע, וואָס שפּרהלע האָט אים דערציילט וועגן אירע ליבע־געפילן צו מאַרווינען. און צו וואָס האָט ער בכלל באַדאַרפט רעדן פון שפּרהלעס סוד, ווען ער האָט בעסער געקאָנט גלייך אויפן אָרט זאָגן מר. שעוויצן, אַז ער אַליין איז שוין „פאַרטאָן", ער האָט שוין אַ מיידל, און אויס. פּטור אָן עסק...

איצט שטעלט ער זיך פאָר וואָס ס'וועט זיך אָפּטאָן ביי מר. שעוויצן אין הויז. דער ר' אריה־לייב וועט געוויס אויסלאָזן זיין ביטער האַרץ צו דער שפּרהלען. עס וועט דאָרט זיין אַ פאַרשטערטער שבת.

וואָס טוט מען אַצינד? ווי אַזוי פאַרגלעט מען דעם ענין? און טאָן עפּעס דאַרף ער באַלד. דאָס איז זיין מאָראַלישע פליכט!

שואליק האָט געשפּריזט ווי אַ נאַכט־וואַנדלער. ר'איז געווען אַזוי פאַרטראַכט, אַז ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אָנגעשלאָגן אין די פאַרבייגייער אויפן טראָטואַר פון עסעקס־סטריט. אַ געדאַנק האָט אויפגעבליצט ביי אים אין מוח און אים נישט אָפּגעלאָזט: שואליק, דו מוזט איצט גיין אין חסידים־שטיבל צו „קבלת שבת" — דאָס אַליין וועט מר.שעוויצן אַביסל באַרויקן.

ווען שואליק איז אַריין אין הויז איז דער שבת שוין דאָרט געשטאַנען מיט יעדע פּיס אינעווייניק. כאַנציע, אין איר שבתדיקן כאַלאַט, האָט שוין געצונדן ליכט צום בענטשן. ר' שמואל־הערש איז שוין געשטאַנען אָנגעטאָן אין מאַנטל, גרייט צו גיין דאַווענען. חוהלע, אין איר ווייס־זיידענער בלוזע, איז געזעסן אויף דער שאָקל־שטול אין ווינקל און אַריינגעקוקט אין אַ ניי־אָנגעקומענעם נומער „העולם" פון ארץ־ישראל.

— אַזוי שפּעט?... — מאַכט חוהלע צו אים אין העברעיש.

— עמיצער האָט מיך פאַרהאַלטן! — מאַכט שואליק.

— כ'ווייס. דער טאַטע האָט דערציילט. מר. שעוויץ — איין קלייני־קייט!... דער גביר מיטן פעטן נדן!... — מאַכט חוהלע סאַרקאַסטיש.

— יאָ. כ'וועל דיר דערציילן שפּעטער, חוהלע!...

שואליק איז אַריין אין זיין צימער, זיך שנעל אַרומגעוואַשן, איבער־געטאָן, און איז אַוועק.

אין חסידים־שטיבל אויף ריווינגטאָן־סטריט האָט מען שוין געהאַט געזאָגט „פּתח אליהו" פון זוהר. די אַפּגע'טובל'טע, שבתדיקע יידן האָבן געזונגען און צוגעקנאַקט מיט די פינגער, קוויקנדיק זיך מיט די טיפע קבלה־ווערטער וועגן „דעם האַר פון אַלע וועלטן, וואָס איז העכער פון אַלע היכקייטן און פאַרהוילן פון אַלע פאַרהוילענישן, און דער מענטשלעכער געדאַנק קאָן אים גאָרנישט תופס זיין"...

דערזען שואליקן אויף דער שוועל, אַ קוש טוענדיק די מזוזה, האָבן אַלע דאָרט צעעפנט ברייט די אויגן פון איבערראַשונג און גענומען אים שטעקן שלום־עליכמס פון אַלע זייטן:

— אַ גאַסט אין שטיבל! אַ גאַסט!

ר' שלמה־שעיה האָט זיך צעקוועלט מיט צופרידנקייט:

— אָן אומגעריכטער גאַסט!...

ר' אריה־לייב האָט נערוועז גענומען רייבן די הענט, אָנגעקוקט שואליקן מיט האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן, מיט אַ פילבאַדייטנדיק שמייכעלע אויף די ליפּן, אים צוגעפירט געאָרעמט צום מזרח און אַוועקגעזעצט לעבן זיך.

נאָכן דאַווענען איז שואליק אַרויס פון שטיבל מיט ר' שלמה־שעיהן און ר' אריה־לייבן פון זיינעביידע זייטן.

— ס'קומט דיר אַ גרויסער יישר־כוח, שואליק. דו האָסט אונדז פאָרט נישט פאַרגעסן! — מאַכט ר' שלמה־שעיה — זייער שיין פון דיר, כ'לעבן!...

— כ'מיין, אַז דאָס האָב א י ך גאָר היינט אויפגעטאָן, האַ, שואליק?...

— שמייכלט ר' אריה־לייב.

— ס'קאָן זיין...

— וועלן מיר מאָרגן, מירצעשעם, הערן עפּעס אַ גוט וואָרט פון אייך, שואליק?

— מעגלעך...

אַלע דריי זענען שווייגנדיק צוגעקומען צום ראָג פון דילענסי־סטריט. ר' שלמה־שעיה האָט געטאָן אַ פאַרגנבעטן וואונק צו ר' אריה־לייבן, ווי איינער רעדט: איכ'ל אייך בעסער לאָזן אַליין! ער האָט געזאָגט „אַ גוטן שבת" און אַוועק.

שואליק האָט אַ נעם געטאָן ר' אריה־לייבן אונטערן אָרעם, זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ זאָג געטאָן:

— דער ריינער אמת איז, אַז געקומען איצט אין שטיבל אַריין בין איך נאָר צוליב אייך, ר' אריה־לייב!

מר. שעוויץ האָט דערפילט ווי ס׳האַרץ ווערט אים צעשמאָלצן פון פרייד. ער וואָלט איצט אַרומגעכאַפּט שואליקן און אים אַ קוש געטאָן.

— אַ שיינעם דאַנק, שואליק!

— איר פאַרשטייט, מר. שעוויץ. מיר האָבן היינט בייטאָג אייגנטלעך איבערגעהאַקט אונדזער שמועס אינמיטן... כ׳פיל, אַז כ׳האָב גערעדט וואָס כ׳האָב נ י ש ט באַדאַרפט, און נישט גערעדט וואָס כ׳האָב י אָ באַדאַרפט... וויל איך איצט ממלא זיין...

— מהיכא־תיתי, אדרבא!

— איר געדענקט די געשיכטע מיט שלמה המלכס טאָכטער? דער קלוגער שלמה האָט געוואָלט זיך איבערצייגן צו אַ זיווג איז טאַקע מן השמים, האָט ער פאַרשיקט זיין טאָכטער אויף אַן אינזל, וואו קיין איין מאַנסביל איז דאָרט נישט געווען. האָט אַן אָדלער געבראַכט אויף זיינע פליגלען דער טאָכטערס זיווג אַהין... איך אַליין האָב דאָס אויך געזען באַשיימפּערלעך. די השגחה, הערט איר, האָט מיך צונויפגעפירט מיט אַן אָרעם מיידל, פון וועלכער כ׳בין געווען אַזוי ווייט, ווי מזרח פון מערב...

ר׳ אריה־לייב האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי זיינע פיס ווערן שלאַבעריק און די קניעס — ממש אונטערגעהאַקט. אַט־אַט פאַלט ער. ר׳האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, זיך געשטאַרקט און געהיט, שואליק זאָל עס אויף אים נישט דערקענען.

און שואליק האָט גערעדט ווייטער:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, ר׳ אריה־לייב, פון וואָסער משפחה קומט דער מאַרווין?

— כ׳מיין... וואָס איז אייך דען די נפקא־מינא וואָס?...

— איך האָב אַ געוויסן געדאַנק דערביי.

— ער קומט דווקא פון אַ פיינער משפחה. דער פאָטער איז אַ פרומער ליטוואַק. געווען אַמאָל אין דער אַלטער היים אַ בעקער. אַ ליובאַוויטשער חסיד, אַ תלמיד־חכם. דאָ איז ער אַלע יאָרן געווען אַ גמרא־מלמד, אַ חזן, אַ בעל־קורא, אַ בעל־תוקע.

— טאַקע? נו, און דער בחור, מאַרווין?

— דער מאַרווין? למאַי נפקא־מינא? האַ? וואָס אינטערעסירט ער אייך דען?...

— כ׳וויל זיך באַקענען מיט אים...

— א י ר מיט א י ם?

— יאָ, יאָ. וואָס חידושט איר זיך אַזוי?

— צוליב וואָס? צוליב וועמען?

— צוליב אייך! צוליב אייער טאָכטער!...

— וואָ־אָ־אָ־ס?

— הערט מיך אויס, ר׳ אריה־לייב. מאַרווין איז אייער טאָכטערס זיווג!...

— אַזוי זעט איר בנבואה?...

— נישט מיט נבואה, נאָר מיטן שכל זע איך. דער וועמען אייער טאָכטער וויל, יענער איז דער זיווג! איר קאָנט נישט און טאָרט נישט שטערן דערין!

— ס׳אַרט עס אייך? איך וועל טאָן וואָס איך וועל פאַרשטיין?

— מעג איך וויסן וואו מאַרווינס עלטערן וואוינען?

— אוודאי. זיי וואוינען אין עסעקס־סטריט, איבערן „כשרן באַרבער־שאָפּ״.

— אַ שיינעם דאַנק! איצט בעט איך אייך, ר׳ אריה־לייב, באַרויקט אייך, למען־השם. אייער טאָכטער איז לחלוטין נישט שולדיק. דער אמתער מזווג זיווגים פירט ווי ער וויל. האָט בטחון, אַז ר׳וועט פירן צו גוטן!...

— אַוודאי האָב איך בטחון.

— אַ גוטן שבת אייך, ר׳ אריה־לייב.

— אַ גוטן שבת, שואליק.

קאַפּיטל דריי

א

חוהלע איז דעם גאַנצן פרייטיקצונאַכט געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. אויף שואליקס „גוט־שבת״ האָט זי געענטפערט מיט אַ האַלב מויל. ביים טיש איז זי געזעסן מיט פאַרשלאָסענע ליפּן.

שואליק איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין די נאָכטראַכטענישן זיינע, אַז ער האָט כמעט נישט באַמערקט חוהלעס שטימונג.

חוהלען אָבער האָט שואליקס שוויגעניש איצט גוט געקרענקט. נישט אַנדערש, נאָר שואליק ווערט געפייניקט פון חרטה... מר. שעוויץ דער גביר גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן, רייצט אים מיט זיינע טויזנטער, און שואליק עסט זיך אויף אַ לעבעדיקער... אַ ראיה: אָט האָט דאָך דער טאַטע דערציילט נעכטן, אַז אַ פּרוי האָט שואליקן געבראַכט אַ בריוו פון זיינע עלטערן פון ארץ־ישראל — און שואליק האָט איר אפילו נישט דערמאָנט דערפון. און אָט האָט דער טאַטע דערציילט היינט, אַז דער מר. שעוויץ האָט פאַר־האַלטן שואליקן לעבן שאָפּ — און שואליק האָט איר ווידער נישט דערמאָנט וועגן דעם... ערשט ווען זי, חוהלע, האָט אים אַ וואָרף געטאָן איר שטעכווערטל וועגן „דעם גביר מיטן פעטן נדן״, האָט שואליק געזאָגט, אַז ר׳וועט איר שפּעטער דערציילן דערפון...

נאָך פאַרן בענטשן האָט חוהלע זיך געטאָן אַ הייב פון טיש און איז אַוועק צו זיך אין צימער אָן אַ וואָרט צו זאָגן עמיצן.

געכאַפּט האָט זיך שואליק ערשט נאָכן בענטשן. די מעשה איז אים געוואָרן חידושדיק. און ער האָט אַ פרעג געטאָן איר מוטער:

— חוהלע פילט זיך עפּעס נישט גוט?...

שואליק איז צו צו חוהלעס טיר און אָנגעקלאַפּט. קיין ענטפער איז נישט געקומען. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעקלאַפּט, אַביסל שטאַרקער. ווידער קיין אָפּרוף נישט געווען. ער האָט אַ דריי געטאָן די גאַלקע פון שלאָס — די טיר איז געווען אויפגעשלאָסן. ער האָט פּאַמעלעך אויפגעעפנט די טיר און איז שטיל אַריין. חוהלע איז געלעגן אויפן בעט מיט פאַרוואָלקנטע אויגן.

— וואָס איז דער מער, חוהלע?

— ס׳אַראַ נפקא־מינא דיר?...

— כ׳פאַרשטיי דיך נישט.

— א י ך פאַרשטיי ד י ך אויך נישט...

— אין וואָסער זינען?

— אין דיין אויפפירן זיך מיט מיר...

— דהיינו וואָס? לאָמיר וויסן מיט וואָס כ׳האָב עפּעס חוטא געווען! אפשר דאַרף איך תשובה טאָן...

— האָסט פאַר מיר נישט געזינדיקט, און דאַרפסט פאַר מיר קיין תשובה נישט טאָן!

— וואָס־זשע דען ביסטו עפּעס אַזוי אָנגעדרודלט?

— כ׳וויל, אַז דו זאָלסט וויסן איין זאַך, שואליק! — טוט חוהלע אַ שלונג־אַראָפּ אַ קנויל אין האַלדז — איך וואַרף זיך אויף דיר נישט אָן! אַפילו ווען מיר זאָלן שוין זיין פאַרבונדן אָפיציעל, וואָלט איך דיך אויך נישט צוגעהאַלטן, ווען דו זאָלסט וועלן אַוועקגיין!...

ביי שואליקן האָבן די ווערטער אירע געקלונגען לעכערלעך. אָבער אָנשטאָט צו שמייכלען האָבן זיינע ליפּן זיך גאָר פאַרשטייפט און ער האָט אַ זאָג געטאָן בייסיק:

— און א י ך וויל אויך, אַז דו זאָלסט וויסן איין זאַך, חוהלע, דיינע קאַפּריזן האָבן מיך שוין געקאָסט אַ סך געזונט. כ׳קאָן זיי באמת נישט פאַרטראָגן!...

— קאַפּריזן? — מאַכט חוהלע מיט פאַרדראָס — קאַפּריזן רופסטו עס? ווען כ׳זע, אַז דו האָסט סודות פאַר מיר, באַהאַלטסט פון מיר זאַכן, ווילסטו ס׳זאָל מיך נישט אַרן? וואָס בין איך — אַ גולם?...

— ס׳אַראַ סודות? וואָס באַהאַלט איך פון דיר?

— אַז אַ פרוי האָט דיר נעכטן געבראַכט אַ בריוו פון דיינע עלטערן

פון ארץ־ישראל האָט מיר דער טאַטע דערציילט, נישט דו! נו, אַז דער גביר שעוויץ האָט דיך היינט פאַרהאַלטן האָט מיר אויך דערציילט דער טאַטע, נישט דו...

— כ׳האָב נאָך קיין צייט נישט געהאַט צו רעדן דערפון.

— האָסט געקאָנט אָפּשפּאָרן פאַר מיר אַ פּאָר מינוט היינט פאַרן דאַווענען. וואָס איז געווען אַזוי דאָס איילעניש צו לויפן אין שול אַריין?...

— ס׳איז געווען אַן אורזאַך פאַר מיין איילעניש! אַז דו לאָזט זיך נישט רעדן. דו קאַפּריזעוועסט!

— ווידער וואַרפסטו מיר אויס, אַז איך קאַפּריזעווע! דו ביסט נישט מחויב אויסצושטיין מיינע קאַפּריזן! איך לאָז דיך פריי!

—דאַרפסט מיר נישט וואַרפן דעם גט פאַר די פיס, חוהלע...

— געזונטערהייט! צו וואָס דאַרפסטו אַ קבצנס אַ טאָכטער, אַן אָרעמע העברעיִשע לערערין, און נאָך אַ קאַפּריזנע דערצו?... קאָנסט האָבן אַ גבירס אַ טאָכטער און אָן קאַפּריזן!...

— אַ שיינעם דאַנק פאַר דער עצה. כ׳קאָן דיר זאָגן, אַז וואָס־וואָס, נאָר דו מעגסט זיין זיכער, אַז איך וועל דיך נישט אויסנוצן אַלס מיטל פאַר מיין אַמביציע!

— אַהאַ! — האָט זיך חוהלע מיטאַמאָל געגעבן אַ הייב־אויף פון בעט

— אַהאַ, שואליק! דו וואַרפסט מיר שוין אויף מיין „חטאות־נעורים” אויך?... איך האָב עס פאַר דיר נישט באַהאַלטן. איך האָב עס דיר דערציילט אָפּנהאַרציק...

— חלילה! איך מיין נישט דיר אויפוואַרפן עפּעס, חוהלע. איך מיין נאָר אַרויסצונעמען דעם ספק פון דיין האַרצן. אויב דו טראַכסט וועגן מיר אַזוי ווי דו זאָגסט איצט, קענסטו מיך נאָך נישט. און אויב דו קענסט מיך נישט, ווי מעגסטו זיך פאַרבינדן מיט מיר?...

— ס׳איז טאַקע אַצינד אַ פראַגע ביי מיר, שואליק!... — מאַכט חוהלע גאַליק.

ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. ביידע זענען געבליבן פאַרביטערט. זיי האָבן ביידע געפילט עפּעס אַ שטאַרק רייצעניש אין מוח און ס׳האָט זיך זיי געוואָלט אַרויספּלאַצן מיט אַלץ מער שאַרפערע ווערטער, פּונקט ווי ווען מ׳פילט עפּעס אַ נאָגנדיקע בייסעניש אין אַ וואונד און מ׳קאָן זיך קוים איינהאַלטן נישט צו קראַצן מיט די נעגל...

חוהלע האָט פאַרביסן די ליפן ביז ווייטיק. שואליק האָט, ווי אַ בעל־מוסר, געמאַכט אַ געוואַלדיקע אָנשטרענגונג איבער זיך, און אַ זאָג געטאָן:

— גלייכער אַצינד נישט צו רעדן מער. „ברוב דברים לא יחדל פשע”. וואָס מער אַ וואָרט אַלץ מער גאַל...

— מיך אַרט נישט אַפילו שפּעטער אויך נישט צו רעדן...

— אָלרײַט!... — האָט שואליק אַ זאָג געטאָן װײַטיקלעך און איז אַרױס.

דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג האָט אין זײ בײדע געזאָטן דער רוגז פֿון אײנעם אױפֿן צװײטן. און אין דערזעלבער צײַט האָט עס זײ בײדע געצױגן אײנעם צום אַנדערן.

חוהלע איז די גאַנצע צײַט געזעסן בײַ זיך אין צימער. זי איז בלױז צוגעקומען עסן צום טיש און באַלד נאָכן עסן צוריק אַװעק צו זיך.

מוצאי־שבת נאָך הבדלה האָבן אַלע אין הױז זיך געזעצט בײַם טיש טרינקען טײ. חוהלע האָט גענומען איר טעפּעלע טײ און דערמיט אַװעק צו זיך אין צימער.

שואליק האָט זיך געדרײט אױפֿן בענקל. נישט געקאָנט אײנזיצן רויק. ער האָט קוים באַװיזן אױסצוטרינקען זײַן טײ, איז אַרײַן צו חוהלען און זי װידער געטראָפֿן ליגן אױפֿן בעט. איצט מיט אַ בוך אין דער האַנט.

— חוהלע! — מאַכט שואליק מיט זײַן חנעװודיקן שמײכעלע, װאָס חוהלע האָט אַזױ שטאַרק ליב געהאַט — חוהלע, דו געדענקסט דאָך מסתמא דעם מאַמר פֿון תלמוד — „כל הכועס, אם חכם הוא — חכמתו נסתלקת ממנו“... פֿון כעס װערט אַפֿילו דער גרעסטער חכם אַ גרױסער שוטה...

—כ'בין צופֿרידן, אַז דו געדענקסט... — מאַכט חוהלע, אַװעקלײגנדיק דאָס בוך אױפֿן טישל לעבן בעט.

— כ'װיל אָבער, אַז דו זאָלסט עס אױך געדענקען!

חוהלע האָט געשװיגן מיט אַ װײכער שװײַגעניש. זי האָט זיך אױפֿגעזעצט אױפֿן בעט און אַ זיפֿץ געטאָן מיט בענקענדיקער זיפֿצעניש. שואליק האָט זיך פּאַמעלעך צוגעזעצט לעבן איר. זי האָט זיך געטאָן אַ רוק־אָפּ מיט אַזאַ אָפּרוקעניש, װאָס איז אײגנטלעך געװען אַ צורוקעניש. ער האָט עס באַמערקט און אַנגערירט אירע שפּיצן פֿינגער. זײערע פֿינגער האָבן זיך צונױפֿגעפּלאָכטן. עלעקטרישע שטראָמען האָבן גענומען יאָגן פֿון אײנעם צום אַנדערן.

בײדע האָבן אַרױסגעלאָזט גרינג־גרינגע זיפֿצעלעך. בײדע האָבן אַ װײַל געשװיגן.

שואליק האָט איבערגעריסן דאָס שװײַגעניש און געזאָגט שטיל־געלאַסן:

— װי נאַריש! אינזינען געהאַט צו רעדן תכלית, און גערעדט גאַר טיפּשות!

חוהלעס האַרץ שמעלצט זיך, נאָר זי שװײַגט אַלץ. שואליק נעמט זי אַרום גרינג.

— ביסט גרײט צו הערן, חוהלע? װעל איך דיר דערצײלן מײַנע „סודות“...

איר האַרץ האָמערט מיט פרייד, נאָר זי זאָגט נישט אַ וואָרט.

— דער בריוו איז נישט געווען פון מיינע עלטערן, נאָר פון מר. שעוויצס טאָכטער... געבראַכט דעם בריוו האָט אירע אַ טאַנטע... אָט איז דער בריוו!

שואליק נעמט אַרויס דעם בריוו פון בוזעם־קעשענע און לייענט אים איבער פאַר חוהלען.

— איצט ווייסטו שוין איין סוד, חוהלע! — שמייכלט שואליק — און אָט הער אויס דעם צווייטן סוד. כ׳וויס נישט פאַרוואָס, נאָר אויס ן׳המנות אויף דעם פּאָרל און אויף דעם מר. שעוויצן פיל איך, אַז כ׳דאַרף עפּעס טאָן פאַר זיי. מר. שעוויצן דאַרף מען מאַכן אַביסל ווייכער. דערפאַר בין איך געלאָפן דאַווענען אין שטיבל, כדי צו קאָנען רעדן מיט אים... און דעם מאַרווינען דאַרף מען מאַכן אַביסל ידישער. און כ׳בין גרייט אַפילו צו לערנען מיט אים אַביסל תורה. פאַרשטייסט?...

חוהלע האָט אים אַ שמייכל געטאָן אין פּנים אַריין:

— ווי ס׳ווייזט, ליגט אין דיר באַהאַלטן אַ טאַלאַנט פון אַ שדכן, שואליק... פריער האָסטו צונויפגעפירט מאַיקלען מיט ביטריסן און איצט ווילסטו צונויפפירן דעם מאַרווינען מיט שפרהן...

— ערשטנס, איז גוט צו זיין אַ שותף צום אייבערשטן און אים העלפן מזווג־זווגים זיין... — שמייכלט שואליק — און צווייטנס, אַז איך בין גליקלעך אין מיין ליבע, ווילט זיך זען אויך אַנדערע גליקלעך אין זייער ליבע...

— דו מיינסט עס טאַקע, שואליק? — טוט זיך חוהלע אַ טוליע צו אים מיט איר גאַנצער וואַרעמקייט.

— כ׳זאָג וואָס כ׳מיין און כ׳מיין וואָס איך זאָג! — טוט איר שואליק אַ קוש אויפן שטערן.

זיי האָבן זיך גענומען האַלדזן און דריקן און קושן הייס, אַזוי הייס, אַז ביידע זענען גיך פאַרשיכורט געוואָרן און ס׳האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי שוועבן ערגעץ ווייט־ווייט אין די וואָלקנס...

חוהלע האָט צורעכט געמאַכט אירע האָר. שואליק האָט אַוועקגעזעצט זיין יאַרמאָלקעלע אויפן ריכטיקן פּלאַץ. ביידע זענען געאָרעמט אַריין אין עס־צימער, און חוהלע האָט אַ צעשיינטע אָנגעזאָגט אירע עלטערן די בשורה:

— פּאַ־מאַ, גיט אונדז אָפּ מזל־טוב!...

ב

ר׳ אריה־לייב שעוויץ האָט דעם גאַנצן שבתדיקן מעת־לעת זיך געהאַלטן רויק. דאָס איז אָבער געווען אַ רויקייט פון אַן איינגעשטילטן וואולקאַן. שטיל און רויק פון אויבן־אויף, און אַ קאָכעניש און אַ זידעניש טיף־אינעווייניק...

זעלדע, ר׳ אריה־לייבס ווייב, האָט דאָס גוט באַמערקט אויף אים. און זי האָט דעם גאַנצן מעת־לעת זיך באַמיט אויסצומיידן זייטיקע דיבורים מיט אים.

פונקט ווי אריה־לייב איז בטבע געווען אַ היציקער, אַ ספּילטשעווער, אַזוי איז זעלדע בטבע געווען אַ געלאַסענע, אַ רויקע. נאָך פון קינדוויין אָן פלעגט מען זי רופן „די שטילע טויב". קיין גרויסע יפת־תואר איז זי נישט געווען. נידעריק אין וואוקס, מאָגער אין קערפּער, מאַט־בלאַס אויפן פּנים. דערפאַר אָבער האָט זי פאַרמאָגט צוויי חן־גריבעלעך אין ביידע באַקן און צוויי ברוינע אויגן מיט גלעטנדיקע בליקן פול מיט גוטסקייט. זעלדע האָט תמיד געטראָגן אַ שייטל אויפן קאָפּ, אַ מילדקייט אויפן פּנים און גערעדט שטיל־צניעותדיק. געזאָגט האָט מען אויף איר, אַז „זי האָט גאָר קיין גאַל נישט"...

דער שידוך מיט דעם פרומען שואליקן פון ירושלים איז זעלדען אַוודאי געווען צום האַרצן. זי האָט געהאָפט און געוואַרט אויף דעם גוטן גמר, פונקט ווי איר מאַן.

ווען ס׳איז פּלוצים אַרויס די געשיכטע מיט דעם מאַרווינען, איז עס ביי זעלדען געווען פונקט אַזאַ גרויסער קלאַפּ, ווי ביי איר מאַן. ס׳האָט זי געקרענקט פונקט ווי אים. זי איז אָבער נישט געווען אַזוי פאַרצווייפלט און אַזוי אויפגעשטורעמט אויף שפרהלען, ווי ער. זי האָט שטילערהייט פּרובירט צו רעדן מיט שפרהלען און איר דערוויזן מיט גוטן, ווי נאַריש און קרום ס׳איז פון איר געווען זיך אַריינצולאָזן אין אַזאַ אַוואַנטורע מיט אַזאַ ווי מאַרווין, וואָס איז לחלוטין נישט איר גלייכן. אָבער פון זידלען זי, פון שרייען אויף איר, ווער שמועסט פון סטראַשען גאָר — דערפון האָט זעלדע אפילו נישט געטראַכט.

פרייטיק פאַרנאַכט, ווען ר׳ אריה־לייב איז נאָך זיין ערנסטן שמועס מיט שואליקן אַריינגעפאַלן אַן אויפגערודערטער אין הויז אַריין און פאַר־טרויט זעלדען דעם סוד, אַז איצטער וועט ער מיט שפרהלען זיך אָפּרע־כענען און אויסלאָזן צו איר זיין ביטער האַרץ, האָט זעלדע געפונען פאַר נייטיק צו וואָרענען שפרהלען וועגן דעם.

— שפרהלע, זאָלסט וויסן, אַז דער טאַטע איז איצט זייער פאַר־ביטערט!...

— וואָס איז שוין ווידער?...

— ר׳האָט נאָרוואָס געהאַט אַ געשפּרעך מיט דעם שואַליקן!

— דער שואַליק קאָן אים גאָר פון קאָפּ נישט אַרויס...

— ר׳מיינט דאָך ד יי ן טובה... ר׳האָט געוואָלט וויסן וואו ער האַלט מיט אים... האָט אים שואַליק געזאָגט בפירוש, אַז דער שידוך מיט אים קאָן נישט זיין און וועט נישט זיין...

— אַזוי האָט שואַליק געזאָגט דעם טאַטן?... — מאַכט שפרהלע.

— יאָ. מיט די ווערטער ממש... זע, טאָכטער, רעד נישט דעם טאַטן אין דער גאַל אַריין! וואָס ער זאָל דיר נישט זאָגן, האַלט זיך רויק. דערצערן אים נישט. אַלרייט, ווילסט נישט שואַליקן, וועט אונדז גאָט באַשערן אַן אַנדערן, מערצעשעם!...

— מאַמע טייערע! — פילן זיך אָן שפרהלעס אויגן פול מיט טרערן — מאַמע, ד י ר מעג איך דאָך זאָגן דעם אמת... קיין שום אַנדערער איז מיר נישט ליב, נאָר מאַרווין...

— וואָאָאָס? — טוט זיך די מוטער אַ כאַפּ ווי אָן אָפּגעבריטע — וואָאָאָס? אַלץ דער מאַרווין?... שפרהלע, זע, למען־השם, דערמאָן נישט אפילו אַ רמז דערפון דעם טאַטן! היט זיך ווי פאַר פייער! ער׳ט איבער־קערן די וועלט. ער׳ט אייך ביידע, חלילה, אויסניקורן, שונאי ישראל!...

מיטאַמאָל ברעכט שפרהלע אויס אין אַ ביטער געוויין, און טוט אַ פאַל אויף דער מוטערס אַקסל:

— וואָס האָט איר צו מאַרווינען וואָס? ער איז פון אַ שיינער משפחה. אַ לייטישער בחור. אַן ערלעכער אַרבעטער. אַ גאָלדענער כאַראַקטער!...

— פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט, אַז ער איז פאַרט נישט קיין פאַר פאַר דיר? מ י ר ווילן פאַר דיר אַ יונגנמאַן אַ למדן, אַ פרומען יונגנמאַן. ער זאָל זיין אַ כבוד פאַר אונדז...

— ער׳ט ווערן אַ לאָיער און וועט זיין פאַר אייך אַ כבוד! מיר האָבן זיך ליב. מיר האָבן זיך איינס דעם אַנדערן שוין לאַנג אונדזערע הערצער אַוועקגעגעבן. קאָן מען דען הערצער אַרויסרייסן?... איך בין שוין נישט קיין פיצעלע מיידעלע און כ׳מעג טאָן מיט מיין לעבן וואָס איך אַליין וויל. און... און... אויב דער טאַטע וועט מיך צווינגען אָפּצוזאָגן זיך פון מאַרווי־נען, וועל איך זיך בעסער אָפּזאָגן פון מיין לעבן...

— רעד נישט אַזוי, שפרהלע! ס׳אַ זינד פאַר גאָט! אוי, רבונו־של־עולם, טאַטע זיסער, האַרציקער!... — האָט זעלדע גענומען טוליען שפרהלען צום האַרצן און געוויינט מיט איר צוזאַמען שטילערהייט.

זעלדע האָט זיך געכאַפּט, אַז אריה־לייב קאָן יעדע מינוט אָנקומען פון שטיבל און דערקענען עפּעס אויף זיי. זי האָט געשיקט שפרהלען זיך אָפּוואַשן ס׳פּנים. זי אַליין האָט אויך געטאָן דאָסזעלבע. און ביידע האָבן

זיך אָװעקגעזעצט אין עס־צימער לעבן די בענטש־ליכט — זעלדע ביים סידור, שפּרהלע ביי אַ בוך — שאַ, שטיל גלייך װי גאָרנישט געשען.

נאָך הבדלה, װי נאָר ר׳ אריה־לייב האָט זיך געזעגנט מיטן אָװעק־גייענדיקן שבת, האָט זיך אויף אים באַלד געגומען אָגרוקן די װאָך מיט אירע דאגות, דאגות פון „צרת הבת״...

דאָס קאָכעניש און זידעניש, װאָס איז ביז איצט געװען ביי אים פאַרשטיקט טיף אין האַרצן, האָט גענומען בלעזלען און אויפגיין װאָס אַמאָל העכער און העכער. ס׳איז אין אים װידער אויפגעגאַנגען דער װייטיק, װאָס ער האָט אַזאַ שװאַליקן „פאַרלוירן״, און דער פאַרדראָס, װאָס גורם געװען דערצו האָט שפּרהלע אַליין.

אומגעריכט אַפילו פאַר זיך אַליין האָט ר׳ אריה־לייב מיט פלאַטערנדיקע נאָזפליגל אַ רוף געטאָן שפּרהלען צום טיש מיט אַ בייז־באַפעלערישן טאָן:

— קום נאָר אַהער, כלה־מױד, כ׳װיל דיך עפּעס פרעגן!

— יעס, טאַטע, װאָס איז?

— זאָג מיר נאָר, צו װאָס האָסטו באַדאַרפט דערציילן שװאַליקן װעגן דיין „ליובקע״ מיט דעם בחורעץ מאַרװינען, האַ?... — האָט דער פאָטער געציטערט אַזש מיט די ליפּן.

— כ׳האָב מורא געהאַט טאָמער װערט ער געװאָר דערפון, װעט עס הייסן, אַז כ׳האָב אים אָפּגענאַרט...

— שקר־וכזב! ס׳אַ מיאוסער ליגן! — שפּרינגט אונטער ר׳ אריה־לייב מיט ציין־קריצעניש — דו האָסט בכוונה געװאָלט שװאַליקן פאַרטרייבן פון זיך, דו חצופה דו!...

שפּרהלע האָט געציטערט און געשװיגן. זעלדע האָט געפּרואװט אַריינװאַרפן אַ װאָרט, נאָר ר׳ אריה־לייב האָט נישט געװאָלט הערן. ר׳איז צו צו שפּרהלען און זי אַ שלעפּ געטאָן ביים אָרעם:

— אָט דעם מאַרװינען װעל איך אָנטרייבן װי אַ הונט, און דיר װעל איך דעם קאָפּ פּלעטן!... דו האָסט מיר פאַרװיסט מיין לעבן, און איך װעל זיך אין דיר נוקם זיין... — האָט דער פאָטער געטופּעט מיט די פיס.

זעלדע האָט אויסגעשריגן מיט װייטיק:

— װאָס װילסטו פונעם קינד? זי פאַרשטייט שוין, אַז...

— לאָז מיך געמאַך! איך גלייב איר, װי כ׳גלייב דעם כלב אינדרױסן!...

— טוט ר׳ אריה־לייב אַזאַ קלאַפּ אין טיש, אַז זיין שאַל־און־גלאָז זענען אַראָפּגעפאַלן און זיך צעבראָכן.

ר׳ אַריה־לייב איז אַליין מבולבל געװאָרן פון זיין גרימצאָרן, אַ לויף געטאָן צו זיך אין קאַבינעט און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר מיט אַזאַ פראַל, אַז די פענצטער האָבן אָפּגעקלונגען...

ג

שואליק האָט נישט געוואוסט וואָס ר׳ אריה־לייב שעוויץ וועט איצט טאָן און ווי ער וועט זיך איצט נוהג זיין מיט שפּרהלען און מאַרווינען. ער האָט אָבער גוט געוואוסט וואָס ער אַ ליי ן דאַרף איצט טאָן און ווי ער דאַרף זיך נוהג זיין וועגן אָט דעם ענין.

ביי שואליקן איז געווען באַשלאָסן, אַז למען־השלום טאָר ער נישט פאַרשפּעטיקן אַפילו איין טאָג צו גיין זיך באַקענען מיט מאַרווינען, זען וואָס פאַר אַ „כלי״ דאָס איז, און מיט וויפל ער קאָן אָט דעם פאַרליבטן פּאָרל העלפן...

חוהלע האָט אים אויך צוגעאיילט.

זונטיק נאָך ווטשערע, איז שואליק אַוועק אויף עסעקס־סטריט. דעם נומער פון הויז, וואו מאַרווין מיט זיינע עלטערן וואוינען, האָט ער נישט געוואוסט. ער האָט אָבער געדענקט אַז זיי וואוינען איבער דעם „כשרן באַרבער־שאָפּ״.

די פאָדערשטע טיר פון דעם אַריינגאַנג אין דעם אַלטן טענעמענט־הויז איז געשטאַנען עטוואָס אָפּגעשפּאַרט. אין קאָרידאָר האָט העט־אויבן ביי דער סטעליע געברענט אַזאַ מין נישטיק לעמפּעלע, וואָס האָט געלויכטן אַזויפיל וויפל אַ שפּיץ פון אַ רויכערנדיקן ציגאַר.

שואליק האָט זיך אָנגעהאַלטן אין דער פאַרענטשע און גענומען פאַר־זיכטיק אַרויפשפּאַנען אויף די צעפּאָרענע־דרינזשענדיקע טרעפּ צום צווייטן שטאָק. דאָרט האָט שוין ביי דער סטעליע געברענט אַביסל אַ גרעסער לעמפּל. ער האָט דערזען צוויי טונקעלע טירן איינע קעגן דער אַנדערער. ער איז געבליבן שטיין אַ ווייל און נישט געוואוסט אין וועלכער טיר אָנצוקלינגען. ער איז צו צו דער רעכטער טיר און אַ דריי געטאָן ס׳הענטל פון דעם טיר־גלעקל. קיינער האָט נישט געענטפערט. נאָכאַמאָל אָנגע־קלונגען — אַלץ נישטאָ קיין ענטפער. ער איז דאָן שוין צו צו דער לינקער טיר און דאָרט אָנגעקלונגען. עס האָבן זיך דערהערט פון אינעווייניק פאַרדומפּענע טריט. באַלד האָט זיך די טיר אָן עפן געטאָן אַביסל. אַ הויכע, דאַרע, טונקל־הויטיקע פרוי אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ שוואַרץ־גרויען קאָפּ האָר, גלאַט פאַרקעמט, מיט אַ שרינט אינמיטן, האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

— וועמען ווילט איר ?

— וואוינט דאָ דער מלמד ?...

— ניין. ער וואוינט „נעקסט דאָר״, די טיר דאָ אַנטקעגן.

— געקלונגען דאָרט. מ׳ענטפערט נישט.

די פרוי האָט זיך געטאָן אַ שנעלן רוק אויף צוריק, און באַלד זיך אומגעקערט, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט:

— אַנטשולדיקט! איר קוקט מיר אויס זייער באַקאַנט. זענט איר נישט מיסטער הר־שלום?...

— יאָ, יאָ! — מאַכט שואליק, און טוט זיך אויך באַלד אַ דערמאָן — אָ, א י ר זענט דאָך די פרוי, די טאַנטע, וואָס האָט מיר געבראַכט דעם בריוו פון ע...

— יאָ, די טאַנטע קלאַראַ. געבראַכט דעם בריוו פון שפּרהלען... קומט אַריין!...

— אַ שיינעם דאַנק. כ'האָב נישט קיין צייט. כ'דאַרף זען אייער שכן...

— די אַלטע שלאָפן שוין. אָבער זייער זון, מאַרווין, שפּרהלעס „באָי־פרענד", זיצט דאָ איצט ביי מיר. קומט אַריין, וועל איך אייך באַקענען!

שואליק האָט זיך אַ ווײַלע געוויגט, זיך געשלאָגן מיט דער דעה.

— קומט אַריין, קומט אַריין אויף אַ פּאָר מינוט!

די פרוי האָט שואליקן געפירט איבער אַ שמאָל־לאַנגן, טונקעלן קאָרידאָר, און זיי זענען אַריין אין קיך. די קיך איז געווען העל באַלויכטן. דער ווייסער לינאָלעאום אויפן דיל האָט נאָך צוגעגעבן מער ליכטיקייט. אינמיטן קיך איז געשטאַנען אַן אַלטמאָדישער קיילעכדיקער טיש אויף אַ גראָבן פוס מיט שווערע בענקלעך אַרום. אויפן טיש זענען געשטאַנען שאָלן און טעפּעלעך מיט נשאָרים פון שוואַרצער קאַווע, ביים טיש זענען געזעסן צוויי יונגעלייט. ביידע האָבן אויסגעקוקט פון דעמזעלבן עלטער — אין די עטלעכע־און־צוואַנציקער.

— דאָס איז מיין זון, שעלדאָן ריטשאַרד, און דאָס איז מאַרווין סאָלאָוויי! — מאַכט די טאַנטע קלאַראַ, אָנווייזנדיק שואליקן אויף די צוויי יונגעלייט; און די יונגעלייט ווייזט זי אָן אויף שואליקן — דאָס איז דער יונגערמאַן פון ירושלים שואל הר־שלום!...

ביידע האָבן שואליקן דערלאַנגט די הענט.

— זייער אָנגענעם!...

שעלדאָן איז געווען אַ הויכוואוקסיקער, אַ דאַרער, אַ בלאָנדער, אַ גלאַט־פּאַרקעמטער, מיט אַ גלאַנצנדיקן קאָפּ פון פּאָמאַדע, מיט בלויע אויגן, וואָס האָבן געקוקט דורך דיקע גלעזער. און מאַרווין — אַ מיטל־וואוקסיקער, געפּאַקטער בחור, אַ טונקל־הויטיקער, מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע, מיטן אויסזען פון אַ חנעוודיקן איטאַליענער, מיט שוואַרץ־לויכנדיקע אויגן, וואָס האָבן געקוקט כיטרע.

נאָך דער אָפּיציעלער באַגריסעניש און נאָכדעם ווי שואליק האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, האָט שעלדאָן זיך גענומען דערפרעגן ביי אים וועגן דעם טליתים־שאָפּ וואו ער אַרבעט:

— זאָגט מיר, וואָס איז דאָס פּאַר אַ מין שאַפּ?...

— אַ שאַפּ ווי אַלע שעפּער, — מאַכט שואליק מיט אַ שמייכל.

— און מ'אַרבעט דאָרט די רעליגיעזע טאַל... טאַ־לאַ... די „פּרעיער־שאַלס" ?...

— „טאַליסים", דו גויעץ מיינער!... — מאַכט די מוטער צו אים מיט אַ געלעכטערל און מיט אַ צופרידנקייט אַפילו — ער האָט עס קיינמאָל נישט געזען, כע־כע!...

— יאָ, מיר אַרבעטן דאָרט טליתים; — זאָגט שואליק.

— און וויפל אַרבעטערס זענט איר דאָרט?

— פריער זענען געווען עלף. איצט, מיט מיר — צוועלף.

— נו, און די „ווײדזשעס" זענען אַלרייט?

— זיי וואָלטן געמעגט זיין בעסער...

— „וועלל, איי'ל בי גאָאינג". שפּעט פאַר מיר! — הייבט זיך שעלדאָן אויף און דערלאַנגט שואליקן די האַנט — צופרידן אייך צו קענען!... „גוד נאַיט, מאַ!", „גוד נאַיט, מאַרוו!"...

שעלדאָן האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. די מוטער האָט אים באַגלייט.

— אַזוי, אַזוי, זענט איר, הייסט עס, דער שואליק!... — מאַכט מאַרווין כיטרע.

— יאָ! און איר זענט, הייסט עס, דער מאַרווין!... — מאַכט שואליק מיטן זעלבן טאָן.

— איר'נט טאַקע אַ געבוירענער אין ירושלים?

— ניין, אַ געבוירענער אין פּוילן. געווען אין ירושלים נישט מער ווי אַ פּאָר יאָר.

— אַ חלוץ? האַ?...

— יעדער ציוניסט, וואָס איז מקיים די מצווה פון ישוב־ארץ־ישראל, איז אַ חלוץ...

— איר זענט, הייסט עס, אַ רעליגיעזער ציוניסט — אַ שונא פון סאָציאַליזם, האַ?

— רעליגיע איז נישט קיין שונא פון סאָציאַליזם. איר מאַכט אַ טעות! אדרבא, די לערע פון אונדזער תורה, פון אונדזערע נביאים, און פון אונדזערע חכמי התלמוד איז אַן אמתדיקע סאָציאַלע לערע...

— און וואָס איז מיט קאָמוניזם, למשל?

— קאָמוניזם לויטן נוסח פון אַ „סטאַלין", וואָס דער דיקטאַטאָר איז אַ „גאָט", איז שוין אַן אַנדערע געשיכטע...

— וואָס איז דען דער דיקטאַטאָר? ער איז דאָך בלויז די מאַכט פון דעם פּראָלעטאַריאַט...

— סטאַלין איז נישט די מאַכט פ ו ן דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר א י ב ע ר דעם פּראָלעטאַריאַט!

— דאָס זאָגן נאָר אַזוי די פאַסקודנע סאָציאַל־פאַשיסטן...

די טאַנטע קלאַראַ איז אַריינגעקומען צוריק אין קיך. דערהערט אַז ס'גייט שוין דאָרט אַן אַ דיסקוסיע, האָט זי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— מאַרווין, מיט אַ גאַסט, ס'ערשטע מאָל אין הויז, דיסקוטירט מען נישט...

— ס'מאַכט נישט אויס. אדרבא, ס'איז מיר אינטערעסאַנט! — שמייכלט שואליק — איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז געקומען איצט בין איך, אייגנט־לעך, מיטן צוועק צו באַקענען זיך מיט מאַרווינען, זיך דורכשמועסן...

— צוליב וואָס, אַ שטייגער? איר ווילט וויסן, אפשר, צי ער איז ווערט צו זיין מיין ברודערס איידעם, האַ?... — מאַכט די טאַנטע סאַרקאַסטיש.

— איר'ט געטראָפן. טאַקע נאָר צוליב שלום!

— אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר אייער גוטער כוונה! — שמייכלט מאַרווין — אָבער ס'טוט מיר לייד אייך צו זאָגן, אַז איר האָט זיך נישט באַדאַרפט מטריח זיין צוליב דעם אַליין...

— מר. הר־שלום, איר וועט מיר פונדעסטוועגן דערלויבן אייך מכבד צו זיין מיט אַ טעפּעלע קאַווע? די קאַווע איז כ ש ר!... — מאַכט די טאַנטע קלאַראַ.

— אַ שיינעם דאַנק אייך! באַמיט זיך נישט. כ'האָב ערשט נישט לאַנג געטרונקען קאַווע! איכ'ל שוין גיין. מאָרגן איז אַן אַרבעטס־טאָג...

שואליק, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן מיט דעם הוט אויפן קאָפּ, האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן זיין מאַנטל, זיך געזעגנט און זיך געלאָזט אַרויסגיין.ביידע — די טאַנטע און מאַרווין — האָבן אים באַגלייט צו דער טיר.

אַ שניידנדיקער ווינט איז געקראָכן אין די ביינער. אַ גרויפּן־שניי האָט געשטאָכן אין פּנים.

שואליק האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין מאַנטל, אַראָפּגע־רוקט טיפער זיין קאַפּעליוש, געשפּאַנט עקשנותדיק־סטערדיש קעגן ווינט און געטראַכט:

אויף אַזאַ מין סאָרט אַפּשניט האָט ער זיך בכלל נישט געריכט. גייענדיק אַהער, איז ביי אים גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז דער מאַרווין וועט מיט פאַרגעניגן אָננעמען זיין פריינטשאַפט, און ער האָט פאַנטאַזירט וועגן דעם ידישן „צושטייער" וואָס ער וועט געבן דעם צוקונפטיקן לאַיער. איצט, גייענדיק אַהיים, האָט ער שוין געוואוסט, אַז ר'האָט געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס...

אַ ווײַלע האָט שואליק געטראַכט, אַז איצט דאַרף ער זיך אָפּוואָשן די הענט פונעם גאַנצן ענין. סײַווי האָט אים דאָך קײנער נישט געבעטן, און ער האָט זיך צו קײנעם נישט מתחייב געווען. נישט מער, ער האָט געוואָלט טאָן אַ גוטע זאַך אויף זײַן אײגענער אַחריות. אַביסל אויס רחמנות אויף ר׳ אריה־לײבן, אַביסל אויס מיטלײד מיט דעם פּאַרליבטן פּאָרל. אָבער איצט...

קאָמוניזם האָט שואליק געהאַלטן, איז אַצינד ווי ס׳איז געווען די קאַטוילישע אינקוויזיציע אַמאָל.

די אינקוויזיציע־פּאַטערס האָבן פאַרגעסן, אַז די רעליגיע איז געשאַפן געוואָרן פאַרן מענטש און נישט דער מענטש פאַר דער רעליגיע.

און די קאָמוניסטישע פּאַטערס האָבן אויך פאַרגעסן, אַז דער סאָציאַליזם איז געשאַפן פאַר דעם מענטש און נישט דער מענטש פאַרן סאָציאַליזם... פּונקט ווי די אינקוויזיציע איז געווען דער היפוך פון אמתער רעליגיע, אַזוי איז דער קאָמוניזם דער הפוך פון אמתן סאָציאַליזם.

מאַרווין איז אַ קאָמוניסט. און ער, שואליק, וויל מיט אים נישט האָבן קײן שום מגע־ומשא...

און ווידער האָט ער אַ טראַכט געטאָן: מעג ער, שואליק, לאָזן דעם פרומען ר׳ אַריה־לײב אין דער פינצטער?... ער אַלײן האָט דאָך ר׳ אריה־לײבן פּרובירט אײַנשטילן און אײַנרעדן, אַז דער מאַרווין איז זײַן טאָכטערס זיווג.. זײ האָבן זיך ליב, און ער טאָר זײ אין זײער ליבע נישט שטערן. איצט אָבער, אַז ער ווײסט ווער מאַרווין איז, ליגט אַ חוב אויף אים צו עפענען ר׳ אַריה־לײבן די אויגן...

שואליק איז אַרײַנגעקומען אין הויז אַ מידער, אַ דערפּרוּווירענער, און אַ צערודערטער.

חוהלע איז געזעסן אין עס־צימער מיט אַ בוך און געוואַרט אויף אים.

ביי שואליקס אַרײַנקום האָט חוהלע גלײַך באַמערקט אויף זײַן פּנים, אַז ער איז עפּעס נערוועז.

— דו ביסט עפּעס צעטראָגן, שואליק טײַערער, אָדער ס׳ווײַזט זיך מיר אויס?...

— נײן, חוהלע, ס׳ווײַזט זיך דיר נישט אויס!

— וואָס איז געשען?

— חוהלע, כ׳האָב זיך טועה געווען אין חשבון. מײַן גאַנצער פּלאַן איז דורכגעפאַלן, געווען נישט מער ווי אַ פאַנטאַזיע, אַן אילוזיע!... — מאַכט שואליק אומעטיק, און ער דערצײלט איר אַלץ.

— לאָז עס אָפּ, שואליק!...

ר׳ אריה־לייב שעוויץ האָט ווידער נישט אויסגעפירט זיין סטראַשו־נעק. ער האָט אַלץ זיך געהאַלטן ביים כלל, אַז מיט בייזן פירט מען נישט אויס גאָרנישט. אדרבא — מ׳מאַכט נאָך צומאָל ערגער.

ער האָט מאַרווינען נישט אַנגעטריבן, ווי ר׳האָט געסטראַשעט. און נישט נאָר האָט ער אים געלאָזט ווייטער אַרבעטן אין שאָפּ ביי זיך, נאָר ער האָט אויך געצאָלט ווייטער פאַר זיין קאָלעדזש, ווי ער האָט פאַרשפּראָכן.

קאַפּיטל פיר

א

דער ניו יאָרקער ווינטער, וואָס איז אָנגעקומען פרי, איז אויך אַוועק פרי.

ערב־פּורים האָט שוין געשמעקט פרילינגדיק. פון איסט־ריווער האָבן זיך געטראָגן לינדע ווינטעלעך. די טעג האָבן זיך געשטעלט זוניק־ליבלעכע.

שושן־פּורים, אַרום צען אַזייגער ביינאַכט, נאָכדעם ווי חוהלע איז געקומען אַהיים פון תלמוד־תורה און אָפּגעגעסן איר וועטשערע, האָט זי זיך געגרייט אַרויסצוגיין מיט שואליקן צו כאַפּן פרישע לופט. צום הויז איז צוגעפאָרן מאַיקעל האַפּקינס און געבראַכט מיט זיך אויך ביטריסן.

— אָ, אומגעריכטע געסט! קומט אַריין, קומט אַריין!... — האָבן שואליק און חוהלע זיי באַגעגנט ביים אַריינגאַנג.

— ניין. אין אַזאַ שיינעם אָוונט איז אַן עבירה צו זיצן אין הויז! — האָט מאַיקעל געשמייכלט, — קומט, וועלן מיר זיך דורכפאָרן אַביסל!

די פענצטער פון דער מאַשין זענען געשטאַנען אָפן. ס׳איז געווען לופטיק און געשמאַק צו פאָרן. דער טראַפיק — שיטער. די גאַסן — איינ־געשטילט.

— איר ווייסט וואָס אונדז האָט איצט געבראַכט צו אייך? — מאַכט מאַיקעל — איר׳ט גאָרנישט טרעפן. מיר האָבן אַ סורפריז פאַר אייך, אַ פריילעכן סורפריז!...

— אַדרבא, לאָמיר הערן! — מאַכט שואליק.

— ביטריס און איך גייען חתונה האָבן אין צוויי וואָכן אַרום. ראש־חודש ניסן וועט זיין די חופה!

— טאַקע אַ פריילעכער סורפריז. זאָל זיין אין אַ שעה מוצלחת!... — מאַכט שואליק צופרידן, און חוהלע גיט־צו איר וואונטש אויך — זאָל זיין מיט גליק!...

— אַ דאַנק. דאָס זעלבע צו אייך! — ענטפערט ביטריס.

— יאָ, הערט ווייטער! — מאַכט מאַיקעל — כ'וויל, אַז איר ביידע זאָלט נעמען „אונטערפּירנס" פון מיין צד!

— מיט פאַרגעניגן, מאַיקעל! — מאַכט שואַליק, און חוהלע איז באַלד מסכים, צוגעבנדיק — ס'אַ פאַרגעניגן און אַ האָנאָר!...

דער באַשלוס וועגן זייער חתונה, און אַזוי שנעל, איז אַפילו פאַר מאַיקלען און ביטריסן אַליין געקומען אומגעריכט.

און געשען איז עס אַזוי:

ווי וואויל מאַיקעל איז געווען משוגע־פאַרליבט אין ביטריסן, האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט באַשליסן אַזוי גיך. ער האָט זיך לעצטנס געטראָפן מיט ביטריסן דריי־פיר מאָל אין דער וואָך, און דאָך האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי פאַרזיכטיק, ווי איינער וואָס שטעלט טריט אויף דינעם אייז. אַלס אַ בעל־נסיון, אַן עקספּערט אויף פרויען, האָט ער געהאַט גענוג פאַרטלען און איינפאַלן ווי צו דערקענען זיי, אָבער ווי אויף צו־להכעיס פלעגט זיך אים ביטריס אַרויסגליטשן פון צווישן די פינגער, ווי אַ צאַפּלדיקער שלייען. ער האָט געוואוסט, אַז ביטריס גייט שוין איצט מער נישט אַרויס מיט קיין אַנדערן פון אירע פריינט, חוץ אים, און — פונדעסטוועגן האָט ער אַלץ נישט געקאָנט וויסן, צי דאָס טוט זי טאַקע צוליב דעם, וואָס זי האָט אים אמת ליב, אָדער — בלויז די רייכע מתנות זיינע פאַרבלענדן זי.

און נאָך אַ זאַך, אַ פּיל וויכטיקערע. ער האָט געוואוסט, אַז ביטריס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פיינער, אָנשטענדיקער פאַמיליע, אָבער — ער האָט פאָרט געטראָגן אַ ספק אין האַרצן צי ביטריס איז טאַקע אַזוי ריין און צניעותדיק, ווי ער וואָלט וועלן. און אָט דאָס איז געווען דער ע י ק ר...

מאַיקעלס מורא און צווייפל איז כמעט דערגאַנגען ביז צו אַבסורדישקייט און אַפילו אומנאַרמאַלקייט. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען, אָבער — ווי אַן אָפּגעבריטער אויף הייסן, האָט ער איצט געבלאָזן אַפילו אויף קאַלטן...

זיין לעצט מיידל, בעסי, איז אים תמיד געשטאַנען פאַר די אויגן, ווי אַ סטראַשידלע. די געשיכטע מיט דער בעסין האָט אים פון מוח נישט געקאָנט אַרויס. זי איז דערצויגן געוואָרן נאָך אין אַ מער רעליגיעז הויז, ווי ביטריס. בעסיס פאָטער איז געווען אַ „רעווערענד", מוהל און מסדר־קידושין". זי האָט געהאַט אַ סך מעלות, שיין און קלוג און געלערנט. זי האָט אויסגעזען ווי די צניעות אַליין. די אידעאַלסטע פון אַלע מיידלעך, וואָס ער האָט געקענט. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אָט די בעסי זאָל האָבן אויף זיך אַזאַ „פלעק", ווי ער האָט צופעליק אויסגעפונען!...

דער געדאַנק צו טראַכטן וועגן ביטריסן דאָסזעלבע האָט מאַיקלען אַריינגעוואָרפן אין אַ ציטערניש. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז אויב

און ווען, חס־וחלילה, די שעה זאָל נישט זיין, ס'זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז ביטריס איז ווי בעס — דאַן איז אויס, אַ סוף, אַן עק צו אַלע זיינע זוכענישן, און ער בלייבט אַ „בעטשעלאָר" אויף אַלע זיינע יאָרן.

דערווייל איז ער, מאַיקעל, שוין געוואָרן דורך דער צייט כמעט אַ בן־בית ביי ביטריסן אין הויז. נישט נאָר די צוגעלאָזענע פערל, ביטריסעס שוועסטער, נאָר אפילו דער קאַלטער עזרא, ביטריסעס שוואָגער, אויף וועלכן מאַיקעל פלעגט זאָגן, אַז ס'בלאָזט פון אים מיט פראָסט, האָט זיך שוין באַצויגן צו אים, ווי צו אַן אייגענעם.

און זי, ביטריס, — וואָס נענטער זיי זענען געוואָרן, אַלץ ווייטער האָט זי זיך גענומען האַלטן פון אים.

יענע, בעסי, איז אָבער אויך אַזוי געווען די לעצטע צייט פון זייערע באַגעגענישן, — און אַט דאָס האָט אים שטאַרק געשראָקן און דענערווירט...

מאַיקעל איז ווידער געפאַלן אויף אַן המצאה, פּונקט ווי דאָס ערשטע מאָל. אָבער איצט איז עס נישט געווען קיין שפּאַס, נאָר אַן אמת. ער איז אַוועק און געקויפט אַ גרויסן ראַדיאָ־פאָנאָגראַף פון דעם סאַמע בעסטן סאָרט אויפן מאַרק. ער האָט באַצאָלט אַ גרויסע סומע געלט פאַר דעם וואונדערשיינעם אַפּאַראַט. און ער האָט דערציילט ביטריסן, אַז דאָס האָט ער געקויפט פאַר איר פאַרגעניגן וועגן.

יענעם אָוונט האָט מאַיקעל גענומען ביטריסן אין טעאַטער און נאָכ־דעם אין רעסטאָראַן. ער האָט געזען, אַז ביטריס זאָל ביים טיש טרינקען אַ פּאָר גלעזלעך משקה מער ווי תמיד. זי איז אַרויס פון רעסטאָראַן גאַנץ בגילופנדיק. און דאַן האָט ער געזאָגט, אַז זי מוז איצט אַרויפגיין מיט אים אין זיין אַפּאַרטמענט אַנצוקוקן און צו הערן דעם ראַדיאָ־פאָנאָגראַף. און אָט די המצאה זיינע איז אים געלונגען. ביטריס, עטוואָס אַ באַרוישטע, האָט נאָכגעגעבן.

ביטריס איז פון דער נייער מתנה געווען שטאַרק באַצויבערט. זי האָט נאָך אַזוינס נישט געזען. מאַיקעל האָט אָנגעשטעלט טאַנץ־מוזיק פריער אויפן ראַדיאָ און נאָכדעם אויפן פאָנאָגראַף און געשלעפּט ביטריסן טאַנצן.

דער יאַפּאַנישער באַדינער, שיגו, האָט אויפן פאַרזאָג פון מאַיקלען דערלאַנגט אַלעמאָל פאַרשידענע ליקערן און קאָניאַק און נאַשעררייען. ביטריס האָט נישט געטרונקען, נאָר בלויז אַ לעק געטאָן, און דאָך איז זי געווען צעוואָרעמט און באַרוישט. מאַיקעל האָט זי געפרעסן מיט די אויגן, אָבער געהאַלטן פאַסאָן.

ווען ביידע זענען מיד געוואָרן פון טאַנצן, האָבן זיי זיך צוגעזעצט אויף דער ווייכער סאָפע אָפּרוען. ביטריס האָט זיך אָפּגערוקט פון מאַיקלען אין צווייטן עק, און די אויגן־לעדלעך האָבן זיך ביי איר גענומען קלעפּן.

— לייג־זיך־צו, ביטריסל, און מאַך־צו די אויגן אַביסל!... — מאַכט מאַיקעל.

— דאָ זיך צולייגן? אָ, ניין, מאַיקעל!... — שמייכלט ביטריס.

— דאָ ביסטו דאָך ביי זיך אינדערהיים, טייערע!

— דערווייל נאָך נישט...

מאַיקעל האָט זי אָנגענומען ביי די הענט, זי צוגעדריקט, גענומען זי קושן. ביטריס האָט אים צוריק געקושט.

— האָסט מיך ליב, ביטריסל, זיסע? — שעפּטשעט מאַיקעל איר אין אויער.

— יאָ, טייערער...

— שטאַרק ליב?

— שטאַרק...

— באמת ליב?

— באמת...

— אויף אייביק ליב?

— אויף אייביק...

ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. ביידע האָבן געאָטעמט שווער. מאַיקעל האָט דערפילט, אַז ביטריס ציטערט מיט אַלע אברים. ער איז צוגעפאַלן צו איר, גענומען אויסקושן איר גאַנץ פּנים. איינגעזויגן אירע ליפּן, און געמורמלט נאַריש־זיסע ליבע־צוזאָגעכצן...

ביטריס האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין איר גאַנצן קערפּער. די שוואַכקייט איז אָנגעלאָפן מיט אַזאַ זיסקייט, וואָס זי האָט נאָך אין איר גאַנץ לעבן אַזוינס נישט געפילט.

זי האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ רייס־אַרויס פון מאַיקעלס אָרעמס מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זי האָט אים שיער נישט אומגעוואָרפן:

— מאַיקעל, לאָז מיך!...

— ביטריסל, ביסט דאָך מיינע!

— דערווייל נאָך נישט...

— ביטריסל, זיסע!

— קום צום שכל, מאַיקעל!...

— ביטריסל —

— אויב דו לאָזט מיך נישט אָפּ, מאַך איך אַ געוואַלד, מאַיקעל!...

— אָט דידאָזיקע ווערטער, ביטריסל, האָב איך געוואָלט הערן פון דיר, טייערע! ביטריסל ר יי נ ע, איצט ביסט דו מיינע, מיינע אויף אייביק!...

און יענעם אָוונט האָבן זיי ביידע באַשלאָסן, אַז זייער חתונה זאָל זיין נישט שפּעטער, ווי אין ראש־חודש ניסן...

די הכנות צו דער חתונה האָט מאַיקעל גענומען אויף זיך, און זיי

זענען געמאַכט געוואָרן שנעל. מאַיקעל האָט געלאָזט די ביזנעס אויף זיינע מענטשן. ביטריס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר שטעלע אין רעדאַקציע.ביידע זענען טאָג־נאָך־טאָג אַרומגעפאָרן צוזאַמען, איינגעקויפט אַלץ, צוגעגרייט אַלץ. די איינלאַדונג צו שואליקן און חוהלען, זיי זאָלן זיין די אונטערפירערס פון מאַיקעלס צד, איז געווען די סאַמע לעצטע הכנה.

די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן זייער רייך. קיין סך געסט זענען נישט געווען, אָבער די שמחה איז געווען אַ פריילעכע, אַ וואַרעמע. שואליק און חוהלע האָבן זיך געפרייט מער ווי אַלע. דאָס איז ביי זיי ביידע געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי האָבן געטאַנצט צוזאַמען און זיך אַזוי געפרייט צוזאַמען.

דידאָזיקע שמחה האָט דערהויבן זייער געמיט. די פרייד איז געווען אַנשטעקנדיק. זי האָט דערוועקט אין זיי די גאַרונג זיך אויך וואָס גיכער צו פאַרבינדן אַלס מאַן און ווייב.

אָפּקילנדיק זיך נאָכן לאַנגן טאַנצן, האָבן שואליק און חוהלע זיך אַריינגעשושקעט אין די אויערן:

— „בשעת חדווה — חדוותא״!... איין פרייד ברענגט אַ צווייטע פרייד!...

און טאַקע דאָרט האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זייער אייגענע חתונה זאָל זיין שבת נאָך שבועות.

ב

שואליקס צייטווייליקע דערלויבעניש צו מעגן וואוינען אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע אַלס אַרבעטער האָט זיך באַדאַרפט ענדיקן אַרום שבועות־צייט. ער האָט איצט געמוזט האָבן אַ פאַרלענגערונג, אַ „פּראָלאָנגאַציע״, פון דעם עמיגראַציע־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן.

לויט ווי ער און חוהלע האָבן אויסגערעכנט האָט די נייע דערלויבעניש באַדאַרפט זיין צום ווינציקסטן אויף פיר חדשים.

דער חשבון איז געווען אַזאַ:

זייער חתונה האָבן זיי אָפּגעשמועסט אויף שבת־נאָך־שבועות. און זייער היים האָבן זיי באַשלאָסן צו מאַכן אין ארץ־ישראל. אָבער נישט שואליק און נישט חוהלע האָבן געקאָנט אָפּפאָרן פון אַמעריקע פריער פאַר סוף חודש אלול.

שואליק האָט נאָך באַדאַרפט אָפּצאָלן אין באַנק אַ היפּשע סומע אויף דער הלוואה, וואָס ער האָט געליען פון זיינע עלטערנס וועגן.

חוהלע האָט אויף זיך אויך געהאַט אַ פליכט צו בלייבן אויף איר שטעלע אין תלמוד־תורה ביזן סוף זמן.

צו גיין איצט בעטן ר׳ שלמה־שעיהן, אַז ער זאָל זיך באַמיען צו

באַקומען די נייע דערלויבעניש, האָט שואליק נישט געקאָנט. זיין כאַראַק־טער און זיין געוויסן האָבן אים נישט דערלאָזט.

דער „רעוואָלט", וועלכן ער האָט אָנגעפירט צווישן די שאַפּ־אַרבעטערס קעגן ר' שלמה־שעיהן, איז אין די לעצטע חדשים געוואָרן רייפּער, שטאַרקער, און אָנגענומען אַ פאָרם פון רעאַליטעט, פון ממשות. די מלווה־מלכה'ס, וואָס זענען אָנגעגאַנגען דעם גאַנצן ווינטער און געפּראַ־ווועט געוואָרן אַלעמאָל ביי אַן אַנדערן אַרבעטער אין הויז, זענען געווען דערפאָלגרייך. עס זענען אויך שוין גערופן געוואָרן אָפטע פאַרזאַמלונגען פון די אַרבעטערס פון שאַפּ אינמיטן וואָך.

לויט ווי שואליק און חוהלע האָבן אויספּלאַנירט, האָט מען באַדאַרפט אַרויסקומען מיט די פאָדערונגען צו ר' שלמה־שעיהן פונקט ל"ג־בעומר, דאָס הייסט קנאַפּע דריי וואָכן פאַר שבועות. די פאָדערונגען האָבן באַדאַרפט באַשטיין פון אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, אַ האַלבן ערב־שבת־טאָג, און פון אַ צען־דאָלאַרדיקער הוספה אַ וואָך.

און אַז ס'האָט געהאַלטן דערביי שוין, האָט שואליק נישט געקאָנט טראָגן אַ מאַסקע אויפן פּנים און זיין מיט ר' שלמה־שעיהן אַזוי פריינט־לעך, ווי פריער. ווער שמועסט בעטן אַ טובה ביי ר' שלמה־שעיהן איצט, צו העלפן אים באַקומען די נייע דערלויבעניש צו בלייבן אין לאַנד די פיר חדשים, — דאָס האָט שואליק אַוודאי נישט געקאָנט טאָן.

נאָכדעם ווי שואליק און חוהלע האָבן די זאַך גוט אַרומגעטראַכט, האָבן זיי באַשלאָסן אָנצושטעלן דעם יונגן לאַיער גוטקין, אַז ער זאָל פאַר שואליק אויסכלאַפּאָטשען אין וואַשינגטאָן די פּראָלאָנגאַציע אויף די פיר חדשים.

דער יונגער לאַיער גוטקין איז געווען זייערביידנס, שואליקס און חוהלעס, אַ בשותפותדיקער פריינד. מיט חוהלען האָט זיך גוטקין געקענט שוין פון לאַנג. איידער ער איז געוואָרן אַ לאַיער, איז ער געווען אַ העברעיי־שער לערער, און אַ פּאָר יאָר ער האָט געהאַלטן אַ שטעלע אין איין תלמוד־תורה מיט חוהלען. און מיט שואליקן האָט ער זיך באַקענט אין דער „יאַנג איזראַעל" שול, און זיי זענען מיט דער צייט געוואָרן נאָענטע פריינט.

גוטקין האָט זיי פאַרזיכערט, אַז ס'וועלן קיין שום שוועריקייטן נישט זיין. און ער האָט זיי געראָטן, אַז זיי זאָלן אַרויסנעמען זייערע „מערידזש לייסענס" פאַר פּסח, נאָך איידער ער שרייבט אַוועק קיין וואַשינגטאָן. דאָס וועט געוויס צואיילן די דערלויבעניש...

ערב פּסח איז אויסגעפאַלן מאָנטיק. אין „הייליקן שאַפּ" האָט מען אין אַן ערב יום־טוב געאַרבעט בלויז אַ האַלבן טאָג. און שואליק מיט חוהלען

האָבן אָפּגעשמועסט דאָן צו גיין אַרויסנעמען זייער חתונה־דערלויבעניש, „מערידזש לייסענס".

ווען מ'האָט אין שאַפּ אָוועקגעלייגט די אַרבעט, האָט ר' שלמה־שעיה אַריינגערופן אַלע אַרבעטער אין אָפיס אַריין. ער איז איצט געווען יום־טובדיק אויפגעלייגט. ער האָט, ווי זיין מנהג איז געווען יעדן ערב פּסח, געהאַט אָנגעגרייט פאַר יעדן איינעם אַ קאָנווערט מיט עטלעכע דאָלאַר אויף: „מצות און ארבע כוסות", ווי ער האָט עס אָנגערופן.

אַלע האָבן צוגענומען די קאָנווערטן און אים געדאַנקט און אים געווּאונטשן אַ כשרן און פריילעכן פּסח. שואליק האָט דעם קאָנווערט נישט געוואָלט צונעמען.

— א י ך דאַרף דאָך נישט אויף „מצות און אַרבע כוסות" !... — האָט ער געשמייכלט.

ר' שלמה־שעיה איז געוואָרן רויט. ער איז אַריין אין דער „קפּידה" און געוואָלט גלייך אַרויספּלאַצן. ער האָט זיך אָבער באַטראַכט און זיך איינגעהאַלטן — ער טאָר זיך איצט מיט שואליקן נישט קריגן. ער דאַרף אים האָבן. אָט־אָט באַלד גייט אויס זיין יאָר. ער קאָן דעם שואליקן נישט אָפּלאָזן פון זיך. שואליק האָט אים געבראַכט „שפע". און טאָמער וועט ער טאַקע נאָך זיין חתונה, שבת־נאָך־שבועות, וועלן אָפּפאָרן צוריק קיין ארץ־ישראל, וועט עס זיין פאַרן שאַפּ אַ גרויסער שאָדן. איצט, אַז ר'האָט זיך מיט אים שוין צערעדט, וויל ער טאַקע אַ טאָפּ טאָן דעם דופק ביי אים, וויסן וואָס זיין פּלאַן איז. און ער טוט אַ זאָג:

— שואליק, גראָד איצט, ערב פּסח, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אָט־אָט ערב שבועות גייט דאָך אויס דיין „וויזע". וואָלסטו געוואָלט, אַז כ'זאָל נעמען כלאָפּאָטשען וועגן אַן „עקסטענשאָן", האַ ?...

שואליק איז געוואָרן שטאַרק מבולבל אויפן מאָמענט. הער נאָר, ר' שלמה־שעיה שלאָגט א י ם גאָר פאַר זיין מיטהילף ! ווען ר' שלמה־שעיה זאָל איצט וויסן וואָס ער, שואליק, גרייט־צו פאַר אים, וואָלט ער אפילו נישט געוואָלט רעדן מיט אים...

— אַ שיינעם דאַנק אייך, ר' שלמה־שעיה, וואָס איר ווילט זיך באַמיִען פון מיינעטוועגן. אָבער... אָבער... כ'האָב שוין די זאַך איבערגעגעבן צו אַ לאָיער, מיינעם אַ ידיד !...

— פאַרוואָס אַ לאָיער ? ס'דאַך אַן עבירה געלט. א י ך קאָן עס קריגן אומזיסט דורך מיין מעקסעלען !

— צו וואָס זאָלט איר זיך „באַדערען" פאַר מיר ?

— ס'איז נישט נאָר פאַר דיר, נאָר פאַר מ י ר אויך...

— כ'מיין, ע ?... — קוקט אויף אים שואליק מיט אַ פרעגנדיקן בליק.

— דיין חתונה וועט דאָך זיין מירצעשעם, שבת־נאָך־שבועות, ווי איך

הער, און דאָן איז שוין צייט צו נעמען אַרבעטן פאַרן נייעם „סעזאָן“, פאַר ימים־נוראים, וואָלט איך וועלן, דו זאָלסט נאָך בלייבן דאָ... די שכירות וועלן דיר צונוצקומען, מיין איך... איז וואָס זאָגסטו, האַ?...

— מיר׳ן לעבן, וועלן מיר זען וואָס ס׳וועט זיך טאָן! — שמייכלט שואליק — אפשר וועט איר מיך דאַן גאָרנישט וועלן האָבן...

— פאַרוואָס זאָל איך דיך נישט וועלן? כ׳מעג טאַקע זיין אַביסל ברוגז אויף דיר פאַר דיין התנהגות מיט מיר. אָבער כ׳בין גערן דיך צו האָבן אין שאָפּ אַזוי לאַנג ווי דו אַליין וועסט נאָר וועלן...

— אַ שיינעם דאַנק, ר׳ שלמה־שעיה.

— זייַ־זשע נישט קיין קינד און נעם דעם „ענוועלאָופּ“, שואליק, און לאָמיר האָבן אַ כשרן און אַ פריילעכן פסח!... — מאַכט ר׳ שלמה־שעיה און רוקט אַריין דעם קאָנווערט שואליקן אין קעשענע אַריין.

שואליק האָט אים נישט געוואָלט באַליידיקן, געלאָזט ביי זיך דעם קאָנווערט, און אַ זאָג געטאָן:

— יישר־כוח, און אַ גוטן יום־טוב!

ג

חוהלע האָט אויפגעוואַכט אין יענעם ערב־פסחדיקן פרימאָרגן זייער פרי און זייער פריילעך. זי האָט נ׳שט געדענקט, אַז זי זאָל ווען ס׳איז אין איר לעבן געווען פילן אַזוי גוט אויפן האַרצן און אַזוי גרינג אויף דער נשמה.

און פונקט ווי ז י האָט באַגעגנט דעם פרימאָרגן מיט אַ פריילעך האַרץ, אַזוי האָט אויך די ז ו ן באַגעגנט דעם פרימאָרגן מיט אַ שיינענדיק פּנים — אַן אָנזאָג אויף אַ ליכטיק־וואַרעמען פרילינג־טאָג.

חוהלע איז אַראָפּ פון בעט, אַרויפגערוקט דעם רולעט, אויפגעעפנט די אייבערשטע העלפט פון איר פענצטער, און ס׳האָט געגעבן אַ שפּאַר אַריין פון דרויסן אַ שטראָם פון שיין און לופט, און אַ צוויק־צוויטש פון אַ פּאָר פייגעלעך, וואָס האָבן, ווייזט אויס, ערשט זיך אומגעקערט פון ערגעץ ווייט קיין ניו יאָרק, און פאַרבלאָנדזשעט אויף דער ביימערלאָזער איסט סייד אין הענרי־סטריט...

איינאָטעמענדיק פולע לונגען מיט דער פרישער פרילינג־לופט, איז חוהלען אַרויף אויפן זכרון דער שיר־השירים, וואָס זי האָט אין די לעצטע פּאָר וואָכן געלערנט לכבוד פסח מיטן העכסטן קלאַס.

טאַקע אַן אמת שיר־השירימדיקער פרימאָרגן! שיר־השירימדיק אינ־דרויסן און שיר־השירימדיק אויפן האַרצן!... סאַמע אין אָט דעם טאָג וועט זי און שואליק דאַרפן גיין אַרויסנעמען די „מערידזש לייסענס“,

שטעלן די ערשטע טריט צו זייער צוזאַמענבונד, שיינט די וועלט אַזוי ליכטיק!...

חוהלע איז צוריק אַריין אין בעט, פאַרוואָרפן די אָרעמס הינטערן קאָפּ און זיך צעגענעצט גליקזעליק.

וואָס טוט איצט שואליק? — האָט חולע זיך אַ נורע געטאָן ליידנ־שאַפטלעך אין איר קאָלדרע — איז ער שוין אויך וואַך? איז ער אויך אין אַזאַ לוסטיקער שטימונג ווי זי?... אַ שאָד, וואָס ער מוז נאָך היינט אויך גיין צו דער אַרבעט. אַך, ווי זי וואָלט איצט געוואָלט אים האָבן אָט־דאָ ביי זיך און רעדן און פּלאַפּלען, און זיך קושן און זיך האָלובען געשמאַק!...

אַ היפּשע ווייל איז זי אַזוי געלעגן און געטראַכט און געחלומט און געשפּרונגען פון איין געדאַנק צום צווייטן. זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן וועקזייגער, וואָס אויף איר נאַכט־טישל:

— אָ, שוין באַלד זיבן אַזייגער! ווי די ווייזערס לויפן!...

זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, זיך דערפרישט מיטן קאַלטן וואַסער איבערן נאַקן און איבער די אָרעמס, זיך צוגעקעמט, צוגעפּודערט, אָנגעטאָן איר בלוי־אַטלעסענעם שלאָפראָק און איז אַריין אין עס־צימער.

דער פאָטער האָט געהאַלטן ביים צונויפלייגן דעם טלית־און־תפילין נאָכן דאַווענען. די מוטער איז געווען אין קיך. חוהלע איז אַריין צו דער מוטער, איר אַ געשמאַקן קוש געטאָן.

— אוי, מאַמע, ס׳איז מיר אַזוי גוט אויפן האַרצן היינטיקן פרימאָרגן!...

— ס׳אַ סימן, טאָכטער, אַז ס׳וועט דיר, מערצעשעם, זיין תמיד גוט!... — קושט זי די מוטער צוריק אַ נחתדיקע.

שואליק איז אַריין, זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער קיך־שוועל אַן אויפגעלייגטער און באַגריסט בײדן דאָרט:

— גוט מאָרגן! גוט מאָרגן!

און גלייך צו חוהלען:

— וואָס ביסטו עפּעס אויפגעשטאַנען אַזוי פרי? היינט האָסטו דאָך געמעגט שלאָפן אַביסל שפּעטער!...

— געמעגט — אַוודאי. די פראַגע איז נאָר צי כ׳האָב געקאָנט...

— דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך זיך אויך היינט אויפגעכאַפּט זייער פרי!

— דער טאָג, שואליק, האַ?

— יאָ, חוהלע, דער טאָג! — שמייכלט שואליק.

שמואל־הערש איז אויך צוגעקומען צו דער קיך־טיר, גענומען קוקן צופרידן־נחתדיק פון אונטער זיינע געדיכטע ברעמען און דיקע שפּאַקולן:

— נו, נו, מ׳דאַרף זיך איצט צואיילן! ערב־פּסח! מ׳דאַרף נאָך פאַר־ברענען דעם חמץ!...

דער פרישטיק איז געווען אַ שנעלער. קיין ברויט איז שוין אויפן טיש נישט געווען. קיין מצה האָט מען נאָך נישט געטאָרט עסן פאַרן סדר און פאַר דער ברכה „על אכילת מצה״. כאַנציע האָט דערפאַר צוגעגרייט אַ „נייטראַלן״ פרישטיק פון אַ „פּראַזשעניצע״ און קאַרטאָפל־לאַטקעס מיט קאַווע.

נאָך דער ברכה־אחרונה איז שמואל־הערש אַרויס הינטערן הויז פאַר־ברענט דעם חמץ, און ער מיט שואליקן האָבן זיך גענומען איילן אין שאָפּ אַריין.

— ווען, דענקסטו, וועסטו זיין אין דערהיים צוריק, שואליק? — פרעגט חוהלע מיט אַ פריידיק שמייכעלע.

— אַרום האַלב נאָך צוועלף, מסתמא, חוהלע! שלום וכל טוב!... — מאַכט שואליק צופרידן.

כאַנציע האָט צוגענומען פון טיש און איז אַריין אין קיך.

חוהלע איז אַריין צוריק אין איר צימער. זי האָט זיך אָנגעקוקט אין שפיגל און איז זיך אַליין געפעלן. זי האָט זיך געפילט ווי צום טאַנצן, און זיך טאַקע גענומען דרייען איבערן צימער. און דערביי האָט זי געלאַכט פון זיך אַליין:

— פריילעכקייט און וואוילטאָג ברענגען, הפנים, נאַרישקייט און קינדישקייט!...

זי האָט זיך צוגעזעצט צום שרייבטישל. לייענען האָט זי נישט געוואָלט. זי האָט גענומע מישן פאַפּירן אין שופלאָד גלאַט אַזוי אָן אַ ציל. מישנדיק, איז איר צו דער האַנט געקומען מינצס לעצטע בריוול. זי האָט עס אַ כאַפּ געטאָן און גלייך געוואָלט עס צערייסן אויף פּיק־פּיצלעך. זי האָט עס אָבער נישט געטאָן. אָנשטאָט דעם האָט זי געטאָן אַ שלעפּ אַרויס דאָס בריוול פון קאָנווערט און גענומען נאָכאַמאָל איבערלייענען. זי האָט געוואָלט זיך אַליין איצט אויספּרובירן, צי ווערלן זיינע ווערטער עפּעס באַדייטן פאַר איר הייגט. זי האָט געקוקט אויף די קורצע שורהלעך, — פּונקט ווי שורהלעך אויף אַ מצבה! געווען אַ מינץ און — נישטאָ מער. „מינץ און שואליק״. ס׳אַראַ חילוק! מינץ האָט אַפילו אין זיינע סאַמע ליכטיקסטע מאָמענטן געטראָגן מיט זיך אַ שאָטן. שואליק איז לויטער ליכט... אים, דעם טייערן און ליבן שואליקן, וועט זי זיין אי אַ געליבטע און אי אַ לערערין. זי האָט מער דערפאַרונג אין לעבן, און זי וועט אים פירן לויט איר פאַר־שטאַנד. דערצו איז ער ערלעך און פ ר ו ם...

— יאָ, זיין פרומקייט!... — שפּאַרט חוהלע אונטער איר קאָפּ מיט די הענט אויפן שרייב־טישל — זיין פרומקייט האָט זי פריער געשראָקן טאַקע. אָבער — נישט איצט. איצט ווייסט זי אויף זיכער: ע ר איז נישט אַזוי פאַנאַטיש, ווי זי האָט תחילת געדענקט. ז י האָט דאָך אויך שוין לאַנג

אויסגעאַרבעט איר רעליגיעזע פילאָזאָפיע. צי זי וועט אַמאָל האָבן אמתע אמונה צי נישט — שואליקס פרומער לעבנס־שטייגער איז איר אַצינד נישט פרעמד. זי קאָן גיין מיט אים האַנט־אין־האַנט. טראַדיציע איז דאָך ביי איר דער „יסוד" פון יידישן קיום, — „סינע קווא נאָן". יאָ, יידישקייט האָט טאַקע אָפּט אַנגענומען נייע פאָרמען. אין דעם לאַנגן היסטאָרישן פּראָצעס, אָנהייבנדיק מיט תורת־משה, דורך די נביאים, דורך דעם תלמוד, און ביז די לעצטע פוסקים, האָט יידישקייט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע מעטאַמאָרפאָזעס, פאַרשידענע איבערגעשטאַלטיקונגען. אָבער אַלע נייע פאָרמען האָבן געמוזט זיין געבויט אויפן פונדאַמענט פון די אַ ל ט ע. די „קאַראַימער", וואָס האָבן זיך געהאַלטן עקשנותדיק נאָר ביי דער אַלטער פאָרם, און די רעפאָרמאַטאָרן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן נאָר ביי דער נייער פאָרם, האָט דער סוף פון זיי ביידע געמוזט זיין — אונטערגאַנג!... די פילאָזאָפיע פון „חפץ חיים" איז יידישקייט. און די פילאָזאָפיע פון חיים זשיטלאָווסקי איז אויך יידישקייט. אָבער — נאָר ווען מיר האָבן דעם ע ר ש ט ן חיים קאָנען מיר זיך פאַרגינען צו האָבן אויך דעם צ וו יי ט ן חיים. דער צווייטער חיים אַליין איז כלל קיין „חיים" נישט פאַר יידן!...

— אַך, ס'אַראַ פיינער געדאַנק! — געפעלט חוהלען אַליין אָט דער זאָג — זי וועט עס דאַרפן איבערזאָגן פאַר שואליקן. ער וועט דערפון אַנקוועלן!...

חוהלעס בליק איז געפאַלן אויף דער נעכטיקער „ניו יאָרק טיימס", וואו אויף דער ערשטער זייט איז געווען אַ טעלעגראַמע פון ארץ־ישראל. אין לאַנד איז שטאַרק אומרויק. מ'שרעקט זיך פאַר אַראַבישע אויסברוכן.

— וואָלט זי, חוהלע, איצט געוואָלט זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל? — ניין! יעדנפאַלס איצט — נישט! קיין ארץ־שראל וויל זי איצט פאָרן מיט שואליקן בלויז אויף די צוויי חדשים פון איר וואַקאַציע, צו זען זיינע עלטערן, צו זען דאָס לאַנד, און קומען צוריק אַהיים. שואליק וועט געוויס איינשטימען מיט איר דערויף. פאַר אים איז דאָך אויך קיין פּלאַן נישט צו בלייבן דאָרט איצט. קיין חלוץ־טיפ איז ער נישט. קיין ביזנעסמאַן — אויך נישט. זי איז זיכער, אַז אין דער צייט, וואָס זיי וועלן זיין אין ארץ־ישראל, וועט זי קאָנען אויסווירקן פאַר אים אַ וויזע אַלס אימיגראַנט. זי איז דאָך אַן אַמעריקאַנער בירגערין און האָט רעכט צו ברענגען איר מאַן קיין אַמעריקע...

און איר געדאַנק איז געלאָפן ווייטער:

אַמעריקע איז דאָך פאָרט דאָס לאַנד פון מעגלעכקייטן. שואליקס מלאכה אַלס „טליתניק" איז נישט קיין צוקונפט פאַר אים. בעסער זאָל ער נעמען לערנען אַ פּראָפעסיע. אַ שאַרפן גמרא־קאָפּ האָט ער. יונג איז ער. ער קאָן נאָך אַלץ דערגרייכן. זי אַליין טאַקע וועט אים קאָנען צוגרייטן צו

קאַלעדזש זייער גרינג. זאָל ער זיך אַליין אויסקלייבן אַ פּראָפעסיע לויט זיין געשמאַק — פאַרמאַציע, דענטיסטיק. און אויב ס'וועט זיין שווער פאַר אים צו אַרבעטן און שטודירן, וועט זי אַליין אַרבעטן און אים לאָזן פריי שטודירן, ס'וועט זיי סטייען צום לעבן. יאָ, שואליק וועט זי פאָלגן. ער איז גוט... ער איז „זיס"!...

פון אַכט אַזייגער אינדערפרי האָט חוהלע געהאַט גענוג צייט. זי האָט געקלערט, געמאַכט פּלענער פאַר זיך מיט שואליקן, אויסגערעכנט אַלערליי געניג, ווי אַ גוטער שאַך־שפּילער, און איז געווען שטאַרק צופרידן. זי האָט זיך אונטערגעזונגען, זי האָט זיך אָפּגעבאָדן, אָנגעטאָן, צוגעפּוצט, און זיך געמאַכט גרייט.

ווען שואליק איז געקומען אַהיים פון שאָפּ, איז שוין חוהלע אים געגאַנגען אַנטקעגן מיט איר שיינענדיק פּנימל און מיט אירע צעגלאַנצטע אייגעלעך.

— ביסט גרייט, חוהלע? מיר דאַרפן שוין גיין!... — שענקט איר שואליק אַ קוש.

— א י ך בין שוין לאַנג גרייט, טייערער!... — קושט אים חוהלע נאָך שטאַרקער און דריקט אים צום האַרצן.

באַגלייט מיט די ברכות פון די עלטערן זענען זיי אַרויס פון הויז צו פאָרן מיטן סאָבוועי אין „סיטי האָל"...

ד

אין די פריצע נאָכמיטאָג־שעהן איז אין סאָבוועי געהען געראַם. קיין סך מענטשן פאָרן דעמאָלט נישט קיינמאָל, און פרייע פּלעצער זענען פאַראַן געניג. שואליק און חוהלע האָבן אויסגעקליבן פאַר זיך אַ ווינקל אין וואַגאָן, וואָס איז געווען כמעט ווי אַ באַזונדער „קאָמפּאַרטמענט", פאַרשטעלט פון די אויגן פון די אַנדערע פּאַסאַזשירן. דאָס אָפּגעזונדערטע ווינקל איז געווען סאַמע צוגעפּאַסט צו זייער אינטימער שטימונג אַצינד. ווען זיי האָבן זיך דאָרט אַוועקגעזעצט, זענען זיי געווען זיכער, אַז קיינער זעט זיי נישט, און האָבן זיך גלייך געקושט געשמאַק.

— „בעוד רגע נתקשר בקשר הראשון בחיינו, יקירי"!... (אָט באַלד וועלן מיר זיך פאַרבינדן מיטן ערשטן בונד אין אונדזער לעבן, מיין טייערער!) — האָט חוהלע אַ זאָג געטאָן אין העברעיש האָניקדיק־זיס.

— „כן, חביבתי, בקשר של קיימא!" — (יאָ, מיין געליבטע, מיט אַן אייביקן בונד)...

— ווייסטו וואָס ס'האָט זיך מיר איצט דערמאָנט, שואליקל? — „דאָס שטריימל" פון פּרצן!... אָט וועט דאָך באַלד דער „קלערק" אין סיטי־האָל אונדז געבן אַ דערלויבעניש צו ווערן מאַן־און־ווייב. אָבער אָן דער דער־

לויבעניש פון דעם „שטריימל”, פון דעם „מסדר־קידושין”, איז נאָך אַלץ „טאַבו”, כע־כע־כע... — טוליעט זיך חוהלע צו אים.

— יאָ, די גבורה פון „שטריימל” איז די קראַפט פון רעליגיע, טייערע! אָן רעליגיע וואָלט די מענטשהייט נאָך עד היום געלעבט הפקר, ווי די חיות אין וואַלד און די בהמות אין פעלד...

— אמת, שואליקל! דערפאַר האַלט איך טאַקע אַזוי שטאַרק פון אונדזער טראַדיציע! כ'האָב גראָד היינט אינדערפרי נאָכאַמאָל געטראַכט דערפון. געהאַט געגוג צייט, האָב איך פילאָזאָפירט. און ווייסטו וואָס פאַר אַ געדאַנק איז מיר דורכגעלאָפן? — מעגסט עס הערן! כל־זמן, זאָג איך, יידן פאַרמאָגן אַ „חפץ חיים”, קאָנען זיי זיך אויף פאַרגינען צו האָבן אַ „זשיט־לאָווסקי חיים”. אָבער אָן דעם ערשטן איז דער צווייטער אַ געפאַר!...

— אויסגעצייכנט, חוהלע! אַ גאָלדן וואָרט! אַן אמתער היסטאָריש־פילאָזאָפישער „מאַקסים”, חוהלע!... — מאַכט שואליק באַגייסטערט, כאַפּט זי אַרום און גיט איר אַ קוש אויף די ליפּן.

קומענדיק אַהיים פון סיטי־האָל, האָט שואליק געפונען אויף זיין טישל אַ בריוו פון זיינע עלטערן פון ארץ־ישראל. שואליק האָט אַ דער־פרייטער אָן עפן געטאָן דעם קאָנווערט. שוין אַ שטיק צייט זינט ער האָט זיינע עלטערן אָנגעזאָגט די בשורה וועגן דעם שידוך מיט חוהלען, און ביז היינט קיין ענטפער נישט באַקומען.

דער בריוו, אין לשון־קודש, האָט זיך געלייענט אַזוי:

„ב"ה. לכבוד מיין טייערן זון, דאָס גלוסטיקייט פון מיין זעל, דער קלוגער און פאַרשטענדיקער, דער כבוד פון זיין שיינעם נאָמען, שואל, זאָל זיין ליכט לייכטן!

„נאָכן גרוסן פון דיין גוטן פרידן.

„ראשית, טו איך געבן די ברכה פון מזל־טוב צו דיר און צו דער אויסדערוויילטער פון דיין האַרצן, דיין כלה, חוה שתחיה. זאָל דער אייבערשטער זאָגן צו אייער פאַרבינ־דונג — ג ו ט! און זאָלט איר זיין געבענטשט מיט אַלדאָס גוטס ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אָמן! אונדזערע הערצער טוען זיך פרייען, װאָס לויט דו שרייבסט האָסטו נישט געזוכט קיין „בת־עשיר”, נייערט אַ „בת תלמיד־חכם”. און בפרט אַז דיין כלה אַליין איז, ברוך־השם, אַ מלומדת, אַ לערערין ביי יידן, איז עס אַוודאי אַ גרויסער נחת.

„והשנית, קום איך דיר זאָגן, מיין זון, װעגן דעם, וואָס דו שרייבסט, אַז איר האָפט צו קומען אינגיכן און זיך באַזעצן דאָ אין אונדזער הייליק לאַנד. אַוודאי איז אונדזער שטאַרקער באַגער צו זען דעם נחת מיט אונדזערע אייגענע אויגן, און מיר זאָלן זיין נאָענט צו אייך אַלע טעג פון אונדזער לעבן. אָבער — צום ווייטיק פון מיין האַרצן מוז איך דיר זאָגן, מיין זון, אַז אויב דו קאָנסט נאָך בלייבן דאָרט אין אַמע־ריקע, זאָלסטו זיך נישט טאָן איילן אַהער!

„זיי וויסן, אַז דער מצב אין אונדזער הייליק לאַנד איז זייער נישט גוט. דער װילדער אַראַבער איז אָנגערייצט און ער לויערט אויף די וועגן, און זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט אויך אויף די ישובים, רחמנא־ליצלן. ווער װייסט װאָס דער טאָג וועט

געבוירן. הלוואי זאָל דער היטער פון ישראל באַשירעמען און באַשיצן זיין פאָלק ישראל אומעטום און אין לאַנד פון אונדזערע אָבות, אָמן!

„טו גריסן אונדזערע מחותנים אומבאַקאַנט און גיב זיי איבער אונדזער מזל־טוב.

„זיי געבענטשט מיט אַלע ברכות פון די כהנים. אַזוי זענען די רייד פון דיין פאָטער, וואָס ליבט דיך ווי זיין זעל.

שמשון״

אונטן זענען געווען אַ פּאָר שורות צוגעשריבן אין יידיש:

„אויך איך, דיין ליבנדע מוטער, שיק דיר און דיין כלה מיין האַרציקן מזל־טוב. מיין פרייד איז גרויס, אָבער מיינע אויגן טרערן וואָס איך קאָן נישט זען דעם נחת מיט מיינע אויגן דערהייל. איך קוש דיך און דיין כלה פונוויטן און ווינטש אייך אַלדאָס גוטס, אָמן!״

שואליקן האָבן זיך געשטעלט די טרערן אין די אויגן.

חוהלע האָט אים אַרומגענומען, אים דערמונטערט, אַז ער דאַרף גאָר זיין צופרידן, וואָס סאַמע אין דעם טאָג, ווען זיי האָבן אַרויסגענומען זייער „מערידזש לייסענס״, זענען אָנגעקומען אויך זיינע עלטערנס ברכות...

כאַנציע האָט גערופן צום טיש עסן. זי האָט דערלאַנגט אַן ערב־פּסח־דיקן מיטאָג, קאַרטאָפל־קוכן, פּאַסטערנאַק־און מערן־צימעס, און קאַווע.

נאָכן מיטאָג האָבן אַלע גענומען בעדער, זיך צוגעלייגט אָפּרוען איידער מ׳נעמט זיך אָנטאָן לכבוד יום־טוב.

חוהלע איז אַריין צו שואליקן אים אַביסל צעשטרייען. זי האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס שואליק לעבט איצט איבער און ס׳האָט איר ווי געטאָן. זי האָט אינדערזעלבער צייט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז איצט איז דער ריכטיקער מאָמענט צו נעמען רעדן מיט שואליקן וועגן אירע פּלענער, וואָס זי האָט געמאַכט היינטיקן פרימאָרגן.

זי האָט געטראָפן שואליקן זיצן ביי זיין טישל, לייענענדיק נאָכאַמאָל דעם פאָטערס בריוו. זי האָט אים אַ קוש געטאָן אויפן שטערן און זיך צוגעזעצט צו אים שמייכלענדיק.

— כ׳קאָן דיר זאָגן, שואליקל, אַז איך בין אַ שטיק נביאה...

— מיר איז גענוג, אַז דו ביסט אַ חכמה, וואָס איז מער פון אַ נביאה!...

— מאַכט שואליק ליבלעך — אַנטקעגן וואָס זאָגסטו דאָס, חוהלע?

— כ׳האָב היינט אינדערפרי געטראַכט פונקט דאָס זעלבע, וואָס דיין פאָטער שרייבט אין זיין בריוו.

— וועגן וואָס מיינסטו?

— וועגן דעם, אַז ס׳איז גלייכער פאַר דיר צו בלייבן אין אַמעריקע.

— וואָס? וואָס רעדסטו?

— ליבער שואליקל, לאָמיר קוקן דער ווירקלעכקייט אין פנים אַריין.

ארץ־ישראל איז איצט אין אַ מצב פון מלחמה. נישט דו און נישט איך זענען פון דער נאַטור קעמפּערס...

— נישט אַלע דאַרפן דאָך גיין אויפן שלאַכטפעלד, חוהלע. מ׳קאָן פּאַרטיידיקן דאָס לאַנד אַפילו „הינטערן פּראָנט״.

— יאָ, ווען מיר זאָלן שוין זיין אין ארץ־ישראל, וואָלט איך פון דאָרטן איצט נישט אַוועק. אָבער — אַז מיר זענען אין אַמעריקע, טראַכט איך וועגן דיר גאָר אַנדערע פּלענער אין דער צוקונפט...

— מ ײ ן צוקונפט זע איך נאָר אין דער צוקונפט פון ארץ־ישראל!

— גוט. איך האָף אויך, אַז די צוקונפט פון ארץ־ישראל וועט זיין אַ ליכטיקע. אָבער ד ע ר װ ײ ל וועט עס דיר נישט שאַטן צו ווערן אַן אַמע־ריקאַנער בירגער און קאָנען איבערוואַרטן דאָ. אדרבא, עס וועט זיין אַ סך בעסער פאַר דיר שפּעטער צו קומען אַהין אַלס אַמעריקאַנער בירגער, איידער פּוילישער בירגער, נישט אַזוי?... לאָמיר רעדן דערפון מיטן לאַיער גוטקין!...

— אָ, דאָס רעדסטו לאַגיש, חוהלע. שאַטן קאָן עס געוויס נישט!

— יו־אַר־עי־דאַרלינג!... — מאַכט חוהלע אַ דערפרייטע און טוט אים אַ הייסן קוש פאַר זיין נאָכגעביקייט.

אין אָוונט ביים „סדר״ זענען שואליק און חוהלע צום ערשטן מאָל געזעסן איינס לעבן אַנדערן, אַנשטאָט איינס אַנטקעגן אַנדערן, ווי פריער. זיי האָבן פריילעך געזאָגט די „הגדה״ צוזאַמען, פריילעך געזונגען דעם „חד גדיא״ צוזאַמען, און פריילעך פאַרענדיקט דעם ערשטן „סדר״ צוזאַמען.

דער גליקלעכער טאָג זייערער האָט זיך געצויגן העט־שפּעט ביז דער נייער טאָג האָט געגומען בלויען אין חוהלעס פענצטער...

קאַפּיטל פינף

א

נאָכדעם ווי מאַרווין האָט זיך באַקענט מיט שואליקן, האָט ער פאַר אים קיין אַנדערן נאָמען נישט געהאַט, ווי נאָר דער „ירושלימער יאַלד״.

שפּרהלען איז דאָס געווען דערווידער. איטלעכס מאָל ווען מאַרווין האָט דערמאָנט שואליק מיט דעם צונאָמען, האָט זי אים גוטמוטיק־בייזלעך געטאָן אַ פּעטשל איבערן מויל:

— „סטאָפּ איט!״... ס׳נישט שיין! דו מעגסט זיך שעמען! שואליק האָט קעגן דיר געהאַנדלט ווי אַ דזשענטלמאַן!...

— אַלרייט, מיין בורזשואַז מיידל!... — פלעגט דאַן מאַרווין זי איינ־שטילן שפּאַסיק און זי איבערבעטן קושנדיק.

בכלל האָט מאַרווין די גאַנצע צייט פון זייער ליבעניש באַהאַנדלט שפּרהלען מיט זיידענע הענטשקעס. כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז שפּרהלע איז פאַרליבט אין אים אַ סך מער ווי ער אין איר, ווייל ביי איר איז עס די ערשטע ליבע, נישט אַזוי ווי ביי אים, זי האָט זיך אַפילו קיינמאָל נישט געקושט מיט קיין יינגל ביז זי האָט אים באַגעגנט. דאָך האָט ער מורא געהאַט, אַז זי זאָל זיך פון זיינע הענט נישט אַרויסגליטשן.

די „ליטעראַטור", וואָס ער האָט שפּרהלען געגעבן לייענען, האָט ער אויסגעקליבן אַזאַ מילדע, אַז זי זאָל איר נישט שאָקירן, נאָר ביסלעכוויז צוגעוואוינען זי צו דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע.

אויך בנוגע זייערע ליבע־באַציאונגען האָט דער כיטרער מאַרווין געהאַנדלט אויף דעם זעלבן פאַרזיכטיקן אופן. מער ווי קושן זיך און האַלובען זיך האָט ער נישט געוואַגט. קיין פרייהייטן האָט ער זיך נישט דערלויבט מיט דער נאַיווער שפּרהלען, ווי ער פלעגט דאָס טאָן מיט אַנדערע „חברטעס"...

זינט אָבער מאַרווין איז געוואָר געוואָרן, אַז דער „ירושלימער יאָלד", שואליק, איז שוין אַ חתן, האָט ער זיך מיטאַמאָל דערפילט פעסטער אין זאָטל. איצט, הייסט עס, איז ער פון זיין גרעסטן קאָנקורענט פּטור געוואָרן. שפּרהלעס פאָטער ווייסט שוין אפילו דעם „אמת", און — דאָך מאַכט ער אַ שווייג. שפּרהלעס מוטער ציטערט איבער איר און גיט איר נאָך אַלץ. די „אַלטע", הייסט עס, ווייסן שוין, אַז זייער טאָכטערס ליבע איז אַן אָפּגעטאָ־נענע זאַך און זיי מוזן עס אָננעמען פאַר ליב. זיי האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט...

שפּרהלע אַליין האָט אויך אַזוי געדענקט. אין הויז איז שטיל געוואָרן. פון קיין נייע שידוכים דערמאָנט שוין איר פאָטער אַפילו נישט. ער שווייגט, און דאָס איז אַ גוטער סימן. זי איז געוואָרן רויקער, לעבעדיקער, זיכערער מיט איר דערפאָלג. זי האָט גענומען שלאָפן בעסער, עסן בעסער, און געווינען וואָג. איר קערפּער איז געוואָרן לייביקער, פרויאישער. אירע באַקן האָבן זיך אויסגעפילט און צוגעקריגן פאַרביקייט. די מוטער האָט אַנגעקוואָלן קוקנדיק אויף איר. קיין בייז אויג, איר שפּרהלע איז נאָך קיינמאָל אַזוי שיין נישט געווען. זי בליט ווי אַ רויז.

און ביני־לביני זענען ביידע, סיי מאַרווין און סיי שפּרהלע געוואָרן האָפּערדיקער, געוואַגטער אין זייערע באַציאונגען...

מיטן אָנקום פון פרילינג האָט זיך ביי די יונגע קאָמוניסטן פאַרשטאַרקט די טעטיקייט. ווינטער־צייט זענען זייערע מיטינגען אָפּגעהאַלטן געוואָרן

צווישן פיר וועגט מיט צוגעשלאָסענע טירן און פענצטער. און דאָרטן זענען אויך פאָרגעקומען זייערע פאַרווילונגען. איצט, פרילינג־צייט, איז די וועלט אָפן, דער הימל שיינט, די ערד גרינט, אין וואַלד און פעלד איז פריש, איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן די פאַרווײַלונגען אויף דער פרייער לופט.

כדי נישט צו ציען צופיל אויפמערקזאַמקייט, האָט מען צעטיילט די מיטגלידער פון די יונגע קאָמוניסטן אויף קליינע גרופּעס, און פאַר יעדער גרופּע באַשטימט אַ באַזונדערן „קעפּטען". מאַרווין, אַלס „לאַא־סטודענט" און אַ חבר מיט אַ צינגל, איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַן אָנפירער.

די הויפּט־טעטיקייט זייערע איז איצט באַשטאַנען אין שאַפן אַ „פאַר־אייניקטן פראָנט", צוציען יונגע מענטשן פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן, קלאַסן, און קאָלירן, און זיי צונויפשמעלצן אין איין מאַסע, געטריי דעם קאָמוניזם, גרייט צו מפקיר זיין זיך אַליין און אַלץ און אַלעמען צוליבן אידעאַל.

דערצו איז געלייגט געוואָרן אַ סך געוויכט אויף צו צעשטערן אַלע רעליגיעזע און מאָראַלישע פעסטונגען. און דאָס שטאַרקסטע געווער — פרייע ליבע...

מאַרווין, דער חנעוודיקער, מיטל־וואוקסיקער, געפאַקטער בחור מיטן אויסזען פון אַן איטאַליענער, האָט בטבע טאַקע געהאַט די הייסבלוטיקייט פון אַן איטאַליענער. אַליין אַ גרויסער בעל־תאווה האָט ער גוט געוואוסט ווי שטאַרק ס'איז די קראַפט פון עראָטיק און ווי זי קאָן ווירקן אויף דער יוגנט.

אַלס די ערשטע פרילינג־פאַרווײַלונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַראַנשטאַלטן אַ פּיקניק אויף די שיינע „בער מאַונטעינס", אויף זונטיק נאָך פסח.

מאַרווין האָט קיינמאָל פריער נישט מיטגענומען שפרהלען צו אַ מיטינג פון דער פאַרטיי. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט זיין אַ צו־גרויסער „שאָק" פאַר איר. נאָר איצט, ווען ער איז געוואָרן זיכערער מיט איר, האָט ער געפילט, אַז ער מעג שוין. זי איז שוין מער־ווייניקער צוגעגרייט צו גיין אין שפּאַן...

ער האָט איר געזאָגט וועגן דעם קומענדיקן פּיקניק, און זי איז געווען זייער צופרידן צו גיין פאַרברענגען. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען, אַז די עלטערן זאָלן איר דערלויבן צו זיין אַוועק פון הויז ביז שפּעט אין דער נאַכט? — זענען זיי ביידע געפאַלן אויף דער עצה אויסצופירן דעם פּלאַן דורך שפרהלעס חברטע, מאַרטאַ.

מאַרטאַ, אָדער „מלכהלע דעם משגיחס", ווי מ'האָט זי גערופן ביי די שעוויצעס אין הויז, איז געווען די בעסטע חברטע, וואָס שפרהלע האָט

געהאַט. זי איז געווען די טאָכטער פון אַ „משגיח״, וואָס איז געווען אָנגע־שטעלט אַכטונג צו געבן אויף די „כשר־בוטשערס״ אויף דער איסט סייד.

דעם משגיחס מיידל, מלכהלע, אָדער מאַרטאַ, האָט באַלאַנגט צו דער „יאַנג־דזשודעאַ״־אָרגאַניזאַציע, איז געווען אַ גוטע ציוניסטין, האָט געקענט אַביסל העברעיש, און זיך געפירט רעליגיעז, פונקט ווי שפרהלע. אָבער מיט דער צייט האָט זי זיך באַקענט מיט אַ בחורל אוירווין, טאַקע אויך אַ חבר פון דער „יאַנג דזשודעאַ״, וועלכער איז געווען אַהין אונטערגעשיקט פון דער „יאַנג קאָמוניסט ליעג״, און ער האָט זי שטילערהייט אַריינגע־בראַכט אונטער די פליגל פון קאָמוניזם. שפרהלע האָט דערפון אַפילו נישט אָנגעהויבן וויסן, ביז ס׳איז געקומען די צייט, ווען מאַרווין האָט איר אָט דעם סוד געמעגט אויפדעקן...

מאַרטאַ איז אין יענעם זונטיק אינדערפרי אַריינגעקומען צו די שעווי־צעס אין הויז מיט אַ בקשה צו שפרהלעס מוטער, זעלדען, באַשר היינט אָוונט גייט זיין אין צענטראַל־פּאַרק דער ערשטער מוזיק־קאָנצערט פון סעזאָן, וויל זי מיט שפרהלען גיין אַהין...

— ווי שפּעט קאָן זיך דער קאָנצערט פאַרציען?

— מסתמא ביז אַרום עלף אַזייגער ביינאַכט.

— צו שפּעט פאַר מיידלעך!...

— עס קומען דאָך אַהין טויזנטער מענטשן. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, מ׳עסעס שעוויץ!...

שפרהלע האָט זיך גענומען טוליען צו דער מוטער מיט געבעט:

— מאַמע, כ׳וויל גיין מיט מלכהלען! רעד מיטן טאַטן! אַ סך פאַרגע־ניגן האָב איך?...

זעלדע איז גלייך געוואָרן ווייך ווי וואַקס, אַ זיפץ געטאָן, און איז אַריין צו איר מאַן אין „קאַבינעט״, וואו ער איז געזעסן איבער אַ ספר. זי האָט אים גראָד געטראָפן אין אַ גוטער שטימונג, און זי האָט ביי אים געפועלט צו לאָזן „ס׳קינד״ גיין מיט מלכהלען צום קאָנצערט.

די עקסקורסיע־שיפן אויפן האָדסאָן זענען נאָך נישט געגאַנגען. די גרופּע איז געפאָרן צו די „בער מאַונטעינס״ אויף „מואווינג וואַנס״, אָנגעטריבן פון אייגענע „קאַמעראַדן״. דאָס פאָרן אין די משא־וואַגנס און נישט אין פּאַסאַ־זשיר־אויטאָמאָבילן איז געווען צוליב עטלעכע טעמים: ערשטנס, טראָגט עס אַ פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער; צווייטנס, קאָן מען אין די פאַרמאַכטע „טראָקס״ זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער, און קיינער זאָל נישט הערן; און דריטנס — וואָס איז דער עיקר — קאָן מען דאָרט זיך לאָזן פריי וואוילגיין מיט די חברטעס און מ׳דאַרף זיך נישט היטן פאַר זייטיקע אויגן...

די גרופּע איז באַשטאַנען פון פופצן פאַרלעך, און געפאָרן איז מען אין

דריי טראָקס. יעדער טראָק האָט אַריינגענומען, ווי נחס תיבה פאַרן מבול, פינף זכרים און פינף נקבות. די טראָקס זענען געווען פאַרמאַכט און פאַרריגלט און אינעווייניק איז געווען טונקל און הייס. פון די יונגע הייס־בלוטיקע קערפּערס האָט געשלאָגן נאָך אַ גרעסערע היץ. חברה האָט זיך אויסגעטאָן האַלב־נאַקעט. מ׳איז האַלב־געזעסן, האַלב־געלעגן אויף אויסגעשפּרייטע דעקן, הענט־און־פיס, קעפּ־און־קערפּערס צונויפגעפּלאָכטן. מ׳האָט געזונגען און געפּילדערט, געדרינדזשעט אויף גיטאַרעס און באַלאַלאַיקעס, געשטיפט, געשפּילט זיך און געראַנגלט. די רייזע איז געווען אַ פריילעכע הקדמה צום פריילעכן פּיקניק.

אַרויסגעפאָרן איז מען שפּעט נאָכמיטאָג. אָנגעקומען איז מען סאַמע צו זון־אונטערגאַנג. אויסגעפּלאַנט איז געווען, אַז מ׳זאָל פראַווען דעם פּיקניק ביי דער שיין פון דער פולער לבנה, ס׳זאָל זיין ראָמאַנטישער, סודותפולער.

די בערג זענען שוין געווען באַקליידט מיט גרינעם גראָז. וואו־נישט־וואו האָט זיך נאָך אַ שניי־פלעק געוויסט, און דאָס האָט צוגעגעבן חן און רייץ. מאַרווין, דער „קעפּטען", האָט אויסגעקליבן אַ פּאַסיקן פּלאַץ. חברה האָט אַרויפגעטראָגן פון די טראָקס דעקן און קאָלדרעס, פעסלעך ביר און זעקלעך שפּייז. מ׳האָט זיך אויסגעזעצט אין אַ ראָד, גענומען רויכערן און אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

שטערן האָבן זיך גענומען צינדן. די לבנה, אַ פולע, אַ רויטלעכע, איז אַרויפגעשוואומען איבער די בערג. אַ וואָלפישער הונגער איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלן. מ׳האָט גענומען שלעפּן „סענדוויטשעס" פון די זעקלעך, צאַפּן ביר פון די פעסלעך. מ׳האָט געקייעט און געזשליאָקעט, געכאַכאָטשעט און געהירזשעט, געזונגען און געשפּילט, געשטיפט און געווילדעוועט, ווי אַמאָליקע געצנדינער ביי דער ליבע־געטין „עשתורת"...

די יונגע בלוטן האָבן זיך צעקאָכט. חברה האָט גענומען שפּילן אין כאַפּערלעך. די מיידלעך האָבן גענומען אַנטלויפן און די בחורים האָבן גענומען זיי נאָכלויפן. אין אַ קורצער ווײַלע זענען זיך אַלע צעלאָפן אין פאַרשידענע ריכטונגען. איין פּאָרל האָט נישט געוואוסט וואו דאָס צווייטע געפינט זיך. פון דעם ווילדן געערויש האָט זיך אויסגעלאָזט אַ סודותדיקע שטילקייט.

מאַרווין האָט געכאַפּט שפרהלען הינטער אַ געדיכטן יאָדלע־בוים אין אַ גרינעם טאָלעכל, און ער האָט זי גענומען קושן אַזוי ווילד, אַז זי האָט קוים דעם אָטעם געקאָנט כאַפּן.

— זיי נישט אַזוי ווילד, מאַרווין, דו׳סט מיך דערשטיקן!... — לאַכט שפרהלע מיט הנאה.

— ניין, זיסע, איכ׳ל דיך מאַכן לעבעדיקער נאָך!... — שעפּטשעט מאַרווין און נעמט אַראָפּציען פון איר די קליידער.

— מאַרווין, ביסט אַראָפּ פון זינען, צי וואָס?... — ראַנגלט זיך שפרהלע מיט שרעק.

— זיי נישט קיין פרומע יאַכנע מיט אַלטע באַגריפן... מאַרטאַ מיט אוירווינען טוען אויך דאָס... אַלע טוען עס דאָ... שפּרהלע, זיסינקע...

— מאַרווין, איכ׳ל שרייען געוואַלד!

— שפּרהלע, מיר ליבן זיך, מעגן מיר!... — טוט זיך מאַרווין זיינס.

שפּרהלע איז פאַרציטערט געוואָרן. זי האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ רייס־אויס פון זיינע הענט, דערלאַנגט מאַרווינען אַזאַ פּליאַסק אין פּנים, אַז פונקען האָבן אים גענומען פליען פאַר די אויגן. זי איז אויפגעשפּרונגען אויף אירע פיס און איז אַנטלאָפן, ווי אַ צעשראָקענע הירשין...

ב

אויפן וועג אַהיים האָבן זיך די פּאָרלעך געביטן. ס׳איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. די לבנה האָט געלויכטן, כאָטש פּערל צו קלייבן. ביי די טראָקס איז געווען אַ פריילעכער געדרענג. איטלעכער חבר האָט געגעבן אַ הייב־אויף אַ חברטע, וואָס איז אים נאָר געקומען אונטער די הענט, אַריינגעזעצט זי אין טראָק און אַליין אַרויפגעשפּרונגען נאָך איר.

שפּרהלע איז געווען צעטומלט. זי האָט נישט געקענט דעם בחור, וואָס האָט זי אויפגעהויבן און אַריינגעזעצט. ווען זי איז שוין געווען אין טראָק, האָט זי דערזען מאַרטאַן, איז צוגעפאַלן צו איר, און זיך צעפּכינקעט:

— מ־אַ־ר־ט־אַ!...

— וואָס איז דער מער, מיידעלע?... — האָט מאַרטאַ זי אַרומגענומען מיט אַ שמייכל.

ערשט פריער האָט שפּרהלע ביי זיך געטראַכט, אַז ווען זי דערזעט די מאַרטאַן, וואָלט זי איר די אויגן אויסגעדראַפּעט. ווי שטאַרק איר כעס האָט געברענט אויף מאַרווינען, האָט זי אויף מאַרטאַן נאָכמער געצאָרנט. מאַרטאַ האָט דאָך געוואוסט מיט וואָס אָט די „קאָמוניסטישע פּיקניקס״ שמעקן, און דאָך האָט זי איר וועגן דעם נישט דערמאָנט אַ וואָרט אַפילו. איר בעסטע חברטע האָט זי פאַרנאַרט אַהער...

איצטער, אָבער, ווי נאָר זי האָט דערזען מאַרטאַן, איז ווי יעדער מענטש אין דער פרעמד, ווען ער דערזעט אַ היימישן, אַפילו אַזעלכע מיט וועמען ער האָט אינדערהיים קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, פאַלט ער צו צו אים, אַזוי איז דאָ שפּרהלע צוגעפאַלן צו מאַרטאַן, זיך געטוליעט צו איר און געפּכינקעט.

— שאַ־שאַ, שפּרהלע, דו נאַריש, נאַיווו מיידל, ערגער זיך נישט!... געהאַט אַ „גוד טאַים״ מיט מאַרווינען?... — שעפּטשעט איר מאַרטאַ אַריין אין אויער.

— אוי, מאַרטאַ, כ׳בין געווען איבערגעשראָקן אויף טויט...

— כ׳פאַרשטיי. כ׳ווייס. אָבער די שרעק איז אַוועק.

— איך בין אָוועק...

— וואָס מיינסטו?

— כ׳האָב זיך אַרויסגעריסן און אַנטלאָפן...

— וואָס רעדסטו? כע־כע־כע! כי־כי־כי!... — לאַכט מאַרטאַ אויף אַ קול.

— פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט דערפון, מאַרטאַ?

— וואָס־זשע, האָסט ערשט היינט אויסגעטאָן דיינע קינדערישע שיכלעך?... דו מיינסט צו זאָגן, אַז זינט דו ליבסט זיך מיט מאַרווינען, האָסטו זיך געהאַלטן ווי אַ פרומע כלה?...

— אַוודאי!

— ביסטו טאַקע אַ גרויסער „דאָופ״...

— בעסער אַ „דאָופ״, אײדער אַ זינדיקע!

— בין איך, הייסט עס, ביי דיר אַ זינדיקע, האַ?... — צעלאַכט זיך ווידער מאַרטאַ — דו אָפּגעשטאַנען, אומוויסנדיק באַשעפעניש! דיר דאַרף מען ערשט אויפעפענען די אויגן... וואָס איז דען „סעקס״? — קערפּערלעכע הנאה. פונקט ווי עסן און טרינקען. פאַר מיין פאַרגעניגן מעג איך עסן און טרינקען ווען איך וויל און וואָס איך וויל, קיינער קאָן מיר נישט פאַר־באָטן, פאַרשטייסט?...

— אַפילו אויף עסן און טרינקען איז אויך דאָ אַ פאַרבאָט!... נישט אַלץ איז הפקר־פעטרישקע...

— אַ, הער־אויף, שפרהלע, מיט דיינע רעליגיעזע פאַרבאָטן, אַלטע זאַבאַבאָנעס. ווילדע איבערבלייבעכצן פון די פינצטערע צייטן! מיר, קאָמו־ניסטן, האַלטן, אַז „רעליגיע איז אָפּיום״ צו פאַרשלעפערן די אָרעמע מאַסן, כדי צו קאָנען זיי עקספּלאָאַטירן אומגעשטערט... שעמען מעגסטו זיך, דו נאַרישע מויד! דו האָסט אַזאַ טייערן, ליכטיקן בחור, ווי מאַרווין, און דו ווילסט פאַסטן תעניתים גאָר!...

— העי, מיידלעך, וואָס פאַר אַ סודות דאָ?... — האָבן צוויי בחורים זיך צוגעקייקלט. איינער האָט אַ כאַפּ געטאָן מאַרטאַן און זי צוגעשלעפּט צו זיך. דער צווייטער האָט גענומען שלעפּן שפרהלען.

— אַנטשולדיקט מיר, חבר! כ׳פיל זיך נישט גוט!... — האָט שפרהלע זיך אָפּגעבעטן און זיך אָפּגערוקט פון אים.

ווען שפרהלע איז אָנגעקומען אַהיים, איז שוין געווען נאָך איינס אַזייגער. די מוטער איז געזעסןביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אין גאַס אַרויס, וואַרטנדיק אויף איר. דער פאָטער איז שוין לאַנג געלעגן אין בעט, אָבער איינשלאָפן האָט ער נישט געקאָנט.

נאָך עלף אַזייגער, אַז שפּרהלע איז נאָך נישט צוריקגעקומען, האָט ר׳ אריה־לייב שעוויץ געגומען טענות האָבן צו זיין זעלדען:

— נו? שוין אַזוי שפּעט און דיין טאָכטער איז נאָך אַלץ נישטאָ!...

— וואָס עפּעס מיין טאָכטער? זי איז, ברוך־השם, דיין טאָכטער אויך! — מאַכט זעלדע שטיל, ווי איר שטייגער.

— דו גיסט דאָך איר נאָך די „שמד״, שונאי ציון! וואָס זי וויל נאָר, פּועלט זי באַלד ביי דיר!...

— זי האָט דאָך איצט געפּועלט נישט נאָר ביי מיר, נאָר אויך ביי דיר צו גיין צום קאָנצערט אין צענטראַל־פּאַרק מיט מלכהלען!...

— מלכהלע. מלכהלע. כ׳קאָן דיר זאָגן, אַז כ׳בין די לעצטע צייט גאָר נישט גערן אָט דער מלכהלען!

— וואָס איז? וואָס האָסטו אין איר דען דערזען עפּעס?

— נישט איך האָב דערזען, נאָר איר פאָטער האָט זיך פאַר מיר אויס־געגעדט ס׳האַרץ. די מלכהלע האָט זיך אויך „פאַרכליאָפּטשעט״ אין אַ בחור, פירט זיך מיט אים אַרום טאָג ווי נאַכט, און הערט דעם פאָטער ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי...

— אָבער מ׳קאָן דאָך פאָרט נישט פאַרשפאַרן אַ מיידל אין הויז און נישט צולאָזן צו איר קיין חברטע... — מ׳שטיינס געזאָגט, וויפל חברטעס האָט עס שפּרהלע!...

ווען שפּרהלע איז אַריינגעקומען אין הויז, איז די מוטער איר געלאָפן אַנטקעגן.

— געוואַלד געשריגן! כ׳פרעג דיך נישט מער, ווי אַזוי האָט אַ מיידל קיין רחמנות נישט אויף טאַטע־מאַמע און נעמט זיי אַרויס די נשמה?... שוין העכער האַלבער נאַכט! מיר האָבן דאָך גאַרנישט געוואוסט וואָס איבערצו־טראַכטן. פון דער הויט געשפּרונגען...

— די סאָבוועי איז ערגעץ געבליבן שטיין, מאַמע!...

פון שלאָפצימער האָט זיך דערהערט דעם פאָטערס בייזע שטים:

— שוין געקומען, ברוך־השם? ס׳וועט איר שוין זיין ס׳לעצטע מאָל צו גיין מיט דער מלכהלען!...

— שאַ־שאַ, שריי נישט. ס׳נישט זייער שולד. די סאָבוועי האָט זיך פּלוצים פאַרהאַלטן ערגעץ!... — שטילט זעלדע איין איר מאַן, און צו שפּרהלען זאָגט זי — ביסט מסתמא הונגעריק.

— כ׳בין נישט הונגעריק, מאַמע. כ׳בין נאָר מיד און האָב אַ שטיקל קאָפּווייטיק. כ׳וועל בלויז נעמען אַן אַספּירין און גיין אין בעט.

— ניין, דו מוזט עפּעס עסן, שפּרהלע. לאָמיך דיר מאַכן אַ פּאָר לויזע אייער און אַ גלאָז מילך מיט שאָקאָלאַד!

— כ׳וויל גאַרנישט, זאָג איך דיר, מאַמע! גיי שלאָפן, מאַ, „גוד נאַיט״!

ווי נאָר שפרהלע איז אַריין אין איר צימער, זיך אויסגעטאָן און זיך אריינגעלייגט אין בעט, האָט זי געפילט, אַז זי מוז זיך אויסוויינען. פון געוויין האָבן זיך אירע אַקסלען געטרייסלט. פון די אויגן האָבן טרערן גערונען אויף איר פּנים. זי האָט אַלע ווייל אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַפּירענע פּאַטשיילקע פון דעם שאַכטל אויפן בעט-טישל, געווישט די אויגן, געשנייצט די נאָז, און ווידער געוויינט.

אויסגעוויינט זיך גוט, איז זי געבליבן ליגן אַ מידע, אַן אויסגעשעפּטע. זי וואָלט געוואָלט אַזוי איינשלאָפן מיט אַ שטאַרקן שלאָף. אָבער וואָס פעסטער זי האָט צוגעשלאָסן די אויגן און זיך געגנייט איינצושלאָפן, אַלץ ווייטער איז דער שלאָף אַוועק פון איר. זי איז געלעגן וואַכעדיק און געזען אין געדאַנק אַלץ וואָס ס׳איז מיט איר דעם אָונט פאַרגעקומען אויף די בער־מאָונטעינס... זי זעט ממש פאַר זיך דעם ווילד־געוואָרענעם מאַרווינען מיט זיינע פאַר־נעפּלטע אויגן פון צעברענטער תאווה. זי הערט ממש ווי ער אָטעמט שווער מיט הייסע שטראָמען פון זיינע נאָזלעכער, און זי פילט ממש ווי די דראַטיקע פינגער זיינע פאַרען זיך אַרום איר קערפּער...

— אָ, גאָט, כ׳דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיר געגעבן קראַפט און מוט צו קאָנען זיך אַרויסרייסן פון מאַרווינס הענט אַן אומבאַרירטע! — האָט שפרהלע געגומען שעפּטשען צו גאָט, אין וועלכן זי האָט געגלויבט פון איר קינדהייט אָן, און נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין אים ביז היינט.

אַן אויסערגעוויינלעכע פרייד האָט אַ פליץ געטאָן איבער איר קערפּער. זי איז געווען איבערגליקלעך וואָס זי זעט זיך אַליין דיזעלבע צניעותדיקע שפרהלע וואָס פריער...

אָך, ווי שרעקלעך עס וואָלט איצט פאַר איר געווען, ווען זי וואָלט זיך געווען פאַרלירן און זיך, חלילה, געלאָזט פאַראומרייניקן דאָרטן אויפן באַרג, אויף דער הוילער ערד, הינטער אַ יאָדלע־בוים, גלייך ווי אַ בהמה, ווי אַ חיה. זי וואָלט דאָס נישט איבערגעלעבט. זי וואָלט זיך גלייך נאָכדעם אומ־געבראַכט מיט אירע אייגענע הענט...

אַ צופרידענע, אַ גליקלעכע, האָט זי זיך גוט אַרומגעוויקלט מיט דער ווייכער קאָלדרע און צוגעשלאָסן די אויגן.

זי איז איינגעשלאָפן, דריקנדיק אַ שפּיץ קאָלדרע אין איר האַנט. זי האָט זיך דערזען אין אַ גרויסן חתונה־זאַל. פאַרפּוצטע געסט פון אַלע זייטן. אויבנאָן אין זאַל שטייט אַ בינע מיט רויזן פאַרדעקט. אַ בלוי־זיידענע חופּה אויף פיר שטאַנגען. מאַרווין קומט צו צו איר און פאַרדעקט זי מיטן חופּה־שלייער. די מוזיק שפּילט דעם חתונה־מאַרש. איר מאַמע און מאַרווינס מאַמע פירן זי אַרויף אונטער דער חופּה. באַלד פירן איר פאָטער און מאַרווינס פאָטער אַרויף מאַרווינען צו איר. די חופּה מיט דער בינע אינגאַנצן דרייען זיך אַריין אין איר צימער. זי געפינט זיך מיט מאַרווינען אַליין. זיי נעמען

זיך קושן און האַלדזן. מאַרווין שלעפּט אַראָפּ פון איר די חתונה־קליידער. איבערן בעט שטייט אַ יאָדלע־בוים און פּאַרדעקט זיי. זי פילט זיך אַזוי גליקלעך, אַזוי זיס, אַזוי גוט... דער חזן מיט די משוררים נעמען זינגען. ד׳ער רב איז מסדר־קידושין. מאַרווין טוט איר אַרויף אַ רינגל אויפן פינגער. זיי ביידע זענען נאַקעט און שעמען זיך גאָרנישט מיט זייער נאַקעטקייט פאַרן עולם. דער רב טוט אַ שלעפּ מאַרווינען ביים אַרבל, הייסט אים צעברעכן אַ גלעזל אויפן דיל. מאַרווין טוט אַ קנאַק מיטן פוס אויפן גלעזל, און פונעם שטאַרקן קנאַק כאַפּט זי זיך אויף.

— אַ, ס׳אַראַ זיסער חלום! אַ, ליבער מאַרווין, זיסער מאַרווין, וואו ביסטו?!...

ג

שפרהלע איז געלעגן אין בעט ביז העט־שפּעט אויפן טאָג. די אויגן האָט זי געהאַלטן צוגעשלאָסן און דער מוח האָט געאַרבעט אָן אויפהער.

ווי ווילד זי איז זיך באַגאַנגען מיט מאַרווינען. זי קאָן זיך גאָרנישט פאַרגעבן פאַרן פּליאַסק, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט אין פּנים אַריין. זי איז ד אָ ך נאָר פון זינען אַראָפּ. אָ, ווען זי האָט אים איצט לעבן זיך, וואָלט זי אים יעדעס אבר אויסגעקושט. זי מוז היינט אָוונט גיין צו דער טאַנטע קלאַראַ צו באַגעגענען זיך מיט אים דאָרט, זיך אַנטשולדיקן פאַר אים, איבערבעטן אים. זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין. זי איז גרייט אויף אַלץ־אַלץ אויס ליבע צו אים, און קיין שום צוימען קאָנען זי נישט אָפּהאַלטן...

זי האָט אַ ציטער געטאָן — ס׳אַראַ ווילדער געדאַנק! איז זי א י צ ט ביים זינען? ניין!... מאַרווין איז נישט קיין מענטש, נאָר אַ חיה. ער האָט זיך מיט איר אויפגעפירט ווי אַ חיה. וואָלט ער איר דאָן כאָטש געוועזן אַרויסגעוויזן אַביסל צערטלעכקייט. וואָלט ער לפּחות זי געוועזן איינגענומען מיט אַ ליב וואָרט. ניין, ער ווייסט נישט וואָס ליבע איז. ער האָט זי נישט ליב. זי איז ביי אים נישט מער ווי גלאַט אַ פרוי, אַ מיטל צו באַפרידיקן זיין בהמהשע תאווה...

אינטערעסאַנט צו וויסן אויב די טאַנטע קלאַראַ ווייסט וואָס ס׳קומט פאָר אויף די פּיקניקס. און וואָס וועט די טאַנטע זאָגן וועגן איר, שפרהלעס, האַנדלונג. זי וועט אָבער צו דער טאַנטע נישט גיין. זי וויל זיך נישט באַגע־גענען מיט מאַרווינען מער.

און אפשר יאָ. אפשר האָט זיך מאַרווין באַטראַכט ווי מיאוס ער איז זיך באַגאַנגען מיט איר, שפרהלען. אפשר האָט ער חרטה און וויל זיך אַנטשולדיקן פאַר א י ר. אפשר טאַקע יאָ צוגיין צו דער טאַנטע היינט אָוונט. היינט אָוונט? — דאָס אַוודאי נישט. זי דאַרף איבערוואַרטן עטלעכע טעג. זאָל מאַרווין נישט מיינען, אַז זי לויפט אים נאָך. זאָל ער האָבן אַביסל גרימענִיש.

זאָל ער אַביסל ליידן. זאָל אים נישט אָנקומען אַזוי גרינג דאָס איבערבעטן זי...

— שפּרהלע, שפּרהלע, האָסט, קיין עין־הרע, זיך היפּש פאַרשלאָפן היינט! דו ווייסט ווי שפּעט ס׳איז? שוין באַלד האַלבער טאָג!... — שטייט די מוטער לעבן איר און וועקט זי.

— כ׳בין אַזוי שלעפּעריק, מאַ!... — רייבט זיך שפּרהלע כלומרשט די אויגן.

איך בין שוין געווען דאָ עטלעכע מאָל. ביסט, קיין עין־הרע, געשלאָפן געשמאַק. געזשאַלעוועט דיך צו וועקן...

— כ׳וויל נאָך איצט אויך שלאָפן!

— שטיי שוין אויף, און נעם בעסער עפּעס אין מויל אַריין!

— באַלד, באַלד, מאַ!

שפּרהלע נעמט זיך אויסציען די ביינער. די מוטער זעצט זיך צו צו איר אויף דער זייט פון בעט, גלעט איר די האָר און מאַכט מיט אַ נחתדיק שמייכעלע:

— כ׳האָב דיר עפּעס צו דערציילן, שפּרהלע טאָכטער...

— וואָס אַזוינס?

— נעכטן ביי מנחה־און־מעריב אין שטיבל האָט מען דעם טאַטן פאַר־געלייגט אַ שידוך, גאָר אַן־אויסנאַם. אַ יונגער ראַבאַי. נאָרוואָס געענדיקט דעם ישיבה־קאַלעדזש. אַ רבס אַ זון טאַקע...

שפּרהלע שווייגט, ווי גלייך זי הערט זי נישט גאָרנישט. די מוטער באַליי־דיקט זיך.

— וואָס שווייגסטו? דו הערסט נישט וואָס כ׳רעד צו דיר?

— שוין ווידער אַ שידוך? שוין לאַנג שטיל געווען, מאַ?... — מאַכט שפּרהלע אויפגערעגט און דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט.

— און וואָס האָסטו געמיינט, אַז מיר האָבן ביי זיך שוין רעכט געמאַכט צו האָבן אַזאַ ווי מאַרווינען פאַר אַן אײדעם?...

— אָ, מאַ, כ׳בעט דיך, לאָז מיך צורו איצט!... שרייט אויס שפּרהלע אַ שטאַרק צערייצטע, פאַרדעקט איר פּנים מיט בײדע הענט און צעוויינט זיך אויף אַ קול.

— אָלרייט, אָלרייט, כ׳לאָז דיך צורו! זע נאָר ווי זי איז היינט אויפגעגע־שטאַנען אויף דער לינקער זייט. אַ געוויין אויף מיינע שונאימס קעפּ!... — מאַכט די מוטער באַטריבט און גייט אַרויס פון צימער.

שפּרהלע איז דעם גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטע, זי האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען אין הויז. דער מוטערס רייד וועגן דעם נייעם שידוך האָבן אין איר האַרצן אויפגעוועקט אַ ניי בענקעניש נאָך מאַר־

ווינען. איצט האָט זי געצויגן צו אים נישט נאָר דאָס געפיל פון ליבע, נאָר אויך אַ געפיל פון רחמנות. אָרעמער מאַרווין!

אָ, ביין, זי, שפרהלע, וועט איצט נישט וואַרטן אַפילו קיין איין איבעריקן טאָג. זי מוז היינט נאָך וועטשערע גלייך אַריבערגיין צו דער טאַנטע קלאַראַ. מאַרווין וועט געוויס שוין וואַרטן דאָרט אויף איר. אַ האַרץ פילט אַ האַרץ...

שפרהלע איז נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן.

אַריינקומענדיק צו דער טאַנטע, האָט זי איר געטראָפן זיצן אַליין אין קיך ביים טיש און לייענען די קאָמוניסטישע צייטונג. מאַרווין איז דאָרט נישט געווען. די טאַנטע האָט געקוקט אויף איר און געשוויגן עפּעס ווי מיט אַ מיין, מיט אַ כוונה. שפרהלען איז געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. זי האָט זיך צעוויינט.

— וואָס שוין ווידער פאַר אַ געוויין?... — מאַכט די טאַנטע מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכעלע.

— מאַרווין איז נישט געווען דאָ היינט?

— ער איז יאָ דאָ געווען פריער, און איז אַוועק צוריק.

— און מיך האָט ער נישט געוואָלט זען?

— ער איז ברוגז. טאַקע גוט אין כעס אויף דיר...

שפרהלע האָט געוואָלט אויסשרייען, אַז ער איז גערעכט, אַז זי האָט הרטה, אַז ס'טוט איר ווי דאָס האַרץ אויף מאַרווינען. אָבער אויסגעשריגן האָט זי גאָר פונקט פאַרקערט:

— ע ר איז נאָך ברוגז?... ע ר איז נאָך גערעכט?... א י ם קומט נאָך אַרויס אויסגאַב פון מיר?...

— איך מיין אַזוי...

— פאַרוואָס?

— דערפאַר וואָס דו ביסט אַן אָפּגעריסענער נאַר, אַ בורזשואַזע טאָכטער מיט בורזשואַזנע באַגריפן. כ'האָב מורא, אַז ער וועט שוין פון דיר קיין „מענטש" נישט קאָנען מאַכן. דו'סט שוין פאַרבלייבן אַ פינצטערלינג, ווי דיין טאַטע, און אַ תחינה־זאָגערין, ווי דיין מאַמע...

— דו ווייסט דען וואָס ס'איז צווישן אונדז געשען, טאַנטע?

— כ'ווייס, כ'ווייס...

— און דו האַלטסט, אַז ע ר איז גערעכט?

— אַוודאי איז ער גערעכט!

— וואָס רעדסטו, טאַנטע קלאַראַ? וואָס, דענקט ער, בין איך, אַ שיכורטע פון דער בויערי?...

— מ'דאַרף נישט זיין דערצו קיין שיכורטע פון דער בויערי. מ'דאַרף נאָר זיין אַ פּראָגרעסיווער מענטש!... — מאַכט די טאַנטע מיט אַן ערנסטער מינע און שאָקלט־צו מיטן קאָפּ.

— אויב אַזוי זענען דאָך די בהמות אויך פּראָגרעסיוו. זיי באַגעגענען זיך, שמעקן זיך צונויף און פּאָרן זיך... וואָס־זשע איז דער חילוק צווישן מענטשן און בהמות?...

— טאַקע קיין חילוק נישט. מענטשן לעבן און פּגרן פּונקט ווי בהמות...

— אָבער דו ווייסט דען ווי ווילד מאַרווין האָט געהאַנדלט, טאַטע? ער איז זיך דאָך באַגאַנגען מיט מיר, ווי אַ...

— נישט ער, נאָר דו האָסט געהאַנדלט ווילד. וואָס הייסט דו נעמסט און דערלאַנגסט אים אַ פּאַטש? שעמען מעגסטו זיך!... הער מיך אויס בעסער. דו בעט אים איבער, אויב דו ווילסט אים נישט פאַרלירן!...

די טאַטע איז גלייך אַרויס, און באַלד איז זי אַריינגעקומען צוריק מיט מאַרווינען, פירנדיק אים אונטערן אָרעם. ווען מאַרווין האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן שפרהלען, האָט די טאַנטע געכאַפּט אויף זיך אַ מאַנטל, איז אַרויס פון הויז און זיי איבערגעלאָזט אַליין.

אַ ווייל האָבן ביידע געשוויגן עקשנותדיק. איבערגעריסן דאָס שווייגעניש האָט מאַרווין:

— האָסט מיר עפּעס צו זאָגן, שפרהלע?...

— כ'האָב געמיינט, אַז דו האָסט עפּעס מיר צו זאָגן!

— איך זאָג, אַז ס'איז שוין צייט פאַר דיר אַוועקצוואַרפן דיין פאַס־קודנעם, פאַר'עיפּושטן מאָראַל, וואָס דו האָסט געירשנט פון דיין טאַטן... איך זאָג, אַז ווען כ'האָב נאָך העכער צוויי יאָר צו ענדיקן קאָלעדזש, דאַרפן מיר נישט וואַרטן אויף קיין רעליגיעזער צערעמאָניע... איך זאָג, אַז אפילו שפּעטער וועל איך אויך נישט חתונה האָבן ביי אַ רב. פאַרשטייסט?... — שטעכט איר מאַרווין מיט זיינע שפּיציקע בליקן.

— און איך זאָג דיר, אַז מיין טאַטנס מאָראַל איז אַ סך ליבער ביי מיר, ווי דיין קאָמוניסטישע הפקרות... איך זאָג דיר, אַז כ'וועל נישט איינגיין אויף זינד און אויסגעלאַסנקייט... איך וועל בעסער זיין אַ „פרומע יאַכנע", ווי דו האָסט מיך אָנגערופן, איידער אַ „פרייע צויג", ווי די קאָמוניסטישע חברטעס דיינע. פאַרשטייסט?...

— און איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט חרטה, אַז דו...

— איך זאָל חרטה האָבן? — שפרינגט שפרהלע אויף מיט כעס און האַקט אים איבער די רייד — דו דאַרפסט חרטה האָבן! דו דאַרפסט זיך אַנטשולדיקן פאַר דיין מיאוסער, גראָביאַנישער אויפפירונג! דו!

— אַזוי?... טאַקע?... אויף מיין חרטה וועסטו לאַנג דאַרפן וואַרטן!...
— שרייט אויס מאַרווין אַן אָנגעצונדענער, טוט זיך אַ הייב־אויף פון בענקל און לויפט אַרויס פון הויז.

ד

מאַרווינס שאַרפער, אַראַגאַנטער ענטפער האָט געקלונגען שפרהלען אין די אויערן איבערן גאַנצן וועג, גייענדיק אַהיים. ווי אַן אָנגעשטעלטער רעקאָרד אויף אַ פאָנאָגראַף, אַזוי האָט געהאַלטן אין איין גרילצן אין אירע אויערן דער זאַג זיינער: „אויף מ יי ן חרטה וועסטו לאַנג דאַרפן וואַרטן!... אויף מ יי ן חרטה וועסטו לאַנג דאַרפן וואַרטן!... אויף מ יי ן חרטה וועסטו לאַנג דאַרפן וואַרטן!"...

שפרהלען האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט פאַטויפען אין מוח, אַז דאָס האָט מאַרווין איר געזאָגט. ער, מאַרווין, וואָס פלעגט איר ממש קריכן אונטער די נעגל, איר אָפּבלאָזן ס'אָרט, איר קוקן אין מויל אַריין, גרייט תמיד צו פאָלגן, ער זאָל עס איצט פּלוצים האָבן אַזאַ שטאָלץ, אַזאַ חוצפה, אַזאַ אַראַגאַנץ!

אָ, זי, שפרהלע, טאָר עס נישט לאָזן אַזוי גיין. זי מוז אים אָנלערנען, ער זאָל עס געדענקען אויף אַלע זיינע יאָרן. ער, מאַרווין, וועט דאָך געוויס, פריער־שפעטער, זיך איבערמאַרדעווען, זיך איבערדענקען. ס'וועט אים באַנג טאָן, און ער וועט זי איבערבעטן. אָבער — אַ „לעסאָן" מוז זי אים געבן. און טאָן דאַרף זי דאָס א י צ ט ע ר. נאָכדעם וועט זיין צו־שפעט...

פאַרשטייט זיך, אַז זי וועט אים לאָזן לויפן עטלעכע טעג. זי דאַרף אים געבן צייט איבערצולייגן זיך. זי ווייסט, אַז לאַנג וואַרטן, ווי ער האָט געזאָגט, וועט זי נישט דאַרפן. ער וועט זען, אַז איר רוגז איצט איז נישט אויף קיין קאַטאָוועס, וועט עס אים נעמען גריזשען, ס'וועלן אים נעמען אַרומלויפן זשוקעס אין בויך, ס'וועט אים אָנכאַפן אַ בענקעניש נאָך איר. און דאַן וועט זי ערשט קאָנען לערנען מיט אים דרך־ארץ...

— וואו ביסטו עס געווען איצט, שפרהלע? — טוט די מוטער זי אַ פרעג ביים אַריינקומען אין הויז אַריין.

— אָ, געשפּאַצירט מיט מאַרטאַן אַביסל... — מאַכט שפרהלע אַוועק מ‌ִיט דער האַנט.

— מיט מלכהלען? מלכהלע איז דאָך פריער דאָ געווען און געפרעגט אויף דיר!... — טוט די מוטער אויף איר אַ קוק מיט חשד.

— אָ, מאַ, לאָז מיך צורו!... — מאַכט שפרהלע נערוועז.

— ד י ך לאָזן צורו? ס'איז נאָך גוט וואָס דער טאַטע האָט דאָס נישט געהערט... ער זיצט ביי זיך אין קאַבינעט און וואַרט אויף דיר...

— וואָס ווילט איר פון מיר, וואָס?... — שרייט אויס שפרהלע צערו־דערט.

— ש... ש... דער טאַטע וויל רעדן מיט דיר עפּעס! אָבער כ'בעט דיך, טאָכטער, דערווידער אים נישט, דערצערן אים נישט!...

— שפרהלע?... — דערהערט זיך דעם פּאָטערס שטים.

— יאָ, טאַטע!

— קום אַריין אַהער, טאָכטער, כ׳וויל מיט דיר עפּעס רעדן!

שפרהלע איז אַריין צום פּאָטער מיט אַ געניוטן שמייכעלע און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע ביי דער זייט פון שרייבטיש.

— הער אויס, שפרהלע! — פאַרמאַכט דער פּאָטער דאָס ספר, אין וועלכן ער האָט אַריינגעקוקט, צינדט אָן דעם האַלבן, פאַרלאָשענעם ציגאַר און פאַרציט דעם רויך טיף, מאַכט צורעכט די יאַרמאָלקע אויפן קאָפּ און דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו שפרהלען — הער מיך אויס, טאָכטער! דו ביסט שוין, ברוך־השם, אַ דערוואַקסן קינד, דו ווייסט גוט, אַז דו ביסט ביי מיר טייער ווי מיין לעבן, דער איינציקער וואונטש אין מיין לעבן איצט איז נאָר צו זען דיך גליקלעך... מיר אַלע זענען נישט מער ווי מענטשן, בשר־ודם, און מיר אַלע מאַכן טעותים אין לעבן. דו, טאָכטער, האָסט אויך געמאַכט אַ טעות, זיך באַנאַרישט מיט דעם מאַרווינען... באמת, האָב איך צו מאַרווינען גאָרנישט. ער האָט געמעגט דענקען, אַז עס וועט אים געראָטן, ער׳ט ווערן מיסטער שעוויצעס איידעם. דו אָבער, האָסט באַדאַרפט וויסן, אַז נישט ער איז מיין גוסט. נישט דערויף האָב איך געהאָרעוועט און געפּראַצעוועט און געשפּאָרט, אַז כ׳זאָל נעמען פאַר מיין איינציקער טאָכטער אַזאַ מאַן ווי מאַרווין...

— טאַטע, ער וועט זיין אַ גרויסער לאָיער, מאַרווין!...

— שלאָג מיר נישט איבער. לאָז מיך רעדן... עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז כ׳זאָל דעם מאַרווינען גוט אויספּאַטשן און אַרויסמאַרדעווען פון שאָפּ. נאָר, געלויבט דער אייבערשטער, כ׳האָב געקומען באַטראַכטן דעם ענין מיט ישוב־הדעת. איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, טאָכטער, אַז דיין טאַטע איז נישט אַזוי אָפּגעשטאַנען און פאַנאַטיש, ווי דו מיינסט. איך ווייס וואָס ביי דיר אין האַרצן קומט פאָר. איך ווייס, אַז ליבע קאָן מען נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. דער פּסוק אַליין זאָגט, אַז „ליבע איז שטאַרק ווי דער טויט". אַפילו פרומע, ערלעכע מענטשן פאַרליבן זיך אויך. אָט האָט דאָך אַפילו דער שואליק, דער פרומער, ערלעכער בחור, וואָס אַזאַ איז גאָר שווער צו געפינען, אַפילו ער האָט זיך אויך פאַרליבט אין דעם בוכהאַלטערס טאָכטער. געוואָלט האָט ער דיך. אָבער דו אַליין האָסט אים פאַרטריבן. נישטאָ וואָס צו רעדן דערפון איצט. פאַרפאַלן!... וואָס איך וויל דיר זאָגן איז, אַז דו זאָלסט נישט מיינען, אַז דיין טאַטע איז אַזאַ שוטה, אַזאַ אַלטמאָדישער מענטש, וואָס איז מבטל ליבע אינגאַנצן. אָבער — ליבע פאַרבלענדט די אויגן. דער פאַרליבטער קאָן נישט זען קלאָר. קרום קוקט אויס גלייך. שוואַרץ קוקט אויס ווייס. אָבער — עס איז פאַראַן אמתע ליבע און ליגנערישע ליבע. ריינע ליבע און אומריינע ליבע... אונדזערע הייליקע חכמים פון פּרק זאָגן, אַז „אַ ליבע וואָס

הענגט אָפּ אין עפּעס אַ זאַך", איז נישט קיין ריינע ליבע. זיי דערמאָנען אַלס ביישפּיל די ליבע פון „אַמנון און תּמר". די געשיכטע פון דער דאָזיקער ליבע ווערט דערציילט אין הייליקן תּנ"ך אַזוי. מעגסט זיך גוט צוהערן. דוד המלך האָט געהאַט עטלעכע ווייבער. דעמאָלט האָט מען נאָך געמעגט האָבן אַ סך פרויען. האָט ער געהאַט אַ בכור, אַמנון, פון איין פרוי, און אַ טאָכטער, תּמר, פון אַן אַנדערער פרוי. תּמר איז געווען זייער אַ שיין מיידל, און אַמנון האָט זי ליב באַקומען. פון ליבע צו איר איז ער שטאַרק אָפּגעצערט געוואָרן. נישט געקאָנט עסן, נישט טרינקען. אַמנון האָט זיך פאַרטרויט פאַר זיינס אַ חבר, און דער חבר האָט אים געגעבן אַן עצה, ער זאָל זיך מאַכן קראַנק, און ווען דער פאָטער וועט קומען צו אים מבקר־חולה זיין, זאָל ער אים בעטן צו דערלויבן תּמרן אים צו שפּייזן פון אירע הענט, און דאַן וועט ער ווערן געזונט. אַמנון האָט אַזוי געטאָן. ער האָט זיך געמאַכט קראַנק, און ווען דער פאָטער איז געקומען געוואָר ווערן וואָס מיט אים איז, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער פילט, אַז ווען תּמר זאָל קומען צו אים און אַליין צוגרייטן פאַר אים אַ מאָלצייט און אים האָדעווען פון אירע הענט, וועט ער געזונט ווערן. האָט דוד המלך באַפוילן תּמרן צו גיין צו אַמנונען און מאַכן פאַר אים עסן. ווי נאָר זי האָט אים דערלאַנגט דעם ערשטן ביסן, האָט ער זי אָנגעכאַפּט, זי זאָל מיט אים זינדיקן. האָט תּמר זיך געגומען בעטן: „לאָז מיך אָפּ! ביי יידן איז פאַרבאָטן צו טאָן אַזאַ מיאוסע זאַך! איך וועל נישט וויסן וואו אַהינצוטאָן זיך פאַר שאַנד! בעסער רעד מיטן טאַטן, און ער וועט מסכּים זיין מיר זאָלן חתונה האָבן!"... דעמאָלט האָט אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון אַ מלחמה־געפאַנגענער פרוי, געמעגט חתונה האָבן. אַמנון האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון, און ער האָט זי פאַר־אומרייניקט... און באַלד טאַקע האָט ער דערפילט צו איר אַ שרעקלעכן עקל און אַ פיינטשאַפט, און ער האָט זי גלייך אַרויסגעטריבן פון זיין צימער... איצט פאַרשטייסטו, טאָכטער, וואָס די חכמים רופן אָן „אומריינע ליבע"? — אַ ליבע, וואָס הענגט אָפּ פון עפּעס אַ זאַך, תּאווה אָדער געלט, הייסט נישט קיין אמתע ליבע, קיין ריינע ליבע!... זיי וויסן טאָכטער, אַז דעם מאַרווינס ליבע צו דיר איז נישט קיין ריינע ליבע, נאָר זי הענגט אָפּ אין געלט און אין תּאווה. דו ווייסט עס נישט. אָבער איך וויס עס. איך פאַרשטיי עס!... טו מיר צוליב, טאָכטער, און האָב רחמנות אויף זיך אַליין —— פאַרגעס אין דעם מאַרווינען, טאָכטער!... אָט האָט מען מיר איצט פאַרגעלייגט אַ טייערן שידוך, אַ יונגער רב, אַ רבס אַ זון, מ'לויבט אים אין טאָג אַריין. שיין, קלוג, געלערנט. כ'בין גרייט אָוועקצוגעבן מיין גאַנץ פאַרמעגן און קריגן פאַר דיר דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. שלאָג כּפּרות מיט דעם מאַרווינען, ע ר איז אַ שאַרלאַטאַן, דו הערסט ?!...

שפרהלע האָט געהערט, געקוקט די גאַנצע צייט אויפן פאָטער מיט אַן

אָפּן מויל, געהערט און געשטוינט: וואָס קומט דאָ פאָר? דער פּאַטער רעדט עפּעס ווי אַ נביא! ער רעדט פון דער אומריינער ליבע פון אַמנון צו תמרן עפּעס טאַקע ווי גלייך ער, דער טאַטע, וואָלט געוואוסט וואָס ס'איז געשען צווישן מאַרווינען און איר ביים קאָמוניסטישן פּיקניק... זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער סאָפע און זיך צעוויינט היסטעריש.

— וואָס איז שוין ווידער געשען?... — איז די מוטער אַריינגעלאָפן פון איר צימער אַ דערשראָקענע — אריה־לייב, וואָס איז דאָ געווען?...

— גאָרנישט, גאָרנישט, זעלדע! — ווייזט איר ר' אַריה־לייב מיט דער האַנט, זי זאָל אַרויסגיין, און ער גייט איר נאָך — מיר האָבן זיך דורכגע־שמועסט געמיטלעך. זאָל זי זיך אויסוויינען, וועט איר ווערן גרינגער אויפן האַרצן!...

ה

שפּרהלע איז אַן אויסגעמאַטערטע פון געוויין אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון געשמאַקן שלאָף, ווי אַ זויגנדיק קינד, וואָס וויינט זיך אָן שטאַרק און שלאָפט איין אין דער מוטערס שויס.

מאַרווין האָט שטיל־שטיל געעפנט די טיר פון איר צימער, איז אַריין אויף די שפּיץ פינגער, זיך צוגעשפּאַרט לעבן איר, אַריינגעכאַפּט זי אין זיינע שטאַרקע אָרעמס, און זי גענומען קושן ליידנשאַפטלעך...

טאַטע־מאַמע קומען אַריין, שטעלן זיך אַוועק לעבן איר בעט, קוקן ווי זי איז איינגעפלאָכטן אין מאַרווינס אָרעמס, און זיי קוועלן פון נחת.

נאָר אָט וואַקסט מיטאַמאָל אויס דוד המלך מיט זיין גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ און מיט זיין גאָלדענעם צעפּטער אין דער האַנט, שלעפּט אַוועק מאַרווינען פון איר און נעמט אים זידלען און שרייען:

— דו אַמנון, דו אויסוואורף, דו שאַרלאַטאַן, וואָס האָסטו געטאָן מיט תמרן? האַ?... — און נעמט קאַטעווען מאַרווינען מיט זיין צעפּטער, און מאַרווין לאָזט פון ווייטיק אַרויס אַ יאָמערלעך געשריי.

פון דעם געשריי האָט זיך שפּרהלע אויפגעכאַפּט. זי האָט זיך דערזען אין בעט אונטער דער קאָלדרע איינגעוויקלט אין שוויס. זי איז געבליבן ליגן אַ צעמישטע, אַ צעטומלטע, אַן אויפגעברויזטע פון דעם משונהדיקן חלום...

דער טאַטע איז גערעכט! מאַרווינס ליבע צו איר איז פונקט אזוי אומ־ריין, ווי אַמנונס ליבע איז געווען צו תמרן. ווען מאַרווין זאָל זי באמת ליב האָבן, וואָלט ער נישט געווען געפאָרן אַהיים פון דעם פּיקניק אין אַן אַנדערן טראָק מיט אַן אַנדער מיידל. ער וואָלט איר נאָכגעלאָפן און זיך אַנטשול־דיקט פאַר איר און זי איבערגעבעטן... נאָכמער — ווען זי איז שוין געקו־

מען צו דער טאַנטע קלאַראַן זיך דורכצורעדן מיט אים, איז ער גאָר אַנטלאָפֿן מיט ווילדן כעס.

אָבער וואָס פֿאַר אַ כוח ליגט אין אים! זי האָט אים נאָך אַלץ ליב און גלוסט צו אים!

איז וואָס בלייבט איר איצט צו טאָן? דאָס לעבן איז פֿאַר איר איצט אַזוי ליידיק, אַזוי פּוסט, אָן אינטערעס, אָן טעם. קיין שום זאַך גייט איר איצט נישט אָן. דער טאַטע רעדט שוין ווידער וועגן אַ שידוך. אַ ראַבאַי. זי וויל נישט קיינעם־קיינעם מער. זי וויל נישט לעבן גאָר. נישטאָ צוליב וואָס. נישטאָ...

שפּרהלען איז אָנגעפֿאַלן אַ שטאַרקער חשק צו טאָן תּפֿילה. זי האָט צוגעשלאָסן די אויגן, און געגומען שעפּטשען שטיל: „ליבער גאָט, איך האָב פֿאַרבלאָנדזשעט אויף דיין וועלט, ווי אין אַ געדיכטן, פֿינצטערן וואַלד, און כ׳קאָן ווייטער מיין וועג נישט זען. בעט איך דיך דערום, ליבער גאָט, — ווייז מיר אַ שטראַל ליכט און פֿיר מיך אַרויס פֿון דער פֿינצטערניש, איך זאָל״...

שפּרהלע האָט אינמיטן דער תּפֿילה דערהערט שטאַרק־הויכע קולות פֿון איר פֿאָטער און איר ברודער יאָסעלען, וואָס האָבן דערגרייכט צו איר פֿון עסצימער.

יאָסעלע, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופֿן אין דער ביזנעס־וועלט, דזשאָו, האָט די גאַנצע צייט געוואוסט וואָס ס׳קומט פֿאַר צווישן זיין שוועסטער שפּרהלען און זייער שיפּינג־קלוירק מאַרווינען. אָבער אַריינמישן זיך, זאָגן אַ מיינונג דעם פֿאָטער, האָט ער נישט געוואָגט.

שטילערהייט ביי זיך אין האַרצן האָט יאָסעלע געהאָפֿט און געוואַרט, אַז ס׳זאָל ווערן אַ שידוך מיט מאַרווינען. און נאָכמער פֿון אים האָט דאָס געוואָלט זיין ווייבל רבקה.

יאָסעלע און רבקה זענען שוין פֿון לאַנג געווען אָנגעדרודלט אויפֿן „אַלד מען״ דערויף וואָס ער איז נאָך אַלץ אַ גלייכער שותּף אין די ביזנעס. זיי האָבן ביי זיך געהאַלטן, אַז ער, יאָסעלע, האָט די ביזנעס אַרויפֿגעאַר־בעט. און דערפֿאַר איז ער, יאָסעלע, באַרעכטיקט צו אַ סך גרעסערן חלק פֿון קאַפּיטאַל און ריווח, ווי דער פֿאָטער. צווישן זון און פֿאָטער זענען אָפֿט פֿאָרגעקומען טענות־ומענות וועגן דעם. פֿאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז אַלץ צוגע־גאַנגען אויפֿן איידעלן אופֿן, מיט דרך־ארץ. צו קיין קריגעריי איז עס, חלילה, נישט געקומען.

דער פֿאָטער האָט תּמיד אָפּגעוווענדט יאָסעלעס פֿאָדערונגען מיטן תּירוץ, אַז ער האָט נאָך, ברוך־השם, אַ מיידל אויסצוגעבן, און ווילן וויל ער אַן איידעם אַ בן־תּורה, אַ תּכשיט. ער, דער זון, יאָסעלע, איז שוין אַזוי פֿאַרטאָן

אין עולם־הזה, אין ביזנעס, אַז ער נעמט שוין זעלטן אָפּילו אַ ספר אין האַנט. זאָל כאַטש דער אײדעם זיצן און לערנען תורה...

ביי יאָסעלען און רבקהן האָט עס געהייסן, אַז דער טאַטע וויל זיך איינ־קויפן עולם־הבא אויף זייער חשבון. רבקה פלעגט אָנציען יאָסעלען, און ער פלעגט קומען צום פאָטער און אויסשיסן. אָבער די אַלע אָמפּערנישן און אַרגומענטן זענען תמיד געווען שטילע, בנימוסדיקע.

ווען ס'האָט זיך געפירט דער שידוך מיט שואליקן האָבן יאָסעלע און רבקה אָפּט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט פון דער זייט, אַז ס'איז, יאַקבי, נאַריש פאַר אַן אַמעריקאַנער מיידל צו נעמען אַ גרינעם בחור. פאַרשטייט זיך, אַז דער אמתער טעם איז געווען, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז דער פאָטער זאָל אַרויסציען אַזאַ גרויסן קאַפּיטאַל אויף נדן און צוקריגן נאָך אַ נייעם שותף דערצו. די אַמפּערנישן זענען געוואָרן אַביסל וואַרעמער. די שנור, רבקה, האָט זיך אָנגעבלאָזן, און האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען צו שווער־און־שוויגער אין הויז אַריין. דער זון, יאָסעלע, איז אויך אַהינגעקומען זעלטן. און ווען ער פלעגט שוין יאָ קומען, איז עס געווען אַריין־און־אַרויס.

מיט שפּרהלען, פאַרקערט, זענען יאָסעלע און רבקה געוואָרן גאָר פריינטלעך און ליבלעך, מער ווי פריער. רבקה פלעגט שפּרהלען אַרויסגעבן גערעכט בנוגע איר ליבע מיט מאַרווינען, און יאָסעלע האָט תמיד פּאַטאַ־קעוועט.

ווען פון דעם שידוך מיט שואליקן איז גאָרנישט געוואָרן, האָבן יאָסעלע און רבקה אָפּגעאָטעמט פרייער. דער פאָטער שווייגט. מאַרווין איז אַלץ אויף זיין דזשאָב אין שאַפּ. דערצו נאָך צאָלט דער פאָטער פאַר אים אין קאָלעדזש. הייסט עס, אַז אַלץ גייט אויף אַ דרך...

לעצטנס, אָבער, ווען ר' אַריה־לייב האָט דערציילט יאָסעלען וועגן דעם נייעם שידוך מיטן יונגן ראַבאַי, וואָס מ'האָט אים פאַרגעשלאָגן, און אַז ער איז גרייט זיך צו לאָזן קאָסטן מי־יודע־וויפל, אויב ס'איז נאָר דאָס שטיקל „סחורה" וואָס ער וויל, איז יאָסעלע געבליבן שטיין אַ פריטשמעליעטער, ווי מ'וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ.

קומענדיק אַהיים, האָט ער באַלד דערציילט רבקהן, פאַרשטייט זיך. רבקה איז געוואָרן אַן אָנגעצונדענע. הייסט עס, אַז דער שווער האָט זיך נאָך אַלץ זיין שגעון נישט אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ. אויב אַזוי דאַרף מען מיט אים רעדן אָפענע דיבורים. עד מתי ?... זי האָט גענומען טענהן מיט יאָסעלען, אַז מ'מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל לאָזן וויסן דעם שווער, אַז אַזוי קאָן עס ווייטער נישט גיין. יאָסעלע מוז זיך באַוואָרענען, אַז ער באַקומט נישט ווייניקער פון צוויי דריטל פון קאַפּיטאַל און פון ריווח. מיט זיין דריטל קאָן דער „אַלד מען" טאָן וואָס ער וויל !...

יאָסעלע האָט זיך געפעדערט, געוואָלט היינט אָנקומען צו די עלטערן

אין הויז באַצייטנס אײדער זיי עסן אָפּ פרישטיק, כדי צו האָבן גענוג צייט זיך דורכצורעדן מיט זיי. ווען ער איז צוגעפאָרן מיט זיין מאַשין צום הויז, איז גראָד דער פאָטער אָנגעקומען מיטן טלית־און־תפילין אונטערן אָרעם פון דאַווענען. זיי זענען ביידע גלייך אַריין אין הויז.

די מוטער האָט געהאַלטן אין גרייטן צום טיש פאַר פרישטיק.

— אַ גאַסט! מ׳דאַרף צעלייגן דעם אויוון... — שפּאַסט די מוטער דערויף וואָס יאָסעלע קומט אַזוי זעלטן — וואָס האָט דיך עפּעס געבראַכט אַהער אַזוי פרי, האַ?

— איך דאַרף מיט אייך עפּעס וויכטיקס איבעררעדן.

— שוין ווידער איבעררעדן? וואָס־זשע, רבקה האָט דיך שוין באַנייעס אָנגעדרייט?... — מאַכט דער פאָטער, אַוועקלייגנדיק דעם טלית־זאַק.

— וואָס עפּעס רבקה? איך אַליין האָב שוין גאָר קיין שכל נישט?...

— אָלרייט, דערווייל גייט זיך וואַשן צום עסן! — שלאָגט איבער די מוטער.

פאָטער און זון האָבן זיך געוואַשן, געזעצט צום טיש, געמאַכט המוציא, און גענומען רעדן מכוח די ביזנעס. אַ וואָרט אין אַ וואָרט — ביידע האָבן זיך צעוואָרעמט, גענומען טענהן הויך און העכער, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז איצט. דער שמועס איז וואָס אַמאָל געוואָרן ערנסטער, און דער געפּילדער גרעסער, שטאַרקער.

שפּרהלע האָט געכאַפּט אויף זיך איר שלאַפראָק און איז אַריין אין עס־צימער. אָנגעקומען איז זי אויף יאָסעלעס אויסגעשריי:

— נישקשה, טאַטע, מאַרווין איז אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַן. אַ טאַטנס אַ קינד. דערצו אַ צוקונפטיקער לאָיער. עס מעג דיר אָנשטיין דער שידוך!...

— ווער פרעגט ביי דיר דעות, זון מיינער? איך וועל, מיטן אייבערשטנס הילף, נעמען פאַר שפּרהלען דעם, וועמען א י ך וויל!... — שרייט דער פאָטער צוריק.

שפּרהלע האָט געטאָן אַ ביטערן שמייכל:

— דער טאַטע איז גערעכט! ער מעג וועלן פאַר מיר דעם שענסטן יונגנמאַן אין דער וועלט, און ער דאַרף ביי דיר נישט פרעגן קיין דעה, יאָסעלע...

— אָ, דו אויך, שפּרהלע? שוין געשלאָגן כפּרות מיט מאַרווינען?...

— ס׳איז נישט דיין עסק, ברודער!...

יאָסעלע איז געבליבן געפּלעפּט. טאַטע־מאַמע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט צופרידענע בליקן...

קאַפּיטל זעקס

א

מאַיקעל האָפּקינס האָט תּחילת געפּלאַנעוועט צו פאָרן מיט ביטריסן אויף זייער האָניק־חודש קיין בערמודע. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז זיי זענען געפאָרן קיין לייקוואוד. די סיבה איז געווען דער יום־טוב פּסח.

מאַיקלען אַליין איז קיין חילוק נישט געווען וואו ער זאָל האַלטן פּסח. ביטריס אָבער, וועלכע איז דערצויגן געוואָרן אין יידיש־טראַדיציאָנעלן גייסט און איז געווען רעליגיעז געשטימט, האָט געוואָלט פאַרברענגען פּסח נאָר אין אַ יידישער סביבה, וואו מ׳איז אָפּגעהיט פון חמץ. איבערהויפּט האָט זי ל׳יב געהאַט די צערעמאָניע פון דעם פּסחדיקן סדר.

ביטריס האָט געוואוסט, אַז אין דעם רעזאָרט־שטעטל לייקוואוד פּראַ־וועט מען אמת־יידישע סדרים. מיט אַ יאָר פינף צוריק איז ביטריסן אויס־געקומען צו זיין אין לייקוואוד אויף פּסח, און די הנאה, וואָס זי האָט דעמאָלט געהאַט דאָרט איז איר נאָך געלעגן אין טעם.

פאַרפאָרן זענען זיי אין סאַמע גרעסטן און רייכסטן האָטעל „לאָרעל אין די פּיינס”, וואו יאָסעלע ראָזענבלאַט מיט זיין כאָר האָט געדאַוונט און געפּראַוועט די סדרים.

די פּסחדיקע טעג זענען געשטאַנען פריילינגדיק־וואַרעמע, ליכטיקע און פרישע. לייקוואוד האָט געשיינט מיט אַלע זיבן חנען. דאָס סאָסנע־וועלדל האָט געגרינט, געשמעקט און געצויבערט. דאָס טייכל צווישן די סאָסנעס האָט זיך געזילבערט, געשמייכלט און קאָקעטירט מיט די ווייסע־שטאָלצע שוואַנען און מיט די פריילעך־קוואַקענדיקע קאַטשקעס. אין אַלע גאַסן און געסלעך האָט געשוועבט אַ יום־טובדיקייט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז נישט נאָר די טויזנטער יידישע יום־טובדיקע געסט, וואָס האָבן זיך געוויגט אויף שאָקל־שטולן אויף די גאַניקעס און וועראַנדעס פון די האָטעלן, אַרומגעשפּאַ־צירט אויף די טראָטוואַרן און אויפן בריקל, און געזעסן אויף די בענק ביים ברעג פון טייכל, — נאָר אַפילו די קריסטלעכע פּורמאַנעס, וואָס זענען געזעסן אויף די קאָזלעס פון זייערע ברישקעס און פאַטעאָנען מיט די לייצעס אין זייערע הענט, וואַרטנדיק אויף פּאַרשוינען, — אַפילו זיי האָבן אויסגע־קוקט יום־טובדיק.

אין דעם גרויסן רייכן האָטעל האָט דער „סאָשעל דירעקטאָר” צוגע־גרייט אַ סך אַקטיוויטעטן און פאַרוויילונגען צו האַלטן די געסט פאַרנומען אין אַלע צייטן פון טאָג.

מאַיקעל אַליין האָט אַוועקגעשטעלט זיין ביואיק אין גאַראַזש און אָפּגע־דונגען פאַר זיך דעם שענסטן פאַעטאָן מיטן בעסטן שפּאַן, און ער איז מיט ביטריסן יעדן אינדערפרי אַרויסגעפאָרן אין וואַלד, אויסער דער שטאָט, און

אויסגעקוקט אַלע אינטערעסאַנטע פּלעצער אַרום. יעדע שעה אין טאָג איז ביי זיי געווען אויסגערעכנט אַזוי, אַז ס'איז זיי כמעט קיין ליידיקע צייט נישט פאַרבליבן. פונדעסטוועגן האָבן זיי קיין איין טאָג נישט פאַרפעלט צו שרייבן אַ בריוול, אָדער לפּחות אַ פּאָסט־קאַרטל, צו שואליקן און חוהלען.

ס'איז אַזוי געשען, אַז אין די פּאָר וואָכן פאַר זייער חתונה האָבן מאַיקעל און ביטריס זיך צוגעקלעפּט צו שואליקן און חוהלען, ווי צו נאָענטע קרובים. פריער איז צווישן דידאָזיקע צוויי פּאָרלעך געשטאַנען ווי עפּעס אַ מין מחיצה. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום גייסטיקע בשותפותדיקע אינטערעסן. גוטע פריינט — יאָ, נאָר אינטימע פריינט — נישט.

געביטן האָט זיך אָט דידאָזיקע מאָדנע באַציאונג צווישן זיי ווען מאַיקעל און ביטריס זענען געקומען פאַרבעטן שואליקן מיט חוהלען צו זיין די אונטערפירערס פון מאַיקעלס צד. דאָס איז געווען דער ווענדפּונקט, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די צוויי פּאָרלעך זאָלן זיך מער דערנענטערן. אין די פּאָר וואָכן פאַר זייער חתונה זענען מאַיקעל און ביטריס אָפט געקומען צו שואליקן און חוהלען זיך באַראַטן.

דידאָזיקע צוויי פּאָרלעך האָבן זיך ווי ערשט נאָרוואָס דערקענט און זיך צוגעקלעפּט איינס צום צווייטן. און אין די דריי וואָכן, וואָס זיי זענען געווען צעשיידט, האָבן זיי באמת געבענקט שטאַרק איינע נאָך די אַנדערע.

דעם ערשטן טאָג נאָך פּסח, ווי נאָר מאַיקעל און ביטריס האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָט ביטריס גלייך טעלעפאָנירט חוהלען:

— האַלאָו, איוו, דאַרלינג!

— אָ, העלאָו, ביטריס דיער!

— וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט שואליק?

— פיין. אַ שיינעם דאַנק. און איר וואָס מאַכט? ווי האָט איר עפּעס פאַרבראַכט?...

— וואונדערלעך, דאַרלינג! הלוואי גיך ביי דיר און שואליקן נישט ערגער!...

— כ'האָף אַזוי...

— הער אויס, חוהלע זיסע, קום אַריבער מיט שואליקן היינט אָוונט, וועלן מיר אַביסל פאַרברענגען. מיר האָבן אַזוי געבענקט נאָך אייך...

— מיר נאָך אייך אויך! אָבער כ'וויים נישט צי מיר וועלן קאָנען אַרי־בערקומען היינט אָוונט. דו ווייסט דאָך, ביטריס, איך ווער ערשט פריי פון מיינע קלאַסן אין תלמוד־תורה אַרום אַכט אַזייגער, און שואליק קומט אויך אַרום זיבן און איז מיד...

— ווייסטו וואָס, חוהלע? מאַיקעל וועט קומען אייך נעמען מיט דער מאַשין. אָלרייט?

— גוט. מיר׳ן זיין גרייט!

— דערציייל מיר דערווייל וואָס ס׳הערט זיך ביי אייך. כ׳וויל וויסן.

— מיר נעמען זיך גרייטן צו אונדזער חתונה...

— זאָל זיין אין אַ גוטער שעה!

— און שואליק גייט בעטן אַ דערלויבעניש פאַר אַ „פּערמאַנענטע רעזידענץ״ אין די פּאַריינינקטע שטאַטן. דער לאָיער גוטקין — דו קענסט אים דאָך — האָט שוין אַפילו אַוועקגעשיקט די פּאַפּירן קיין וואַשינגטאָן...

— אָ, ס׳פרייט מיך אַזוי צו הערן דאָס, חוהלע! וועט איר אפשר באַשליסן שוין צו בלייבן וואוינען אין אַמעריקע?

— גאַנץ מעגלעך... מיר׳ן בלויז פאָרן קיין ארץ־ישראל זען שואליקס עלטערן, און דאַן קומען צוריק אַהער...

— קאָן זיין, אַז מאַיקעל און איך זאָלן אויך פאָרן אויף אַ וויזיט קיין ארץ־ישראל... מיר האָבן גערעדט דערפון...

— וואונדערלעך! וואונדערלעך; — האָט חוהלע גענומען פריילעך אונטערטאַנצן פאַר פריד — אָ, ס׳וועט ביי שואליקן זיין אַ גרויסע בשורה...

— זאָג מיר, חוהלע, דאַרפסט עפּעס מיין מיטהילף? כ׳בין גרייט צו גיין מיט דיר איינקויפן זאַכן ווען נאָר דו׳סט וועלן!

— אַוודאי דאַרף איך דיך, זאָלסט מיט מיר גיין. אַ האַרציקן דאַנק דיר, ביטריס!...

אינדערזעלבער וואָך טאַקע, די וואָך נאָך פסח, איז חוהלע געוואָרן פאַר־נומען מיט אירע הכנות צו דער חתונה. זי האָט גענומען אַרומגיין איבער די קראָמען קוקן, מעסטן, איינקויפן. און ביטריס איז מיטגעגאַנגען מיט איר אומעטום, ווי אַ געטרייע שוועסטער.

ב

אין ניו יאָרק, ווי באַוואוסט, איז דער וועטער אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר אַ צעדרייטער, אַ צעמישטער. מ׳ווייסט נישט היינט וואָס פאַר אַ שפּיצל ער וועט אָפּטאָן מאָרגן. איבערהויפּט פרילינג־צייט איז דער וועטער גאָר נערוועז און משוגעוואַטע.

חוהלע און ביטריס האָבן אין די ערשטע פאַר וואָכן נאָך פסח געהאַט נישט מער ווי אַ צוויי־דריי שיינע טעג צו קאָנען גיין איבער די קראָמען „שאָפּינג״, און אין די פאַר טעג האָבן זיי כמעט גאָרנישט איינגעקויפט. חוהלע איז בכלל געווען אַ שווערע קויפערין. איידער זי האָט זיך צוגעקליבן אַ מלבוש, אַ הוט, צו אפילו אַ פּאָר שיך, האָט זי געמוזט אויסזיין אין עטלעכע קראָמען. און ווען זי האָט שוין געקויפט, איז עס איר ערשט נאָכדעם נישט געווען צום האַרצן און זי האָט געמוזט לויפן אָפּגעבן אָדער איבערבייטן.

אויף דער דריטער וואָך נאָך פסח האָבן זיך ווידער געשטעלט שיינע

פרילינג־טעג, און חוהלע מיט ביטריסן האָבן זיך ווידער אַרויסגעלאָזט איבער די קראָמען.

צען אַזייגער אינדערפרי האָבן זיי זיך באַגעגנט אויף יוניאָן־סקווער און גענומען שפּאַנען איבער דער פּערצנטער סטריט, איבער דער פינפטער עוועניו, און אַרויף אין די העכערע גאַסן. חוהלע האָט געקוקט, געקליבן, געמאָסטן אין אַ סך פאַרשידענע קראָמען און פעקטאָריס, קוים איינגעהאַנדלט עטלעכע נישט־וויכטיקע זאַכן און געשפּאַנט ווייטער. דער טאָג איז געווען אַ שטאַרק וואַרעמער. ביידע האָבן געשוויצט. ביידע האָבן זיך גוט איינגעמידט, אויסגעהונגערט. זיי זענען אַריין אין אַ קאַפעטעריע, געכאַפּט אַ קאַווע מיט אַ סענדוויטש, זיך אָפּגערוט אַ ווייל און ביידע האָבן דערפילט, אַז זיי קאָנען שוין קוים פלאָנטערן מיט די פיס.

— לוק, איוו דיער! — טוט ביטריס אַ זאָג, — מיר זענען דאָך שוין נישט ווייט פון דעם „גאַרמענט סענטער". בלויז עטלעכע בלאָקס צו אונזער שאָפּ. לאָמיר כאַפּן אַ טעקסי און צופאָרן צום שאָפּ. דו האָסט דאָך נאָך אונדזער שאָפּ נישט געזען אַפילו!...

— אָבער ביטריס טייערע, כ׳בין אַזוי מיד. כ׳וואָלט וועלן אַראָפּשלעפּן פון זיך די שיך, אַראָפּוואַרפן פון זיך די אויבערשטע קליידער און זיך אַוועקוואַרפן אויף אַ בעט אָפּכאַפּן דעם אָטעם...

— איך פיל אויך צו טאָן דאָסזעלבע, חוהלע. ביי מאַיקלען אין פּריוואַטן צימער, וואָס ביים אָפיס, וועלן מיר ביידע טאָן טאַקע. דאָרטן שטייען צוויי „לאַונדזשעס". מיר׳ן צומאַכן די טיר און רוען ווי פּרינצעסינס...

ביטריס האָט אַפילו נישט געוואַרט אויף חוהלעס צושטימונג. זי האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט איר ווייסער הענטשקע צו דער ערשטער טעקסי, וואָס זי האָט געזען פאַרבייפאָרן, און זיי זענען ביידע אַריין.

די טעקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער זיבן־און־דרייסיקסטער סטריט, ביי בראָדוויי. ביטריס האָט אַריינגעפירט חוהלען אין אַ שיינעם קאָרידאָר, איר אָנגעוויזן אויף דעם שוואַרצן „בולעטין־ברעט" מיט די נעמען פון די פירמעס אין יענער געביידע דעם נאָמען „מאַיקעל האָפּקינס פאָר קאָמפּאַני" — צוועלפטער שטאָק.

אַריינגעקומען איז מען גלייך פון עלעוויישאָר אין אַ גרויסן באַלויכטענעם זאַל מיט אַ הויכן סופיט, מיט הויכע פענצטער, פאַרהאַנגענע מיט זיידענע גאַרדינען, מיט שיין־געמאָלטע ווענט, מיט אַ דיקן רויטן טעפּיך פון וואַנט־צו־וואַנט, מיט ווייכע פלושענע סאָפעס און שטולן, מיט הויכע־שטייענדיקע שפּיגלען ביי די ווענט אַרום. ס׳האָט אַ שמעק געטאָן מיט אַ ריח פון פוטער־וואַרג געמישט מיטן שאַרפן ריח פון נאַפטאַלין. אין אַלע פיר ווינקלען פון

זאָל זענען געשטאַנען הויכע עלעקטרישע ווייערס, וועלכע האָבן געקילט און געפרישט די לופט.

פון דעם גרויסן זאַל האָבן אַ פּאָר טירן געפירט אין קלענערע צימערן, פּונקט מיטן זעלבן פּאַרפּוץ, וואו פרויען האָבן געמאָסטן זייערע פוטערנע מאַנטלען און זשאַקעטן און די שניידערס האָבן זיי באַקוקט פון אַלע זייטן.

אין דער רעכטער זייט האָט אַ טיר געפירט אין אַ גרויסער „סטאָרעידזש רום", וואו לענגאויס די ווענט זענען געשטאַנען אייזערנע אַלמערס, וואו מ׳האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן די טייערסטע פוטערס. פון דאָרט האָט אַ ברייטע טאָפּלט־טיר געפירט אין שאָפּ אַרייך.

דער שאָפּ איז געווען לאַנג און ברייט, אָנגעשטעלט מיט לאַנגע און ברייטע טישן, ביי וועלכע עס זענען געזעסן און געשטאַנען עטלעכע צענד־ליק אַרבעטערס מיט זייערע קעפּ אַריבערגעבויגן איבער צוגעשניטענע פעלן. אַנדערע האָבן געמאָסטן פאַרסטריגעוועטע פוטער־מאַנטלען אויף שטייענדיקע מאָדעל־פיגורן.

ביטריס האָט אַרומגעפירט חוהלען אומעטום און איר געוויזן אַלץ אויף שנעל. נאָכדעם איז זי מיט איר אַריין אין אָפיס, וואו עס זענען געשטאַנען שטאָלענע שרייבטישן, שראַנקן, „פיילען", „סייפס", און רעדל־טישלעך מיט „טייפּרייטערס". ביים הויפּט־שרייבטיש איז געזעסן דער בוכהאַלטער. אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן. ביי די אַנדערע שרייבטישן — יונגע מיידלעך, סעקרע־טאַרינס. אַלע דאָרט האָבן באַגריסט ביטריסן מיט זיסע שמייכעלעך: „העלאָ, מיסעס האַפּקינס!" ביטריס האָט זיי שמייכלענדיק געענטפערט און אויף שנעל פאַרגעשטעלט איר פריינדין: „מיס הערשקאָוויטש", און געבעטן ביים טעלעפאָן־מיידל אָנצופרעגן ביי מאַיקלען צו זיי קאָנען צו אים אַריינקומען.

מאַיקעל האָט גלייך אויפגעעפנט די טיר פון זיין פריוואַטן אָפיס און זיי אַריינגעבעטן. ער האָט זיך צעקושט מיט ביטריסן, געדריקט די האַנט חוהלען.

— וועלל, ווי גייט עפּעס די „שאָפּינג"?...

— פיין!... — האָט ביטריס אַ שאָקל געטאָן מיט איר בלאָנדן קאָפּ און אַ בליץ געטאָן מיט אירע בלויע אויגן.

— קיין סך נישט אויפגעטאָן. כ׳בין זייער אַ שווערע קויפערין... — וויזט חוהלע אָן אויף די פּאָר פּעקלעך אין די הענט.

ביטריס האָט זיך אַנטשולדיקט, געזאָגט אַז זי מיט חוהלען זענען טויט־מיד, און בײדע זענען אַריין אין מאַיקעלס פריוואַטן רו־צימער. זיי האָבן ביידע באַלד אַראָפּגעשלעפּט זייערע ענגע שיך, אַראָפּגעצויגן זייערע איבער־שטע מלבושים, גענומען אַ טרונק אייז־וואַסער, און זיך גלייך אַוועקגעוואָרפן אויף די צוויי ווייכע דיוואַנען, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען ווי־זאַ־ווי.

— ווי געפעלט דיר עפּעס אונדזער שאַפּ, חוהלע?... — האָט ביטריס אַ פרעג געטאָן נאַיוו.

— ווי ס׳געפעלט מיר, פרעגסטו? כ׳בין ממש אַנטציקט!... — האָט חוהלע געענטפערט — אָבער איצט לאָמיר נישט רעדן פון גאָרנישט, ביטריס טייערע. לאָמיר צושליסן די אויגן און בעסער רוען, רוען!...

גערוט האָט נאָר חוהלעס קערפּער. איר געדאַנק האָט נישט געקאָנט רוען.

שוין אויף דעם סאַמע ערשטן וויזיט ביי ביטריסן אין הויז איז חוהלע געוואָרן שטאַרק איבערראַשט פון דער רייכער לוקסוסדיקער אויסשטאַטונג. עס האָט אין איר זיך דערוועקט אַ מין קנאה־געפיל: אַזאַ רייך־אויסגעשטאַטע היים קאָן זי, חוהלע, אַפילו נישט האָפן ווען ס׳איז צו האָבן...

אויף די שפּעטערדיקע וויזיטן איז שוין חוהלע אביסל צוגעוואוינט געוואָרן. דאָס רייכע הויז ביטריסעס האָט איר שוין נישט אַזוי אויפגעריסן די אויגן.

איצט, אָבער, ווען חוהלע האָט ס׳ערשטע מאָל דערזען מאַיקעלס גרויסן רייכן שאַפּ, איז זי ממש געפּלעפט געוואָרן. יאָ, שואליק האָט איר טאָקע געזאָגט, אַז מאַיקעל איז אַ רייכער מאַנופעקטשורער און לעבט ווי אַ גראַף. אָבער זי האָט געמיינט, אַז מסתמא ווייזט זיך שואליקן אַזוי אויס לויט זיין אָרעמער השגה. ווען שואליק האָט דאָן געשפּאַסט, אַז ס׳מעג איר באַנג טאָן וואָס זי האָט נישט געכאַפּט פאַר זיך אַזאַ „העכט", ווי מאַיקעל, האָט זי אים געענטפערט, אַז זי פאַרגינט ביטריסן „דאָס גליק", און זי האָט עס טאָקע געמיינט, באמת. איצט אָבער...

חוהלע האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן צו זיך: זי האָט אפשר געקאָנט האָבן אָט דאָס גאַנצע עשירות, און זי האָט עס צוגעוואָרפן פאַר ביטריסן... וואָס איז דאָס — מ ז ל אָדער צ ו פ אַ ל?...

חוהלע האָט זיך געחידושט אויף זיך אַליין ווי ס׳קומט צו איר אַזאַ מין געפיל. זי האָט זיך אין האַרצן אָנגעבייזערט אויף זיך. ז י, די שטאָלצע אידעאַליסטין, זאָל מיטאַמאָל באַקומען אַזאַ קנאה־פּרעסעניש? זי שעמט זיך פאַר זיך אַליין...

זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַהערשן. זי האָט נישט געקאָנט דערשטיקן אין זיך אירע געדאַנקען. טיף אין האַרצן האָט איר אַ ווערימל געטאַטשעט...

ביטריס האָט געמיינט, אַז חוהלע האָט איינגעדרימלט, און זי האָט זי נישט געוואָלט וועקן.

ווען דער זייגער אויף דער וואַנט האָט שוין אָבער באַלד געוויזן דריי, האָט ביטריס זי אַ טאָרקע געטאָן:

— חוהלע, ס׳איז שוין שפעט פאַר דיר !...

חוהלע האָט זיך שנעל געגעבן אַ הייב־אויף, שנעל זיך אָנגעטאָן, אראָפּ אין גאַס, זיך אַריינגעכאַפּט אין דער סאַבוועי און געפאָרן מיט די פּעקלעך גלייך אין תּלמוד־תּורה אַריין.

ג

דער סאַבוועי־וואַגאָן איז אין יענער נאָכמיטאָג־שעה געווען האַלב־ליידיקלעך. חוהלע איז אַ מידע אַנידערגעפאַלן אויף דער ערשטער באַנק, וואָס זי האָט דערזען, און אַ שליידער געטאָן אירע פּעקלעך צו דער וואַנט־צו לעבן זיך. זי האָט אויפגעהויבן אַ צייטונג, וואָס עמיצער האָט איבער־געלאָזט אויף איר באַנק, און זי אַ שמיץ געטאָן אויפן דיל. זי האָט טיף אָפּגעזיפצט און צוגעשלאָסן די אויגן. זי האָט געוואָלט אַרויסשטויסן פון מוח די נאָגנדיקע געדאַנקען און נישט געקאָנט.

אַ שיכורער פאַרשוין האָט זיך אַריינגערוקט אין וואַגאָן, וואַקלענדיק זיך אויף זיינע שלאַבעריקע פיס. ער האָט מיט זיינע שיכור־פאַרנעפּלטע אויגן באַמערקט חוהלען, זיך אָפּגעשטעלט, און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל: „העלאָו, ביוטי !״.

הינטער אים האָט זיך אַ בלינדער מיטליאָריקער בעטלער מיט שוואַרצע ברילן אַריינגעשאַרט אין וואַגאָן, טאַפּנדיק־קלאַפּנדיק מיט זיין שטעקן אין דער רעכטער האַנט, און קלינגענדיק־קלימפּערנדיק מיט מטבעות אין זיין בלעכערנעם קווערטל אין דער לינקער האַנט.

דער שיכור האָט דערזען דעם בלינדן און צו אים אַ זאָג געטאָן מיט קוים־פאַרשטענדלעכע ווערטער: „איכ׳ל דיר אָוועקגעבן ס׳גאַנצע געלט מיינס פאַר אָט דער שיינער לידי דאָ! לוק, שי׳ז עי פּיטש!״... און דער בלינדער האָט אים גלייך געענטפערט: „ברודער, וואָס איך זע נישט אַרט מיך נישט !״...

די עטלעכע פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן האָבן זיך צעשמייכלט פון דער סצענע.

חוהלע האָט אַ טראַכט געטאָן: דער בלינדער בעטלער ווייסט געוויס נישט פון דעם פאַרבאָט פון דער תּורה: „איר זאָלט נישט נאָכגיין נאָך אייער האַרצן און נאָך אייערע אויגן, וואָס זיי פאַרפירן אייך !״...

ע ר, אָט דער אָרעמער בלינדער האָט בלויז געזאָגט וואָס ער האָט געפילט. ז י, אָבער, האָט נאַרוואָס עובר געווען אויף אָט דעם פאַרבאָט. די אויגן און דאָס האַרץ האָבן זי פאַרפירט. ווי האָט זי געקאָנט אַזוי פאַר־בלענדט ווערן פון מאַיקעלס עשירות ?... ווי האָט זי געקאָנט מקנא זיין בית־ריסן אויף איר מזל ?... ווי האָט זי געקאָנט פאַרגעסן איר ליבע צו שואליקן ?... זי האָט געזינדיקט אין דער מחשבה קעגן שואליקן. ערלעכער, ליטישער, ליבער שואליק !

צי זי, חוהלע, וואָלט געווען געקאָנט ווערן די רייכע מיסעס האָפּקינס אויף ביטריסעס אָרט, איז נאָך אַ גרויסע פֿראַגע. אָבער ער, שואליק, האָט דאָך זיכער געקאָנט ווערן אַ רייכער אײדעם. און ער איז עס נישט געוואָרן צוליב איר. אָט אַזוי האָט זי אים אָפּגעצאָלט פֿאַר זיין ליבע סאַמע אַ פּאָר וואָכן פֿאַר זייער חתונה ?...

ס'געוויסן האָט זי געפּייניקט, געמאַטערט.

חוהלע איז שיער נישט אַריבערגעפֿאָרן איר סטאַנציע דילענסי־סטריט, וואו זי האָט באַדאַרפֿט אויסשטייגן. די טירן פֿון וואַגאָן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צומאַכן.. זי האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף, געטאָן אַ הייב־אויף אירע פּעקלעך פֿון דער באַנק, צוגעשפּרונגען צו דער טיר און זיך קוים אַרויסגערוקט אויף דער פּלאַטפֿאָרמע.

אין תלמוד־תורה איז זי אַריין אָן אַ טעם. אַ פֿאַרשוויצטע, אַ צעררודערטע. די לערערין פֿון איר שכנותדיקן קלאַס־צימער, מיס גרין, האָט זי דערזען מיט די פּעקלעך אין די הענט און איר געוואונטשן גליק. חוהלע האָט איר געדאַנקט און זיך צעוויינט.

— פֿון גליק און פֿרייד וויינט זיך אויך, מיס הערשקאָוויטש. כ'ווייס !...

— לאַכט מיס גרין.

— יאָ, געוויס... — שמייכלט חוהלע, ווישנדיק די אויגן.

די פֿיר שעהן לערנען אין קלאַס־צימער האָבן פֿאַר חוהלען זיך איצט געצויגן ווי פֿיר לאַנגע טעג. אויפֿן וועג אַהיים האָט זי דערפֿילט אָן אָנפֿלייץ פֿון ברענענדיקער ליבע צו שואליקן. ווען זי איז אַריין אין הויז מיט די פּעקלעך איז זי גלייך צוגעלאָפֿן צו אים און פֿאַר פֿאָטער־און־מוטער אין די אויגן אים געכאַפּט קושן. שואליק איז אַזש רויט געוואָרן. דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל וואָס זי האָט אים געקושט ווען אירע עלטערן זענען געווען דערביי.

די מוטער האָט געעפֿנט די פּעקלעך, זיי באַקוקט מיט פֿרייד, געקוואָלן אויף זיי פֿון נחת, געוויזן זיי דעם פֿאָטער און שואליקן, און מיט מאַמעשער האַרציקייט צוגעוואונטשן :

— זאָלסט אַלץ טראָגן מיט גליק און מיט אַ פֿריילעך האַרץ, טאָכטער !...

— אין אַ גוטער שעה !... — האָט אויך דער פֿאָטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— „תבלי ותחדשי !" (זאָלסט עס אויסטראָגן און ווידער באַנייען זיך !)...

— ווינטשט איר שואליק לויטן טראַדיציאָנעלן נוסח אויף העברעיש.

די מוטער האָט שנעל געגרייט צום טיש און דערלאַנגט חוהלען איר וועטשערע :

— גיי שוין עסן, טאָכטער. ביסט מסתמא גוט הונגעריק שוין !

— כ'זע, אַז דו ביסט שטאַרק מיד, אויסגעמאַטערט, חוהלע. עס אָפּ און גיי זיך צולייגן אָפּרוען! — מאַכט שואליק.

— יאָ, טייערער, איך בין טויט־מיד... איכ'ל טאַקע אַזוי טאָן...

באַלד נאָכן עסן איז חוהלע אַוועק צו זיך אין צימער. שואליק איז איר נאָכגעגאַנגען.

— עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז דו ביסט אַביסל צעטראָגן, חוהלע!...

קוקט איר שואליק אין די אויגן.

— יאָ, טייערער, „עקסייטעד"!... — שמייכלט חוהלע און נעמט דריקן זיין האַנט.

— כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי, חוהלע. אָבער — אייל זיך נישט. נאָר פּאַמעלעך, נאָר געלאַסן. וועסט, אם־ירצה־השם, גאָרנישט פאַרשפּעטיקן. געדענק דעם מאמר פון החכם בן־גבירול: „זיי געלאַסן און וועסט אַלץ דערגרייכן; אייל זיך און וועסט חרטה האָבן"...

זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך און אים אַ קוש געטאָן אויפן שטערן:

— קלוגער קאָפּ מיינער!... כ'האָב טאַקע איצט אַ שטאַרקן געפיל פון חרטה...

— פילסט זיך נישט גוט, חוהלע?...

— ניין, כ'פיל זיך אַלרייט.

— אויף וואָס דען האָסטו חרטה?

— אויף אַ נאַרישקייט... — קושט אים חוהלע ווידער אין שטערן, — ביטריס האָט מיך גענומען היינט אָנקוקן זייער שאַפּ. איך בין באמת איבער־ראַשט געוואָרן פון דער גרויסער עשירות, וואָס כ'האָב דאָרט געזען, און — כ'האָב זיי שטאַרק מקנא געווען... איצט עס איך זיך אויף פון חרטה אויף מיין נאַרישער קנאה...

— אָ, נאַריש מיידל! — טוט איר שואליק אַ קוש צוריק — עסן זיך דערויף איז אַ שטות...

— אָ, טייערער שואליק! דו ביסט אַזוי גוט, אַזוי זיס... — כאַפּט אים חוהלע אַרום און קושט אים הייס, ליידנשאַפטלעך.

זיי האָבן זיך לאַנג געקושט. די צייט איז אַוועק שנעל. ס'איז געוואָרן שפּעט.

מיטאַמאָל האָט שואליק אַ זאָג געטאָן:

— חוהלע, דו האָסט מיר דערציילט דיינע יסורים, און איצט וויל איך דיר דערציילן מיינע יסורים.

— וואָס אַזוינס?... — האָט חוהלע אַ פרעג געטאָן מיט שרעק.

— דו ווייסט דאָך, אַז קומענדיקן זונטיק איז ל"ג בעומר, דער טאָג ווען מיר דאַרפן, אם־ירצה־השם, פאַרהאַנדלען מיט ר' שלמה־שעיה בערשאַדער

וועגן אונדזערע פאָדערונגען. און מוצאי־שבת דאַרף זיין די מלווה־מלכה ביי מאָטעלע נאָז אין הויז. די חברים דאַרפן אָננעמען דעם לעצטן באַשלוס...

— נו, איז וואָס ?

— זענען אָבער נאָך איניקע חברים־אַרבעטער נישט באַשלאָסן ביי זיך. זיי האָבן אַלץ מורא צו פאַרקריגן זיך מיטן באָס. טאָמער פאַרלירן מיר דעם קאַמף... איך קאָן זיי נישט באַשולדיקן. פאַרשטייט זיך, זיי האָבן מורא צו שטעלן אין סכנה זייער שטיקל ברויט.

— וואָס־זשע, עס איז ביי דיר אַ נייעס, שואליק ? תמיד און אומעטום געפינען זיך שרעקעוודיקע פאַרשוינען, וואָס ציטערן פאַר אַ קאַמף. כ׳געדענק, אַז אין דער צייט פון אונדזער לערער־שטרייק האָבן מיר אויך געהאַט אַזעלכע צווישן זיך. דאַרפסט זיך נישט אָפּשרעקן פאַר זיי. און קיין יסורים דאַרפסטו אַוודאי נישט האָבן פון זיי. לאָז זיי איבער פאַר מיר, שואליק. איך בין שוין אַ געניטער סאָלדאַט !...

— וואָס קאָנסטו מיט זיי טאָן ?

— וואָס א י ך קאָן טאָן ? — טוט זיך חוהלע אַ הייב־אויף פון בעט מיט אימפעט און קאָמפּסלוסט פון אַ גענעראַל — איך וועל זיי ביי דער מלווה־מלכה אַזוי אָנשטאָלעווען, אַז קיינער פון זיי וועט זיך מער נישט קאָנען בייגן. זיי וועלן ביי מיר אַלע גיין צום קאַמף, ווי אמתע העלדן !...

— הלוואי זאָלסטו מצליח זיין, חוהלע !

— מיר מ ו ז ן מצליח זיין, שואליק ! יאָ, מיר׳ן קעמפן און מיר׳ן געווינען !...

חוהלעס פעסטע, קעמפערישע ווערטער האָבן שואליקן שטאַרק דערמוטיקט. ער האָט איר אַ קוש געטאָן, און אַ מונטערער, אַ שיינענדיקער, פול מיט באַנייטער האָפענונג זיך געלאָזט גיין צו זיך אין צימער.

— אַ גוטע נאַכט, חוהלע !

— אַ גוטע נאַכט, שואליק !

קאַפּיטל זיבן

א

עס איז אַוועק אַ וואָך און נאָך אַ וואָך.

שפרהלעס נעכט זענען געווען שלאָפלאָזע. אירע טעג — אומרויקע. לייענען האָט זי נישט געקאָנט. זען מענטשן האָט זי נישט געוואָלט. אַפילו אין קיין „מואווי" האָט זי נישט געוואָלט אַריינגיין. זי איז אָדער געלעגן אין איר צימער און זיך צוגעהערט צו דער ראַדיאָ־מוזיק, אָדער געזעסן אין גאַסט־צימער און געשפילט פּיאַנאָ.

זי האָט די פּיאַנאָ קיינמאָל שטאַרק נישט ליב געהאַט. קינדווייז פלעגט די מוטער תמיד זי דאַרפן נייטן צו „פּראַקטיסען", צו מאַכן די „לעסאַנס". ווען זי איז עלטער געוואָרן און שוין געקענט גאַנץ פיין שפּילן, פלעגן די עלטערן אויך דאַן מוזן זי לאַנג בעטן, איידער זיי האָבן געפּועלט ביי איר צו שפּילן פאַר זיי עפּעס אַ ייִדישן ניגון, אָדער אַ ייִדיש טעאַטער־שטיק.

איצט האָט שפּרהלע זיך צוגעכאַפּט צו דער פּיאַנאָ, ווי אַ שטאַרק פאַר־בענקטע. זי איז שעהן־לאַנג אָפּגעזעסן און געשפּילט די סאַמע ערנסטע קאָמפּאָזיציעס פון דער קלאַסישער מוזיק, בעטהאָווען, מאָצאַרט, שאָפּען, ווי זי וואָלט פאַר דער פּיאַנאָ געוואָלט אויסגיסן איר האַרץ, פאַרטרויען אירע אַלע געפילן און מחשבות, וואָס זי האָט פאַר קיינעם נישט געקאָנט פאַרטרויען.

אין אַ פאַרנאַכטיקער שעה, ווען שפּרהלע איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין שפּילן, איז אַריינגעקומען מאַרטאַ.

שפּרהלען האָט גענומען ס'האַרץ שטאַרק פלאַטערן. שוין אָקאַרשט צוויי וואָכן, אַז מאַרטאַ איז ביי איר נישט געווען. זי האָט געוואוסט, אַז מאַרטאַ זעט זיך מיט מאַרווינען אויף די מיטינגען פון דער פּאַרטיי. און זי האָט געהאַפט, אַז ווען מאַרווין וועט באַשליסן צו זאָגן איר עפּעס, וועט ער דאָס טאָן דורך מאַרטאַן.

— האַי, שיפּ׳!

— האַי, מאַרט׳!

— וואָס זע איך? דו גרייטסט זיך צו אַ קאָנצערט אין קאַרנעגי־האָל, שיפּ׳?... — שפּאַסט מאַרטאַ — שוין לאַנג דיך נישט געזען ביי דער פּיאַנאָ!

— וועלל, דו ווייסט דאָך, מאַרט׳, ווי ס'ווערטל גייט: מוזיק איז די שפּראַך פון די מלאָכים!

— וואָס־זשע, דו האַלטסט שוין ביים כאַפּן מלאָכים?

— אַז מ'אַנטוישט זיך אין מענטשן, ווילט זיך כאַפּן מלאָכים. אפשר וועל איך פּאַרט אַרויסרופן אַ גוטן מלאך... און אַפשר ביסטו גאָר, מאַרט׳, דער גוטער מלאך, וואָס כ'האָב מיט מיין מוזיק אַרויסגערופן... — קוקט שפּרהלע אין מאַרטאַס אויגן מיט אַ פאַרשנדיקן שמייכל.

— כ'וואָלט אַוודאי געוואָלט זיין דיין גוטער מלאך, שיפּ׳, גלויב מיר! צום באַדויערן, אָבער, בין איך עס נישט...

— וואָס הערט זיך עפּעס ביי די קאַמעראַדן?

— דיך אינטערעסירן דאָך נישט אַ ל ע קאַמעראַדן. דו ווילסט דאָך געוויס וויסן בלויז וועגן א יי ן קאַמעראַד...

— זאָל זיין ווי דו זאָגסט, מאַרט׳, — מאַכט שפּרהלע אַזוי קאַלט און איינגעהאַלטן, ווי נאָר מעגלעך — האָסט אים געזען די צייט?...

— געוויס. עטלעכע מאָל געזען.

— און ער האָט דיך נישט געפרעגט וועגן מיר ?...

— שיפ׳ דיער ! — קוקט מאַרטאַ אויף איר מיט שפּיציקע בליקן — דו געדענקסט וואָס איך האָב דיר ס׳ערשטע מאָל נאָך געזאָגט ? עס טוט מיר לייד צו זאָגן דיר איצט נאָכאַמאָל, אַז מיט דיינע נאַרישע רעליגיעזע זאַבאַבאָנעס האָסטו זיך אַליין קאַליע געמאַכט. מיט דיינע אייגענע הענט האָסטו פאַרטריבן פון זיך אַזאַ טייערן, זיסן בחור, ווי מאַרווין...

— איך האָב נאָך אַלץ קיין חרטה נישט דערויף ! — מאַכט שפּרהלע להכעיסדיק.

— וואָס האָסטו געמיינט, אַז מאַרווין וועט דיר נאָכלויפן ? די שענסטע מיידלעך לויפן אים נאָך !

— מילא...

— ווילסט וויסן דעם אמת ?

— אַוודאי וויל איך וויסן.

— דו ווייסט ווער ס׳האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט איצט ? די מולאַטקע רוטי אַליין !...

— וואָס פאַר אַ יחוס איז די מולאַטקע רוטי ?

— רוטי איז שוין גאַר אַ גרויסער יחוס. איר פאָטער איז אַ רייכער נעגער, און איר מוטער איז אַ ווייסע. רוטי איז אַ בת־יחידה ביי אירע עלטערן. זי איז שיין. זי האָט אַ מאַסטער׳ס דעגרי פון קאָלומביע אוניווערסיטעט. זי איז אַ טאַלאַנטפולע מאָלערין, אויסגעקאָכט מיט אַלעמען אין „גרעניטש ווילעדזש״, שטיצט די פאַרטיי מיט היפּשע סומעס געלט. איצט ווייסטו שוין ?...

— זאָל אים וואויל באַקומען ! — פאַרבייסט שפּרהלע די אונטערשטע ליפּ ביז וויטיק.

— און ווייסט וואָס מאַרווין גייט ווערן ?

— געוויס וויס איך. אַ לאָיער !

— כ׳מיין אין דער פּאַרטיי.

— יאָ, וואָס ?

— ער גייט ווערן רעגיאָנאַלער אָרגאַניזאַטאָר.

— זאָל אים גאָט העלפן !

— נישט גאָט — די פּאַרטיי וועט אים העלפן. ער׳ט וואַקסן גרויס אין דער פּאַרטיי. דו וועסט זען, און מיין עצה איז, שיפ׳, דו זאָלסט ווערן קליגער. אויב דו קאָנסט נאָך מאַרווינען האָבן צוריק — טו עס ! כ׳ראָט דיר, ווי אַן אמתער פריינד...

מאַרטאַ איז אַוועק. שפּרהלע איז געבליבן זיצן, ווי פאַרשטיינערט. די מוטער איז אַריינגעקומען זי רופן עסן וועטשערע.

— קום עסן. דער טאַטע איז שוין געקומען פון מעריב. ער זיצט שוין ביים טיש.

ווען די מוטער איז אַרויס פון צימער, האָט שפרהלע געכאַפּט אַ פלעשעלע מיט אָדעקאָלאָן פון איר שענקל, זיך גוט אָנגעריבן די שלייפן, טיף אַריינגעאָטעמט דעם שאַרפן ריח, און זי האָט זיך דערפילט אַביסל אויפגעמונטערט.

ביים טיש האָט דער פאָטער געגומען דערציילן פּרטים וועגן דעם יונגן ראַבאַי, וואָס מ׳האָט אים פאָרגעשלאָגן אַלס שידוך.

דער פאָטער האָט דערציילט, גערעדט. און שפרהלע האָט כמעט נישט געהערט וואָס. איר מוח האָט געשטורעמט. איר בלוט האָט געזאָטן. זי האָט געפילט ווי זיך נוקם צו זיין אין דעם מאָרווינען פאַר זיין פאַראַט. זי מוז באַלד נאָך וועטשערע אַוועקלויפן צו דער טאַנטע קלאַראַן. זי מוז דאָרט זען מאָרווינען און אויסלאָזן איר ביטער האַרץ צו אים. זי וועט אים אויסדריקלעך זאָגן, אַז אפילו ווען ער פאַלט איר צו די פיס, וויל זי מער פון אים נישט וויסן. אַז ער האָט זי, שפרהלען, געקאָנט פאַרבייטן אויף עפּעס אַ שיקסל, און נאָך אַ מולאַטקע דערצו, זאָל ער זיך מיט איר האַלטן...

ב

שפרהלע איז אָבער דעמזעלבן אָוונט נישט געלאָפן צו דער טאַנטע. זיך באַדענקט, אַז ס׳איז נישט גלייך צו זען מאָרווינען אויף דער הייסער שעה. זאָל דער ווייטיק זיך אַביסל איינשטילן. זאָל דער כעס אַביסל אָפּגיין. אפשר...

צומאָרגנס איז שפרהלע אַוועק צו דער טאַנטע קלאַראַ. די טאַנטע האָט זי באַגעגנט זייער קאַלט. מיט אַ בליק פון רוגז אין אירע אויגן.

— וואו ביסטו עס געווען די לעצטע פאַר וואָכן? פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען? געוואַרט אויף אַן איינלאַדונג?...

— טאָקע געוואַרט.

— אויב אַזוי האָסטו דיין טאַטנס חכמה...

שפרהלען האָט אַט דערדאָזיקער שטאָך שטאַרק וויי געטאָן. זי האָט תחילת געפילט ווי אויסצולאָזן צו דער טאַנטע איר ביטער האַרץ פאַר אַלע זידלווערטער אויף איר ערלעכן טאַטן. זי האָט זיך אָבער באַטראַכט, אַז נישט צוליב דעם איז זי איצט אַהערגעקומען. זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ זאָג געטאָן:

— הער אויס, טאַנטע. איך בין געקומען צו מאָרווינען. איך וויל מיט אים רעדן איצט צום לעצטן מאָל...

— ס׳לעצטע מאָל איז שוין געווען...

— האָט ער דיר דאָס בפירוש געזאָגט, טאַנטע?

— כ׳טראַכט עס נישט אויס פון מיין קאָפּ. דו קענסט מאָרווינען, ער איז נישט קיין מענטש פון סענטימענטן... געמיינט, זאָגט ער, אַז ער קאָן פון

דיר מאַכן אַ „לייט". אָבער ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דו האָסט אין זיך צופיל פון דיין טאַטנס בורזשואַזנע בלוט...

— זאָג מיר, איז עס אמת, אַז ער גייט מ͏ִיט דער מולאַטקע רוטין, ווי כ׳האָב געהערט?

— שור! נישט נאָר גייט ער מיט איר, נאָר ער ע... — דאָ האָט זיך די טאַנטע פאַרכאַפּט און נישט אַרויסגעזאָגט דאָס גראָבע וואָרט, וואָס איז איר געלעגן אויף דער צונג... — ער וועט באַלד שלאָגן כפּרות מיט דיין טאַטנס שטעלע. ער האָט אַ בעסערע שטעלע...

די טאַנטע איז געבליבן שטיין אין אַ פּאָזע פון נצחון. זי איז אַפילו געווען צוגעגרייט נישט צו ווערן גערירט פון שפּרהלעס היסטעריע און געוויין, וואָס זי האָט דערוואַרט.

צו איר דערשטוינונג איז אָבער שפּרהלע נישט געוואָרן היסטעריש. קיין איין טרער נישט געלאָזט. אַפילו קיין פּכינקע נישט געטאָן. שפּרהלע האָט בלויז געטאָן אַ טיפן זיפץ, צוגעשלאָסן די אויגן און מיט אַ פרום־פרומער מינע געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס דו האָסט דערהערט מיין געבעט, און האָסט מיך אַרויסגעפירט פון דער פינצטערניש!...

די טאַנטע האָט זיך דערשראָקן פאַר איר.

— וואָס פּלאַפּלסטו עפּעס, שפּרהלע? וואָס איז דער מער? דו פילסט זיך אַלרייט?...

— כ׳פיל זיך אַלרייט. זאָרג זיך נישט פאַר מיר. אַ גוטע נאַכט!...

אין דער היים האָבן פאָטער און מוטער געוואַרט אויף איר. שפּרהלע האָט זיך געלאָזט גיין צו זיך אין צימ͏ִער. דער פאָטער האָט זי פאַרהאַלטן:

— שפּרהלע!

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פאָטער און דערזען אים אַ שיינענדיקן, אַ לויכטנדיקן.

— וואָס איז, טאַטע?

— דו געדענקסט דאָך וואָס כ׳האָב מיט דיר אַנומלטן גערעדט. אַלץ וואָס גאָט טוט איז צום גוטן. כ׳קאָן דיר זאָגן, אַז מאַרווין איז היינט פאַרן שליסן דעם שאָפּ אַריינגעקומען צו מיר אין אָפיס און זיך אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע. ער האָט אַ בעסערע שטעלע, זאָגט ער. געלויבט איז גאָט! „ברוך שפטרני"!...

ג

צומאָרגנס איז שפּרהלע אויפגעשטאַנען מיטן באַשלוס צוריקצוגיין צו איר פריערדיקער אַרבעט אין אָפיס פון איר פאָטערס שאָפּ.

זי האָט געוואוסט, אַז מ׳האָט דאָרט שוין לאַנג אָנגעשטעלט אַן אַנדערע סעקרעטאַרין אויף איר אָרט. דאָס האָט זי אָבער נישט אָפּגעהאַלטן. זי׳ט געפינען אַרבעט פאַר זיך דאָרט. אין הויז קאָן זי לענגער נישט איינזיצן. אויב נישט אַרבעטן אין אָפּיס דאָרט, וועט זי גיין זוכן אַרבעט ביי עמיצן אַנדערש. זי מוז זיין באַשעפטיקט און נישט האָבן קיין צייט צו טראַכטן...

שפּרהלע האָט גאַנץ פריי זיך גלייך אָנגעטאָן, אויסגעפּוצט מיטן גאַנצן טואַלעט. די מוטער האָט זי דערזען און אַ פאַרחידושטע אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָסטו זיך עפּעס אָנגעפּרינדעט „גאַנצפרי מיט דער ראַשטשי־נע״, שפּרהלע? וואוהין ווילסטו גיין?

— כ׳וויל גיין זוכן אַרבעט, מאַ!

— אַלע וויסטע־פינצטערע חלומות צו שונאי־ישראלס קעפּ, און צו זייער לייב־און־לעבן זאָל זיך אַלדאָס בייז צוקלעפּן! וואָס רעדסטו וואָס?

— דאָס וואָס דו הערסט, מאַ. כ׳פיל, אַז מיין געדאַנק מוז זיין פאַרנומען מיט עפּעס...

— נו, האָסט דאָך, געלויבט דער איבערשטער, וואו צו אַרבעטן. קאָנסט דאָך גיין צוריק אין שאָפּ אַריין. דער טאַטע קאָן דאָס נייע מיידל אָוועקשיקן.

— דאָס מיידל איז אַן אָרעמע. זי דאַרף דעם „דזשאָב״. און איך וועל אים ביי איר נישט צונעמען. איז אויב נישט ביים טאַטן אין אָפּיס, וועל איך מיר געפינען אַרבעט ערגעץ אַנדערש.

— פרעג פריער דעם טאַטן, ווּעסטו הערן, וואָס ער וועט דערויף זאָגן.

— געוויס וועל איך אים פרעגן!

בייב פרישטיק האָט דער פאָטער דערזען ווי שפּרהלע איז פאַרפּוצט. ער האָט נחתדיק אַ ווינק געטאָן צו זעלדען, ווי איינער רעדט: וואָס זאָגסטו עפּעס אויף אונדזער טאָכטער? זיך אַרויסגעשלאָגן איר מאַנקאָליע פון קאָפּ, ברוך־השם, האַ?!... און צו שפּרהלען האָט ער אַ זאָג געטאָן זייער וואַרעם:

— דו ווייסט, שפּרהלע, וואָס ס׳איז מיר היינט גאַנצפרי אַרויף אויפן געדאַנק? אפשר וואָלסטו געוואָלט אַריינקומען צוריק אין אָפּיס אַרבעטן? מיר׳ן באַלד דאַרפן מאַכן „מדידה״ אין שאָפּ, נעמען „איגווענטאַרי״. ס׳עט זיין גענוג אַרבעט צו טאָן...

זעלדע האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול:

— נו, ווי געפעלט עס דיר, שפּרהלע?... כע־כע־כע!...

— וואָס פאַר אַ „געלענדער״ אויף דיר?... — בייזערט זיך אָן אויף איר ר׳ אריה־לייב אַ סקאָנפוזשעטער.

שפּרהלע האָט זיך אויך צעלאַכט:

— ווייסט פאַרוואָס מיר לאַכן, טאַטע? איך האָב נאַרוואָס גערעדט מיט דער מאַמען דערפון. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך פיל איצט ווי צו גיין

צוריק אַרבעטן. איך וויל זיין פּאַרנומען. אָבער איין תנאי וויל איך אויס־נעמען פריער.

— יאָ, וואָס ?

— טאַטע, כ׳וויל ביי דער נייער סעקרעטאַרין איר „דזשאָב" נישט צונעמען !

— ווער רעדט דען פון אַוועקשיקן דאָס נייע מיידל ? האָסט שוין געהערט, אַז דיין טאַטע זאָל, חלילה, צונעמען אַמאָל ביי עמיצן זיין שטיקל ברויט ?...

די ערשטע עטלעכע טעג פון איר אַרבעט אין אָפיס האָט שפרהלע אַפילו נישט אַ קוק געטאָן אין „שיפּינג דעפּאַרטמענט". זי האָט זיך געהיט אַ קוק צו טאָן אַהין, וואו מאַרווין פלעגט אַרבעטן און וואו ער האָט איר דעם ערשטן קוש געגעבן.

ווען די מדידה האָט זיך אָנגעהויבן, אָבער, און זי האָט געמוזט אַריינגיין צו פאַרשרייבן די סחורה דאָרט, האָט שפרהלע דערפילט, ווי זי וואָלט אַריינגעקומען אין אַ צימער, וואו אַ באַליבטער נאָענטער איז דאָרט געלעגן קראַנק אין בעט און דאָרט געשטאָרבן. דער לאַנגער טיש, אויף וועלכן מאַרווין פלעגט פּאַקן סחורה, האָט אין איר אויפסניי אויפגעוועקט דעם דרימלענ־דיקן צער. איר האַרץ האָט אויפסניי גענומען קלעמען און נאָגן פון בענקע־ניש נאָך יענע פאַרגאַנגענע, געגנבעטע זיסע מאָמענטן, וואָס זי האָט דאָרט איבערגעלעבט.

שפרהלע איז פון דאָרטן באַלד אַרויס צוריק. דאָס בילד איז איר אָבער נאָכגעאַנגען נישט נאָר אין אָפיס אַריין, נאָר אויך אַהיים. וואו נאָר זי האָט זיך איצט אַ קער געטאָן, האָט זיך פאַר איר אַוועקגעשטעלט דאָס בילד פון דעם פאַריתומטן לאַנגן טיש, ווי ער שטייט דאָרט און טרויערט נאָך מאַרווינען...

זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו באַפרייען דערפון, און נישט געקאָנט. אַ שווערער אומעט האָט געפּרעסט אויף איר האַרץ. די בענקשאַפט האָט זי נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ רגע.

דאָס בילד האָט זי פאַרפאָלגט ווי אַ ביזער חלום...

צוויי פיינלעכע לאַנגע וואָכן זענען אַזוי אַריבער. שפרהלע האָט געפילט, אַז זי דאַרף אויסגיסן איר האַרץ פאַר עמיצן. פאַר קיינעם האָט זי נישט געקאָנט דאָס טאָן, אויסער פאַר מאַרטאָן. ווי אויף להכעיס, אָבער, האָט זיך מאַרטאַ די גאַנצע צייט נישט געוויזן צו איר. גיין צו מאַרטאָן אָדער רופן זי צו זיך האָט שפרהלע נישט געוואָלט. איר שטאָלץ האָט עס נישט דערלאָזט.

אין אַן אָוונט אויף דער דריטער וואָך איז מאַרטאַ אַריינגעקומען. שפרהלע האָט זיך דערפרייט :

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, מאַרט׳ !

— שוין גאָרנישט אַזוי גוט, ווי דו דענקסט, שיפ׳!... — טוט מאַרטאַ אַ זיפץ.

שפּרהלע האָט ערשט איצט אַ קוק געטאָן רעכט אויף מאַרטאַן און זיך דערשראָקן פאַר איר אויסזען. איר פּנים איז געווען ווי מיט אַ שווערן וואָלקן איבערגעצויגן. אין אירע אויגן איז געלעגן אומעט און שווער געמיט. מאַרטאַ האָט מיטאַמאָל צוגעשלאָסן די טיר פון שפּרהלעס צימער און זיך צעכליפּעט.

— וואָס איז געשען, מאַרט׳?

— שיפ׳, טייערע, — שושקעט מאַרטאַ שטיל, — איך בין אַריינגעפאַלן...

— וואָס מיינסטו?

— שוין איבערגעגאַנגען גאַנצע פיר וואָכן.

— דו מיינסט צו זאָגן, אַז... — טוט שפּרהלע אַ פּליעסקע מיט די הענט — נו?...

— איך האָב מיט אוירווינען געהאַט אַ גרויסן „פייט". איך האָב געוואָלט, אַז מיר זאָלן גיין זיך „פאַרשרייבן" און גיין וואוינען צוזאַמען, כדי דאָס קינד זאָל האָבן אַ פאָטער... אָבער אוירווין וויל אפילו נישט הערן דערפון — כליפּעט מאַרטאַ — ר׳האָט מיך טאַקע ליב, זאָגט ער, נאָר פאַרבינדן זיך איצט, ווערן אַ פאַמיליע־מאַן, דערביי האַלט ער נאָך נישט. ער האָט צייט!...

— ע ר קאָן האָבן צייט. אָבער ד ו?...

— איך, זאָגט ער, זאָל גיין באַלד צו זיינעם אַ באַקאַנטן דאָקטאָר און — פּטור ווערן דערפון...

— איז וואָס האָסטו באַשלאָסן?

— כ׳האָב קיין אַנדער ברירה נישט... וואָדען, איכ׳ל נעמען „אָפּברעכן" מיט אוירווינען צוליב אַזאַ קלייניקייט...

— אַ קלייניקייט?

— נישט מסוכן! איך בין נישט די ערשטע און נישט די לעצטע. ס׳געדויערט בלויז אַ פּאָר מינוט די גאַנצע אָפּעראַציע. נאָכדעם ליגט מען איבער ביים דאָקטאָר אַ שעה־צוויי און מ׳גייט אַהיים...

— גייסטו טאַקע דאָס טאָן?

— אַוודאי. מאָרגן אינדערפרי. קום געוואָר ווערן צו מיר מאָרגן אָוונט. פאַר מיינע עלטערן וועט עס הייסן, אַז כ׳האָב געכאַפּט אַ פאַרקילונג. דו׳סט קומען?

— געוויס וועל איך קומען.

צומאָרגנס, באַלד נאָך וועטשערע איז שפּרהלע אַוועקגעלאָפן זען מאַרטאַן. מאַרטאַ איז געלעגן אין בעט אַ שטאַרק בלאַסע, אָבער אַ צופרידענע און אָן

אויפגעלייגטע, וואָס זי איז „איבערגעקומען דעם טאַנץ״, ווי זי האָט עס גערופן.

— טאַקע אַ שיינעם דאַנק גאָט!... — מאַכט שפרהלע.

— גאָט האָט דאָ גאָרנישט געטאָן... — שפּאָסט מאַרטאַ — אַ דאַנק קומט אוירווינס פריינד, — דעם דאָקטאָר. גאָלדענע הענט האָט ער...

שפרהלע איז לאַנג ביי איר נישט געזעסן. אַוועק און צוגעזאָגט צו קומען מאָרגן אָוונט נאָכאַמאָל.

צומאָרגנס, גאַנצפרי, האָט מאַרטאַס מוטער טעלעפאָנירט שפרהלען:

— טייערע שפרהלע, מאַרטאַ בעט דיך, דו זאָלסט למען־השם באַלד אַריבערקומען. זייער־זייער נייטיק, זאָגט זי!...

מאַרטאַ האָט ביינאַכט באַקומען גרויסן פיבער. זי האָט געגליט, ווי אויף קוילן.

שפרהלע האָט גערופן אַן אַמבולאַנס און מ׳האָט מאַרטאַן גלייך גענומען אין שפּיטאָל. דער דיאַגנאָז איז געווען — בלוט־פאַרגיפטונג.

דריי מעת־לעת האָבן די דאָקטוירים פּרובירט זי צו ראַטעווען. אָבער מאַרטאַ האָט אויסגעברענט, ווי אַ ליכט...

די לעצטע לאָפּעטע ערד אויף מאַרטאַס קבר האָט אויך באַגראָבן דעם בייזן חלום, וואָס האָט פאַרפאָלגט שפרהלען — — —

קאַפּיטל אַכט

א

ל״ג בעומר איז אין „הייליקן שאַפּ״ תמיד געווען אַ שטיקל יום־טוב, א „יומא דפגרא״, ווי זיי האָבן עס דאָרט גערופן. און ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער, דער „באָס״, פלעגט דאַן מכבד זיין זיינע אַרבעטערס מיט משקה. מ׳האָט געטרונקען לחיים לכבוד דער „הילולא״ פון בר־יוחאי, און געווינטשעוועט ישועות ונחמות אויף כלל־ישראל אין זכות פון הייליקן צדיק, דעם „בעל־הזוהר״.

יענעם ל״ג־בעומר, אָבער, ווען ס׳האָט געזאָלט פאָרקומען די פאַרהאַנדלונג צווישן די אַרבעטערס און ר׳ שלמה־שעיהן וועגן די נייע פאָדערונגען, האָבן די אַרבעטערס גענומען באַצייטנס רופן דעם טאָג „יום הדין״...

ל״ג־בעומר איז אויסגעפאַלן זונטיק.

די לעצטע מלווה־מלכה פאַרן „יום־הדין״ איז געפּראַוועט געוואָרן מוצאי־שבת, ערב ל״ג־בעומר, ביי מאָטעלע נאָז אין הויז..

ווען דער עולם האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און געמאַכט די המוציא׳ס, האָט איטלעכער ביי זיך געפילט, אַז די דאָזיקע סעודה האָט טאַקע

אַ פּנים, ווי די לעצטע סעודה ערב יום־כּיפּור, די „סעודה המפסקת“, פאַר דעם „יום־הדין“.

מ׳האָט דערלאַנגט דעם טראַדיציאָנעלן מלווה־מלכּה־באָרשט מיט מאַרכנ־ביינער צום טיש. פון די הייסע שיסעלעך באָרשט האָט געזעצט אַ געשמאַקע פּאַרע. דער רייצנדיקער ריח איז זיך צעגאַנגען אין דער לופט. דער טעם פון באָרשט איז געווען ווי גוטער וויין. קיינער האָט אָבער נישט געפילט די הנאה וואָס תמיד. אויף איטלעכן איז געלעגן די מורא פאַרן אָנקומענדיקן מאָרגנדיקן טאָג, דעם „יום־הדין“. זיי קענען דאָך גוט ר׳ שלמה־שעיה בער־שאַדער, ווי עס צעפלאַקערט זיך שנעל ביי אים דער גרימצאָרן...

די אַנדערע געריכטן האָבן געהאַט דעמזעלבן גורל, וואָס דער באָרשט. און אַזוי אויך די משקאות. דער עולם האָט פון אַלע מאכלים און געטראַנקען בלויז פאַרזוכט, אַ לעק געטאָן און אָוועקגעשטעלט. מ׳האָט די סעודה געענ־דיקט אויף גיך, אָפּגעבענטשט מזומן אויף גיך, די ווייבער האָבן אָפּגעראָמט פון טיש אויף גיך און אַוועק אין קיך אַריין איבערוואַשן דאָס געפעס.

פון אַלע פרויען איז איצט געבליבן זיצן ביים טיש נאָר חוהלע.

שואליק האָט געגעבן עטלעכע קלעפּ מיט די פינגער אין טיש, און גענו־מען רעדן:

— רבותי! מיינע טייערע חברים! איר רופט אָן דעם מאָרגנדיקן טאָג מיטן נאָמען „יום־הדין“, און איך פאַרקערט, האַלט אים אַלס „יום־הרחמים“! אָט האָבן מיר נאָרוואָס ביים „בענטשן“ געבעטן: „הרחמן, הוא יפרנסנו בכבוד“, גאָט — דער דערבאַרעמדיקער — זאָל אונדז שפּייזן מיט כּבוד. און ע ר וועט געוויס מיט ר ח מ י ם שטיין אויף אונדזער זייט צו געווינען אונדזער פּרנסה בכבוד. דערפאַר רוף איך דעם מאָרגנדיקן טאָג „יום הרחמים“!... זייט זיכער, חברים, אַז די גערעכטיקייט איז מיט אונדז. און אַז די גערעכטיקייט איז מיט אונדז, וועט דער גערעכטער שופט אויך זיין מיט אונדז. זייט נישט באַזאָרגט! שרעקט אייך נישט, ברידער! האָט בטחון, און גאָט וועט אונדז העלפן!... און איצט האָב איך דעם כּבוד און פאַרגעניגן צו געבן דאָס וואָרט מיין טייערער חוהלען, וועלכע האָט זייער וויכטיקס אייך צו זאָגן!

די פרויען אין קיך האָבן דערהערט די בראַוואָ־פּאַטשעריי און זיי זענען אַריין אין עס־צימער אויף הערן וואָס דאָרט קומט פאָר:

חוהלע האָט גענומען רעדן:

— רבותי! איר וועט מיר געוויס אַנטשולדיקן, וואָס איך, אַ פרוי, נעם זיך די רעכט צו רעדן צו אייך, מאַנסבילן, און אַ סך עלטערע פון מיר. מיין נאָמען איז טאַקע חוה, נאָר איך טו איצט דאָס זעלבע, וואָס ס׳האָט געטאָן אַמאָל אַ דבורה. אין דער צייט פון דער נביאה דבורה זענען אויך געווען קלוגע מאַנסבילן, העלדישע מאַנסבילן, גרויסע מיליטערלייט ביי יידן. אָבער

עס האָט זיי געפעלט דער מוט צו גיין אין קאַמף. ביז דבורה די נביאה איז אויפגעשטאַנען, געשטאַרקט אַלע קעמפערס, זיי צוגעגעבן מוט, און — זיי האָבן דעם קאַמף געפירט און געוואונען!... קאָנט איר דאָך פרעגן אַ קשיא: איך בין דאָך נישט קיין נביאה. איז ווי קומט צו מיר די העזה, כ'זאָל וואַגן צו שפּילן די ראָל פון אַ דבורה? וועל איך אייך ענטפערן נאָך איידער איר פרעגט. צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָבן מיר געהאַט אַ לערער־שטרייק. מיר איז באַשערט געווען צו טראָגן די אחריות פון יענעם קאַמף. דער קאַמף איז געווען אַ שווערער. אַ סך אַ שווערערער, ווי דער וואָס שטייט אייך פאָר איצט אין „הייליקן שאַפ״. איר האָט איין באָס, און מיר האָבן געהאַט אַ סך באַסעס. צווישן די לערערס זענען געווען אייניקע מיט היפשע פאַמיליעס, און זיי האָבן מורא געהאַט צו שטעלן זייער שטיקל ברויט אין סכנה. טאָמער זאָגט מען זיי איינגאַנצן אָפּ פון די שטעלעס, בלייבן זיי דאָך, ווי אויפן וואַסער. און שרעק, ווי איר ווייסט, איז אַן אַנשטעקנדיקע קרענק. פון שרעק ווערן אויך די שטאַרקע שוואַך. האָב איך זיי דאַן אויך דערמאָנט די ווערטער פון דער נביאה און ריכטערין דבורה, וועלכע טראָגן אין זיך מוט, קוראַזש, און שטאַרקן דעם בטחון אין דעם אייבערשטן, און דעם גלויבן אין אייגענעם כוח!...

שואליק האָט גענומען קלאַפּן בראַוואָ, און מיט אים אויך די מענער און פרויען אין עס־צימער.

חוהלע האָט אַ שמייכלענדיקע גערעדט ווייטער:

— רבותי! איך ווייס, אַז איר זענט פרומע יידן, ערלעכע ארבעטערס און נישט קיין מענטשן פון קאַמף און מלחמה. אָבער מאָרגן איז ל״ג בעומר, דער טאָג פון אונזערע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס קאָנען אונדז אַ סך לערנען. מיר פייערן מאָרגן דעם אָנדענק פון דעם קאַמף מיט די רוימער. וואָס זענען דאַן יידן געווען אַנטקעגן די רוימער? — אַ קליין און שוואַך פאָלק פון אַ קליין און אָרעם לאַנד אַנטקעגן אַזאַ גרויסער און שטאַרקער וועלט־מאַכט! פונדעסטוועגן האָט זיך דער העלד שמעון בר־כוכבא נישט אָפּגעשראָקן צו גיין אין קאַמף, און אַפילו דער גרויסער תנא רבי עקיבא, דער מענטש פון ספר, נישט פון שווערד, האָט געהאַט דעם מוט און דעם בטחון און געשיקט זיינע תלמידים אין קאַמף קעגן די רוימער!... יאָ, רבותי, ווי מיין ליבער שואליק האָט אייך פריער געזאָגט, אויב אַ קאַמף איז פאַר גערעכטיקייט, איז לחלוטין נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך! גאָט שטייט מיט דעם גערעכטן! פריער־שפּעטער, גרינגער־שווערער, נאָר — דער גערעכטער מוז סוף־כל־סוף זיגן!... רבותי! אויב מ'וועט דאַרפן, וועט מען שטעלן „פּיקעטס״ ביים שאַפּ. און ווער וועט עס וועלן, זאָגט מיר, דורכגיין אַזאַ מין סאָרט „פּיקעט־ליין״? ווער וועט עס וועלן נעמען אויף זיך די קללה פון „ארור מסיג גבול רעהו״? קיינער וועט נישט וואַגן צו פאַרמעסטן זיך אויף אייער לעבן!... אָט־אָ־דאָ,

איצטביים טיש, גיט זיך תקיעת־כף, רבותי, אַז איר וועט זיך אַלע האַלטן „אַחדות" ! און איר ווייסט דאָך דאָס חסידישע וואָרט: ווען צוויי „יודען" שטייען צוזאַמען, אין אחדות, ווערט פון זיי „השם", גאָטס נאָמען. זייט זיכער, אַז השם יתברך וועט אויך זיין מיט אייך, און איר וועט מצליח זיין !...

אַ שטאַרקע בראַוואָ־קלאַפּעריי האָט אויסגעבראָכן. די ווייבער האָבן זיך גענומען ווישן די אויגן פאַר באַגייסטערונג. די מענער האָבן זיך געגעבן די הענט אַלס צייכן פון פאַראייניקונג. אַלע זענען אַוועק אַהיים מיט אייזערנעם ווילן, מיט זיכערקייט אין זייערע כוחות, און מיט פעסטן בטחון.

ב

אין חסידים־שטיבל „אמוני ישראל" אויף ריווינגטאָן־סטריט האָט מען ל"ג־בעומר געפּראַוועט די „הילולא" פון ר' שמעון בר־יוחאי מיט ברען און התלהבות.

אין יענעם יאָר איז ל"ג־בעומר אויסגעפאַלן אין זונטיק. זונטיק גאַנצ־פרי, האָט זיך דער עולם געפעדערט צום דאַווענען. מ'האָט געוואָלט האָבן מער צייט פאַר דער „הילולא".

באַלד נאָכן אָפּליגן די „רבנו תמ'ס תפילין" האָבן אַלע, אין די טליתים נאָך, זיך געזעצט אַרום לאַנגן טיש, מ'האָט געטרונקען לחיים לכבוד דער נשמה פון הייליקן תנא און געווינטשעוועט ישועות ונחמות און אַ גאולה שלימה אויף כלל־ישראל. מ'האָט געזאָגט בציבור דאָס קאַפּיטל זוהר „רבי שמעון הוא יתיב ולעי באורייתא" (דער תנא איז געזעסן און זיך געמיט אין דער תורה) און ווידער געטרונקען לחיים און צוגעביסן. נאָכן דריטן גלעזל איז דער עולם געוואָרן בגילופין. מ'האָט גענומען זינגען דעם ל"ג־בעומר־שיר לכבוד דעם תנא. נאָכן זינגען דעם שיר האָט ר' שלמה־שעיה גענומען באַמאָלן די וואונדער פון דער „הילולא", וואָס ער האָט לעצטן יאָר אויף זיין באַזוך אין ארץ־ישראל געזען אין מירון ביים קבר פון ר' שמעון בר־יוחאי. און כאָטש ער האָט דאָס אַלץ שוין נישט איינמאָל דערציילט, און דער עולם האָט ער שוין נישט איינמאָל געהערט, איז ר' שלמה־שעיה געווען באַגייסטערט, און דער עולם האָט געשלונגען זיינע ווערטער און זיך געקוויקט מיט זיי, פּונקט ווי צום ערשטן מאָל.

ווי נאָר ר' שלמה־שעיה האָט געענדיקט דאָס דערציילן, האָט ר' אריה־לייב געטאָן אַ פּליעסק מיט די הענט און גענומען זינגען אַ חסידיש פריי־לעכס. דער עולם האָט באַלד אונטערגעכאַפּט און מיטגעפּליעסקעט און מיט־געזונגען. פון דעם פריילעכס האָט מען זיך צעוואַרעמט און זיך גענומען הייבן פון טיש. מ'האָט פאַרוואָרפן האַנט אויף אַקסל און גענומען שליסן אַ ראָד. מיט צוגעמאַכטע אויגן און מיט פאַרוואָרפענע קעפּ אַהינטער האָט

מען זיך געלאָזט אין אַ קאַראַהאָד, טאַנצנדיק און זינגענדיק — „בר־יוחאי, בר־יוחאי, רבי שמעון איש־אלוקי״!

דער עולם איז אַוועק אַהיים אַ פאַרמאַטערטער און אַ פאַרשוויצטער פון גרויס דביקות און עקזאַלטאַציע...

ר׳ שלמה־שעיה איז אַריינגעקומען אין שאָפּ שפּעטער ווי יעדן טאָג. אַלע אַרבעטער זענען שוין געזעסן אין אָפיס און געוואַרט אויף אים.

— גוט יום־טוב, יידן! — האָט ר׳ שלמה־שעיה, אַביסל אַ באַרוישטער און אַ פאַרפלאָמטער, זיי באַגריסט.

— גוט יום־טוב, גוט יאָר, ר׳ שלמה־שעיה! — האָבן אַלע אים געענטפערט מיטאַמאָל.

אייבי, דער שוואַרצער וועכטער, האָט אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ דורך דער טיר און געזאָגט:

— דער באָס איז היינט געקומען שפּעט. דאָס וואַסער אין טיי־קעסל האָט שוין צוויי מאָל אויסגעזאָטן!

— מעגסט פאַרלעשן די גאַז, אייבי, היינט לאָז די טיי אויף שפּעטער. נאַדיר געלט — נעמט ר׳ שלמה־שעיה אַרויס פון קעשענע אַביסל מינץ און דערלאַנגט אים — גיי און ברענג מיר אַרויף צוויי טוץ אייער־קיכלעך און אַנדערהאַלבן טוץ פאַפּירענע „קאַפּס״!

ר׳ שלמה־שעיה האָט אויפגעשלאָסן דעם אונטערשטן שופלאָד פון זיין שרייבטיש, אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַ פלאַש מיט בראָנפן און אַ זאַק געטאָן מיט אַ שמייכל צו שואליקן:

— איך האָב געמיינט, אַז היינט וועסטו קומען אין שטיבל אַריין צו דער הילולא!...

שואליק האָט אַ שמייכל געטאָן, אַ קנייטש געטאָן דעם קאָפּ אויף אַ זייט, און אים גאָרנישט געענטפערט דערויף.

— יאָ, ס׳מעג דיר באַנג טאָן, שואליק, וואָס דו ביסט נישט געקומען. מיר האָבן היינט אין שטיבל געפּראַוועט זייער אַ פריילעכע הילולא. פאַרשטייט זיך, צו דער הילולא אין מירון איז עס נישט געקומען. אָבער ווערליק אין אַמעריקע איז עס געווען גאַנץ שיין!...

— נו, טאַקע זייער פיין! — מאַכט שואליק.

— אַי־אַי־אַי, די הילולא אין מירון! — מאַכט ר׳ שלמה־שעיה שאָקלענדיק מיטן קאָפּ — כ׳קאָן נאָך עד היום נישט פאַרגעסן דאָס וואָס איך האָב דאָרט געזען לעצטן יאָר. און איכ׳ל עס נישט פאַרגעסן אַזוי לאַנג ווי כ׳וועל לעבן!...

— געוויס! ווער קאָן עס פאַרגעסן אַזאַ וואונדער־פּרעכטיק בילד?...

— הע, מ׳קאָן עס דען אויסמאָלן? מ׳קאָן עס דען אויסדערציילן? —

מאַכט ר׳ שלמה־שעיה, ווענדנדיק זיך שוין צו די אַנדערע אַרבעטער אין אַפּיס — מ׳דאַרף אַליין זיין דאָרט. מ׳דאַרף עס זען מיט די אייגענע אויגן! אַי־אַי־אַי, וואָס דאָרט טוט זיך איצט אַפּ!...

אייבי האָט אַרויפגעבראַכט די אייער־קיכלעך און די פּאַפּירענע קווערט־לעך. ר׳ שלמה־שעיה האָט פאַרשפּרייט אַ טישטעכל אויפן שרייבטיש, אַרויסגעלייגט די אייער־קיכלעך, אַוועקגעשטעלט די פּאַפּירענע בעכערלעך פאַר יעדן, און אָנגעגאָסן בראָנפן. פאַר זיך האָט ער אָנגעגאָסן צום לעצטן. אָבער אַלס באַלעבאָס האָט ער דער ערשטער געמאַכט די ברכה „מזונות״, פאַרזוכט אַ שטיקל קיכל, אַ זופּ געטאָן פון בראָנפן און געזאָגט:

— לחיים, יידן! זאָל די הייליקע נשמה פון דעם געטלעכן תנא מלמד־זכות זיין אויף אונדז און אויף כל־ישראל.

— אָמן! האָבן אַלע אַרבעטער געענטפערט, אויך געמאַכט די ברכה „מזונות״, פאַרביסן און געטרונקען לחיים.

דער אַלטער זייגער אין אָפיס האָט גענומען קרעכצן און האָט אויסגע־קרעכצט אַכט הייזעריקע קלאַנגען.

ר׳ שלמה־שעיה האָט, ווי זיין שטייגער, זיך געגעבן אַ הייב־אויף פון זיין דריי־שטול ביים שרייבטיש, און אַ זאָג געטאָן:

— נו, שוין אַכט אַזייגער, געלויבט דער אייבערשטער. מ׳דאַרף זיך שטעלן צו דער אַרבעט. עת לעשות, יידן!

די אַרבעטער זענען געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער. קיינער פון זיי האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן.

ר׳ שלמה־שעיה איז געבליבן שטיין אַביסל נשתומם.

— איך זאָג, ע... צייט זיך צו שטעלן אַרבעטן. אַכט אַזייגער...

קיינער האָט קיין פּיפּס נישט אַרויסגעלאָזט. אַלע האָבן שטילשווייגנדיק געווענדט זייערע בליקן צו שואליקן.

ר׳ שלמה־שעיה האָט באַמערקט די אַרבעטערס בליקן אויף שואליקן, און ער האָט זיך אויך אַ קער געטאָן צו אים:

— וו... וו... וואָס טוט זיך דאָ?...

שואליק האָט געטאָן אַ גרינג הוסטל און געענטפערט שטיל און געלאַסן אויף זיין שטייגער:

— ר׳ שלמה־שעיה, מיר האָבן היינט זייער אַ וויכטיקן ענין צו פאַר־האַנדלען מיט אייך!

דאָס פּנים ביי ר׳ שלמה־שעיהן איז גליך געוואָרן בלאַס. זיינע ליפּן האָבן גענומען ציטערן נערוועז. זיינע ציין האָבן גענומען קייען דעם האַלב־אויסגעלאָשענעם ציגאַר אין רעכטן ווינקל פון מויל. ער האָט אַ שלעפּ געטאָן

דעם טלית־קטן, אַראָפּ־צו, אַ שאַר געטאָן די יאַרמאָלקע אַרויף־צו. אַ שטעך געטאָן זיינע בליקן אין שואליקן און אויסגעבורטשעט:

— וו... וו... וואועססס?...

— ר׳ שלמה־שעיה, מיר האָבן היינט, זאָג איך, זייער אַ וויכטיקן ענין צו פאַרהאַנדלען מיט אייך!... — חזרט שואליק איבער זיינע פריערדיקע ווערטער שטיל און געלאַסן.

— פאַרהאַנדלען? וועגן וואָס, למשל?

— וועגן אונדזער מצב...

— וואָס עפּעס פּלוצים, וואָס?

— ס׳איז נישט פּלוצים. מיר קלייבן זיך שוין לאַנג...

— כ׳מיין, וואָס אַ שטייגער?...

— מיר האָבן אייניקע פאָדערונגען!

— פאָ־דע־רונ־גען? — טוט ר׳ שלמה־שעיה אַ טופּע מיט רעכטן פוס — ביי מיר פאָדערט מען נישט, ביי מיר בעט מען...

— בעטן — נאָר ביים אייבערשטן; ביי אַ באַלעבאָס פאָדערט מען!...

— אויב אַזוי, וועט איר רעדן מיט מיין לאַ י ע ר!... גייט אין שאַפּ אַריין. איכ׳ל גלייך אַרויסרופן מיין מ ע ק ס ן!...

ג

ווי נאָר די אַרבעטער זענען אַוועק אין שאַפּ איז ר׳ שלמה־שעיה צו צום טעלעפאָן און אָנגעקלונגען צו זיין מעקסן:

— מעקסעלע. ט׳מאַרגן! פונוואַנען כ׳רעד? פון שאַפּ! הער אויס, מעקסעלע, כ׳וויל, דו זאָלסט גלייך אַריבערקומען! וואָס איז געשען? — אַן איבערקערעניש, אַ רעוואָלוציע איז געשען! ס׳אַראַ רעוואָלוציע? — מיינע מענטשן אין שאַפּ האָבן זיך צעמאַרדעוועט, ווילן זיך נישט שטעלן צו דער אַרבעט!... פאַרוואָס זיי ווילן נישט? — זיי האָבן צו מיר פאָדערונגען, האָבן זיי! דו הערסט דאָס עזות — פ אָ ד ע ר ו נ ג ע ן!... וואָס אַזוינס זענען זייערע פאָדערונגען? — ווער ווייסט זיי! כ׳האָב אפילו נישט געוואָלט הערן, האָב איך נישט! אַ חוצפּה, אַ פּאַטעפּאַלנאַסט צו קומען צו מ י ר מיט פאָדערונגען גאָר! ס׳האָט מיך אונטערגעצונדן, האָט עס מיך! כ׳האָב זיי גלייך געזאָגט: ביי שלמה־שעיהן פאָדערט מען נישט, ביי שלמה־שעיהן בעט מען! און ווייסטו, מעקסעלע, ווער ס׳איז דער „ראש־המדברים״? — שואליק, דער ירושלימער תכשיט!... כ׳האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז דער בחור האָט באַקומען פליי אין דער נאָז. אָבער אַז ער זאָל מיר אָפּשפּילן אַזאַ „חתונה״, דערויף האָב איך זיך לחלוטין נישט געריכט. גיי ריכט זיך, אַז אָט דער בחור זאָל מיר גאָר צעבונטעווען די „חברה״ אין שאַפּ... כ׳זאָל זיך נישט קאָכן אַזוי שטאַרק, זאָגסטו? זיך באַרויקן? — ווער קאָן זיין רויק אין אַזאַ

לאַגע? ס'איז דאָך „שומו שמים"!... וואועסס? כ'זאָל זיך פריער מיט זיי דורכרעדן געלאַסן און וויסן וואָס זיי פאָדערן? אַ שיינעם דאַנק דיר, מיין זון! כ'האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז כ'קאָן גאָרנישט הערן דאָס וואָרט „פאָדערונגען"! אַנדערע צייטן אַצינד? — נישט ביי שלמה־שעיהן! בקיצור, דו קומסט, צי דו קומסט נישט?... האַ, ס'האָט נישט קיין זינען צו קומען אויף דער הייסער שעה! ווילסט נישט קומען, דאַרף מען נישט. איכ'ל מיר שוין מיין שטעטל אַליין באַשטיין, גודבאַי!!...

ר' שלמה־שעיה האָט געגעבן אַ לייג אַוועק דאָס טעלעפאָן־רערל מיט אַ טראַסק, פאַררויכערט אַ פרישן ציגאַר, און איז מיט אימפעט אַריין אין שאַפּ אַריין.

געהאַט האָט ער אין געדאַנק דעם אַלט־באַוואוסטן סטראַטעגישן פּלאַן פון „צעטייל און באַהערש". מיט שואליקן פּאַרטיק ווערן איינס און צוויי. אים געבן דעם וועג און פּטור. און די עלטערע אַרבעטער וועט ער דערלאַנגען אַ פּאָרציע מוסר, אַז זיי וועלן זיך שעמען אין זייער ווייטן האַלדז אַריין.

ווען ער איז אָבער אַריינגעקומען אין שאַפּ און דערזען ווי די אַרבעטער זיצן מיט צוגעבויגענע קעפּ און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און הערן זיך צו צו שואליקן, ווי חסידים צו אַ רבין, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז נישט אַזוי גרינג קאָן ער איצט דורכפירן זיין פּלאַן.

שואליק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אַ פרעג געטאָן:

— נו, אייער לאַיער קומט אַהער, ר' שלמה־שעיה?

— כ'דאַרף נישט קיין לאַיער!... — מאַכט ר' שלמה־שעיה מיט ירגזון.

— זענט איר, הייסט עס, גרייט אַליין צו פאַרהאַנדלען מיט אונדז?

— הער מיך אויס, שואליק — טוט ר' שלמה־שעיה אַ רוק־אַרויף די יאַרמאַלקע מיט כעס — כ'זע דאָך, אַז ד ו פירסט די קאָמאַנדע, און ז יי, די אַלטע שוטים, גייען דיר נאָך, ווי ציגן נאָך אַ באָק. וויל איך דיר זאָגן, אַז באַשר אַזוי ווי דיין קאָנטראַקט גייט אויס ערב שבועות, וועל איך דיר באַצאָלן פאַר די קומענדיקע דריי וואָכן און דו קאָנסט דיר גיין אַפילו היינט, באַלד, די רגע!...

— זייער שיין פון אייך, ר' שלמה־שעיה! — מאַכט שואליק געלאַסן — גאָר, ראשית, וויל איך נישט נעמען אַפילו קיין איין פּרוטה אומזיסט; והשנית, די פאָדערונגען, וועגן וועלכע איך וויל מיט אייך היינט פאַרהאַנדלען, זענען נישט פאַר מיין טובה וועגן, נאָר פאַר דער טובה פון מיינע חברים דאָ!

— אָ, אַזאַ מעשה? איז הערט זיך אייך, חברה! — ווענדט זיך שוין ר' שלמה־שעיה צו די אַנדערע אַרבעטער, טייטלענדיק אויף זיי מיטן ווייז־פינגער — א י ר קענט מיך דאָך שוין פון לאַנג, ברוך־השם. וועל איך אייך זאָגן בקיצור: וועט איר נישט זיין קיין שוטים און זיך שטעלן צו דער אַרבעט — איז מה־טוב; אויב אָבער נישט — קאָנט איר אייך גיין אַהיים

געזונטערהייט, און איך וועל גלייך אויפהענגען אַ שלאָס אויפן שאַפּ. אויס שאַפּ!...

דער רוב אַרבעטער זענען געבליבן זיצן בלאַס, דערשראָקן, און גענומען קוקן אויף שואליקן מיט פּאַראיבל, ווי איינער רעדט: דו זעסט וואָס דו האָסט געפּועלט?... נאָר שואליק האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

— ר׳ שלמה־שעיה, זייט וויסן, אַז קיינער פון אונדז וועט פון שאַפּ נישט אַוועקגיין. אויב איר ווילט אויפהענגען אַ שלאָס אויפן שאַפּ, קאָן אייך קיינער נישט שטערן דעריַן. נאָר מ י ר בלייבן אינעווייניק!...

— איר ווילט, הייסט עס, מאַכן ביי מיר אַ זיץ־שטרייק, האַ?... — סטאַרטשעט ר׳ שלמה־שעיה אויס ווילדע אויגן אויף שואליקן.

— איר קאָנט עס רופן ווי איר ווילט! — מאַכט שואליק געלאַסן.

— אויב אַזוי, זענט איר דאָך פּונקט ווי די שניידערוקעס מיט זייער יוניע! איצט ווייס איך לפּחות, מיט וועמען איך האָנדל, כע־כע... — מאַכט ר׳ שלמה־שעיה סאַרקאַסטיש.

— די שניידערוקעס און די יוניע זענען פאַר אונדז נישט קיין בושה! ס׳אַ כבוד צו זיין אַן ערלעכער האַרעפּאַשניק, און ס׳איז נישט קיין זינד צו געהערן צו אַ יוניע! מער נישט, א ו נ ד ז ע ר יוניע איז דערווייל די יוניע פון „כל ישראל אחים״!... על־כּן, פאָלגט מיך, ר׳ שלמה־שעיה, לאָמיר זיך אַוועקזעצן און זיך דורכרעדן מיט ישוב־הדעת און מיט געדולד. מיר זענען אייך, חלילה, נישט קיין שונאים. מיר קומען נישט, חלילה, צונעמען אייער פאַרמעגן. מיר ווילן בלויז אַ גרעסער און גרינגער שטיקל ברויט. דאָס אַלץ!...

— דאָס אַלץ? אַ חסד טאַקע פון אייך, וואָס איר ווילט זיך נישט טיילן מיט מיר גלייך אויף גלייך, כע־כע! — טוט ר׳ שלמה־שעיה זיך אַ צעלאַך מיט אַ גיפטיק געלעכטער — נאָר פונדעסטוועגן בין איך טשיקאַווע צו וויסן וואָס דו מיינסט, שואליק, מיט „אַ גרעסער און גרינגער שטיקל ברויט״. קומט צוריק אין אָפיס, לאָמיך הערן...

ר׳ שלמה־שעיה האָט זיך געלאָזט פאַרויס. די אַרבעטער זענען אים נאָכגעגאַנגען. אין אָפיס האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אויף די זעלבע ערטער, וואו זיי זענען געזעסן גאַנצפרי.

— יאָ! — לאָזט ר׳ שלמה־שעיה אַרויס אַ צוויי־שנירלדיקן רויך פון די נאָזלעכער — נו, דבר, שואליק!...

— ר׳ שלמה־שעיה, לאָמיר נישט גיין, ווי די גמרא זאָגט „סחור־סחור״, אַרום־און־אַרום! לאָמיר צוקומען צום ענין מיט אָפענע און קלאָרע דיבורים!

— יאָ, נו? — שפּיזלט ר׳ שלמה־שעיה אַן זיינע בליקן אויף שואליקן.

— ר׳ שלמה־שעיה, הערט: מיר ווילן צען דאָלאַר אַ וואָך אַ הוספה, אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, און ערב שבת ויום־טוב נאָר אַ האַלבן טאָג אַרבעט!

— אַזזוי? נישט מער? טאַקע על־פּי יוניע, הע?... — טוט זיך ר׳ שלמה־שעיה באַנייס אַ הייב־אויף פון בענקל אַן אַנגעצונדענער — אַזזוי!...

— נישט על־פּי יוניע, ר׳ שלמה־שעיה, נאָר על־פּי יושר!

— דער אמתער יושר! פּונקט אַזאַ יושר, מיט וועלכן דו, שואליק, צאָלסט מיר אָפּ פאַר אַלץ וואָס כ׳האָב פאַר דיר געטאָן! ווער ס׳רעדט פון יושר...

— ווען איר זאָלט אפילו זיין מיין אייגענער טאַטע, ר׳ שלמה־שעיה, וואָלט איך אויך אַזוי געהאַנדלט. ווי כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, מאָן איך נישט פאַר זיך, נאָר פאַר מיינע חברים דאָ. זיי זענען שטאַרק באַעוולט. זייערע שכירות זענען קלאָגעדיקע. זיי קאָנען קיין לעבן נישט מאַכן. אפילו וועגן אַ קנעכט טייטשט די גמרא די ווערטער „כי טוב לו עמך״, ס׳זאָל אים זיין גוט מיט דיר, מיט ד י ר גלייך אין עסן, מיט ד י ר גלייך אין טרינקען; דו זאָלסט נישט עסן קיין געבייטלט ברויט און אים געבן עסן ברויט מיט קלייען; דו זאָלסט נישט טרינקען קיין אַלטן וויין און אים געבן טרינקען נייעם וויין; דו זאָלסט נישט שלאָפן אויף אַ פּוכענעם איבערבעט און אים לייגן אויף אַ שטרוי־זאַק... היינט שוין אַ כל־שכן וועגן אַן אַרבעטער!

— שלמה־שעיה בערשאַדער ווייסט ווי צו באַגיין זיך מיט זיינע אַרבעטערס. ער וועט זיך נישט לאָזן פירן ביי דער נאָז פון אַזאַ יונגן שנעק, ווי דו! — שרייט אויס ר׳ שלמה־שעיה, זיך ווידער אויפהייבנדיק פון בענקל — מיינע אַרבעטערס זענען תמיד געווען צופרידן, זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט, אַז זיי ווערן פון מיר באַעוולט. דאָס האָסט דו זיי שוין איינגערעדט, אַז זיי זאָלן זיך בונטעווען!...

— אמת, כ׳לייקן עס נישט. אָבער ווייסט איר פאַרוואָס אייערע אַרבעטערס האָבן זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט פאַר אייך? — ווייל זיי האָבן מורא געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט. זיי האָבן געליטן נויט און געשוויגן.

— איז וואָס ביסטו, לאָמיך וויסן, אַ קהלישער סטראַפּטשע?...

— איך טו דאָס, וואָס שלמה המלך, דער חכם מכל אדם, האָט אונדז שוין לאַנג געלערנט: „פּתח פּיך לאלם״ — עפן דיין מויל פאַר אַ שטומען. אויב עמיצער קאָן נישט מאָנען פאַר זיך קיין יושר, ביסטו מחויב צו עפענען דיין מויל און מאָנען פאַר אים!...

— דו ביסט נאָך אַ גרינער, ווייסטו נישט, אַז אין אַמעריקע זאָגט מען אַ ווערטל: „מאַינד יור אָון ביזנעס״... האָב אינזינען דיינע אייגענע געשעפטן, און נעם זיך נישט אָן יענעמס קריוודעס...

— איז דאָס אַ מידת־חסידות, ר׳ שלמה־שעיה?...

— ס׳איז נישט דיין עסק מיר צו זאָגן מוסר! — טוט ר׳ שלמה־שעיה אַזאַ קלאַפּ מיט אַ קולאַק אויפן שרייבטיש, אַז דער טינטער איז אונטער־געשפּרונגען.

— ס'איז יאָ מיין עסק! כ'טו דאָס וואָס די תורה הייסט: „הוכח תוכיח"
— ווען דו זעסט אַן עוולה ביי דיינעם אַ פריינד, דאַרפסטו אים אויסרעדן!...
— שפּרינגט אויף שואליק פון זיין בענקל.

— אַ פריינד ביסטו מיר? אַ פריינד מאַכט נישט קיין בונט ביי יענעם אין שאַפּ!... אַ פריינד פאַרביטערט נישט יענעם דאָס לעבן!...

— א י ר רעדט פון פאַרביטערן ס'לעבן! — שרייט אויס שואליק מיט וויטיק — איר נעמט צו זייערע לעבנס!

— ביי וועמען נעם איך, חלילה, צו ס'לעבן? וואָס פּלוידערסטו וואָס?...

— ביי וועמען? — ביי די אַרבעטערס!... זייט וויסן ר' שלמה־שעיה, אַז אַרבעט איז כוח, און כוח איז בלוט, און בלוט איז ס'לעבן, "כי הדם הוא הנפש"... און ווען איר נוצט אויס עמיצנס כוח צופיל, נעמט איר ביי אים צו אַ שטיק לעבן. איר פאַרשטייט?!... דער רבי ר' ברוכל מעזשביזשער האָט טאַקע וועגן דעם געזאָגט אַ טיף וואָרט: „מענטשן היטן זיך, נישט איינצו־שלינגען אַ לעבעדיק ווערימל, אָבער זיי היטן זיך נישט איינצושלינגען אַ לעבעדיקן מענטשן"...

— ביזנעס איז ביזנעס, נישט קיין צדקה־אַנשטאַלט. דער באַלעבאָס גיט געלט, דאַרף דער אַרבעטער געבן כוח, דאַצאָל!...

די טענות־ומענות האָבן זיך פאַרצויגן, געוואָרן היציקער, שאַרפער. דער אַלטער זייגער איז אַנגעגאַנגען מיט זיין טיק־טאַק, דער אומרו האָט זיך געשאָקלט, די ווייזערס האָבן זיך גערוקט, און אָט האָט זיך דערהערט זיין יאַדישלעווע קרעכצעניש און ער האָט אויסגעציילט צוועלף הייזעריקע קלעפּ.

ר' שלמה־שעיה האָט זיך געגעבן אַ הייב־אויף, אַראָפּגעכאַפּט די יאַרמאַלקע, שנעל אָנגעטאָן דעם קאַפּעליוש, און איז געשמיידיק אַרויס פון שאַפּ.

ד

ר' שלמה־שעיה בערשאַדער האָט אַ צערודערטער זיך געלאָזט שפּאַנען מיט לודלאָו־סטריט, פאַרקירעוועט צום ראָג פון עסעקס־סטריט, איז אַריין אין דעם מילכיקן רעסטאָראַן און באַשטעלט זיין באַליבט מאכל, קעז־לאַטקעס מיט קאַווע.

ער האָט זיך גענומען ישובן וואָס צו טאָן. איצט, אַז ער ווייסט שוין וואָס זיינע אַרבעטער פאָדערן, זאָל ער צופאָרן צו זיין מעקסן אין אָפיס און הערן וואָס ע ר האָט דערויף צו זאָגן, אָדער זאָל ער בעסער צופאָרן צו זיין פריינד ר' אריה־לייב שעוויצן אין שאַפּ אַריין און זיך באַראָטן מיט א י ם.

ניין! צו מעקסן האָט ער נישט וואָס צו פאָרן. ער ווייסט פריער וואָס מעקס וועט אים ראָטן. אַ לאָיער איז בטבע תמיד גרייט צו מאַכן אַ פּשרה.

אַנשטאָט צו גיין צו מעקסן וועט ער בעסער גיין צו מר. שעוויצן. יענער האָט דאָך אַליין אַ שאָפּ מיט אַרבעטער. דערצו איז ער אַ קלוגער ביזנעסמאַן און אַ פריינד, — ער וועט אים פאַרשטיין און מיטפילן.

ר׳ שלמה־שעיה איז גלייך אַראָפּ מיט די טרעפּ צו דער עסעקס־סטריט סטאַנציע, גענומען דעם סאַבוועי און אַוועקגעפאָרן צו ספּרינג־סטריט, וואו דער שאָפּ פון „שעוויץ ענד סאַן לעדערגודס" האָט זיך געפונען.

אַריינגעקומען אין אָפיס, האָט אים מר. שעוויצעס טאָכטער, שפּרהלע, באַגעגנט זייער היימיש און פריינטלעך:

— העלאָו, מר. בערשאַדער, ס׳מאַכט איר?

— העלאָו, העלאָו, שפּרהלע, וואו איז דער טאַטע?

— דער טאַטע איז נאָרוואָס אַרויס פון שאָפּ. אפשר ווילט איר זען מיין ברודער יאָסעלען? ער איז אין דער „שיפּינג רום"!

— יאָסעלע?... — טוט ר׳ שלמה־שעיה זיך אַ קווענקל — געוואָלט האָב איך זען דעם טאַטן. נאָר אַז כ׳בין שוין דאָ, וועל איך אַ רעד טאָן מיט יאָסעלען. אָלרייט!

שפּרהלע האָט אָן עפן געטאָן די טיר פון דער „שיפּינג רום" און אַ זאָג געטאָן:

— יאָסעלע, מר. בערשאַדער וויל דיך זען!

— אָ, קאָם־אין, קאָם־אין, מר. בערשאַדער! — האָט יאָסעלע אויס געוואוינהייט אַ זאָג געטאָן אין ענגליש, און זיך גלייך פאַרכאַפּט, — שלום־עליכם, אַ גאַסט! קומט אַריין, מר. בערשאַדער!

— וואו איז ערגעץ דער טאַטע איצט?

— ער איז אַוועק אין די בראָנקס.

— אַי, אַי, אַ שאָד! — מאַכט ר׳ שלמה־שעיה נערוועז.

— כ׳זע, איר זענט עפּעס צעטראָגן. וואָס איז דער מער, ר׳ שלמה־שעיה?

— אוי, כ׳האָב צרות!...

— „טראָבעל" אין שאָפּ?

— גלייך ווי געטראָפן! מיינע חברה־לייט האָבן מיר היינט דערקלערט אַ „זיץ־שטרייק!".

— טאַקע? וואָס ווילן זיי?

— נישט זיי ווילן, נאָר דער שואליק וויל. ער האָט זיי אָנגעדרודלט.

— אָט דער שטילינקער שואליק? דער פרומער. דער מקובל?...

— יאָ, אַ מקובל פון דער „יוניע־קבלה"...

— וואָס? אייער שאָפּ איז שוין דען אַ יוניאָן־שאָפּ?...

— ניין! דער שואליק האָט זיך געמאַכט זיין אייגענע יוניע... ער

פאַדערט נישט מער ווי גאַנצע צען דאָלאַר אַ וואָך אַ הוספה פאַר אַלעמען און אַ פיר־און־פערציק־שעהדיקע אַרבעטס־וואָך...

— אַז די אַרבעטערס געהערן נישט צו קיין שום יוניאָן, קאָנט איר זיי הערן ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי!... אָ, וואָס וואָלט איך געוואָלט, ווען אונדזער שאָפּ איז נישט קיין יוניאָן־שאָפּ...

— יאָ יוניע, נישט יוניע. זיי ווילן זיך נישט שטעלן צו דער אַרבעט.

— דאַרף מען נישט. פאַרשליסט דעם שאָפּ. וועלן זיי מיד ווערן און זיך איבערבעטן. אָן אַ יוניע איז דאָך אַ פרייע וועלט!... לעצטן יאָר, ווען איר זענט געווען אין ארץ־ישראל, האָבן מיר ביי אונדז אין שאָפּ אויך געהאַט אַזאַ „חתונה", האָב איך געראָטן דעם טאַטן צו שליסן דעם שאָפּ ביז די אַרבעטערס וועלן ווייכער ווערן. האָט ער מיך נישט געפאָלגט — צאָלט ער איצט געננוג „רבי־געלט"...

— אויב אַזוי, איז אפשר טאַקע גלייכער, וואָס כ'האָב גערעדט מיט דיר און נישט מיטן טאַטן. יאָ, כ'וועל שליסן דעם שאָפּ און זיי אָנלערנען איינמאָל פאַר אַלעמאָל... אַ שיינעם דאַנק דיר, יאָסעלע. כ'מוז גיין. כ'האָב זיי געלאָזט אינמיטן שמועס אין שאָפּ!...

ר' שלמה־שעיה איז אַריינגעקומען צוריק אין שאָפּ אַ פאַרשוויצטער, אַ צעווייקטער, אָבער אַן אָנגעשטאָלטער, האַרט ווי קיזלשטיין. ער האָט אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך זיין רעקל, זיין קאַפּעליוש, אָנגעטאָן די יאַרמאָלקע, איז אַריין אין שאָפּ און דאָרט געטראָפן די אַרבעטערס פאַרטאָן אין אַ הייסן שמועס. ער האָט זיי אַריינגערופן צוריק אין אָפיס און שטייף אַ זאָג געטאָן:

— נו, כ'דענק, אַז איר האָט זיך שוין באַטראַכט!...

— מ י ר האָבן זיך שוין לאַנג באַטראַכט, ר' שלמה־שעיה! — מאַכט שואליק געלאַסן — אדרבא, מיר האָבן געמיינט, אַז א י ר האָט זיך שוין באַקלערט!...

— יאָ, א י ך האָב זיך באַקלערט, אָלרייט! — מאַכט ר' שלמה־שעיה שאַרף און דראַסטיש.

— זייער פיין. און וואָס זאָגט איר אי צ ט, ר' שלמה־שעיה?

— איך זאָג, אַז איר זאָלט זיך אַפילו שטעלן מיט די קעפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, וועט איר ביי מיר נישט אַרויסרייסן גאָרנישט!... — ווערט ר' שלמה־שעיה רויט ווי צונטער.

— מיר ווילן נישט אַרויסרייסן ביי אייך. מיר ווילן אייך נאָר דערמאָ־נען, אַז דער וואָס האָט באמת מורא פאַר גאָט, דאַרף אַליין זען, אַז זיין ברו־דער זאָל נישט לעבן אין נויט...

— ד ו, שואליק האָסט איינגערעדט דער חברה, אַז זיי לעבן אין נויט! זאָלן ז יי מיר זאָגן, צי איז אַמאָל עמיצער פון זיי געווען אין אַ נויט, און איך

האָב אים נישט געהאָלפן! דו אַליין, שואליק, ביסט אַ „משלם רעה תחת טובה", און דו מאַכסט זיי אויך אָפּצוצאָלן מיר מיט שלעכטס פאַר גוטס. איך וועל עס נישט דערלאָזן, דו הערסט?!... — שרייט אויס ר' שלמה־שעיה מיט כעס און מיט אַ קלאַפּ אין טיש.

— כעס איז עבודה־זרה, זאָגן די חכמים! — מאַכט שואליק נאָך אַלץ געלאַסן — ווייסט איר פאַרוואָס, ר' שלמה־שעיה? ווייל פּונקט ווי יענער וואָס דינט די עבודה־זרה פאַרלירט זיין שכל, אַזוי איז ווען איינער ווערט אין כעס פאַרלירט ער אויך זיין שכל צו פאַרשטיין וואָס ער רעדט...

— שואליק, כ'וויל מער נישט הערן פון דיר דיין תורה און דיין מוסר! דו האָסט זיך פאַרקויפט צום שטן, און דיין תורה און מוסר האָבן ביי מיר קיין ווערט נישט!...

— איך זאָג אייך נישט מ ײ ן תורה און מ ײ ן מוסר, נאָר די תורה פון משה רבנו און דעם מוסר פון די חז"ל, ר' שלמה־שעיה!

— כ'בין אויך אַ יודע ספר. כ'ווייס דאָס אַלץ אָן דיר!... — שרייט ר' שלמה־שעיה.

— אויב אַזוי איז נאָך ערגער! זענט איר אַ „יודע את קונו ומתכוון למרוד בו". איר ווייסט וואָס גאָט הייסט טאָן און איר ווידערשפּעניקט אים בכוונה!... — שרייט שוין אויך שואליק אויס אַ צעהיצטער.

— דו שייגאַץ איינער! דו „סאָשעליסט" דו!... — שפּרינגט אויף ר' שלמה־שעיה אויסער זיך.

— אויב א י ך בין אַ סאָציאַליסט, איז ירמיהו הנביא אויך געווען אַ סאָציאַליסט! — שרייט צוריק שואליק — דער נביא האָט אַמאָל נאָך גע־וואָרנט די באַלעבאַטים: — „ווי איז צו דעם, וואָס אַרבעט מיט זיין חבר אומזיסט און גיט אים נישט די באַרעכטיקטע שכירות"!...

ר' שלמה־שעיה בלייבט ווי מבולבל פון אָט די שאַרפע ווערטער פון דעם נביא, וואָס ער האָט נישט געוואוסט, אָדער יאָ געוואוסט און פאַרגעסן.

שואליק האָט באַמערקט ר' שלמה־שעיהס צעטומלטקייט און האָט באַשלאָסן צו האַמערן נאָך שטאַרקער. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ מוסטער־טלית, וואָס איז געלעגן אויף אַ פאַליצע דערביי, און גענומען פאָכען מיט אים אין דער לופטן:

— איר זעט, ר' שלמה־שעיה, דאָס איז ווי אַ „טלית הגזול"! אַ טלית, וואָס ווערט געוועבט מיטן שווייס פון אַ באַעוולטן אַרבעטער, איז אַ גזילה־טלית, און מ'טאָר אויף אים קיין ברכה נישט מאַכן!...

דער צעטומלטער און וואַקלדיקער ר' שלמה־שעיה גיט זיך מיטאַמאָל, אומגעריכט, אַ ריס פון זיין אָרט, ווי אַ צערייצטע חיה, שפּרינגט צו צו שואליקן און נעמט שאָקלען אַנטקעגן אים מיט אַ ווייזפינגער:

— געדענק, שואליק! איך וואָרן דיך, דו זאָלסט מיך נישט אַרויסברענ־

גען פון די כלים! דו ווילסט דיר זיין אַ סאָשעליסט — צו אַלדע־רוחות! אָבער מיר זאָלסטו נישט דערגיין די יאָרן. איך וועל דיר דיין "וויזע" פסלענען ביי דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן. מיר דאַרפן נישט קיין רעוואָלוציאָנערן אין אַמעריקע. דיין פוס וועט זיך דאָ מער נישט געפינען. איך וועל דיך צוריקשיקן אַהין, פונוואַנען כ׳האָב דיך געבראַכט, דו הערסט?!...

— איצט זעט איר שוין ווי איין עבירה ברענגט די אַנדערע, ר׳ שלמה־שעיה! איר זענט שוין גרייט אַפילו אויף אַ "מסירה" אויך! — מאַכט שואליק, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צו אים, ווי ער וואָלט אים באַדויערט.

— יאָ!... "הבא להרגך, השכם והרגו"! ווילסט מיך הרגענען וועל איך דיך הרגענען!... — טוט ר׳ שלמה־שעיה ווידער אַ זעץ אין טיש.

דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר שואליקן. זיינע אויגן האָבן גענומען שפּריצן מיט פייער. ער האָט זיך מיט געוואַלד אַ ריס געטאָן פון אָרט, צוגע־שפּרונגען צום שרייבטיש, זיך אַריבערגעבויגן, אויסגעשטרעקט זיין האַנט, אַ הייב געטאָן דעם לעדער־געבונדענעם זוהר, גענומען מישן־מישן שנעל די בלעטער, אויפגעמישט דעם בלאַט, וואָס ער האָט געזוכט, און אַ שווער־אָטעמענדיקער, מיט ציטערדיקע ליפּן, אויסגערופן, טייטלענדיק מיטן פינגער אין ספר:

— אויב איך בין אַ רוצח, וואָס וויל אייך הרגענען, ווי איר זאָגט, איז דער זוהר הקדוש אויך אַ רוצח!...

— דו ביסט פון זינען אַראָפּ! דו ווייסט שוין נישט וואָס דו רעדסט אַפילו! — גלאַנצט אויס ר׳ שלמה־שעיה אַ פאַר דערשראָקענע אויגן אויף שואליקן.

— איך ווייס שוין גאָר גוט וואָס איך רעד! הערט וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט! — טייטלט אַלץ שואליק מיטן פינגער אין ספר, נעמט לייענען אויף אַ קול, און זיין שטים וויברירט אין דער לופט מיט אַ מוסר־ניגון:

"תאָ חזי! מאַן דנטיל אַגראָ דמסכנא, כאילו נטיל נפשיה ודאנשי ביתיה! דהאָ כל אינון הבלין דנפקין מפומיה כל ההוא יומאָ, סלקין קמיה קודשא בריך הוא וקיימין קמיה. לבתר סלקא נפשיה ונפשייהו דאנשי ביתיה וקיימין באינון הבלי דפומיה. וכדין — אפילו איגזר על ההוא בר־נש כמה יומין וכמה טבאָן, כולהון מתעקרין מיניה ומסתלקין מיניה!"...

און שואליק נעמט באַלד פאַרטייטשן די ווערטער אין יידיש מיטן זעלבן אומעטיקן זוהר־ניגון: קום און זע! ווער עס נעמט אָוועק די באַרעכטיקטע שכירות׳ פון אָרעמען אַרבעטער, איז גלייך ווי ער נעמט צו ביי אים זיין נשמה און די נשמות פון זיין הויזגעזינט! וואָרים די פּאַרע, וואָס גייט אַרויס פון דעם אַרבעטערס אָטעם אַ גאַנצן טאָג, גייט אַרויף אויבן און שטעלט זיך פאַרן אויבערשטן. און נאָכדעם גייען אויך אַרויף די נשמות פון דעם אַרבע־טער און זיין הויזגעזינט און בלייבן דאָרט שטיין אין דער פּאַרע, וואָס דער

אַרבעטער טרייבט פון זיך אַרויס. און דאַן — אַפילו ווען עס איז דעם באַלע־באָס באַשערט לאַנגע יאָרן און פיל גוטס, ווערן זיי אָפּגעטאָן פון אים און אָוועקגעריסן פון אים, אַלס שטראָף פאַר נישט צאָלן געגוג דעם אַרבעטער פאַר זיין האָרעוואַניע!...

און שואליק פאַרענדיקט מיט אַ טיפן זיפץ:

— אַ, ר׳ שלמה־שעיה! איך בין אייך אַ פריינד, און מיין האַרץ טוט מיר באמת וויי פאַר אייך! איר בלאָנדזשעט, איר בלאָנדזשעט, ר׳ שלמה־שעיה! באַדענקט זיך!...

אַט דערדאָזיקער לעצטער שאָס שואליקס האָט געטראָפן אין ציל. ר׳ שלמה־שעיה, אַ פאַרשוויצטער און אַ צעווייטיקטער, אַ צעשראָקענער און אַ צעבראָכענער, איז אַנידערגעפאַלן אויף זיי דריי־שטול לעבן שרייבטיש. ער האָט זיך גענומען ווישן ס׳פּנים מיט זיין רויטן נאָזטיכל, אָפּגעאָטעמט טיף און שווער, און האָט אַרויסגעלאָזט אַ ברוסטיקן ברום, ווי אַ פאַרוואונ־דערטער לייב, און שוואַך אַרויסגעמורמלט:

— אָלרייט, שואליק, כ׳וועל נאָכקומען אייער פאַרלאַנג!... גייט געזונ־טערהייט אַהיים, און קומט מאָרגן, אם־ירצה־השם, צו דער אַרבעט!...

ה

צומאָרגנס נאָך ל״ג־בעומר, מאָנטיק אינדערפרי, ווען אַלע אַרבעטער האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, האָט ר׳ שלמה־שעיה צוריקגערופן שואליקן אין אָפיס אַריין און אים געזאָגט, אַז ער וויל מיט אים מאַכן אַ נייעם קאָנטראַקט אויף נאָך אַ יאָר, און אויך אים מאַכן „פאָרמאַן״ אין שאָפּ. דערפאַר וועט ער, שואליק, באַקומען פון אים אַ ספּעציעלן באָנוס צום סוף יאָר. און נאָך אַ בשורה: ער׳ט אים געבן צוויי וואָכן וואַקאַציע מיט שכירות פאַר זיין „האָנימון״.

אין דעמזעלבן טאָג האָבן די דירעקטאָרן פון תלמוד־תורה געלאָזט וויסן חוהלען, אַז אויך זיי גיבן איר צוויי וואָכן וואַקאַציע מיט שכירות פאַר איר „האָנימון״, חוץ דער וואַקאַציע צום סוף זומער.

אין אָוונט האָט דער לאָיער גוטקין טעלעפאָנירט, אַז ער האָט באַקומען אַ ידיעה פון וואַשינגטאָן, אַז שואליק וועט בלויז דאַרפן צופאָרן קיין קאַנאַדע, און דאָרט וועט דער אַמעריקאַנער קאָנסול אים געבן אַ וויזע צוריק אַריינ־צוקומען אַהער אַלס אימיגראַנט אויף דער פּוילישער קוואָטע.

חוהלע איז געוועזן אויסער זיך פון גליק.

— אַז ס׳גייט, גייט עס מיט אַלעמען!... — האָט זי אַ צעשיינטע פון פרייד געכאַפּט קושן שואליקן.

— יאָ, טייערע, אָט דאָס מיינט דער תלמודישער אויסדרוק „השעה

משחקת״ — די צייט שפּילט צו! אַז די הצלחה נעמט גיין, גייט זי פון אַלע זייטן...

חוהלע האָט זיך געזעצט צום טיש עסן וועטשערע, וואָס די מוטער האָט איר דערלאַנגט, און געטראַכט: פּלאַים טאַקע! דעם שטרייק אין שאָפּ געוואו־נען, און שואליק איז נאָך נתעלה געוואָרן אויף זיין שטעלע; די רעגירונג אין וואַשינגטאָן האָט דערפילט שואליקס „אַפּליקאַציע״; צוויי־וואָכנדיקע וואַקאַציעס האָבן באַקומען ביידע, סיי זי און סיי שואליק. און — אַלץ אין דעמזעלבן טאָג... איז וואָס איז דאָס? דאָס „אויג פון גאָט״, אָדער דער „בלינדער צופאַל?״...

זי האָט שנעל אָפּגעגעסן, אָפּגעראַמט פון טיש און אַריינגעטראָגן דאָס געפעס אין קיך, וואו די מוטער איז געשטאַנען. זי האָט אַרומגעכאַפּט די מוטער און זי געקושט:

— אוי, מאַמע, בין איך גליקלעך!...

— דאָס האָבן מיינע תפילות געפּועלט! הלוואי אויף אייביק דאָס גליק דיינס, חוהלע!... — האָט די מוטער זי געדריקט צו זיך און אָפּגעווישט אַ פּאָר נחת־טרערן...

חוהלע האָט די לעצטע עטלעכע טעג געהאַט אָפּגעלייגט דאָס גיין מיט ביטריסן איינקויפן. זי האָט געוואַרט אויפן אויסגאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען אין שאָפּ. איצט האָט זי אַ פריילעכע טעלעפאָנירט צו ביטריסן, איר אָנגעזאָגט די בשורות פון אַלע גוטע געשעענישן, וואָס האָבן פּאַסירט מיטאַמאָל, און זי האָט געפרעגט ביטריסן צי זי קאָן מאָרגן, דינסטיק, ווידער גיין מיט איר איבער די קראָמען.

ביטריס איז געווען גרייט צו גיין מיט איר ווען זי וויל און וואו זי וויל. זיי האָבן אָפּגערעדט וואו זיך צו טרעפן.

און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרומלויפן פון קראָם צו קראָם. זיי האָבן קיין איין טאָג נישט אויסגעלאָזט איצט. קיין סך צייט איז שוין נישט פאַרבליבן. שבת נאָך שבועות האָט באַדאַרפט זיין דאָס „אויפרופנס״ און חוהלע האָט נאָך געהאַט אַזויפיל איינצוקויפן און באַשטעלן פאַר דער חתונה.

קאַפּיטל ניין

א

שבועות איז אויסגעפאַלן מיטוואָך און דאָנערשטיק. ערב יום־טוב האָט מען אין תלמוד־תורה נישט געלערנט, און חוהלע האָט געהאַט דעם גאַנצן טאָג פריי. אין אַט דעם לעצטן טאָג פאַר שבועות איז זי געווען נאָכמער פאַר׳עסק׳ט ווי יעדן טאָג. זי האָט באַדאַרפט לויפן מיט ביטריסן איינקויפן

נאָך אַ סך קלייניקייטן פאַר זיך, וואָס זי האָט געלאָזט אויפֿן לעצטן טאָג. און זי האָט באַדאַרפֿט באַשטעלן פאַר שואליקן די פּאַרמאַלע בגדים, וואָס ער מוז טראָגן צו דער חופּה.

אַזוי ווי שואליק האָט היינט, ערב־יום־טוב, געאַרבעט לויט דער נייער אָרדענונג, בלויז ביז צוועלף בייטאָג, האָט חוהלע אָפּגערעדט מיט אים זיך צו טרעפֿן אויף גרענד־סטריט אין דעם געשעפֿט פֿון מענער־קליידער, וואו מ׳פֿאַרדינגט טאַקסידאָ־אַנצוגן, צילינדערס, האַרטע העמדער און שוואַרצע שניפּסן, אַנצומעסטן און באַשטעלן דאָס גאַנצן רומל.

אַלץ איינגעקויפֿט און באַשטעלט, האָט חוהלע, אַ מידע און אַן אויס־געשעפּטע, געוואָלט שוין פֿאָרן מיט שואליקן אַהיים. ביטריס איז אָבער צוגעשטאַנען, אַז חוהלע זאָל זי אָפּפֿירן אַהיים.

— ס׳איז ערב יום־טוב, ביטריס. כ׳האָב מורא, ס׳וועט ווערן שפּעט פֿאַר מיר...

— ס׳וועט נישט ווערן שפּעט, חוהלע. מיט דער זיבעטער־עווועניו־סאָבוועי געדויערט דאָס פֿאָרן נישט מער ווי אַ קאַרגע האַלבע שעה. מיר׳ן אַביסל פֿאַרברענגען ביי מיר אין הויז און דו וועסט דיר פֿאָרן צוריק אַהיים.

— זאָל זיין אויף מוצאי־יום־טוב, ביטריס!

— ניין, היינט! דווקא היינט, איצט, חוהלע! — לאָזט ביטריס נישט אָפּ.

— וואָס איז עס אַזוי „עקסטראַ״? דווקא איצט?

ביטריס האָט זיך געקווענקלט, געוואַקלט, געשמייכלט און זיך געשלאָגן מיט דער דעה. ענדלעך האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן:

— הער אויס, חוהלע! כ׳האָב נישט געדענקט דיר אויסצוזאָגן. געוואָלט דיר מאַכן אַ סורפּריז. אָבער אַז דו נויטסט מיך, מוז איך דיר זאָגן. כ׳וויל זען אויב דיר וועט געפֿעלן זיין אונדזער מתנה...

— ס׳אַראַ מתנה?

— צו דיין חתונה, פֿאַרשטייט זיך!

— אַוודאי וועט מיר געפֿעלן. אַ מתנה מוז געפֿעלן...

— דו מוזט זי אָנקוקן פֿריער. און טאַקע אָנמעסטן אויך?

— אָנמעסטן? וואָס איז עס אַזוינס, ביטריס? כ׳ווער שוין גאָר שטאַרק נייגעריק...

— ס׳איז אַ „זילבער־פֿוקסענער״ זשאַקעט, חוהלע.

— וואָס? ביסט משוגע, ביטריס? ס׳איז דאָך אַ מטמון מיט געלט...

— זאָל דיך גאָרנישט אַרן, חוהלע טייערע! פֿאַר דיר און פֿאַר שואליקן איז קיין שום מתנה ביי אונדז נישט צו־טייער...

— אפשר וועסטו אויך מיטגיין מיט אונדז, שואליק? — טוט אַ פֿרעג חוהלע.

— צום באַדויערן קאָן איך נישט איצט. כ׳דאַרף היינט זיין אין באַנק און צאָלן אַ ראַטע אויף מיין חוב. די באַנק מאַכט זיך צו דריי אַזייגער, און

כ׳מוז זיך צואיילן. איך פאַרלאָז זיך שוין אויף אייך ביידע. איר דאַרפט נישט מיין מבינות. גייט געזונט!... — זאָגט שואליק צופרידן, — און זאָם זיך נישט, חוהלע, ס׳איז ערב יום־טוב!...

— שלום, יקירי! איכ׳ל זיך נישט זאַמען!... — גיט חוהלע שואליקן אַ הייסן קוש.

אין סאָבוועי וואַגאָן פאַרנדיק „אַפּטאַון" זענען חוהלע און ביטריס געווען שטאַרק אויפגעלייגט. ווי יונגע פרויען האָבן זיי גערעדט אינטים וועגן חתונה בכלל, און וועגן זייערע באַשערטע בפרט. דער שמועס איז אַרויף אויף דער האָניק־חודש רייזע, און נאָכדעם אויף דער לוסט־רייזע קיין ארץ־ישראל. חוהלע האָט זיך דערמאָנט, וואָס ביטריס האָט איר אַנומלט געזאָגט, אַז מאַיקעל האָט אויך חשק צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, און זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, ביטריס, טראַכט איר טאַקע ערנסט צו פאָרן אהין?...

— יאָ. מאיקל האָט כמעט באַשלאָסן. ערשט נישט לאַנג האָט ער נאָכאַמאָל דערמאָנט, אַז ער וויל זייער פאָרן אהין צוזאַמען מיט שואליקן. ער קען זיך דאָך מיט שואליקס עלטערן פון וואַרשע נאָך. און — ער וויל זיי זייער־זייער זען...

— כ׳ווייס. זיי זענען לאַנדסלייט. געוועזענע שכנים אפילו.

— אוודאי! מאיקל האָט אפילו אַ וויכטיקן ענין צו אַנטשיידן מיט זיי, זאָגט ער.

— וואָס פאַר אַ וויכטיקן ענין?

—שואליק האָט דיר גאָר קיינמאָל נישט דערציילט וועגן דעם?

— כ׳מיין, אַז דו קענסט שוין שואליקן. ער וועט קיין פרעמדן סוד נישט אויסזאָגן!

— ס׳איז געווען אַ סוד פריער, איצט — נישט. איבערהויפּט — נישט צווישן אונדז פיר! ס׳איז זייער אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע, כע־כע!.. צעלאַכט זיך ביטריס — קינדערשע נאַרישקייטן, ייִנגלשע זינד... אָבער מאיקל וויל דאָס פאָרט גומטאָכן...

חוהלע האָט געקוקט אויף ביטריסען און געשוויגן. און ביטריס האָט גענומען איר דערציילן:

— מאַיקלס עלטערן זענען געווען זייער אָרעם. מאַיקל האָט פאַר זיך נישט געזען קיין תכלית אין וואַרשע, אין פוילן. ער האָט געחלומט וועגן אַמעריקע. אָבער, ווי זאָגט מען אין ייִדיש, ווי קומט די קאָץ איבערן וואַסער? ווי קאָן ער פאָרן אַן געלט? מאַכט זיך, אַז זיין פאָטער שיקט אים אַמאָל צו שואליקס פאָטער לייען אַ רובל אויף שבת הוצאות. שואליקס פאָטער איז געשטאַנען און געדאַוונט מיט פאַרמאַכטע אויגן. מאַיקל איז אַריין אין הויז און דערזען, אַז אויפן טיש ליגט אַ גאָלדענער זייגער. האָט ער אַ כאַפּ

געטאָן דעם זייגער און אַנטלאָפֿן. ער האָט גלייך דעם זייגער פֿאַרקויפֿט און מיט יענעם געלט האָט ער זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע... איצט וויל ער באַצאָלן שוואַליקס פֿאָטער דעם „חוב" מיט פּראָצענט. אָך, ווי ס'לעבן האָט טרויעריקע און לעכערליכע מאָמענטן!...

ביידע האָבן זיך צעלאַכט פֿון דער געשיכטע. און איטליכע פֿון זיי באַזונדער האָט אין איר געלעכטער געהאַט באַהאַלטן אירע אייגענע געדאַנקען און פֿילאָסאָפֿיעס וועגן די פֿאַרדרייטע און מיסטעריעזע וועגן פֿון לעבן...

ב

די סאָבוועי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער זעקס־און־ניינציקער סטריט און בראָדוועי. ביטריס און הוהלע זענען איילנדיקע און אויפֿגערוימטע אַרויס פֿון וואַגאָן מיט די פּעקלעך אין די הענט. אַנשטאָט אַרויסצוגיין אין דער רעכטער זייט זענען זיי אַרויפֿגעגאַנגען מיט די טרעפּ אין דער לינקער זייט פֿון בראָדוועי. זיי האָבן באַדאַרפֿט איבערשפּאַנען בראָדוועי און פֿון דאָרט גיין אַראָפּ צו וועסט־ענד עוועניו און ריווערסייד־דרייוו וואו ביטריס האָט געוואוינט.

בראָדוועי איז געווען פֿאַרגאָסן מיט זון און פֿאַרפּלייצט מיט מענטשן און מיט אויטאָמאָבילן. אויף די טראָטואַרן פֿון ביידע זייטן גאַס האָבן מענטשן געשטראָמט אַראָפּ און אַרויף. אויף דעם אויסגעפּלאַסטערטן פּראָמענאַד אינמיטן גאַס, וואָס ציט זיך לייַנג־אויס בראָדוועי, זענען אויף די בענק געזעסן מענער און פֿרויען, וואָס האָבן זיך געוואַרעמט קעגן דער זון, געלייענט צייטונגען און געקנאַקט פּיסטאַשקעס. אויפֿן שאָסיי פֿון ביידע זייטן גאַס זענען געלאָפֿן אויטאָמאָבילן, טראָקס און באָסעס אַרויף־און־אַראָפּ, געפּייפֿט און געטרובעט, זיך געיאָגט איינער נאָכן אַנדערן, געטריבן און אונטערגעאיילט איינער דעם אַנדערן — גיכער, שנעלער! געשווינדער!

דער גערויש און געפּילדער און געטומל האָט פּאַרטויבט די אויערן.

ביטריס און הוהלע זענען געבליבן שטיין אויפֿן ראָג גאַס צווישן אַ גרויסן געזעמל פֿון מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעדריקט און געוואַרט, אַז די טראַפֿיק־סיגנאַלן זאָלן זיך בייטן פֿון רויט אויף גרין צו מעגן איבער־גיין אויף דער צווייטער זייט גאַס. ביטריס איז געווען אומגעדולדיק. ס'איז איר געווען פֿאַרדראָסיק וואָס זי, וועלכע איז אַזוי היימיש אויף דער דאָזיקער סטאַנציע, זאָל מאַכן אַזאַ טעות און אַרויסגיין אויף דער נישט־ריכטיקער זייט פֿון גאַס. זי האָט אַ זאָג געטאָן, אַז זי וויל נעמען אַ טעקסי און צופֿאָרן צו איר אַפּאַרטמענט. נאָר הוהלע האָט איר נישט געלאָזט. ס'איז דאָך אַזוי נאָענט, ביז ריווערסייד דרייוו, דערצו נאָך אַראָפּ־באַרג, איז צו וואָס זיך „באַדערן" מיט אַ טעקסי...

דאָס טראַפֿיק־ליכט האָט זיך געביטן. דער פּאַרקער האָט זיך געגעבן אַ

שטעל־אַפּ. דער וואַרטנדיקער מענטשן־שטראָם האָט זיך געגעבן אַ לאָז פאָרויס. אַ באָס האָט פאַרשטעלט דעם וועג און מ'האָט באַדאַרפט אים אַרומגיין. אייניקע האָבן זיך געלאָזט לויפן הינטער אים, און אַנדערע אין „פראָנט" פון אים. אין געדרענג און שטופעניש האָבן ביטריס און חוהלע זיך פאַרלוירן און צעשיידט איינע פון דער אַנדערער. אין איילעניש האָט עמיצער פאַרטשעפעט חוהלעס פעקלעך און זיי האָבן זיך צעשאָטן איבער דער ערד. חוהלע האָט זיך געגעבן אַ בויג־אָן צונויפצוקלייבן די פעקלעך פון אונטער די פיס.

ביטריס איז שוין געהאַט געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט גאַס. זי האָט דערזען ווי חוהלע קלייבט אויף די פעקלעך פון דר'ערד. אַריבערלויפן איר העלפן האָט זי נישט געקאָנט באַוויזן, דאָס ליכט האָט זיך שוין געהאַלטן אין בייטן ווידער אויף רויט. זי האָט בלויז גענומען אַריבערשרייען צו איר, אַז דאָס ליכט בייט זיך, זי זאָל זיין פאָרזיכטיק...

חוהלע האָט אַ הייב־געטאָן דאָס לעצטע פעקל פון דר'ערד און מיטאַמאָל זיך געגעבן אַ צי צוריק צום טראָטואַר.

דער פאַרקער האָט זיך ווידער אַ לאָז געטאָן מיט אימפעט און מיט אומגעדולד. דער באָס האָט זיך אַ ריס געטאָן. און מאָמענטאַל האָט זיך דערהערט אַ גרילצנדיקער סקריפּ פון זיינע רעדער, אַ שרעקלעכער קוויטש, און אַ געוואַלדיק־הילכיקער געיאָכץ פון מענטשן אַרום:

— גררצצצ!.. הו־האָאָאָ!... סטאָפּ!... סטאָפּ!...

— חוהלע!... — האָט ביטריס אויף דער צווייטער זייט גאַס געגעבן אַ ריטשע אַרויס נישט מיט איר קול — חוווהלעעעע!...

און זי איז גליך געפאַלן אין חלשות.

אַ קוויטשעריי, אַ פייפעריי. פּאָליציי איז שנעל אָנגעלאָפן. חוהלעס קערפּער איז געלעגן ביי דער לינקער פאָדערשטער ראָד פון באָס אַ צעדריקטער און צעמערשטער...

ג

די נייעס וועגן חוהלע הערשקאָוויטשעס אומקום איז שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די נאָכמיטאָג־צייטונגען. די טאַבלאָיד־צייטונגען האָבן אפילו געדרוקט דאָס שרעקלעכע בילד פון דער אומגעקומענער, ווי זי ליגט אַ צעדריקטע אונטער דער ראָד פון באָס און אירע חתונה־פעקלעך זענען צעוואָרפן אויפן ברוק אַרום איר.

די לערער־יוניאָן האָט גלייך טעלעגראַפיש פאַררופן אַ ספּעציעלן מיטינג פון אַלע מיטגלידער אויף דאָנערשטיק אָוונט, מוצאי־שבועות, צו אַראַנזשירן די לוויה פון זייער באַליבטער חברה אויף פרייטיק.

די לוויה האָט אָבער געמוזט אָפּגעלייגט ווערן אויף זונטיק.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באָס־טרייבער, וועלנדיק זיך ריינוואַשן פון זיין שולד, האָט געמאַכט אַ דערקלערונג, אַז דאָס האָט געמוזט זיין אַ פאַל פון זעלבסטמאָרד. די אומגעקומענע האָט זיך אַרונטערגעוואָרפן אונטער די רעדער פון זיין באָס...

דער איינציקער עדות, וואָס האָט דאָס געקענט אַפּלייקענען, איז געווען ביטריס האָפּקינס. אָבער ביטריס איז דאַן געלעגן אין מאָונט־סיני שפּיטאָל אַזוי דערשיטערט און פאַרשטיינערט פון דעם אומגליק, אַז זי האָט קוים געוואוסט וואָס מ׳רעדט צו איר. די דאָקטוירים האָבן פאַרבאָטן זי אויסצו־פרעגן פריער פאַרן דריטן מעת־לעת.

אין הויז פון חוהלעס עלטערן איז געווען אַן אָנגעלאָף. די טיר האָט זיך דאָרט נישט צוגעמאַכט. עס זענען אַריין און אַרויס שכנים, פריינט, באַקאַנטע.

שואליק איז געזעסן אין חוהלעס צימער, געקוקט מיט שטאַרע בליקן אויף איר שרייבטישל, אויף איר ביכער־שראַנק, אויף איר קליידער־אַלמער, אויף איר בעט. געשאָקלט אבלדיק מיטן קאָפּ, שטיל־שטיל געכליפּעט און אַרבעס־טרערן האָבן געראָנען פון זיינע אויגן און זיך אַראָפּגעקייקלט אויף זיין בלאַסן פּנים.

ר׳ שמואל־הערש, חוהלעס פאָטער, איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף אַ בענקל אין עס־צימער, די אויגן אונטער די דיקע שפּאָקולן צוגעשלאָסן, דער קאָפּ און פאות ווילד צעשויבערט, נישט געזען און נישט געהערט וואָס אַרום אים טוט זיך, און אַלע ווייל אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ משונה־לאַנגן, טיף־וויטאָקדיקן געברום — הו־ו־ו־ו־מממ !...

די איינציקע אין הויז, וואָס האָט איר גרויסן ווייטאָק און טרויער אויסגעגוואָלדעוועט איז געווען כאַנציע, חוהלעס מוטער. מיט אַ פאַרבונ־דענעם, איינגעקרעמפּעוועטן קאָפּ, איז זי אַרומגעלאָפן פון איין צימער אין צווייטן, געפּאַטשט מיט די הענט, געבראָכן די פינגער, געצופּט און געריסן אויף זיך די קליידער, געריטשעט און געקלאָגט, געיאָמערט און געוויינט, און מיט קולי־קולות געשריגן:

— חוהלע, חוהלע, וואו ביזטו ?!...

די אָנגעלאָפענע מענטשן אין הויז האָבן מיטגעוויינט און מיטגעליטן, אָבער וואָס אַ שעה שפּעטער האָבן זיך אַלץ מער מענטשן אַרויסגערוקט פון הויז, געבליבן זענען בלויז עטלעכע פרויען פון די אַרבעטערס. זיי האָבן כאַנציען אַריינגענומען אין איר שלאָפצימער, זי אַוועקגעלייגט אויפן בעט, און געזעסן לעבן איר ביז העט שפּעט פאַר ליכט־בענטשן.

דער ערשטער, וואָס האָט באַוויזן זיך צו נעמען אין די הענט אַריין, איז געווען שואליק. ווען די שאָטנס פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן גענומען טונקלען אויף די ווענט פון חוהלעס צימער, האָט זיך שואליק

אויפגעכאַפּט, אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳רוקט זיך אָן דער יום טוב שבועות, און מ׳טאָר איצט מער נישט קלאָגן. ער איז אַריין אין זיין צימער, זיך אָפּגעשווענקט ס׳פּנים מיט וואַסער, צוגעגלייכט ס׳יאַרמלקעלע אויפן קאָפּ, די וואָכעדיקע קליידער נישט איבערגעביטן, איז אַריין אין עס־צימער, צוגעקומען צו ר׳ שמואל־הערשן און מער נישט געקאָנט אויסרעדן, ווי נאָר:

— יום־טוב!...

פון אים איז ער אַוועק צו כאַנציען, וועלכע איז געלעגן אין בעט אַ טויט־מידע, מיט געשוואָלענע אויגן, שוין אָן כוחות צו שרייען, אָן טרערן צו וויינען, הייזעריק ווי אַ שטיק האָלץ, און מער ווי בלויז העשען האָט זי שוין נישט געקאָנט. שואליק איז געבליבן אַ ווייל שטיין שטיל לעבן איר, שלינגענדיק קנוילן, וואָס האָבן אים געוואָרגן אין האַלדז, און מיט ציטערדיק־וויינענדיקע ליפּן אַרויסגעפּליסטערט:

— י־ו־ם־ ט־ו־ב!

כאַנציע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט האַלב־געעפּנטע אויגן, געוואָלט אַרויסלאָזן אַ געוויין און נישט געקאָנט. זי האָט זיך בלויז אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענטביים קאָפּ און הייזעריק קוים אַרויסגעשעפּטשעט:

— נ־ש־שמ־מ־ה מ־י־י־ב־ע...

ד

די לוויה איז געווען זונטיק.

אין די פיר מעת־לעת ביז דער לוויה איז שואליק שטאַרק פאַרענדערט געוואָרן. זיין פּנים אָפּגעצערט. דער גלאַנץ פון זיינע אויגן פאַרשוואונדן. ווי שטאַרק ער האָט זיך נישט געוואָלט האַלטן, איז עס אים נישט געלונגען. פאַר חוהלעס עלטערן האָט ער נאָך פון מאָל צו מאָל געפונען אַ טרייסט־וואָרט. פאַר זיך אַליין אָבער — גאָרנישט. ער האָט אין די פיר מעת־לעת זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין חדר און זיך פאַרטיפט אין דעם ספר איוב. ער האָט, פאַרשטייט זיך, אָט דעם ספר געקענט פריער, אָבער קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך אַזוי נישט אַריינגעקלערט אין די וויכוחים צווישן איובן און זיינע פריינט, ווי איצט.

יענע אייביקע פראַגע, וואָס ווערט אין ספר דיסקוטירט, איז איצט אים אַליין, שואליקן, נוגע עד־הנפש:

„איז פאַראַן אַנ׳אויג וואָס זעט און אַ האַנט וואָס פירט; אָדער צי איז אַלץ צופאַל, אָן שום סדר?...”

שואליק האָט געדענקט יענע טעג, ווען חוהלע פלעגט זיך מתווכח זיין מיט אים וועגן דעם. ער האָט דעמאָלט ביי זיך געוואוסט, אַז אירע ספקות זענען פילאָזאָפיש אויסגעהאַלטן. ער האָט אָבער אין דערזעלבער צייט געפילט

און טאַקע געגלויבט, אַז דווקא די ספקות זענען שטאַרקע באַווייזן, אַז ס'זע־נען פאַראַן „מיסטעריעס".

אַצינד האָט שואליק געהאַלטן אין איין קלערן וועגן דער מיסטעריע פון לעבן און טויט. „ויגוע אָדם ואיו?" — ווען דער מענטש שטאַרבט, וואוהין קומט ער אַהין?...

אָט, למשל, ליגט איצט אָט די הוהלע אַ טויטע. זאָל ער זאָגן, אַז — נישטאָ מער הוהלע? ניין, ער קאָן דאָס נישט זאָגן. קיינער קאָן עס נישט זאָגן באַשטימט!... אַוודאי איז דער קערפּער, דער „לבוש", וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געהייסן הוהלע, מער קיין הוהלע נישט. אָבער אין אמתן — האָט דען יענער קערפּער געהייסן הוהלע? — דער גייסט, די נשמה האָט דאָך געטראָגן אָט דעם נאָמען! וואו־זשע איז יענער גייסט, יענע נשמה, איצט?.. נאָר ווי אַזוי קאָן מען ענטפערן אויף דערדאָזיקער גרויסער פראַגע, אַז מ'קאָן אַפילו נישט ענטפערן אויף אַ סך אַ קלענערער פראַגע, ווי למשל, וואו קומט אַהין דער פלאַם, ווען אַ ליכט ווערט אויסגעלאָשן? — אָדער פאַרוואָס טראָגט זיך אַ שטים פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן דורך אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט? אַוודאי זענען דערויף פאַראַן ענטפערס — די געזעצן פון כעמיע, פון פיזיק, פון מאַגנעטיזם, פון עלעקטריע און פון אַנדערע כוחות פון דער נאַטור! אָבער — דאָס אַלץ איז דאָך נישט מער, ווי מ'פאַרענטפערט איין מיסטעריע מיט אַ צווייטער מיסטעריע...

פונדעסטוועגן — פונקט ווי דער כעמישער צונויפשטעל פון דעם ליכט איז אַ „כלי־קיבול", אַן אויפנעם־אינסטרומענט פאַרן פלאַם, און דער מאַגנע־טיש־עלעקטרישער צונויפשטעל פון דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט איז אַן אויפנעם־אינסטרומענט פאַר דער שטים, קאָן דאָך אויך געמאָלט זיין, אַז די קערפּער־לעכע הוהלע איז געוועזן נישט מער ווי אַ „כלי־קיבול" פאַר דער נשמהדיקער הוהלע. די „כלי" ווערט צעבראָכן, אָבער די נשמה בלייבט אין דער וועלט־אומענדלעכקייט...

און, ווער ווייסט, ס'קאָן זיין, אַז הוהלעס נשמה שוועבט דאָ איצט אַרום אין צימער, נאָר ער מיט זיינע באַגרענעצטע חושים קאָן זי נישט זען, נישט הערן, נישט אָנטאַפּן.

אַך, ווען ער קאָן איצט הערן הוהלען רעדן, וואָלט ער זיכער געהערט ווי זי פרעגט־אָפּ די גאַנצע פירונג פון דער השגחה: „פאַרוואָס איז איר געקומען דער טויט דווקא איצט אין אירע גליקלעכסטע מאָמענטן פון איר לעבן?!"...

איוב האָט געפרעגט דיזעלבע פראַגע: „המחכים למות ואיננו; ויחפרוהו ממטמונים". און שואליק האָט זיך דערמאָנט ווי דער מלבי"ם טייטש עס אויס זייער בילדלעך: אַן אָרעמאַן האָט זיך אַלע זיינע יאָרן געמאַטערט צו פאַר־דינען אַ שטיקל ברויט פאַר זיינע בני־בית. און, נישט קאָנענדיק לענגער

צוזען די הונגער־ליידן זייערע, האָט ער געהאַלטן אין איין בעטן אויף זיך דעם טויט — נאָר דער טויט איז נישט געקומען. ערשט ווען דער אָרעמאַן איז געגאַנגען גראָבן ליים און האָט דאָרט געפונען אַ גרויסן אוצר — איז אויף אים אָרויפגעפאַלן אַ באַרג ערד און האָט אים דאָרט באַגראָבן...

פאַרוואס ? ווער פירט עס אַזוי ? האָט דאָס עפּעס אַ זין ? — וואָלט חוהלע געוויס ביי אים איצט געפרעגט. ער, שואליק, וואָלט איר ווידער פּרובירט צו פאַרענטפערן אָט די ברענענדיקע פראַגע, ווי ער פלעגט עס טאָן שטענדיק, אַז די השגחה האָט יאָ אַ זין, נאָר — אונדזער שכל איז קורץ צו באַגרייפן דאָס.

איצט אָבער איז ער צעמישט. ער פרעגט זיך אַליין דיזעלבע פראַגע. און — למאַי זאָל ער לייקענען — זיין ענטפער קאָן אים איצט נישט צופריידנשטעלן...

יאָ, ווי גרינג ס'איז צו ענטפערן אַ נ ד ע ר ע, און ווי שווער ס'איז צו ענטפערן ז י ך אַ ל י י ן !...

ביי דער לוויה איז שואליקן געווען קוים צו דערקענען, אַזוי פאַרענדערט איז ער געוואָרן.

נאָך דער לוויה זענען אַ סך פון זיינע פריינט צוגעשטאַנען צו שואליקן און אים געבעטן, ער זאָל אַריבערגיין צו זיי.

עזרא יאַקיר, דער פילאָזאָף צווישן די שאַפּ־אַרבעטערס, האָט אים איינגערוימט אין אויער :

— שואליק, קיין טויטן קאָן מען דאָך לעבעדיק נישט מאַכן, און דער לעבעדיקער דאַרף אָנגיין מיטן לעבן... צוליב אייער געזונט דאַרפט איר זיך אַריינציען צו אונדז. מר וועלן קאָנען גוט אַכטונג געבן אויף אייך !...

און אַפילו ר' שלמה־שעיה בערשאַדער האָט גענומען רעדן מיט שואליקן שטילערהייט :

— שואליק, סיי פאַר דיר און סיי פאַר חוהלעס עלטערן איז גלייכער, אַז דו זאָלסט דאָ ביי זיי אין הויז נישט זיין. קום אַריבער צו מיר כאָטש ביז איבער זייער „שבעה" !...

שואליק האָט אָבער צו קיינעם נישט געוואָלט גיין. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אַוועקצוגיין פון דעם הויז איצט און איבערלאָזן די צוויי אַלטע, אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע, חוהלעס, אַליין אין זייער גרויסן טרויער. יעדנפאַלס, ביז איבער „שבעה" וועט ער דאָס אַוודאי נישט טאָן. זיי מוזן האָבן צו וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט, פאַר וועמען אויסצולאָדן אַ טרער, און פון וועמען צו הערן אַ וואָרט פון טרייסט. נאָך „שבעה" וועט ער זען וואָס ער האָט צו טאָן.

אָבער אויך נאָך „שבעה״ האָט עס שואליק נישט געקאָנט טאָן. ער האָט עס אָפּגעלייגט ביז נאָך „שלושים״, און אַפילו דאַן אויך נישט געקאָנט זיך באַשליסן.

ערשט ווען כאַנציע הערשקאָוויטש האָט אים געלאָזט וויסן, אַז זי גייט זוכן אַן אַנדערע וואוינונג, אַ קלענערן אַפּאַרטמענט, האָט שואליק באַשלאָסן זיך איבערצוקלייבן צו די יאַקירס. — — —

פערטער טייל

קאַפּיטל איינס

א

די ערשטע פּאָר וואָכן, נאָכדעם ווי שפּרהלע שעוויץ איז צוריקגעקומען אַרבעטן אין איר פּאַטערס אָפיס, איז די באַציאונג צווישן איר און דער נייער סעקרעטאַרין, סיידי גרין, געווען אַ קאַלטע. זיך איינע דער צווייטער גערופן ביי זייערע פאַמיליע־נעמען — „מיסס שעוויץ״; „מיסס גרין״.

שפּרהלע איז בכלל געווען פון דער נאַטור אַ צוריקגעצויגענע. זי האָט מיט קיינעם נישט געקאָנט ווערן היימיש שנעל.

סיידי, כאָטש זי איז געווען אַ צוגעלאָזטע און געקאָנט גרינג שליסן פריינטשאַפט, האָט זי אָבער אויף שפּרהלען געקוקט מיט גרויס אָפּשיי, ווי אויף איר באַסעס טאָכטער, און אויך מיט אומצוטרוי, ווי אויף איר קאָנקור־רענטין. אמת, שפּרהלע האָט איר טאַקע גלייך דעם ערשטן טאָג ביים „לאַנטש״ אין קאַפעטעריע פאַרזיכערט, אַז זי איז נישט געקומען אַוועקצונעמען ביי איר דעם „דזשאַב״. נאָר סיידי האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז אָט וועט מען איר זאָגן, אַז דער אָפיס דאַרף נישט קיין צוויי סעקרעטאַרינס, און מ׳וועט זי אַוועקשיקן. און — סיידי האָט גוט געוואוסט ווי שווער ס׳איז פאַר איר צו קריגן אַ „דזשאַב״...

סיידי גרין איז שוין געווען אַ מיידל נאָך די דרייסיקער, געוואוינט מיט אירע עלטערן אויף פּיט־סטריט, אויף דער איסט־סייד, אין אַ קאַלטן „פלעט״, און באַדאַרפט געבן צושטייער אויף דער הוצאה אין הויז. איר פאָטער, וואָלף גרין, איז געשטאַנען מיט אַלט אייזנוואַרג אויף אַ פּושקאַרט אין עלען־סטריט און קוים געצויגן חיונה.

וואָלף גרין, אַ משכיל, אַ ציוניסט, אַ געוועזענער מאָדערנער שדכן אין דער גרויסער שטאָט אָדעס, האָט זיך תמיד געמאָטערט צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט. ער האָט געהאַסט די יידישע לופט־פּרנסות אין אוקראַינע און האָט געחלומט וועגן באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל און ווערן אַ קאָלאָניסט. ער האָט אָבער קיינמאָל זיין חלום נישט געקאָנט פאַרווירקלעכן, ווייל ער האָט פּשוט נישט פאַרמאָגט אויף רייזע־הוצאות פאַר זיך מיט זיין ווייב און זייערע דריי קינדער. נאָר אין יאָר ניינצן־צוועלף, ווען אין אוקראַינע איז געווען אַ גרויסער הונגער, און וואָלף גרין האָט ממש נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צו זיין ווייבס ברודער

אין ניו יאָרק, ער זאָל אים אַרויסשיקן שיפסקאַרטן. זיין פּלאַן איז געווען צו מאַכן אַ „פּאָר דאָלאַר" אין אַמעריקע און פון דאָרטן פאָרן קיין ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון זיין אידעאַל. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז מאַכן האָט ער קוים געמאַכט אַ לעבן פון זיין פּושקאַרט מיט אַלט אייזנוואַרג און געמוזט פאַרגעסן אין זיין פּלאַן. געזען, אַז פון אים וועט שוין קיין תכלית נישט זיין אַפילו אין אַמעריקע, האָט ער, לפחות, געוואָלט מאַכן אַ תכלית פאַר זיינע קינדער, צוויי יינגלעך און אַ מיידל. ער האָט געצויגן די קליי פון זיך און געשיקט זיינע קינדער לערנען. איין זון האָט ער געמאַכט פאַר אַ דראָגיסט, אַ צווייטן — פאַר אַ לערער אין אַ פּאַבליק־סקול, און די טאָכטער, סיידין, האָט ער געמאַכט גאָר פאַר אַ מושלמת — זי האָט געענדיקט דעם לערער־קאָלעדזש אין קאָלומביע־אוניווערזיטעט, די לערער־קורסן אין העברעיש, און דערצו נאָך אַ ביזנעס־סקול — זי האָט געקאָנט זיין סיי אַן ענגלישע לערערין, סיי אַ העברעישע לערערין, און סיי אַן אָפיס־סעקרעטאַרין. זי האָט אָבער אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט באַקומען קיין איינע פון אָט די שטעלעס.

די מניעה — איר אויסקוק, איר פיגור.

סיידי איז געווען זייער קורץ און זייער דיק, און געהאַט אַ קעפּעלע מיט אַ פּנימל פון אַן אַכט־יאָריק קינד. איר פּנימל איז דווקא געווען שיין געטאָקט, נאָר אין פּראָפּאָרציע מיט איר קורצן דיקן קערפּער האָט עס אויסגעקוקט שטאַרק משונה...

פונדעסטוועגן, ווייזט אויס, אַז גאָט אַליין האָט פאַרט איינגעזען ווי שטאַרק ער האָט סיידין געקריוודעט, האָט ער איר געוואָלט קאָמפּענסירן און ער האָט דווקא אין איר קליין קעפּעלע אַריינגעזעצט אַ גרויסן מוח. סיידי האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון און אַ שאַרפע תפיסה. זי האָט אַלץ געלערנט שנעל, און וואָס נאָר זי האָט געלערנט איז עס ביי איר פאַר־בליבן. זי איז געווען קלוג, דורכגעטריבן. ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן מיט איר צו רעדן.

אָבער אָט די דאָזיקע אַלע גייסטיקע מעלות אירע האָבן פאַרט נישט געקאָנט פאַרדעקן דעם פיזישן חסרון פון איר אויסקוק.

אַלס לערערין האָט מען זי אין קיין שום סקול נישט געוואָלט אָנשטעלן, ווייל ס'וואָלט פאַר איר געווען אוממעגלעך צו האַלטן דיסציפּלין אין אַ קלאַס. אויך אַלס סעקרעטאַרין האָט זי קיינער נישט געוואָלט צונעמען, ווייל ווער וויל עס אַ סעקרעטאַרין מיט אַזאַ משונהדיקער פיגור?...

נאָך לאַנגע זוכענישן איז סיידין ענדלעך געלונגען צו געפינען אַ שטעלע אין אַ יידיש־ענגלישער דרוקעריי. דער באַלעבאָס איז געווען אַן אַלטער בחור, אַ קראַנקער און אַ קאַרגער. אים איז נישט אָנגעגאַנגען ווי זיין סעק־רעטאַרין קוקט אויס, אַבי נאָר ער קאָן שפּאָרן אויף שכירות, און זי קאָן טאָן די נייטיקע אַרבעט. און אַרבעט האָט סיידי געקאָנט טאָן פאַר דריי. זי

איז דאָרט געווען די סעקרעטאַרין, די בוכהאַלטערין, און אַפילו די קאַסי־רערין.

היפשע עטלעכע יאָר האָט סיידי דאָרט געאַרבעט, ביז איר באַלעבאָס, דער אַלטער, קראַנקער בחור, איז געשטאָרבן.

צו ר׳ אריה־לייב שעוויצן האָט סיידין רעקאָמענדירט איר אָנקל, דער מוטערס ברודער, אַ פרומער ייד, וואָס איז אויך געווען איינער פון די מתפללים אין דעם חסידים־שטיבל אויף ריווינגטאָן־סטריט. סיי ר׳ אריה־לייבן און סיי זיין זון יאָסלען האָט נישט געאַרט וואָס די סעקרעטאַרין איז אַ משונהדיקע בריאה. נישט זיי האָבן געדאַרפט און נישט זיי האָבן געוואָלט אָנשטעלן אַ קאָקעטקע, אַזאַ וואָס דריט זיך אויפן קאָרעק. און זיי זענען געווען זייער צופרידן פון סיידיס אַרבעט.

מאַרווין, דער „שיפּינג קלוירק", האָט סיידין דערציילט, אַז פריער האָט דאָ דעם באָסעס טאָכטער אַליין געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרין. ער האָט זיך אַפילו באַרימט פאַר איר, אַז דער באַלעבאָס האָט זיין טאָכטער אוועקגע־שיקט פון אָפיס טאַקע צוליב „אים", מאַרווינען...

ווען מאַרווין איז אַוועק און שפּרהלע איז געקומען צוריק אַרבעטן אין אָפיס, איז ביי סיידין ס׳האַרץ שיער נישט אַרויסגעפאַלן פאַר שרעק. — זי גייט ווידער בלייבן אַן אַ שטעלע...

די ערשטע פאַר וואָכן איז אין אָפיס געווען גענוג אַרבעט פאַרביידע מיידלעך. די „מדידה" אין שאַפּ האָט צוגענומען אַ סך צייט. די מיידלעך האָבן אַפילו קיין צייט נישט געהאַט צו רעדן צווישן זיך עפּעס אַנדערש, חוץ דעם וואָס איז נוגע דער אַרבעט זייערער. זייער באַציאונג איז דערפאַר געבליבן קאַלט, פרעמד.

מיט דער צייט אָבער האָבן די צוויי מיידלעך זיך דערנענטערט, היימי־שער געוואָרן, פריינטלעכער געוואָרן, און ווי אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָבן זיי זיך גענומען רופן ביי די ערשטע נעמען.

און צוגעפירט האָט זיך אַזוי:

די מדידה אין שאַפּ איז שוין געווען פאַרענדיקט. אין אָפיס איז גראָד געווען ווייניק אַרבעט. דער טאָג איז געווען אַ הייסער. שפּרהלע האָט גענו־מען סיידין אין דראָג־סטאָר אויפן ראָג צו טרינקען אַ שאָקאָלאַד־סאָדע און זיי האָבן זיך צעשמועסט אינטים.

שפּרהלע האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן:

— איך באַוואונדער דיין טאַקט, סיידי. פון זינט מיר קענען זיך האָסטו מיך קיינמאָל נישט אַ פרעג געטאָן פאַרוואָס כ׳מוז אַרבעטן...

— כ׳ווייס נישט צי מ׳דאַרף דערצו האָבן טאַקט, שפּרהלע. ס׳וואָלט געווען זייער גראָב און נאַריש פון מיר צו קריכן יענעם אין האַרצן אַריין!

— דו האָסט דאָך געקענט אונדזער „שיפּינג קלוירק", מאַרווינען.

— געוויס.

— ע ר איז געווען די סיבה פאַרוואָס כ׳האָב געמוזט אויפהערן אַרבעטן אין אָפיס. און ע ר איז אויך די סיבה פאַרוואָס כ׳בין צוריקגעקומען ווידער אַרבעטן...

— הממם... — האָט סיידי געטאָן אַ שטילן ברום.

— עפּעס דערקען איך אין דיר, אַז דו ווייסט דערפון. זאָג מיר דעם אמת, סיידי, וואָס ווייסטו ?

— דער אמת איז, אַז מאַרווין האָט זיך אַמאָל באַרימט פאַר מיר, אַז צוליב אייער... צוליב אים...

— איך בין געווען משוגע פאַרליבט אין אָט דעם מאַרווינגען... כ׳בין געווען גרייט מיין לעבן אָפּצוגעבן פאַר אים... קאָנסט פאַרשטיין, סיידי, ווי שטאַרק כ׳בין געווען פאַרקאָכט אין אים. אַז כ׳האָב אַפילו פאַרקוקט דאָס וואָס ער איז אַ קאָמוניסט...

— ל י ב ע !...

— ווען מיין פאָטער איז דערפון געוואָר געוואָרן און מיר פאַרבאָטן צו קומען אין שאָפּ אַריין, און מיר פאַרבאָטן צו זען מאַרווינען, בין איך געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז כ׳האָב אים אָפּגענאַרט —

— און דו האָסט זיך מיט „אים" דאָך באַגעגנט ?...

— יאָ. ביי מיינער אַ טאַנטע, וועלכע וואוינט אין איין הויז מיט מאַרווינען. זי איז אויך אַן אַלטע קאָמוניסטקע... יאָ, טייערע סיידי, כ׳האָב לאַנג־לאַנג געגנאַרט מיין פאָטער, און כ׳האָב נישט געוואוסט, אַז כ׳נאַר זיך אַליין נאָכמער... ביז ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מאַרווין האָט גענומען פאָדערן פון מיר, כ׳זאָל לעבן מיט אים פרייע ליבע !... און ערשט דאַן, ווען כ׳האָב זיך קוים געראַטעוועט פון אים, האָב איך דערזען וואוהין כ׳בין פאַר־קראָכן...

— מעגסטו דאָך טאַקע זיך שעצן גליקלעך, שפּרהלע !

— אַוודאי ! נאָר וואָס זאָל איך דיר זאָגן, סיידי, טייערע ? דער קאָפּ פאַרשטייט איין זאַך, און דאָס האַרץ פילט אַ צווייטע זאַך. ס׳האַרץ, ס׳האַרץ איז נישט אַזוי גרינג צו באַרויקן... אוי, נישט גרינג !...

ב

סיידי גרין, אַ קינד פון דער פרומער ניו יאָרקער איסט־סייד, איז שוין לאַנג געווען אַ חברה פון דעם איסט־סיידער צווייג פון דער פרומער „יאַנג איזראַעל"־אָרגאַניזאַציע. און זי איז געווען איינע פון די טעטיקסטע דאָרט. זי האָט פריוויליק געהאַלטן דעם אַמט פון דער סעקרעטאַרין. די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ איז דורכגעגאַנגען דורך אירע הענט.

סיידי האָט זיך גייסטיק אויסגעלעבט אין דער דאָזיקער רעליגיעזער

יוגנט־אָרגאַניזאַציע. זי איז געווען רעליגיעז אָן שום פילאָזאָפיעס. ביי איר איז רעליגיע געווען אַזוי נאַטירלעך פאַרן גייסט, ווי שפּייז פאַרן קערפּער. זי האָט פּונקט אַזוי הנאה געהאַט פון תפילות און געזאַנגען, ווי פון מאַכלים און געטראַנקען. זי האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט אַ שבת אָדער אַ יום־טוב צו גיין דאַוונען אין דער יאַנג איזראַעל שול.

צי האָט זי אַמאָל טיף אין איר האַרצן געהאַפט צו דערגרייכן דאָרט ווען־ס׳איז אויך אַ פּערזענלעכן צוועק, ווי אַלע אַנדערע פון דער יוגנט, דאָס האָט איר האַרץ פאַר איר אַליין קיינמאָל נישט אויפגעדעקט. ס׳האָט געוויס אויפגעטליעט אַמאָל אַ פונק פון אַזאַ האָפענונג. אויף סיידין אָבער האָט מען דאָס קיינמאָל נישט דערקענט. געוואוסט האָט מען, אַז סיידי גרין האָט שטענדיק אינזינען אַנדערע, נישט זיך...

סיידי האָט אין די אַלע יאָרן, זינט זי איז טעטיק אין יאַנג איזראַעל, באַוויזן צוזאַמענפירן אַ סך בחורים און מיידלעך. אין שפּאַס האָט מען זי אפילו גערופן „גאָטס שותפטע" דערפאַר וואָס זי העלפט אים צו מזווג־זווגים זיין. און זי פלעגט אָפּט אַ זאָג טאָן אין שפּאַס, אַז איר א י י ג ע נ ע ם זווג דאַרף זי נישט גיין זוכן. אויב ער וועט זיך אַמאָל באַווייזן, וועט זי אים דערקענען אויף אַ מייל ווייט...

די ערשטע זאַך, וואָס סיידי האָט געוואָלט טאָן פאַר איר נייער חברטע שפרהלען, איז אַריינצונעמען זי אַלס מיטגליד אין דער יאַנג איזראַעל.

— שפרהלע! — האָט סיידי גענומען איר צורעדן — אַ מיידל פון דיין גראַד דאַרף באַלאַנגען דאָרט... גלייב מיר, טייערע, ס׳וועט זיך פאַר דיר עפענען אַ נייע וועלט. קום שבת צו אונדז אין שול. איך וועל דיך דאָרט באַקענען מיט אַלע חברים, ס׳אַ פריילעך יידיש לעבן דאָרט!...

שפרהלע האָט זי אויסגעהערט, צוגעשמייכלט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:
— יאָ, יאָ, כ׳וויס, ביסט גערעכט...

אָבער דערביי איז עס געבליבן. זי איז קיינמאָל אין שול נישט געקומען, און קיין מיטגליד אין יאַנג איזראַעל נישט געוואָרן. אַזוי איז אַוועק אַ שטיק צייט. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איר פריינטשאַפט מיט סיידין איז אַלץ געוואָרן שטאַרקער, האָט שפרהלע נאָך אַלץ נישט געפילט ווי צו זאָגן איר די אמתע סיבה, פאַרוואָס זי קאָן נישט קומען אין דער יאַנג איזראַעל שול דאַוונען. זי איז געווען זיכער, אַז סיידי קען זיך מיט שואליק הר־שלומען...

אַוודאי האָט סיידי געקענט שואליקן גלייך פון זיין ערשטן באַזוך אין דער יאַנג איזראַעל־שול. זי האָט נישט פאַרפעלט אַפילו איינעם פון זיינע רעדעס און „שיעורים" דאָרט. זי איז מיט אים געווען באַפריינדעט און אים געשעצט זייער הויך. סיידי האָט אויך געוואוסט וועגן שואליקס פריינטשאַפט

מיט חוהלע הערשקאָוויטש, און דערפאַר האָט זי קיינמאָל נישט פּרובירט צונויפפירן אים מיט עמיצן אַנדערש...

חוהלעס פּלוצלינגער טויט האָט סיידין שטאַרק וויי געטאָן. און נאָכ־מער האָט איר וויי געטאָן שואליקס ליידן.

ווען שואליק איז אַ פּאָר וואָכן נאָך חוהלעס טויט געקומען אין שול אַריין, און סיידי האָט דערזען ווי שטאַרק זיין פּנים איז פאַרענדערט געוואָרן, האָט ס׳האַרץ איר אַזוי פאַרקלעמט, אַז טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן ביים באַגריסן אים.

ווי איר שטייגער איז געווען, האָט סיידי גענומען טראַכטן וועגן עפּעס אַ „תכלית" פאַר שואליקן...

סיידי האָט זיך אָבער נישט געאײַלט. זי האָט שטאַרק געקליבן און געזיפצט צווישן די סאַמע שענסטע און בעסטע, דעם „בחיר" פון די חברטעס. זי האָט געוואוסט, אַז נישט גלאַט אַבי־וואָס פאַר אַ מיידל וועט קאָנען פאַר־נעמען חוהלעס פּלאַץ.

ווען זי האָט זיך אינטים באַפריינדעט מיט שפרהלען און זי שטאַרק ליב באַקומען פאַר איר גאָלדענעם כאַראַקטער און פאַר איר ערלעכקייט און פאַר איר נשמה־אידלקייט, האָט סיידי גענומען טראַכטן, אַז מ׳דאַרף שואליקן באַקענען מיט אָט דער שפרהלען.

אמת, שפרהלע איז טאַקע נישט קיין מלומדת, ווי חוהלע איז געווען. דערפאַר אָבער פאַרמאָגט זי אַזוינע טייערע מעלות, וואָס וועגן אַריבער אַלע קענטענישן אין דער וועלט. שפרהלע איז אַ גאַנץ שיין מיידל, שטאַלטנע געוואָקסן, שטיל ווי אַ טויב, קלוג, רעליגיעז, באַשיידן, און — דער עיקר — זי איז געבענטשט מיט אַזאַ גוט האַרץ, וואָס איז זעלטן אַזוינס צו געפינען.

סיידי האָט באַשלאָסן צו רעדן פריער מיט שפרהלען. זי האָט געוואַרט אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט. איינמאָל, זיצנדיק מיט שפרהלען ביים מיטאָג אין קאַפעטעריע, ווען יענע איז געווען גוט געשטימט, האָט זי גענומען רעדן מיט איר דערפון:

— שפרהלע, כ׳וואָלט געוואָלט דיך באַקענען מיט אַ זייער אינטערעסאַנטן יונגנמאַן!

— ווער איז ער?

— ער איז מיינער אַ פריינד פון יאַנג איזראַעל. ער איז נישט קיין אַמעריקאַנער.

— פונוואַנען דען איז ער?

— שטאַמען שטאַמט ער פון פּוילן, פון וואַרשע, און קומען קומט ער אַהער פון ארץ־ישראל, פון ירושלים. אַ שיינער בחור. און אַ הויך־געלערנטער.

— ווי לאַנג איז ער אין אַמעריקע?

— ס׳צווייטע יאָר.

— אַ גרינער נאָך, הייסט עס. וואָס איז זיין טועכץ דאָ?

— ער איז פון פאַך אַ טליתניק. ער אַרבעט אין אַ טליתים־שאַפּ. איינער אַ רייכער טליתים־פאַבריקאַנט האָט אים אַהער אַריבערגעבראַכט לעצטן יאָר.

— פונוואַנען קענסטו אים, סיידי?... — מאַכט שפרהלע מיט אַ פלאַטער־דיק האַרץ שוין.

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט. מיר זענען באַקאַנט פון יאַנג איזראַעל. ער איז זייער אַ חשובער חבר ביי אונדז. ער לערנט אָפט ביי אונדז אַ שיעור מיטן עולם. ער האַלט אָפט אויך אַ דרשה אין שול. אַ פאַרגעניגן צו הערן אים רעדן...

— וואָס איז זיין נאָמען?

— זיין נאָמען איז שואל הר־שלום... מיר אַלע רופן אים שואליק... אָ, ער איז אַ „דאַרלינג"!...

שפרהלע האָט געטאָן אַ ביטערן שמייכל און האָט זיך מיטאַמאָל שטאַרק פאַררויטלט.

— איך קען אָט דעם שואליקן, סיידי!

— וואָס רעדסטו? — דערפרייט זיך סיידי — ווי אַזוי קענסטו אים? ווי קומסטו צו אים?

— נישט איך בין געקומען צו אים, נאָר — ער צו מיר...

— טאַקע באמת?

— יאָ. ער איז געקומען צו אונדז אין הויז. נישט איינמאָל, נאָר צוויי מאָל!...

— איז ווי קומט ער צו אייך אין הויז, מעג איך וויסן?

— אַוודאי מעגסטו וויסן. די געשיכטע איז געווען אַזוי. דעם שואליקס באָס, מיסטער בערשאַדער, איז גראָד מיין פאָטערס בעסטער פריינד. זיי באַלאַנגען צום זעלבן חסידים־שטיבל אויף ריווינגטאָן־סטריט. ווען מיסטער בערשאַדער האָט געבראַכט שואליקן פון ירושלים, האָט ער אים מיטגענומען אין שטיבל. שואליק האָט דאָרטן געלערנט אַ שיעור, אין קבלה דאַכט מיר, און דער עולם האָט געלעקט פון אים די פינגער. ער איז מיין טאַטן גלייך אַריין מיט יידע פיס אין האַרצן אַריין, און ער האָט געבעטן מיסטער בער־שאַדערן, אַז ער זאָל אים ברענגען צו אונדז אין הויז, זיך באַקענען מיט מיר...

— נו, ווי געפעלט ער דיר?

— זייער אַ שיינער בחור... אויף זיינע קענטעגישן בין איך, פאַרשטייט זיך, אַ קליינע מבינה און קאָן קיין מיינונג נישט זאָגן... רעדן רעדט ער זייער אינטעליגענט און האַנדלען האָט ער געהאַנדלט, מוז איך דיר זאָגן, ווי אַ זייער פיינער דזשענטלמאַן!...

— דו האָסט זיך באַקענט מיט אים טאַקע זייער נאָענט, הייסט עס?

— מיר זענען „אויסגעגאַנגען" צוזאַמען בלויז איין מאָל...

— אָ! און מער, הייסט עס, האָט ער זיך שוין נישט געוויזן צו דיר?...

— כ'האָב אים אַליין געבעטן נישט צו קומען מער!

— פאַרוואָס?

— כ'בין דאָך דעמאָלט געווען פאַרקאָכט אין מאַרווינען!... — מאַכט שפּרהלע מיט אַ טיפן זיפץ. — איך האָב דעם שואליקן דערציילט דעם גאַנצן אמת וועגן מיר מיט מאַרווינען און אים געבעטן, אַז ער זאָל אונדזער ליבע נישט שטערן...

סיידי האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אָן ביים קאָפּ מיט ביידע הענט און אויס־געגרופן:

— אָ, גאָט, אַלמעכטיקער!... ס'איז גוט, וואָס כ'האָב פריער גערעדט מיט דיר, און נישט מיט שואליקן. אַ שיין פּנים וואָלט איך געהאַט ביי אים...

— יאָ, טאַקע גוט, סיידי! — טוט שפּרהלע ווידער אַ זיפץ — אָט דאָס איז דאָך די סיבה, וואָס כ'האָב נישט געקאָנט אָננעמען דיין פאַרשלאָג צו קומען אין יאַנג איזראַעל שול. כ'וואָלט זיך פּשוט געשעמט צו קוקן דעם שואליקן אין די אויגן אַריין — — —

ג

די יאַקירס האָבן שואליקן אַריינגענומען צו זיך נישט ווי מ'נעמט אַריין אַ „באָרדער", נאָר ווי אַ לייבלעכן קרוב.

עזרא האָט פון תמיד געשעצט שואליקס קענטעניש און ליב געהאַט צו פירן מיט אים היכלע שמועסן. ער האָט אָבער זעלטן געהאַט די געלעגנהייט דערפאַר. איצט, אַז ער האָט שואליקן געהאַט ביי זיך אין הויז, האָט ער זיך מיט אים שטאַרק אונטערגעהאַלטן.

עזרא האָט אויף זיין חקרנישן שטייגער זיך באַמיט צו פאַרטרייבן שואליקס טרויער.

און איבערהויפּט האָט עזראס ווייב, פּערל יאַקיר, אָנגענומען אַלערליי מיטלען אויפצומונטערן און אויפהייטערן שואליקן.

אויך ביטריס און מאַיקעל פלעגן קומען אַהין זייער אָפט צו פאַרברענ־גען מיט שואליקן און אים צעשטרייען.

ביטריס האָט געטראָגן אַ גרויסן ווייטיק אין האַרצן. זי האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז זי איז געווען די סיבה פון חוהלעס אומגליק. זי פלעגט אָפט אויסברעכן אין אַ היסטעריש געוויין: „געוואַלד, געוואַלד, ווען נישט דאָס פוטערנע זשאַקעטל, וואָלט נאָך חוהלע געווען געלעבט! געוואַלד, מאַיקעל, געוואַלד, איך אַליין האָב זי געשלעפּט צו פאַרן אָנמעסטן דאָס זשאַקעטל!"... מאַיקעל האָט שטאַרק געליטן פון ביטריסעס נערוועזע אויס־

ברוכן, און ער האָט געהאַפּט, אַז דורך די אָפטע וויזיטן צו שואליקן וועט אי ביטריס זיך באַרויקן און אי שואליקן וועט ווערן גרינגער.

פון אָנהייב זענען אָט די וויזיטן געווען שטאַרק פּיינלעך פאַר ביידע. ביטריס האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן אירע טרערן, און שואליק האָט איטלעכס מאָל, דערזעענדיק ביטריסן, זיך דערמאָנט אין דעם בילד, ווי ער האָט צום לעצטן מאָל געזען חוהלען מיט איר צוזאַמען.

מיט דער צייט אָבער האָבן דידאָזיקע וויזיטן פאַרט געווירקט צום גוטן סיי אויף ביטריסן און סיי אויף שואליקן.

סיידי גרין האָט איר פּלאַן וועגן צונויפפירן שואליקן מיט שפרהלען נישט פאַרוואָרפן. די געשיכטע, וואָס שפרהלע האָט איר דערציילט וועגן איר באַגעגעניש מיט שואליקן, האָט קיין גרויסן רושם אויף סיידין נישט געמאַכט. איר ליבע צו שפרהלען האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז יענער אינצי־דענט איז לחלוטין קיין שטער נישט.

זי האָט אָבער געוואַרט, נישט געוואָלט דערמאָנען שואליקן אַפילו אַ וואָרט דערפון ביז זי וועט נישט זען אַן איבערבייט אין זיין געמיט־צושטאַנד.

היפּשע עטלעכע וואָכן זענען אַזוי אַריבער. סיידי האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אַן אויג אויף שואליקן. ווען נאָר זי האָט אים געזען האָט זי געפאַרשט יעדע מינע זיינע, געשטודירט יעדן אויסדרוק פון זיין פּנים, יעדן קלאַנג פון זיין שטים. נאָר דעם דערוואַרטן איבערבייט אין אים האָט זי אַלץ נישט געזען.

סיידי האָט גענומען זוכן עפּעס אַ „שליסעלע", אַ נאָענטן פריינד שואליקס, מיט וועמען זיך צו באַראָטן וועגן דעם ענין, און זי האָט קיין אַנדערן נישט געקאָנט געפינען, ווי נאָר עזרא יאַקירס ווייב, פּערל. זי אַליין האָט זיך מיט פּערלען טאַקע נישט געקענט. זי האָט אָבער געהערט פון איר פאָטער וועגן דעם, ווי אַזוי די פּערל איז מיט האַרץ און זעל איבערגעגעבן דעם שואליקן.

סיידיס פאָטער, וואָלף גרין, און פּערלס מאַן, עזרא יאַקיר, זענען געווען אַלטע פריינט. ביידע הייסע ציוניסטן און העברעיסטן נאָך פון דער אַלטער היים, פלעגן זיי זיך דאָ אָפט באַגעגענען ביי פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען. וואָלף גרין פלעגט אויך אָפט קומען צו עזרא יאַקירן אין הויז צו לייען אַ העברעיש בוך, אַ זשורנאַל. געווען בלויז אַ מין קולטורעלע פריינטשאַפט צווישן די צוויי מענער. די פרויען זייערע האָבן זיך אַפילו נישט געקענט.

ווען שואליק איז געוואָרן אַ שכן ביי די יאַקירס, האָט וואָלף גרין זיך באַקענט מיט אים דאָרט אין הויז, און איז אויך געוואָר געוואָרן וועגן זיין טראַגעדיע. ווען נאָר וואָלף גרין פלעגט קומען פון דאָרט אַהיים, פלעגט ער דערציילן, ווי די יאַקירס ציטערן איבער דעם יונגנמאַן. און איבערהויפּט

פלעגט ער לויבן פערלען, ווי זי פּאַסט אויף אויף אים, ווי אַ לייבלעכע שוועסטער.

סיידי האָט דערום באַשלאָסן צו באַקענען זיך מיט דער פערלען און איר פּאַרטרויען איר פּלאַן וועגן שואליקן. זי, סיידי, זעט דאָך שואליקן בלויז איינמאָל אין וואָך, שבת אין שול, און פערל זעט אים יעדן טאָג ביי זיך אין הויז, און זי ווייסט בעסער זיין איצטיקע שטימונג און דיספּאָזיציע.

אין אַ שבתצונאַכטס האָט סיידי אָנגעקלונגען צו די יאַקירס אויפן טעלעפאָן.

— העלאָו! מיסעס יאַקיר?

— יאָ? ווער רעדט עס?

— איכ׳ל אייך באַלד זאָגן ווער ס׳רעדט, אָבער איר טאָרט מיין נאָמען נישט דערמאָנען!

— אָלרייט. ניין איז ניין!...

— דאָס רעדט סיידי גרין, מיסטער וואָלף גרינס טאָכטער!

— אָ, פיין! זייער אָנגענעם! אויפן נאָמען קען איך אייך גוט. כ׳האָב אָבער ליידער נישט געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו קענען אייך פּערזענלעך...

— קיין סך האָט איר דערמיט נישט פאַרלוירן, מיסעס יאַקיר! — לאַכט סיידי אין טעלעפאָן־רערל אַריין, — סיווי נישטאָ וועמען צו קענען... כע־כע...

— שוין דווקא יאָ דאָ! כ׳האָב וועגן אייך געהערט זייער אַ סך, מיס ע...

— מאַכט פערל און פאַרכאַפּט זיך באַלד.

— וועגן אייך האָב איך נאָכמער געהערט, מיסעס יאַקיר! כ׳ווייס, אַז איר זענט געװנוג קלוג און אינטעליגענט, און איר וועט זיך נישט באַליידיקן, ווען איך וועל אייך בעטן מ י ך אויסצוהערן, און אַליין נישט ענטפערן מער ווי אַ וואָרט אָדער צוויי.

— פיין! אָלרייט!

— איך בין דאָך אויך אַ פרוי, און פרויאישער נייגיר איז מיר גוט באַקאַנט, כע־כע... — לאַכט ווידער סיידי אַריין אין טעלעפאָן־רערל — איז כדי צו שטילן עטוואָס די נייגעריקייט אייערע וועל איך אייך זאָגן אין קורצן, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן אייער „באָרדער" שואליק הר־שלום!

— הממם?...

— מירביידע זענען שוין אַלטע באַקאַנטע. מיר זענען באַפריינדעט פון דער ערשטער וואָך, וואָס שואליק איז געוואָרן אַ חבר פון יאַנג איזראַעל. איך ווייס אַלץ וואָס ס׳האָט מיט אים פאַסירט די לעצטע צייט, וואָס פאַר אַ גרויסע טראַגעדיע ער האָט דורכגעלעבט, און ווי שטאַרק ער ליידט, איך אַליין קאָן אָבער דערוויל מיט אים נישט רעדן... כ׳מוז האָבן אייער קאָאָפּעראַציע דערצו...

פערל יאַקיר איז געבליבן געפּלעפט, דערהערנדיק די לעצטע ווערטער. ביי איר איז קיין ספק נישט געווען איצט, אַז די סיידי גרין שדכנט זיך צו דעם שואליקן... זי איז ממש געבליבן אָן ווערטער. אַ פּאַטעפּאַלנעקייט פון אַ מיידל אַליין אָנצוזבאָטן איר, פּערלען, צו העלפן איר אַריינצוכאַפּן דעם שואליקן... זי זאָל אַפילו זיין די גרעסטע יפת־תואר, איז עס אויך צו־געוואגט פאַר איר. ווער שמועסט, אַז די סיידי, לויט ווי זי האָט וועגן איר געהערט, איז עפּעס גאָר אַ פּאַרזעניש, און איז גאָר אַ סך עלטער פון שואליקן. וואָס איז דאָס פאַר אַ טעאַטער־שפּיל? און ווי קאָן זי, פּערל, אויף זיך נעמען שפּילן אַ ראָלע אין אָט דער קאָמעדיע?...

— איר הערט מיך, מיסעס יאַקיר?... — פרעגט סיידי.

— געוויס הער איך! — מאַכט פּערל שטאַרק צערודערט.

— איז קאָן איך מאַכן מיט אייך אַ באַשטעלונג צו באַגעגענען זיך מאָרגן, זונטיק אָוונט, אין סואָרד־פּאַרקל, לעבן דער לייברערי, מיסעס יאַקיר?

— כ'מיין ע... ע...

— פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָב איך אייך געגעבן בלויז אַן אָנוואונק. די איינצלהייטן וועלן מיר רעדן מאָרגן. פאַראַן נאָך אַ סך צו דערציילן... דערווייל — אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

ווען פּערל יאַקיר האָט אויף מאָרגן צו דער באַשטימטער צייט דערזען פונוויטן די סיידין אָנקומען אין סואָרד־פּאַרקל, האָט ביי איר ס'האַרץ גענו־מען פלאַטערן פאַר שרעק. סיידיס געשטאַלט, איר קורצער־גראָבער קערפּער מיטן קליינעם קעפּעלע, האָט פּערלען דערמאָנט אין אַ משונהדיקן בלייענעם שפּילצייג, וואָס מ'פּלעגט פאַרקויפן אויף די יאַרידים אין דער אַלטער היים — אַ דיק קאַרליקל, ווי אַ פּעסעלע, מיט אַ קליין־פּיצל קעפּעלע, וואָס מ'פּלעגט דאָרט רופן „וואַנקאַ ווסטאַנקאַ", דערפאַר וואָס ס'האָט קיינמאָל נישט געקאָנט ליגן, נאָר בלויז שטיין... זי האָט אויף דער סיידין אויסגע־סטאַרטשעט די אויגן מיט שרעק און האָט אַ טראַכט געטאָן: ווי אַזוי דרייט מען זיך אַרויס פון אָט דער פאַרזעניש?...

די ביידע פרויען האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק אונטער אַ בוים, און סיידי האָט אין קורצן דערציילט וועגן איר טעטיקייט אין יאַנג איזראַעל, און כאַראַקטעריזירט איר נשמה־דראַנג צונויפצופירן שידוכים, פאַר וועלכן מ'רופט זי „גאָטס שותּפטע"... זי האָט דערציילט וועגן שפּרהלע שעוויץ מיט איר ליבע, ווי אַזוי שפּרהלעס פאָטער האָט געוואָלט שואליקן פאַר אַ חתן, איז געווען גרייט אים אָפּצוגילטן, און ווי שפּרהלע האָט אים אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת, אַז זי איז פאַרליבט אין זייער „שיפּינג קלוירק" און אים געבעטן נישט צו שטערן זייער ליבע, און ווי פון יענער ליבע האָט זיך אויס־

געלאָזט אַ בוידעם... זי האָט אָפּגעלויבט די שפּרהלען אין הימל אַריין, פאַר־זיכערט פּערלען, אַז די שפּרהלע וועט זיין אַ גליק פאַר שואליקן, און זי, סיידי, האָט דערפאַר באַשלאָסן זיי צונויפצופירן נאָכאַמאָל. דאָס איז ביי איר די גרעסטע אַמביציע... דער איינציקער אָפּהאַלט איז דאָס, וואָס זי וואַרט ביז שואליק וועט זיך באַרויקן און זיין אימשטאַנד צו לאָזן זיך רעדן... און סיידי האָט פאַרענדיקט:

— איר, מיסעס יאַקיר, קאָנט דאָ אַ סך העלפן... איר זענט די איינציקע פּרוי, וואָס פאַסט־אויף אויף שואליקן, זעט אים אָפט, רעדט מיט אים אָפט, און נאָר איר קאָנט וויסן זיין געמיט־צושטאַנד. און ווען איר וועט מיר זאָגן, אַז ס׳איז צייט צו רעדן מיט אים, קאָן איך זיך אויף אייך פאַרלאָזן...

פּערל האָט ממש געשלונגען סיידיס קלוגע און געטאָקטע ווערטער. זי האָט געקוקט אויף דער ליבער, גוטהאַרציקער מיידל מיט באַוואונדערונג. געפילט ווי אַרומצוכאַפּן די סיידין און אויסקושן אירע ליפּן.

— איז וואָס זאָגט איר, מיסעס יאַקיר?

— כ׳קאָן אייך זאָגן אַט־וואָס, טייערע, ליבע סיידי! — מאַכט פּערל אַ באַגייסטערטע — איך קען נישט די שפּרהלען. כ׳וויס נישט צי זי איז ווערט צו פאַרנעמען יענער חוהלעס פּלאַץ. כ׳וויס נאָר איין זאַך איצט, מיס גרין טייערע, אַז כ׳מעג האָבן גרויס צוטרוי צו אייך און צו אייער מיינונג... מיט מיין גאַנצן האַרצן בין איך גרייט מיטצוהעלפן אייך דורכצופירן אָט דעם גוטן, נאָבעלן פּלאַן אייערן!...

קאַפּיטל צוויי

א

שואליק איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַ באַטריבטער. זיין גייסט איז נאָך אַלץ געבליבן איינגעהילט אין אומעט.

אין שאַפּ, ווען ער איז געווען פאַרטאָן און פאַרהאָוועט, אָדער צווישן מענטשן, ווען ער האָט זיך פאַררעדט און פאַרשמועסט, האָט ער זיך צומאָל פאַרגעסן; ווי נאָר, אָבער, ער איז געבליבן מיט זיך אַליין, איז באַלד חוהלע ווידער אים אַרויפגעשוואומען אויפן געדאַנק.

איבערהויפּט האָבן שרעק־חלומות, קאָשמאַרן, אים געמאַטערט ביינאַכט. ווי נאָר ער האָט געגומען איינדרימלען, אַזוי האָט חוהלע באַלד זיך באַוויזן צו אים. און באַוויזן האָט זי זיך אַלעמאָל אין אַן אַנדער געשטאַלט. אַמאָל איז זי געקומען אין איר בלוי־אַטלעסענעם שלאַפראָק, וועלכער האָט איר תמיד אַזוי שטאַרק געפּאַסט. די האָר פאַרקעמט אַרויף־צו און בלויז געלאָזט אַן אומשולדיק לאָקעלע זיך באַמבלען אויפן שטערן, וואָס פּלעגט איר תמיד

צוגעבן אַזויפיל חן. דאָס פּנימל צעשײַנט, און די אײגעלעך צעבליצט. זי האָט גענומען פילאָזאָפירן װעגן אמונה, און תוך־כדי־דיבור זיך צעשטיפט, געכאַפּט אים קושן הײס, גלוסטיק און איז מיט אַ גרילצנדיקן יאָמער־געשרײ פאַרשװאונדן אין בלויען הימל אַרײַן... און — אַמאָל האָט ער זי דערזען װי זי גליטשט זיך אַרײַן צו אים אין צימער אין אַ װײס־אַטלעסענעם חופּה־קלייד מיט אַ לאַנגן שלעפּ, מיט אַ װײס־טיולענעם כלה־שלײער, און אירע בעקלעך זענען צעפלאַקערט, און אירע אויגן שיסן מיט תאווה־פונקען, זי נעמט אים האַלדזן, זי פליסטערט זיס: „קום צו מיר, מײַן ליבער שואליק! מײַן האַרץ גייט אויס צו דיר!" זי ברענגט אים אַרײַן אין איר צימער און — ער דערזעט, אַז איר בעט איז אַ פינצטערער גרוב...

פון אָט דידאָזיקע חלומות האָט ער זיך איטלעכס מאָל אויפגעכאַפּט מיט שרעק און ציטער און זיך לאַנג־לאַנג נישט געקאָנט באַרויקן.

אין הויז האָט שואליק קײנמאָל נישט דערמאָנט אַ װאָרט װעגן אָט די בײזע חלומות זײַנע, און װעגן די גײסטיקע מאַטערנישן, װאָס ער לעבט איבער צוליב זײ. פאַרקערט, פאַר עזראן און פאַר פערלען האָט ער זיך גענויט צו װײַזן אַ שמײכל. אָבער אין האַרצן האָט ער שטאַרק געליטן. אָפט־מאָל איז עס אים אַזוי דערגאַנגען צום האַרצן, אַז ער האָט גאַנצפרי בײַם דאַװענען זיך געמוזט גוט־גוט אויסװײנען שטילערהײט. זײַנע מאַטערנישן זענען געװאָרן נישט איבערצוטראָגן מער.

שואליק האָט באַשלאָסן בײַ זיך צו פאַרלאָזן אַמעריקע. װאָס גיכער אַװעק פונדאַנען. ער האָט געהאָפט, אַז װען ער װעט זײַן װײַט פון דעם „אומגליק־פּלאַץ", װעט אפשר דאָס אומגליק װערן װײַט פון זײַן האַרצן. אין ארץ־ישראל װעלן די נײַע איבערלעבונגען אים אפשר מאַכן פאַרגעסן די אַלטע. אַװדאי טוט אים װײ אָפּצוזאָגן זיך פון אַזאַ גוטער שטעלע מיט אַזױנע גוטע שכירות דאָ. אָבער דאָס לעבן זײַנס דאָ איז אים געװאָרן ממש אומ־דערטרעגלעך.

צוויי פליכטן האָבן אים, אָבער, אָפּגעהאַלטן אויף אַ שטיקל צײַט. אײן פליכט — צו זײַן בײַ דער פײַערונג פון אַרײַנגעבן אַ ספר־תורה אין בית־מדרש הגדול אויף הוהלעס גאַמען. און אַ צװײטע פליכט — צו באַטײליקן זיך אין דעם יערלעכן צוזאַמענפאָר פון דער יאַנג־איזראַעל־אָרגאַניזאַציע און, אויף דער בקשה פון די חברים, האַלטן דאָרט אַ רעפעראַט אויף דער טעמע „רעליגיע אין ליכט פון װיסנשאַפט".

דעם ספר־תורה האָבן געזאָלט אַרײַנגעבן הוהלעס עלטערן. דער איני־ציאַטאָר דערפון איז טאַקע געװען שואליק.

געשען איז עס אַזוי:

אין משך פון דער צײַט, װאָס שואליק איז נאָך פאַרבליבן װאױנען בײַ הוהלעס עלטערן אין הויז, האָט ער נישט פאַרפעלט קײן אײן געלעגנהײט צו

טרייסטן זיי און צו פאַרגרינגערן זייער ווייטיק ווי ווייט מעגלעך. ווי שווער זיין אייגענער טרויער האָט אים נישט געדריקט אויפן הארצן, האָט ער זיך געשטאַרקט און געטרייסט די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע חוהלעס.

שואליק האָט אויך געהאַט ביי זיך אין קעשענע חוהלעס אַ היפּשע ירושה.

די ירושה איז באַשטאַנען פון אַ באַנק־ביכל אויף אַ סומע פון איבער צוויי טויזנט דאָלאַר אויף שואליקס און חוהלעס נעמען. חוהלע האָט פון איר אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל אַראָפּגענומען צו באַצאָלן אַלע הוצאות פון דער חתונה, און דעם נשאר, פיר־און־צוואַנציק הונדערט דאָלאַר, האָט זי איבער־געשריבן אין באַנק אויף זייער ביידנס נעמען. די סומע האָט זי געהאַלטן פאַר זייער נסיעה קיין ארץ־ישראל און צוריק.

דאָסדאָזיקע באַנק־ביכל האָט שואליק געבריט אין קעשענע. דאָס געלט איז דאָך נישט זיינס. ער מוז עס וואָס גיכער אָפּגעבן חוהלעס עלטערן. ער האָט עס אָבער נישט געקאָנט טאָן אין די טרויער־טעג פון זייער „שבעה". ער האָט גוט געוואוסט ווי טראַגיש דאָס וועט ווירקן אויף זיי. ער האָט דערום אָפּגעלייגט פון טאָג אויף טאָג, געוואַרט אויף דער ריכטיקער געלעגנהייט.

און די געלעגנהייט איז געקומען ערשט אויף דער דריטער וואָך נאָך „שבעה". אין אַן אָוונט נאָך וועטשערע, באַלד נאָכן אָפּבענטשן, האָט כאַנציע אַ פרעג געטאָן שואליקן:

— שואליק, דו האָסט אפשר באַהאַלטן די צייטונג, אין וועלכער ס'זענען געדרוקט געווען די „אַנאָנסן" וועגן חוהלעס לוויה? איך וואָלט די צייטונג געוואָלט האָבן אַלס אָנדענק!...

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס שואליק האָט געהערט פון דער אומגליקלעכער מוטער דערמאָנען חוהלעס נאָמען און זיך נישט צעוויינט דערביי. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז אפשר דער ריכטיקער מאָמענט, אויף וועלכן ער האָט געוואַרט. און ער האָט געענטפערט:

— די צייטונג? געוויס האָב איך זי באַהאַלטן! אָט וועל איך זי אייך גלייך אַריינברענגען!...

שואליק האָט זיך אויפגעהויבן, אַוועק אין זיין צימער, און באַלד געקו־מען צוריק מיט דער צייטונג און זי אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

כאַנציע און אויך ר' שמואל־הערש האָבן זיך צוגעבויגן צום טיש, גענו־מען אַריינקוקן אין די אַנאָנסן, און אָבלדיק געשאָקלט מיט די קעפּ, ווי איינער רעדט: אָט וואָס ס'איז געבליבן פון אונדזער טייערער חוהלען...

— איך האָב נאָך עפּעס פאַר אייך... — זאָגט שואליק געלאַסן און זיין האַרץ פּלאָטערט אים שטאַרק.

— וואָס נאָך? — פרעגט כאַנציע.

— אַט־אָ־דאָס באַנק־ביכל!... — שלעפּט עס שואליק אַרויס פון זיין בוזעם־קעשענע און דערלאַנגט עס איר מיט אַ ציטערדיקער האַנט.

כאַנציע האָט גענומען ס׳ביכל, אַ קוק געטאָן אינעווייניק מיט טרויעריקער גלייכגילטיקייט, מיט פאַרגאָסענע אויגן שוין, איבערגעגעבן עס איר מאַן, און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין:

— חוהלעס ירושה! ווי דער מאַמען אירער!... חוהלע, נשמה מיינע טייערע, אַנשטאָט מיר זאָלן דיר לאָזן ירושה, האָסטו אונדז געלאָזט ירושה!! חוהלע... חוהלע...

די דאָזיקע טראַגישע סצענע האָט ביי די אָרעמע טאַטע־מאַמע באַנייס אויפגעעפנט זייער טיפע וואונד, וואָס האָט קוים באַוויזן צו פאַרצויגן ווערן מיט אַ דין־דין הייטעלע.ביידע האָבן דאָס באַנק־ביכל באַגאָסן מיט טרערן. שואליק האָט מיטגעוויינט מיט זיי.

אַ ווייל זענען אַלע דריי ביים טיש געבליבן שטום, קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן. דער ערשטער, וואָס האָט די טרויעריקע שטילשווייגעניש איבערגעריסן, איז דווקא איצט געווען דער תמיד־שווייגנדיקער ר׳ שמואל־הערש. ער האָט איבערגעלייענט די נעמען אויפן ערשטן בלעטל פונעם ביכל און אַ זאָג געטאָן צו שואליקן:

— דאָס באַנק־ביכל איז אויף אייערע ביידנס נעמען, איז דאָך געוויס האַלב פון דעם געלט דיינס!... סאיז דאָך אַ שותפותדיק ביכל!...

— ניין, ניין, ר׳ שמואל־הערש! — האָט זיך שואליק אַ כאַפּ געטאָן — כ׳האָב דאָ גאָרנישט!...

— וואָס הייסט גאָרנישט? ס׳קאָן דאָך נישט זיין... עפּעס מוז דאָך זיין דיינס...

— עס איז אינגאַנצן חוהלעס געלט!... אַפילו איין פּרוטה דערפון איז נישט מיינע!... און חוהלעס ערלעך־פאַרהאָרעוועט געלט איז הייליק!... קיינער, חוץ אייך, טאָר פון אָט דעם דאָזיקן געלט קיין הנאה נישט האָבן! — האָט שואליק, וואָרגנדיק זיך מיט קנוילן אין האַלדז און קעמפנדיק מיט טרערן אין די אויגן, אויסגערופן.

— הנאה האָבן... — חזרט כאַנציע איבער שואליקס אויסדרוק און צעוויינט זיך ווידער, — אַז אָך־און־ווי צו דער הנאה, וואָס מיר קאָנען שוין האָבן פון אָט דעם געלט!... ניין. חוהלעס געלט דאַרף פאַרנוצט ווערן אויף צו פאַראייביקן איר טייערן נאָמען!...

— ס׳געלט איז אין אייער רשות, איר קאָנט טאָן דערמיט וואָס איר ווילט!... — זאָגט שואליק.

— האַ? וואָס האָסטו געזאָגט, כאַנציע? — שטעלט־צו ר׳ שמואל־הערש זיין רעכטע האַנט ווי אַ רערל צום אויער — כ׳האָב נישט געהערט...

— כ׳האָב געזאָגט אַז חוהלעס פאַריתומט געלט דאַרף פאַרנוצט ווערן

אויף צו פאַראייביקן איר נאָמען!... — שרייט כאַנציע צו איר מאַן אין אויער אַריין.

— אמת. טאַקע געטראָפן!... — שאָקלט-צו ר׳ שמואל-הערש מיטן קאָפּ.

— וואָס, אַ שטייגער, וואָלסטו אונדז געעצהט צו טאָן, שואליק טייערער? וואָס פאַר אַן אָנדענק קאָנען מיר מאַכן פאַר איר ליבן נאָמען, האַ?... — פרעגט כאַנציע.

שואליק האָט צוגעשלאָסן די אויגן, נאָכגעטראַכט אַ ווייל, און געענטפערט:

— איך וואָלט געזאָגט, אַז איר זאָלט אַריינגעבן אַ ספר-תורה אין בית-מדרש הגדול, וואו איר ביידע דאַוונט, און וואו חוהלע אַליין האָט אויך געדאַוונט דאָרט לעצטן ראש-השנה און יום-כיפור! חוהלע האָט ליב געהאַט די תורה, איז זאָל די תורה זיין איר אייביקער אָנדענק!...

— אַ גוט לעבן אויף דיר, שואליק! אַ טייערער געדאַנק! אַ טייערער אָנדענק טאַקע נאָך חוהלען!... — האָט כאַנציע זיך גלייך אָנגעכאַפּט אין אָט דעם פאָרשלאָג, און מיט טרערן אַריינגעשריגן איר מאַן אין אויער שואליקס ווערטער — וואָס זאָגסטו דערויף, שמואל-הערש, האַ?...

— כ׳בין מסכים דערצו מיטן גאַנצן האַרצן! אַ ספר-תורה וועט זיין אַ גוטער „קדיש" נאָך חוהלען... — האָט ר׳ שמואל-הערש באַוואויגן מיט זיינע דיקע-פליישיקע ליפּן, ווי צום צעוויינען זיך.

דער טאָג פון געבן דאָס ספר איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם פופצנטן טאָג אין אָב. אַ סימבאָליש-היסטאָרישער טאָג לויטן תלמוד...

אויך דער יערלעכער צוזאַמענפאָר פון דער יאָנג איזראַעל-אָרגאַניזאַציע האָט באַדאַרפט פאָרקומען אין סוף פון דערזעלבער וואָך אין אַטלאַנטיק-סיטי.

אָט דידאָזיקע צוויי פליכטן — צו חוהלען און צום יאָנג איזראַעל — האָט שואליק געוואָלט דערפילן איידער ער פאָרט-אָפּ פון אַמעריקע צוריק קיין ארץ-ישראל.

ב

פאַראַן פאַלן און סיטואַציעס אין מענטשס לעבן, וואָס רופן ביי אים אַרויס פאַרשידענע קרעפטן און טאַלאַנטן, וועגן וועלכע ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געדאַכט. יאָרן-לאַנג קאָנען כוחות און פעיקייטן ליגן איינגעשלאָפן אין די טיפע-טיפענישן פון אַ מענטש, און נאָר אַ שטויס פון אַן אויסערגעוויינלעכער לאַגע קאָן זיי אויפוועקן.

שפרהלע שעוויץ האָט זיך תמיד אַליין געהאַלטן אַלס אַ מיטלמעסיקע בריאה. און דאָס איז טאַקע געווען די הויפּט-סיבה פון איר פאַרליבעניש אין דעם מאַרווינען. זי האָט אין מאַרווינען געזען אַ פּאַסנדע פּאָר צו זיך

דערפאַר וואָס ער, פונקט אַזוי ווי זי אַליין, איז אויך געווען אַ מיטלמעסיקע בריאה — אַ פּשוטער, שיינער בחור, אַ פּראָסטער אַרבעטער. זי אַליין קאָן נישט און וויל נישט פליען אין דער לופטן, און מאַרווין — אויך נישט.

מאַרווינס שפּעטערדיקע אַמביציע צו לערנען אויף לאָיער האָט זי שטאַרק דערשטוינט, און זי אַרויסגעשלאָגן פון איר גלייכגעוויכט. דאָס איז פאַר איר געווען אַן אומגעריכטער „קלאַפּ". ע ר גייט ווערן אַ לאָיער. און — ז י וואָס? ער גייט ווערן אַן אַנדערער, און — זי דיזעלבע? אָפּצורעדן אים דערפון האָט זי נישט געוואָלט — ס'איז געווען אין סאַמע בלי פון איר ליבע. לאָזן עס גיין ווי ס'איז האָט זי מורא געהאַט — ס'קאָן זיך שפּעטער אויסלאָזן שלעכט. און — זי האָט מיטאַמאָל דערפילט אין זיך אַן אומגע־הייערע טרייבקראַפט, וואָס האָט גענומען פליסן אין איר מוח און אין אַלע אָדערן פון איר קערפּער. עפּעס אַן אינעווייניקסטע שטים האָט אין איר געשריגן: דו טאָרסט נישט בלייבן הינטערשטעליק!...

שפּרהלע האָט גלייך גענומען אויפּפּאַסן אויף איר פיזישן אויסזען און, נאָכמער, אויף איר גייסטיקער אַנטוויקלונג. זי האָט גענומען לייענען בעסערע ביכער, ערנסטערע ליטעראַטור צו פאַרגרעסערן איר וויסן, צו פאַרשענערן איר שפּראַך.

דאָס איז געווען דער ערשטער שטויס אין איר לעבן, וואָס האָט ביי איר אויפגעוועקט אַ דענקונגס־קראַפט, וואָס זי האָט ביז דאַן נישט געוואוסט פון איר.

דער צווייטער שטויס איז צו איר געקומען שוין אין שייכות מיט שואליקן.

ווען שואליקן האָט שפּרהלע אַנגעהויבן טראַכטן ווען איר נייע חברטע, סיידי גרין, האָט מיט איר פאַרפירט דעם שמועס וועגן אים. פון דעמאָלט אָן האָט שואליק איר נישט געקאָנט אַרויס פון זינען. שואליקס בילד איז געשטאַנען פאַר שפּרהלעס אויגן אין אַ מין צויבער־הילע, וואָס האָט שואליקן געמאַכט פאַר אַ זעלטן־וואונדערלעכער פערזענלעכקייט...

שפּרהלע האָט זיך אויפגעגעסן אַ לעבעדיקע, וואָס זי האָט אַזאַ בריליאַנ־טענעם יונגנמאַן פאַרשפּילט.

שפּרהלע האָט נישט געוואוסט, אַז סיידי האָט נאָך אַלץ איר געדאַנק נישט אָפּגעלאָזט און זי האַלט נאָך אַלץ אין מאַכן פּלענער צו רעדן מיט שואליקן.

סיידי און שפּרהלע האָבן איינער פאַר דער אַנדערער באַהאַלטן דעם אמת.ביידע האָבן סודותדיק געשוויגן. סיידי — מיט האָפענונג און דער־וואַרטונג, און שפּרהלע — מיט פאַרדראָס און ווייטיק.

נאָר ווען סיידי איז געוואָר געוואָרן וועגן שואליקס באַשלוס אָפּצופאָרן אינגיכן פון אַמעריקע, און זי האָט דאָס דערציילט שפּרהלען מיט גרויס באַדויערונג, האָט זיך ביי שפּרהלען מאָמענטאַל דערוועקט אַזאַ מין ברענענ־

דיקע אַמביציע, אַזאַ מין גערוואַלדיק־שטאַרקע ווילנסקראַפט, אַז זי האָט זיך געוואונדערט אויף זיך אַליין, ווי אַזוי דאָס קומט צו איר.

שפּרהלע האָט גלייך אָפּגעמאַכט ביי זיך אין האַרצן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל — זי מוז איר אַמביציע אויספירן פאַר יעדן פּרייז! זי וועט זיך פאַר גאָרנישט אָפּשטעלן!... זי מוז „פּרובירן" מיט דעם שואליקן נאָכ־אַמאָל!...

שפּרהלע האָט פאַרבעטן סיידין צו פאָרן מיט איר אין אַ זונטיק נאָכ־מיטאָג קיין ברוקלין אין דעם באָטאַנישן גאָרטן, און דאָרטן, זיצנדיק אין אַן אָפּגעזונדערט ווינקל, האָט זי פאַר איר אויפגעעפנט ס'האַרץ:

— סיידי טייערע, כ'מוז דיר אויסזאָגן אַ סוד, וואָס כ'וואָלט פאַר מיין אייגענער מאַמע נישט אַנטפּלעקט.

— אויב דו האָסט דעם סוד פאַרהוילן פון מיר ביז איצט, שפּרהלע טייערע, איז אפשר דאַרף איך אים אַצינד אויך נישט וויסן? באַטראַכט זיך גוט איידער דו דערציילסט...

— כ'האָב זיך שוין באַטראַכט, איידער כ'האָב דיך גענומען אַהער. לענגער האַלטן דעם סוד ביי זיך קאָן איך נישט און טאָר נישט. ס'קאָן ווערן צו־שפּעט...

— גאָט איז מיט דיר, שפּרהלע טייערע! דו שרעקסט מיך! וואָס איז געשען?...

באַרויק זיך, סיידי טייערע, נישטאָ פאַרוואָס זיך צו שרעקן. דער סוד איז דאָס, וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן שואליקן...

— דו מיינסט דאָס, וואָס ער האָט באַשלאָסן אָפּצופאָרן פון אַמעריקע?

— יאָ! דו מוזט וויסן דעם אמת, טייערע!... איך גאַר נאָך דעם שואליקן...

סיידי האָט אַ לאַנגע ווייל געהאַלטן אירע בליקן אויף שפּרהלען, מיט גרויס באַדויערונג געשוויגן, געטראַכט וואָס איר צו זאָגן און ווי אַזוי איר צו זאָגן, אַז ס'זאָל איר נישט ווי טאָן שטאַרק. זי האָט געזאָגט מיט אַ האַלבן שמייכל:

— שפּרהלע טייערע! אין אונדזער אַלעמענס לעבן טרעפט אָפטמאָל, אַז וואָס מיר האָבן — ווילן מיר נישט, און וואָס מיר ווילן — האָבן מיר נישט...

— דו מיינסט צו זאָגן, אַז מיט דעם שואליקן איז אַ פּוסטער חלום, האָ?...

— נישט איך מיין אַזוי, נאָר, צום באַדויערן, איז עס אַ פאַקט. שואליק וועט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אָפּפאָרן צוריק קיין ארץ־ישראל. דאָס איז באַשטימט...

— זאָג מיר דעם אמת, סיידי. האָסטו מיט אים גערעדט?

— וועגן דיר, מיינסטו?

— יאָ... שעם זיך נישט, זאָג מיר דעם אמת. ער האָט מסתמא אַפּילו נישט געוואָלט הערן וועגן מיר...

— ניין. כ׳האָב מיט שואליקן נישט געקאָנט רעדן. דאָס איז דער ריינער אמת.

— האָסט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אומזיסט דאָס רעדן. נישט אַזוי?

— ניין! נישט דאָס! כ׳האָב אַלץ געוואַרט צו טרעפן אים אין אַזאַ געמיט־צושטאַנד, ווען ער וועט זיך לאָזן רעדן... כ׳קאָן דיר זאָגן, אַז כ׳האָב אַפילו צוגעצויגן אַלס מיטהעלפערין די מיסעס יאַקיר, ביי וועמען שואַליק קוואַרטירט איצט. זי איז זייער אַ קלוגע פרוי. זי און איר מאַן, עזרא יאַקיר, זענען איבערגעגעבן צו שואליקן ווי אייגענע שוועסטער־און־ברודער. זיי רעדן מיט שואליקן אָפטער, פאַרשטייט זיך. און זיי קאָנען בעסער וויסן ווי ער פילט זיך און אין וואָסער אַ שטימונג ער איז. און איך האָב אָפּגעמאַכט מיט דער מיסעס יאַקיר, אַז זי זאָל אים צוגרייטן דערצו, און דאַן וועל איך אים נעמען אין מיינע הענט אַריין... אָבער — איצט איז שוין נישטאָ פון וואָס צו רעדן סייווי. ער וויל נאָר איבערוואַרטן ביז חוהלעס עלטערן וועלן אַריינגעבן אַ ספר־תורה אויף איר נאָמען און ביז נאָך דער קאָנפערענץ פון יאַנג איזראַעל, וואָס דאַרף פאַרקומען אין אַטלאַנטיק־סיטי. ער וועט דאָ לענגער נישט פאַרבלייבן אַפּילו אויף איין טאָג.

— פונדעסטוועגן וואָלט איך פאַרט געוואָלט אים זען. ס׳קאָן זיין, אַז בלויז מיין פאַנטאַזיע רייצט מיך אַזוי שטאַרק... מעגלעך, אַז ווען כ׳וועל אים זען, וועט דער חלום אינגאַנצן אויסרינען... ווי אַזוי קאָן מען דאָס דורכפירן, סיידי?

— דאָס איז נישט שווער דורכצופירן, שפרהלע. זען קאָנסטו אים ווען דו ווילסט נאָר אַליין.

— דו מיינסט, שבת אין דער יאַנג איזראַעל־שול? אַהין וועל איך נישט גיין, ווייסטו דאָך. איך וויל אים זען אַזוי, אַז ער מיך זאָל נישט קאָנען זען!...

סיידי האָט אַ טראַכט געטאָן אַ וויילע, און זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן, צעלאַכנדיק זיך, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט.

— וואָס איז דער מער מיט מיין מוח? ס׳איז דאָך דאָ אַ בעסער׳ער פּלאַן. אַ טייערע געלעגנהייט, גלייך ווי ספּעציעל צוגעטראַכט. דו קאָנסט דאָך גיין מיט מיר ווען מ׳וועט אַריינגעבן דאָס ספר־תורה. אין שול מוזן די פרויען דאַן קומען מיט צוגעדעקטע קעפּ. דו וועסט זיך אויך צודעקן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל, קיינער וועט דיך נישט דערקענען...

— טאַקע אַ גוטער פּלאַן! — מאַכט שפרהלע דערמוטיקט. — ווען וועט זיין די פייערונג, סיידי?

— דאָס וועט זיין דעם פופצנטן טאָג אין אָב !... עס וועט אויספאַלן דינסטיק אָוונט, דעם צוואַנציקסטן אויגוסט !

— גוט ! אויסגעצייכנט ! עקסעלענט ! — מאַכט שפּרהלע אַ באַגייס־טערטע — יאָ, אַזוי בלייבט עס !...

ג

דינסטיק, דער פופצנטער טאָג אין אָב, איז אָנגעקומען אַ פאַרנעפּלטער, אַ פאַרכמאַרעטער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער רעגן הענגט אין דער לופטן.

דער טאָג האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן צו זיין אַ שיינער, און דער אָוונט נאָך שענער.

באַלד נאָך מעריב איז שואליק אַוועק צו די הערשקאָוויטשעס, וועלכע האָבן איצט געוואוינט אויף אַטאַירגי־סטריט. ער האָט געוואוסט, אַז אָן אים וועלן זיי זיין ווי פאַרלוירן.

דער עולם האָט טאַקע באַלד גענומען אָנקומען. מ׳האָט געוואָרט אינ־דרויסן פאַרן הויז. קיין קלעזמער האָט מען פאַר אָט דער פייערונג נישט באַשטעלט, ווי מ׳טוט עס ביי אַנדערע אַזעלכע פייערונגען. צוליב דער אבלות האָבן חוהלעס עלטערן נישט געטאָרט הערן קיין מוזיק איידער דאָס יאָר ענדיקט זיך. דער עולם אינדרויסן איז געשטאַנען שטיל, ווי מ׳וואָלט געוואָרט פאַר אַ לוויה.

ווי נאָר דער רב פון דעם בית־מדרש הגדול איז אָנגעקומען, האָט זיך ז׳ער פּאַראַד אָנגעהויבן.

לעבן הויז האָבן פיר פון די עלטערע חברים־אַרבעטער פון „הייליקן שאַפּ״ געהאַלטן די פיר שטאַנגען פון דער חופה. ר׳ שמואל־הערש, חוהלעס פאָטער, אין זיין שבתדיקן סורדוט מיטן שוואַרץ־פּליושענעם קאַפּעליוש, האָט אַרויסגעטראָגן דעם ספר־תורה, אין אַ בלוי־סאַמעטענעם מאַנטעלע מיט שיין אויסגעניטע גאָלדענע אותיות : „לזכר נשמת הבתולה חוה בת ר׳ שמואל צבי״, און איז געבליבן שטיין אונטער דער חופה. הינטער אים איז נאָכגע־גאַנגען כאַנציע, חוהלעס מוטער, אָנגעטאָן אין איר שבתדיקער שוואַרץ־זיידענער מאַנטילקע מיט אַ ווייס־זיידן טיכל אויפן קאָפּ. דער עולם האָט זיך געלאָזט נאָך זיי. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אָפּגעשטעלט דעם פאַרקער אין גאַס און די פּראָצעסיע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אינמיטן וועג האָט דער רב מכבד געווען די סאַמע געהויבנסטע געסט צו טראָגן דאָס ספר־תורה עטלעכע שפּאַן אונטער דער חופה. צווישן זיי אויך שואליקן. און צוקומענדיק צו די טרעפּ פון שול, האָט ער ווידער געגעבן ר׳ שמואל־הערשן דעם כבוד אַריינצוטראָגן דאָס „רייניקייט״ אינעווייניק.

דער עולם איז געוואָקסן מיטן גאַנג פון דער פּראָצעסיע. און אינעווייניק אין שול האָט שוין פון פריער געוואָרט נאָך אַ גרעסערער עולם, מענער און

פרויען. געווײנלעך, האָט מען דאָרטן אין שול קיינמאָל נישט דערלויבט קיין פרויען צוזאַמען מיט מענער. איצט, אָבער, צוליב אַזאַ פּייערונג, האָט מען פרויען יאָ דערלויבט צו זיצן אין דער מענער־שול, וואו זיי האָבן פאַר זיך אָפּגענומען אַ באַזונדער ריי אין דער רעכטער זייט.

צווישן די פרויען זענען אויך געווען שפרהלע שעוויץ און סיידי גריק, ביידע פאַרבונדן די קעפּ מיט טיכלעך. שפרהלע האָט איר טיכל אַראָפּגערוקט אַזוי נידעריק איבערן פּנים, אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען זי צו דערקענען.

אויפן באַלעמער אינמיטן שול איז געשטאַנען דער רב, און לעבן אים — דער סופר. אויפן טיש פאַר זיי איז געלעגן דאָס ספר־תורה.

אין שול האָבן געברענט אַלע לאָמפּן. דער געדראַנג איז געווען גרויס. אין דער לופט איז געהאָנגען, ווי אַ מין נעפּל.

שפרהלע און סיידי האָבן מיט די אויגן געזוכט שואליקן צווישן עולם און אים נישט געקאָנט געפינען.

נאָר אָט איז דער שמש אַרויף אויפן באַלעמער, געטאָן דריי קלעפּ מיטן קלאַפּער אויפן טיש און געבעטן דעם עולם זיך אַוועקצוזעצן. אַ סך האָבן זיך אויסגעזעצט, אָבער אַ סך האָבן געמוזט בלייבן שטיין ביי די ווענט. סיידי האָט מיט אירע בליקן געשוועבט אויף אַלע רייען. זי האָט דערזען שואליקן זיצן צווישן די יאָנג איזראַעל־חברים, און זי האָט אָנגעוויזן שפרהלען אויף אים. שפרהלען האָט אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן.

דער שמש האָט ווידער געגעבן דריי קלעפּ. דער עולם האָט זיך איינגע־שטילט. דער סופר האָט אַראָפּגעצויגן דאָס מענטעלע פון דער ספר־תורה, אָפּגעבונדן דאָס גאַרטעלע, גולל געווען ביז דער לעצטער „יריעה", וואו עס זענען געווען אַ סך נישט־אויסגעפילטע אותיות, וועלכע מ׳לאָזט איבער אויסצופילן ביי אָט דער געלעגנהייט.

דער „פאַרקויף" פון די אותיות האָט זיך אָנגעהויבן. דער ערשטער קונה איז געווען מאַיקעל האַפּקינס. ער האָט געקויפט אַ „מעם" פאַר זיך און אַ „בית" פאַר ביטריסן, וואָס איר יידישער נאָמען איז געווען ברכה, און ער האָט מנדר געווען אַ גרויסע סומע געלט. דער צווייטער איז געווען ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער. ער האָט געקויפט אַ „שין" פאַר זיך און אַ „ריש" פאַר זיין ווייב ראָכציע, רחל, און אויך מנדר געווען אַ פיינע סומע. נאָך זיי האָבן אַנדערע געקויפט אותיות. איטלעכער פון זיי איז אַרויף אויפן באַלעמער און דער סופר האָט די אותיות אויסגעפילט מיט זיין פעדער. און ווען דער פאַרקויף האָט זיך געענדיקט, האָט דער רב פון שול געהאַלטן אַ קורצע רעדע, געווענדט ספּעציעל צו חוהלעס עלטערן. זיי געזאָגט עטלעכע וואַרעמע טרייסט־ווערטער, און צום סוף האָט ער פאַרגעשטעלט שואליקן, דעם געווע־זענעם חתן פון דער „נפטרת".

שואליק איז מיט געמאָסטענע טריט אַרויף אויף דער בימה. דער עולם

איז געבליבן זיצן שטיל מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. אַלעמענס אויגן זענען אָנגעשטעלט געוואָרן אויף שואליקן צו זען אים. אַלעמענס אויערן אָנגע־שפּיצט צו הערן אים. שואליק האָט פּאַמעלעך אָנגענומען דאָס ספר־תורה ביי בײדע „עץ־חיימס", און שטיל, געלאַסן, מיט אַ ציטער אין זיין שטים, אָנגע־הויבן:

„עץ חיים היא למחזיקים בה" — די תורה איז אַ בוים פון לעבן פאַר די וואָס האַלטן זיך אָן איר! שלמה המלך, דער קליגסטער פון אַלע מענטשן, האָט דאָס לאַנג פאַרויסגעזען, און אונדזער פיר־טויזנט־יעריקע היסטאָריע האָט אונדז דערוויזן, ווי אמת זיינע ווערטער זענען!

„רבותי! ס'איז אַ היסטאָרישער פאַקט, וואָס קיינער קאָן נישט אָפּלייק־קענען. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, ווי אויך דער איינצלנער יידישער מענטש, קאָנען גייסטיק בלייבן לעבן נאָר אַזוי לאַנג, ווי זיי האַלטן זיך אָן אין אָט דעם „עץ חיים", אין דער תורה הקדושה. יידן זענען געבליבן לעבן אַלס יידן אין אַלע גלותן, וואו דער גורל האָט זיי פאַרוואָרפן, רק מיטן לעבנס־עלעקסיר פון אונדזער תורה. וואו נאָר יידן האָבן זיך אָפּגעקערט פון דער תורה און איבערגענומען פרעמדע אידייען, זענען זיי גייסטיק פאַרצערט געוואָרן, זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער, און ס'איז פון זיי קיין געדעכעניש נישט געבליבן...

„מיר דאַרפן נישט וויט זוכן אין אונזער היסטאָריע. מיר האָבן עס געזען מיט אונדזערע אויגן, כמעט, אין דעם מאָדערנעם „רעפאָרמיזם". דייטשע יידן, וועלכע זענען פאַרבלענדט געוואָרן פון דער „שיין" פון דעם „דייטשישן פּראָגרעס", האָבן גענומען צושניידן זייער יידישקייט לויטן שניט פון רעפאָרם. זיי האָבן אַוועקגעשניטן פון דער תורה די גאַנצע יידישע טראַ־דיציע פון דור־דורות, און איבערגעלאָזט בלויז יענע שטיקלעך, וואָס זענען אויך ביי נישט־יידן פאַררעכנט אַלס „מאָראַל־געבאָטן"... זיי האָבן די אַלטע תורה אַוועקגעלייגט אין אַרכיוו, און געשאַפן פאַר זיך אַ „רעפאָרמירטע יידישקייט". וואָס איז געווען דער רעזולטאַט? — פולשטענדיקע אַסימי־לאַציע!

„רבותי! אין אונדזערע טעג זענען פאַראַן יידן, וואָס רופן זיך „וועלט־לעכע יידן". דאָס זענען אַזעלכע יידן, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּאַנט אינגאַנצן פון יידישקייט און זיך איינגעשפּאַנט אין וועלטלעכקייט. זיי ווילן זיין אי „פריי" און אי „יידן". זיי זעען נישט דעם ווידערשפּרוך. זיי באַגרייפן נישט, אַז באַפרייען זיך פון יידישקייט מיינט פאַרקנעכטן זיך צו גויאישקייט! זיי דענקען, אַז די נייע תורה פון „יידישער קולטור" און „יידישער ליטעראַטור" איז בכוח צו פאַרבייטן די אַלטע תורה פון יידישער טראַדיציע. זיי פאַרגעסן, יענע „וועלטלעכע" ברידער אונדזערע, אָדער זיי ווילן נישט געדענקען, אַז אין אונדזער לאַנג־לאַנגער מאַרטיראָלאָגיע האָט זיך נאָך קיין אייך־איינציקער

ייד נישט מוסר־נפש געווען, נישט געגאַנגען אויפן שייטערהויפן פאַר „קול־טור" אָדער פאַר „ליטעראַטור". פאַר תורה — יאָ! פאַר אמונה — יאָ! אָבער פאַר אַזוי־גערופענער „וועלטלעכקייט" — דאָס איז נישט געווען און ס'וועט נישט זיין!...

„רבותי! אָט דאָסדאָזיקע ספר־תורה ווערט געגעבן אין אָנדענק פון איינער פון אונדזערע שענסטע יידישע טעכטער, הבתולה חוה בת ר' שמואל־צבי, זכרונה לברכה! זי איז אויך געווען אַ „וועלטלעכע", באַאיינפלוסט פון די כלומרשטע פּראָגרעסיווע אידייען. ווען זי האָט זיך אָבער גענומען גוט צוקוקן צום צווייטן דור פון אירע „וועלטלעכע יידן", האָט זי געזען ווי אויס־געליידיקט ער איז, פונקט ווי אַ שאָלעכץ פון אַ נוס מיט אַ פאַרפוילטן יאָדער. דער יונגער דור איז אָן שום יידישן אינהאַלט און אָן שום אָנהאַלט. און ווען זי, אַלס יידישע לערערין און געטרייע יידישע טאָכטער, האָט זיך גענומען פאַרטיפן אין דער פראַגע פון קיום פון יידישן פאָלק, האָט זי קיין אַנדערן וועג נישט געפונען, ווי נאָר דעם „וועג צוריק". צוריק צו דער תורה און טראַדיציע. זי האָט אַפילו געשאַפן אַן אייגענע פילאָזאָפיע פאַר די, וואָס זענען נישט קיין גלויביקע. לעבן לויט דער יידישער טראַדיציע, האָט זי געזאָגט, איז נישט קיין „היפּאָקריטיע" אפילו פאַר די פרייע. צוליבן קיום פון יידישן פאָלק דאַרף און מעג אַפילו דער פרייעסטער ייד זיך אָנהאַלטן אין דער טראַדיציע, וועלכע איז דער „עץ חיים", דער אייגאייגציקער לעבנס־בוים! און אָט דאָס טאַקע האָבן אונדזערע חכמי־המדרש געמיינט, ווען זיי האָבן געזאָגט אין גאָטס נאָמען „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו", הלוואַי זאָלן אַפילו אַזעלכע יידן, וועלכע האָבן קיין אמונה נישט, אָפּהיטן מיין תורה — לעבן לויט טראַדיציע. ווייל „המאור שבה מחזירן למוטב", דאָס ליכט פון דער טראַדיציע וועט זיי צוריקקערן און מאַכן פאַר גוטע יידן!...

„רבותי! הבתולה חוה, זכרונה לברכה, איז געשטאַנען אויף דער הויכער מדרגה פון תשובה. מיט איר האַרץ און נשמה האָט זי זיך צוריקגעקערט אויפן הייליקן יידישן וועג. און דערום איז נישטאָ קיין הייליקערער אָנדענק פאַר איר, ווי אָט די הייליקע תורה. זאָל דער נאָמען פון חוה בת ר' שמואל־צבי זיין געבענטשט אויף אייביקע אייביקייטן, אָמן!".

שפּרהלע שעוויץ איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל, געשלונגען שוואַליקס ווערטער, כאָטש אין אמתן האָט זי נישט געקאָנט כאַפּן דעם תמצית פון זיי. פאַר איר איז די דרשה געווען צו־הויך, אָבער די ווערטער — זיס ווי האָניק. ביי איר איז רעליגיע געווען אַן „אַקסיאָם", אָן שום אָפּפרעגעכצן גאָר. זי איז אויפגעוואַקסן געוואָרן מיט דעם געדאַנק, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער גאָט אויף דער וועלט, און ער קוקט אַראָפּ אויף איטלעכן באַזונדער, און ער באַלויגט

פאַר מצוות און באַשטראָפט פאַר עבירות. ס'איז גאָרנישט פאַראַן וואָס צו רעדן דערפון. און ווען שואליק האָט גערעדט, האָט ער ביי איר אויסגעזען ווי געשיקט פון יענעם גרויסן גאָט צו וואָרענען אָפּצוהיטן יידישקייט, ווי די תורה הייסט, און „ווי די גוטע־פרומע לייט הייסן צו־גוטן טאָן", ווי איר מאַמע האָט זי געלערנט צו זאָגן אין יידיש יעדן גאַנצפרי ביי דער תפילה „מודה אני"...

שפרהלע איז געזעסן און געשלונגען איטלעכס וואָרט שואליקס מיט אמתער גאָטספאָרכטיקייט און געטראַכט ביי זיך אין האַרצן ווי גרויס דער שואליק איז...

— וואָס זאָגסטו עפּעס אויף זיין רעדע, שפרהלע?... — האָט סיידי זי אַ טאָרקע געטאָן, ווען שואליק האָט געענדיקט.

— האַ־אַ־אַ?!... — האָט שפרהלע זיך אַ כאַפּ־געטאָן, ווי מ'וואָלט זי אויפגעוועקט פון שלאָף אינמיטן נאַכט.

— ווי געפעלט דיר עפּעס די רעדע זיינע? — פרעגט סיידי איבער נאָכאַמאָל.

— סיידי, כ'מוז אים נאָכאַמאָל הערן רעדן! — האָט שפרהלע זיך אָפּגעדרופן אַ צעיאַכמערטע. — און נישט נאָר בלויז הערן א י ם רעדן, נאָר טאָקע מ י ט אים רעדן!...

סיידי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער צעקאָכטער שפרהלען מיט אַ שטאַרק פאַרחידושטן בליק. וואָס איז דער מער מיט אָט דעם מיידל? איז זי אַזוי נאַיוו?...

— אָ, שפרהלע, דו ווילסט אפשר פאָרן מיט מיר היינטיקן פרייטיק קיין אַטלאַנטיק־סיטי צו דער יאָנג־איזראַעל־קאָנפערענץ?... — טוט סיידי אַ פרעג טשיקאַווע.

— נישט א פ ש ר נאָר זיכער! כ'פאָר מיט דיר, סיידי!

— גוט, גוט, שפרהלע! איכ'ל דיך דאָרט באַקענען מיט אַ סך פיינע יונגעלייט. דו'סט שוין זען!...

ביידע האָבן זיך אַרויסגערוקט פון שול, קיינער זאָל זיי נישט באַמערקן, און אַוועק גלייך אַהיים.

קאַפּיטל דריי

א

דער „אַטלאַנטיק־סיטי־האָטעל" האָט וואוילויגעריש אַראָפּגעקוקט אויף דעם שוימיק־כוואַליענדיקן אַטלאַנטיק און זיך ווי פאַרוועט מיט אים אין גערויש.

דער ים האָט געררושט אינדרויסן, און דער האָטעל האָט גערושט אינעווייניק.

פון קאַיאָר אָן האָבן געהאַלטן אין איין שטראָמען צום האָטעל פּריוואַטע אויטאָמאָבילן און געדונגענע טעקסיס און געבראַכט דעלעגאַטן און געסט צו דער קאָנווענשאָן פון יאָנג איזראַעל. די כוואַטסקע „בעל־באַיס" אין זייערע אוניפאָרמס האָבן געהאַלטן אין איין לויפן און אַריינטראָגן טשעמאָדאַנעס און וואַליזעס. די גלעזערנע דריי־טירן ביים אַריינגאַנג האָבן זיך געהאַלטן אין איין דרייען און איינשלינגען אָנקומענדיקע געסט. ס'האָט גערושט אין דער „לאַבי". ס'האָט גערושט אין די „עלעווייטאָרס". ס'האָט גערושט אין די קאָרידאָרן. דער גאַנצער האָטעל איז געווען פול מיט גערויש.

ס'איז געווען פריילעך, און אַלע יאָנג־איזראַעלניקעס האָבן זיך געאיילט מיט ערב־שבתדיקער אייַלעניש.

דער פאַרמיטאָג איז אַוועק דאָרט מיט רעגיסטרירן זיך. דער נאָכמיטאָג — מיט דער עפענונגס־צערעמאָניע פון דער ערשטער זיצונג און מיט די פאָרמעלע באַגריסונגען. דער אָונט — מיט דעם פייערלעכן קבלת־שבת מיט ציבור־געזאַנג, און מיט דער הברותאדיקער סעודת־שבת מיט זמירות און דברי־תורה.

דער טאָג איז געווען אַ סוף־זומערדיק הייסער. צעפּלאָמט פון דער היץ און צעהיצט פון דעם שבת־טיש, האָט דער עולם נאָכן בענטשן זיך אַרויס־געלאָזט אויף דער פרישער לופט.

דער דרויסן האָט געצויגן. דער ים האָט געמאַניעט. די פולע לבנה, אַ שבתדיק־אויסגעוואַשענע, האָט געצויבערט. די שפּאַציר־בריק ביים ים־ברעג האָט געשווייבלט און געגריבלט מיט לעבעדיקער יוגנט.

צוויי געדיכטע מענטשן־שטראָמען האָבן זיך פאָרמירט. אַ רעכטער שטראָם — אַרויף־בריק, און אַ לינקער שטראָם — אַראָפּ־בריק.

דער ים האָט גערושט. די שפּאַצירערס האָבן געזשומעט.

שפּרהלע שעוויץ און סיידי גרין, געאָרעמט און צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער, האָבן אויך געשפּאַנט צווישן עולם.

אין דער געדיכטעניש האָבן אַ סך באַקאַנטע זיך פאַרבייגעשאַרט און באַגריסט סיידין מיט אַ פריינטלעכן „גוט־שבת". סיידי האָט אייניקע בחורים אָפּגעשטעלט און זיי באַקענט מיט שפּרהלען. שפּרהלע איז געווען שטייף און קאַלט. די בחורים האָבן עס גלייך דערשפּירט און אַוועק ווייטער מיטן באַוואוסטן גאַרנישט־מיינענדיקן „אַי'ל סי יו!"...

שפּאַנענדיק ווייטער, האָט סיידי פּרובירט צו באַמאָלן יעדן פון יענע באַגעגנטע בחורים:

— שפּיטאַלניק, דער שוואַרץ־חנודיקער בחור מיט די דינע וואָנצעלעך איז אַ געהילפס־בוכהאַלטער אין דער „סטייט־באַנק".

— אָ, ער איז אַ צו־הויכער!...

— לעווין, יענער בלאָנדער בחור מיט די גאָלדענע ברילן, איז אַ לערער פון ענגליש אין דער ישיבה „תורה וחכמה”.

— „איי דאָנ׳ט לאַיק הים אַ ביט”...

— און ראָזען, יענער בחור מיטן ווייס־בלויען יאַרמאָלקעלע, איז אַ לאַיער. זיין פאָטער איז דער בידגיוועקער רבי...

— הע...

סיידי רעדט און שפרהלע מאַכט אַלץ אָוועק מיט דער האַנט.

— שפרהלע, — טוט סיידי אַ שושקע צו איר — עפּעס ביסטו מיר ווי אַ נעכטיקע...

— סיידי, דו ווייסט? — שושקעט איר שפרהלע צוריק, גלייך זי הערט גאָרנישט וואָס יענע רעדט — מיר דאַכט, אַז שואליק האָט פונוויטנס מיך באַמערקט ביים טיש!...

— טאָקע נאָר אַן אויסדאַכטעניש.

— כ׳קאָן שווערן, אַז ער האָט מיך דערקענט!

— פונוואַנען נעמסטו עס?

— כ׳האָב עס געזען אין זיין פאַרחידושטן בליק.

— כ׳גלויב קוים...

— כ׳מוז עס אויסגעפינען, סיידי! כ׳זאָל אַפילו וויסן ווייס־איך־וואָס!

— הער אויס, שפרהלע. אויב שואליק האָט ד י ך באַמערקט ביים טיש, האָט ער דאָך מ י ך אַוודאי באַמערקט לעבן דיר. וועל איך אים מאָרגן אומיסטן אַ פרעג טאָן, אַזוי פאַרבייגייענדיק, אינטערעסאַנט צו וויסן.

— סיידי! — טוט שפרהלע זי אַ קניפּ אין דער האַנט און שושקעט איר אַריין אין אויער אַן אַנטציקטע — קוק, סיידי! אין דער רעכטער זייט! אַט שפּאַנט דאָרט שואליק מיט עמיצן!

סיידי טוט זיך אַ הייב־אויף אויף די שפּיץ־פינגער און כאַפּט אַ קוק.

— יאָ. ער גייט מיטן לאַיער גוטקין. דער לאַיער וואָס האָט פאַר אים אויסגעאַרבעט די פּאַפּירן אין וואַשינגטאָן... און —

שפרהלע האָט זי נישט געלאָזט ענדיקן. זי האָט געטאָן אַ שלעפּ סיידין מיט איר גאַנצן כוח, זיך דורכגעשטופּט מיט איר צווישן די שפּאַצירערס, פאַרלאָפן גלייך אין פראָנט פון שואליקן, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים און אויסגערופן:

— גוט שבת, מיסטער הר־שלום!

— גוט שבת, גוט יאָר! — מאַכט שואליק, פאַרזשמורענדיק די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן זיך גוט איינקוקן.

— איר דערקענט מיך נישט?

— מיס שעוויץ? — פאַררויטלט זיך שואליק.

— אַבסאָלוט ריכטיק! — שמייכלט שפּרהלע זיס — איר האָט אַ גוטן זכרון!...

— גוט שבת, מיס גרין! — ווענדט זיך שואליק צו סיידין — איר קענט זיך ביידע?

— יאָ!... מיר זענען זייער גוט באַפריינדעט אַפילו!... — פאַרכאַפּט שפּרהלע און ענטפערט.

סיידי איז געווען דערשטוינט פון שפּרהלעס פּאַטעפּאַלנאַסט. אויף אַזאַ געוואַגטקייט פון דער שפּרהלען האָט זי זיך נישט געקאָנט ריכטן גאָר. זי וואָלט עס בשום אופן נישט געגלויבט, ווען זי אַליין זעט עס נישט מיט אירע אייגענע אויגן. זי האָט גלייך אַ וואונק געטאָן צו דעם לאַיער גוטקינען. גוטקין האָט פאַרשטאַנען סיידיס וואונק. ביידע האָבן אָוועקגעשפּאַצירט ווייטער און איבערגעלאָזט שואליקן מיט שפּרהלען אַליין.

שואליק האָט אויס העפלעכקייט זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכט עפּעס אייער פאָטער? שוין לאַנג אים נישט געזען!

— אַ שיינעם דאַנק. מיין פאָטער איז אַלרייט. ער דערמאָנט אייך אָפט...

שואליק מאַכט זיך נישט הערנדיק, און פרעגט ווייטער:

— ווי קומט איר עפּעס אַהער צו אָט דער קאָנווענשאָן, מיס שעוויץ?

— איר ווילט, כ׳זאָל אייך זאָגן דעם אמת, אָדער אַ ליגן, מיסטער הר־שלום?... — פרעגט שפּרהלע צוריק מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

— דער בעסטער ליגן איז דער אמת, זאָגט ס׳ווערטל... — שמייכלט שואליק.

— אויב איר געדענקט, האָב איך ליב צו זאָגן דעם אמת! איך האָב אייך שוין אַמאָל געזאָגט דעם אמת ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש, וועל איך אייך איצטער אַוודאי זאָגן דעם אמת... סיידי גרין!...

— אַ, כ׳פאַרשטיי. אַ טייערע נשמה, די סיידי!

— יאָ, שוין איינמאָל אַ סיידי! זי אַרבעט דאָך ביי מיין פאָטער אין אָפּיס...

— טאָקע? כ׳האָב דאָס גאָרנישט געוואוסט!... איז דאָס האָט זי אייך גענומען אַהער!...

— נישט זי האָט מיך גענומען, נאָר כ׳האָב אַליין געוואָלט פאָרן אַהער... און נאָר צוליב אייך...

— צוליב מיר גאָר?

— יאָ, צוליב אייך! סיידי האָט מיר געזאָגט, אַז איר פאָרט אינגיכן אָפּ פון אַמעריקע, האָב איך באַקומען אַ פאַרלאַנג אייך צו זען...

— כ׳מיין ע...

— איך ווייס וואָס איר מיינט, — נעמט אים שפּרהלע גלייך אַרויס פון דער פאַרלעגנהייט — איר מיינט צו פרעגן: וואָס איז עס פאַר אַ משוגענער

פאַרלאַנג ביי מיר ?... ווייל איך אייך ענטפערן נאָך איידער איר פרעגט עס, מיסטער הר־שלום !... פון מיין מוטער פלעג איך אָפט הערן דאָס ווערטל, אַז „נאָך אַ שרפה ווערט מען רייך". האָב איך זי אַמאָל געפרעגט וואָס דאָס באַדייט, האָט זי מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז געוויינלעך נאָך אַ שרפה ווערן אַלע זאַכן, וואָס מ׳האָט פאַרלוירן, הונדערט מאָל טייערער, ווי זיי זענען געווען פריער !...

— מיס שעוויץ ! — מאַכט זיך שואליק נישט־וויסנדיק צו וואָס שפרהלע צילט — איך ווייס נישט צי איר האָט געהערט ס׳אַראַ טראַגעדיע איך האָב די לעצטע צייט איבערגעלעבט...

— יאָ, איך האָב געהערט. ס׳טוט מיר באמת לייד, מיסטער הר־שלום.

— אַ גרויסע טראַגעדיע... — טוט שואליק אַ טיפן זיפץ.

— און ווייסט איר, מיסטער הר־שלום, וואָס פאַר אַ גרויסע טראַגעדיע אויך איך האָב איבערגעלעבט ?

— ניין. כ׳ווייס נישט גאָרנישט, מיס שעוויץ.

— וועגן מיין געוועזענער ליבע האָב איך אייך דאָך אַליין דאָן דער־ציילט. געדענקט איר מסתמא...

— „געוועזענע ליבע" ?...

— יאָ. געוועזענע — — —

שפרהלע האָט גערעדט און די צייט איז אַוועק אומבאַמערקט. אויפן שפּאַציר־בריק איז דער עולם שוין געוואָרן זייער־זייער אַ קליינער. וואו־נישט־וואו זענען געזעסן פאַרלעך אויף די בענק. שואליק מיט שפרהלען זענען אויך געזעסן אויף אַ באַנק. שפרהלע האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע וואָס און ווי אַזוי ס׳איז אַלץ פאָרגעקומען צווישן איר און מאַרווי־נען, צווישן איר און איר פאָטער, און צווישן איר און איר האַרץ. זי האָט קיין איין פרט נישט פאַרפעלט...

מיטן שפּראָץ אויף טאָג זענען ביידע אַריין אין האָטעל, זיך געזעגנט מיט אַ פרומען „גוט־שבת" און אָפּגערעדט זיך צו טרעפן נאָכאַמאָל מאָרגן ביינאַכט, נאָך דער צווייטער זיצונג פון דער קאָנווענשאָן, ווידער אויפן זעלביקן פּלאַץ.

ב

אין צימער זענען די פענצטער געשטאַנען אָפן. דער פאַרטאָג האָט אַריינגעקוקט אַ בלויער. אַ ים־ווינטל האָט אַריינגעבלאָזן מיט קאַלטער, געזאַלצענער לופט. שואליק האָט צוגעמאַכט די פענצטער, אַראָפּגערוקט די ווענעציאַנישע ראָלעטן, זיך אויסגעטאָן, זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און גענומען לייענען קריאת־שמע. און נאָך איידער ער האָט געענדיקט די קריאת־שמע איז ער אַ מידער איינגעשלאָפן.

און דאָ האָט שואליק זיך דערזען אויף עפּעס אַ ים. די שיף איז געווען אַ לאַנג־לאַנגע, מאָדנע שיף, אָן ווענט און אָן אַ דאַך. דאָס וואַסער איז געווען שטיל. די שיף האָט זיך געגליטשט נישט ווי אין אַ ים, נאָר ווי אויף אַ יבשה. אַ בלויער הימל, אַ צעשיינטע לבנה, און גלימצערדיקע שטערן האָבן אַראָפּגעקוקט אויף דער שיף, אַ סך־אַ סך מענטשן האָבן שורותווייז זיך אַרומגעשפּאַרט הין־און־הער, ווי מוראשקעס. פון אַ זייט קומט אָן זיין פאָטער אים אַנטקעגן, גיט אים אָפּ שלום־עליכם, נעמט שפּאַצירן מיט אים, דער־ציילט אים, אַז ער פאָרט קיין וואַשינגטאָן צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער...
און דאַן קומט אונטער זיין מוטער, און נעמט אים האַלדזן און קושן. די מוטער איז אַזוי יונג און שיין, אויסגעפּוצט, און מיט צוגעפּאַרבטע ליפּן. זי זעצט זיך אַוועק מיט אים אויף אַ באַנק, דריקט אים צו זיך און פליסטערט מיט טרערן אין די אויגן: געליבטע איז גאָט, זון מיינער, וואָס איך זע דיך! כ'האָב שוין לענגער מיין בענקשאַפט נאָך דיר נישט געקאָנט איבערטראָגן!...
ווען ער האָט אויפגעעפנט די אויגן האָט ער תחילת נישט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך. נאָר די גרויסע פענצטער, וואָס זענען געווען פאַרפלייצט מיט זונשיין, און די הויכע סטעליע, וואָס איז געווען צעקאַרבט מיט ליכט־שטראַלן, האָבן אים דערמאָנט, אַז ער איז אין האָטעל, און ס'איז שבת גאַנץ־פרי, און מ'דאַרף זיך באַלד שטעלן דאַוונען...
ער האָט זיך אַ רייב געטאָן די אויגן, און אַ צופרידנקייט האָט אויפגע־קוועלט אין אים. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז געשלאָפן גאָר ווייניק, אָבער — זייער געשמאַק. שוין גאַנץ לאַנג, אַז ער איז אַזוי געשמאַק נישט געשלאָפן. אַ רויקער שלאָף פאַר אַ נאָווינע!...

שפּרהלע שעוויץ איז געשטאַנען אין איין צימער מיט סיידין. ווען זי איז פאַרטאָג אַריין אין צימער, איז סיידי שוין פון לאַנג געשלאָפן. שפּרהלע איז אַ צייט־לאַנג געלעגן ביי זיך אין בעט און זיך געפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון רעיונות. דער שואליק איז טאַקע געווען זייער איידל און פיין צו איר. אָבער — אייז־קאַלט... ער האָט בכלל זייער ווייניק גערעדט. ער האָט בלויז געהערט ווי זי האָט גערעדט... אַ, נאַריש געווען פון איר צו דערציילן אים די געשיכטע פון מאַרווינען מיט אַלע פּרטים. זי האָט עס נישט געטאָרט טאָן. זי האָט באַדאַרפט פאַרשטיין, אַז דאָס וועט אים אָפּשטויסן, און אפשר טאַקע אָפּעקלען פון איר... פאַרפאַלן. דאָס וואָס מ'טוט אָפּ קאָן מען צוריק נישט כאַפּן... איצט איז אפשר גלייכער, זי זאָל אינגאַנצן אויסמיידן צו באַגע־גענען זיך מיט שואליקן... זי וועט אַפילו נישט קומען צום „אַפּאָינטמענט", וואָס זי האָט מיט אים אויף מוצאי־שבת. זי מוז זיך אָט דעם שואליקן אַרויס־שלאָגן פון קאָפּ!...
סיידי האָט זי באַדאַרפט שטאַרק וועקן אויפצושטיין צום פרישטיק.

— שטיי שוין אויף, דו פעפערקע! ס'איז גאָרנישט מעגלעך דיך צו דערוועקן! די ים־לופט האָט דיך היפשלעך פאַרשיכורט, ווייזט אויס...

— אָ, כ'קאָן די אויגן נישט עפענען. לאָז מיך נאָך אַביסל שלאָפן, סיידי!

— ס'וועט ווערן שפּעט. דו ווילסט דאָך מסתמא זיין ביים דאַווענען...

— אָ, יאָ! איך שטיי גלייך אויף, סיידי טייערע!...

סיידי האָט געהאַט געגוג טאַקט נישט צו פרעגן שפרהלען וועגן איר נעכטיקער באַגעגעניש מיט שואליקן, זי האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס מיט דער שפרהלע איז נעכטן געשען. ווי קומט צו דער שטילער, בנעימותידיקער שפרהלען אַזאַ מין סאָרט אַוואַנטורע? וואָלט שפרהלע נישט געוואוסט, אַז שואליק האַלט ביים אָפּפאָרן פון אַמעריקע, וואָלט אָט דערדאָזיקער "אַקט" אירער נאָך געהאַט עפּעס אַ זינען. אָבער זי, סיידי, האָט דאָך איר אַליין דערציילט וועגן שואליקס באַשלוס. איז וואָס מאַכט זי זיך נאַריש?...

בשעת ביידע האָבן זיך געהאַלטן אין וואַשן און אָנטאָן, האָט סיידי אַלץ געדענקט, אַז אָט וועט איר שפרהלע עפּעס נעמען דערציילן, אַרויסקומען מיט ווערטער. שפרהלע האָט איר אָבער קיין וואָרט נישט דערמאָנט. נישט זי האָט דערציילט ווי שפּעט זי איז נעכטן געזעסן מיט שואליקן, און נישט וואָס זי האָט גערעדט מיט אים, און נישט וועגן איר "אַפּאָינטמענט" מיט אים אויף היינט ביינאַכט.

סיידי האָט זיך שטאַרק געערגערט פון שפרהלעס שטילשוויגעניש. איר האַרץ האָט זי געשראָקן. שפרהלע זאָל די באַגעגעניש מיט שואליקן האַלטן אַ סוד פאַר איר — דאָס איז עפּעס נישט קיין גלאַטע געשיכטע, נישט קיין נאָרמאַלער גאַנג... דאָס מיידל האָט זיך געמוזט איינרעדן עפּעס. ווער ווייסט וואָס ס'קאָן שפּעטער, חלילה, געשען מיט איר... ס'איז דאָך קיין ספק נישט, אַז פון דער גאַנצער אַוואַנטורע וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם. שואליק פאָרט דאָך אַוועק. דאָס איז דאָך באַשטימט. און די שפרהלע קאָן נאָכדעם, חלילה, אַריינפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע. עפּעס אַ קלייניקייט וואָס אַנטוישונג קאָן ברענגען...

ניין. זי, סיידי, טאָר דאָס נישט דערלאָזן. זי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָט דער אַוואַנטורע שפרהלעס און זי מוז עפּעס טאָן צו פאַרהיטן זי. זי מוז רעדן מיט איר אָפן. טאַקע נישט שיין צו קריכן יענעם אין האַרצן אַריין. אָבער — שיין צי נישט־שיין, ס'אַ פראַגע פון פּיקוח־נפש...

און אפשר זאָל זי גאָר אַ רעד טאָן מיט שואליקן דערפון. פּשוט אים דערציילן דעם גאַנצן אמת, און אים בעטן, אַז איצט זאָל ער ווי ווייט מעגלעך געבן דער שפרהלען אַ "קאַלטן אַקסל", ווי מ'זאָגט עס אין ענגליש... זי וועט, פאַרשטייט זיך, מוזן דאָ באַנוצן אַביסל "דיפּלאָמאַטיע" אָבער — למען השלום מעג מען דאָך זאָגן אַפילו אַ ליגן...

נאָך דער מיטאָג־סעודה, ווען דער עולם האָט אָפּגעבענטשט און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פון עס־זאַל, האָט סיידי אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט, שפרהלע, מ׳דאַרף אַרויפגיין אין צימער און זיך צולייגן אָפּרוען אַביסל. די זיצונג וועט זיך היינט ביינאַכט פאַרציען ווער ווייסט ווי שפּעט...

— יאָ, ביסט גערעכט, סיידי. מיין קאָפּ איז מיר טאָקע שווער ווי בליי. כ׳בין קוים איינגעזעסן ביים טיש.

— דו גיי אַרויף, שפרהלע. איך דאַרף דאָ זען איצט עמיצן. איך בין דאָך אין סעקרעטאַריאַט, און כ׳מוז עפּעס געוואָר ווערן. כ׳וועל זיך נישט פאַרזאַמען. בלויז אַ פּאָר מינוט. דו גיי אַרויף און לייג זיך צו. איך וועל באַלד אויך אַרויפקומען...

שפרהלע איז אַוועק. סיידי האָט זיך געגעבן אַ שאַר צווישן עולם, אויס־געזוכט שואליקן און אים אַוועקגענומען אויף אַ זייט אין דער ריכטונג פון „באַרדוואָק”, אַביסל ווייטער פון שפּאַצירנדיקן עולם.

— איך מוז זיך אַנטשולדיקן פאַר אייך, מיסטער הר־שלום.

— פאַרוואָס ?

— פאַר דער אומגעריכטער באַגעגעניש מיט מיין מיס שעוויץ נעכטן ביינאַכט. איך פאַרשטיי, אַז ס׳איז אייך געווען אומאָנגענעם...

— אומאָנגענעם ? פאַרקערט ! כ׳בין געווען זייער צופרידן. ס׳איז ביי מיר באמת געווען זייער אַן אָנגענעמע איבערראַשונג... איך האָב זיך אַמאָל באַקענט מיט דער מיס שעוויץ. כ׳האָב ביז איצט נישט געוואוסט, אַז זי איז אַ קלוג און אינטעליגענט מיידל...

— אָ, זי איז שוין גאָר אַ פיין מיידל. אַ דימענטענער כאַראַקטער. האָט אַ סך־אַ סך מעלות...

— יאָ. מיר האָבן נעכטן ביינאַכט פאַרבראַכט אַ היפּשע צייט. איך האָב איר בפירוש געזאָגט, אַז ס׳טוט מיר לייד, וואָס איך פאָר אָפּ פון אַמעריקע. ווען נישט, וואָלט איך מיט פאַרגעניגן זיך באַגעגנט מיט איר גאַנץ אָפט...

— אָ, גוט האָט איר געטאָן, וואָס איר האָט געזאָגט, אַז איר פאָרט אָפּ !

— וואָס איז דען ?

— דאָס מיידל איז ממש באַגייסטערט פאַר אייך. און ע... כ׳וואָלט נישט וועלן, אַז זי זאָל זיך נאָכדעם פילן אַנטוישט...

— אָ... — שמייכלט שואליק — מיר וועלן זיך היינט ביינאַכט ווידער באַגעגענען. און איך וועל איר דאָס נאָכאַמאָל זאָגן !...

— גוט ! גוט !

— סיידי איז אַ צופרידענע אַרויף אין צימער. זי האָט שוין געטראָפן שפרהלען שלאָפן געשמאַק. זי האָט זיך אויך צוגעלייגט און געטראַכט, אַז

איצט האָט זי זיך שוין נישט וואָס צו זאָרגן. שואליק פאַרשטייט גוט דעם ענין.

די מוצאי־שבתדיקע זיצונג האָט זיך פאַרצויגן טאַקע שפּעט אין דער נאַכט. און פּונקט ווי נעכטן האָט זיך דער עולם אַרויסגעלאָזט צום „באָרד־וואָק“ אויף אַ שפּאַציר.

סיידי איז געזעסן אויף אַ באַנק מיט שפּרהלען. זי האָט באַמערקט ווי שפּרהלע טשאַטעוועט, זוכט מיט די בליקן צווישן די פאַרבייגייענדיקע. אָבער איר האַרץ איז איר איצט געווען גרינג.

ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג און שואליק איז אָנגעקומען. סיידי האָט באַלד געפונען עפּעס אַן אויסרייד, איז אַוועק און זיי איבערגעלאָזט אַליין...

ג

איבערן ים איז געהאָנגען אַ געדיכטער נעפּל. איבערן „באָרדוואָק“, אָבער, איז די לופט געווען קלאָר. די שיין פון די עלעקטרישע לאַמטערנעס אויף דער שפּאַציר־בריק האָט אָפּגעשלאָגן בלאַס.

שפּרהלע שעוויך האָט זיך איינגעזויגן מיט אירע בליקן אין דער בלאַס־ראָזעווער הויט פון שואליקס פּראָפיל, ווי אַ בין זויגט זיך איין אין אַ רויז...

שואליק האָט אַ קער געטאָן זיין פּנים צו איר, אַ ווייז געטאָן שפּ־הלען אין דער ריכטונג פון דער שנעל־אַוועקשפּאַנענדיקער סיידין און אַ זאָג געטאָן מיט אַ גרינג שמייכעלע:

— ווי נאָר זי דערזעט אונדז צוזאַמען, אַזוי לויפט זי באַלד אַוועק...

— זי וויל אונדז נישט שטערן!... — טוט שפּרהלע אַ פינטל מיט די אויגן.

— כ׳פאַרשטיי דאָס...

— און א י ר, הייסט עס, האָט טאַקע ב אַ ש ל אָ ס ן צו פאָרן צוריק קיין ארץ־ישראל, מיסטער הר־שלום?

— יאָ, איך מוז...

— פאַרוואָס מוזט איר?

— איך מוז אַוועקפאָרן פון דעם לאַנד, וואו כ׳האָב איבערגעלעבט מיין טראַגעדיע! — טוט שואליק אַ טיפן זיפץ און בלייבט שטיל אַ פּאָר מינוט — איך מוז בייטן די אַטמאָספער צוליב מיינע נערוון... געוואָלט האָב איך אָפּפאָרן נאָך היינטיקע וואָך, נאָר מיין לאָיער האָט מיך נעכטן אַביסל צעמישט. איר האָט דאָך נעכטן אַוונט דאָ באַגעגנט דעם לאָיער גוטקין...

— יאָ, יאָ... וואָס מיינט איר, אַז ער האָט אייך צעמישט, ווי איר זאָגט?...

— קוקט אים שפּרהלע אַריין אין די אויגן נייגעריק.

— די געשיכטע איז אָט וואָס. חוהלע, עליה השלום, האָט מיך געוואָלט פאַרזאָרגן מיט אַלץ. און מער פון אַלץ — מיט אַמעריקאַנער בירגערשאַפט.

און איך אַליין האָב דאָס אויך געוואָלט, פאַרשטייט זיך. היינטיקע צייטן, ווען אייראָפּע ליגט אַ צעשמעטערטע און אַ דערנידעריקטע, איז זיכערער צו האָבן ביי זיך אַן אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט, איידער אַ פּוילישן. איבערהויפּט פאַר יידן. דער לאַיער גוטקין האָט אין וואַשינגטאָן אויסגעפּועלט פאַר מיר אַ דערלויבעניש פאַר אַ פּערמאַנענטער רעזידענץ. אָנהייב חודש אָקטאָבער וועל איך דאַרפן בלויז אַרויספאָרן קיין קאַנאַדע אויף אַ פּאָר וואָכן, און פון דאָרטן וועל איך קאָנען אַריינפאָרן צוריק אַהער אַלס געזעצלעכער אימיגראַנט. און דאַן וועל איך זיין באַרעכטיקט גלייך אַרויסצונעמען מיינע „ערשטע בירגער־פּאַפּירן". נעכטן, ווען כ'האָב דעם לאַיער גוטקין געזאָגט וועגן מיין באַשלוס אָפּצופאָרן פון אַמעריקע נאָך היינטיקע וואָך, איז ער באַשטאַנען דערויף, אַז כ'זאָל דאָס בשום אופן נישט טאָן. ער וויל, אַז כ'זאָל אָפּלייגן מיין רייזע ביז דאַן, ווען כ'וועל שוין האָבן מיינע „ערשטע פּאַפּירן" אין קעשענע. אַנדערש וועל איך פאַרלירן מיין שאַנס צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער...

— דער לאַיער איז טאָקע גערעכט. איר טאָרט אָט דעם שאַנס נישט פאַרלירן!

אַוודאי איז ער גערעכט, דער לאַיער. כ'וועל אפשר אַזוי טאָן טאָקע. אָבער יעדער טאָג איז ביי מיר אַ יאָר. איר קאָנט מיך נישט פאַרשטיין, מיס שעוויץ!... חוהלע איז געווען מיין איינציקער אָנשפּאַר דאָ. זינט כ'האָב זי פאַרלוירן בין איך ווי אויפן עולם־התוהו... מיינע נערוון זענען צעשרויפט. מיינע טעג זענען אַנגסטיקע. מיינע נעכט זענען קאָשמאַרנע. כ'מוז פונדאַנען אַוועק וואָס שנעלער. אפשר וועל איך פאַרגעסן מיין טראַגעדיע. איך מוז, איך מ ו ז...

ביי שפּרהלען האָבן גענומען רינען טרערן פון די אויגן אויס מיטלייד צו דעם שואליקן. זי האָט גיך אַרויסגעכאַפּט אַ טיכל פון איר האַנט־טאַש, שנעל אַ וויש געטאָן די טרערן און אַ זאָג געטאָן:

— גלייבט מיר, כ'פאַרשטיי איך גוט און פיל איך מיט, מיסטער הר־שלום! כ'ווייס וואָס איר לעבט איבער! אָבער איר טאָרט פאָרט נישט פאַר־לירן דעם שאַנס צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער!... פאָלגט דעם לאַיער גוטקין און בלייבט דאָ ביז אָקטאָבער. ס'איז דאָך נישט מער ווי עטלעכע געציילטע וואָכן... אויב איר וועט מיר דערלויבן, בין איך גרייט צו העלפן אייך צעשטרייען זיך, באַרויקן זיך, ווי ווייט מעגלעך!...

— אַ האַרציקן דאַנק אייך, מיס שעוויץ. עס איז זייער פיין פון אייך. אָבער —

— אָבער וואָס?

— כ'וויל אייך נישט באַמיען. כ'טאָר אייך נישט באַמיען, מיס שעוויץ!...

— עפּעס אַן אורזאַך?

— יאָ. אַ וויכטיקע אורזאַך! כ'טאָר נישט אויסנוצן אייער פריינטשאַפט,

מיס שעוויץ, ס'וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה, אַן אומרעכט פון מיר דאָס צו טאָן, מיס שעוויץ!

— פאַר אייך בין איך נישט מיס שעוויץ, נאָר פשוט שפרה!

— אויב אַזוי בין איך נישט פאַר אייך מיסטער הר־שלום, נאָר פשוט שואל...

— גוט! כ'בעט אייך, שואליק, רעדט מיט מיר אָפענע דיבורים, עפּעס באַהאַלט איר...

— כ'מוז אייך זאָגן, שפרהלע, אַז סיידי איז אייך געטריי ווי אַן אייגענע שוועסטער.

— כ'ווייס. איך האָב זי אויך האַרציק ליב. אָבער קעגן וואָס זאָגט איר עס מיר?

— סיידי האָט מיך געוואָרנט...

— ווען האָט דען סיידי גערעדט מיט אייך וועגן מיר?

— ערשט היינט בייטאָג טאָקע. זי איז שטאַרק באַזאָרגט וועגן אייך... איר האָט גענוג איבערגעלעבט, זאָגט זי, און זי וויל אייך פאַרהיטן פון אַ צווייטער אַנטוישונג...

— כ'וואָלט זיך נישט געריכט אויף סיידין, אַז זי זאָל אַזוי רעדן וועגן מיר.

— איר פאַרשטייט דאָך, שפרהלע, אַז דאָס איז נישט אויס שנאה, חלילה, נאָר אויס ליבע צו אייך. זי איז אַ קלוגע. זי ווייסט וואָס זי רעדט...

— דאָס איז ביי מיר קיין ספק נישט. אָבער — זי מאַכט אַ גרויסן טעות.

— אַ טעות אין וועמען?

— אין מ י ר! זי קען מיך נאָך אַלץ נישט גענוג! זי ווייסט גוט, אַז מיין פאַרשטאַנד האָט שוין איינמאָל באַזיגט מיין געפיל. איז פאַרוואָס זאָל זי דענקען, אַז איצט וועל איך דאָסזעלבע נישט קאָנען באַווייזן?...

שואליק האָט געקוקט אויף שפרהלען מיט פאַרוואונדערונג — זי איז עפּעס גאָר אַנדערש, ווי ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל געזען. זי איז עפּעס געוואָרן העכער, שטאַלטנער. איצט קוקט זי אויס צו זיין אַ גאַנץ שיין מיידל. און אַ שטעל האָט זי איצט פון אַ מענטש מיט אינטעליגענץ. דרייסט. מוטיק... ער האָט געטאָן אַ סימפּאַטישן שמייכל און געזאָגט:

— איר ווייסט, שפרהלע, איך האָב בטבע נישט ליב צו מאַכן קיין קאָמפּלימענטן. אָבער, איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז איך זע אין אייך איצט גאָר אַן אַנדערע, ווי כ'האָב אייך געדענקט...

— אַ בעסערע אָדער אַן ערגערע?

— אָן אָן ערך אַ בעסערע...

— אין וואָסער הינזיכט?

— אין ביידע הינזיכטן — סיי אין פיזישער און סיי אין גייסטיקער!...

שפרהלע האָט זיך שטאַרק פאַררויטלט, און געזאָגט:

— אַ שיינעם דאַנק אייך, שואליק!...

אַ ווינט האָט גענומען בלאָזן דעם נעפּל פון ים צום באַרדוואַק. אַ קילע פייכטקייט האָט גענומען קריכן אין די ביינער.

שואליק האָט אַ זאָג געטאָן:

— כ׳האָב מורא, אַז ס׳ווערט צו קאַלט פאַר אייך דאָ, שפרהלע.

שפרהלע האָט מיט דאַנקבאַרקייט אַ קוק געטאָן אויף אים, און זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק. שואליק האָט זיך אויך אויפגעהויבן און זיי גענומען אונטערן אָרעם. זיי האָבן שווייגנדיקע געשפּאַנט צום האָטעל.

אין דער לאָבי האָט דער עלעקטרישער זייגער אויף דער וואַנט געוויזן אַ פערטל צו דריי. דער עלעוויטאָר איז געשטאַנען אָפן. דער עלעוויטאָר־מאַן האָט אינעווייניק געדרימלט אויף אַ בענקל ביי דער טיר.

שואליק און שפרהלע האָבן געזשאַלעוועט אים צו וועקן, און זיי האָבן ביידע אַרויפגעשפּאַנט מיט די טרעפּ. ביי דער טיר פון שפרהלעס צימער זענען זיי ביידע געבליבן שטיין מידע און שווער אָפּגעסאָפּעט.

אין קאָרידאָר איז געווען ביינאַכטיק שטיל. די סטעליע־לאָמפּן האָבן אַראָפּגעשיינט אויפן רויטן, דיקן טעפּיך, און דער טעפּיך האָט צוריק אָפּגעשלאָגן מיט אַ ראָזעווען אָפּשיין.

שואליק און שפרהלע האָבן געקוקט איינס אויפן אַנדערן מיט וואַרעמע בליקן. זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט צו זאָגן „אַ גוטע נאַכט". און עפּעס אַ פאַרבאָרגענע קראַפט האָט זיי ווי צוגעשטופּט איינס צום אַנדערן און, אומגעריכט פאַר זיי אַליין, האָבן זיי זיך צעקושט...

ד

שואליק איז אַריין צו זיך אין צימער, אָנגעצונדן די עלעקטריע, האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, איבערן קאָמאָד, און דערזען אויף זיין מויל־ווינקל אַ רויטן פלעק פון ליפּן־פּאָמאַדע. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און ס׳איז אים באַפאַלן אַ שטאַרקער חרטה־געפיל פון איינעם, וואָס האָט נאַר־וואָס אָפּגעטאָן אַ גרויס נאַרישקייט...

אין דעמדאָזיקן מאָמענט האָט זיך אים דערמאָנט אַ קאָמישער עפּיזאָד פון זיינע קינדער־יאָרן. דאָס איז געווען אין אַן ערב־פּסח נאָכמיטאָג. ער געדענקט עס ווי ס׳וואָלט ערשט נעכטן געשען. ער איז געהאַט געקומען מיט זיין פאָטער פון מרחץ, אויסגעבאָדן און אויסגעוואַשן לכבוד יום־טוב. און נאָכמער — לכבוד זיין נייעם אָנצוגל, וואָס מ׳האָט פאַר אים געלאָזט אויפנייען באַלד נאָך פּורים, און די מוטער האָט עס געהאַלטן פאַרשלאָסן אין קליידער־אַלמער. איצט, ערב־פּסח, האָט די מוטער אַרויסגענומען זיין ניי

אַנצוגל, אים אָנגעטאָן און געהייסן וואַרטן ביז דער פֿאָטער וועט ווערן גרייט צו גיין מיט אים אין שול דאַווענען.

נאָר גיי וואַרט, אַז עס ציט אים אינדרויסן אַרויס צו באַווייזן זיך מיטן נייעם אָנצוגל. ער בעט זיך ביי דער מוטער, און זי דערלויבט אים נאָר צו שטיין פֿאַרן הויז. זי וואָרנט אים צו זיין פֿאָרזיכטיק, למען־השם, נישט איינ־צושמירן, חלילה, דאָס אָנצוגל. און ער זאָגט איר צו.

ווי נאָר ער איז אַרויס פֿון יענער זייט טיר, קומט־צו צו אים זיין חבר פֿון שכנישן הויף, באַטאַפּט און באַוואונדערט דאָס נייע אָנצוגל. און, וועלנדיק זיך אויך מיט עפּעס באַרימען, דערציילט דער חבר שואליקן, אַז ער האָט איצט געמאַכט אין האַלץ־קאַמער אַ נייע הוידלקע מיט אַ גראָבן שטריק און מיט אַ זיץ־ברעטל, און די הוידלקע גייט אַזוי הויך, אַז ער דערלאַנגט די באַנטעס מיט זיינע פֿיס. דער חבר רופֿט אים, וויל אים מכבד זיין מיט זיין הוידלקע.

ער, שואליק, איז אַריין מיט זיין חבר אין האַלץ־קאַמער. טאַקע נאָר אויף איין רגעלע. טאַקע בלויז נאָר אַ פּרואוו צו טאָן די הוידלקע. ער זעצט זיך אַרויף אויפֿן זיץ־ברעטל. דער חבר טוט אַ צעוויג די הוידלקע און זי פֿליט אין דער לופֿטן, אַז ס׳איז אַ פֿאַרגעניגן. ער אַליין צעוויגט זיך נאָך שטאַרקער, שנעלער, העכער, און ער איז הוילע גדולה... דאָ דערהערט ער דער מוטערס קול: „שואליק, שואליק, וואו ביסטו? דער טאַטע וואַרט שוין אויף דיר!״ ער דערלאַנגט ראַפּטעם אַ שפּאַר־אָן מיט די פֿיס אין דער ערד, טוט אַ שטעל־אָפּ די הוידלקע, גיט זיך אימפּעטיק אַ רוק־אַראָפּ פֿון דעם זיץ־ברעטל, און — פּיק־פּליק! דער פֿון־הינטן האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין זיץ־ברעטל און אָפּגעריסן אַ גאַנצן פּאַס פֿון די הויזן...

עד היום געדענקט ער דעם ווייטיק און דעם פֿאַרדראָס, וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַט. וואָכן־לאַנג האָט ער געוואַרט אויפֿן ערב־פּסח, ער זאָל שוין קאָנען אָנטאָן דאָס נייע אָנצוגל און גיין דערין אין שול אַריין צו באַרימען זיך פֿאַר זיינע חברים. און דאָ האָט אים דער נישט־גוטער געטראָגן צו כאַפּן אַ הוידע, און ער האָט נאָכדעם געמוזט גיין אין שול אַריין אין די אַלטע תחתונים...

שואליק האָט געטאָן אַ ביטערן שמייכל צו זיך אַליין. דעמאָלט האָט אים די מאַמע געוואָרנט, און איצט האָט אים סיידי געוואָרנט. און פּונקט ווי דעמאָלט איז ער איצט אויך באַגאַנגען אַ גרויסע נאַרישקייט. ער קאָן זיך אָט די נאַרישקייט גאָר נישט פֿאַרגעבן!...

און אַצינד? וואָס טוט מען ווייטער? די שפּרהלע דענקט דאָך איצט געוויס, אַז ער, שואליק, האָט אָנגענומען איר פֿאַרשלאָג, אַז ער האָט איר געגעבן, ווי זאָגט מען עס, די „גרינע ליכט״. ער מוז דאָס גלייך אָפּשטעלן. און ער דאַרף דאָס טאָן באַלד, איצט, ס׳זאָל נישט ווערן צו־שפּעט...

די בעסטע זאַך, דאַכט זיך אים, איז צו רעדן מיט דער שפּרהלען גאַנץ אָפן. זי איז אַן אינטעליגענטער מענטש. זי'ט איינזען, אַז זייערע באַגעגענישן זענען צוועקלאָז, און ס'וועט זיין אַ סך געזונטער פאַר איר מער נישט צו טרעפן זיך מיט אים...

ניין... רעדן דאָס מיט איר פּערזענלעך וועט ער נישט קאָנען. ער האָט נישט דעם מוט און נישט דאָס האַרץ דערצו. און נישט תּמיד קאָן מען געפינען די ריכטיקע ווערטער ביים רעדן. שרייבן איז אַ סך בעסער און גרינגער.

יאָ, ער וועט איר אָנשרייבן אַ בריוו. און טאַקע באַלד. און מאָרגן, ביים פרישטיק, וועט ער איר דעם בריוו איבערגעבן.

שואליק האָט זיך צוגעזעצט צום שרייבטישל, אָנגעצונדן דעם שטייענדיקן לאָמפּ, אַרויסגענומען פון שופלאָד עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר און קאָנווערטן מיט דער האָטעל־פירמע, וואָס ליגן דאָרט תּמיד אָנגעגרייט פאַר די געסט, און גענומען שרייבן דעם בריוו אין יידיש.

ער האָט אָנגעשריבן דעם טיטל „ליבע מיס שעוויץ", און גלייך אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז נישט דער פּאַסיקער טיטל. דאָס וואָרט „ליבע" איז אי נישט אמת און אי נישט אין איינקלאַנג מיטן צוועק פון דעם בריוו.

ער האָט גלייך צעריסן דאָס בייגעלע פּאַפּיר, אַריינגעוואָרפן עס אין קאָרב, וואָס אונטערן טישל, און אָנגעשריבן „טייערע מיס שעוויץ". אָבער ווידער האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז אויך „טייערע" איז דאָ נישט דאָס פּאַסיקע וואָרט.

אויך דאָס צווייטע בייגעלע פּאַפּיר האָט ער צעריסן, אַוועקגעוואָרפן, און אָנגעשריבן:

„געערטע מיס שעחיץ.

„עס איז איצט אַ פערטל נאָך דריי. צייט צו גיין שלאָפן. כ'פיל אָבער, אַז כ'וועל נישט קאָנען איינשלאָפן ביז כ'וועל נישט אָנשרייבן אָט דעם בריוו צו אייך.

„איך שעץ זייער הויך אייער פריינטלעכקייט, און איך דאַנק אייך דערפאַר פון טיפן האַרצן. איך פיל אָבער, אַז ס'איז נישט ערלעך און נישט פיין פון מיר אַנצונעמען אַזאַ „מתנה", פאַר וועלכער כ'וועל קיינמאָל נישט קאָנען צוריקצאָלן...

„איך חיים נישט צי כ'וועל איצט פאָלגן דעם לאָיער גוטקינס עצה אָפּצולייגן מיין אָפּפאָר אַהיים ביז נאָך אָקטאָבער. מעגלעך, אַז כ'וועל נאָך אָפּפאָרן קומענדיקע וואָך. עס טוט מיר דערום לייד, וואָס כ'וועל נישט קאָנען זיך געזעגענען מיט אייך פערזענלעך. די צייט איז קורץ און כ'האָב אַ סך צו טאָן. איך געזעגן זיך דערפאַר דאָ איצט מיט אייך שריפטלעך.

„איך ווינטש אייך גליק און פרייד אין אייער לעבן.

„מיט פריינטשאַפט,

שאול הר־שלום"

שואליק האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, צורעכט געמאַכט דאָ און דאָרט אַן אות, צוגעשטעלט אַ פּינטעלע, אַריינגעלייגט דאָס פּאַפּיר אין אַ קאָנווערט, אָנגעשריבן פון אויבן „מיס ש. שעוויץ", און זיך גלייך ווידער

באַדענקט: ניין. דער בעסטער וועג איז צו טאָן דאָס אַלץ דורך סיידין. ער וועט סיידין זאָגן, אַז ער זעט ערשט איצט ווי גערעכט זי איז געווען מיט איר וואָרענונג, און ער וועט זי בעטן, אַז זי זאָל רעדן מיט שפּרהלען און איבער־געבן איר אין זיין נאָמען, אַז ער קאָן בשום אופן מער נישט באַגעגענען זיך מיט איר...

שואליק האָט דעם בריוו זיינעם גלייך צעריסן אויף פּיק־פּיצלעך און אַריינגעוואָרפן אין פּאַפּיר־קאָרב. ער האָט אויסגעטאָן די קליידער, אָנגעטאָן די פּידזשאַמע, זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און גענומען לייענען קריאת־שמע.

אינמיטן לייענען קריאת־שמע האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אין דעם בריוו געשריבן, אומבאַטראַכט גאָר, אַז „ער ווייסט נישט צי ער וועט פּאָלגן דעם לאָיער גוטקינס עצה, און — מעגלעך, אַז ער וועט נאָך קומענדיקע וואָך אָפּפאָרן". ווי האָט ער דאָס געקאָנט שרייבן? ער האָט דאָך גאָר באמת איינגעשטימט מיטן לאָיער!...

דער מיסטיקער אין אים האָט אים געטאָן אַ זאָג אונטער: אפשר איז דאָס טאַקע אַ השגחה־זאַך? אפשר האָט דער „כוח־העליון", די העכערע קראַפט, געפירט מיט זיין פען און איר געהייסן שרייבן דאָס, וואָס ער דאַרף טאָן? לויט דער קבלה זענען דאָך פאַראַן אַזעלכע פאַלן, ווען די פּיס פירן אַ מענטשן ערגעץ אומגעריכט, און דאָס מויל זאָגט אַמאָל נביאות אומבאַ־דענקט. איז פאַרוואָס זאָל אויך די פען נישט קאָנען טאָן אַ שליחות פון הימלישן רצון?... און — נאָכאַמאָל — צוליב וואָס, אייגנטלעך, איז טאַקע זיין וואַרטן דאָ? צוליב זיינע ערשטע בירגער־פּאַפּירן! נו, אַז ער וועט שוין האָבן די ערשטע בירגער־פּאַפּירן איז וואָס? האָט ער דען בדעה צו קומען אַהער צוריק, כדי צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער? אַמעריקע האָט ער טאַקע ליב. אָבער ער טראַכט דאָך נישט צו ווערן ווען ס'איז אַ תושב דאָ. ווען חוהלע האָט געלעבט איז די לאַגע געווען אַן אַנדערע. איצט אָבער — וועמען האָט ער דאָ? וואָס האָט ער דאָ? ארץ־ישראל איז דאָס לאַנד פון זיין אידעאַל, און דאָרט וועט ער שוין פאַרבלייבן!...

— ער ד אַ ר ף נישט וואַרטן. ער וו ע ט נישט וואַרטן. ער וועט דאָס לאָזן וויסן מאָרגן, אם־ירצה־השם, אַלעמען, און — אָפּפאָרן אַזוי שנעל, ווי נאָר מעגלעך.

צומאָרגנס, ביי דער לעצטער זיצונג פון דער קאָנווענשאָן, האָט שואליק געהאַלטן זיין פאָרטראָג אויף דער טעמע „רעליגיע אין ליכט פון וויסנ־שאַפט". ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט ער מודיע געווען, אַז ער פאָרט אָפּ אַהיים קיין ארץ־ישראל אין עטלעכע טעג אַרום, און ער האָט זיך האַרציק געזעגנט מיטן גאַנצן עולם.

קאַפּיטל פיר

א

זונטיק אָוונט, פאַרנדיק אין באַן פון אַטלאַנטיק־סיטי צוריק קיין ניו יאָרק, האָט שפּרהלע אויסגעמאַרקירט אַזוי, אַז זי זאָל קאָנען זיצן מיט שואליקן אין זעלבן וואַגאָן, און טאַקע אויף דערזעלבער באַנק.

זי האָט אין דער טאַקסי, אויפן וועג צו דער סטאַנציע געזאָגט סיידין:

— דו׳סט מיר מסתמא אַנטשולדיקן, סיידי טייערע, כ׳מוז זיצן לעבן שואליקן, כ׳דאַרף מיט אים עפּעס רעדן...

סיידי האָט נאָך אינדערפרי ביים אויפשטיין באַמערקט ווי די שפּרהלע איז עפּעס אויסערגעווייגלעך אויפגעהייטערט, בגילופנדיק.

שפּרהלע האָט ביים אַרומוואַשן זיך און ביים אָנטאָן זיך געהאַלטן אין איין אונטערזינגען. זי האָט נאָך אַלץ געפּילט דעם טעם פון שואליקס ליפּן, און ס׳איז איר געווען אַזוי גוט אויפן האַרצן...

אין עס־זאָל ביים מיטאָג, צווישן די לעצטע צוויי זיצונגען, איז שואליק צוגעקומען צום טיש, וואו שפּרהלע מיט סיידין זענען געזעסן, און זיך באַגריסט גאַנץ פריינטלעך. שפּרהלע האָט שואליקן געשענקט אַזאַ קוק, וואָס זאָל אים דערמאָנען אין זייער טיפן סוד. שואליק האָט איר קוק פאַרשטאַנען און אַ גרינגן שמייכל געטאָן. ס׳האָט אים איצט נישט געאַרט גאָרנישט. סיידוי וועט ער דאָך היינט ביי זיין רעפּעראַט מודיע זיין אַלעמען, אַז ער פאַרט אָפּ די טעג, וועט שוין שפּרהלע ממילא וויסן, און — פּטור אַן עסק. נאָכאַלעמען האָט ער זיך דאָך, חלילה, נישט פאַרפּליכטעט מיט גאָרנישט...

שפּרהלע איז אָבער געווען אויפן זיבעטן הימל. ביי איר איז די נעכטיקע געשעעניש געווען אַ סימן־טוב. און ווען שואליק האָט ביים סוף פון זיין רעפּעראַט געלאָזט וויסן, אַז ער פאַרט אָפּ קומענדיקע וואָך און זיך געזעגנט מיטן עולם, איז שפּרהלע געבליבן זיצן אַ געפּלעפטע. זי האָט אירע אויערן נישט געגלויבט. נישט געקאָנט און נישט געוואָלט גלויבן, ביז ער וועט דאָס א י ר אַ ל י י ן נישט זאָגן.

נאָכן שליסן די קאָנווענשאַן איז שפּרהלע אַריין מיט סיידין אין זייער צימער, זיך גענומען פּאַקן צו פאָרן צום באַן, און ס׳האָט אין איר געברענט כעס, צאָרן, ווייטיק, אַלץ אין איין פלאַם. אַזוי גאָר? דער שואליק איז נישט בעסער פון אַנדערע בחורים? און זי האָט געמיינט, אַז יעדע תנועה זיינע איז אויסגערעכנט. האָט זי זיך, הייסט עס, אָפּגענאַרט אין אים?... זי קאָן עס נישט צולאָזן צום געדאַנק! זי פאַרשטייט עס נישט! ערשט נעכטן ביינאַכט האָט ער דאָך איינגעשטימט צו בלייבן דאָ ביז נאָך אָקטאָבער. איז וואָס האָט אים געמאַכט פּלוצים איינגאַנצן זיך איבערצוקערן? וואָס זאָל דאָס מיינען? איז עס טרויער, צער, האַרצווייטיק — ער בענקט נאָך אַלץ נאָך חוהלען?

אָדער איז עס גאָר רוגז, צאָרן אויף א י ר — ער פילט זיך באַליידיקט דערפון, וואָס זי האָט געוואָגט צו קושן זיך מיט אים „גוט־נאַכט״ ?...

שפּרהלע האָט סיידין נאָך אַלץ נישט דערמאָנט אַ וואָרט וועגן דעם, וואָס ס׳איז נעכטן ביינאַכט צווישן איר מיט שואליקן פּאָרגעקומען. און סיידי האָט זי נישט געפרעגט גאָרנישט.

דער באַגאַזש־טרעגער האָט אַריינגעטראָגן שפּרהלעס און סיידיס וואַליזעס אין וואַגאָן. סיידי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ערשטן ליידיקן פּלאַץ, וואָס זי האָט געפונען. שפּרהלע אָבער איז אַוועק ווייטער. די אָנקומענדיקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געשטופּט, פאַרכאַפּט פּלעצער. זי האָט זיך גערוקט ווייטער, געזוכט, ביז זי האָט דערזען די באַנק, וואו שואליק איז געזעסן און זי איז אַהין צוגעקומען. לעבן שואליקן איז געזעסן אַ יונגערמאַן. זי איז געבליבן שטיין ווי אַנטוישט.

— אָ, מיס שעוויץ! איר האָט נישט קיין פּלאַץ? זעצט זיך דאָ! א י ך וועל מיר געפינען ערגעץ אַ פּלאַץ!... — מאַכט שואליק, אויפהייבנדיק זיך.

— ניין, ניין! — טוט זיך דער יונגערמאַן לעבן שואליקן אויך אַ הייב־אויף — איר קאָנט האָבן מיין פּלאַץ, מיס!

— טהענק יו, ווערי מאַטש!... — דאַנקט אים שפּרהלע האַרציק, און טוט אַ רוף דעם באַגאַזש־טרעגער — „רעד קעפּ, היער!״...

ווען די באַן האָט גערירט, האָט שפּרהלע אַ קוק געטאָן צו שואליקן מיט אַ שמייכל:

— כ׳האָף, אַז איר האָט גאָרנישט קעגן דעם, וואָס איך האָב זיך געזעצט לעבן אייך, מ י ס ט ע ר ה ר ־ ש ל ו ם!...

— אָ, מ י ס ש ע ו ו י ץ! אדרבא, כ׳בין זייער צופרידן! — טוט זיך שואליק אַ כאַפּ.

שפּרהלע האָט געטאָן אַ פאַרבייס די אונטערשטע ליפּ:

— אייער רעפעראַט איז געווען אויסגעצייכנט. אַן אמת מייסטערווערק. ס׳האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס כ׳האָב נישט געלערנט גענוג צו קאָנען גוט פאַרשטיין אַלץ, וואָס איר האָט גערעדט...

— איך האָב, דאַכט מיר, גערעדט גאַנץ פשוט, אין אַ זייער פּאָפּולערער שפּראַך.

— יאָ, געוויס איז אייער שפּראַך געווען קלאָר. אָבער אייערע ציטאָטן און משלים פון תלמוד האָב איך ליידער נישט פאַרשטאַנען. נאָר איין עפּיזאָד, וואָס איר האָט דערציילט פון אייער קינדהייט, האָט זיך מיר איינגעקריצט אין מוח...

— וואָסער עפּיזאָד מיינט איר?

— ווען איר האָט צום ערשטן מאָל געזען אויפן מאַרק אין וואַרשע אַ

מאַריאָנעטן־שפּיל. איר האָט געזען ווי די מאַריאָנעטן הייבן זיך אויף פון יענער זייט פון „שפּאַנישן ווענטל" און זיי באַוועגן זיך און זיי טאַנצן און זיי רעדן, האָט איר געמיינט, אַז דאָס טוען די ליאַלקעס מיט זייערע אייגענע כוחות. אַלס קינד האָט איר נישט געקאָנט זען, אַז פון יענער זייט ווענטל געפינט זיך עמיצער, וואָס פירט אָן מיט דעם שפּיל. איר זענט נישט געווען געניג הויך צו קאָנען אַריבערקוקן איבערן ווענטל... דאָס איז זייער אַ געלונגענער פאַרגלייך מיט יענע, וואָס דענקען, אַז די נאַטור פירט זיך מיט אירע אייגענע כוחות, ווייל זיי זענען נישט גענוג „הויך" צו קאָנען זען, אַז „פון יענער זייט נאַטור" איז פאַראַן אַ געטלעכער כוח, וואָס פירט אָן מיט איר... דאָס איז זייער אָריגינעל!...

— ס'איז אין אמתן נישט אַזוי אָריגינעל, ווי איר מיינט. איינער אַ רעליגיעזער פילאָזאָף, רבינו בחיי הייסט ער, האָט דאָס שוין לאַנג געזאָגט אין אַנדערע ווערטער. קיין שום מענטש מיט שכל — זאָגט ער — וועט נישט דענקען, אַז אַ טינטערל קאָן זיך איבערקערן און אַליין אָנשרייבן אַ שיין געשריפטס אויפן פּאַפּיר. עמיצער האָט געמוזט איינטונקען די פען אין טינט און פירן מיט איר. איז ווי קאָן מען זאָגן, אַז אַזאַ וואונדערלעך־איינ־געאָרדנטע נאַטור האָט זיך געשאַפן און פירט זיך פון זיך אַליין?... מיין עפּיזאָד איז געווען בלויז אַ נייער משל, אָבער דער געדאַנק איז כלל נישט קיין נייער...

שפרהלע האָט אַ שמייכל געטאָן פון זיין באַשיידנקייט און געזאָגט:

— פאַר מיר איז אייער פאַרגלייך געווען שפּאָגל־ניי! און... ספּעציעל דער סוף פון רעפעראַט איז פאַר מיר געווען אַ נייעס...

— וואָס מיינט איר, מיס שעוויץ?

— נעכטן בין איך געווען אונטערן איינדרוק, אַז איר האָט איינגעשטימט מיטן לאָיער גוטקין צו בלייבן דאָ ביז נאָך אָקטאָבער. און היינט האָט איר מודיע געווען עפנטלעך, אַז איר האָט באַשלאָסן אָפּצופאָרן אין עטלעכע טעג אַרום. דאָס איז ביי מיר געווען אַ נייעס. און נישט קיין פריילעכע נייעס, מוז איך זיך מודה זיין... — פאַררויטלט זיך שפרהלע.

— מיס שעוויץ! כ'האָב נאָך ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש אייך געזאָגט, אַז איך האָב בשום אופן נישט בדעה צו פאַרבלייבן דאָ אין אַמע־ריקע. ווי ליב כ'האָב נישט אָט די פרייע מדינה, איז מיין אידעאַל פאָרט נאָר ארץ־ישראל, אונדזער היסטאָריש לאַנד. איך מוז פאָרן צוריק אַהין. דאָס לאַנד רופט מיך. איז, ווי זאָגט מען אין ענגליש, „וואָט'ז די יוז?" כ'וועל סיווי נישט האָבן קיין שאַנס צו ווערן אַן אַמעריקאַנער בירגער!... חוץ דעם — אין מיין לאַגע איצט פיל איך, אַז כ'וועל קיין נשמה־רו נישט האָבן ביז כ'וועל קומען קיין ארץ־ישראל. און וואָס פריער — אַלץ בעסער...

— יאָ, — גיט שפּרהלע אַ זיפץ — ס'איז לכתחילה געווען אַ גרויסער טעות פון אייך צו קומען קיין אַמעריקע...

— כ'בין נישט געקומען. מ'האָט מיך געפירט... — שמייכלט שואליק.

— ווער?

— די השגחה!

— כ'גלויב אויך אין השגחה...

— נו, האָט איר דאָך שוין דעם תירוץ.

— אָבער ווי אַזוי ווייסט איר איצט, אַז די השגחה הייסט אייך אָפּפאָרן פון אַמעריקע?

— ווייסן ווייס איך טאַקע נישט. נאָר ווען כ'זאָל אייך דערציילן ווי אַזוי די השגחה האָט מיר „אָנגעוואונקען" דערויף, וואָלט איר געלאַכט פון מיר...

— לאַכן פון אייך? חלילה! דערציילט, דערציילט מיר, שואליק, כ'בין שטאַרק נייגעריק צו וויסן. איך וויל לערנען פון אייך...

— מיס שעוויק, איך בין פון דער נאַטור אַ מיסטיקער. איך גלויב, אַז אַלץ ווערט באַשטימט פון דעם געטלעכן כוח. מיר קאָנען אָטאָ־דעם כוח נישט זען און אָנווייזן אויף אים מיטן פינגער. מיר האָבן אַפילו קיין באַגריף נישט וועגן אים. אָבער — אַז ער איז פאַראַן, איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישט... נעכטן, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך צעשיידט, האָב איך זיך אָוועקגע־זעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו אייך...

— צו מיר אַ בריוו? — טוט שפּרהלע אַ שפּרונג־אונטער — וואו־זשע איז ער?

— כ'האָב אים צעריסן.

— פאַרוואָס האָט איר דאָס געטאָן, שואליק? — מאַכט שפּרהלע מיט פאַרדראָס.

— כ'האָב זיך באַדענקט, אַז ס'איז גלייכער צו רעדן, ווי צו שרייבן.

— לאָמיר לפּחות וויסן וואָס איר האָט מיר געשריבן?

— כ'האָב געשריבן, אַז „כ'האָב באַשלאָסן אָפּצופאָרן אַהיים קומענ־דיקע וואָך"... און אָטאָ־דאָ ליגט דער וואונק פון דער השגחה, וועגן וועלכן כ'האָב אייך געזאָגט. אָט דידאָזיקע לעצטע ווערטער — „קומענדיקע וואָך" — האָט די פעדער מייַנע געשריבן אָן מיין וויסן...

— וואָס מיינט איר אָן אייער וויסן?

— פּשוט. עפּעס ווי אַ פאַרבאָרגענער כוח האָט געפירט מיט מיין פעדער און איר געזאָגט: שרייב, אַז „כ'וועל אָפּפאָרן קומענדיקע וואָך". און באַלד נאָכן אָנשרייבן האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן אָן מיין וויסן... דאָס הייסט, אַז ס'איז געווען אַ נייעס אויך פאַר מ י ר אַליין...

— זאָגט מיר, שואליק, וועל איך אייך נאָך קאָנען זען פאַר אייער אָפּפאָר?

— לײדער, מיס שעװיץ!...

די באַן איז אָנגעקומען קײן ניו יאָרק. שואליק האָט דערלאַנגט שפּרהלען די האַנט —

— זײט געזונט, מיס שעװיץ! איך װינטש אײך גליק און פרײד!...

שפּרהלע האָט נישט געקאָנט ענטפערן אַ װאָרט. ס׳האָט איר פאַרקלעמט בײם האַרצן. אירע אױגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

אױף דער פּלאַטפאָרמע האָט סײדי זי דערזען און אַ רוף געטאָן. זײ האָבן בײדע גענומען אַ טאַקסי און געפאָרן אַהײם.

ב

דער לאָיער גוטקין האָט אָפּגעװאַרט שואליקן אױף דער פּלאַטפאָרמע פון דער „פּענסילװאַניע־סטאַנציע״. ער האָט דערזען שואליקן שפּאַנען מיט זײן װאַליזע אין דער האַנט, אײנער אַלײן, האָט ער אים אַ רוף געטאָן:

— מיסטער הר־שלום! װאַרט אַ מינוט!

גוטקין איז צוגעקומען, אָנגענומען שואליקן אונטערן אָרעם און געשפּאַנט מיט אים צװישן דער געדיכטער פּאַסאַזשירן־מאַסע אין דעם באַלױכטענעם טונעל, װאָס פירט צום װאָקזאַל.

— איר װײסט װאָס, שואליק? לאָמיר אַרײנגײן דאָ אין קאַפע־רעסטאָראַן, װעלן מיר טרינקען אַ טעפּעלע קאַװע און קאָנען רעדן. מאָרגן איז דאָך מאָנטיק. איר׳ט זײן פאַרנומען אין שאַפּ. איכ׳ל זײן פאַרנומען אין געריכט. מיר׳ן זיך נישט קאָנען זען...

דער קאַפע־רעסטאָראַן פון װאָקזאַל איז געװען געפּאַקט. אין דער לופט איז געהאָנגען אַ דורכזיכטיק־בלױער נעפּל פון ציגאַרן־רױך אַנטקעגן די טאָגיק־ליכטיקע פלואָרעסצענט־לאָמפּן. ס׳האָט דאָרט געשמעקט מיט קאַװע, מיט טאַבאַק און מיט פרישע געבעקסן. גוטקין און שואליק האָבן זיך אַװעק־געזעצט, אַװעקגעלײגט זײערע װאַליזעס אונטער זײער טישל, און באַשטעלט קאַװע מיט עפּל־קוכן.

— שואליק — האָט גוטקין גענומען רעדן — כ׳דאַרף אײך נישט זאָגן, כ׳בין אײך אַן אמתער פרײנד, כ׳מײן, אַז איר װײסט עס...

— קײן ספק נישט בײ מיר.

— פאַרשטײט איר דאָך, אַז כ׳האָב זיך באַמיט פאַר אײך אין װאַשינגטאָן נישט אַלס לאָיער, נאָר אַלס פרײנד. און כ׳בין געװען שטאַרק צופרידן, װאָס מײן מי איז געװען אַ דערפאָלג. עפּעס אַ קלײניקײט הײנטיקע צײטן פון דער באַגרענעצטער „קװאָטע״ צו באַקומען אַן אַמעריקאַנער װיזע. װיפל מיליאָנען מענטשן אױף דער גאָרער װעלט װינטשן זיך צו קאָנען שטעלן אַ פוס אױף דער אַמעריקאַנער ערד! — װער שמועסט צו קאָנען װערן אַן אַמעריקאַנער בירגער — דאָס איז דאָך אַװדאי אַ גליק. איר װײסט עס אַזױ גוט װי איך!

— געוויס ווייס איך.

— ערשט אייערנעכטן, ווען מיר האָבן גערעדט אויפן „באָרדוואָק", האָט איר איינגעשטימט, דאַכט מיר, צו בלייבן דאָ ביז איר'ט קאָנען אַרויסנעמען אייערע ערשטע „בירגער־פּאַפּירן". און היינט, נאָך אייער רעפּעראַט, האָט איר פּלוצלינג זיך געזעגנט מיטן עולם און מודיע געווען, אַז איר פאָרט אָפּ קומענדיקע וואָך. כ'בין געווען דערשטוינט צו הערן דאָס. לויט כ'קען אייך, זענט איר אַ געשטעלטער מענטש, אַ מענטש מיט ישוב־הדעת, איז וואָס האָט אייך געמאַכט מיטאַמאָל צו בייטן אייער באַשלוס?...

שואליק האָט געשוויגן אַ וויילע, געקוקט אין זיין טעפּל קאַווע פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך געיִשובט וואָס צו ענטפערן, און אַ זאָג געטאָן:

— פריינד גוטקין, די גמרא זאָגט: „אין אדם נתפס על צערו" — מ'קאָן נישט כאַפּן אַ מענטש ביי זיין וואָרט, ווען ער איז אין צער, ווען ער לעבט איבער אַ טראַגעדיע...

— כ'ווייס. כ'פאַרשטיי אייך, שואליק. איר דאַרפט אָבער נישט פאַרגעסן, אַז ווי שווער אייער לאַגע זאָל נישט זיין, טאָרט איר נישט פאַרלירן אַזאַ געלעגנהייט. שפּעטער קאָנט איר, חלילה, זיין פון די „צועקין ואינם נענין" — איר'ט שפּעטער בעטן און מ'וועט אייך נישט ענטפערן... איצט שטייט איר מיטביידע פיס אין אַמעריקע. שפּעטער — ווער ווייסט?...

— אָן חוהלען באַקומט מיר נישט אַמעריקע, פריינד גוטקין! — טוט שואליק אַ זיפץ — אַדרבא אַמעריקע מאַכט מיך קראַנק. מיינע נערוון זענען צעשרויפט. מיינע טעג — פול מיט אומרו. מיינע נעכט — פול מיט קאָשמאַרן...

— גייט מען אַריין צו אַ דאָקטאָר...

— מיר וועט קיין דאָקטאָר נישט העלפן. מיר קאָן נאָר העלפן אַן אַנדער אַטמאָספער, אַן אַנדערע סביבה. כ'ווייס עס גוט.

— דער ענין איז צו ערנסט, שואליק. געדענקט, טראַכט זיך גוט־גוט איבער. איך ראָט אייך, ווי מיין אייגענעם ברודער!

— איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער אינטערעסירן זיך מיט מיין צוקונפט, פריינד גוטקין. אָבער — כ'האָב באַשלאָסן אָפּצופאָרן, און כ'האָף, אַז דער אייבערשטער וועט מיך פירן צו גוטן.

זיי האָבן זיך געזעגנט און צעשיידט.

ג

אין ניו יאָרק איז דער סוף־אויגוסט־אָוונט געווען אַ קילבלעכער. די שטאָט איז געשטאַנען זונטיקדיק שטיל. די גאַסן — פוסט. די קראָמען — טויב. דער פאַרקער — שיטער.

שפּרהלע און סיידי זענען געזעסן אין דער לויפנדיקער טאַקסי פאַר־

רוקט אין די ווינקלען, ווייט אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער, ביידע איינגעגנורעטע אין זייערע זומערדיק־גרינגע רעקעלעך, ביידע שווייגנדיקע.

איטלעכע פון זיי האָט געהאַט אַזויפיל צו פרעגן, צו דערציילן, און קיין איינע פון זיי האָט נישט געקאָנט עפּענען ס׳מויל אויסצורעדן אַ וואָרט. גלייך ווי עמיצער וואָלט זיי ביידן אָנגעהאָנגען שלעסער אויף זייערע מיילער...

סיידי האָט זיך מיטאַמאָל צעלאַכט, ווי זי וואָלט מיטן געלעכטער געוואָלט פאַרטרייבן די ערנסטקייט פון דעם מאָמענט, און אַ זאָג געטאָן אין שפּאַס:

— מיר זענען ברוגז צווישן זיך, שפרהלע? איך ווייס נישט. אפשר ווייסט דו?... פאַרוואָס זיצן מיר עפּעס ווי אַ צעקריגט פּאָרפאָלק?...

— ברוגז — מאַכט שפרהלע — בין איך בלויז אויף זיך אַליין... כ׳וואָלט זיך אַליין איצט באַדאַרפט אויספּאַטשן...

— פאַרוואָס?

— דערפאַר וואָס אַליין האָב איך קיין שכל נישט, און צו קיין קלוגערע פון מיר הער איך זיך נישט צו...

— הער מיך אויס, שפרהלע. כ׳ווייס נישט וואָס צווישן דיר און שואליקן איז פאָרגעקומען. איך האָב דיך נישט געפרעגט, און דו האָסט מיר נישט דערציילט. כ׳ווייס אָבער יאָ, אַז דו פילסט זיך איצט אַנטוישט אַביסל...

— אַביסל?... — טוט שפרהלע אַ זיפץ.

— גלייב מיר, טייערע, אַז איך האָב געטאָן אַלץ צו פאַרהיטן דיך דערפון.

— כ׳ווייס. כ׳ווייס.

— ניין, דו ווייסט נישט!

— וואָס מיינסטו? כ׳ווייס נישט, אַז דו האָסט בכוונה מיך געוואָלט באַקענען מיט אַנדערע יונגעלייט?...

— איך... — הלמאי זאָל איך לייקענען — איך האָב זיך באמת געשראָקן. איך קען שואליקן און איך קען דיך. שואליק האָט אַ ווייכן כאַראַקטער. און דו — דו קאָנסט אָננעמען זיין ווייכקייט אַלס „גוט געלט״, ווי מ׳זאָגט, און זיך גלייך צוקלעפּן צו אים מיט דיין גאַנצער נשמה. און דער סוף קאָן זיין — ביטערע אַנטוישונג... אָט אָ־דאָס האָב איך געוואָלט פאַרהיטן. דו ווייסט עס נישט...

— כ׳ווייס. כ׳ווייס יאָ!...

— ווי אַזוי ווייסטו?

— שואליק אַליין האָט דאָס מיר דערציילט. דו האָסט אים געוואָרנט.

— ער האָט דיר דאָס דערציילט? אַ חידוש אויף שואליקן.

— ווען איך וועל דיר דערציילן וואָס צווישן אונדז איז פאָרגעקומען, וועסטו זיך נאָך מער חידושן אויף אים...

— טאַקע ? וואָס אַשטייגער ?

— נעכטן ביים צעשיידן זיך האָט ער זיך מיט מיר צעקושט „גוט־נאַכט"...

— מיין נישט, אַז כ'האָב נישט דערקענט אין דיר. נאָר כ'האָב דיך נישט געוואָלט פרעגן, שפרהלע. דו דאַרפסט נישט זיין אַנטוישט! גלייב, אַז ס'איז נישט באַשערט!... פאַרגעס! פאַרגעס!...

שפרהלע האָט שטאַרק פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, געגומען פינטלען מיט די אויגן, ווי צו פאַרהאַלטן די טרערן, און אַ טיפן זיפץ געטאָן.

די טאַקסי איז פאַרבייגעפאָרן יוניאָן־סקוועד, דורכגעשניטן פערצנטע סטריט, און איז אַרויף אויף בראָדוויי. דער טרייבער האָט אַ רוק געטאָן ס'כּענצטערל, וואָס צווישן אים און די פּאַסאַזשירן, און אַ פרעג געטאָן וועמען פון זיי ביידע זאָל ער צופירן אַהיים פריער. סיידי האָט אים געענט־פערט, אַז ער זאָל פריער צופירן שפרהלען. און צו שפרהלען האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— כ'וויל זיין זיכער, אַז כ'האָב דיך געבראַכט אַהיים בשלום...

— דו זאָרגסט זיך נאָר פאַר מ י ר!

— פאַר ז י ך האָב איך נישט וואָס צו זאָרגן. מיך וועט קיינער נישט אויסכאַפּן. ווער דאַרף אַזאַ „מציאָציע" ?...

— א י ך דאַרף דיך בפירוש יאָ!

— אָ, שפרהלע טייערע! — האָט סיידי זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך.

די טאַקסי איז צוגעקומען צו דעם ראַג פון קאַנאַל און דער בויערי און געבליבן שטיין, וואַרטנדיק אויפן גרינעם טראַפיק־סיגנאַל. אַ שיכורער פאַרשוין איז פון ערגעץ צוגעקומען צום אָפענעם פעצנטערל פון דער טאַקסי און געבעטן אויף אַ טעפּעלע קאַווע. דער טאַקסי־טרייבער האָט זיך אָנגעש־בייזערט אויף אים. שפרהלע האָט אָבער באַלד אַרויסגענומען פון בייטל אַ זילבערנע מטבע און אים דערלאַנגט.

— טאַקע אַ „טרעמפּ", אָבער פאַרט אַ רחמנות!... — מאַכט זי צום טאַקסי־מאַן.

— אָ, איך האָב אויף דער „חברה" קיין רחמנות נישט. זיי זענען נישט קראַנק צו אַרבעטן און פאַרדינען, נישט בעטלען און שיכורן...

— ווער ווייסט וואָס ס'האָט אים געטריבן צו דעם, — מאַכט שפרהלע — אפשר אַ גרויסע אַנטוישונג אין לעבן...

— מיר אַלע לעבן איבער אַנטוישונגען, — מאַכט דער טאַקסי־מאַן — איינער איז אַנטוישט פון אַ דורכגעפאַלענער ליבע, אַ צווייטער — פון אַנדערע דורכפאַלן. דאָך ווערן מיר נישט אַלע שיכורים און טרעמפּס.

מ׳שליינגט אַראָפּ די ביטערע פּיל און מ׳גייט ווייטער אָן מיטן לעבן...

— גערעכט, — מאַכט סיידי — דאָס איז די ריכטיקע „פילאָזאָפיע״!...

ד

שפּרהלע איז אַריין אין הויז מיט אַ מינע פון צופרידנקייט. זי האָט געוואוסט, אַז ווי שפּעט אין דער נאַכט זי זאָל נישט אָנקומען וועלן אירע עלטערן זיצן און וואַרטן אויף איר. און אַזוי איז געווען. זי האָט ביידע עלטערן געטראָפן אין גאַסט־צימער.

דער פאָטער, אין זיידענעם שלאַפראָק מיט דער יאַרמאַלקע אויפן קאָפּ, איז געזעסן ביים טיש, אַריינגעקוקט אין מדרש־רבה. די מוטער, אין איר גרינעם שטוב־כאַלאַט, איז געזעסן אין ווינקל אויף אַ וויכן שטול, און געדרימלט.

דערזעענדיק שפּרהלען אַריינקומען, האָבן ביידע זיך אַ כאַפּ־געטאָן און זיך געלאָזט איר אַנטקעגן.

— כ׳פרעג אייך, צו וואָס איז דאָס זיצן און וואַרטן אויף מיר? — שמייכלט שפּרהלע — איר האַלט מיך נאָך אַלץ פאַר אַ קליין מיידעלע...

— קליין, גרויס, וואָס איז די נפקא־מינא? — מאַכט די מוטער — וואַרט, אַז דו וועסט האָבן אַ טאָכטער, וועסטו זען צי דו וועסט זיין אַנדערש...

— כ׳האָב געהאַט אַ גוטע שומרטע. סיידי האָט מיך נישט געלאָזט אַליין. זי האָט מיך צוגעפירט מיט דער טאַקסי ביזן הויז.

— זייער פיין. לאַנג לעבן זאָל זי טאַקע דערפאַר!... נו, און ווי האָט איר עפּעס פאַרבראַכט אין אַטלאַנטיק־סיטי?

— זייער גוט! געווען דאָרט אַ זייער פיינער „קראַוד״. אַ יונגער, אינטע־ליגענטער עולם, און די קאָנווערסאַציע אויך זייער אינטערעסאַנט...

דער פאָטער האָט געשוויגן, געהערט, און געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף שפּרהלען, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס לייענען אויף איר פּנים.

די מוטער האָט פאַר שפּרהלען דערוואַרעמט אַ גלאָז מילך מיט שאָקאָלאַד, און אַלע זענען געגאַנגען שלאָפן.

שפּרהלע איז געווען מיד, נישט־אויסגעשלאָפן. זי האָט זיך אַריינגע־וואָרפן אין בעט און נישט געוואָלט איצט טראַכטן פון גאָרנישט. די געדאַנקען זענען איר אָבער פאָרט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם טאַקסי־מאַנס ווערטער, אַז „מ׳דאַרף אַראָפּשלינגען די ביטערע פּיל און אָנגיין ווייטער מיטן לעבן״, און זי האָט אַ טראַכט געטאָן ווי קלוג און פּראַקטיש דאָס איז. דאָס איז די ריכטיקע „פילאָזאָפיע״, ווי זאָגט סיידי... די אויגן־לעדלעך האָבן זיך צוגעשלאָסן, די געדאַנקען האָבן זיך אויסגע־דאַמפּט, זי איז באַלד איינגעשלאָפן און רויק אָפּגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט.

צומאָרגנס, מאָנטיק אינדערפרי, האָט סיידי דערזען שפרהלען אין אָפּיס אַ מונטערע, אַ מוטיקע, און ס׳האָט איר שטאַרק הנאה געטאָן. זי האָט איצט געקוקט אויף שפרהלען ווי אויף אַ מענטש מיט שכל, מיט ווילנסקראַפט, און זי איז ביי איר אין די אויגן איצט געשטאַנען אַ סך העכער ווי פריער...

דעם גאַנצן פרימאָרגן זענען ביידע געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט אין אָפּיס. זיי האָבן קיין צייט נישט געהאַט צו רעדן וועגן פּערזענלעכע זאַכן. מיטאָג־צייט, ווען זיי זענען ביידע אַריין אין קאַפעטעריע עסן „לאָנטש״, האָט איטלעכע פון זיי געפילט ווי אויסצולאָדן אַלע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך ביי זיי אָנגעקליבן ביז איצט.

— ווי איז זיך דיר עפּעס געשלאָפן, שפרהלע?

— אַזוי ווי נאָך אַ באָד!

— און איך האָב דווקא נישט געקאָנט שלאָפן.

— פאַרוואָס, סיידי?

— כ׳האָב אַלץ געטראַכט פון דיר, שפרהלע...

— אַלץ פון מיר? וואָס אַ שטייגער האָסטו געטראַכט?

— דיין ערגערניש נעכטן ביינאַכט האָט מיך נישט געלאָזט רוען...

— כ׳האָב זיך טאַקע געערגערט. שואַליקס האַנדלונג האָט מיר זייער וויי געטאָן. נאָר דו׳סט גאָרנישט טרעפן ווער ס׳האָט מיך באַרויקט.

— איך קאָן זיך וועטן מיט דיר, אַז כ׳וועל יאָ טרעפן, שפרהלע.

— לאָמיך הערן!

— דער טאַקסי־מאַן!... — האָט סיידי זיך צעלאַכט.

— אמת. ריכטיק. כ׳זאָג דיר, סיידי, אַז ס׳איז עפּעס געווען אַ באַשערטע זאַך... ווען דער טאַקסי־מאַן האָט נעכטן גערעדט איז עס מיר לחלוטין נישט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין. כ׳האָב געהערט און נישט געהערט. ערשט פאַרן שלאָף האָב איך צעקייט זיינע ווערטער, זיין פילאָזאָפישן זאָג, אַז „מ׳דאַרף אַראָפּשלינגען די ביטערע פּיל און אָנגיין ווייטער מיטן לעבן״. אַזוי האָב איך געטאָן און בין איינגעשלאָפן רויק און בין אויפגעשטאַנען רויק...

— גלייב מיר, שפרהלע, אַז כ׳האָב דיך דערזען היינט אינדערפרי אַ רויקע, מיט אַ גרינג געמיט, האָט זיך אין מיר מיין האַרץ געפרייט. כ׳שעץ דיך פאַר דיין קלוגשאַפט און זעלבסטבאַהערשונג!

— לאָמיר נישט רעדן דערפון מער, סיידי. כ׳וויל דיר בעסער זאָגן עפּעס, וואָס וועט דיר נאָכמער הנאה טאָן. כ׳האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ חברה פון דעם „יאָנג איזראַעל״. און כ׳וועל קומען היינטיקן שבת צום דאַווענען אין שול...

— אָ, שפרהלע! — מאַכט סיידי אַ באַגייסטערטע — ס׳איז ביי מיר באמת די בעסטע בשורה. אָט אָ דאָס איז דער ריכטיקער וועג, טייערע! אָבער...

— אָבער וואָס ?

סיידי האָט געגומען רייבן דעם שטערן, ווי אויף אַ שווער מאַטעמאַטיש פּראָבלעם. דער קומענדיקער שבת האָט באַדאַרפט זיין שואליקס לעצטער שבת אין שול. און נאָך פאַרנדיק אין באַן צוריק פון אַטלאַנטיק־סיטי, האָט די אַדמיניסטראַציע באַשלאָסן צו מאַכן אַ קידוש אין שול לכבוד זיין אָפּשייד. מ׳האָט עס געגרופן „שואליקס שבת״. איצט איז סיידי געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. זי האָט זייער נישט געוואָלט, אַז שפּרהלע זאָל אין אָט דעם שבת קומען אין שול אַריין.

— שפּרהלע, שואליק וועט דאָך היינטיקן שבת נאָך זיין אין שול ביי אונדז. דענקסטו נישט, אַז ס׳איז אפשר גלייכער פאַר דיר אָפּצוואוואַרטן ביז ער וועט אָפּפאָרן...

— מיך אַרט נישט, אַז שואליק וועט זיין אין שול.

— כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳וועט דיר זיין אַביסל פּריקרע...

— סיידי, כ׳האָב שוין די „ביטערע פּיל״ אַראָפּגעשלונגען !

— און אפשר וועט דאָס א י ם נישט זיין אָנגענעם ?

— כ׳זע נישט אין פאַרוואָס... יעדנפאַלס, א י ך וועל צו אים נישט צוגיין. וועט ע ר צוקומען און זיך באַגריסן מיט מיר — מהיכי־תיתי. אויב נישט — אַרט מיך אויך נישט.

— דו מיינסט עס טאַקע, שפּרהלע ?

— כ׳פאַרזיכער דיר, סיידי, אַז כ׳מיין עס ערנסט !

שפּרהלעס פאַרזיכערונג האָט אָבער סיידין נישט צופרידנגעשטעלט. סיידי האָט אויסגעהערט און זיך געשטיקט אינעווייניק. זי האָט די שפּרהלען ווידעראַמאָל נישט געקאָנט תופס זיין, וואָס זי וויל דווקא אָנהייבן קומען אין שול אַריין, ווען שואליק וועט נאָך זיין דאָרטן.

פרעגן זי האָט סיידי נישט געוואָגט. דאָס הייסט דאָך קריכן איר אין האַרצן אַריין. זי האָט פאָרט נישט געקאָנט בלייבן רויק. זי האָט גוט פאַרשטאַנען ווי אומאָנגענעם אָט די באַגעגעניש קאָן איצט זיין פאַר ביידע, סיי פאַר שפּרהלען און סיי פאַר שואליקן. און זי האָט איצט קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, ווי נאָר צו לאָזן וויסן שואליקן וועגן דעם. זאָל ער זיין צוגעגרייט און באַטראַכטן ווי צו האַנדלען.

אין אָוונט, דעמזעלבן טאָג, איז סיידי אַוועק צו די יאַקירס צו זען זיך מיט שואליקן. זי האָט אים געטראָפן זיצן צוזאַמען מיט די יאַקירס אין גאַסט־צימער.

שואליק איז געוואָרן אַביסל צעטומלט. דער געדאַנק האָט אים גלייך אַ שלאָג געטאָן, אַז סיידיס אומגעריכטער וויזיט מוז עפּעס האָבן צו טאָן מיט שפּרהלען. ער האָט זיך אָבער צוגעגעבן מוט און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל :

— מיט וואָס האָב איך פאַרדינט דעם כבוד, אַז מיס גרין זאָל מיר אָפּשטאַטן אַ וויזיט?

— דער כבוד איז מ יי נ ע ר, מיסטער הר־שלום! — האָט סיידי צוריק געשמייכלט — איך בין געקומען מיט אייך רעדן וועגן אַ וויכטיקן ענין.

— קומט אַריין צו מיר אין צימער וועלן מיר רעדן.

ביידע האָבן זיך אַנטשולדיקט פאַר די יאַקירס און זיי זענען אַריין אין שואליקס צימער. שואליק האָט צוגעמאַכט די טיר, דערלאַנגט סיידין אַ בענקל, און גלייך אַ פרעג געטאָן:

— וועגן וואָס האַנדלט זיך עס, מיס גרין?

— וועגן שפּרהלען... — האָט זי אַ זאָג געטאָן שטיל.

— כ׳האָב פאַרשטאַנען!

— זי וויל קומען היינטיקן שבת אין שול אַריין...

— איך האָב זיך מיט איר שוין געזעגנט!

— כ׳וויס. זי האָט מיר אַלץ דערציילט. נישט צוליבן געזעגענען זיך מיט אייך וויל זי קומען. זי האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ חברה אין יאַנג איזראַעל...

— אָ, מיס גרין. אפשר קאָנט איר אַזוי מאַנעוורירן, אַז זי זאָל דאָס אָפּלייגן אויפן צווייטן שבת?

— כ׳האָב עס שוין אַליין פּרובירט טאָן. ס׳איז מיר אָבער נישט געלונגען.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן? עס איז מיר זייער נישט אָנגענעם, מיס גרין. א י ך וועל זיך פילן זייער שלעכט. און איך וויס, אַז די שפּרהלע וועט זיך אויך ערגערן. אָט די באַגעגעניש וועט זיין אַן אָפּקומעניש פאַר אונדז ביידע...

— כ׳וויס דאָס, מיסטער הר־שלום. אָבער כ׳קאָן, צום באַדויערן, גאָר־נישט העלפן דערצו...

קאַפּיטל פינף

א

שואליק האָט גלייך גענומען מאַכן הכנות צום אָפּפאָרן.

ס׳ערשטע האָט ער געפונען פאַר נייטיק צו לאָזן וויסן דערפון ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער, פאַרשטייט זיך.

מאָנטיק, איידער מ׳האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, האָט שואליק אים אַ פרעג געטאָן:

— ר׳ שלמה־שעיה, איר׳ט האָבן מיטאָג־צייט אַ פּאָר פרייע מינוט פאַר מיר? כ׳דאַרף מיט אייך עפּעס רעדן.

ר׳ שלמה־שעיה האָט געמיינט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן עפּעס אַ שאָפּ־אינטערעס. שואליק איז דאָך זיין „פאָרמאַן״ אַצינד. און ער האָט אים גלייך געענטפערט:

— גוט, שואליק. דו׳סט גיין מיט מיר עסן אין רעסטאָראַן אויף ברום־סטריט, און דאָרט וועלן מיר קאָנען רעדן.

— נישט נייטיק, ר׳ שלמה־שעיה. כ׳האָב נישט קיין סך צו רעדן...

מיטאָג־צייט האָט ר׳ שלמה־שעיה אים אַריינגערופן אין אָפיס און אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס אַזוינס ווילסטו מיר זאָגן, שואליק?

— כ׳וויל אייך לאָזן וויסן, ר׳ שלמה־שעיה, אַז כ׳האָב באַשלאָסן אָפּצו־פאָרן אַהיים.

— ווּעססס? — טוט זיך ר׳ שלמה־שעיה אַ כאַפּ — וואָס עפּעס פון דער העלער הויט? מיר האָבן דאָך אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָר!

— ס׳טוט מיר זייער לייד, ר׳ שלמה־שעיה! ווען איך האָב מיט אייך געמאַכט דעם קאָנטראַקט איז מיין לאַגע געווען גאָר אַן אַנדערע... — טוט שואליק אַ זיפץ.

— נו, איז דעריבער?

— איצט, ביי מיין מצב, קאָן איך דאָ לענגער נישט פאַרבלייבן... מיינע נערוון זענען צערודערט. איר קאָנט אויף אַזויפיל נישט וויסן...

— וואָס הייסט, כ׳קאָן נישט וויסן? וואָס בין איך — אַ מלופן־קינד? כ׳ווייס גוט וואָס דו האָסט איבערגעלעבט. כ׳פאַרשטיי גוט ווי דו פילסט זיך. אָבער ווי שטייט אין פסוק: „השם נתן והשם לקח״ — דער אייבער־שטער האָט געגעבן און דער אייבערשטער האָט צוגענומען... שואליק, דו ביסט נאָך יונג. ס׳גייט דיר ערשט צום לעבן. דו טאָרסט זיך נישט רויִנירן, הלילה!

— יאָ. אמת. אוודאי. אָבער כ׳קאָן זיך בשום אופן נישט באַרויִקן.

—הער מיך אויס, שואליק. כ׳בין נישט אַזאַ בטלן, ווי דיר דאַכט זיך... אָבער — אפילו נאָך אַ ווייב, ס׳זאָל נישט טרעפן ביי קיינעם, קאָן מען אויך נישט נאָכשטאַרבן. בפרט נאָך אַ כלה... כ׳מיין צו זאָגן — דער הימל איז נישט ביי דר׳ערד... כ׳דאַרף דיר דען אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל?...

— אַז כ׳האָב אַזוי באַשלאָסן, ר׳ שלמה־שעיה, איז עס מסתמא אַזוי דער רצון פון השם־יתברך...

— טאַ! איך זאָג דיר ווי ס׳טראָגט מיר מיין שכל. דו, פאַרשטייט זיך, קאָנסט דיר טאָן לויט דיין שכל. זאָל דער רבונו־של־עולם דיר העלפן ווי דו ווילסט!

די חברים־אַרבעטערס אין שאָפּ, די יאַקירס און די האָפּקינסעס האָבן אויך פּרובירט אָפּצורעדן שואליקן פון צו פאָרן צוריק אַהיים. ער איז אָבער איצט געבליבן פעסט ביי זיין באַשלוס. ער האָט באַשטעלט אַ שיפסקאַרטע. ער האָט אויך אַוועקגעשיקט אַ „קייבלגראַם" צו זיינע עלטערן קיין ארץ־ישראל, אַז ער וועט די טעג אַרויספאָרן.

ב

די לאַגע אין ארץ־ישראל איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן ערגער, געפערלעכער.

דער געוועזענער ירושלימער מופטי, דער אַרכי־שונא־ישראל, איז געזעסן פאַרבאָרגן ערגעץ אין סיריע, און ווי אַ גיפטיקע שפּין געוועבט זיין נעץ קעגן די יידן פון ארץ־ישראל.

דער ענגלישער אוזורפּאַטאָר, פון זיין זייט, האָט אויך געטאָן אַלערליי פּסלנותן אויפצורייצן די אַראַבישע מאַסן קעגן די ציוניסטישע אַספּיראַציעס.

לויטן אַלט־אַלטן כלל „צעטייל און הערש", האָט דזשאָן בול געהאַלטן אין איין פּראָוואָצירן די אַראַבער קעגן די יידן. ער האָט אָפּגעשניטן דעם גרעסטן און וויכטיקסטן טייל פון ארץ־ישראל, דעם „עבר הירדן", און דאָרט אַוועקגעזעצט אַ קעניג, אַלס אַ מעסער אין דער זייט פון דער „בת־ציון", זי זאָל נישט קאָנען זיך אַ ריר טאָן. ער האָט געשאַפן אַן „אַראַבישע ליגע", כדי צו האַלטן ארץ־ישראל פאַרשמידט ווי אין קייטן.

עטלעכע וואָכן כסדר האָבן זיך אין ארץ־ישראל געטראָגן קלאַנגען, אַז עפּעס ווערט געגרייט קעגן ישוב. יידן האָבן נאָך גוט געדענקט די אַראַבישע ווילדקייטן פון יאָר ניינצן־איין־און־צוואַנציק און די יידישע קרבנות, וואָס זענען דאָ געפאַלן. די אומרו איז געווען גרויס. די יידישע זעלבסטשוץ האָט זיך נישט געקאָנט נאָך גוט אָרגאַניזירן צוליב דער ענגלישער אַרמיי. זי איז געשטאַנען ווי אַ שטן און נישט דערלאָזט יידן צו באַוואָפענען זיך און זיין גרייט צו באַשיצן זיך פאַר אַן אָנפאַל.

דאָס פייער פון האַס און פּראָוואָקאַציע, וואָס האָט ביז איצט געברענט אין באַהעלטעניש, האָט מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אין אַן אָפענער שריפה. די צעווילדעוועטע אַראַבישע מאַסן האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון אַלע עקן מיט קאַלטן און הייסן געווער און אָנגעפאַלן אויף די יידישע ישובים, ווי צערייצטע וואַלד־חיות.

דער פּאָגראָם־שטורעם איז געווען שרעקלעך גרויס. די מדבר־פּראים האָבן מיט פייער און שווערד חרוב געמאַכט איין ישוב נאָכן צווייטן. גאַנצע פאַרמעגנס אין גליל און עמק, וואָס יידן האָבן מיט בלוט און שוויס אויפגעשטעלט, זענען אָפּגעווישט געוואָרן. די שחיטות אין צפת און אין טבריה זענען געווען די שרעקלעכסטע, וואָס יידן האָבן ווען־ס'איז איבערגעלעבט

אַפילו אין די גרעסטע פּאָגראָם־לענדער, ווי אוקראַינע, רומעניע און פּוילן. איבערהויפּט האָט די גרויזאַמע שחיטה און באַרבאַריזם אין דער אַלטער היסטאָרישער שטאָט חברון איבערגעשטיגן אַלע ווילדקייטן. די פרומע, שטילע, יונגע תלמידים פון דער סלאַבאָדקער ישיבה אין חברון זענען געקוילעט געוואָרן ווי שעפּעלעך, און זייערע קערפּערס זענען געשענדט געוואָרן. די אַלטע בתי־מדרשים זענען פאַרברענט געוואָרן. די אַלטע ספרי־תורות, וואָס האָבן נאָך געשטאַמט פון די פאַרטריבענע יידן פון שפּאַניע, זענען צעריסן געוואָרן און מיאוס פאַרשוועכט געוואָרן...

אין ניו יאָרק זענען אין יענער שרעקלעכער וואָך אַרויס אַלע צייטונגען מיט גרויסע „נייעס־קעפּ", וואָס האָבן אויסגעשריגן דעם גרויסן אומגליק אין הייליקן לאַנד. די יידישע צייטונגען זענען אַרויס מיט שוואַרצע רעמלעך מיט די נעמען פון די געפאַלענע קרבנות.

אין יענער וואָך האָט שואליק באַקומען פון זיינע עלטערן פון ישראל אַ „קייבלגראַם" — אַלס ענטפער אויף זיינעם:

„פאָר נישט אַרויס! וואַרט אויף אַ בריוו!"...

די יידישע ניו יאָרק איז געווען איינגעהילט אין טרויער.

דער יאוש האָט שווער געדריקט אויף יידישע פּלייצעס. איטלעכער באַזונדער האָט ביי זיך אין האַרצן געטראַכט, אַז דאָס איז דער דריטער חורבן...

די איינציקע, וואָס האָבן זיך געפרייט אין יענע טעג, זענען געווען די „רויטע יידעלעך", וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה פון זייער „הייליקער מאָסקווע" און געלעבט פון דעם מויל פון זייער „הייליקן נביא" סטאַלין...

די יידישע פאָלקסמאַסן מיט רייך־יידישע הערצער האָבן שטאַרק געוויי־טיקט אויפן חורבן פון דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב. דאָס „הויז פון ישראל" האָט באַוויינט די גרויסע שריפה אין ישראל.

דער קידוש, וואָס האָט יענעם שבת געזאָלט פאָרקומען לכבוד שואליקס אָפּפאָרן אין שול פון דעם איסט־סיידער יאַנג־איזראַעל־צווייג, איז אָפּגערופן געוואָרן.

ג

שואליק האָט באַנייעס גענומען דורכלעבן נייע קאָשמאַרן.

וואָס נאָר עפּעס פאַר אַן אָנפאַל פון יידישע שונאים, וואָס ער האָט געדענקט פון דער אַלטער יידישער היסטאָריע, האָט עס דער חלום אים געבראַכט איין נאַכט נאָך דער אַנדערער. יעדן פרימאָרגן האָט ער זיך אויפ־געכאַפּט מיט קאַפּווייטיק: געוואַלד געשריגן! פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס האָבן די פעלקער פון דער וועלט זיך אָנגעזעצט אויף אָט דעם קליינעם לאַנד

און פאָלק ?... פאַרוואָס לאָזט מען יידן נישט צורו אין קיין שום ווינקל פון דער וועלט ?... מילא אַמאָל, ווען די גויים האָבן נאָך געדינט צו שטיינערנע און הילצערנע געצן, האָט מען נאָך געקאָנט פאַרשטיין זייער האַס צום יידישן גאָט און צום יידישן פאָלק... אָבער היינט, זינט דער רוב פעלקער פון דער וועלט האָט כלומרשט איבערגענומען ביי יידן זייער גאָט און זייער תּורה, איז פאַרוואָס נאָך אַלץ יענע אַלטע געצנדינערישע שנאה צו ישראל ? פאַרוואָס ברענט נאָך עד היום ביי דער גויאישער וועלט דער ווילדער חשק צו פאַרניכטן ישראל ? גאָט דערבאַרעמדיקער, פלעגט שואליק נעמען קריצן מיט די ציין, מ׳קאָן דאָך פון זינען גערירט ווערן אין אַזאַ משוגעים־הויז, וואָס די וועלט שטעלט מיט זיך פאָר !...

שואליק איז גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען, ווי אַ צעמישטער. ער האָט געליטן סיי יידן־שמערץ און סיי וועלט־שמערץ. ער איז איבערגעלאָפן דעם וועג פון דערהיים צום שאַפּ און פון שאַפּ אַהיים, האַלטנדיק די אויגן צו דר׳ערד, און דעם קאָפּ כמעט נישט אויפגעהויבן. ער האָט געוואוסט, אַז די אמעריקאַנער גויים זענען דעמאָקראַטישער, לייטישער, פריינטלעכער, ווי אומעטום אויף דער וועלט, און יידן פילן זיך צווישן זיי פרייער. אָבער ווען נאָר ער האָט באַגעגנט אַ גויאיש פּנים, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז בלויז אַ פריינטלעכע מאַסקע, און הינטער איר באַהאַלט זיך דערזעלבער יידן־האַס...

אָפטמאָל איז אים דער ווייטיק אַזוי דערגאַנגען צום האַרצן, אַז ער איז געווען גרייט נישט צו פאָלגן זיין פאָטער און כאַפּן העגדום־פּעגדום און גלייך אַנטלויפן קיין ארץ־ישראל. וואָס ער וועט דאָרט טאָן און וואָס ער קאָן דאָרט העלפן — האָט ער טאַקע נישט געוואוסט. נאָר עס האָט אים געשלעפּט, גע־צויגן אַהין, צו זיין דאָרט מיט זיינע ברידער אינאיינעם, צו טראָגן דאָרט די אחריות און די יסורים מיט זיי אינאיינעם, און אויב פאַלן דורך די הענט פון דער „משוגענער וועלט״ — זאָל ער פאַלן דאָרט אויף דער הייליקער ערד.

ער האָט אָבער איטלעכס מאָל פאַרט באַוויזן אונטערצודריקן אָט דעם דראַנג זיינעם, זיך אָנגענומען מיט געדולד און געוואַרט אויף זיין פאָטערס בריוו.

קנאַפּע צוויי וואָכן צייט האָט שואליק זיך אויסגעקוקט די אויגן ביז יענער בריוו איז אים אָנגעקומען.

געלייענט האָט זיך דער בריוו אַזוי :

„בעזרת השם יתברך.

„יום... לסדר... שנת תרפ״ט, פּה ירושלים, עיר־הקודש, תבוב״ב.

„לכבוד מיין טייערן און ליבן זון, די גלוסטיקייט פון מיין זעל, דער קלוגער און פאַרשטענדיקער, ש ו א ל, זיין ליכט זאָל לייכטן אויף אייביק, אָמן.

„נאָכן טאָן גריסן דיין גוטן פרידן.

„ראשית, געלויבט און געבענטשט זאָל זיין זיין הייליקער נאָמען, וואָס האָט געטאָן חסד מיט מיר און מיט דיין טייערער מוטער, זאָל לעבן.

„והשנית, וויל איך דיר זאָגן, אַז מיין האַרץ טוט פלאַטערן און מיין האַנט טוט ציטערן בלויז צו דערמאָנען ווי די מענטשן אין געשטאַלט פון חיות־רעות זענען אַרויס פון זייערע נאָרעס און ווי די מדבר־וועלף האָבן זיך צעשפּרייט אין הייליקן לאַנד צו פאַר־צוקן דאָס צעשפּרייטע שעפּעלע ישראל. ווען נישט די האַנט פון השם־יתברך, ווער ווייסט צי ס'וואָלט, חלילה, איבערגעבליבן פון „אונדזערע שונאים" אַ קליין איבערבלייבעכץ...

„מיין טייערער זון, אויף די דאָזיקע טו איך וויינען און מיין אויג טוט גיסן טרערן. אויף די טייערע, זייַדענע יונגעלייט, די לערנער פון דער הייליקער תורה, די גלוסטיקע בחורים, וואָס דער שונא האָט אומ־געבראַכט, גאָט זאָל זיך נוקם זיין פאַר זייער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט, אָמן.

„אָבער זיי וויסן, מיין טייערער זון, אַז דער עיקר פון מיין שרייבן דיר איצט איז צו טאָן וואָרענען דיך, אַז דו זאָלסט בשום אופן ואופן זיך נישט דערוועגן איצט צו קומען אַהער. די וועגן פון ציון זענען טרויעריק, און די סכנה שוועבט אין דער לופט. קיינער קאָן נישט וויסן וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג קאָן ברענגען, השם ירחם..

„אונדזער האָפענונג איז אויף דעם וואָס־לעבט־אייביק, אַז ער וועט שיקן רו אין אונדזערע טויערן, און ישראל וועט קאָנען זיצן זיכער אין דיינע געצעלטן. דערווייל אָבער מוזן מיר טאָן ווי דער נביא זאָגט: „באַהאַלט זיך אויף אַ ווייל, ביז דער צאָרן וועט אַריבער" !...

„אַוודאי וויסן טוען מיר וויסן, ליבער זון, און מיר פילן דיין האַרץ נאָך דעם אומ־גליק וואָס האָט, לא עלינו, געטראָפן מיט דיין געוועזענער כלה, חוהלע, עליה השלום. אָבער פונקט ווי מ'טאָר אויפן אייבערשטן זיך נישט מתרעם זיין, אַזוי טאָר מען זיך נישט מייאש זיין...

„על־כן, געדענק, טייערער זון, אַז מיר, דיינע עלטערן, זענען אויף די גוזר מיט דער גזירה פון „כיבוד אָב ואם", אַז דו זאָלסט זיך נישט רירן פון אַמעריקע איצט, ביז ס'וועט קומען די שעה פון באַוויליקונג, אויף וועלכער מיר טוען בעטן און האָפן.

„מיט הייסע קושן און מיט האַרציקע ברכות פון מיר און פון דיין מוטער, זאָל לעבן,

דיין פאָטער,

ש מ ש ו ן".

שואליק האָט איבערגעלייענט דעם בריוו איין מאָל, אַ צווייט מאָל, און אַ דריט מאָל. דער מיסטיקער אין אים האָט גענומען אים אַריינשושקען: טאַטע־מאַמע זענען אויף דיר גוזר, איז דער אייבערשטער אַליין, הייסט עס, אויף דיר גוזר... דו טאָרסט איצט נישט טראַכטן פון פאָרן צוריק... דו מוזט דערווייל בלייבן דאָ!...

קאַפּיטל זעקס

א

אין יענעם שבת פון דעם יאָנג איזראַעל יערלעכן צוזאַמענפאָר אין אַטלאַנטיק־סיטי, איז דער עולם דאַוונערס אין שול פון דעם איסט־סיידער צווייג אין ניו יאָרק געווען גאָר אַ קליינער.

דער רוב פון די מיטגלידער זענען אַוועקגעפאָרן קיין אַטלאַנטיק־סיטי, אָדער אַלס דעלעגאַטן, אָדער גלאַט אַזוי בייצוּוואוינען די „קאָנווענשאָן”, און פאַרברענגען אַן „ענד־וואָך” דאָרט ביים ים.

די שול האָט אויסגעקוקט ווי אַ חדר, ווען דער רבי גייט אַוועק און לאָזט איבער איינעם פון די תּלמידים אַלס משגיח איבערצוחזרן דעם „שיעור”, און אַלע צוזאַמען ווילן אָפּפּטרן אַלץ אויף שנעל און אַנטלויפן וואָס גיכער אַהיים...

ווען דער עולם דאַווענערס האָט געהאַלטן ביים סוף פון די „פּסוקי דזמרא”, איז אין שול אַריינגעקומען אַ פרעמדער פאַרשוין. ריכטיקער געזאָגט — אַ פאַרשוינדל.

דאָס איז געווען אַ קליינוואוקסיקער, מאָגערער יונגערמאַן, מיט צוויי היפשע הויקערס. צווישן די הויקערס האָט געשטעקט אַ קאָפּ, מיט אַ ברייט־ראַנדיקן שטרויענעם פּאַנאַמע־קאַפּעליוש. דאָס פּנים ווייס־הויטיק, שיין געשניצט. אויגן — ליכטיק־בלויע, לעבעדיק־קלוגע. באַקן — איידל־אָפּגע־צערטע. אַ נאָז — אַ דינע. ליפּן — שנירלדיקע, אַ קין — עטוואָס אַ פאַר־שאַרפטער. דאָס גאַנצע פּנים האָט אויסגעדריקט אינטעליגענץ און זעלבסט־ווירדע.

געקליידט איז אָט דאָס פאַרשוינדל געווען נעט און געשמאַקפול. זיין עלטער — שווער געווען צו באַשטימען. מ'האָט געקאָנט זאָגן — סיי צוואַנ־ציק יאָר און סיי פערציק יאָר.

ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין דער לעצטער ריי, נישט ווייט פון דער טיר, אויסגעטאָן זיין שטרויענעם קאַפּע־ליוש, אָנגעטאָן אַ קליין יאַרמאָלקעלע, און אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט אַ טליתל.

דער עולם דאַווענערס האָט נישט געגעבן אים קיין ספּעציעלע אויפ־מערקזאַמקייט. נישט קיין נייעס דאָרט צו זען אַריינקומען פאַרשידענע פאַרשוינען, וואָס דרייען זיך אַרום אויף דער איסט־סייד.

דער במקום־גבאי, אָבער, איז אויס העפלעכקייט צוגעקומען צו אים. דאָס אינטעליגענטע פּנים פון דעמדאָזיקן פאַרשוינדל איז אים געפעלן געוואָרן. ער האָט אים אָפּגעגעבן שלום־עליכם און אַ פרעג געטאָן:

— פון דער איסט־סייד טאָקע?

— יאָ. נישט לאַנג דאָ זיך באַזעצט!

— מה שמכם?

— דזשאָו... יוסף לעוויטאַס.

— אַ „כהן”? אַ „לוי”?...

— ק ו י ם אַ „ישראל”, — שמייכלט דער גאַסט.

דאָס דאַווענען איז אָנגעגאַנגען ווייטער. צו „שוכן עד” האָט דער

במקום־גבאי פּרובירט רופן עטלעכע יונגעלייט צום עמוד, נאָר אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט. איינעם האָט ער ממש צוגעשלעפּט צום עמוד. דער יונגערמאַן האָט אַ זינג געטאָן „שוכן עד, מרום וקדוש שמו" מיט אַ שוואַכער און ציטער־דיקער שטים, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז דער עמוד שרעקט אים, נעבעך, זייער שטאַרק.

דער עולם האָט חבריש צוגעשמייכלט און מיטגעזונגען, כדי דעם נייעם חזן צוצוגעבן מוט. דער חזן האָט קיין „זיכערן טאָן" נישט געקאָנט אָנכאַפּן. ער איז אָדער אַרויף צו אַזאַ הויכן אויבער־טאָן, וואָס ער האָט נישט געקאָנט דערלאַנגען, אָדער אַרונטער צו אַזאַ אונטער־טאָן, וואָס איז געווען פאַר אים צו נידעריק. חברה האָט אים אָבער נישט געלאָזט פאַלן. מ'האָט איטלעכס מאָל אונטערגעכאַפּט און אים אַרויסגעשלעפּט.

דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ שטיק לעבעדיקייט אין שול. ס'איז פאַר אַלעמען געווען אַ שטיק פאַרווילונג. אַפילו פאַרן „חזן" אַליין אויך.

צו „קריאת התורה" האָט דער במקום־גבאי ווידער גענומען רופן אייניקע יונגעלייט פון צווישן עולם צוצוגיין לייענען די סדרה, און ווידער האָט קיינער פון זיי קיין חשק נישט געהאַט.

דאָ האָט דער במקום־גבאי געוואָרפן אַן אויג אויפן גאַסט.

—מיסטער לעוויטאַס, אפשר קענט איר זיין אַ בעל־קורא?...

— צי איך קען — וויס איך נישט — מאַכט דער פאַרשוין מיט אַ שמייכל — נאָר כ'זע דאָך, אַז קיין אַנדערער איז נישטאָ, וועל איך פּרואוון.

דאָס פאַרשוינדל איז צוגעקומען צום טיש, וואו דאָס ספר־תורה איז געלעגן. ער האָט באַמערקט, אַז דער טיש איז אַביסל צו־הויך פאַר אים, און ער האָט אַ זאָג געטאָן אין שפּאַס:

— די „תורה איז טאַקע נישט אויפן הימל", נאָר איך בין נישט דער־וואַקסן צו דערלאַנגען זי...

— וואַרט נאָר, מיר'ן אפשר געפינען אַ פוס־בענקעלע... — מאַכט דער במקום־גבאי ערנסט.

— נישקשה, נישקשה, איכ'ל זיך שטעלן אויף די שפּיץ־פינגער. צו דער תורה דאַרף מען זיך אויפהייבן...

דעם עולם איז געפעלן געוואָרן זיין לעבעדיקייט, זיין היימישקייט און זיין חוש פאַר הומאָר.

מ'האָט אויפגערופן דעם „כהן". יוסף לעוויטאַס האָט גענומען לייענען די פּרשה מיט אַ יינגלש שטימעלע. איטלעכס וואָרט איז ביי אים אַרויסגע־קומען קלאָר און דייטלעך. דער „טראָפּ" — פּינקטלעך. די „נגינה" גראַמאַ־טיקאַליש. די מעלאָדיע — מוזיקאַליש. מ'האָט באַלד געזען אַז ער איז אַ געניטער בעל־קורא. דער עולם האָט געהאַלטן די אויגן אין די חומשים און גענומען נאָכפאָלגן אים מיט גרויס הנאה.

דעם בעל־קורא אַליין האָט דער גבאי מכבד געווען מיט מפטיר. זיין

לייענען דאָס קאַפּיטל פון נביא און דאָס זינגען די ברכות איז נאָך געווען פיל שענער און מוזיקאַלישער.

דער גבאי און דער גאַנצער עולם האָבן אים גענומען בעטן צו דאַווענען מוסף. ער האָט תחילת זיך אַביסל געקווענקלט. אָבער — ער האָט פאָרט נאָכגעגעבן.

יוסף לעוויטאַסעס „מוסף" האָט דעם גאַנצן עולם ממש ווילד געמאַכט פון גרויס הנאה. די שטים זיינע איז געווען אַ זעלטענע. זיין עלטער האָט מען טאַקע געגווי נישט געקאָנט טרעפן. אָבער אַז ער איז נישט קיין יונג ייִנגל, האָט דאָך איטלעכער געזען. און אַז אַ מענטש אין זיין עלטער זאָל פאַרמאָגן אַזאַ לויטער מעצאָסאָפּראַן-שטימעלע, האָט מען זעלטן געהערט. און דער נוסח פון זיין דאַווענען איז געווען אַ געשמאַק-אוקראַאינער.

ביים ענדיקן „אַדון עולם" האָט זיך איטלעכן געוואָלט קלאַפּן בראַוואָ. אָבער די שול איז דאָך נישט קיין קאָנצערט-זאַל, און מ'האָט זיך איינגע-האַלטן. אַלע ווי איינער האָבן אים געדריקט די האַנט און אים געלויבט אין טאָג אַריין. און דער במקום-גבאי האָט אים געזאָגט:

— חבר לעוויטאַס, איר האָט דען אַ שטים? איר האָט דאָך אַ קאַנאַריקל אין האַלדז!...

ביים „קידוש" נאָכן דאַווענען האָט שוין יוסף לעוויטאַס גאַנץ היימיש געשמועסט מיט אַלעמען, געזאָגט גלייכווערטלעך און פשט'לעך. מ'האָט דערקענט, אַז אַט דאָס פאַרשווינדל איז אויך אַ פיינער בעל-תורה.

זיצנדיק אַזוי ביים קידוש-טיש, האָט דער עולם גענומען זיך צופרעגן ביי לעוויטאַסן, פונוואַנען ער קומט, און וואָס זיין טועכץ איז. און לעוויטאַס האָט זיי געגעבן אין קורצן זיין ביאָגראַפיע:

שטאַמען שטאַמט ער פון אוקראַאינע. זיין פאָטער איז געווען אַ גמרא-מלמד. יוספן האָבן די עלטערן געבראַכט קיין אַמעריקע אַ קינד פון אַכט יאָר. תחילת האָבן זיי געוואוינט אין ניו יאָרק אויף דער איסט-סייד. מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט דער פאָטער פון מלמדות קיין לעבן נישט געקאָנט מאַכן. ער האָט זיך אויסגעלערנט שחיטה און אָנגענומען אַ שטעלע אין אַ קליין שטעטל אין קאָנעטיקוט. ער, דזשאָו, ווי מ'רופט אים, איז געגאַנגען אין סקול, און געלערנט תנ"ך און תלמוד ביי זיין פאָטער. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ גוטער בעל-תפילה, און ער, דזשאָו, פלעגט אים אונטערהעלפן אין די ימים-נוראים ביים עמוד. געוואָלט האָט זיין פאָטער אים אויך מאַכן פאַר אַ שוחט. ער אַליין האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז מיט זיין קורצן וואוקס, טויג ער נישט פאַר דער שחיטה-פּראָפעסיע. ער איז אַריין אין „סטייט טיטשערס קאַלעדזש" און געטראַכט צו מאַכן לערעריי פאַר זיין קאַריערע.

דערווייל איז זיין פאָטער געשטאָרבן, און ער, דזשאָו, איז געבליבן דער שפּייזער פון זיין מוטער. דעם קאַלעדזש האָט ער געמוזט אויפגעבן. צו פאַר-

דינען אויף חיונה איז נישט געווען ביי וואָס. ער האָט געדונגען אַ „סטאַרקע״ און געעפּנט אַ קרעמל פון מענער־אַרטיקלען. דאָס געשעפט איז אַוועק נישט שלעכט. ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר דאָלאַר. און אַז קיין דאגות־פּרנסה איז נישט געווען, האָט עס אים גענומען ציען קיין ניו יאָרק. וואָס קאָן זיין דער תכלית פון אַזאַ „העלדישן בחור״, ווי ער, אין אַזאַ העק?... אין ניו יאָרק האָט זיך געמאַכט צו קויפן גראָד אַ קראָם פון קראַוואַטן אין אַללען־סטריט. מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט ער מיט זיין מוטער, זאָל לעבן, זיך איבערגע־צויגן אַהער.

— און אָט האָט איר די „מציאה״ ביי אייך אין שול!... — האָט דזשאָו פאַרענדיקט מיט אַ געלעכטער.

חברה האָט אים ווידער וואַרעם־היימיש באַגריסט.

דער במקום־גבאי האָט געקוואָלן:

— חבר לעוויטאַס, קומענדיקן שבת, אם־ירצה־השם, ווען אונדזער אדמי־ניסטראַציע און אַלע חברים וועלן זיין צוריק אין ניו יאָרק, וועלן מיר זיי מאַכן די אמתע איבעראַשונג מיט אייער דאַווענען און לייענען. אַזאַ קאַנאַריקל האָט נאָך אונדזער אָרגאַניזאַציע נישט געהאַט!...

און טאַקע דאָן איז לעוויטאַס געקרוינט געוואָרן מיט אָט דעם נייעם נאָמען. אַלע דאָרטן האָבן אים גענומען רופן חבריש־היימיש „דאָס קאַנאַ־ריקל״...

ב

צומאָרגנס, נאָכן צוריקקומען פון אַטלאַנטיק־סיטי, האָט דער פּרעזידענט פון יאָנג איזראַעל, מיסטער זוסמאַן, אָפּגערופן סיידי גרין אויפן טעלעפאָן שפּעט אין אָוונט.

— מיס גרין, כ׳וויל אייך בעטן אַ טובה!

— יאָ, וואָס אַזוינס?

— מיסטער יאַקאָבי, דער וואָס איז לעצטן שבת געווען מיין שטעלפאַר־טרעטער אין שול, האָט מיר איבערגעגעבן וועגן אַ יונגנמאַן, וואָס וויל ווערן אַ מיטגליד אין אונדזער אָרגאַניזאַציע.

— אָ, אַ נייער מיטגליד? זייער פיין!

— וויל איך אייך בעטן, מיס גרין, אַז ווען איר׳ט גיין פון דער אַרבעט, זאָלט איר זיין אַזוי גוט און אַריינגיין זען דעם יונגנמאַן און אויספילן אַן אַפּליקאַציע פאַר אים.

— וואו וואוינט ער?

— זיין היים־אַדרעס ווייס איך נישט. כ׳ווייס נאָר, אַז ער האָט אַ קראָם פון קראַוואַטן אויף אַללען־סטריט.

— וואָס איז זיין נאָמען?

— דזשאָו לעוויטאַס.

נאָך דער אַרבעט האָט סיידי גרין, פאַרנדיק פון שאַפּ אַהיים, זיך אָפּגע־שטעלט אויף דילענסי־סטריט און איז געגאַנגען געפינען די קראַוואַטן־קראָם אויף אַללען־סטריט.

זי האָט דערזען אַ שמאָלע גלעזערנע טיר מיט אַ שמאָל פענצטער. אויפן גלאָז פון דער טיר איז געווען אויפגעשריבן: „דזשאָו לעוויטאַס".

ס'איז נאָך געווען ווייט צו זונאונטערגאַנג. אינדרויסן איז נאָך געווען גוט ליכטיק. נאָר אינעווייניק אין געוועלבל האָט שוין געברענט די עלעק־טריע.

סיידי האָט געעפנט די טיר און איז אַריין. דאָס קרעמל איז געווען שטאַרק שמאָל און לענגלעך.

לענגאויס פון געוועלבל איז געשטאַנען אַ שמאָלער גלעזערנער שטענ־דער מיט שיין־אויסגעלייגטע קראַוואַטן אינעווייניק, און דערביי אַ טישל מיט אַ געלט־רעגיסטער.

פּן יענער זייט טישל האָט סיידי דערזען אויף אַ הויך בענקל זיצן אַ יונגנמאַן מיט אַ שיין־פּאַרקעמטן קאָפּ געדיכט־שאַטינע האָר, מיט אַן איידל־אינטעליגענטן פּנים, לייענענדיק אַ העברעיש בוך. דער יונגערמאַן האָט אַ הייב געטאָן זיין קאָפּ און אַ זאָג געטאָן אין ענגליש:

— האַו־דו־יו־דו, מיס!

— ש ל ו ם!... — מאַכט סיידי אין העברעיש מיט אַ גרינג שמייכעלע.

— שלום! שלום — טוט זיך דער יונגערמאַן אַ כאַפּ, אַביסל איבער־ראַשט.

— אַז איר לייענט אַ העברעיש בוך, מעג מען אייך דאָך באַגריסן אין העברעיש, נישט אַזוי?...

— געוויס. געוויס. זייער אָנגענעם צו הערן, אַז אַ יידישע טאָכטער באַגריסט זיך אין אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך!...

— זענט איר דאָס מיסטער דזשאָו לעוויטאַס?

— יאָ! „אני יוסף!"... — שמייכלט דער יונגערמאַן — איך בין עס דזשאָו לעוויטאַס!... — מעג איך האָבן דעם פאַרגעניגן צו וויסן ווער א י ר זענט?

איך בין מיס סיידי גרין, די סעקרעטאַרין פון דעם איסט־סיידער יאַנג־איזראַעל־צווייג. געקומען אויספילן אייער אַפּליקאַציע פאַר מיטגלידערשאַפט.

לעוויטאַס האָט זיך זשוואַווע געגעבן אַ כאַפּ־אַראָפּ פון זיין הויכן בענקל, איז אַרויס פון יענער זייט טישל, צוגעקומען צו סיידין און איר דערלאַנגט די האַנט מיט אַ שיינעם פאַרנייג.

— זייער אָנגענעם אייך צו קענען, מיס גרין! כ'האָב גאַרנישט געוואוסט, אַז דער יאַנג־איזראַעל האָט אַ „ליידי־סעקרעטאַרין"...

— אָ, איר׳ט דערוואַרט אַ מאַן, אַ סעקרעטאַר. אויב אַזוי טוט מיר זייער לייד, וואָס כ׳האָב אייך אַנטוישט...

— אַנטוישט, זאָגט איר, מיס גרין? הלוואי האָב איך אַזוינע אַנטוי־שונגען אויף מיין גאַנץ לעבן!...

ביידע זענען געבליבן שטיין פּנים אל פּנים. ביידנס וואוקס איז געווען גלייך, ווי מיט איין מאָס אָפּגעמאָסטן. ביידע האָבן זיך קעגנזייטיק באַקוקט. ער האָט באַטראַכט איר קליין קעפּל אויפן דיקן־לייביקן גופל. זי האָט באַטראַכט זיין גרויסן קאָפּ אויפן דאַרן־הויקערדיקן גופל.

— איר קענט דעם שרייבער ישראל זעווין, תשר״ק פון „טאָגעבלאַט״?...

— טוט סיידי אים אַ פרעג מיט אַ שמייכל.

— דעם נאָמען תשר״ק קען איך, נאָר אים פּערזענלעך האָב איך קיינמאָל נישט געזען. אַנטקעגן וואָס פרעגט איר דאָס, מיס גרין?

— איר און תשר״ק זענען שטאַרק ענלעך איינער אויפן אַנדערן — צוויי טראָפּנס וואַסער...

— אַ שיינעם דאַנק אייך וואָס איר פאַרגלייכט מיך מיט אַ באַוואוסטן שרייבער. איך בין דאָך אָבער נישט קיין שרייבער, צום באַדויערן. איז מיט וואָס קאָן איך זיין ענלעך צו אים? סיידן אפשר מיט מיין שלאַנקער, מאַיעס־טעטישערי פיגור!... — שפּאַסט לעוויטאַס גוטמוטיק.

— גלייך ווי געטראָפן! — שמייכלט סיידי.

— טאַקע? יענער איז אויך געבענטשט, אַזוי ווי איך, מיט די צוויי ביבלישע בערג, באַרג „גריזים״ און באַרג „עיבל״, כע־כע־כע?... — צעלאַכט זיך לעוויטאַס.

— אָ, ווי איך זע, מיסטער לעוויטאַס, זענט איר דאָך פון מ י י נ ע מענטשן! איר לאַכט אויך אויף אייער אייגענעם חשבון, פּונקט ווי איך...

— וואָס האָט א י ר דען צו לאַכן פון זיך, מיס גרין? א י ר קוקט דאָך אויס, אָן עין־הרע, שיין ווי אַ טעקל. אַ ליאַלקע!...

— ס׳איז גוט וואָס אייער פרוי הערט דאָס נישט, אַנישט וואָלט איר זיך שוין אָנגעפּרעגט דעם אמתן „מפטיר״...

— מיין פרוי? ווער ווייסט וואו זי געפינט זיך ערגעץ!

— וואָס, איר זענט נאָך אַ בחור, צו־אַלדי גוטע יאָר?...

— יאָ, אַ בחורל! וואָס האָב איך זיך צו איילן? כ׳בין נאָך נישט אויס־געוואַקסן גענוג...

— אהאַ, „אַ ח י אַ ת ה!״... איך זאָג דאָך אויך דאָסזעלבע...

— „אם כן״ — אויב יאָ אַזוי — איז „למה זה אָנוכי״? — וואָס בין איך פאַר אַ קאַוואַליער און לאָז אייך שטיין די גאַנצע צייט? אַנטשולדיקט פאַר מיין אומהעפלעכקייט, מיס גרין! — מאַכט לעוויטאַס און רוקט איר צו

אַ בענקל — זעצט זיך, מיס גרין! ס'איז באמת אַ פאַרגעניגן מיט אייך צו רעדן...

— אַ שיינעם דאַנק! פון מיר דאַסזעלבע צו הערן!

סיידי האָט זיך צוגעזעצט אויפן בענקל ביים טישל פון ד ע ר זייט, און לעוויטאַס האָט זיך צוגעזעצט אויף זיין הויכן בענקל ביים טישל פון יענער זייט, אַנטקעגן איר. זי האָט אָן עפן געטאָן דאָס בוך אויפן טישל. דאָס איז געווען אַ יאָרבוך פון דעם העברעישן זשורנאַל „הדואר". און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— כ'האָב עס געליינט! אַ גאַנץ אינטערעסאַנט זאַמלבוך. אַ כבוד פאַר די אַמעריקאַנער העברעיסטן!

— איר זענט מסתמא אַ העברעישע לערערין. ריכטיק?

— נאָר „בכוח" אָבער נישט „בפועל"...

— וואָס מיינט איר?

— געענדיקט האָב איך סיי העברעישע און סיי ענגלישע לערער־קורסן. אָבער קיין לערער־שטעלע האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט באַקומען. ווער וועט עס אָנשטעלן אַזאַ „ליאַלקע" ווי מיך, אַלס לערערין?...

— כאַ־כאַ, אַ מערקווירדיקע זאַך!... — צעלאַכט זיך דזשאָו.

— וואָס אַזוי מערקווירדיק?

— איך האָב אויך געדענקט צו מאַכן לערעריי אַלס מיין פּראָפעסיע, און כ'וואָלט מסתמא אויך קיינמאָל נישט געווען געקאָנט באַקומען קיין לערער־שטעלע מיט מיין „פּערזענלעכקייט"... ס'האָט זיך גראָד צוגעפּירט, אַז נאָך מיין פאָטערס טויט האָב איך געמוזט אַריין אין ביזנעס. און קיין חרטה האָב איך נישט דערויף. כ'האָב, ברוך־השם, געמאַכט אַ סך בעסער, ווי כ'וואָלט געווען געמאַכט אין לערעריי...

— כ'בין זייער צופרידן דאָס צו הערן.

— זענט איר, הייסט עס, גאָר אַ סעקרעטאַרין אין יאַנג־איזראַעל.

— דאָס איז „שלא על מנת לקבל פרס"! פאַר אָט דער אַרבעט נעם איך קיין געלט נישט... כ'האָב אַ שטעלע אין אַן אָפיס... אָבער... מאָדנע! איך בין געקומען צו קריגן אינפאָרמאַציע וועגן א י י ך, גיב איך אייך גאָר אינפאָרמאַציע וועגן ז י ך... אַ פרוי האָט ביין מאָס רייד...

— ס'איז מיר בפירוש אינטערעסאַנט צו וויסן!

— לאָמיך פריער דערפילן מיין מיסיע! — שמייכלט סיידי, נעמט אַרויס פון האַנטטאַש אַ קאַרטל און אַ קוואַלפעדער גרייט צום שרייבן — אייער נאָמען ווייס איך דאָך שוין. איצט גיט מיר אייער אַדרעס.

— רידזש און איסט בראָדוועי.

— זענען מיר דאָך כמעט שכנים...

— אויסגעצייכנט!...

— ווי לאַנג וואוינט איר דאָרט?

— ערשט די דריטע וואָך... איך און מיין מוטער האָבן יאָרן־לאַנג געוואוינט אין קאָנעטיקוט. נאָר ס׳האָט מיך געצויגן קיין ניו יאָרק. כ׳האָב פאַרקויפט אַ ביזנעס דאָרט און געקויפט אַט די ביזנעס דאָ.

— ווי אַלט זענט איר?

— ניין־און־דרייסיק!

— געבוירן אין אַמעריקע?

— ניין, אין אוקראַינע.

סיידי האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגערל און זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָ, שוין היפשלעך שפּעט! מ׳וועט וואַרטן אויף מיר אינדערהיים. מיר׳ן זיך זען, מסתמא, שבת אין שול, מיסטער לעוויטאַס.

— הערט, מיס גרין, צו וואָס וואַרטן אַזש ביז שבת? פאַרוואָס נישט פריער? ווי וואָלט זיין ווען כ׳בעט אייך צו מאַכן מיט מיר אַ „דעיט" אויף מאָרגן אָוונט?... — טוט לעוויטאַס אַ שפּיזל־אָן אויף איר אַ שמייכלענדיקן בליק.

— האַ?... ס׳קאָן זיין, אַז כ׳וואָלט דעם פאַרשלאַג אָנגענומען...

— נו, בעט איך אייך טאַקע!...

— נו, נעם איך אָן טאַקע!...

ביידע האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן פון זייערע ערטער. זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט:

— ש ל ו ם!

ער האָט איר האַנט געדריקט מיט זיינע ביידע:

— ש ל ו ם! להתראות!...

ג

אויף זייער באַגעגעניש האָבן ביידע אַרויסגעקוקט, ווי אויף זייער גרעסטן יום־טוב. דער מעת־לעת, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט איבערוואַרטן, איז איצט ביי זיי געווען ווי אַן אייביקייט.

דעם גאַנצן טאָג זענען ביידע געווען באַרוישט, ווי פון אַ שטאַרקן געטראַנק, און נישט געקאָנט טראַכטן פון קיין שום אַנדער זאַך, ווי נאָר פון זייער באַגעגעניש.

אַרום זעקס אַזייגער נאָכמיטאָג, האָט דזשאָו געשלאָסן זיין קראָם און איז איילנדיק אַוועק אַהיים צו מאַכן זיך גרייט. קיין וועטשערע האָט ער נישט געוואָלט — ס׳איז אים איצט קיין עסן נישט איינגעגאַנגען. ער איז אַרויס אינדרויסן, גענומען אַרומווישן און אַרומפּוצן זיין קאַר, די „שעוראָלייקע" אָדער „קאַטערינקע", ווי ער פלעגט זי רופן — און ס׳איז אים אַלץ געפאַלן פון די הענט. ער איז אַריין צוריק אין הויז, זיך אויסגעבאָדן, זיך איבערגע־

טאָן, זיך באַשפּריצט מיט אָדעקאָלאָן. דער טאָג איז נאָך געווען גרויס, אָבער ער איז געווען אין אײן איילעניש. און זיבן אַזייגער איז ער שוין געשטאַנען מיט זיין קאַר אין פראָנט פון סיידיס הויז.

ער איז געבליבן זיצן אין דער קאַר אַ פּאָר מינוט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, און איז אַריין אין הויז.

דזשאָו האָט נישט געוואַרט, אַז סיידי זאָל אים פאָרשטעלן. ער האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט אויף זיין אייגענעם שפּאָסיקן שטייגער:

— שלום־עליכם, מיסטער און מיסעס גרין! דאָס בין איך דער „פאָר־שוין", דזשאָו לעוויטאָס...

ביי די עלטערן האָבן די הערצער אַ צאַפּל געטאָן פון פרייד צו זען ס׳ערשטע מאָל אַ יונגנמאַן, וואָס קומט „אַרויסנעמען" זייער סיידין. זיי האָבן זיך אָבער געהאַלטן שטיף. נישט דערלאָזט זייער פרייד אַרויסצושווי־מען אויף זייערע פּנימער.

— עליכם־שלום, מיסטער לעוויטאָס! — מאַכט סיידיס פאָטער קאַלט־בלוטיק, ווי גלייך אָט די געשעעניש וואָלט געווען אַ געוויינלעכע זאַך.

— זייער אָנגענעם אייך צו קענען! — מאַכט אויך סיידיס מוטער, יאַקבי, גלייכגילטיק.

ביי וואָלף גרין האָט געטאָן אַ וואַך־אויף דער אַמאָליקער שדכן. ער האָט מיט זיין געניט אויג דורכגענומען דזשאָוען דורך־און־דורך און געטאָן אַ פאַרגנבעטן בליק צו זיין ווייב, ווי איינער רעדט: כ׳דענק, אַז סיידי האָט געפּאַקט דעם ריכטיקן פויגל...

סיידי האָט עס באַמערקט און אַ צופרידענע אַ זאָג געטאָן צו דזשאָוען:

— איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, מיסטער לעוויטאָס. כ׳מוז זיך גיין איבער־טאָן. כ׳האָב אייך נישט דערוואַרט אַזוי פרי...

— טאַקע אַביסל צו־פרי. אָבער — איילט זיך נישט, מיס גרין, כ׳האָב געוואַרט אַזוי לאַנג, וועל׳ך וואַרטן נאָך אַביסל!... — לאַכט דזשאָו.

— אַז מ׳וואַרט — דערוואַרט מען זיך אַמאָל!... — לאַכט אויך סיידי און גייט אַוועק אין איר צימער.

סיידיס פאָטער טוט אַ שמייכל אויף זיין טאָכטערס חכמה.

— לויט סיידי האָט אונדז דערציילט, זענען מיר כמעט לאַנדסלייט, מיסטער לעוויטאָס.

— יאָ, געוויס. אוקראַינער לאַנדסלייט! דעם אמת זאָגנדיק, געדענק איך אַליין פון אוקראַינע נישט מער ווי בלויז דעם נאָמען. מיין פאָטער, זכרונו לברכה, פלעגט אַלע יאָרן בענקען נאָך „זיין אוקראַינע"...

— נישטאָ נאָך וואָס צו בענקען. איך בין אַן אָדעסער. און אָדעס פלעגט מען דאָך רופן „יוזשנאַיאַ קראַסאַוויצאַ", די יפת־תואר פון דרום־אוקראַינע.

און פונדעסטוועגן בענק איך נישט נאָך איר. הלוואַי וואָלטן אַלע יידן געקאָנט אַוועק פון דער אוקראַינישער ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט יידיש בלוט...

— יאָ, איר זענט גערעכט, מיסטער גרין, כ׳ווייס. אָבער — מיר הערן דאָך, אַז די „באָלשעוויקעס" פאַרבאָטן איצט אַנטיסעמיטיזם. אפשר וועלן די אוקראַינער מיט דער צייט זיך אויסמענטשלען...

— איר הערט? כ׳גלויב אַפילו נישט אין דער באָלשעוויסטישער „אהבת ישראל"! אַזוי לאַנג ווי מ׳דאַרף דעם ייד, טאָלערירט מען אים. פון אמת־ברידערלעכער ליבע איז עס ווייט. ווי האָט עס אַמאָל פּרץ סמאָלענסקין אָנגערופן „שנאת־עולם לעם־עולם". קיין חילוק נישטאָ צי די שנאה איז אַ שוואַרצע אָדער אַ רויטע...

— וואָס־זשע איז די עצה, מיסטער גרין?

— די עצה: יידן דאַרפן זייער אייגן לאַנד, ארץ־ישראל!

— אין ארץ־ישראל זענען דאָך די אַראַבער אויך ווילדע. נישט בעסער ווי די אוקראַינער רוצחים...

— דאָס איז דערפאַר וואָס ארץ־ישראל איז נאָך אַלץ אין פרעמדע הענט. ווען ארץ־ישראל וועט זיין אונדזער אייגענע מדינה, וועלן יידן זיך מער נישט שרעקן דאָרט...

— הלוואי דערלעבן מיר דאָס שוין וואָס גיכער!...

סיידי איז אַריין צוריק, גרייט צום גיין. דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן. דזשאָו האָט זיך פריינטלעך געזעגנט און איז אַרויס מיט סיידין אינדרויסן. ער האָט זי צוגעפירט צו דער קאַר און געעפנט פאַר איר די טיר.

— אָ, איר האָט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל?... — מאַכט סיידי איבערראַשט.

— אויטאָמאָביל? — אַ צו געהויבענער נאָמען פאַר אַט דער „קאַטערינקע", — שמייכלט דזשאָו — זי איז שוין ביי מיר אַ יאָר זעקס. שוין צייט צו שיקן זי אין „מושב זקנים". דערוויל אָבער איז בעסער אַן אייגענע „שעוראָלייקע" איידער אַ פרעמדער „לימאָזין", נישט אַזוי?

— געוויס. נישטאָ קיין בעסערס ווי אייגנס...

דזשאָו האָט אַריינגעשטעקט דעם שליסל אין דער מאַשין, גענומען דרייען דאָס הענטל אין פראָנט צו לאָזן דעם מאָטאָר אין באַוועגונג. דער מאָטאָר האָט זיך ווי אויף צו־להכעיס פאַרעקשנט, געקרעכצט, געאָכצט, געזיפצט און נישט געוואָלט גיין.

— „קאָם אָן" קאַטערינקע, וואַך־אויף! דו ווייסט נישט וועמען איך פיר איצט!... — מאַכט דזשאָו אין שפּאַס צו פאַרטרייבן זיין קאָנפוזיע.

דער מאָטאָר האָט זיך מיטאַמאָל צעלאָזט מיט אַ קנאַקעריי פון דער אונטערשטער לופט־רער.

— אַהאַ, זי האָט זיך פֿאַרט אויפֿגעכאַפּט, די „זקנה״. — שפּאַסט ווידער דזשאָו.

— איז וואוהין פֿאָרן מיר? — פֿרעגט סיידי.

— קודם־כל וועלן מיר פֿאָרן עפּעס עסן. און נאָכדעם וועלן מיר פֿאָרן צו אַ קאָנצערט אין קאַרנעגי האָל. אַלרייט מיס גרין?

— א י ך האָב ערשט נישט לאַנג געגעסן. סיידן א י ר ווילט עסן, מיס־טער לעוויטאַס...

— אויב אַזוי, וועלן מיר בלויז טרינקען אַ טעפּעלע קאַווע.

אין קאַפֿעטעריע האָבן זיך ביידע פֿאַררעדט און נישט באַמערקט ווי די צייט איז אַוועק. ווען זיי זענען אַריין אין קאַרנעגי האָל זענען שוין די טירן געווען צוגעמאַכט, די באַלייכטונג אויסגעלאָשן און דער קאָנצערט האָט זיך געהאַלטן ביים אָנהויבן שוין. דער קאָנצערטיסט איז געווען דער באַרימטער פֿידל־ווירטואָז מישאַ עלמאַן. אַלע פּלעצער זענען געווען אויספֿאַרקויפֿט. ס׳איז געווען גוט וואָס לעוויטאַס האָט נאָך אײַנדערפֿרי רעזערווירט בילעטן דורכן טעלעפֿאָן. קיין בעסערע פּלעצער, ווי אין דער לעצטער ריי, אין סאַמע ווינקל, האָט ער שוין נישט געקאָנט באַקומען. אָבער דאָס האָט זיי איצט נישט געקימערט. זיי זענען געווען צופֿרידן וואָס זיי קאָנען זיצן איינס לעבן אַנדערן אין דער טונקלקייט פֿון טעאַטער.

אָנגעהויבן האָט זיך דער קאָנצערט מיט פּאַגאַנינים אַ קאָמפּאָזיציע. די לויטערע טענער פֿון עלמאַנס סטראַדיוואַריוס־פֿידל האָבן זיך גענומען טראָגן אין דער לופֿט און גלייך פֿאַרכאַפּט דעם עולם. אַלעמענס בליקן זענען געווען אָנגעשפּיצט צו דער בינע, וואו דער קינסטלער איז געשטאַנען און געכישופֿט מיט זיין סמיטשיק. אַלעמענס אויערן זענען געווען אָנגעשטעלט איינצוזאַפּן די זיסע קלאַנגען. קיין שאָרך, קיין פּיפּס האָט קיינער נישט אַרויסגעלאָזט.

מיטאַמאָל האָט סיידי דערהערט אַ דין־דינעם, כמעט קינדערישן, ביי־קול. צו איר פֿאַרוואונדערונג, האָט זי זיך געכאַפּט אַז דאָס זינגט־נאָך דזשאָו די קאָמפּאָזיציע. זי האָט זיך געגעבן אַ בויג־צו און אַ שעפּטשע געטאָן צו אים:

— וואונדערלעך!...

אַלס ענטפֿער האָט דזשאָו פּאַמעלעך־פּאַמעלעך גענומען רוקן זיין האַנט און געטאָן אַ גרינג־גרינגן אָנריר מיט זיינע דאַרע־ביינערדיקע פֿינגער אירע פּוכלע־פֿליישיקע פֿינגער. געטאָן האָט ער דאָס אַזוי, ווי ס׳וואָלט געווען אומגערן, און באַלד צוריק אַוועקגעכאַפּט זיין האַנט. אַ רגע שפּעטער האָט ער געלאָזט זיינע פֿינגער אַ שוואַכן דריק טאָן אירע פֿינגער, און ווידער צוריקגעכאַפּט זיי. צום דריטן מאָל האָט ער שוין די פֿינגער געלאָזט ליגן, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף איר ענטפֿער. און דער ענטפֿער האָט נישט פֿאַרזאַמט צו קומען. סיידי האָט פּאַמעלעך און ציטערדיק אַ דריק געטאָן

זיינע פינגער. זייערע הענט האָבן זיך באַהעפט. זייערע אויסגעבענקטע בלוטן האָבן זיך צעוואַרעמט און איבערגעשיקט די וואַרעמקייט איינס צום אַנדערן. זייער באַגער האָט געפלאַסן פון איינעם צום צווייטן.

די שפּעטערדיקע קאָמפּאָזיציעס וואָס מישאַ עלמאַן האָט געשפּילט, זענען געווען פון סיבעליוס, טשייקאָווסקי און אַנדערע גאונישע קאָמפּאָזיציעס. דזשאָו האָט געקענט יעדע קאָמפּאָזיציע. אָבער ער האָט שוין איצט נישט נאָכגעזונגען.

סיי ער, סיי זי זענען ביזן סוף פון קאָנצערט געזעסן ווי פאַרחלשט פון תענוג...

נאָכן קאָנצערט זענען זיי געפאָרן עסן אין דעם כשרן רעסטאָראַן אויף אַכט־און־דרייסיקסטער סטריט, און פון דאָרט האָט דזשאָו אָפּגעפירט סיידין אַהיים.

עס איז זיי ביידע געווען שווער זיך צו שיידן. זיי זענען געבליבן זיצן אין דער מאַשין אין פראָנט פון סיידיס הויז, זיך געהאַלטן ביי די הענט און שווייגנדיק געזיפצט...

דזשאָו האָט גענומען אונטערזינגען איינע פון די קאָנצערט־מעלאָדיעס שטיל, האַרציק, בענקנדיק.

— פון אָט דער מעלה אייערער האָב איך גאָרנישט געוואוסט... — מאַכט סיידי — איר זינגט דאָך אַזוי שיין, אַזוי זיס...

— אַ ירושה פון מיין פאָטער. ער איז געווען אַ טייערער בעל־תפילה. איך דאַוון אויך אַמאָל פאַרן עמוד.

ווידער זענען ביידע געבליבן שטיל, ווי גלייך די רייד וואָלטן זיך מיט־אַמאָל ביי זיי אויסגעשעפּט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דזשאָו אַ לאַך געטאָן און זיך ענדלעך אָנגערופן:

— דאַכט זיך, מיר זענען שוין ביידע נישט קיין קינדער, און דאָך האַנדלען מיר ווי קינדער...

— אין וואָסער זינען? — פרעגט סיידי תמעוואַטע.

— כ׳מיין, אין דעם זינען, וואָס מיר באַהאַלטן אונדזערע געפילן איינס פון אַנדערן.

— ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך. ווען עס רעדן די הערצער, שווייגן די מיילער!... — מאַכט סיידי.

— אַך, ווי שיין דו רעדסט, טייערע סיידי!... — רופט אויס דזשאָו באַגייסטערט, בויגט זיך צו צו איר, כאַפּט־אָן איר קאָפּ מיט ביידע הענט און שטעלט־אָן זיינע ליפּן.

— דזשאָו!... — פלאַטערט סיידי און טראָגט אים אונטער א י ר ע ליפּן.

די גאַס איז שוין געשלאָפן. קיין פאַרבייגייערס האָט מען נישט געזען. דזשאָו און סיידי האָבן זיך לאַנג־לאַנג געקושט, אומגעשטערט, אומגעזעטיקט.

— סיידי טייערע! — רופט זיך אָן דזשאָו — וואָלסטו געוואָלט פאָרן מיט מיר אויף שבת קיין ספּרינג וואַלי? מיינע אַ מומע האָט דאָרט אַ שטיקל האָטעל. דאָרט וועלן מיר אַלץ קאָנען רעדן...

— אָלרייט!...

— איז עס באַשלאָסן, טייערע!... — האָט דזשאָו איר אָפּגעשטעמפּלט אַ הייסן קוש און זי אַריינגעפירט אין קאָרידאָר ביז צו איר טיר.

קאַפּיטל זיבן

א

אין די קנאַפּע צוויי וואָכן, וואָס זענען אַריבער זינט ער האָט באַקומען זיין פאָטערס טעלעגראַם, האָט שואליק געלאָזט זיינע וואַליזעס פאַרפּאַקט. און אַפילו נאָכן פאָטערס בריוו האָט ער זיי גאָך אַלץ נישט אויפגעפּאַקט.

פערל יאַקיר האָט די גאַנצע צייט געזען די וואַליזעס ליגן פאַרפּאַקט. זי האָט געוואוסט ווי שואליק איז פריטשמעליעט סיי פון דעם ארץ־ישראלדיקן אומגליק און סיי פון זיין אייגענעם צעשטערטן פּלאַן, און זי האָט נישט געהאַט קיין הארץ אים צו דערמאָנען וועגן דעם. נאָר נאָכדעם ווי שואליק האָט ד׳ערציילט די יאַקירס, וואָס זיין פאָטער שרייבט אים, און ער האָט געזאָגט, אַז איצטער האָט ער קיין ברירה נישט און מוז דערווייל אָפּלייגן זיין נסיעה, האָט פערל יענעם פרייטיק גאַנצפרי אים אַ זאָג געטאָן:

— שואליק, צו וואָס זאָלט איר נאָך האַלטן די מלבושים אין די וואַליזעס? זיי זענען שוין געוויס צעקנייטשט און צעקנאָדערט געגוג...

— גלייבט מיר, מיסעס יאַקיר, אַז ס׳איז מיר איצט שווערער דאָס אויספּאַקן ווי פריער דאָס איינפּאַקן!...

— כ׳פאַרשטיי. כ׳ווייס ווי איר פילט זיך, שואליק. ווייסט איר וואָס? גיט מיר די שליסעלעך צו די וואַליזעס און איך וועל אַלץ אויספּאַקן און אויפהענגען אין אַלמער...

יענעם שבת האָבן די יאַקירס נישט אָפּגעלאָזט שואליקן פון אויג. זיי האָבן געטאָן אַלץ אים אויפצומונטערן, אויסרעדן דאָס הארץ. און מוצאי־שבת האָבן די האָפּקינסעס, פערלס שוועסטער און שוואָגער, אויך באַדאַרפט קומען פאַרברענגען דעם אָוונט מיט שואליקן.

אָבער באַלד נאָך הבדלה האָט ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער גערופן שואליקן אויפן טעלעפאָן און אים געבעטן גלייך אַריבערצוקומען. ער האָט זייער אַ וויכטיקן ענין צו רעדן מיט אים.

שואליק האָט זיך שטאַרק געקווענקלט. גראָד איצט וואָלט ער בעסער וועלן פאַרברענגען אַביסל מיט מאַיקלען און ביטריסן דאָ אין הויז. אָבער אָפּזאָגן ר׳ שלמה־שעיהן איז פּאַרט נישט קיין דרך־ארץ.

געדענקט האָט שואליק צו טרעפן איצט ר׳ שלמה־שעיהן זיצן ביים טיש אין די שבתדיקע מלבושים נאָך, זינגען די מוצאי־שבתדיקע זמירות, און זופן נחת־רוחדיק די פרישע, הייסע טיי. געפונען האָט ער אָבער איצט ר׳ שלמה־שעיהן ליגן אין בעט, אין דער פּידזשאַמע מיטן זיידענעם שלאָפ־ראָק פון אויבן. דאָס פּנים לענגלעכיק־אָפּגעצויגן. באָרד־און־פּאות ווי אָפּגע־צוואָגן. טונקל־בלויע זעקעלעך אונטער די אויגן, און די נאָז סטאַרטשענדיק־פאַרשאַרפט.

— גוט־וואָך, ר׳ שלמה־שעיה!

— גוט־יאָר דיר, שואליק!

— „מאַי האַי״? וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ גאַנג, ר׳ שלמה־שעיה?...

— טוט אים שואליק אַ פרעג אויף גמרא־לשון מיט אַ שמייכלדיקער מינע.

ר׳ שלמה־שעיה האָט קרענקלעך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אומעטיק:

— אויף דיר, שואליק, האָט מען גוזר געווען צו בלייבן אין אַמעריקע. און אויף מיר האָט מען גוזר געווען צו בלייבן אין בעט...

— ווער האָט אויף אייך גזר געווען?

— מיין דאָקטאָר.

— וואָס פּלוצים?

— אוי, מיין פריינד, ס׳איז נישט פּלוצים... — טוט ר׳ שלמה־שעיה אַ זיפץ — זעץ זיך צו, שואליק, אָט דאָ אויפן בענקל לעבן בעט. כ׳וויל מיט דיר רעדן, ווי מיט אַן אייגן קינד, שואליק.

שואליק האָט זיך צוגעזעצט און אַ זאָג געטאָן מיט מיטלייד:

— כ׳האָב באמת נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס איר רופט מיך איצט...

— הער מיך אויס, שואליק! — מאַכט ר׳ שלמה־שעיה מיט אַ שוואַכער שטים, אויפזעצנדיק זיך פּאַמעלעך אויפן בעט, — שוין אַ גאַנץ לאַנגע צייט, אַז כ׳בין נישט־מיט־אַלעמען, נישט פאַר דיר געדאַכט. ס׳בלוט פלעגט מיר אַלץ אַ שלאָג טאָן אין פּנים אַריין. דער קאָפּ האָט מיר ווי געטאָן. אין די אויגן האָט מיר געשווינדלט. אָבער ס׳פלעגט מיר שנעל איבערגיין. מיין דאָקטאָר, פרידמאַן, האָט מיר אַלץ געזאָגט, אַז מיין בלוט־דרוק שפּרינגט אַביסל הויך. געהייסן מיר זיך היטן פון געזאַלצענע און שאַרפע און פעטע מאכלים. געגעבן מיר פּילן. פון די פּילן איז מיר תחילת געוואָרן בעסער. די לעצטע פאָר וואָכן האָב איך ווידער זיך גענומען פילן שלעכט.

בתיה־ראָכצע האָט זיך שווער־פעסלדיק אַריינגעקייקלט אין שלאָפצימער און אַ פרעג געטאָן שואליקן:

— אפשר וועט איר טרינקען אַ גלעזל טיי?

— אַ שיינעם דאַנק, מיסעס בערשאַדער. כ׳האָב נישט לאַנג צוריק געטרונקען טיי.

ווי נאָר בתיה־ראָכצע איז אַרויס, האָט ר׳ שלמה־שעיה גענומען רעדן ווייטער:

— אַנטקעגן דעם וואָס דו פרעגסט, שואליק! ווען כ׳האָב מיט דיר גערעדט נעכטן אין אָפיס, האָב איך זיך שוין געפילט נישט־גוט. דאָס פנים האָט מיר געפייערט. דער קאָפּ האָט זיך מיר געשפּאָלטן. אַלץ אַרום מיר האָט זיך געדרייט. כ׳בין קוים פאַרקראָכן אַהיים. און — באַלד טעלעפאָנירט דעם דאָקטאָר פרידמאַן. שפּיץ־בקיצור, מיין דאָקטאָר האָט מיך באַטראַכט, אָפּגעמאָסטן מיין בלוט־דרוק, און זיך צעשריגן אויף מיר מיט כעס: ער האָט מיר שוין וויפל מאָל פאַרזאָגט, כ׳זאָל זיך היטן. מיין בלוט־דרוק איז אַרויפגעשפּרונגען גאָר „מעלה־מעלה״. ווי הויך — דאָס וויל ער נישט זאָגן. און איצט איז ער אויף מיר גוזר צו ליגן אין בעט נישט ווייניקער ווי דריי־פיר וואָכן און פאַרגעסן אין שאָפּ און אין אַלע אַנדערע געשעפטן. אַנישט וועט ער צו מיר מער נישט קומען... נו, אַוודאי איז אים גרינג צו זאָגן — פאַרגעסן אין שאָפּ! אַלזאָ, מיין מעקסעלע, זאָל לעבן, קאָן זיך נישט אָפּגעבן מיטן שאָפּ. ער איז, אָן עין־הרע, פאַרטאָן אין וואָל־סטריט. און ווי אויף להכעיס וואָרפט עס די לעצטע צייט מיט די סטאָקס דאָרט, אין וואָל־סטריט, ווי אין קדחת. מ׳דאַרף דאָרט ליגן, ווי אַ כלב ביי דער יאַטקע, און היטן דעם „טיקער״. עפּעס אַ קליינינקייט, ס׳גאַנצע „דאָברע מזל״ ליגט דאָך דאָרט איינגעלייגט...

— יאָ, כ׳פאַרשטיי.

— על־כן שואליק, כ׳האָב זיך איצט אויף קיינעם נישט צו פאַרלאָזן, ווי נאָר אויף דיר. איך האָב באַשלאָסן איבערצוגעבן די השגחה אויפן שאָפּ אין דיינע הענט. אַזוי לאַנג ווי איך קאָן אין שאָפּ נישט קומען, באַשטים איך דיך אַלס „מענעדזשער״. איך גיב דיר דעם „כוח־הרשאה״ צו טאָן אַלץ דאָרט ווי דו פאַרשטייסט, „כאָדם העושה בתוך שלו״, ווי אין דיין אייגן געשעפט! דו באַקומסט איצט דאָפּלטע שכירות. פאַרשטייט זיך אַז דיין אַרבעט וועט איצט זיין אין אָפיס, נישט ביי דער מאַשין. דו דאַרפסט אויפפּאַסן אויף דער אַרבעט אין שאָפּ, אויף די באַשטעלונגען, אויפן פאַרקויף, און אַפילו אויף דער בוכהאַלטעריע...

— בוכהאַלטעריע? ר׳ שמואל־הערש איז דאָך...

— כ׳מוז דיר זאָגן, שואליק — לאָזט ר׳ שלמה־שעיה אים נישט ענדיקן — אַז דער אַלטער שמואל־הערש איז די לעצטע צייט געוואָרן אינגאַנצן אויסגעשפּילט. זינט דעם אומגליק מיט דיין... מיט זיין חוהלען, לא עלינו, איז ער ווי אויפן עולם־התוהו. ער פאַרגעסט. מאַכט אָפּט טעותים. ס׳איז צרות מיט די ביכער און מיט די חשבונות. מ׳מוז אַכטונג געבן אויף אים אויך... איז וואָס זאָגסטו דערויף, שואליק?

שואליק האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, געטראַכט אַ ווייל און געענטפערט:

— כ׳ווייס באמת נישט וואָס איך צו זאָגן. כ׳האָב מורא, אַז ס׳איז צו־אַ־גרויס „היטל" פאַר מיר, ר׳ שלמה־שעיה...

— דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן שואליק. האָסט, ברוך־השם, אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס. דו מוזט נעמען אויף זיך אָט דידאָזיקע אחריות צוליב מיין געזונט. פאַרשטייסט? מיט קיין אַנדערן וועל איך נישט קאָנען זיין רויק. ס׳איז „פּקוח־נפש", שואליק!...

— איכ׳ל פּרובירן, ר׳ שלמה־שעיה. כ׳האָף, אַז איר וועט, אם־ירצה־השם, גיך ווערן געזונט און ווידער קאָנען אָנגיין מיט אייער אַרבעט אין שאָפּ.

— הלוואַי, רבונו־של־עולם!... — טוט ר׳ שלמה־שעיה אַ זיפץ, אַ הייב־אויף די אויגן צום הימל, און אַ שטרעק אויס די האַנט צו שואליקן אַלס סימן פון זייער אָפּמאַך — זאָל עס זיין אין אַ גוטער שעה פאַר אונדזביידן!...

אויפן וועג אַהיים איז שואליק געווען פאַרבליפט פון דעם וואָס איז נאָר וואָס געשען מיט אים. ס׳האָט זיך אים נישט געגלויבט, ווי איינער וואָס האַלט אין דער האַנט אַ גרויס געווינס און קאָן זיך נישט גלויבן, אַז דאָס איז טאַקע זיין אייגנס. ס׳איז דאָך אָבער פאַרט אַ פאַקט. ער איז איצט באַשטימט אַלס דער פאַרוואַלטער פון „הייליקן שאָפּ", מיט דאָפּלטע שכירות!...

אין מוח האָט ביי אים אויפגעטויכט אַ געשיכטע, וואָס איז אַנומלטן געווען באַשריבן אין די צייטונגען וועגן אַן אומבאַוואוסטן כאָר־זינגער, וואָס איז אומגעריכט געוואָרן דער הויפּט־זינגער אין דער ניו יאָרקער מעטראָ־פּאָליטאַן־אָפּערע. געשען איז עס דורך אַ צופאַל. דער „סטאַר־זינגער" איז קראַנק געוואָרן סאַמע פאַר דער פאַרשטעלונג, און ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל אים פאַרטרעטן, חוץ דער כאָר־זינגער. און אין יענעם אָוונט איז ער „נתעלה" געוואָרן, און זיין בילד איז געדרוקט געוואָרן אין אַלע צייטונגען אַלס אַ נייער „שטערן" אין דער אָפּערע־וועלט. יאָ, מיט אים, שואליקן, האָט איצט כמעט אויך פּאַסירט אַזאַ פאַל. אַמעריקע! נישט אומזיסט רופט מען עס „דאָס לאַנד פון געלעגנהייטן"...

אַריינגעקומען אין הויז אַריין, האָט שואליק זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און תיכף דערציילט די יאַקירס וועגן זיין דערהויבונג.

פּערל האָט פון גרויס באַגייסטערונג אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט:

— אָ, שואליק, כ׳בין אַזוי צופרידן, אַזוי צופרידן!... כ׳לויף גלייך טעלע־פאָנירן מאַיקלען און ביטריסן!...

און עזרא האָט אויף זיין פילאָזאָפיש־רויקן שטייגער אַ זאָג געטאָן שואליקן:

— איצט זעען מיר ווי אמת דער מאמר החכם איז „אין רע שאין בו טוב" — נישטאָ קיין שלעכטס, אין וועלכן ס'זאָל נישט זיין עפּעס גוטס!...

ב

אין דעמזעלבן שבתצונאַכט האָט עזרא יאַקיר טעלעפאָנירט די נייעס וועגן שואליקן צו אַלע חברים־אַרבעטער פון „הייליקן שאַפּ".

קיין פּרטים האָט ער קיינעם נישט געגעבן. ער האָט בלויז איטלעכן פון זיי אָנגעזאָגט צו קומען מאָרגן, זונטיק אינדערפרי, אין שאַפּ אַריין אַביסל פריער, און דאָרטן וועלן זיי שוין אַלץ געוואָר ווערן.

שואליק אַליין האָט יענע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן רויק. ער איז געווען צופיל אָנטציקט, צופיל אויפגערודערט. אָט האָט ער איינגעדרימלט, און אָט האָט עס אים אויפגעוועקט. מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג איז ער שוין געווען אויף די פיס. ער האָט אָפּגעכאַפּט דאָס דאַווענען, אָפּגעכאַפּט דעם פרישטיק, און זיך אָנטשולדיקט פאַר עזראן, וואָס ער קאָן היינט אויף אים נישט וואַרטן.

אַרום זיבן אַזייגער אינדערפרי איז שואליק אַריינגעקומען אין שאַפּ אַריין.

אייבי, דער נעגערישער שאַפּ־וועכטער, האָט באַגעגנט שואליקן מיט אויפגעריסענע, פאַרקיסנעטע אויגן:

— והער'ז די באָס?...

— דער באָס איז קראַנק.

— ער'ט נישט קומען היינט?

— ער'ט נישט קומען עטלעכע וואָכן.

—אָ, גוד לאָרד!...

אייבי האָט גלייך פאַרדרייט ס'פייער אויפן גאַז־אייוועלע, וואו דער זידנדיקער טיי־קעסל איז געשטאַנען גרייט פאַרן באָס.

שואליק איז אַריין אין אָפיס און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטענדיקן פּלאַץ. נישט געקאָנט נאָך דערוויל זיך זעצן אויף ר' שלמה־שעיהס שטול ביים שרייבטיש. אַביסל האָט אים זיין איינגעוואָרצלטע חסידישע מידה פון דרך־ארץ נישט געלאָזט גלייך פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון באַלעבאָס. און אַביסל האָט אים זיין נאַטירלעכע באַשיידנקייט צוריקגעהאַלטן נישט צו ווייזן גלייך די חברים־אַרבעטער זיין דערהויבנקייט, זיין סופּעריאָריטעט.

ער האָט אַ נעם געטאָן דעם „חוק לישראל", וואָס איז געלעגן אויפן שרייבטיש, און גענומען אַריינקוקן.

דער ערשטער, וואָס איז אַריינגעקומען נאָך אים, איז געווען ר' שמואל־

הערש, דער בוכהאַלטער. ער איז צוגעקומען צו שואליקן, אים געדריקט די האַנט מיט זיינע ביידע הענט, אַ ברום געטאָן מיט זיינע דיקע ליפן: „זאָל דיר זיין מיט מזל, שואליק" און אונטער זיינע גראָבע שפּאַקולן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן אַ פּאָר טרערן.

שואליק האָט אים געדאַנקט, און בשעת־מעשה זענען ביי אים אויך די אויגן אָנגעגאָסן געוואָרן.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די אַנדערע אַרבעטערס האָבן גענומען אָנקומען איינער נאָכן אַנדערן. אַריינקומענדיק, האָט איטלעכער פון זיי צוגע־טראָגן שואליקן אַ צופרידענעם „מזל־טוב" מיט אַ האַרציקן וואונטש.

ווען אַלע אַרבעטערס האָבן זיך שוין אויסגעזעצט אין אָפּיס האָט שואליק זיך אָנגערופן צו זיי:

— רבותי, כ'געפין פאַר נייטיק איך איבערצוגעבן אייניקע פּרטים בנוגע אונדזער באַלעבאָס ר' שלמה־שעיהן.

שואליק האָט גענומען רעדן געלאַסן, באַזאַכט:

— צום באַדויערן מוז איך אייך זאָגן, פריינט, אַז ר' שלמה־שעיה איז זייער־זייער קראַנק. דער דאָקטאָר האָט אים פאַרזאָגט צו ליגן אין בעט עטלעכע וואָכן. ר' שלמה־שעיה האָט מיך נעכטן אָוונט עקסטראַ אַרויס־גערופן צו זיך און מיך באַשטימט אַלס משגיח אין שאַפּ...

— אַ „משגיח" אין אַמעריקע הייסט נאָר דער, וואָס גיט אַכטונג אין אַ „בוטשער־שאַפּ". אין אַנדערע שעפּער הייסט ער דאָ אַ „מענעדזשער"!...

— וואַרפט צו מאַטעלע נאָז.

— מאַטעלע מוז אַריין מיט זיינע שטיק. זאָל זיין „מענעדזשער", זיבי לאָז רעדן! — שטילט אים איין איינער פון דעם עולם.

שואליק רעדט ווייטער:

— פאַרוואָס ר' שלמה־שעיה האָט גראָד מיך אויסגעקליבן — ווייס איך נישט. גלייבט מיר, רבותי, אַז איך האָב דעם אמת נישט געוואָלט אָנגענומען. נאָר ר' שלמה־שעיה האָט אים אויף מיר ממש אָנגעוואָרפן. על־כן, רבותי, איך בין בטוח, אַז איר אַלע וועט ווייטער טאָן אייער פליכט, ווי ווען ר' שלמה־שעיה האָט אַכטונג געגעבן...

— אם־ירצה־השם! מיטן אייבערשטנס הילף! זייט זיכער, שואליק, אַז ס'וועט אַלץ זיין כשורה!... — האָבן אַ פּאָר פון די אַרבעטערס זיך אָנגע־רופן.

דער אַלטער הייזעריקער וואַנט־זייגער אין אָפּיס האָט אויסגעקרעכצט אַכט קלאַנגען. שואליק האָט זיך געטאָן אַ הייב־אויף מיטאַמאָל.

די אַרבעטערס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין שאַפּ אַריין און זיך געשטעלט אַרבעטן.

שואליק, בלייבנדיק אין אַפּיס מיט זיך אַליין, האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז איצט האָט ער קיין אַנדערע ברירה נישט — ער מוז זיך אַוועקזעצן אויף ר׳ שלמה־שעיהס שטול.

ער האָט געעפנט דעם שופלאָד פון שרייבטיש, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פּאַק בריוו. נאָכדעם האָט ער אויפגעשלאָסן די אייזערנע פייער־קאַסע און פון דאָרטן אַרויסגענומען אַ פּאַק מיט חשבונות און דאָס טשעק־בוך.

דאָ האָט ער אין טשעק־בוך דערזען אַ קוויטעלע, געשריבן מיט ר׳ שלמה־שעיהס האַנטשריפט, האַלב־יידיש, האַלב־העברעיש, און ער האָט עס גענומען לייענען: „ס׳איז לא טוב... איך קאָן זיך מער אויף דעם שמואל־הערשן נישט פאַרלאָזן... לעצטע וואָך פאַרגעסן אַריינצופירן דריי באַשטע־לונגען. חוץ דעם האָט ער צעמישט די יוצרות. אויף מר. געלמאַן פון שיקאַגאָ האָט ער גאָרנישט פאַרשריבן און אויף מר. ראָזען פון מאָנטרעאַל האָט ער פאַרשריבן כפל־כפלים... וואָס טוט מען מיט דעם אַלטן? איך וועל מוזן זיך באַראָטן מיט שואליקן וועגן אים...”

שואליקן האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. פון איין זייט האָט זיך אין אים דערוועקט אַ שטאַרק רחמנות אויף ר׳ שמואל־הערשן, וואָס הוהלעס אומגליק האָט אים אַזוי דערשלאָגן, נעבעך... און פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך געפילט געשמייכלט דערפון, וואָס ר׳ שלמה־שעיה האָט געהאַלטן אין גערדאַנק זיך צו באַראָטן מיט אים...

ער האָט זיך געלאָזט מיט פּאַמעלעכדיקע טריט צו ר׳ שמואל־הערשן אין קעמערל אַריין, און האָט אים דאָרטן געטראָפן אָנגעשפּאַרט מיט זיין צעשויבערטן קאָפּ אויף ביידע הענט, אַריינקוקנדיק אין קאָנטאָ־בוך.

ר׳ שמואל־הערש האָט נישט געהערט און נישט געזען שואליקן אַריינ־קומען. שואליק איז אַ לאַנגע ווייל געשטאַנען הינטער אים און געקלערט ווי אַזוי צוצוטרעטן צו דעם ווייטיקדיקן ענין. ער קאָן דאָך אים נישט זאָגן גלייך, אַז ר׳ שלמה־שעיה האָט אים אָנגעזאָגט צו זען אַכטונג געבן אויף דער בוכהאַלטעריע. און גלאָט בעטן ביי אים די קאָנטאָ־ביכער אויף איבערצו־קוקן, וועט זיך ר׳ שמואל־הערש באַליידיקן אויף אים. ערשט נאָרוואָס איבער־גענומען די „ממשלה” און שוין האָט ער, שואליק, די חוצפּה צו וועלן קאָנטראָ־לירן אים, דעם בוכהאַלטער פון יאָרן. איז וואָס פאַר אַן אויסרייד געפינט מען עפּעס, אַז ער זאָל דעם אָרעמען שמואל־הערשן, נעבעך, נישט מצער זיין?...

שואליקן איז אַריין אַ געדאַנק. אפשר זאָל ער בעטן ר׳ שלמה־שעיהן, ער זאָל אים דערלויבן צו געבן ר׳ שמואל־הערשן אַ וואָך וואַקאַציע. פאַר די אַרבעטערס וועט עס הייסן, אַז באשר דער אַלטער איז, נעבעך, נישט מיט אַלעמען, מוז ער זיך אָפּרוען אַ וואָך אין דער היים. און אין דער דאָזיקער וואָך וועט ער, שואליק, דערווייל האָבן אַ מעגלעכקייט איבערצוקוקן די

ביכער און די חשבונות און פאַרריכטן אַלע קאָנטאָס. און אויף ווייטער וועט ער שוין געפינען אַ וועג ווי צוצוהעלפן ר' שמואל־הערשן אין דער בוכהאַל־טעריע, בתורת פריינטשאַפט...

אָט דער געדאַנק איז שואליקן שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער איז געוועזן זיכער, אַז אויך ר' שלמה־שעיה וועט דערצו צושטימען. ער האָט געטאָן אַ הויכן הוסט. ר' שמואל־הערש האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צו אים: — שואליק?!... איך האָב נאָרוואָס געוואָלט אַריינגיין צו דיר, ביסטו אַריינ־געקומען צו מיר. איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן, שואליק!...

— וועגן וואָס, ר' שמואל־הערש?

— שואליק טייערער. כ'וויל זיך מתייעץ זיין מיט דיר. קיין געטרייערן פון דיר האָב איך דאָ נישט... — מאַכט ר' שמואל־הערש, אונטערהייבנדיק זיינע שפּאָקולן, — איך פיל, אַז זינט ס'האָט געטראָפן דאָס אומגליק בין איך נישט דערזעלבער שמואל־הערש וואָס פריער... כ'קאָן נישט טאָן מיין אַרבעט בשלימות. דער זכרון דינט מיר נישט מער. כ'מאַך אַ סך טעותים אין די ביכער... ר' שלמה־שעיה האָט שוין עטלעכע מאָל זיך אָפּגעריסן אויף מיר, און ער איז גאַנץ גערעכט...

— ר' שמואל־הערש, אַ מענטש טאָר זיך נישט אָפּלאָזן. איר זענט מיד, אויסגעמאַטערט גייסטיק. און וועגן דעם בין איך טאַקע איצט אַריינגעקומען צו אייך. איך האַלט, אַז איר דאַרפט נעמען אַ וואָך וואקאַציע. איך וועל דאָס פועלן ביי ר' שלמה־שעיהן, דענק איך. איר דאַרפט זיך אָפּרוען אַביסל...

— ניין, שואליק טייערער! שאָקלט ר' שמואל־הערש מיטן קאָפּ — איך האַלט, אַז איך דאַרף זיך אָפּרוען נישט אַ ביסל, נאָר טאַקע שוין אינגאַנצן... איך טאָר נישט נעמען קיין שכירות אומזיסט! כ'בין נישט וווערט אַפילו האַלב דערפון, וואָס איך באַקום איצט!...

— פאַרוואָס זאָלט איר גאָר אַזוי טראַכטן, ר' שמואל־הערש?

— קיינער ווייסט נישט וועמען דער שוך קוועטשט, נאָר דער וואָס טראָגט אים... איך בין אויף זיך אַ גוטער מבין... איז ווי פאַרשטייסטו, שואליק, איז גלייכער צו טאָן? — זאָל איך וואַרטן ביז ר' שלמה־שעיה וועט מיך משלח זיין, צי איז בעסער, איך זאָל אַליין זיך אָפּזאָגן פון דער שטעלע?...

שואליק האָט מיושבדיק אויסגעהערט זיינע ערלעכע רייד, געקוקט אויף אים מיט גרויס מיטלייד, ס'האָרץ האָט אים אויסגעריסן פאַר רחמנות, און די טרערן האָבן אים געוואָרגן.

— הערט מיך אויס, ר' שמואל־הערש טייערער! — נעמט שוין שואליק רעדן כמעט מיט תחנונים — דערווייל איז ר' שלמה־שעיה קראַנק. און אַזוי לאַנג ווי איך וועל פאַרוואַלטן מיטן שאַפּ, וועל איך מיט פאַרגעניגן אייך מיטהעלפן אין דער בוכהאַלטעריע. שפּעטער, ווען ר' שלמה־שעיה וועט קומען צוריק אין שאַפּ, וועלן מיר באַטראַכטן וואָס צו טאָן!...

ר׳ שמואל־הערש האָט נישט געקאָנט מער אַרויסברענגען אַ וואָרט. שואליקס טריישאַפט האָט אים צעשמאָלצן, ווי וואַקס ביי אַ ליכט. ער האָט אָנגענומען שואליקס קאָפּ מיט ביידע הענט, אים אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט אַן אַ שיער ליבע, זיינע דיקע ליפּן האָבן זיך באַוואויגן, ווי ביי אַ קינד, וואָס האַלט זיך ביים צעכליפּען, און ער האָט אַ קוש געטאָן שואליקן אויפן שטערן...

ג

שואליק האָט מיט זיין גאַנצער יונגער ענערגיע זיך אַ נעם געטאָן אימפּעטיק צו דער אָפּיס־אַרבעט, אויסגעסאָרטירט אַלע בריוו לויט די דאַטעס פון די פּאָסט־שטעמפּלען אויף די קאָנווערטן — די פריערדיקע אויבן און די שפּעטערדיקע אונטן — דורכגעלייענט די אייבערשטע עטלעכע בריוו און זיך גלייך גענומען שרייבן ענטפערס.

ער איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין דער דאָזיקער אַרבעט, אַז ער האָט נישט באַמערקט ווי די צייט איז אַריבערגעפלויגן. ער האָט אַפילו נישט געהערט ווי דער אַלטער וואַנט־זייגער האָט אויסגעקרעכצט די האַלבע און גאַנצע שעהן. ערשט ווען די רעדער אין שאַפע האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגע־שטעלט, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז שוין מיטאָג־צייט. ער האָט דערפילט, אַז ס׳האַרץ קלעמט אים טאַקע שוין.

שואליק האָט פאַרשפּרייט אַ טישטעכל אויפן שרייבטיש, אַרויסגענומען פון אַ פּאַפּירענעם בייטל די „סענדוויטשעס״, וואָס פערל יאַקיר האָט אים גאַנץ פרי מיטגעגעבן, און איז אַוועק צום ווענטער אין קעמערל זיך וואַשן די הענט צום עסן. בעת ער האָט זיך געוווישט די הענט און געזאָגט „שאו ידיכם״ האָט אים ווי אַ פּיק געטאָן אין מוח: וואָס? ע ר וועט זיצן דאָ אין אָפּיס און עסן, און די אַרבעטערס וועט ער לאָזן זיצן דאָרט אין שאַפּ עסן אָן אים? וועט דאָס נישט זיין עפּעס אַ מין גאַוהדיק אָפּזונדערן זיך, דערוויי־טערן זיך פון זיי? מילא, די איצטיקע אַרבעט זיינע מוז ער טאָן אין אָפּיס ביחידות, — אָבער עסן — פאַרוואָס זאָל ער נישט זיצן און עסן מיט זיי אַלע ביי איין טיש אין שאַפּ, ווי ביז איצט?...

ער האָט מיטן מעסערל אָפּגעשניטן אַ פענעצל ברויט, איינגעטונקען עס אין זאַלץ, געמאַכט די „המוציא״, גענומען זיין פּעקל שפּייז, איז דערמיט אַוועק אין שאַפּ אַריין און צוגעקומען צום לאַנגן טיש, וואו אַלע אַרבעטערס זענען געזעסן און געגעסן.

— ברוכים היושבים!...

— קומט עסן! — האָבן אַלע ביים טיש אים געענטפערט.

— אַוודאי בין איך געקומען עסן מיט אייך! — מאַכט שואליק, און זעצט זיך צו.

ר׳ שמואל־הערש דער בוכהאַלטער איז צוגעקומען צום טיש און געזאָגט, אַז אַ קונה פון פילאַדעלפיע וואַרט אין אָפיס. שואליק האָט זיך גלייך אויפגעהויבן און איז אַוועק אַהין.

— וואו איז ערגעץ מיסטער בערשאַדער? — טוט יענער אַ פרעג.

— מיסטער בערשאַדער האָט נישט געקאָנט קומען אין שאַפּ אַריין.

— וואָס איז דער מער?

— ער איז נישט געזונט.

— אַזוי גאָר? ווי לאַנג?

— פון לעצטער וואָך אָן! — מאַכט שואליק און זעצט זיך אַוועק ביים שרייבטיש.

— אויב אַזוי, וועל איך שוין מוזן וואַרטן ביז מיסטער בערשאַדער וועט זיין צוריק אין שאַפּ.

— אפשר קאָן א י ך עפּעס טאָן פאַר אייך, מיסטער ע... אַנטשולדיקט, כ׳ווייס נישט אייער נאָמען.

— עליקסאָן, ברוך עליקסאָן איז מיין נאָמען. און איר זענט דאָך, דאַכט מיר, דער יונגערמאַן פון ירושלים, אויב איך מאַך נישט קיין טעות! — דערלאַנגט ער אים אַ האַנט.

— יאָ, שואל הר־שלום! איצט, ווי איר זעט, מוז איך דאָ זיין מיסטער בערשאַדערס שטעלפאַרטרעטער. איז וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?

— קודם־כל מוז איך אויסגלייכן מיין „אַקאַונט". עפּעס מאָנט מען מיך מער וויפל איך בין שולדיק...

שואליק האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז דאָס מוז געוויס זיין איינער פון ר׳ שמואל־הערשס טעותים פון דער לעצטער צייט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— דאָס איז אַ קלייניקייט. אַז מ׳איז נישט שולדיק, צאָלט מען נישט. ס׳מאַכט זיך, אַז מ׳פאַרזעט...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז אַריין צו שמואל־הערשן און האָט אים אַריינגעבראַכט אין אָפיס צוזאַמען מיטן קאָנטאָ־בוך.

— ר׳ שמואל־הערש! — מאַכט מיסטער עליקסאָן צו אים מיט אַ געהעכערטער שטים, ווי מ׳רעדט צו איינעם, וואָס דערהערט נישט — עפּעס האָט איר מיר אָנגעהאָנגען, וויזט אויס, אַ פרעמדן „לונג־און־לעבער"!...

— מיסטער עליקסאָן! נאָר טויטע מאַכן נישט קיין טעותים. לעבעדיקע מאַכן טעותים. זייט זיכער, אויב איר זענט נישט שולדיק, וועט איר נישט צאָלן!...

— דאָסזעלבע האָב איך אויך געזאָגט! — מאַכט שואליק מיט אַ שמייכל.

— אָט האָב איך אומיסטן געבראַכט מיט זיך אַלע אייערע „בילס" און

אַלע מיינע „טשעקס!" — נעמט מיסטער עליקסאָן אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ קאָנווערט מיט פּאַפּירן.

שואליק האָט גענומען די פּאַפּירן, זיי אַוועקגעלייגט אויף דעם קאָנטאָ־בוך, און צו ר' שמואל־הערשן האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל:

— איר דאַרפט זיך נישט מטריח זיין. מיר'ן שוין דאָ מסתמא אויסגלייכן דעם חשבון!

ווי נאָר ר' שמואל־הערש איז אַוועק צו זיך אין קעמערל האָט שואליק גענומען נאָכקוקן די דאַטעס און די סומעס פון די חשבונות, זיי פאַרגלייכט מיטן קאָנטאָ־בוך, און — גלייך אויסגעפונען דעם טעות.

— ס'איז שוין אַלרייט, מיסטער עליקסאָן, דער שאָדן האָט זיך שוין אָפּגעזוכט!... — זאָגט שואליק — איר'ט אונדז מוזן אַנטשולדיקן, כ'האָב נישט געקאָנט רעדן ווען דער אַ ל ט ע ר איז דאָ געשטאַנען. כ'ווייס נישט צי איר האָט געהערט פון זיין אומגליק, וואָס ס'האָט אים, נעבעך, געטראָפן. ער האָט געהאַט אַ בת־יחידה, איין אויג אין קאָפּ, איז זי צוריק מיט עטלעכע חדשים געטויט געוואָרן פון אַ טראַק! טוט שואליק אַ טיפן זיפץ. קאָנט איר שוין פאַרשטיין....

— אָ, עפּעס געדענקט זיך מיר טאַקע... מ'האָט דערציילט וועגן דעם... טאַקע אַ רחמנות. אַ וואוילער מענטש, דער ר' שמואל־הערש. כ'קען אים דאָך שוין פון לאַנגע יאָרן. מיר זאָלן אַלע זיין באַהיט פון אומגליקן!...

— נו, האָבן מיר שוין איין זאַך דערלידיקט, מיסטער עליקסאָן, איצט וואָס איז עפּעס מכוח אַ נייער באַשטעלונג?

— אַוודאי דאַרף איך האָבן סחורה! — ענטפערט מיסטער עליקסאָן און גיט שואליקן זיין באַשטעלונג.

איצט איז ביי שואליקן יעדע מינוט געוואָרן נאָך טייערער ווי פריער. ער האָט געזען, אַז ער מוז גלייך נעמען צו רעווידירן אַלע באַלאַנסן אין קאָנטאָ־בוך, נאָך אײדער ער וועט זיך אָפּפאַרטיקן מיט דער קאָרעספּאָנדענץ. ער דאַרף פאַרהיטן ר' שמואל־הערשס כבוד און אויך אָפּהיטן דעם נאָמען פון דער פירמע.

ער האָט אַריינגערופן ר' שמואל־הערשן אין אָפיס און זיך אַוועקגעזעצט מיט אים איבערצוגיין אַלע חשבונות אין קאָנטאָ־בוך. זיי זענען בײדע אַזוי אָפּגעזעסן און געאַרבעט שעהן לאַנג. געגאַנגען פון בלאַט צו בלאַט, פון קאָנטע צו קאָנטע ביז דער טאָג איז אַוועק און די אַרבעט אין שאַפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

נאָך דער אַרבעט האָט שואליק געבעטן עזרא יאַקירן, אַז מ'זאָל היינט אין הויז נישט וואַרטן אויף אים מיט דער וועטשערע. ער וועט מוזן אַרבעטן אין אָפיס אַביסל שפּעטער.

דאָס „ביסל שפּעטער" האָט געדויערט העכער דריי שעה. שואַליק איז געקומען אַהיים אַרום ניין אַזייגער אין אָוונט.

ער איז געווען שטאַרק מיד פון אָט דער אַרבעט. אַ סך מער ווי ווען ער פלעגט שטיין ביי דער מאַשין. די אויגן האָבן אים געשמאַרצט פון צופיל אָנשטרענגען זיי אויף די ציפערן פון די חשבונות. דער קאָפּ איז אים געווען שווער. ער האָט קוים באַוויזן אָפּצועסן די וועטשערע, וואָס פּערל יאַקיר האָט פאַר אים געהאַלטן וואַרעם אויפן גאַז־אויוון דעם גאַנצן אָוונט. ער האָט זיך אַנטשולדיקט און איז גלייך אַוועק צו זיך אין צימער זיך צו לייגן אָפּרוען.

מיט צוגעשלאָסענע אויגן איז שואַליק איבערגעגאַנגען אין געדאַנק דאָס גאַנצע צעטל פון זיינע טועכצן אין ערשטן אַרבעטס־טאָג אַלס פאַרוואַלטער אין שאַפּ, און אַ שטאַרקע צופרידנקייט האָט געפּלייצט אין זיין מידן קערפּער. די אַחריות פון זיין נייעם אַמט, און דער אופן ווי ער האָט זיינע פליכטן דערפילט, האָט אים דערהויבן ביי זיך אַליין אין די אויגן. ער האָט דערפילט אין זיך אַ גרעסערע חשיבות, ווי ביז איצט. ער האָט נישט געדענקט, אַז ער זאָל ווען ס'איז אין זיין לעבן געווען זיין אַזוי צופרידן מיט זיך אַליין.

און גלייך נאָכדעם איז ער איינגעשלאָפן גאַנץ געשמאַק.

אויפגעכאַפּט האָט זיך שואַליק אַרום איינס ביינאַכט. ער איז, הייסט עס, אָפּגעשלאָפן אַזוי, אין די קליידער נאָך, קנאַפּע דריי שעה.

די הנאה פון דעם שלאָף האָט ער געפילט אין אַלע אברים. די פריערדיקע מידקייט זיינע איז ווי אויסגעוועפּט געוואָרן. אַ זיסע פרישקייט האָט איצט געריזלט אין אים פון קאָפּ ביז די פיס.

דער געדאַנק האָט אים אַ טראַג געטאָן צום שרייב־טישל: — איצט איז דער ריכטיקער מאָמענט צו שרייבן אַן ענטפער אויף זיין פאָטערס בריוו, וואָס ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט. איצט האָט ער גוטע נייעס צו שרייבן זיינע עלטערן!...

קאַפּיטל אַכט

א

צוויי שבתים, איינעם נאָכן אַנדערן, האָט סיידי גרין אויסגעפעלט אין דער יאָנג־איזראַעל־שול. דזשאָו לעוויטאַס האָט זיך דאָרט אויך אין די צוויי שבתים נישט באַוויזן. עס איז אָבער קיינעם אַפילו אויפן געדאַנק נישט אויפגעקומען, אַז זיי ביידע פעלן אויס צוליב איינער און דערזעלבער סיבה.

סיידיס און דזשאָוס רייזעס קיין ספּרינג וואַלי אין די לעצטע צוויי פריי־טיקן זענען געהאַלטן געוואָרן בסוד פאַר אַלעמען — אויסער פאַר זייערע עלטערן.

קיין בעסערן פּלאַץ, וואו זייער באַגעגעניש זאָל בלייבן אַ סוד, האָט דזשאָו נישט געקאָנט אויסקלייבן, ווי נאָר אין ספּרינג וואַלי ביי זיין מומען אין האָטעל. זיין מומע האָט געהייסן ברכה, און איר האָטעל האָט מען גערופן „ברכהס הויז". דאָס איז געווען אַ הילצערן צווייסטאָקיק הויז. אויפן ערשטן שטאָק האָט זיך געפונען די קיך, דאָס עסצימער און דער זאַל, וואָס האָט געדינט אי אַלס גאַסטצימער און אי אַלס אַ שול. און אויפן צווייטן שטאָק האָבן זיך געפונען נישט מער ווי צוועלף צימערן. אין איינעם האָט ברכה געוואוינט, און די איבעריקע זענען געווען פאַר די געסט.

דאָס האָטעלכל איז געשטאַנען אויסערן שטעטל אין אַ סאָסנע־וועלדל. אַלטע, געדיכטע ביימער האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז פון אַלע זייטן און נישט צוגעלאָזט אַהין דעם שטאָטישן גערויש. די שטילקייט דאָרט איז געווען, ווי אויף אַן אינדזל. מ'האָט דאָרט געהערט נישט מער ווי די שורשעריי פון די ביימער און די צוויטשעריי פון די פייגל.

„ברכהס הויז" האָט געהאַט אַ באַגרענעצטע צאָל געסט. ברכה איז געווען אַ שטרענג־פרומע יידענע, און זי האָט זיך געהאַט אירע שטרענג־פרומע געסט, עלטערע מענער און פרויען, ס'רוב אַלטע פּאַרפאָלקן, וואָס פלעגן אַרויסקומען פון ניו יאָרק אַהין עטלעכע מאָל אין יאָר, סיי ווינטער און סיי זומער.

ברכה איז געווען אַ קליינינקע, מאָגערינקע פרוי. אַן אַלמנה אין די זיבע־ציקער. איר מאַן איז געווען אַ שוחט און אַ דיין. זי איז געווען זייער פרום, האָט געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, האָט יעדן שבת, און אָפט אויך אינמיטן וואָך, געהאַט ביי זיך אַן אייגענעם מנין פון פרומע יידן.

דזשאָו האָט באַצייטנס טעלעפאָנירט זיין מומע ברכהן און איר געלאָזט וויסן מיט וועמען און צוליב וואָס ער קומט אַצינד. ביי איר איז דאָס געווען אַ גרויסע בשורה. זי איז געווען שטאַרק באַזאָרגט, וואָס איר פּלימעניק איז שוין אין די יאָרן און איז נאָך אַלץ אַ בחור.

די מומע האָט אויפגענומען דזשאָוען — יאָסעלען, ווי זי האָט אים גערופן — און סיידין מיט גרויס פרייד.

אויך די פרומע געסט זענען געווען שטאַרק צופרידן. זיי האָבן כמעט אַלע געקענט יאָסעלען, וועלכער פלעגט קומען גאַנץ אָפט צו זיין מומען אויף אַ שבת. יאָסעלעס דאַווענען פאַרן עמוד און זיינע זמירות ביים שבת־טיש איז ביי זיי אַלע געווען דער גרעסטער עונג־שבת.

איצט, ווען זיי האָבן „דערשמעקט", אַז יאָסעלע קומט אַהער מיט אַ „בתולה" אויף אַן „אָנקוקעכץ", זענען זיי געווען צופרידן נאָכמער ווי שטענדיק.

אַלע האָבן דאָס פּאָרל אויפגענומען ווי זייערע לייבלעכע קרובים. די

פרויען און די מענער דאָרטן האָבן גלייך גענומען דערציילן סיידין וואָס פאַר א תענוג יאָסעלע פאַרשאַפט זיי מיט זיין זינגען.

— ר׳האָט דאָך אַ פייפעלע אין האַלדז!...

— אַן אמתדיק פידעלע!...

— זיינע דאַוונען! זיינע זמירות! ס׳איז דאָך מחיה־נפשות!...

אָט אַזוי האָט איטלעכער פון די געסט אָפּגעלויבט פאַר סיידין יאָסעלעס מוזיקאַלישן טאַלאַנט.

יאָסעלע האָט יענעם שבת, לכבוד סיידין, טאַקע אָפּגעגעבן אַ קאָנצערט, וואָס דער עולם דאָרט האָט נאָך אַזוינס פון אים נישט געהערט. אַלע זענען דאָרט געווען אויסער זיך פון תענוג.

און סיידי — סיידי אַליין האָט יעדע מינוט געהאַט אַ ברענענדיקן חשק צוצופאַלן צו יאָסעלען און אים אויסקושן די ליפּן זיינע.

דער פרומער עולם אין האָטעל האָט איצט, אויס ליבשאַפט צו יאָסעלען, אפילו פאַרקוקט, וואָס ער איז באַלד נאָך דער פרייטיקצונאַכטיקער סעודה אַוועק מיטן מיידל אויף אַ שפּאַציר אין וועלדל אַריין...

אין וועלדל האָט די נאַכטיקע שטילקייט געזשומעט אין די אויערן. די נאַכט איז געווען אַ סוף־חודשדיקע. די לבנה האָט זיך נישט באַוויזן. און אַפילו די שטערן פון דעם לויטערן הימל האָבן דורך די געדיכטעביימער נישט געקאָנט דורכשיינען. די לופט האָט געשמעקט מיט זשיוויצע, מיט מאָך, און מיט איבערגעשטאַנענע שוועמלעך. אַ פּאָרל גרילן האָבן זיך בענקנדיק איבערגעגרילצט. אַ פּאָר פייגעלעך האָבן זיך באַגערנדיק איבערגעצווי־טשערט.

דזשאָו און סיידי,ביידע מיט איבערגעפילטע הערצער, זענען געזעסן אין דער טונקלקייט פון וועלדל אויף אַן אַלטן אומגעפאַלענעם בוים און זיך געהאַלטן ביי די הענט.

— זינג מיר עפּעס, דזשאָו! מיין האַרץ גייט אויס נאָך דיין געזאַנג!...

— האָט זיך סיידי געטוליעט צו אים.

דזשאָו האָט אַוועקגעלייגט זיין קאָפּ אויף איר שויס און שטיל־שטיל גענומען זינגען ביאַליקס פאָלקס־לידל „הכניסיני תחת כנפך":

„נעם מיך אונטער דיין פליגל,
זיי מיר אַ מוטער און אַ שוועסטער;
זאָל דיין שויס מיין קאָפּ־אַנשפּאַר זיין,
און פאַר מיינע תפילות אַ נעסט ער"...

„אין דער רחמים־צייט, פאַרנאַכט,
בויג זיך צו, וועל׳ך דיר זאָגן אַ סוד:

מ׳זאָגט, ס׳איז ערגעץ יוגנט פֿאַראַן —
וואו איז מײַן יוגנט, גאָט?...״

און סיידי האָט אים צוריק געזונגען ביאַליקס אַן אַנדער פֿאָלקס־לידל „בין נהר פרת ונהר חידקל״:

„צווישן טײַך פרת און טײַך חידקל,
אויפֿן באַרג אַ בוים דאָרט בליט,
און אויפֿן בוים, צווישן די צווײַגן,
אַ גאָלדענע פּאַווע דאָרט רוט״.

„גאָלדענע פּאַווע, פֿלי און זוך,
זוך מיר אויס מײַן באַשערטן;
און אויב געפֿינסט אים, ברענג אים
גלײַך צו מיר, מײַן באַגערטן!...״

זייערע מיילער זענען געבליבן שטיל, און זייערע הערצער האָבן גענומען זינגען. די הערצער האָבן געזונגען, און זייערע ליפּן האָבן זיך געקושט. לאַנג און הייס געקושט... און — דאָ האָבן זיי גלײַך גענומען רעדן „תכלית״.

סיידי האָט דזשאָוען געזאָגט איצט אָכן און קלאָר, אַז זי האָט נישט קיין איין אָפּגעשפּאָרטן דאָלאַר. זי האָט ביז איצט געמוזט שטיצן אירע אָרעמע עלטערן, און זי וועט דאָס מוזן טאָן אויך ווייטער. אירע ברידער מאַכן קוים אַ לעבן פֿאַר זייערע אייגענע פֿאַמיליעס. איר פֿאָטער האָט שוין נישט קיין כוח צו שטיין ביים פּושקאַרט זומער אין די היצן און ווינטער אין די קעלטן. ער, דזשאָו, מוז דאָס וויסן פֿריער...

דזשאָו האָט סיידין דערקלערט, אַז ער וועט אויך זיין מוטער מוזן אויסהאַלטן, ווי ביז איצט. אָבער — זי האָט זיך נישט וואָס צו זאָרגן. ער האָט, ברוך־השם, אָפּגעשפּאָרט אַ היפּשן קאַפּיטאַל. ער האָט אויך אַ צען־טויזנט־דאָלאַרדיקע פּאָליסע, כמעט אַן אויסגעצאָלטע. ער האָט איר פֿאַרזי־כערט, אַז ער וועט פֿאַר איר פֿאָטער עפֿענען אַ קראַוואַטן־געשעפֿט. ער׳ט קאָנען מאַכן פֿאַר זיך אַ גרינגער לעבן, ווי ביים פּושקאַרט.

ער האָט אויך געלאָזט וויסן סיידין, אַז ער וועט זי נישט לאָזן אַרבעטן נאָך דער חתונה. גענוג געאַרבעט...

ווי צוויי דערוואַקסענע מענטשן מיט קלאָרע מוחות האָבן זיי אין יענעם פּרייטיקצונאַכט אין דעם סאָסנע־וועלדל אויסגעאַרבעט זייער שותפֿות־קאָנטראַקט און אים געחתמעט מיט הייסע, ליידנשאַפֿטלעכע קושן. און די סאָסנע־ביימער אַרום זענען געשטאַנען ווי עדות און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און צוגעשורשעט מיט די גרינע בלעטער: — „שור! שור! שור!...״.

אויפן צווייטן שבת האָבן שוין דזשאָ און סיידי מיטגענומען קיין ספּרינג וואַלי אויך זייערע עלטערן.

ב

מאַנטיק אינדערפרי איז סיידי געקומען אַביסל שפּעטלעך צו דער אַרבעט. שפּרהלע איז שוין געווען אין אָפיס. סיידי איז אַ צעשיינטע צוגעלאָפן צו שפּרהלען, איר געוויזן איר „ענגיידזשמענט־רינגל".

— ווען איז עס געשען? — האָט שפּרהלע אַן איבערראַשטע אויסגעשריגן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

— לעצטן שבת אָונט!

— ס'אַראַ סורפּריז! מזל־טוב! זאָל זיין מיט גליק, סיידי! — האָט שפּרהלע זי אַרומגענומען און זיך צעקושט מיט איר.

— אַ דאַנק, שפּרהלע. הלוואי אינגיכן ביי דיר!...

— ווי הייסט ער, דיין בחור?

— דזשאָ. יוסף לעוויטאַס.

— וואָס איז זיין באַשעפטיקונג?

— ער האָט אַ קראַוואַטן־געשעפט אין אַללען־סטריט.

— ווען האָט איר זיך באַגעגנט?

— ערשט צוריק מיט צוויי וואָכן.

— ווי אַזוי קומסטו צו אים?

— נישט לאַנג צוריק האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, און געוואָלט ווערן אַ מיטגליד פון יאַנג איזראַעל. איך בין געקומען צו אים אין די ביזנעס אויסצופילן פאַר אים אַ מיטגליד־קאַרטל. און — געדענקסטו, שפּרהלע, מיין ווערטל, וואָס כ'פלעג זאָגן, אַז „מיין זיווג וועל איך דערקענען אויף אַ מייל וויט"? איז עס אַזוי געשען. כ'האָב אים טאַקע גלייך דערקענט...

— איז עס נישט וואונדערלעך? — גאַפט שפּרהלע — ווי קוקט ער אויס? וואָס איז ער פאַר אַ טיפּ, דיין דזשאָ? כ'וואָלט אים שוין געוואָלט זען!

— שפּרהלע! — מאַכט סיידי מיט איר קלוגן שמייכל — כ'דאַרף דיר זאָגן פריער, אַז ע ר איז פונקט אַזאַ „פּאַרשוין" ווי א י ך. דערצו האָט ער צוויי הויקערלעך... דערפאַר, אָבער, האָט ער אַ שיינעם קאָפּ האָר, אַ שיין געזיכט, איז קלוג און געלערנט, שיינט צו האָבן אַ גוטן כאַראַקטער, און — נאָך אַ מעלה, ער איז אַ וואונדערלעכער זינגער... — כ'האָב אים ליב, שפּרהלע. כ'בין גליקלעך!... הלוואי אויף דיר געזאָגט!... דריקט סיידי זי צו זיך.

— אָ, כ'בין אַזוי פריילעך מיט דיין גליק, סיידי!... אָבער, כ'פרעג דיך, ווי איז אַ מענטש אַזוי פאַרשלאָסן אין זיך, אַזוי „סקריטנע", ווי מיך מאמע

רופט עס, און זאָגסט מיר נישט די גאַנצע צייט אַ וואָרט דערפון? שעמען מעגסטו זיך טאַקע!...

— כ׳האָב מורא געהאַט דיר צו דערציילן, שפּרהלע. טאָמער, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, עס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם...

— לאָמיך לויפן זאָגן די בשורה מיין טאַטן און מיין ברודער! — מאַכט שפּרהלע פריילעך — עס וועט זיי אויך פרייען צו הערן!

ר׳ אַריה־לייב שעוויץ און זיין זון יאָסעלע זענען אַריין אין אָפיס און אָפּגעגעבן סיידין אַ האַרציקן מזל־טוב. די בשורה איז אויך באַלד באַוואוסט געוואָרן צווישן די אַרבעטערס אין שאַפּ.

מיטאָג־צייט האָבן די „באָסעס״ געשיקט קויפן לעקעך און בראָנפן און מכבד געווען אַלעמען דאָרטן אין שאַפּ לכבוד סיידיס קנס־מאָל.

שפּעטער, זיצנדיק אין קאַפעטעריע ביים „לאָנטש״, האָט שפּרהלע אַ זאָג געטאָן:

— סיידי, איך האָב אויך אַ סורפּריז פאַר דיר!

— וואָס אַזוינס? — טוט סיידי אַ פרעג נייגעריק.

— דו געדענקסט ווי דו האָסט אין אַטלאַנטיק־סיטי אויפן שפּאַציר־בריק מיך באַקענט מיטן בידניוזקער רבס זון, דעם לאַיער ראָזען?

— יאָ, יאָ. נו?

— כ׳בין מיט אים שוין עטלעכע אָוונטן „אויסגעגאַנגען״.

— טאַקע? ווי אַזוי? ר׳האָט דיך גערופן אויפן טעלעפאָן?

— ניין. באַגעגנט האָבן מיר זיך צופעליק. ווען מ׳האָט געוויזן פאַר צוויי וואָכן די מאָווי אויף יידיש „יאַנקל דער שמיד״, בין איך זי געגאַנגען זען. ווי איך שטיי אַזוי ביים קאַסע־פענצטערל צו קויפן אַ בילעט, שטייט אין דער ריי הינטער מיר, אַ יונגערמאַן. איך האָב אים נישט דערקענט. ער — מיך האָט יאָ דערקענט, און דערמאָנט מיך, אַז דו האָסט אונדז באַקענט אין אַטלאַנטיק־סיטי... נו, זענען מיר שוין צוזאַמען אַריין אין טעאַטער און געזעסן איינס לעבן אַנדערן, נאַטירלעך... אַרויסגייענדיק פון דאָרט, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן צי ער מעג מיך אַמאָל אָפּרופן צו מאַכן אַ „דעיט״. איך האָב אים געענטפערט, אַז מעגן מעג ער אַוודאי, און איך, אויב כ׳וועל קאָנען וועל איך אָננעמען. פוילט ער זיך נישט, דער בחור, און רופט מיך אָפּ גלייך אויפן צווייטן אָוונט. און — מיר זענען שוין געגאַנגען פיר מאָל ביז איצט...

— טאַקע? איז פאַרוואָס האָסטו מיר נישט דערציילט וועגן דעם?

— כ׳האָב געוואָלט וואַרטן ביז כ׳וועל דיר קאָנען זאָגן מיין מיינונג וועגן אים.

— נו, וואָס איז דיין מיינונג?

— ער... ער איז אַ גאַנץ סימפּאַטישער בחור...

— און דו דענקסט אויך ווייטער צו גיין מיט אים?

— כ׳מיין אַז יאָ. ער האָט מיט מיר שוין געמאַכט אַ באַשטעלונג אויפֿן קומענדיקן מיטוואָך אָונט. און אויף קומענדיקן שבת האָט ער מיך איינגעלאַדן צו קומען אין יאַנג־איזראַעל־שול צום דאַווענען. זיי וועלן האָבן זאָגט ער, אַ „חזנדל אויף שבת", גאַר אַזוינס און אַזעלכעס...

— אַזוי האָט ער דיר געזאָגט? דאָס מיינט ער דאָך מיין דזשאָוען!

— ווי אַזוי ווייסטו?

— ווייל נאָך לעצטע וואָך האָט דער פּרעזידענט פֿון יאַנג־איזראַעל, מר. זוסמאַן, אָפּגערופֿן דזשאָוען און האָט אים באַצייטנס באַשטעלט אויף היינטיקן שבת, ווען מ׳בענטשט ראש־חודש אלול, צו שענקען זיי אַ תפילה. און דזשאָו האָט אים צוגעזאָגט... דו מוזט טאַקע קומען היינטיקן שבת אין שול און הערן דזשאָוען!...

— ס׳טוט מיר לייד, סיידי. ווי שטאַרק כ׳וואָלט וועלן הערן דיין דזשאָוען דאַווענען, קאָן איך אין שול אַהין נישט קומען...

— פֿאַרוואָס נישט?

— סיידי, כ׳וויל זיך נישט באַגעגענען מיט דעם שואליקן, מיט אָט דעם... דעם פֿאַרריסענעם ירושלימער בחור, דעם „סנאָב"!... — פּלאַצט אויס שפּרהלע מיט פֿאַרדראָס.

— קיינער נויט דיך נישט צו באַגעגענען זיך מיט אים, שפּרהלע.

— איך קאָן נישט, סיידי, איך קאָן נישט!...

שפּרהלעס ווערטער, אַז זי וויל זיך נישט באַגעגענען מיט שואליקן, דעם פֿאַרריסענעם בחור, דעם „סנאָב", זענען פֿאַר איר אַליין געווען אומדערוואַרט. דידאָזיקע ווערטער האָבן זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט פֿון מויל אומגערן. נישט איר געדאַנק האָט איר דיקטירט אָט די ווערטער. אָבער ווען די ווערטער זענען שוין געווען אַרויסגעזאָגט, האָבן זיי גענומען דיקטירן איר געדאַנק.

די גאַנצע צייט, זינט זי האָט אין באַן, אויפֿן וועג פֿון אַטלאַנטיק־סיטי, באַקומען דעם „אָפּשניט" פֿון שואליקן, האָט שפּרהלע שטאַרק געליטן.

געליטן האָט זי אין צווייען — אי אויס בענקשאַפֿט נאָך שואליקן, און אי אויס פֿאַרדראָס אויף זיך אַליין פֿאַר איר דערנידעריקן זיך פֿאַר אים. זי איז געווען אין כעס אויף זיך, וואָס זי האָט זיך אַזוי באַנאַרישט, נאָכגעלאָפֿן אים קיין אַטלאַנטיק־סיטי, נאָכגעיאָגנגען אים ווי אַ שאָטן, זיך ממש אַנגעוואָרפֿן אויף אים — נעם מיך!

זי האָט זיך אויפֿגעגעסן אַ לעבעדיקע. ווי איז עס איר נישט איינגעפֿאַלן, אַז עס איז נישט שיין און קלוג אַזוי צו האַנדלען?

אָבער צו שואליקן האָט זי קיין רוגז נישט געפֿילט. טיף אין האַרצן האָט

זי נאָך אַלץ געהאַט אַ וואַרעמען פּלאַץ פאַר אים. ער איז איר פון גערדאַנק נישט אַרויס. זי האָט אין געדאַנק תמיד פאַרגלייכט איטלעכן יונגנמאַן מיט שואליקן. און אַפילו דעם לאָיער ראָזען, מיט וועלכן זי איז שוין עטלעכע מאָל „אויסגעגאַנגען" און האָט אים געהאַלטן אַלס אַ זייער פיינעם, סימפּאַ־טישן בחור, אפילו אים האָט זי אויך ביי יעדער באַגעגעניש באַנייעס פאַר־גלייכט מיט שואליקן. און שואליק איז ביי איר אַלץ געשטאַנען העכער...

איצט, אָבער, בעת דעם שמועס מיט סיידיך, האָבן די שאַרפע ווערטער, מיט וועלכע זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט וועגן שואליקן, גענומען ווירקן אויף איר געדאַנק און אויף איר געמיט. זי האָט איצט מיטאַמאָל דערפילט נישט נאָר רוגז, נאָר טאַקע אַ מין פיינטשאַפט צו שואליקן. זי האָט איצט געפילט ווי צו ערגערן אים, ווי צו טאָן אים. זאָל ער זי זען מיט דעם ראָזענען אין שול, און זאָל עס אים אַ צופּ טאָן ביים האַרצן!...

ביים אַרויסגיין פון קאָפּעטעריע האָט סיידי אַ זאָג געטאָן:

— שפרהלע, איך האָב געזען, אַז ווען דו ווילסט נאָר האָסטו אַ שטאַרקן כאַראַקטער. איז פאַרוואָס זאָלסטו איצט אַרויסווייזן אַזאַ שוואַכקייט? וואָס הייסט דו קאָנסט נישט קומען אין שול אַריין צוליב שואליקן? אדרבא, דו דאַרפסט אים ווייזן, אַז דו שטרייכסט זיך אין אים פונקט אַזויפיל, ווי ער שטרייכט זיך אין דיר! און אויב דו דענקסט, אַז ער האָט דיר אַרויסגעוויזן פאַרריסנקייט, גרויסהאַלטעניש, וואָס איך בין אים דערין בפירוש נישט חושד, — איז צאָל אים אָפּ מיט סנאָביזם פאַר סנאָביזם! פאָלג מיך, שפרהלע, נעם זיך אָן מיט מוט און קום שבת אין שול אַריין!

שפרהלע האָט פאַרשטייפט אירע ליפּן און אַ זאָג געטאָן טראַציק:

— סיידי, כ'וועל דיך פאָלגן! כ'וועל קומען שבת אין שול אַריין! כ'וויל הערן דיין דזשאָון דאַווענען!...

ג

ר' אַריה־לייב שעוויץ האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון זיין קלוגער, רעליגיעזער סעקרעטאַרין, סיידין. ער האָט געגלויבט, אַז די השגחה אַליין האָט צוגעשיקט סיידין אַלס גוטן שליח פאַר זיין שפרהלען.

דער פרומער, שטרענגער ר' אריה־לייב האָט שוין לאַנג שלום געמאַכט מיט דער לאַגע. ער האָט איינגעזען, אַז ער וועט נישט קאָנען אַרויפצווינגען אויף זיין שפרהלען אַ שידוך, וואָס ער וועט פאַר איר אויסקלייבן, נאָר ער וועט מוזן מסכים זיין צו דעם, וואָס זי וועט זיך אַליין אויסקלייבן. ער האָט עס געלאָזט צו דער השגחה, און געגלויבט, אַז די השגחה פירט צום גוטן. דער סימן איז געווען — סיידי.

סיידיס גוטער איינפלוס אויף שפרהלען האָט ר' אריה־לייב באַמערקט שוין גלייך די ערשטע וואָך נאָך שפרהלעס צוריקקומען אַרבעטן אין אָפיס.

שפּרהלע איז, ברוך־השם, מיט יעדן טאָג געוואָרן רויקער, מונטערער, געשטעלטער. זי האָט ווי אינגאַנצן פאַרגעסן אַלע אירע פריערדיקע „נאַריש־קייטן" און זיך גענומען צו דער אָפּיס־אַרבעט גאַנץ פלייסיק. אויך אין הויז איז זי געוואָרן צוגעלאָזענער, ליבלעכער. נישט געבליבן קיין סימן פון איר נערוועזקייט און איר סטירדעס. זי האָט זיך גענומען אינטערעסירן שטאַרק מיט יידישקייט. זי האָט גענומען לייענען ביכער וועגן יידישער היסטאָריע און יידישער רעליגיע. און ביי ר' אריה־לייבן איז קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס ווירקט סיידי אַזוי אויף איר.

יידן אין זיין חסידים־שטיבל האָבן טאַקע געקוקט אויפן יאָנג־איזראַעל מיט גרינגשעצונג. אָבער ביי אים אַליין איז אַט די אָרגאַניזאַציע געוואָרן אַ סך חשובער, זינט ער האָט געזען ווי סיידי פירט זיך אויף רעליגיעז. טאַקע אַ אַמעריקאַנער, ענגליש־רעדנדיקע יוגנט, אָבער פאָרט אַ רעליגיעזע יוגנט, אַט די יאָנג־איזראַעלניקעס!...

און דערפאַר טאַקע ווען שפּרהלע האָט געזאָגט, אַז זי וויל פאָרן קיין אַטלאַנטיק־סיטי צו דער יאָנג־איזראַעל־קאָנווענשאָן, האָט ר' אריה־לייב מיט פאַרגעניגן צוגעשטימט. בפרט אַז זי פאָרט מיט סיידין צוזאַמען, איז ער אַוודאי געווען צופרידן.

וואָס שפּרהלע איז אויסן געווען מיט איר פאַרלאַנג צו פאָרן קיין אַטלאַנ־טיק־סיטי, און וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען צווישן איר און דעם שואַליקן, האָט ר' אריה־לייב, פאַרשטייט זיך, נישט אָנגעהויבן צו וויסן.

ווען דער לאָיער ראָזען איז געקומען אין הויז אַריין אַרויסצונעמען שפּרהלען, איז ר' אריה־לייב געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון יענער קאָנווענשאָן, און סיידי האָט אַ האַנט אין דעם...

ראָזענס יחוס איז ר' אריה־לייבן געווען געפעלן. דער בידניוועקער רב שטייט אים אָן פאַר אַ מחותן. דער בחור אַליין האָט אים אויך אויסגעקוקט צו זיין אַ פיינער יונגערמאַן. אַ „יודע ספר", באַלאַנגט צו דער רעליגיעזער חברה פון יאָנג איזראַעל, און דערצו — אַ לאָיער. איז ער געווען אין האַרצן צופרידן. אָבער ער האָט זיך געוואָלט האַלטן נייטראַל. נישט גערעדט גאָר־נישט מיט שפּרהלען פון אים. געוואַרט, אַז זי אַליין זאָל אים דערציילן.

שפּרהלעס מוטער האָט יאָ געפּרוואווט אַ רעד טאָן מיט איר וועגן ראָזענען:

— וואָס דענקסטו וועגן אים, טאָכטער?

— ער איז אַ גאַנץ פיינער בחור...

— אַז דו גייסט מיט אים, מיינסטו דאָך מסתמא ערנסט!

— איך גיי מיט אים, ווי מיט אַ פריינד...

— דאָס אַ ל ץ?

— דערווייל...

מער האָט די מוטער פון שפּרהלען נישט געקאָנט אַרויסציען. זי האָט

עס, נאַטירלעך, דערציילט איר מאַן. און ר׳ אריה־לייב האָט איר געענטפערט:

— לאָז זי צורו, זעלדע! אַזוי לאַנג ווי זי גייט, ברוך השם, אויפן דרך־הישר, דאַרף מען זי לאָזן גיין...

יענער שבת, ווען מ׳האָט געבענטשט ראש־חודש אלול, איז אין דער יאַנג־איזראַעל־שול געווען אַ פריילעכער שבת.

דער גאַנצער עולם דאָרט האָט זיך געפרייט וואָס זייער סיידי איז אַ כלה געוואָרן. ס׳איז געווען אַלעמענס נחת. איטלעכער האָט זיך געפילט מחותנדיק.

די באַאַמטע האָבן צוגעגרייט לכבוד דער געשעעניש אַ גרויסאַרטיקן „קידוש״.

דזשאָו האָט מיט זיין בייטראָג נאָך פאַרגרעסערט די שמחה. ער האָט געדאַוונט שחרית און מוסף, געלייענט אין דער תורה, און דער עולם איז געווען אַנטציקט.

שפרהלע איז געקומען אין שול אַריין צוזאַמען מיט סיידין, און זיי ביידע זענען די גאַנצע צייט פון דאַווענען געזעסן איינע לעבן דער צווייטער.

נאָכן דאַווענען האָט סיידי פאַרגעשטעלט שפרהלען פאַר אַלעמען, און אַלע האָבן זי אויפגענומען זייער פריינטלעך.

דער לאָיער ראָזען האָט צוגעטראָגן שפרהלען אַ וואַרעמען „גוט שבת״ מיט אַ באַהאַלטענער פרייד. ער איז געווען זיכער, אַז שפרהלע איז געקומען מער צוליב אים, ווי צוליב סיידין...

שואליק איז געשטאַנען אַ ווייל פון ווייטן מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ.

זינט יענעם אָוונט פון זייער „אָפּשייד״ אין באַן האָבן די געשעענישן אין ארץ־ישראל און אין זיין פּריוואַטן לעבן זיך געיאָגט אַזוי בליץ־שנעל איינע נאָך דער אַנדערער, אַז ער האָט אפילו קיין געלעגנהייט נישט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן וועגן דער שפרהלען.

איצט, ווען ער האָט אומגעריכט דערזען שפרהלען אין שול, האָט ער זיך דערשראָקן. כאָטש ער האָט גוט געוואוסט די שייכות צווישן שפרהלען און סיידין, האָט זיך אים אין דער ערשטער רגע געדאַכט, אַז שפרהלעס קומען אין שול אַצינד איז, פּונקט ווי איר קומען פריער קיין אַטלאַנטיק־סיטי, אויסגעפּלאַנט נאָר צוליב אים. ער איז אויפן מאָמענט שטאַרק מבולבל געוואָרן. אָבער ער האָט זיך גלייך באַהערשט, איז צוגעקומען נאָענט, דער־לאַנגט שפרהלען די האַנט און אַ זאָג געטאָן היימישלעך:

— גוט שבת, מיס שעוויץ! וואָס מאַכט איר?...

שפרהלען איז דאָס גאַנצע בלוט אַריין אין פּנים, און זי האָט געפילט, אַז זי ווערט רויט ביזן טיפן האַלדז. ס׳האַרץ האָט איר גענומען פּלאַטערן,

און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט־אָט שפּרינגט עס אַרויס. זי האָט פאַר־ביסן די ליפּן אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט מורא געהאַט, אַז אָט־אָט וועט נעמען שפּריצן בלוט פון זיי. זי האָט באַגריפן, אַז זי האָט זיך געוואָלט אָפּנאַרן, זיך איינרעדן, אַז זי פילט אַ „פיינטשאַפט" צו דעם שואליקן. אָבער דאָס איז אין אמתן געווען גישט מער, ווי דער שוים פון איר לאַנג־זידנדיקער ליבע צו אים...

שואליק האָט באַמערקט איר צעטומלעניש. ער האָט דערפאַר נישט געוואַרט אויף איר ענטפער, און ווידער זיך אָנגערופן נאָך מיט מער היימישקייט:

— וואָס מאַכן עפּעס אייערע עלטערן, מיס שעוויץ?...

שפּרהלע האָט זיך אַביסל פאַמיִענטעט און אַ זאָג געטאָן:

— אָלרייט... אַ שיינעם דאַנק!...

אין יענעם מאָמענט איז צוגעקומען דער לאַיער ראָזען און זיך אָנגע־רופן מער צו שפּרהלען, ווי צו שואליקן:

— אַנטשולדיקט! צייט צו גיין צום טיש! צייט צו מאַכן קידוש!...

שפּרהלע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין ראָזענס אָרעם, ווי אין אַ רעטונגס־גאַרטל. זי האָט געגעבן אַ קוים־באַמערקבאַרן נייג איר קאָפּ צו שואליקן מיט אַ פאַרגליווערט שמייכעלע, האָט אַוועקגעשפּאַנט מיט ראָזענען און זיך צוגעזעצט מיט אים ביי איינעם פון די געגרייטע טישן.

שואליק האָט אויך אָפּגעאָטעמט פריי. איבערגעקומען. פּטור אַן עסק. ער איז אַוועק און זיך צוגעזעצט ביי אַן אַנדערן טיש.

ביי די דריי לאַנגע טישן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט ווי אַ „חית", האָט זיך גענומען רוישן און טומלען. דער עולם האָט געטרונקען „לחיים" צו סיידין און צו דזשאָזען. מ׳האָט גענומען פאַרבייסן. צווישן איין צובייס און צווייטן האָבן איניקע פאַרצויגן אַ זמרל און די אַנדערע האָבן אונטערגע־כאַפּט. מ׳האָט געזונגען בציבור.

שואליק האָט קיינמאָל נישט געטרונקען קיין משקה, און טאָקע נישט געקאָנט טרינקען. איצט אָבער האָט ער געוואָלט טרינקען, און ער האָט אויסגעטרונקען דעם גאַנצן כוס ווייַן, איבער וועלכן ער האָט געמאַכט קידוש.

נאָכן ערשטן כוס האָט ער זיך אָנגעגאָסן אַ צווייטן צו טרינקען „לחיים" צו חתן־כלה. ער האָט דעם צווייטן כוס אויך אויסגעטרונקען ביזן סוף. דער ווייַן האָט אים גלייך אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַריין. ער האָט זיך דערפילט שטאַרקער, מוטיקער. זיין שטימונג האָט זיך געהויבן. ער האָט אויף זיין שטייגער גענומען זאָגן אַ פּאָר תורה־ווערטלעך, און דער עולם לעבן אים האָט הנאהדיק געלאַכט.

איניקע זענען צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל עפּעס זאָגן לכבוד דער

שמחה. שאליק האָט אָבער נישט געוואָלט, נישט געקאָנט. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט. געענטפערט האָט ער:

— איצט איז נישט קיין צייט צו זאָגן, נאָר צו זינגען.

דער עולם האָט ווידער גענומען זינגען, און שואליק האָט מיטגעזונגען.

פון דער זייט האָט שואליק באַמערקט ווי דער לאָיער ראָזען פּאַדעט אַרום שפּרהלען. ער דערלאַנגט איר אַלעמאָל אַן אַנדער צובייס, אַן אַנדער ביסל משקה. זיי רעדן און שמייכלען היימיש איינס צום אַנדערן. און ס׳האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן. ער האָט זיך געפילט ווי איינער, וואָס ווערט פריי פון עפּעס אַ שווערער משא. ער האָט זיך דערמאָנט וואָס פאַר אַ „פּראָבלעם״ אָט די שפּרהלע איז געווען פאַר אים אין אַטלאַנטיק־סיטי און אויפן וועג צוריק קיין ניו יאָרק, און ער האָט איצט געפילט אַ צופרידנקייט. ס׳איז אים געוואָרן גרינג אויפן האַרצן. ער האָט זיך אומזיסט געשראָקן פריער. איצט איז שוין ביי אים קיין ספק נישט, אַז די שפּרהלע איז אַהערגעקומען נישט צוליב אים, נאָר צוליב דעם ראָזענען. דאַנקען גאָט, יענע פּראָבלעם עקזיסטירט מער נישט פאַר אים!...

קאַפּיטל ניין

א

שואליק האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ביזנעס־וועלט מיט זיין גאַנצן לייב־און־לעבן, און ער האָט זיך גענומען פילן אין אָט דער וועלט, ווי אַ געניטער שווימער אין אַ ברייטן טייך.

נישט איינמאָל האָט ער אַליין זיך געחידושט אויף זיך, ווי ס׳קומט צו אים אַזאַ געשיקטקייט אין געשעפט, ווען ער איז קיינמאָל קיין געשעפטסמאַן נישט געווען. נאָכמער האָבן אים באַוואונדערט די קונים, וואָס האָבן געוואוסט, אַז ער איז נישט לאַנג געווען אַ פּשוטער אַרבעטער אין שאַפּ. זיי האָבן אים געמאַכט קאָמפּלימענטן. אייניקע פון זיי האָבן אים אַפילו פאַרטרויט בסוד, אַז זיי זענען צופרידענער צו טאָן ביזנעס מיט אים, ווי מיט ר׳ שלמה־שעיהן.

אין אָפיס, ווי אויך אין שאַפּ, איז אַלץ געגאַנגען, ווי אויף פּוטער.

די בוכהאַלטעריע איז שנעל אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין אָרדענונג. אַלע טעותים זענען באַזייטיקט געוואָרן. אַלע קאָנטעס אויסגעגלייכט געוואָרן.

די קאָרעספּאָנדענץ איז לעבעדיקער געוואָרן. שואליק אַליין האָט געענטפערט אויף אַלע בריוו. ער האָט אַלע קליענטן פאַרשפּראָכן די בעסטע און פּינקטלעכסטע באַהאַנדלונג אין דער צוקונפט.

די באַשטעלונגען זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן איצט אַזוי שנעל, ווי זיי זענען דערהאַלטן געוואָרן.

שואליקס שטימונג איז מיט יעדן טאָג געוואָרן געהויבענער. נישט נאָר האָט ער אַלץ מער ליב באַקומען זיין נייע אַרבעט, נאָר זיין בליק אויפן סאָציאַלן לעבן בכלל און אויפן אינדיווידועלן לעבן בפרט האָט זיך ווי מיט־אַמאָל איבערגעביטן. זיין קוק אויף דער ביזנעס־וועלט איז נישט נאָר געוואָרן מילדער, נאָר טאַקע אַ סך סימפּאַטישער.

ער האָט איצט געגומען באַטראַכטן קאַפּיטאַל און אַרבעט, ווי צוויי זייטן פון איין מטבע.

אויף זיין לומדישן שטייגער האָט ער זיך וועגן דעם דאָזיקן פּראָבלעם געשאַפן זיינע אַן אייגענע חקירה: די מענטשהייט קאָן זיך ניט באַגיין אָן פיזישער אַרבעט ווי אָן גייסטיקער אַרבעט. אָבער ווען מ׳פאַרגלייכט דעם „כוח הגוף" (די פיזישע קראַפט) מיט דעם „כוח הנפש" (די גייסטיקע קראַפט), מוז מען די לעצטע פאַרט שטעלן העכער...

ער, שואליק, זעט עס פון זיך אַליין. ער איז איצט אַלס „מענעדזשער", אַלס גייסטיקער אַרבעטער, אַ סך וויכטיקער ווי פריער אַלס פשוטער אַרבעטער.

שואליק האָט געזען פאַר זיך ברייטע האָריזאָנטן. ער וועט קאָנען פאַר־דינען מער. ער וועט קאָנען שטיצן זיינע עלטערן מער. און ער וועט פאַר זיך אויך קאָנען בויען אַ בעסערע און שענערע צוקונפט דאָ.

נו, אַוודאי איז ער מיט זיין האַרץ און נשמה פאַרן יידישן לאַנד. אָבער — ווען ער קוקט דערויף מיט אַ ניכטערן בליק, קומט ער ווידער צו דער זעלבער מסקנה, ווי וועגן דעם סאָציאַלן פּראָבלעם. מיט וואָס איז ער, שואליק, מערער פעיק צו העלפן ארץ־ישראל — מיט זיין „כוח הגוף" אָדער מיט זיין „כוח הנפש"? דער ענטפער איז קלאָר: פיזיש קאָן ער גאָרנישט אויפטאָן פאַר דעם אויפבוי פון לאַנד. גייסטיק קאָן ער טאָן אַ סך. ער קאָן מיט זיין גייסטיקער קראַפט שאַפן פינאַנצן, און מיט די פינאַנצן העלפן בויען ארץ־ישראל!...

די ידיעות, וואָס קומען אָן די לעצטע טעג פון ארץ־ישראל, זענען דער־מוטיקנדיקע. דער פחד דאָרט איז אַוועק. דער יונגער ישוב האָט זיך גענומען אויסטשוכען. מ׳האָט באַשלאָסן צו נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט. מ׳האָט דאָרט שטילערהייט, בסוד פון דער ענגלישער מאַנדאַטן־מאַכט, גענו־מען פאַרשטאַרקן די „הגנה". די אַראַבער, די מדבר־פראים, פאַרשטייען נישט וואָס פאַר אַ גליק אַ יידיש ארץ־ישראל קאָן זיין פאַר זיי מיט דער צייט. דערפאַר איז זייער גרינג פאַרן ענגלישן אימפּעריאַליסט, דעם אוזורפּאַטאָר, אָנצורייצן זיי אַלעמען קעגן ישוב. יידן מוזן דערום זיין שטאַרק און גרייט צו באַשיצן זיך מיט וואָפן אין די הענט. און באַוואָפענונג קאָסט געלט. און ווער קאָן צושטעלן דאָס געלט אויב נישט דאָס אַמעריקאַנער רייכע יידנטום?

די יידן אין אַמעריקע מוזן און דאַרפן ווערן די פינאַנציעלע „חלוצים" פאַרן יידישן לאַנד!

די אַלע שאַרפע פּראָבלעמען, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, וואָס האָבן תחילת שואליקן נישט געלאָזט רוען, זענען ביי אים געלייזט געוואָרן מיט זיין נייער לאָגיק און זיין נייעם באַגריף, און ער איז געווען שטאַרק צופרידן דערפון. זיין געהויבענע שטימונג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין פּנים און זיינע אויגן.

שואליק איז געוואָרן צופרידן מיט זיך און מיט דער וועלט אַרום אים. דאָס לעבן האָט געזונגען אין אים און אַרום אים...

ב

שבת, נאָכן קידוש אין יאַנג־איזראַעל־שול לכבוד סיידין, איז שואליק געקומען אַהיים שטאַרק בגילופנדיק.

ער איז געווען זאַט און קיין סך נישט געקאָנט עסן ביי דער שבת־סעודה. ער האָט פון יוצא־וועגן פאַרזוכט, אַ לעק געטאָן פון יעדן געריכט. גלייך נאָכן בענטשן האָט ער דערפילט אַ שטאַרקע מידקייט, איז אַוועק צו זיך אין צימער און זיך צוגעלייגט אָפּרוען און כאַפּן אַ שבת־בייטאָגדיקן דרימל.

ווי נאָר ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן האָט ער פאַר זיך דערזען דאָס בילד ווי שפּרהלע און דער לאַיער ראַזען זענען געזעסן אין שול ביים קידוש־טיש האַרט איינס לעבן אַנדערן, אַזוי נאָענט, אַזוי היימיש, אַזוי „קנעפּלדיק". דאָס אויפפירן זיך זייערס וויזט, אַז זיי באַגעגענען זיך שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. זיי גייען זיכער אויס צוזאַמען גאַנץ אָפט. האָט, הייסט עס, די שפּרהלע זיך גאַרנישט אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס ער, שואליק, האָט זיך פון איר אָפּגעזאָגט! זאָל שפּרהלע זיך שוין געווען קושן מיט אָט דעם ראַזענען? מסתמא יאָ! זי איז דאָך מיט אים, שואליקן, געווען ווייניקער היימיש, און ביי זייער צווייטער באַגעגעניש האָט זי זיך שוין געכאַפּט קושן אין קאָרידאָר פון האָטעל אין אַטלאַנטיק־סיטי...

אָבער וואָס, אייגנטלעך, איז אים דען די נפקא־מינא צי שפּרהלע האָט זיך יאָ געקושט מיט ראָזענען צי נישט געקושט?... דווקא גאָר אַ גרויסע נפקא־מינא! ער קאָן אָט דעמדאָזיקן געדאַנק נישט צולאָזן צו זיך! פאַר־וואָס נישט? האָט ער דען עפּעס אַ רעכט אויף איר? קיין רעכט האָט ער טאַקע נישט. נאָר ער פילט, אַז ס'גריזשעט אים עפּעס אינעווייניק...

וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס — אייפערזוכט? אָבער מ'איז דאָך נישט אייפערזיכטיק, אויב מ'האָט נישט אַ געפיל פון ליבע... פילט ער אַ ליבע צו אָט דער שפּרהלען?... ער וואָלט איצט געגעבן מי־יודע־וויפל, אַז די שפּרהלע זאָל איצטער זיין לעבן אים און זי זאָל אים קושן...

און מערקווירדיק, די שפּרהלע אַנטוויקלט זיך, ווי אַ שײנע בלום. פון זינט ער האָט זיך מיט איר צעשיידט יענעם אָוונט, ווען זי זענען צוריקגעקומען פון אַטלאַנטיק־סיטי, ביז היינט, ווען ער האָט זי דערזען אין שול, האָט זי זיך ממש צעבליט. איר קערפּער — פולער, פרויאישער. אירע באַקן — פּוכקער, גלוסטיקער. אירע ברוין־גרינע אויגן — שפּיציקער, גלאַנציקער, בריענדיקער...

שואליק האָט מיט צוגעשלאָסענע אויגן געזען ווי די שפּרהלע איז געבליבן שטיין פאַרשטאַרט און נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט, ווען ער איז צו איר צוגעקומען אין שול און זי באַגריסט. יאָ, זי האָט אים ליב... זי וואָלט זיך פון אים נישט אָפּגעזאָגט אַפילו איצט, ווען זי גייט שוין מיט דעם ראָזענען. ער האָט דאָס געקאָנט אַרויסלייענען פון אירע בליקן...

אָבער — צו וואָס טראַכטן אַזעלכע מחשבות, וואָס פּאַסן נישט פאַר אים? דאָס טראַכט דאָך אין אים דאָס ביסל משקה, וואָס האָט זיך נאָך נישט אויסגעוועפּט אין זיין מוח. ער וועט דאָך די שפּרהלען נישט צונעמען ביי ראָזענען. איז ער דען נישט געווען צופרידן אין שול היינט, ווען ער האָט זי געזען זיצן מיט דעם ראָזענען? האָט ער דען נישט געפילט, אַז ער איז ווי לויז געוואָרן פון עפּעס אַן עול?...

שואליק האָט זיך געדרייט און געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער, זיך געגנויט אָפּצוטרייבן דאָס בילד און די מחשבות וועגן שפּרהלען, און — נישט געקאָנט. שפּרהלע איז אים אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן און אים גערייצט...

אַ נאָגנדיקע בענקעניש האָט אין אים געקוועלט. און אַזוי, בענקענדיק, האָט ער איינגעדרימלט.

ווי לאַנג ער האָט געדרימלט, האָט ער נישט געוואוסט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען די זון איז שוין געשטאַנען נידעריק, און איז אַוועק דאַוונען מנחה־און־מעריב.

אין אָוונט נאָך הבדלה זענען אָנגעקומען די האָפּקינסעס. ביטריס האָט געשוועגערט און דאָס שוועגערן האָט איר זייער געפּאַסט. יעדעס אבר און יעדע באַוועגונג אירע איז געווען אָנגעגאָסן מיט ז אַ פ ט פון לעבן און מיט פ ר יי ד פון לעבן.

שואליק האָט דעם גאַנצן אָוונט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. ער האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן פון דער זיסקייט און וואַרעמקייט פון פאַמיליע־לעבן...

ב

די געסט זענען זיך פאַרזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. נאָך זייער אַוועקגיין איז שואליק אַריין צו זיך אין צימער אַ שטאַרק צעברויזטער. זיינע

בלוטן צעקאָכט. זייןליידנשאַפט צעפלאַמט. זיין גאַנצער קערפּער — איין שטיק גליענדיקע תאווה.

זיין בחורישער צימער איז אים ווי ענג געוואָרן. די פיר ווענט האָבן זיך ווי צונויפגעדריקט אַרום אים. ער איז אַרויס אינדרויסן זיך אָפּקילן אויף דער פרישער לופט. די לופט איז אָבער געווען סוף־זומערדיק הייס. ער איז אַריין צוריק אין הויז, האָט זיך אויסגעטאָן און זיך אײַנגעוויקלט אין בעט מיט אַ מוסר־ספר אין האַנט, ווי ער טוט עס אָפט אַלס סגולה איינצושטילן דאָס געמיט און איינצושלאָפן רויק.

דאָס ספר, ריכטיקער דאָס ספרל, איז געווען דער פּאַטעטיש־מוסרדיקער „בחינת עולם", וואָס ער האָט אַמאָל געגעבן חוהלען אַ מתנה. דאָס איז געווען דאָס איינציקע שטיקל „ירושה" פון חוהלעס פאַרמעגן, וואָס שואליק האָט זיך דערלויבט צו נעמען אַלס אָנדענק.

די ערשטע וואָכן נאָך חוהלעס טויט פלעגט ער אָפט אַריינקוקן אין אָט דעם ספרל. עס פלעגט אויפוועקן אין אים אַ סך זכרונות וועגן חוהלען. איטלעכס קאַפּיטל — אַ באַזונדער עפּיזאָד. איטלעכס בלעטל — אַ באַזונדערע איבערלעבונג.

די צייט, אָבער, ווי איר שטייגער, ווישט אָפּ זכרונות, טעמפּט אָפּ געפילן, מאַכט אַלץ פאַרגעסן. מיט דער צייט האָט אויך אָט דאָס קליינע ספרל פאַרלוירן די פריערדיקע חשיבות פאַר אים. ער האָט שוין זעלטן אַריינגע־קוקט אין דעם.

איצט, אין זיין ליידנשאַפטלעכער צעברויזטקייט, האָט שואליק זיך דערמאָנט אין אַ מליצהדיק־מאַראַלישן אַפאָריזם פונעם „בחינת עולם", און ער האָט געגומען דערין אַריינקוקן. ער האָט געבלעטערט, געזוכט, און געפונען דעם מאמר: „החשקים — מחשכים, וכלי־הנשקים — שקים; הפנינים — צנינים, והשושנים — קמשונים". דאָס הייסט: דער סוף פון אַלע גלוס־טענישן — איז קבר־פינצטערנישן, און פון אַלע יצר־הרע־וואָפנס — תכריכים־זעק; דער סוף פון אַלע פּערל — בית־הקברות־שטעכלקעס, און פון אַלע רויזן — קברים־דערנער...

אָט דידאַקטישע מוסר־ווערטער האָבן אים דערמאָנט אין חוהלעס סוף. וואָס איז אַצינד געבליבן פון דער חנעוודיקער, קלוגער, קוועקזילבערדיקער חוהלען? — אַ הויפן פוילנדיקע ביינער... חוהלען האָט ער באמת ליב געהאַט... קאָן ער דען פילן אַזאַ ליבע צו שפּרהלען? ניין! די בענקשאַפט נאָך איר איצט איז נישט מער, ווי אַ פיזישע גלוסטעניש, אַ בהמהשע תאווה... חוהלע האָט פאַרמאָגט גרויסע מעלות — קלוגשאַפט, געלערנטקייט, יידישע און וועלטלעכע. ס'איז געווען פאַרוואָס זי ליב צו האָבן. אָבער וואָס פאַר־מאָגט דען די שפּרהלע, זי זאָל ווערט זיין זיין ליבע? אַ פּשוט מיידל. ער פאַרגינט זי דעם ראַזענען מיטן גאַנצן האַרצן!...

שואליק האָט אָװעקגעלייגט דאָס ספרל, אויסגעלאָשן די עלעקטריע, און גענומען לייענען קריאת־שמע. ס'איז שוין גוט שפעט. צייט איינצושלאָפן. מאָרגן, אם־ירצה־השם, דאַרף ער אויפשטיין פרי. ער האָט איצט אין אָפּיס אַ סך אַרבעט. ס'איז פאַר די ימים־נוראים, באַשטעלונגען קומען אָן אַ סך.

ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן, און — ער דערזעט ווידער שפרהלען. און עס נעמט אים ווידער ציען צו איר...

וואָס זשע באַטייט עס? ער, הייסט עס, נאַרט זיך אַליין. ער וויל זיך, כלומרשט, איינרעדן, אַז זי, שפרהלע, עקזיסטירט פאַר אים נישט מער. אָבער — ער מוז זיך מודה זיין פאַר זיך אַליין אַז ס'ציט אים שטאַרק צו איר... איז וואָס אַזוינס אין איר ציט אים? ער טאָר נישט לייקענען. ער דאַרף זיין אַ „דובר אמת בלבבו", זאָגן דעם אמת אין זיין אייגענעם האַרצן... די שפרהלע פאַרמאָגט אַזוינע מעלות, וואָס חוהלע האָט נ י ש ט פאַרמאָגט. חוהלע האָט טאַקע געהאַט אַ שאַרפן מוח, אָבער אויך אַ ווילדן „קאַפּריז". שפרהלע האָט אַ געוויינלעכן מוח, אָבער דערצו אַן אויסערגעוויינלעכע גוט־האַרציקייט. חוהלע האָט טאַקע געהאַט פיל קענטעניש, אָבער אויך פיל גייסטיקע בלאָנדזשעניש. שפרהלע איז נישט קיין סך געלערנט, אָבער דערפאַר איז זי אַ געשטעלטער מענטש און אַ פעסט־גלויביקע...

און נאָכאַלעמען, איז ער דען אויסן איצט צו וועגן און פאַרגלייכן זייערע ג ײ ס ט י ק ע מעלות? אין אמתן טראַכט ער דאָך איצט וועגן די ק ע ר פּ ע ר־ל עַ כ ע מעלות. און — קערפּערלעך שטייט שפרהלע אַ סך העכער... זי איז שיין געוואַקסן, שטאַלטנע, זאַפטיק, געשמאַק... ער, שואליק, פילט איצט נישט קיין באַדערפעניש נאָך אַ פרויס גייסט, נאָר נאָך איר קערפּער. ער גלוסט איצט נאָך אַ פרויס לייב...

אָך, ער זעט ערשט איצט ווי ר' שלמה־שעיה איז געווען גערעכט, ווען ער האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז די מאָגערע שפרהלע וועט מיט דער צייט נעמען אויף זיך „לייב". יאָ, די שפרהלע קאָן זיין אַ געשמאַקע פרוי... וואָס נאָך דאַרף אַ מאַן? דאַרף דען אַ מאַן נעמען אַ פרוי, וואָס זאָל זיין גלייך מיט אים אין גייסטיקן זינען? אַ פילאָזאָף דאַרף נישט קיין ווייב אַ פילאָ־זאָפין. אַ למדן דאַרף נישט קיין למדנית. אַ געשמאַקע פרוי איז דער טעם פון אַ מאַנס לעבן...

אָבער — צו וואָס די אַלע מחשבות? סיוויי איז עס דאָך שוין אַ פאַר־פאַלענע זאַך. זי, די שפרהלע, איז דאָך נישט פון יענע מיידלעך, וואָס לויפן אַרום מיט אַ סך בחורים און בייטן זיי, ווי מ'בייט האַנטעכער. פריער איז זי טאַקע געווען פאַרקאָכט אין אים, שואליקן, און האָט פרובירט אַלע מיטלען אים צו קריגן. אָבער ווען זי האָט געזען, אַז ער טרייסלט זיך אָפּ פון איר, האָט זי אויסגעקליבן דעם ראָזענען. און ער, שואליק, וועט דאָך נישט גיין צונעמען זי פון אים...

צונעמען? צי איז עס נאָר געוועגדט אין א י ם? און שפרהלע אַליין האָט שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן? ס׳קאָן דאָך גריילעך זיין, אַז זי פילט גאָר איצט אַ האַס צו אים. און ס׳איז גאַנץ מעגלעך אַז דאָס איז טאַקע געווען די סיבה פון איר שוויַיגעניש שבת אין שול, ווען ער איז צוגעקומען זי באַגריסן. דאָס האָט אפשר דער האַס צו אים געזאָטן אין איר אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט. אַ סימן — זי האָט זיך טאַקע צו אים אויסגעדרייט מיטן רוקן, ווי איינער רעדט: כ׳וויל דיין פנים נישט אָנקוקן מער, און איז גלייך אימפעטיק אַוועק געאָרעמט מיט ראָזענען!...

ס׳איז בפירוש אינטערעסאַנט צו וויסן וואָס אַ שטייגער די שפרהלע דענקט איצט וועגן אים. כדאי אַ רעד צו טאָן מיט סיידין דערפון. סיידי איז דאָך מיט דער שפרהלען נפש אחת. געטרייע חברטעס דערציילן זיך הודות פון זייערע איבערלעבונגען.

יאָ, מאַנטיק, איבערמאָרגן, אם־ירצה־השם, וועט ער אומיסטן, אויף טשיקאַוועס אַ רוף טאָן סיידין אויפן טעלעפאָן, זיך באַגעגענען מיט איר און פאַרפירן אַ שמועס וועגן שפרהלען. זי מוז וויסן, מסתמא, וואו שפרהלע האַלט אין איר פריינטשאַפט מיט דעם ראָזענען.

ניין, רופן סיידין וועט ער נישט. ס׳פאַסט נישט. ס׳טויג נישט. ער האָט אַ בעסערן פלאַן. ער וועט מאַנטיק נאָך דער אַרבעט גיין פון אָפיס גלייך צו דזשאָוען אין קראָם אַריין זיך קויפן אַ פאָר קראַוואַטן. אפשר וועט ער דאָרט צופעליק טרעפן סיידין.

און כך הווא. ווען שואליק איז מאָנטיק פאַרנאַכט אַריין צו דזשאָוען אין קראָם, האָט ער דאָרט געטראָפן סיידין. סיידי האָט זיך מיט אים דער־פרייט, ווי גלייך זי וואָלט געוואַרט אויף אים.

שואליק האָט זיך אויסגעקליבן אַ פאָר קראַוואַטן, באַצאָלט, געשמועסט אַ וויַיל, געמיינט צוצופירן צום ענין שפרהלע. ס׳איז אָבער נישט געגאַנגען. ער האָט זיך געזעגנט און זיך געלאָזט אַרויסגיין. דאָ האָט סיידי אַ זאָג געטאָן צו דזשאָוען מיט אַ שמייכל:

— דזשאָו, דו׳סט נישט זיין איפערזיכטיק?

— א י ך, אייפערזיכטיק? כ׳בין ביי זיך פעסט ווי דער גיבראַלטאַר!... וואָס־זשע?

— כ׳וויל באַגלייטן אונדזער שואליקן אַביסל...

— געזונטערהייט!

— שואליק, איר׳ט גאָרנישט האָבן קעגן דעם? — מאַכט סיידי צו אים.

— מיט פאַרגעניגן!

סיידי איז גלייך אַרויס מיט שואליקן.

— כ׳וויל אייך זאָגן, שואליק, אַז שבת אין שול האָט איר געהאַנדלט זייער קלוג און זייער דזשענטלמעניש...
— מיט וואָס?
— מיט דעם, וואָס איר זענט צוגעקומען זיך באַגריסן מיט שפּרהלען.
— כ׳מיין ע... ווי באַגריסט מען זיך נישט? מיר האָבן זיך דאָך, חלילה, נישט געקריגט...
— כ׳ווייס נישט, צי איר האָט באַמערקט. די שפּרהלע איז, נעבעך, געווען אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט איר טוט זיך...
— געוויס האָב איך באַמערקט. כ׳ווייס באמת נישט וואָס איר צעטומלעניש האָט געמיינט.
— איך ווייס שוין דווקא יאָ. געמיינט האָט עס די פרייַלעכע איבערראַשונג. אָרעמע שפּרהלע!...
— אָרעמע? זי איז דאָך, ברוך־השם, אַ גבירישע טאָכטער!.. — שמייכלט שואליק.
— צווישן אונדז רעדנדיק, שואליק. זי קאָן אייך נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן...
— ווי אַזוי ווייסט איר?
— מיר האָבן ערשט היינט גערעדט דערפון...
— ווי כ׳האָב געזען אין שול, איז זי דאָך שטאַרק היימיש מיטן לאַיער ראָזען. און כ׳פאַרשטיי, אַז זי גייט אויס מיט אים. נישט אַזוי?...
— אַוודאי גייט זי מיט אים. אָבער...
— אָבער וואָס?
— וואָס ס׳קומט פאַר ביי איר אין האַרצן ווייסט נאָר גאָט און איך אַביסעלע!
— און איך האָב געדענקט, אַז זי האָסט מיך. און כ׳גיב צו, אַז זי וואָלט געווען גערעכט...
— שפּרהלע האָסט? שואליק, איר קענט נישט שפּרהלען! זי קאָן נישט טראָגן קיין האַס אין האַרצן. וואָס זי טראָגט יאָ אין איר האַרצן איז — אַ וואונד. דאָס אַלץ וואָס איך קאָן אייך זאָגן... ס׳אַ גאָטס רחמנות אויף אָט דער טייערער נשמה... איר געדענקט גוט, ווי כ׳האָב אייך געוואָרנט אין אַטלאַנטיק־סיטי...
— יאָ, כ׳געדענק, סיידי.
— ס׳האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איר אַנטוישונג וועט זיין פאַר איר שווער איבערצוטראָגן. אוי, ווי זי ליידט...
— כ׳וואָלט באמת זיך געוואָלט אַנטשולדיקן פאַר איר. איך וואָלט איר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז מיט מיין „באַגייך" זיך מיט איר בין איך

באמת אויסן געווען איר טובה... אָבער כ'ווייס נישט ווען און וואו כ'קאָן זיך מיט איר באַגעגענען...

— וואָלט איר געוואָלט, כ'זאָל מאַכן פאַר אייך אַ באַשטעלונג?...

— ניין! קיין שום באַשטעלונג. עס מוז זיין „צופעליק”...

— צופעליק?... איך ווייס שוין ווען און וואו. שואליק! אויף מייך חתונה!

— איר'ט מיך איינלאַדן? כ'וועל מיט פאַרגעניגן קומען!...

ג

סיידי און דזשאָו האָבן באַשלאָסן, אַז זייער חתונה זאָל זיין אַ פּריוואַטע, אַ באַשיידענע. זיי האָבן נישט געוואָלט קיין עפנטלעכן טאַראַראַם מיט טאַנצן און פּויקן. סיי זי און סיי ער זענען געווען גענוג קלוג צו זיין מבינים אויף זיך אַליין. זיי האָבן געוואוסט, אַז אַ גרויסע צערעמאָניע פאַר זיי אין אַ זאַל וועט זיין אַ חוזק, אַ קאָמעדיע.

די חתונה איז פאָרגעקומען ביי סיידיס עלטערן אין הויז. די מחותנים זענען געווען טאַקע נאָר די גאָר־נאָענטע פון ביידע משפחות. אַן אויסנאַם האָט סיידי געמאַכט בלויז מיט איר בעסטער חברטע, שפרהלע שעוויץ, און — צוליב איר — אויך מיט שואליק הר־שלום. מיט שואליקן האָט זי פריער אָפּגערעדט וועגן דעם. שפרהלע האָט אָבער לחלוטין נישט געוואוסט וועגן שואליקס קומען אַהין.

סיידי האָט דאָס געטאָן בכוונה. אין אירע אינטימע שמועסן מיט שפרהלען די לעצטע צייט, האָט זי געכומען דערשפירן, אַז יענע האַלט ביים אויפהערן אינגאַנצן צו גיין מיט ראָזענען. זי האָט פריער אויך געזען, אַז די שפרהלע האָט צו דעם ראָזענען נישט מער ווי אַ געפיל פון סימפּאַ־טיע, אָבער אַפילו נישט דעם קלענסטן געפיל פון ליבע. דאָך האָט זי נאָך געהאָפט. די צייט איז אַ בריה. זי קאָן באַווייזן אָפּט אַזוינס, וואָס דער שכל קאָן נ י ש ט...

מיט אַ וואָך צוריק האָט שפרהלע פאַר איר אויפגעעפנט איר האַרץ: זי האָט די גאַנצע צייט געשטעלט זיך אַליין אויף דער פּרואוו. זי איז געגאַנגען מיט ראָזענען. זי איז געווען פריינטלעך צו אים. זי האָט געטראַכט ביי יעדער באַגעגעניש זייערער — אפשר איצט, אפשר וועט זי ד אָ ס מאָל קאָנען אויפכאַפּן אין איר האַרצן עפּעס אַ וואַרעם געפיל צו אים. אָבער — אַ נעכ־טיקער טאָג.

ראָזען, פאַרקערט, האָט אָנגענומען איר צוגעלאָזטקייט אַלס אַ גוטן סימן. שבת, נאָכן קידוש לכבוד סיידין אין שול, איז דער ראָזען געווען אויפן זיבעטן הימל. דאָס וואָס זי, שפרהלע, האָט דאַן איבערגעלאָזט שואליקן שטיין, און איז אַוועק מיט אים צו אַ באַזונדערן טיש, האָט ראָזען אויסגע־

טייטשט, אַז זי איז פּאַרקאַכט אין אים. נישט מער, זי איז אַ שעמעוודיקע, אַ צו־באַשיידענע, און זי וואַרט אויף זיין איניציאַטיוו, ע ר זאָל מאַכן דעם ערשטן אַרויסטריט...

ביים אַרויסגיין פון שול האָט ער גליך געמאַכט מיט איר אַ באַשטעלונג אויף מאָרגן, זונטיק אָוונט. זי, שפרהלע, האָט אָנגענומען. זיי זענען געגאַנגען צו אַ טעאַטער־פּאָרשטעלונג אויף בראָדוויי. פון טעאַטער זענען זיי אַריין אין אַ רעסטאָראַן. זיי האָבן גוט פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט זי אָפּגעפירט אַהיים און, ווי געווינלעך, זענען זיי געבליבן שטיין אַ וויילע אין קאָרידאָר.

און דאָ האָט ראָזען באַשלאָסן צו פּרובירן זיין מזל. ער איז געוואָרן דרייסטער, געוואַגטער. ביים געזעגענען זיך האָט ער זי אַרומגענומען און געוואָלט גרייט צו געבן איר דעם ערשטן קוש. זי, שפרהלע, האָט זיך אָבער באַלד אַ ציי־געטאָן צוריק און אַ זאָג געטאָן:

— ניין, ניין, ראָזען!

— פאַרוואָס נישט, שפרהלע?

— איך קוש זיך נישט מיט קיין בחורים...

— וואָס? איר ווילט מיר זאָגן, אַז איר׳ט זיך נאָך מיט קיין בחור נישט געקושט?

— דאָס קאָן איך נישט זאָגן. ס׳וועט זיין אַ ליגן...

— איז פאַרוואָס נישט מיט מ י ר?

— ווייל כ׳דאַרף פריער זיין זיכער, אַז דאָס קושן זיך איז אויס ליבע...

— איז דען דאָס קושן זיך מיט י ע נ ע געווען אויס ליבע?... — פאַרשט זי ראָזען אויף זיין לאַיערשן שטייגער.

— מיט י ע נ ע? יאָ — אויס ליבע!

— איז וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון יענער ליבע? — שמייכלט ראָזען סאַרקאַסטיש.

— אויף אָט דער פראַגע קאָן איך אייך נישט ענטפערן, ס׳אַ צו־אינטימער ענין...

— און וואָס וואָלט איר, למשל, געטאָן, ווען איינער זאָגט אייך, אַז ביי אים אין האַרצן ברענט אַ ליבע צו אייך?...

— ווען איך קאָן אים נישט ענטפערן מיט ליבע, וואָלט עס מיך זייער געקרענקט... דערפאַר היט איך זיך טאַקע, כ׳זאָל נישט ברענגען קיינעם דערצו...

— זייער אָרנטלעך, זייער פיין פון אייך... אָבער כ׳האָף, אַז איר וועט ביי מיר נישט צונעמען דאָס פאַרגעניגן אויך ווייטער צו פאַרברענגען מיט אייך, שפרהלע...

— איצט מוז איך זיך שוין גוט איבערדענקען וועגן דעם, ראָזען! אַ

מאַדנע מיידל, אַיאָ? דערוויל — אַ גוטע נאַכט, און זייט נישט בייז אויף מיר...

— בייז? איר זענט איצט ביי מיר נאָך טייערער ווי פריער... אַ גוטע נאַכט, שפרהלע!

אַט דעם דאָזיקן גאַנצן עפּיזאָד האָט שפרהלע איבערגעגעבן סיידין מיט אַזאַ טאָן, וואָס האָט שוין ביי איר קיין ספק נישט איבערגעלאָזט וועגן שפרהלעס געפילן. זי איז דאַן געווען שטאַרק צופרידן, וואָס זי האָט פאַר שפרהלען געהאַלטן בסוד שואליקס קומען צו איר חתונה.

מיט דזשאָוען האָט סיידי פריער נאָך אָפּגערעדט, אַז ווי נאָר שואליק וועט אַריינקומען, זאָל ער מיט אים אַריינגיין אין איר צימער און דאָרט וואַרטן, כדי שפרהלע זאָל זיך נישט טרעפן מיט שואליקן צווישן אַלע געסט. זאָל קיינער נישט באַמערקן גאָרנישט. זאָל קיינער זיך נישט אָנשטויסן גאָרנישט...

די חופה האָט באַדאַרפט פאָרקומען אַכט אַזייגער אין אָוונט. די געסט, לויטער משפחה, זענען געקומען אַ סך פריער. סיידיס ברידער און אָנקל האָבן באַצייטנס אַריינגעגאָסן אַ פּאָר גלעזלעך משקה, זיי זענען געווען שטאַרק בגילופין. די מענער האָבן געטומלט אין גאַסטצימער. די פרויען האָבן געראַשט אין קיך, צוגרייטנדיק די פאַרבייסעכצן.

שואליק איז אַריין אין הויז מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. ווען ר'האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז די שפרהלע איז נאָך נישטאָ דאָרט, איז אים אַביסל גרינגער געוואָרן. ער האָט זיך באַגריסט מיט חתן־כלה און מיט זייערע עלטערן. און באַלד טאַקע האָט דזשאָו אים פאַרבעטן אין סיידיס צימער און צוגעמאַכט די טיר.

כאָטש דזשאָו האָט געוואוסט צוליב וואָס שואליק איז איינגעלאַדן געוואָרן צו דער חופה, און שואליק האָט געוואוסט, אַז דזשאָו ווייסט, דאָך האָבן זיי ביידע זיך געמאַכט כלא־ידע. זיי האָבן גענומען רעדן פון פאַרשי־דענע זאַכן. שואליק האָט גענומען רימען דזשאָוס „קול־נגינה" און זיין „נוסח־התפילה". דזשאָו האָט געבעטן שואליקן אים אויסצולערנען אַ פּאָר נייע ארץ־ישראלדיקע לידער. זיי זענען אַזוי געזעסן און פאַרבראַכט אַ היפּשע ווייל.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. אויף דער שוועל האָט זיך פריער באַוויזן סיידי און נאָך איר — שפרהלע שעוויץ. ביידע מאַנסבילן זענען אויפגעשפרונגען און קאַוואַלעריש זיך פאַרנייגט.

שפרהלע האָט דערזען שואליקן און זי איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל און מיט אויסגעשטאַרטשעטע אויגן פון גרויס איבערראַשונג.

— סיידי!?... — האָט זי אויסגעשריגן און אַ כאַפּ־געטאָן זי ביי דער האַנט.

— יאָ, שפּרהלע, א י ך!... צו מיין חופּה האָב איך אייךביידע געוואָלט האָבן! — האָט סיידי אַ קוש געטאָן שפּרהלען.

און צו דזשאָועט האָט זי גלייך אַ זאָג געטאָן:

— קום, טייערער, לאָמיר זיי נישט שטערן!...

ביידע זענען מאָמענטאַל אַרויס שמייכלענדיקע פון צימער און געלאָזט שפּרהלען מיט שואליקן דאָרט אַליין.

— אַן איבעררּאַשונג, שפּרהלע?

— אַן אָנגענעמע איבעררּאַשונג, שואליק!... — אָטעמט שפּרהלע שווער מיט אַ פּלאַטערנדיק האַרץ.

— כ׳בין זייער צופרידן צו הערן דאָס פון אייך... כ׳האָב שוין לאַנג געוואָלט אייך זען, נאָר נישט געהאַט קיין געלעגנהייט ביז איצט... געוואָלט זיך אַנטשולדיקן פאַר אייך!

— אַנטשולדיקן? פאַרוואָס?

— פאַר מיין אומהעפלעכער באַנעמונג מיט אייך!

— מסתמא בין איך דאָס ווערט געווען...

— חס־וחלילה! גלויבט מיר, איך שעץ אייער ווערט זייער הויך! אָבער... אָבער, צום באַדויערן, האָב איך געדענקט אין י ע נ ע ם מ אָ מ ע נ ט, אַז כ׳דאַרף עס טאָן פאַר אייער טובה וועגן, אַז דאָס איז געווען דער בעסטער וועג צו באַרואיקן אייער געמיט...

— אין יענעם מאָמענט נאָר?...

— יאָ! אין א י צ ט י ק ן מאָמענט דענק איך גאַנץ אַנדערש!

— כ׳וויל אייך גלויבן, שואליק...

— איך פאַרזיכער אייך, שפּרהלע, זייט נישט בייז אויף מיר...

— כ׳קאָן נישט זיין בייז אויף אייך אַפילו ווען כ׳זאָל עס וועלן!

— פאַרגיט מיר, שפּרהלע, מיין אומאיידלקייט. כ׳בעט אייך!... — שטרעקט שואליק אויס זיין האַנט צו איר.

— איר דאַרפט מיך נישט בעטן, שואליק!... — מאַכט שפּרהלע האַר־ציק־שטיל, נעמט אָן שואליקס האַנט, און אין אירע אויגן נעמען גלימצערן צוויי נאַסע דימענטלעך.

זייערע הענט האָבן זיך געדריקט מיט ציטערניש. זיי האָבן ביידע דער־פילט דאָס שנעלע פּולסירן פון דעם בלוט אין זייערע דלאָניעס און פינגער. זיי האָבן זיך ביידע באַגעגנט מיט זייערע הייסע בליקן. און — יענער פאַר־באָרגענער כוח, וואָס האָט זיי צום ערשטן מאָל אומגעריכט צוגעצויגן איינס צום אַנדערן אין קאָרידאָר פון האָטעל אין אַטלאַנטיק־סיטי, האָט זיי אַצינד אויך דאָ, אין סיידיס צימער, צוגעצויגן מיטאַמאָל, ווי שטאָל צו אַ מאַגנעט.

זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, צוגעפאַלן איינס צום צווייטן, און — זייערע ליפּן האָבן זיך איינגעזויגן, זיך געקושט ליידנשאַפטלעך לאַנג־לאַנג, ווי אין אַ טראַנס...

קאַפּיטל צען

א

ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער האָט געפאָלגט דעם דאָקטאָרס באַפעלן מיט אַלע פּרטים, ווי שווער עס איז אים נישט אָנגעקומען.

ער האָט ליב געהאַט צו עסן פעטע און רייצנדיקע מאכלים, און דווקא אַ סך. נאָר אַז דער דאָקטאָר האָט אים אָוועקגעשטעלט אויף אַ באַגרע־נעצטער „דיעטע״, האָט ער אָפּגעהיט די דיעטע, ווי דעם שולחן ערוך.

ער האָט ליב געהאַט דעם גערויש און געטומל פון זיין „הייליקן שאַפ״ און דעם קאָך און האַרמידער פון די ביזנעס. נאָר אַז דער דאָקטאָר האָט אים באַפוילן אַראָפּצוואַרפן דעם שאַפּ און די ביזנעס פון קאָפּ, האָט ער מיט אַלע כוחות געצאַמט זיין ווילן.

ער האָט ליב געהאַט זיין חסידים־שטיבל, נאָר אַז דער דאָקטאָר, וואָס איז אַליין געווען אַ פרומער ייד, האָט אים אָפּגעזאָגט דעם פּסוק „לא המתים יהללו יה״, אַז ס׳איז גלייכער צו דאַווענען אין הויז, איידער גאָרנישט צו דאַווענען אין קבר, האָט ער געמוזט מסכים זיין.

ער האָט ליב געהאַט זיין ציַיטונג און געמוזט יעדן טאָג איבערלייענען אַלע נייעסן, נאָר אַז דער דאָקטאָר האָט אים געוואָרנט, אַז ער טאָר אפילו נישט אַ קוק טאָן אויף די „היינטיקע נייעסן פון דער משוגע־געוואָרענער וועלט״, וויל זיי זענען פאַר אים סם־המוות, האָט ער גענומען לייענען אין ציַיטונג נאָר די פריילעכע מעשה׳לעך און וויצן, וועלכע ער האָט תמיד געהאַלטן אַלס שטאָף נאָר פאַר ווייבערישע מוחות...

ר׳ שלמה־שעיה האָט ליב געהאַט ס׳לעבן און געוואָלט לעבן.

די מערסטע צייט פון טאָג איז איצט ר׳ שלמה־שעיה געלעגן אויפן בעט אין זיין שלאָף־צימער אָדער אויף דער ווייכער סאָפע אין זיין שרייבצימער. און ווען ער האָט באַדאַרפט אַריבערגיין פון איין צימער אין צווייטן, האָט ער עס געטאָן מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט.

קיין באַזוכערס האָט מען צו אים נישט צוגעלאָזט. די איינציקע באַזו־כערס, וואָס דער דאָקטאָר האָט דערלויבט צוצולאָזן צו אים, זענען געווען זיין „מענעדזשער״ שואליק, וועלכער פלעגט אים מחיה זיין מיט די גוטע ראַפּאָרטן פון שאַפּ, און זיין בעסטער פריינט ר׳ אריה־לייב שעוויץ, וועלכער האָט גוט געוואוסט ווי מיט אים צו באַנעמען זיך.

ווייט פון געשעפט און אָפּגעזונדערט פון מענטשן, האָט ר׳ שלמה־שעיה זיך גענומען צוביסלעך פאַרטיפן אין זיך אַליין. ער האָט גענומען אַריינקוקן אין מוסר־ספרים, אָפּט געוואויגן זיינע עבירות קעגן די מצוות, זיין עולם־הזה קעגן דעם עולם־הבא, ווי אויף אַ וואָגשאָל, און געטראַכט תשובה־געדאַנקען.

טעג נאָך טעג האָבן זיך אַזוי געצויגן. ווען די טעג פון אלול זענען אָנגעקומען, האָט ר׳ שלמה־שעיה גאָר ערנסט גענומען מאַכן זיין חשבון־הנפש.

דער אלול־חודש איז ביי אים, ווי ביי אַלע פרומע יידן, תמיד געווען אַ חודש פון חשבון־הנפש און פון תשובה. יעדן טאָג פלעגט ער צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע גאָט־פורכטיקע יידן בלייבן זיצן אין חסידים־שטיבל לענגער ווי תמיד, זאָגן מער זוהר, מער תהילים. דער שאָפּ האָט אים אָבער גע־צויגן. די געשעפטן האָבן אים נישט געלאָזט איינזיצן. און ווי נאָר ער האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון שאָפּ, האָט אים די ביזנעס ווידער פאַרכאַפּט און געהאַלטן, ווי אין אַ קלעם, פאַרטרודט און פאַרעסקט דעם גאַנצן טאָג. אַז ער האָט זיך קוים געקאָנט אַרויסרייסן פאַרנאַכט צו מנחה און מעריב אין שטיבל אַריין.

איצט, אָבער, האָט ר׳ שלמה־שעיה געהאַט דעם גאַנצן לאַנגן אלול־טאָג פריי פאַר זיך און פאַר זיינע געדאַנקען.

גאַנצפרי, ווי נאָר ער האָט אויפגעעפנט זיינע אויגן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט דאָס שאַלן פון דעם שופר אין חסידים־שטיבל.

מיט ציטערניש האָט ר׳ שלמה־שעיה זיך אָפּגעוואַשן, אָנגעטאָן טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאַווענען מיט גרויס תחנונים, און נאָכדעם — שוין דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין טראַכטן פון חרטה און תשובה.

ער האָט איצט שטאַרק חרטה באַקומען וואָס ער האָט צוריק מיט אַנדער־האַלב יאָר, ווען ער איז געווען צו גאַסט אין הייליקן לאַנד, נאָכגעגאַנגען דעם יצר־הרע און אַוועקגעפאָרן פון דאָרט. ער האָט איצט געטראַכט, אַז ס׳איז צייט פאַר אים צו אָפּזאָגן זיך פון די „הבלי עולם הזה״, אַוועקוואַרפן אַלע זיינע געשעפטן, זיך באַזעצן אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, אויס־צולעבן דאָרט זיינע יאָרן אין תשובה און מעשים טובים.

עד מתי? — האָט ער מיט זיך געטענהט — ביז וואַנען איז דער שיעור צו זיין פאַרזונקען אין „גשמיות״? צייט אינזינען צו האָבן „תכלית״... די יאָרן שטייען נישט. זיי לויפן, זיי יאָגן, און אַפּליגן טאָר מען נישט... ערשט צוריק מיט אַנדערהאַלבן יאָר, ווען ער איז ס׳ערשטע מאָל געוואָרן נישט־געזונט, האָט אים דער דאָקטאָר געהייסן, אַלס רפואה, מאַכן אַ רייזע. איצט — האָט אים דערזעלבער דאָקטאָר שוין פאַרבאָטן אַפילו אַרויסצוגיין מפתח ביתו... ווער ווייסט וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער? ניין, ער׳ט זיך מער נישט לאָזן פון יצר־הרע אַריינציען אין זיין נעץ... אַזוי שנעל ווי דער אייבערשטער

וועט אים שטעלן צוריק אויף די פיס, און דער דאָקטאָר וועט אים דערלויבן אַרויסצוגיין פון הויז, וועט ער לענגער ניט וואַרטן. ער'ט אַלץ פאַרענדיקן און אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל !...

איי, וואָס? ווי וועט ער קאָנען איבערלאָזן דעם „הייליקן שאַפּ", וואָס איז אים אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן? איז ווער זאָגט דען, אַז ער דאַרף אים איבערלאָזן? ער קאָן אים דאָך איבערפירן קיין ירושלים! שואליק וויל דאָך סיי־ווי פאָרן אַהיים, וועט ער אים צונעמען פאַר אַ שותף, און ער וועט דעם שאַפּ דאָרטן פירן. ער קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן... האַ? דאָס איז אַ טייערער געדאַנק! כדאי צו הערן וואָס זיין פריינט ר' אריה־לייב שעוויץ וועט זאָגן וועגן דעם. ביי שואליקן וועט ער דאָס געוויס גרינג פועלן...

ר' אריה־לייב שעוויץ פלעגט קומען מבקר־חולה זיין ר' שלמה־שעיהן אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך. זינט ר' שלמה־שעיה איז קראַנק געוואָרן איז די פריינטשאַפט צווישן זיי נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווי פריער.

ווי אַלטע גוטע פריינט פלעגן זיי זיך אויסרעדן די הערצער איינס פאַרן אַנדערן. זיי פלעגן זיך דערציילן די אינטימסטע זאַכן.

די איינציקע זאַך נאָר, פון וועלכער ר' שלמה־שעיה האָט אויסגעמיטן צו רעדן מיט ר' אריה־לייבן, איז געווען וועגן שואליקן. ער האָט געוואוסט, אַז ר' אריה־לייב האָט נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן שואליקן. און צוליב דעם האָט ער זיך געהיט אפילו צו דערמאָנען דעם שאַפּ, כדי ס'זאָל אים נישט אויסקומען צו דערמאָנען שואליקס נאָמען, וואָס קאָן ר' אריה־לייבן געוויס מצער זיין...

די לעצטע פּאָר וואָכן, אָבער, ווען ר' אריה־לייב האָט אים פאַר־טרויט, אַז זיין שפרהלע „גייט" מיט דעם בידניוקער רבס זון, דעם לאַיער, און ווי ס'ווייזט אויס האָלט עס, מיטן אייבערשטנס הילף, גאַנץ נאָענט צו אַ שידוך, האָט ר' שלמה־שעיה זיך שוין צומאָל דערלויבט אַ שמועס צו טאָן מיט אים וועגן שאַפּ, כאָטש ער האָט זיך נאָך אַלץ געהיט צו רעדן וועגן שואליקן אַלס זיין „מענעדזשער".

יענעם זונטיק, ווען ס'איז פאַרגעקומען סיידיס חופה, איז ר' אריה־לייב געהאַט געקומען באַזוכן ר' שלמה־שעיהן. ווי זיי זענען געזעסן און געשמועסט אינטים, האָט ר' שלמה־שעיה אַ פרעג געטאָן:

— וואָס הערט זיך עפּעס, ר' אריה־לייב? ווען האָבן מיר שוין נחת אין שפרהלען?...

— כ'האָב דאָך אייך געזאָגט, ר' שלמה־שעיה, אַז כ'האָב עס געלאָזט צו דער השגחה.

— נו, פריער־שפּעטער, גאָט וועט העלפן. ער איז דאָך דער אמתער מזווג־זווגים!...

— צי ער קאָן אָט די מלאכה ?... — שמייכלט ר׳ אריה־לייב — אַז ער האָט געקאָנט צונויפפאָרן מיין סעקרעטאַרין מיט איר באַשערטן, איז ער טאַקע אַ עושה־נפלאות... כ׳האָב דאָך אייך דערציילט וועגן אָט דעם שידוך... היינט אָונט שטעלן זיי טאַקע זייער חופה. מיין שפרהלע איז דאָרט די הויפּט מחותנתטע, פאַרשטייט זיך.

— יאָ, די נפלאות־הבורא קען מען זען אויף יעדן טריט און שריט. מ׳דאַרף נאָר וועלן זיך צוקוקן גוט... אָט, למשל, וואָס וואָלט איך אַליין איצטער געקאָנט טאָן מיט מיין שאָפ, ווען דער אייבערשטער שיקט מיר נישט צו באַצייטנס אָט דעם שואליקן ?...

— אַזוי ? ער טויג זיך אויס, אָט דער שואליק, צום שאָפּ, האַ ?

— ס׳הייסט אַ מין אויסטויגן זיך ! הפלא־ופלא ! ווי אַ געבוירענער ביזנעסמאַן !...

— וואו תורה, דאָרט איז חכמה !... — טוט ר׳ אריה־לייב אַ טיף־טיפן זיפץ.

— אגב. אַז מיר שמועסן שוין דערפון, וויל איך טאַקע הערן אייער מיינונג, ר׳ אריה־לייב.

— וועגן וואָס, מיינט איר ?

—ביי מיר איז כמעט באַשלאָסן געוואָרן, אַז ווי נאָר דער אייבערשטער וועט מיר העלפן און איכ׳ל מעגן אַרויס פון הויז, וועל איך, אם־ירצה־השם, בלי נדר, אַוועקפאָרן אין הייליקן לאַנד. צייט צו טראַכטן פון תכלית. מיין קומען צוריק פון דאָרטן איז געווען מעשה יצר־הרע. כ׳האָב נאָך דאַן, צוריק מיט אַנדערהאַלבן יאָר, דאָס באַדאַרפט טאָן. אין מיינע יאָרן צו וואָס נאָך גיין אין געשעפטן און, חס־וחלילה, פאַלן אין די פּאַסטראַמקעס ?... ס׳פעלט מיר אויף חיונה, וואָס ? מיינע קינדער האַלטן מיך דאָ, וואָס ? צו וואָס דאַרף איך, אַז אַנדערע זאָלן מיינע ביינער איבערפירן קיין ארץ ישראל, אַמער לאָמיך אַליין זיי אָפּפירן אַהין. האַ, וואָס זאָגט איר, ר׳ אריה־לייב ?...

— ס׳אוודאי נישט קיין קרומער געדאַנק, ר׳ שלמה־שעיה ! הלוואי העלפט מיר גאָט, כ׳זאָל גיך חתונה מאַכן מיין שפרהלען, אין אַ גוטער שעה, מיט איר ריכטיקן זיווג, וואָלט איך אויך געטאָן דאָס זעלבע, בלי נדר...

— יאָ. אָבער וואָס טוט מען מיטן שאָפּ ? איז מיר אַריין אַ געדאַנק : מיטנעמען דעם שאָפּ אויך קיין ירושלים, און דעם שואליקן צונעמען פאַר אַ שותף, זאָל ער אים דאָרט פירן...

— וואָס־זשע, שואליק וויל טאַקע אַלץ פאָרן צוריק קיין ארץ־ישראל ?

— יאָ. אוודאי. ווען נישט זיינע עלטערן זאָלן אים געווען אָפּהאַלטן דערפון, וואָלט ער שוין לאַנג געווען אַוועקגעפאָרן.

— פאַרוואָס האָבן זיי אים אָפּגעהאַלטן ?

— זיי האָבן געוואָלט, ער זאָל דאָ בלייבן ביז ארץ־ישראל וועט זיך באַרויקן...

בתיה־ראָכצע איז אַריינגעקומען און געזאָגט ר׳ אריה־לייבן, אַז זיין פרוי וויל רעדן צו אים אויפן טעלעפאָן. ר׳ אריה־לייב איז אַרויס פון צימער, צוגעקומען צום טעלעפאָן אין שרייבצימער און אַריינגעשריגן אין טרייבל:

— וואָס איז דער מער, זעלדע ?

— קום גלייך אַהיים, אריה־לייב ! מיר האָבן אַ... גאַסט !

— ווער איז ?

— כ׳קאָן דיר נישט זאָגן... קום שוין, גלייך, באַלד...

אין זיין ווייבס שטים האָט ר׳ אריה־לייב אויפגעכאַפּט אַ פריילעכן ציטער. ער האָט גלייך אַ טראַכט געטאָן — ראָזען !... די קינדער האָבן זיך, הפּנים, שוין צונויפגערעדט, און איצט איז דער ראָזען געקומען בעטן זיין הסכמה צום שידוך !...

ער איז אַריין צוריק און זיך געזעגנט מיט ר׳ שלמה־שעיהן:

— עפּעס נייעס דאָרט ביי מיר אין דער־היים. וואָס — ווייס איך נאָך נישט !...

ב.

ר׳ אריה־לייב שעוויץ איז נישט געגאַנגען, נאָר געשוועבט. ער האָט געשמיידיק געשניטן די גאַסן, געמאַכט גרויסע, האַסטיקע שפּאַן. און ווי עפּעס אויף צו־להכעיס זענען פאַר אים איצט די גאַסן געוואָרן לענגער, ווי תמיד.

ער האָט, פאַרביישוועבנדיק, ביי יעדן גאַס־לאַמטערן געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער, און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז די ווייזערס רוקן זיך גאָרנישט.

אַז עפּעס גאָר וויכטיקס איז געשען איצט ביי אים אין הויז איז גאָר קיין ספק ביי אים נישט געווען. ער האָט דאָס גוט דערקענט אין זיין ווייבס שטים.

ער און זיין ווייב האָבן די לעצטע צייט שוין געהאָפט און געוואַרט אויף אַ גוטער בשורה פון זייער שפּרהלען. אָט וועט שפּרהלע אַריינקומען מיט דעם רבס זון, ראָזען, און אַ זאָג טאָן: טאַטע, מאַמע, גיט אונדז אַ מזל־טוב !...

ר׳ אריה־לייב, האָט, לויפנדיק אַהיים, ביי זיך אין געדאַנק געטראַכט, וויפל ער דאַרף דעם ראָזענען געבן אַלס „מתנה". קיין נדן איז דאָך דאָ נישט שייך. ביי אַ שידוך דורך אַ שדכן רעדט מען וועגן נדן, באַשטימט מען אַ סומע. אָבער אין אָט דעם פאַל, ביי אַ שידוך דורך ליבע, איז דאָך ביי דער יוגנט אפילו דעם נאָמען „נדן" פאַרבאָטן. שפּרהלע איז דאָך

אָבער זיין קינד. ער וועט זי, חלילה, נישט קריוודען. אמת, טאַקע, דעם שואליקן איז ער געווען גרייט צו געבן צען, פופצן, און אפילו צוואַנציק טויזנט דאָלאַר. און דערצו אים מאַכן פאַר אַ שותף אין די ביזנעס, צי זיין יאָסעלע וואָלט צוגעשטימט דערצו, אָדער נישט. איצט, אָבער, ווען ס'רעדט זיך פון דעם ראָזענען, איז אַוודאי זיין זון יאָסעלע בילכער. ער וועט ראָזענען געבן אַ מתנה נישט ווייניקער פון פינף טויזנט דאָלאַר, אים העלפן צו עפענען אַ שיינעם אָפיס. אָבער — פון שותפות אין די ביזנעס איז דאָך אָפּגערעדט. די ביזנעס איז יאָסעלעס. ער וועט אים, געווינליך, די ביזנעס איינגאַנצן נישט אַוועקגעבן. נאָך שפּרהלעס חתונה, אם־ירצה־השם, וועט ער געבן יאָסעלען צוויי דריטל פון די ביזנעס, און פאַר זיך וועט ער לאָזן איין דריטל. נישקשה. ער'ט קאָנען, ברוך־השם, גאַנץ פיין אויסקומען מיט די דריי־און־דרייסיק פּראָצענט רווח פון דעם שאָפּ...

און — פאַרוואָס טאַקע נישט נאָכטאָן ר' שלמה־שעיה בערשאַדערסביישפּיל? ער איז דאָך שוין, ברוך־השם, אויך נישט קיין יונגערמאַנטשיקל. און יינגער ווערט מען נישט... יאָ. אם־ירצה־השם, בלי נדר, זאָל אים נאָר דער אייבערשטער העלפן, אַז ער זאָל שוין ברענגען זיין שפּרהלען צו לייט, וועט ער...

אַ שטאַרק־גרילצנדיקער סקריפּ פון אויטאָמאָביל־רעדער האָט זיך דער־הערט. דער טרייבער האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ דורכן פענצטערל און אַ געשריי געטאָן:

— מיסטער, איר זענט טויב צי וואָס? איך בלאָז דעם „האָרן" און איר גייט זיך גלייך...

— נישט געהערט טאַקע.

— איר זענט אַ גליקלעכער. איר'ט מעגן בענטשן „גומל"!

ר' אריה־לייב איז געבליבן שטיין צעטומלט. יאָ, ער מעג טאַקע בענטשן „גומל". ער איז אַרויס אַ גליקלעכער...

ער האָט זיך איצט אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, פאָרזיכטיק אַריבער־געכאַפּט זיך אויף דער צווייטער זייט גאַס, גענומען שפּאַנען פּאַמעליכן, און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין אויף אַ קול, אַז פאַרבייגייערס האָבן אים געקאָנט הערן: „געלויבט זאָל זיין זיין ליבער נאָמען! ער טוט תמיד חסד מיט מיר אַ סך מער, ווי איך בין עס ווערט!"...

אָט טאַקע מיט זיין שפּרהלען, צוליב וועמען ער לויפט איצט אַזוי שנעל אַהיים, האָט דען דער אייבערשטער נישט געפּירט גרויס חסד?... וויפל האָט דען געפעלט, אַז זיין שפּרהלע זאָל, חס־וחלילה, געווען אַריינפאַלן צו יענעם אויסוואורף, צו מאַרווינען, אין די הענט? וואָס וואָלט ער דאַן געקאָנט טאָן ווען זי זאָגט איינמאָל איבער אַלעמאָל, אַז זי וויל נאָר מאַרווינען, און נישט קיין אַנדערן. ווי זי האָט תחילת טאַקע געזאָגט?... און וואָס וואָלט ער

דען געקאַנט טאָן, ווען זי אַנטלויפט מיט דעם מאַרווינען און האָט מיט אים חתונה, ווי ס׳טוען אַנדערע מיידלעך אין אַמעריקע? פאַרפאַלן. גיי שריי דערנאָך חי־וקים... האָט דער אייבערשטער, אָבער, געפירט אַזוי, אַז זי אַליין, שפרהלע, איז געקומען צו די געדאַנקען און האָט געשלאָגן כפּרות מיט דעם מאַרווינען באַצייטנס!...

אמת, די ישועה איז טאַקע געקומען אַביסל צו שפּעט. וואָרים ווען שפרהלע זאָל אים, דעם טאַטן, געווען פאָלגן פריער, וואָלט זי דאָך געוווען געקאָנט האָבן שואליקן פאַר אַ חתן... איר־איי־איי שואליק, שואליק — דאָס וואָלט דאָך געווען פאַר אים דאָס גרעסטע גליק און דער גרעסטער נחת. און — טאַקע פאַר שפרהלען אויך... זי ווייסט דען וואָס זי האָט פאַרשפּילט? וואָס ווייסן זיי דען, די אַמעריקאַנער מיידלעך, וואָס אַ בחור אַ „תכשיט״ איז. וואָס אַ בן־תורה איז. אַלע יוונים האָבן ביי זיי איין פּנים. זיי ווייסן נאָר איין זאַך: „טאָלל, דאַרק ענד הענדסאָם״. אַבי דער בחור האָט אַ פּאָר לאַנגע „רגלים״ און זעט אויס נישקשה אויפן „פּרצוף״, איז ער אַלרייט, ער מעג אפילו זיין אַ גראָבער פּליגל, אַ גאָלע גאַרנישט אַ ד׳רוח־ווייס־וואָס...

הלמאי זאָל ער לייקענען פאַר זיך אַליין? ער קאָן נאָך אַלץ דעם שואליקן נישט פאַרגעסן. דאָס איז דאָך אַ „צירונג״. ער איז געווען אויף אים אַ גוטער מבין. אָט האָט ר׳ שלמה־שעיה בערשאַדער אים נאָר־וואָס דערציילט ווי דער שואליק טויג זיך אויס אַפילו אַלס „מענעדזשער״, כאָטש ער איז קיינמאָל קיין ביזנעסמאַן נישט געווען. וואָדען? דאָרט וואו תורה, דאָרט איז חכמה! קיין חידוש נישט וואָס מיסטער בערשאַדער וויל איבערפירן זיין „הייליקן שאָפּ״ צוזאַמען מיט שואליקן קיין ארץ־ישראל. ווען דער שואליק וואָלט, אַ שטייגער, געווען געוואָרן זיין איידעם...

אָבער — נישט געווען באַשערט אים אָט דאָס גליק. אָן דער השגחה טוט זיך גאַרנישט. און נאָכאַלעמען, אָט דער ראָזען קוקט אויס צו זיין אַ גאַנץ וואוילער בחור. ער איז טאַקע נישט קיין שואליק. אָבער — פאָרט אַ טאַטנס אַ קינד, געוואַקסן ביי אַ רב אין הויז. דעם בידניוווקער רב אַלס מחותן איז אויך נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט...

האַ?... — פאַלט ר׳ אריה־לייבן אַריין אַ געדאַנק — אפשר איז דער „גאַסט״ דער רב אַליין?... געקומען זיך צוזוּפרעדן וועגן שידוך!... וועדליק זיין זעלדע האָט אים אַ זאָג געטאָן אויפן טעלעפאָן „מיר האָבן אַ גאַסט״, שיינט עס צו זיין דער רב אַליין, וואָרים ראָזען איז דאָך נישט קיין גאַסט. ער איז דאָך שוין געווען אין הויז עטלעכע מאָל. און צוליבן בחור וואָלט אים זיין ווייב נישט טעלעפאָנירט און נישט אונטערגעאיילט אַזוי, מיט אַזאַ פאַרבאָרגענער פרייד, „קום גלייך אַהיים, אריה־לייב״. זי וואָלט געוואַרט ביז ער׳ט אַליין צוריקקומען. איז טאַקע נישט אַנדערש, נאָר אַז דער גאַסט איז ראָזענס פאָטער, דער בידניוווקער רב אַליין...

ר׳ אריה־לייב האָט ווידער גענומען פאַרשנעלערן זיינע טריט. און, גייענדיק, האָט ער גענומען אויסגלעטן זיין באָרד־און־פּאות. דערנענ־טערנדיק זיך צום הויז, האָט ר׳ אריה־לייב נאָך פונווייטן דערזען, אַז ביי אים אין גאַסטצימער, וואָס גייט אַרויס מיט דריי פענצטער אין גאַס אַרויס, ברענען אַלע לאָמפּן יום־טובדיק. ס׳האָט אים גענומען טיאַכקען אין האַרצן פאַר פרייד...

ג

דזשאָו לעוויטאַסעס אַלטע „שעוראָלייקע" איז אַוועק צוזאַמען מיט זיין אַלטער בחורשאַפט. אין אָוונט פון זיין חופּה איז ער צוגעפאָרן צו סיידיס הויז מיט אַ שפּאָגעל־נייעם, שוואַרץ־בליאַסקענדיקן אויטאָמאָביל, וואָס ער האָט נאָר וואָס אַריינגעקראָגן.

דער נייער אויטאָמאָביל איז געשטאַנען אין פראָנט פון הויז אָנגעפּילט מיט גאַזאָלין און אויל און אָנגעסטראָיעט אויף אַלע כלים און שרויפן. דער קופערט, וואָס אין הינטערשטן טייל פון דער קאַר, איז באַצייטנס געווען אָנגעפּאַקט מיט זיינע און סיידיס וואַליזעס. אַלץ איז געווען פיקס־און־פאַרטיק, גרייט צום אָפּפאָרן גלייך נאָך דער חופּה אויף דעם „האָנימון".

די חופּה איז פאָרגעקומען אַכט אַזייגער פאַרנאַכט. כאָטש דער עולם איז געווען אַ קליינער, איז אָבער דער טומל אין הויז געווען אַ גרויסער. קיין געגרייטע טישן זענען נישט געווען. דער גאַסט־צימער איז געווען צו־קליין. מ׳האָט דערום געמאַכט בלויז אַ „בופעט־אונטערהאַלט", ווי מ׳רופט עס. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ שמאָל־לענגליכער טיש, אויף וועלכן ס׳זענען געווען אָנגעשטעלט טעצלעך מיט לעקעך און שטרודל און קומישברויט און אַנדערע היימישע געבעקסן, און דערביי עטלעכע פלעשער מיט וויין און בראָנפן, און איטלעכער האָט פאַר זיך אַליין גענומען וואָס ער האָט געוואָלט.

און אַזוי ווי די געסט זענען אַלע געווען אייגענע, פון דער משפּחה, האָט קיינער נישט געקוקט אויף קיין כבוד. מ׳האָט זיך געשטופּט, געשטויסן, געשטורכעט, געכאַפּט איינער פאַרן אַנדערן, און געטרונקען און פאַרביסן שטייענדיק, גייענדיק, לאַכנדיק. אַלע זענען געווען פריילעך, בגילופין. אַלע האָבן גערעדט, געטומלט, געליאַרעמט, און זעלטן ווען עמיצער האָט געהערט וואָס דער צווייטער זאָגט.

אַרום צען אַזייגער אין אָוונט האָבן זיך די חתן־כלה אַרויסגעכאַפּט פון הויז, אַריין אין דער קאַר און נעלם געוואָרן, אַזוי אַז קיינער פון די געסט האָט עס גאָרנישט באַמערקט...

די איינציקע, וואָס האָבן דאָס יאָ באַמערקט, זענען געווען שואליק און

שפּרהלע. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט מיט שפּיציק־גלוסטיקע, פּיל־באַדייטנ־דיקע בליקן, און טאַקע באַלד זענען זיי ביידע אויך אַרויס פון הויז.

די אַלוּלדיקע נאַכט איז געווען אַ הייסע, אַ פּאַרנע. די לופט אויף דער איסט־סייד איז געשטאַנען ווי פּאַרגליווערט. נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. די איינוואוינער פון די טענעמענט־הייזער, צעכראַסטעטע מענער און פרויען, זענען געזעסן אויף די „סטופּס" און „סיידוואָקס" און געפּרייכט און זיך געפאָכעט מיט פאָכערס, געמאַכט פון פּאַפּירענע שפּייז־בייטלען און פון אַלטע צייטונגען. קינדער האָבן געשפּילט אין „כאַפּערלעך" און אָנגעפילט די גאַסן מיט הילכיקן געליאַרעם און געגרילץ.

שואליק און שפּרהלע האָבן זיך קוים דורכגעשטופּט אויף די טראָטואַרן. שפּרהלע האָט אָנגענומען שואליקן אונטערן אָרעם. שואליק האָט צוגעדריקט איר האַנט. ביי ביידע איז איבערגעלאָפן אַ סקרוך איבערן לייב. זיי האָבן אַזוי, זיס־שווייגנדיק, זיך אַריבערגעכאַפּט אויף עסעקס סטריט און צוגע־שפּאַנט ביז דילענסי סטריט.

ביידע האָבן דערפילט אַ טריקעניש אין מויל און אַ שטאַרקן דורשט. שואליק האָט אַ זאָג געטאָן:

— שפּרהלע, לאָמיר אַריינגיין אין אַן „אייזקרים פּאַרלאָר" און טרינקען אַ שאָקאָלאַד־סאָדע!

— אָ, שואליק! — האָט שפּרהלע זיך אַ טוליע געטאָן צו אים — גלייך ווי פון מיין מויל אַרויסגענומען די ווערטער...

דער „אייזקרים־פּאַרלאָר" איז געווען פול מיט יוגנט. אויף די הויכע בענקלעך ביים „קאָונטער" און אויף די ווייכע בענק ביי די טישלעך, אין די אָפּגעצאַמטע אָפּטיילונגען, זענען געזעסן פּאַרלעך און געגעסן אייז־קרים און געטרונקען סאָדעס, און צווישן איין שלונג און צווייטן האָבן זיי זיך דערוויל געהאַלדזט און געקושט, ווי זיי וואָלטן געזשאַלעוועט אָוועקצולאָזן אַ מינוט פון ליבעניש...

שואליק און שפּרהלע האָבן זיך איבערגעקוקט, שטילערהייט מקנא געווען, אין האַרצן געגלוסט דאָסזעלבע. זייער צניעותדיקע דערציאונג האָט זיי אָבער נישט דערלאָזט צו פּראָווען אַזאַ ביליקע, עפנטליכע ליבעניש. זיי האָבן אויף שנעל אויסגעטרונקען זייערע שאָקאָלאַד־סאָדעס און זענען אַרויס אינדרויסן. דערפרישטע, אויפגעראַימטע, און לוסטיקע האָבן זיי זיך גענומען קוקן אין די אויגן שמייכלענדיק, באַגעריק. און ביידע, ווי גלייך זייערע בליקן וואָלטן זיך צונויפגערעדט, האָבן זיי, געאָרעמט און צוגע־דריקט איינס צום אַנדערן, גענומען שפּאַנען צו דער וויליאַמסבורגער בריק.

פּאַרליבטע, פּונקט ווי פּאַרברעכער, ציט עס תמיד צום אָרט פון זייער שטאַרקסטער איבערלעבעניש. פּאַרברעכערס — צום פּלאַץ פון זייער באַגאַנגענעם פּאַרברעכן. פּאַרליבטע — צום אָרט פון זייער ער־שטער באַגעגעניש...

די וויליאַמסבורגער בריק איז, ווי תמיד אין די הייסע נעכט, געווען געפּאַקט מיט מענטשן, אַלט און יונג. די עלטערע זענען געזעסן אויף די בענק, געווען אָנגעשפּאַרט אויף די פּאַרענטשעס, געלעגן אויף דר׳ערד מיט אונטערגעשפּרייטע צייטונגען. די ענגשאַפט איז געווען זייער גרויס, אַז ס׳איז דאָרט קיין שטיקל פריי פּלאַץ נישט געווען צו געפינען. די יונגע האָבן פּאַרלעכוויז זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער לענג פון דעם שפּאַציר־וועג אויף דער בריק, פון דעם ניו יאָרקער עק ביזן ברוקלינער עק. אייניקע פּאָרלעך האָבן געשפּאַצירט, אַנדערע זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער בריק־פּאַרענטשע, גאָר אַנדערע האָבן זיך פאַרשטופּט אין באַהאַלטענע ווינקעלעך. אָבער — אַלע האָבן געפּראַוועט ליבעניש, זיך געדריקט און געהאַלדזט און געקושט, און דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ הילכיקער געלעכטער און אַ פריידיקע געקוויטשעריי...

שואליק און שפּרהלע זענען אויך אַריין אין קאַן. זייערע יונגע בלוטן צעהיצט, זייערע באַגערן צעפּלאַמט. און הגם דער גאַנצער עולם דאָ איז זיי פרעמד, קיינער האָט זיי נישט געקענט, און זיי האָבן קיינעם נישט געקענט, האָבן זיי פאָרט, ווידעראַמאָל אויס מאָראַלישער געוואוינהייט, נישט געקאָנט פּועלן ביי זיך צו פּראַווען ליבעניש בפרהסיא, פאַר אַלעמען אין די אויגן, ווי די אַנדערע האָבן עס געטאָן. זיי האָבן געזוכט און אָפּגעזוכט אַ לידיק ווינקל אונטער די אייזערנע שטיגן פו דער קאָנטראָל־געביידע אינמיטן דער בריק, און אין אָט דעמדאָזיקן פאַרבאָרגענעם ווינקעלע, וואָס איז ווי בדרך־נס געבליבן פריי, האָבן זיי זיך צוגעזעצט.

ווי נאָר זיי האָבן זיך דערזען פאַרבאָרגן פון פרעמדע בליקן, האָט עס זיי גלייך אַ צי־געטאָן איינס צום צווייטן. מויל צו מויל איז צוגעפאַלן, הענט אין הענט האָבן זיך איינגעפלאָכטן, קערפּער אין קערפּער האָט זיך איינגעקלאַמערט, און זיי האָבן זיך געקושט הייס, לאַנג, ליידנשאַפטלעך, מיט צוגעשלאָסענע אויגן, ווי ביי אַ הייליקער תפילה...

— שואליק מיין טייערער, מיין ליבער!... — האָט שפּרהלע מיט טרערן אין די אויגן געפּליסטערט — איז דאָס אַלץ אין חלום אָדער טאַקע אויף דער וואָר?...

— עס איז די וואָרע וואָר,שפּרהלע, מיין זיסע!... — האָט איר שואליק שטיל אַריינגעשעפּטשעט אין אויער — די וואָרע וואָר!...

— זאָג מיר, טייערער, קאָנען הערצער זיך צונויפרעדן פונוייטן?...

— יאָ, זיסינקע! אַזוי שטייט געשריבן: „ווי אין וואַסער איז אַ פּנים קעגן פּנים, אַזוי איז אַ האַרץ צו האַרץ”...

— פאַרוואָס־זשע האָבן מיר אַזוי לאַנג באַדאַרפט וואַרטן? פאַרוואָס אַזוי שטאַרק באַדאַרפט ליידן?...

— די וועגן פון דער השגחה זענען פאַרהוילן! די ליידן זענען געוויס געווען באַשערט, כדי צו מאַכן אונדזער פרייד גרעסער!...

— יאַ, מיין, ליבער, צוליב אַט די דאָזיקע גליקלעכע מאָמענטן איז כדאי געווען צו ליידן אפילו צען מאָל אַזויפיל!...

און ווידער זענען זיי צוגעפאַלן איינס צום אַנדערן, און ווידער זיך לאַנג הייס געקושט און געווישט טרערן פון פרייד.

— אָ, שואליק טייערער, סאַראַ פרייד דאָס וועט זיין ביי מיינע עלטערן. איבערהויפּט ביי מיין טאַטן... — מאַכט שפרהלע אין גרויס עקזאַלטאַציע.

— ווען, אַ שטייגער, ווילסטו אָנזאָגן דיינע עלטערן די בשורה, שפרהלע?

— ווען? טאַקע באַלד, גלייך, היינט ביינאַכט!...

— דענקסטו נישט, שפרהלע, אַז ס'איז איצט צו־שפּעט אין דער נאַכט? זיי קערן שוין שלאָפן!

— צוליב אַט דערדאָזיקער גוטער בשורה וואָלט איך זיי אַפילו אינמיטן נאַכט אויפגעוועקט... קום, שואליקל טייערער! קום, מיין ליבער! אַ שאָד יעדע רגע אַצינד!..

ביידע האָבן זיך אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט זייערע קליידער, אויסגעגלעט זייערע האָר, און געאָרעמט זיך אַוועקגעלאָזט מיט זינגענדיקע טריט צו שפרהלען אַהיים...

ר' אריה־לייב שעוויץ איז אַן איילנדיקער, אַ שווער־סאָפּענדיקער אַריין אין הויז.

ווען ער האָט אין דעם שטאַרק באַלויכטענעם גאַסטצימער דערזען זיצן שואליקן, איז ער אויף אַ רגע געבליבן שטיין געפּלעפט, מיט צעשפּרייטע הענט און מיט אַן אָפן מויל.

שואליק האָט זיך געגעבן אַ הייב־אויף און צוגעקומען צו אים:

— שלום עליכם, מיסטער שעוויץ!...

— עליכם שלום, שואליק! גיי וויס! אַזאַ אומגעריכטער גאַסט!...

שפרהלע האָט געטאָן אַ לויף־צו, אָנגענומען שואליקן געאָרעמט, זיך אַוועקגעשטעלט מיט אים פאַר די עלטערן און אַ זאָג געטאָן מיט אַ ציטער:

— טאַטע, מאַמע, גיט אונדז אַפּ מזל־טוב!...

און זי האָט גלייך אַ פאַל געטאָן מיט אַ היסטעריש געוויין פון פרייד אין שואליקס אָרעמס.

ס'איז געוואָרן אַ ווילד־באַגייסטערטע, פריילעך־וויינענדיקע קושעניש און ווינטשעניש, לאַכעניש און היכצעניש, יובלעניש און טרערן־ווישעניש.

ר' אריה־לייב איז אַזוי אַרויס פון די כלים, אַז ער האָט געכאַפּט זיין זעלדען, זיך גענומען מיט איר דרייען און האָפּקען:

— געוואַאַלד, זעלדע! כ'וויל טאַנצן, טאַנצן ביזן ווייסן טאָג־אַריין!...

גלאָסאַר

(העברעישע און ענגלישע ווערטער פארטייטשט)

— א —

אאוטינג — אויספלוג. אויספאָר פון תלמידים, אָדער קלוב־מיטגלידערס.
אַ'בעטשע — (פארקירצט פון „איי וויל בעט יו") איך וועט זיך מיט אייך.
אָדם בהול על ממונו — אַ מענטש איז באַזאָרגט, שרעקעוודיק, איבער זיין קאַפּיטאַל.
איזנ'ט הי ע דאַרלינג? — איז ער ניט אַ ליבער מענטש?
אָפּיסער — אַ באַאַמטער; אַ פּאָליציימאַן.
אָנו נהיה הראשונים — מיר וועלן זיין די ערשטע (פון אַ חלוצים־ליד).
אשרי המאמין — וואויל איז דעם גלייביקן.

— ב —

באַטלער — הויזדינער; שפּייז־פאַרוואַלטער.
בדוחק — אין ענגשאַפט (לעבן בדוחק — ניט האָבן גענוג).
בעד באַי — אַ שלעכט יינגל.
בעל באַי — האָטעל־באַדינער, וואָס טראָגט אַריין און אַרויס דעם באַגאַזש פון די געסט.
ברוב דברים לא יחדל פשע — מיט רעדן פיל קאָן מען ניט אויסמיידן קיין פעלער...
ברכה אחרונה — די לעצטע ברכה וואָס מ'מאַכט נאָכן עסן געבעקס, אויף וועלכן מ'מאַכט ברכה „מזונות".

— ג —

גאָש — פאָלקס־אויסדרוק אַנשטאָט „גאָד" — גאָט.
גביר אדיר — אַ גרויסער נגיד.
גברת (גווערעט) — מאַדאַם, ליידי.
גלעד טו מיטשו — (פארקירצט פון „גלעד טו מיט יו") — צופרידן אייך צו באַגעגענען.
גם אתה (גם אתם) — אויך דו (אויך איר) — ענטפער אויף אַ וואונטש.
גמר טוב (גמאר טוב) — אַ גוטע ענד.

— ד —

דוחק את השעה זיין — שטופן די צייט; איילן זיך.
דורש טוב — דער וואָס ווינטשט גוטס.
דזשאָוק — אַ ווערטל; אַ שפּאַס.
דעמ' — איט! — פאַרדאַמט זאָל עס ווערן!
דעיט — אַ באַשטעלונג פון מאַן און פרוי צו טרעפן זיך.

— ה —

האַו אַבאַוט איט? — ווי דענקט איר וועגן דעם?
האָרן — טרובע, טרומייט (בלאָזן דעם האָרן — פייפן מיט אַטאָמאָביל־טרובע).
הגם שאול בנביאים? איז אויך שאול צווישן די נביאים? (אַ תנ"ך־אויסדרוק).
הידד! — הוררא! פרייד אָדער כבוד־אויסרוף.
היער איז העלטה ענד העפּינעסס! — וואונטש פאַר געזונט און פרייד ביים טרונקען (ווי לחיים).
הכל בידי שמים — אַלץ איז אין די הענט פון הימל.
הכסף יענה את הכל — דאָס געלט פאַרענטפערט אַלץ (תנ"ך־אויסדרוק).

— ו —

וואָנדערפול טאַים — אַ וואונדערבאַרע צייט — פאַרברענגען גוט.
וואַטשמאַן — וועכטער, שומר.

וּהאַט'ז דהי יוז? — וואָס איז די נוץ? (וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? — גאָרניט!).
וקבצנו יחד — זאָל אונדז איין צוזאַמען! (שפּאָס: אַלע קבצנים אינאיינעם...)

— ז —

זהו הדרך! — אָט דאָס איז דער וועג; אַזוי דאַרף זיין.
„זו" — (פאַרקירצט פון „זאָאָלאָגיע") — אַ חיות־גאָרטן.

— ח —

חבלי משיח — די צרות פאַר משיח'ס אָנקום.
חברים צעירים — יונגע חברים.
חכם עתיק — אַ באַוואוסטער חכם! אַ זייער קלוגער מענטש.

— ט —

טאָלל, דאַרק, ענד העַנדסאַם — אַ בחור, וואָס איז הויך, טונקל און שיין.
טאַקסידאָ — אַ רעקל צו אַן אָפיציעלן אויפנאַם.
טראָללי — טראַמוואַי.
טראַפּיק — אָטאָמאָביל־פאַרקער.
טראָק — אַ משא־וואָגן.
טריט — כיבוד. (איי'ל טריט יו — איכ'ל דיר מכבד זיין).
טרעמפּ — וואַגאַבונד; בראָדיאַגע; היימלאָזער.

— י —

יהי חלקי עמכם — זאָל מיין גורל זיין מיט אייך! (תלמודישער אויסדרוק).
ישראל סבא — דאָס אַלטע יידישע פאָלק (קבלה־אויסדרוק).

— כ —

כוכבים נופלים — שטערן פאַלן (אַ חלוצים־ליד).
כי היא חייך ואורך ימיך — וואָרים זי — די תורה — איז דיין לעבן און אריכות־ימים (פסוק פון תורה).
כל הכועס — חכמתו נסתלקת ממנו — ווער ס'ווערט אין כעס, ווערט זיין חכמה אָפּגעטאָן פון אים (תלמודישער אויסדרוק).

— ל —

לא מדובשך ולא מעוקצך — כ'וויל ניט דיין האָניק און וויל ניט דיין גיפט (מדרש־אויסדרוק).
לאָגעדזש — געפעק; באַגאַזש.
לאָונדזש — סאָפקע, דיוואַן.
לאלתר לחיים! — באַלד צום לעבן, פאַרשריבן ווערן. (ראש־השנה וואונטש: לשנה טובה תכתב —).
לחם צר ומים לחץ — ווייניק ברויט און קנאַפּ וואַסער. (ענג אין ברויט און וואַסער — אַ פסוק פון ישעיה).
לייברערי — ביבליאָטעק.
למעלה מן הטבע — העכער פון דער נאַטור; איבערנאַטירלעך.
למעלה מן השכל — העכער פון פאַרשטאַנד.

— מ —

מאַינד יור אָאון ביזנעס! — האָב אינזינען דיין אייגן געשעפט! — מיש זיך נישט אין יענעמס אינטערעסן...
מדורה — קעמפּ־פייער.
מדריך (מדריכים) — אָנפירער; אינסטרוקטאָר פון אַ קלוב פאַר יונגע.
מה שעבר — אין! — וואָס ס'איז אַוועק איז ניטאָ מער!
מקדים זיין זיך — זיך פעדערן, טאָן אַדער קומען פריער.
מ"ט שערי טומאה — ניין־און־פערציק טויערן פון טומאה (קבלה־אויסדרוק).

מקרב אל השכל זיין — מאַכן נאָענט צו פאַרשטיין.
מתרעם זיין — האָבן תרעומות, פאַראיבל; צערענען.

— נ —

נחיה ונראה — מיר'ן לעבן וועלן מיר זען.
נעווער מאַינד! — ס'מאַכט ניט! קימער זיך ניט!
נשף עברי — — העברעיִשער אָוונט.

— ס —

סאָ לאָנג! — געזעגענונג־וואונטש.
סאַם נוירוו! — אַ היפּשע חוצפּה.
סוועלל — רייך; פיין.
סטופּ — קליינער פידאַשעק פאַרן אַריינגאַנג אין הויז.
סיידוואָק — טראָטואַר.
סעיף — אייזערנע קאַסע; זיכער.

— ע —

עגאָ — דער אייגענער „איך" (סופּער עגאָ — „איבער איך", וואָס קאָנטראָלירט
די אימפּולסן (פּסיכאָ־אַנאַליטישע אויסדרוקן).
עם־הארץ גמור (עם־הארצים גמורים) — פולשטענדיקער איגנאָראַנט.
גראָביאַן.
ענגעידזשמענט־רינג — פאַרלאָבונג־פינגערל.
ענוועלאָפּ — קאָנווערט.
עקסקורסיע — לוסט־רייזע (ס'רוב מיט אַ שיף).

— פ —

פאַנקעווען — צערטלען.
פאָרמאַן — שאָפּ־אויפזעער.
פושקאַרט — אַ שטופּ־וועגעלע (פושקאַרט־פּעדלער — דער וואָס פאַרקויפט
וואַרע פון אַ שטופּ־וועגעלע).
פינאַל — ענד. סוף.
פּראָפּערטי — אייגנטום. (פאַרגרייזט: „פּראָפּעטקע").

— צ —

צר לי מאד — ס'טוט מיר זייער לייד!
צרת הבת — עלטערנס צרות צו פאַרזאָרגן אַ טאָכטער...

— ק —

קלוירק — משרת.
קלימאַקס — ענד פון אַ דראַמע אָדער קאָמעדיע.
קעיק — לעקאַך.
קרעקער — דין קיכעלע; ביסקוויט.

— ר —

רזין דרזין — סודי־סודות (קבלה־אויסדרוק).
רמז דרמיזא — אַ וואונק פון אַ וואונק (קליינער וואונק).
רעד קעפּ — באַגאַזש־טרעגער אויף באַן־סטאַנציע.

— ש —

שאָפּינג — אַרומגיין איינקויפן זאַכן.
שיפּינג — אַרויסשיקן וואַרע (שיפּינג־קלוירק — משרת וואָס שיקט אַרויס
וואַרע).
שור! — געוויס! זיכער!
שור והחמור — אַן אָקס און אַן אייזל.

— ת —

תחילת — אין אָנפאַנג; פריער.
תכלית — צוועק. סוף. (רעדן תכלית — רעדן וועגן אַ וויכטיקן צוועק).